STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05415

DER KAMF KEGN BUND

Samuel Agursky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. (ס) אגורסקי

דער קאמף קעגן „בונד“

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע, 1932

ש. (ס.) אגורסקי

דער קאַמף קעגן „בונד"

פון דער אנטשטייונג פון דער „איסקרא"
ביז דעם 3־טן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

מאָסקווע פארלאג „עמעס" 1932

Сдано в производство 7/XII—32. Подписано к печати 9/IV—32
Бумага 62×94 1/16. 49920 п. зн. в л. 16 п. л.
Уп. Главлита В—9723. Тираж 3000
Редактор С. Диманштейн. Тех. ред. И. Тененбаум.

Тип. изд-ва «ЭМЕС». Покровка 9. Зак № 845.

ערשטער טייל

וועגן דעם כאראקטער פון דער סאציאליסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער — ביז דער אנטשטייונג פון דער רסדא"פ

ארײנפיר

די סאציאליסטישע באוועגונג צווישן דער יידישער ארבעטערשאפט האבן די בונדיסטן און פועלי־ציוניסטן צעטיילט אין פעריאדן. נאך זייער מיינונג האט די סאציאליסטישע באוועגונג צווישן יידן זיך אנגעהויבן ווי אן אינטערנאציאנאלע באוועגונג און אזעלכע איז זי געווען ביז זי איז געווען איינגעשלאסן אין ענגע קרייזלעך. אבער אזוי גיך ווי דער רעוואלוציאנערער און סאציאליסטישער געדאנק האט אנגעהויבן אריינצודרינגען אין די ברייטע יידישע מאסן און עס זיינען אנטשטאנען דער „בונד" און די פועלי־ציון, איז די סאציאליסטישע באוועגונג צווישן יידן געווארן א נאציאנאלע, האט אפגעווארפן די „קאסמאפאליטישע" אנשויונגען פון די ערשטע יידישע סאציאליסטישע אינטעליגענטישע קרייזלעך און ווי א נאציאנאלע באוועגונג איז זי פארבליבן ווי איינער האט זיך נישט לאנג צוריק אויסגעדריקט אין דער בונדישער „פאלקסצייטונג" ביז די יעווסעקציעס זיינען אנטשטאנען נאך דער אקטיאבער־רעוואלוציע און אנגעהויבן צו ליקווידירן די זעלבשטענדיקע נאציאנאלע באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער. אט די דאזיקע „טעאריע" וועגן דער „פעריאדיזאציע" פון דער סאציאליסטישער באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער, פריער אין אן אינטערנאציאנאלער, דערנאך אין א נאציאנאלער. האבן אפילו איבערגעכאזערט אין 1929 יאר אין דער קאמוניסטישער פרעסע מ. ליטוואקאוו און ה. קוגעל.*) אויך נאך זייער מיינונג קומט אויס, אז די סאציא־

*) דער כ. קוגעל, וואס האט אנגעשריבן אן ארטיקל צו „קעמפן" קעגן בונדיזם, האט אין נאיאבער־נומער „באלשעוויק ביאלארוסי" וועגן דעם געשריבן פאלגנדיקעס:

„די יידישע ארבעטער־באוועגונג איז אין אנהייב־פעריאד פון איר אנטשטייונג געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון אינטערנאציאנאליזם. דער נייער ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, ווען די נאציאנאליסטישע אידעאלאגיע הייבט אן אריינדרינגען אין די רייען פון די יידישע ארגאניזירטע ארבעטער, איז צונויפגעבונדן מיט דעם היסטארישן איבערגאנג פון פראפאגאנדישע קרייזלעך צו מאסאווער אגיטאציע־ארבעט".

אזוי האט געשריבן קוגעל אין נאיאבער 1928, און אין דעקאבער 1928 האט ליטוואקאוו וועגן דערזעלבער פראגע אין „עמעס" געשריבן אט־וואס:

... אז אויך אין דער יידישער סוויווע האט זיך אנגעהויבן (נאך אין די 70־ער יארן פון

ליטישע באוועגונג האט זיך אנגעהויבן צווישן די יידישע ארבעטער ווי א דורכווייס אינטערנאציאנאליסטישע און שפעטער, אז דער „בונד" איז אנטשטאנען, איז זי געווארן א נאציאנאלע באוועגונג.

די געשיכטע באווייזט, אז שוין אין אנהייב פון די 70-יארן, ווען אין ווילנע איז געשאפן געווארן דער ערשטער ארגאניזירטער קרייזל צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, האט זיך גלייך אנגעהויבן א שטרייט צווישן נאציאנאליסטישע און אינטערנאציאנאליסטישע אנשויונגען. מערקווירדיק איז דאס, וואס איינער פון די באגרינדער פון דער פעריאדיזאציע פון דער סאציאליסטישער באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער אין א אינטערנאציאנאליסטישער און דערנאך אין א נאציאנאליסטישער האט מיט קיין איין ווארט ניט דערמאנט וועגן דעם קאמף צווישן נאציאנאליזם און אינטערנאציאנאליזם אין דער סאציאליסטישער באוועגונג צווישן דער יידישער ארבעטערשאפט ביז דער אנטשטייונג פון דער ר.ס.ד.א.פ. און שפעטער, ווען דערהאזיקער קאמף איז נאך מיט מער אקשאנעס פארגעזעצט געווארן אין די ווייטערדיקע עטאפן פון אונדזער געשיכטע.

❂

דער רעוואלוציאנערער און סאציאליסטישער געדאנק האט אנגעהויבן אריינצודרינגען אין דער יידישער סוויווע גלייכצייטיק מיט דער אנטשטייונג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד. אין די ערשטע פאלקיסטישע (נארָאדניקעסקע) קרייזלעך, וואס האבן אנגעהויבן אנטשטיין אין פארשיידענע טיילן פון דער געוועזענער רוסישער אימפעריע, האבן זיך געפונען א ריי יידן רעוואלוציאנערן. קיין באזונדערע יידישע רעוואלוציאנערע קרייזלעך האבן די ערשטע יידן רעוואלוציאנערן ניט געגרינדעט און ניט געוואלט גרינדן. פאר דיזאזיקע ערשטע יידן סאציאליסטן איז געשטאנען איין אלגעמיינע אויפגאבע — גיין צום רוסישן פאלק, אים אויפקלערן און צוגרייטן צו א רעוואלוציע. און אלס פועליוויצע דערפון האבן די ערשטע יידן רעוואלוציאנערן, צוזאמען מיט דער רעוואלוציאנערער אינטעליגענץ פון אנדערע פעלקער זיך אנגענומען אין ארבעטערשע אדער פויערשע קליידער און זיינען אוועק אין „פאלק", קעדיי צו פארשפרייטן די אידייען פון „ערד און פרייהייט". אט דאס איז געווען דער הויפט-ציל פון אלע רעוואלוציאנערן פון יענער עפאכע.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אנטשטייונג פון דיזאזיקע פאלקיסטישע קרייזלעך אין די צענטראלע רוסישע גובערניעס האבן אויך אנגעהויבן צו אנטשטיין קרייזלעך אין די שטעט פון דעם יידישן געטא. די ערשטע פון אט די שטעט, ווו

פאריקן יארהונדערט) אנטוויקלען א רעוואליוציאנערע און ארבעטערשע באוועגונג, אז לעכאטכילע איז דידאזיקע באוועגונג געגאנגען אונטער ן צייכן פון אינטערנאציאנאליזם, אבער דערנאך, אין מיטן פון די ניינציקער יארן פון פאריקן יארהונדערט, ווען אין דער גאנצער רוסלענדישער באוועגונג האט זיך שטארק אנטוויקלט דער אפארטוניזם, וועלכער איז געווען באזונדערס אנגעמאסטן פאר דער קליינבירגערלעכער סוויווע פונעם דעריקער האנטווערקערישן, קליינפראָדוקציאנעלן פראלעטאריאט, דארט נאך באהעפט זיך מיטן קליינבירגערלעכן נאציאנאליזם אלס אייגנטלעכן פראָדוקט פון דער ספעציפישער יידישער סוויווע, און אין טאכאקל האט זיך באקומען דער „בונד".

עס איז געשאפן געווארן א פאלקיסטישער קרייזל, איז געווען ווילנע. דערנאך זיינען געשאפן געווארן אזעלכע קרייזלעך און א ריי אנדערע שטעט פון מייערווערגעגנט.

דער ערשטער קרייזל נאראדניקעס אין ווילנע איז געשאפן געווארן אין די ווענט פון דער ווילנער ראבינערשול און איז באשטאנען נאר פון יידן. אבער אויך אט דער קרייזל האט זיך נאך נישט געשטעלט און נישט געוואלט שטעלן קיין באזונדערע יידישע צילן. ווען דער סאציאליסטישער געדאנק האט אנגעהויבן אריינדרינגען צווישן די קליינע גרופעס פון דער יידישער אינטעליגענץ, האט זיך עס קוידעמקאל אויסגעדריקט אין דעם, וואס זיי האבן געוואלט צוגרייטן רעוואלוציאנערע טוער פאר דער אלגעמיינער רעוואלוציאנערער באוועגונג. די אויפגאבן, וואס דער ווילנער יידישער קרייזל נאראדניקעס האט זיך געשטעלט, קאן מען זיך קלאר מאכן פון א קארעספאנדענץ וועגן אים, געדרוקט אין לאווראווס „וופעריאד״*) אין 1875-טן יאר. אין דער קארעספאנדענץ ווערט דערקלערט:

„...די איינציקע רעטונג אונדזערע איז א סאציאלע איבערקערעניש. טא לאמיר זיך נעמען פאר דער צוגרייטונג פון דער איבערקערעניש דורך פראפאגאנדירן די אידייע פון א סאציאלער רעוואלוציע״.

„...דאס רוסישע פאלק ליידט. אים דריקט די האנט, וואס טרעט אונדז (יידן — ש. א.) מיט די פיס. ווער קען בלייבן גלייכגילטיק בא אזא בילד. נישט שוין-זשע קען מען אראפשלינגען רויק א שטיקל ברויט, ווען דו ווייסט, אז דער קארן איז אויסגעוואקסן אף פעלדער, וואס זיינען באמיסטיקט מיט בלוט און באארבעט מיט די לעצטע קויכעס פון דעם ארבעטנדיקן, וואס שטארבט פון הונגער. דער רוסישער מוזשיק איז אונדזער ברודער. פאר אונדז, סאציאליסטן, איז נישטא נישט קיין נאציאנאלע, נישט קיין ראסן-צעטיילונג. אלע מיר, וואס וווינען אין רוסלאנד, זיינען רוסן. בא אונדז זיינען דיזעלבע אינטערעסן און דיזעלביקע געוווינהייטן״.

„מיר זיינען רוסן. טא לאמיר זיך פאראייניקן אלע צוזאמען קעגן די סאנים אין נאמען פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט״ **).

שטעלנדיק זיך אזעלכע אויפגאבן, האבן די מיטגלידער פון קרייז זיך גענומען לערנען פארשיידענע מעלאכעס. אינגיכן האבן א ריי רעוואלוציאנערן פון דעמאלדיקן קרייזל, ווי פינקעלשטיין, זונדעלעוויטש, יאכעלסאן, דאווידאוויטש און אנדערע, אנגעהויבן ארבעטן אין דער אלגעמיינער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג און איינקע פון זיי האבן דארט פארנומען א גאר וויכטיקן ארט.

אין העמדאזיקן קרייזל איז אויך געווען א. ליבערמאן, וואס האט אויפגעהויבן די פראגע וועגן פירן א סאציאליסטישע אגיטאציע צווישן יידן און האט דערביי ארויסגעשטעלט אויך נאציאנאליסטישע מאמענטן. ער האט געקוקט אף דער ארבעט צווישן יידן „נישט נאר ווי אף א מיטל צו ווערבירן קרעפטן פאר דער רוסלענדער

---

*) „וופעריאד״ — א פאלקיסטישע (נאראדנישע) צייטשריפט, וואס פיאטער לאווראוו האט ארויסגעגעבן אין אויסלאנד אין די יארן 1873—1877. צוערשט איז „וופעריאד״ דערשינען אין זשענעווע, ווי א זשורנאל, דערנאך אין לאנדאן, ווי א צווייוועכנטלעכע צייטונג. אינגאנצן זיינען דערשינען 48 נומערן, ווי א צייטונג, און 5 נומערן — ווי א זשורנאל.

**) „וופעריאד״ פון 22 יולי 1875 יאר.

רעוואָליוציאָנערער אַרמיי, נאָר אויך ווי אַף אַ מיטל אויפצוהייבן דעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין פון די ייִדן, ווייל ער האָט זייער הויך אָפּגעשאַצט די קולטור־נאַציאָנאַלע באַזונדערהייטן זייערע צווישן די פּראָגרעסיווע פאַקטאָרן אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט"*).

אָבער ווי זונדעלעוויטש דערציילט, איז דער גאַנצער קרייז געווען קעגן ליבערמאַנס מיינונג. דער קרייז האָט געהאַט פאַר זיך איין הויפּט־ציל — גיין אין „פאָלק" און אַרבעטן צווישן דעם רוסישן פּויערטום. בענוגע דעם ייִדישן פאָלק האָט דער קרייזל זיך ניט געשטעלט קיינע באַזונדערע צילן, און אַרבעטן צווישן ייִדן האָט קיינער ניט געהאַט בעדייע.

פון דעם ווערט קלאָר, אַז גלייך ווי דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין דער ייִדישער סוויווע, הייבן זיך גלייכצייטיק אָן צו אַנטוויקלען דאָרט צוויי ריכטונגען — אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע און נאַציאָנאַליסטישע.

נאָך די אַרעסטן און דער ליקווידאַציע פון דעם ערשטן ווילנער פאָלקיסטישן קרייזל, ווען זונדעלעוויטש און אַנדערע האָבן זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער אַלגעמיינער רוסישער באַוועגונג, האָט ליבערמאַן עמיגרירט אין אויסלאַנד און דאָרט פאָרגעזעצט זיינע פּלענער צו פירן אַ סאָציאַליסטישע אַרבעט צווישן ייִדן אַף העברעיִש. אין אויסלאַנד געלינגט אים צו קריגן אַ גרופּע אָנהענגער און אין יאַנואַר 1876 ווערט צוגעגרייט אַ פּראָיעקט פון אַ סטאַטוט וועגן שאַפן אַ סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערן פאַרבאַנד צווישן די ייִדן אין רוסלאַנד. אָט דער דאָזיקער סטאַטוט איז אָבער בעשומאופן ניט קיין נאַציאָנאַליסטישער. אין דעם דאָזיקן וויכטיקן היסטאָרישן דאָקומענט ווערט נאָר אָנגעוויזן די נייטיקייט צו פירן אַ רעוואָליוציאָנערע אַרבעט צווישן ייִדן ניט צוליב ספּעציעלע ייִדישע אויפגאַבן, נאָר צוליב די אַלגעמיינע אינטערעסן פון קאַמף קעגן די עקספּלואַטאַטאָרן און צוליב די אינטערעסן פון דער רעוואָליוציע. אין דעם דאָזיקן דאָקומענט ווערט דערקלערט:

„מיר לייקענען אַף יעדער רעליגיעזע, יעדער נאַציאָנאַלע און וועלכע ניט איז אַנדערע טראַדיציעס, וועלכע קענען שטערן דער צווישנפעלקערלעכער ברידערשאַפט פון אַלע אַרבעטער, וואָס זיינען פאַראייניקט צום קאַמף קעגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרן (קורסיוו אונדזערער—ש. א.).

...מיר האָבן בעדייע צו אָרגאַניזירן צווישן די ייִדן פון מייערוהגעגנט אַ דריי סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערע סעקציעס, פעדערירטע, סיי צווישן זיך, סיי מיט ענלעכע סעקציעס פון ייִדן אין אויסלאַנד און סיי מיט די סעקציעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד און אויסלאַנד.

אַנשטענדיק, ווי עס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, די יעסוידעס פון סאָציאַליזם אין דער גאַנצער בריט זייערער, זיינען מיר קענגער ניט נאָר פון סינע און קעגנזעלבסקייט צווישן נאַציאָנאַליטעטן, נאָר אַפילע גופע פון זייער צעטיילונג אין דער סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערער זאַך. די סאָציאַליסטן פון אַלע נאַציעס און ראַסעס שטעלן צוזאַמען איין ברודערבונד.

---

*) ב. פרומקין.—פון דער געשיכטע פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג צווישן ייִדן אין די 70־ער יאָרן. „עווריסקאיא סטאַרינאַ", 1911, העפט 2, ז. 228.

יעדערער פון אונדז, וואָס וועט, צוליב די לעבנסבאַדינגונגען, געצוווּנגען זיין זיך אַריבערצוקלייבן אין אַזאַ אָרט, ווו די מערהייט סאָציאַליסטן, שטענדיקע אָדער מעגלעכע, ריידן אַף אַן אַנדער שפּראַך, געהערן צו אַן אַנדער פאָלק, מוז זיך שטעלן פאַר אַ כויוו צו געהערן צו דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער סעקציע, וואָס אַרבעט דאָרט, און אין קיין פאַל ניט האָבן בעדייע אויסצוטיילן זיך אין איר, ווי אַ ייִד. ספּעציעל פאַר רוסלאַנד וועט יעדערער פון אונדז, אַרבעטנדיק אין געגנטן אויסער דעם מיירעוורקאַנט, אַוועקגעבן זיינע גאַנצע קרעפטן אַף צו אַרבעטן צווישן די רוסישע און צוזאַמען מיט זיי פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אָבער דערווייל געפינען מיר זיך דאָרט, ווו צוליב דער נייטיקייט פון פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן ייִדן אַף אַ באַזונדער דיאַלעקט, באַ באַזונדערע קולטורעלע באַדינגונגען, האָבן מיר בעדייע מאַכן אַן אָנהייב צו אָרגאַניזירן די קרעפטן, וואָס זאָלן זיך ספּעציעל אָפּגעבן מיט דער אַרבעט אין דערהאַזיקער באַזונדערער סוויווע..

...די ייִדישע סעקציע פון די רוסישע סאָציאַליסטן פאַרנעמט זיך איבערהויפּט (אויב ניט אויסשליסלעך) מיט פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ייִדן און ווענדט אָן איר טעטיקייט איבערהויפּט אַף די אַרבעטער און אָרעמע יוגנט. באַ אַ געלעגנהייט קאָן מען אויך באַרירן די סטודענטן פון די מעלוכישע לערן-אַנשטאַלטן און קליין-בורזשואַזיע.

די ייִדישע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד, ווי איינוווינער פון אַ געוויסן קאַנט (ליטע, פּוילן, אוקראַינע, בעסאַראַביע, קאַווקאַז א. ד. גל.), ווען זיי בילדן אַ סעקציע, שליסן זיי זיך אָן אינגאַנצן צו די אָרטיקע קרייזלעך פון אַנדערע פעלקער אין דעמזעלביקן קאַנט, קעדיי צו טאָן צוזאַמען מיט זיי אין אַלע פאַלן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן סאָציאַליסטישע אינטערנאַציאָנאַלע צילן. אין אַלע אַזעלכע פאַלן דאַרפן די סעקציעס פון די ייִדישע סאָציאַליסטן האָבן אין זינען די אַלגעמיינע אָרטיקע סאָציאַליסטישע אינטערעסן, אָבער ווי אַ רונג פון דער איינהייטלעכער אַלוועלט-לעכער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. די ייִדישע סעקציע איז זיך מיס-בייעוו מיט אַלע קרעפטן און מיטלען מיטצוהעלפן די סעקציעס און מיטגלידער פון אַט דער פּאַרטיי אויך אין אַנדערע געגנטן פון רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער"*).

אין מיי 1876 איז אין לאָנדאָן מיט דעם אָנטייל פון אַ. ליבערמאַן געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער ייִדישער סאָציאַל. אַרבעטער-פאַריין. דערהאַזיקער פאַריין האָט זיך אינגאַנצן אונטערשיידט פון די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, וואָס האָבן עקזיסטירט אין רוסלאַנד; אין רוסלאַנד זיינען די גרינדער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין יענער עפּאָכע געווען אינטעליגענטן. אין דעם פאַריין אָבער זיינען די גרינדער און אַלע מיטגלידער (אַחוץ ליבערמאַנען) געווען אַרבעטער. אין דעמדאָזיקן פאַריין האָט מען ביכלאַל ניט אָנגענומען קיין אַרבעטנדיקע עלעמענטן. מער פון אַלץ האָט זיך דערהאַזיקער פאַריין אונטערשיידט פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס פון יענער צייט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אַ ציל „פאַראייניקן די אַרבעטער צום קאַמף קעגן זיינע אונטערדריקער", און אויך

*) דער פּראָיעקט פון סטאַטוט איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין היסטאָריש-רעוואָלוציאָנערן זאַמלבוך אונטער דער רעדאַקציע פון וו. נעווסקי, אויסג. פון לענינגראַדער היסטפּאַרט. 1923.

דערמיט, וואָס אין זיין סטאַטוט איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן פּראָקלאַמירט געוואָרן, אַז די דערלייזונג פון די ייִדישע מאַסן קען קומען נאָר דאַן, ווען די גאַנצע אונטערדריקטע מענטשהייט וועט דערלייזט ווערן פון אירע ליידן. אין דעמאָזיקן סטאַטוט האָבן די מעכאַברים געשריבן:

„...ווייל מיר ייִדן זיינען אַ טייל פון דער מענטשהייט, דעריבער קען אונדז ניט קומען קיין יעשועה, מערניט ווי דורך דער דערלייזונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

„...אַז די אַרבעטער פון אייראָפּע און אַמעריקע האָבן זיך שוין פאַראייניקט אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטן צו דערגרייכן דעם דערהאַבענעם ציל און זיי באַרייטן זיך צו דער רעוואָלוציאָן אום צו גרינדן די הערשאַפט פון אַרבעטער-סאָציאַליזמוס, האָבן מיר, ייִדישע קינדער, באַשלאָסן:

זיך אָנצושליסן ברידערלעך אָן דעם הייליקן אַרבעטער-בונד און צו דעם צוועק האָבן מיר געגרינדעט אַ „ייִדישן סאָציאַליסטישן פאַריין", וואָס זיינע מיטגלידער דערקענען די וואַרהייט, גערעכטיקייט און זיטלעכקייט אַלס גרונטרשנור אין זייער פאַרהאַלטן זיך קעגן אַנדערע און קעגן אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פון פאַרבנאַציאָן און גלויבן, און האָבן אָנגענומען פאָלגנדיקע פּונקטן.

1) דער פאַריין באַשטרעבט זיך צו פאַרברייטערן די סאָציאַליסטישע אידייען אָנמעטום אונטער ייִדן, ווי אויך אונטער אַנדערע פעלקער, צו גרינדן עולעכע געזעלשאַפטן, וו דער פאַריין וועט קענען און צו פאַראייניקן די אַרבעטער צום קאַמף קעגן זייערע אונטערדריקער.

2) דער פאַריין באַשטרעבט זיך ברידערלעך צו פאַרבינדן מיט אַרבעטער-געזעלשאַפטן פון אַנדערע נאַציאָנען"*).

דער הויפּט-מעכאַבער פון דעם סטאַטוט פון דעם לאָנדאָנער ייִדישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער-פאַריין איז געווען א. ליבערמאַן. אָבער ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דערמאָזיקער וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט איז אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט עמעסן אינטערנאַציאָנאַליזם, האָט דאָך דער מעכאַבער פון די סטאַטוטן גלייכצייטיק געוואָלט צווישן די מיטגלידער פון פאַריין פאַרשפּרייטן ייִדישע נאַציאָנאַליסטישע אידייען. אַף דער צענטער פאַרזאַמלונג פון פאַריין האָט ער פאָרגעלייגט, אַז די קומענדיקע פאַרזאַמלונג פון פאַריין, וועלכע האָט געדאַרפט פאָרקומען טישעבאָוו, זאָל אָפּגעלייגט ווערן אַף אַן אַנדער טאָג, ווייל די מיטגלידער פון פאַריין מוזן זיין פריי אין דעם טאָג פון ייִדישן נאַציאָנאַלן טרויער, ווען עס איז געפאַלן די ייִדישע מעלוכע. אָבער ליבערמאַנס פאָרשלאָג האָט גלייך באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד. איינער פון די מיטגלידער פון פאַריין, הירש (געאָרג) סאָפער, איז אַרויסגעטראָטן קעגן ליבערמאַנס פאָרשלאָג און האָט דערקלערט: „אונדז סאָציאַליסטן געהט דיעזער טאָג גאָר ניכט אָן. וויר האָבען אונדז פאָן דער אַלטען טראַדיציאָן לאָסגעזאַגט און דאַרום דאַרפען וויר אונזער פאַרזאַמלונג אום דיעזעם טאַגעס

*) די ציטאַטע פון סטאַטוט ווערט געבראַכט (אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט) לויט אַ פאָטאָגראַפישער קאָפּיע פון אָריגינאַל מיט אַ רוסישער אופשריפט פון א. ליבערמאַנען, אַדרעסירט צו דער רעדאַקציע „וופּעריאָד". די קאָפּיע האָט אונדז איבערגעלאָזן דער כ. מ. ווינטשעווסקי און זי געפינט זיך איצט אין דעם רעוואָליוציע-מוזיי פון ווייסרוסלאַנד.

ווילען ניכט אויפשיעבען. וויר וויסען נור פאָן אונזערע זאַכע, וועלכע צוגלייך די זאַכע דער גאַנצען מענשהייט איסט, אונז ניכטס מער". אַף סאָפערס אינטערנאַציאָנאַליסטישער אַרויסטרעטונג האָט ליבערמאַן געענטפערט:

„פאַרלייפיג האָט „תשעה באָב" פיר אונז יידישע סאָציאַליסטן דיזעלבע באַדייטונג, ווי פיר אַלע אונזערע שטאַמעס-גענאָסען. זאָ לאַנגע עס וועט ניט ווערדען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, האָט די פּאָליטישע פרייהייט ניט איינע גראָסע וויכטיגקייט פיר יעדעס פאָלק. דיעזער טאָג ט' אב איסט איין טאָג, וואָס מיר האָבען פאַרלאָרען אונזערע אונאַבהענגיקייט, און אונזער פאָלק טרויערט דאַריבער ביז יעצט, שאָן איבער אַכצעהן הונדערט יאָהר. ער דאַרף אַלזאָ האָבן פיר אונז זאָ פיעל ווערטה, אַז מיר זאָלען דיזע פאַרזאַמלונג אויף איין אַנדער טאָג אָפּשיעבען".

ליבערמאַנען איז געלונגען דורכצופירן אַ באַשלוס, אַז די פאַרזאַמלונג פון פאַריין זאָל טאַקע ניט פאַרקומען טישעבאָוו. אָבער פון העמדאָזיקן באַשלוס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן ליבערמאַנס נאַציאָנאַליסטישער ריכטונג און סאָפערס אינטערנאַציאָנאַליסטישער. פון די פּראָטאָקאָלן פון דעם לאָנדאָנער יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין, וואָס זיינען פּובליקירט געוואָרן אין 1929 יאָר, ווערט פאַר אונדז קלאָר, אַז ניט איין מאָל איז דער אַרבעטער סאָפער אַרויסגעטראָטן מיט אַזעלכע פאַרשלאָגן, וואָס האָבן געוואָלט איינפלאַנצן אינטערנאַציאָנאַליזם צווישן די מיטגלידער פון פאַריין און ביכלאַל צווישן די יידישע אַרבעטער.

אַף אַ צווייטער זיצונג פון פאַריין, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 5טן אויגוסט 1876 יאָר, איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן די ערשטע עפנטלעכע יידישע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן, האָט סאָפער פאָרגעשלאָגן, אַז מע זאָל איינלאַדן צום מיטינג די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטן פון לאָנדאָן. ליבערמאַן איז אָבער געווען קעגן שיקן ספּעציעלע איינלאַדונגען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטן, דערקלערנדיק, אַז אַף אַן עפנטלעכן מיטינג, וואָס יעדערער האָט רעכט אַהין צו קומען, דאַרף מען קיינעם ניט איינלאַדן אָפיציעל. ליבערמאַנען האָט געשטיצט גאָלדענבערג, ער האָט אויך דערקלערט, אַז די געזעלשאַפט קאָן ניט איינלאַדן אָפיציעל, אָבער יעדער מיטגליד קאָן פּריוואַט איינלאַדן זיינע באַקאַנטע פריינט.

עס איז אָבער קלאָר, ווי דער טאָג, אַז פאַר סאָפערן, דעם אינטערנאַציאָנאַליסט, וואָס איז געווען אַ טעטיקער טוער אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאָנדאָן אין יענער צייט און איז ניט איינמאָל אַרויסגעטראָטן אַף אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען, איז די איינלאַדונג פון די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטן פון לאָנדאָן אַף דעם ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן מיטינג געווען אַ פּרינציפּיעלע פראַגע; ער האָט געוואָלט, אַז די ערשטע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג זאָל בעטעמעס דעמאָנסטרירן דעם צווייטן פונקט פון סטאַטוט, וועלכער זאָגט: „דער פאַריין באַשטרעבט זיך בריידערלעך צו פאַרבינדן מיט די אַרבעטער-געזעלשאַפטן פון אַנדערע נאַציאָנען".

צי האָט דער פאַריין געשיקט אַן אָפיציעלע איינלאַדונג אָדער ניט, אַ פאַקט איז אָבער,—אַז אַף דער ערשטער יידישער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג זיינען געווען סאָ-

ציאַליסטן פון אַנדערע פעלקער און צווישן זיי אויך פּיאָטער לאַווראָוו. די פאַרזאַמ־לונג איז פאָרגעקומען דעם 26־טן אויגוסט 1876. דער מיטגליד פון פאַריין אייזיק סטאָון האָט אין זיין רעדע דערקלערט:

„די ווערטער „חברים כל ישראל" איינע גראָבע ליגע געוואָרדען זינד זייט דער קלאַססענאונטערשיעד אויך אונטער דען יודען צום פאָרשיין קאַם אונד מיינט דאָס דיא אַרבייטער זיך פעראייניגען זאָללטען און שטאַטט יענעם וואהלשפּרוך איי־נען אַנדערען זעטצען זאָללען, נעמליך: „חברים כל בעלי המלאכה!"

די דאָזיקע דערקלערונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט בראַוואָ־אויסגעשרייען.

די דאָזיקער ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט פון די יידישע אַרבעטער קעגן דער בורזשואַזיע איז געווען בעצמעס אַן אַרויסטרעטונג פון קלאַסנקאַמף און אינ־טערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַרישקייט. ליבערמאַנס נאַציאָנאַלע געפילן האָבן אָבער קיין שטיצע אין דעמדאָזיקן היסטאָרישן מיטינג ניט געהאַט. דעריבער איז טאַקע די יידישע בורזשואַזיע פון ענגלאַנד מיט צאָרן אָנגעפאַלן אָף דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין און אָף די אָרגאַניזירער פון דער פאַרזאַמלונג און האָבן זיי באַטיטלט אין זייערע צייטונגען מיט דעם נאָמען „מעשומאָדים"*).

דער פאַקט מיט דעם יידישן סאָציאַליסטישן מיטינג איז ניט דער איינציקער, וואָס באַווייזט, אַז אַ טייל מיטגלידער פון פאַריין האָט אָף פאַרשיידענע אופאַנים געשטרעבט צו שטיין אין ענגע פאַרבינדונגען מיט סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע פעלקער. אין דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון פאַריין דעם 18־טן נאָיאַבער געפינען מיר פאַרצייכנט דעם פאַקט, אַז ווען דער סעקרעטאַר האָט פאָר־געלייענט אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון פאַריין, האָט סאָפער פאָרגעלייגט, אַז מע זאָל אין דעם באַריכט פאַרצייכענען, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער בילדונג־פאַריין האָט דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין געשיקט אַ מאַטאַנע ביכער. און מיט דעמדאָזיקן גאַנץ אומבאַדייטנדיקן פאַקט האָט סאָפער געוואָלט פאַרצייכענען,

---

*) אָף דעם צווייטן געשלאָסענעם אַרבעטער־מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 9־טן סעפּטעמבער 1876 און וור עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן גרינדן אַן אַרבעטער־געזעלשאַפט, אָדער אַ פּראָפאַריין, האָט איינער מיטן נאָמען מיסטער ייצכאָק קאָהאַן דערקלערט, אַז „עס קלינגט פרעמד, דאָס קריסטליכע אַרבייטער די יידישען שטיצן וואָלן און ער קאָנן עס ניכט גלויבן, ווייל ער דען צוועק דאַפאָן ניכט פערשטעהט". אָף דעם האָט דער פּרעזידענט פון מיטינג (א. ליבערמאַן) געענטפערט:

„אַזוי ווי בא די פאַבריקאַנטן און מייסטער איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן יידישן און קריסטלעכן אַרבעטער, אַזוי ווי די אַלע ליידיקגייער זוכן נאָר דעם שווייס דעם אַרבעטערס צו קויפן און אויסנוצן, אַזוי ווי זיי זעען גאָר ניט דערבײַ פון וועלכן פאָלק איז דער אַרבעטער און זוכן נאָר צו האָבן נוצן דערפון, — אַזוי זעען אויך די אַרבעטער ניט קיין אונטערשייד פון נאַציאָנען, ווייל זייערע אינטערעסן זיינען גלייך, און אַז עס ווערט אין איין אָרט בעסער אָדער ערגער די אַרבעטער, ווירקט עס אָף די אַרבעטער פון אַלע איבעריקע ערטער. דעריבער שטיצן די אַרבעטער איינער דעם אַנדערן, וואָס איינער טוט דעם אַנדערן טוט ער פאַר זיך אויך".

באַם שליסן די פאַרזאַמלונג האָט ליבערמאַן דערקלערט: „דאס דיזער אָווענט איינס דער יודישער געשיכטע איינפערבלייבט ווערדען ווירד, דאָס עס איינעם גרויסען איינפלוס האָבן ווירד אָף די גאַנצע יידישן נאַציאָן, דאָס די לאָנדאָנער יידישע אַרבעטער אַלס ביישפּיל דינען ווערדען אַלע איבריגען יידישען אַרבייטערן"...

אַז דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַריין שטייט אין ברידערלעכע באַציונגען מיט די סאָציאַליסטן פון אַנדערע פעלקער.

אין די פּראָטאָקאָלן פון פאַריין זיינען פאַרצייכנט די בלוקעדייעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן ליבערמאַנען און סאָפּערן. עס איז גענוג קלאָר, אַז צווישן זיי ביידן האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף גלייך ווי דער פאַריין איז געשאַפן געוואָרן און האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט ביז ליבערמאַן איז געוואָרן אויס סעקרעטאַר פון פאַריין, און דער פאַריין איז אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען. עס איז קיין ספק ניט, אַז דער קאַמף האָט זיך געפירט, ווייל סאָפּער איז געווען אַ ביטערער קעגנער פון ליבערמאַנס נאַציאָנאַליזם, וואָס יענער האָט זיך געפּרוווט פאַרשפּרייטן אין דעם לאָנדאָנער סאָציאַליסטישן פאַריין*). אַזוי זעען מיר, אַז אויך אין דעם ערשטן יידישן אַרבעטער־פאַריין זיינען געווען צוויי ריכטונגען — ליבערמאַנס נאַציאָנאַליסטישע און סאָפּערס אינטערנאַציאָנאַליסטישע **).

נאָך דער פאַנאַנדערפאַלונג פון לאָנדאָנער יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין איז ליבערמאַן אַוועקגעפאָרן אין עסטרייך און דאָרט (אין ווין) אין 1877 יאָר אָנגע־

---

*) ג. ד. סאָפּער איז געבוירן געוואָרן אין 1849 יאָר אין פּעטערבורג בײַ אָרעמע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען אַ ניקאָלייעווער סאָלדאַט. אַ יונגער ייִנגל נאָך איז ער געוואָרן אַן אַרבעטער. אין 1872 יאָר האָט ער עמיגרירט אין אויסלאַנד, צוערשט אין בערלין, דערנאָך אין פּאַריז און צום סאָף האָט ער זיך באַזעצט אין לאָנדאָן. אין אויסלאַנד האָט ער זיך באַקענט מיט די סאָציאַליסטן און האָט זיך באַזונדערס באַפריינדעט מיט פּיאָטער לאַווראָוון און אַנדערע רוסישע רעוואָלוציאָנערן. אין אַ בריוו צו ב. פרומקינען האָט וו. טשערקעזאָוו געשריבן וועגן סאָפּערן:

„סאָפּער האָט געלעבט און געאַרבעט אין ווייטשעפּל, ווו ער האָט אָרגאַניזירט די ערשטע סאָציאַליסטישע גרופּע פון יידישע אַרבעטער. ער פלעגט זייער אָפט קומען צו ליבערמאַנען און אים אָנווייזן אויף דער נייטיקייט אָנצוהייבן אַרויסגעבן ליטעראַטור און באַזוכן די פאַרזאַמלונגען פון דער גרופּע. אַ קראַנקער, אַן אויסגעמאָגערטער, מיט ערשטע סימאָנים פון שווינדזוכט, וואָס האָט דערנאָך אַ סאָף געמאַכט צו זיין לעבן, איז סאָפּער געווען אויסערגעוויינלעך איבערגעגעבן דער זאַך פון באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס און ביזן טויט איז ער פאַרבליבן טריי דעם אינטערנאַציאָנאַל און דער סאָציאַלער רעוואָלוציע". (ב. פרומקין — פון דער געשיכטע פון דער רעוו. באַוועגונג צווישן די יידן אין די 70־ער יאָרן).

נויט און קראַנקייט האָבן סאָפּערן געצוווּנגען אומצוקערן זיך אין 1884 יאָר אין פּעטערבורג. דאָרט האָט ער געאַרבעט ווי אַ פאָטאָגראַף. סאָפּער איז געשטאָרבן אין פּעטערבורג אין יאָר 1902.

**) אין אָנהייב פון דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד האָבן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן דעמאָלט געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד, געשאַפן אין אויסלאַנד רעוואָלוציאָנערע גרופּן און אַרויסגעגעבן צייטונגען און ליטעראַטור (צום ביישפּיל, אַלעקסאַנדער הערצנס „קאָלאָקאָל", פּיאָטער לאַווראָווס „וופּעריאָד". שפּעטער די אויסגאַבן פון דער „גרופּע באַפרייונג פון אַרבעט" און אַנדערע). דיזאָזיקע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר רוסלאַנד. ליבערמאַן, סאָפּער און אַנדערע מיטגלידער פון דעם ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין אין לאָנדאָן זיינען געווען צוזאַמענגעבונדן מיט די רעוואָלוציאָנערן פון יענער עפּאָכע און די טעטיקייט פון די ערשטע יידן סאָציאַליסטן איז אין גרעסטן טייל געווען צונויפגעבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. ליבערמאַן האָט אַרויסגעגעבן „האמת" און ווינטשעווסקי דעם „אספת חכמים" פאַר רוסלאַנד. דעריבער איז די אַנטשטייונג פון דעם ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין אין ענגלאַנד ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דער אַנטשטייונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד, און נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט ווערן געבראַכט די פאַקטן וועגן דעם לאָנדאָנער יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין.

הויבן אַרויסגעבן די סאָציאַליסטישע צייטשריפט „האמת", וואָס איז געווען אויסגערעכנט פאַר יעבֿידים פון דער ייִד. אינטעליגענץ, וואָס האָבן געקענט העברעיש ליבערמאַנס „האמת" פלעגט פאַרשפּרייט ווערן צווישן די מאַסקילים אין רוסלאַנד. אָבער נאָך דעם 3-טן נומער איז ליבערמאַן אַרעסטירט געוואָרן און דער זשורנאַל האָט זיך אָפּגעשטעלט. די ווירקונג פון דעם זשורנאַל איז געווען זייער אַ באַגרענעצטע, און די ייִדישע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג: נאַטאַנסאָן, דייטש, העסיע העלפמאַן און אַנד.

אין 1880 האָט אַ גרופּע ייִדישע סאָציאַליסטן אין אויסלאַנד ווידער געמאַכט אַ פּרוּוו צו פירן אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין ייִדיש. דער אויפרוף פון דער גרופּע שיידט זיך אונטער זייער שטאַרק פון דעם סטאַטוט פון דער גרופּע, וואָס האָט געוואָלט אָרגאַניזירן די ייִדישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע סעקציעס. אין דעם זשענעווער אויפרוף פון 15 יוני 1880 יאָר ווערט שוין גערעדט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען צווישן די ייִדישע מאַסקילים. אָבער די מעכאַברים פון דעמדאָזיקן אויפרוף דערקלערן באַלד, אַז:

„מיר זיינען ווייט פון צו אָנערקענען אין דער טעטיקייט פון די ייִדישע פּראָגרעסיסטן אַ וועלכע עס איז רעטונג־באַדייטונג פאַר די ייִדישע מאַסן; זיי (די פּראָגרעסיסטן) באַמיען זיך אין דער ייִדישער און גרויסרוסישער ליטעראַטור צו לייזן עפּעס ספּעציעלע ייִדישע פראַגן, וועלכע האָבן פאַר אונדז, סאָציאַליסטן, קיינמאָל ניט עקזיסטירט און ניט געקענט עקזיסטירן. פאַר אונדז ווערן אַלע פּריוואַטע פראַגן פאַרטויבט דורך איין אַלגעמיינער פראַגע — דורך דער פראַגע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע וועט אַליין פאַרניכטן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שקלאַפעריי פון די מענטשן און מיט דעם אַליין וועלן שוין אויך געלייזט ווערן אַלע לעפּיערעך קלענערע פראַגן"*).

צום סאָף ווערט אין דעמדאָזיקן דאָקומענט דערקלערט, אַז די אויפגאַבע, וואָס די גרופּע ייִדן סאָציאַליסטן האָבן זיך געשטעלט, איז נאָר — „צו פאַרייִדיקן די אידייען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע צווישן די ייִדישע מאַסן, און קעדיי דאָס זאָל זיין דערפאָלגרייך, מוז מען זיך צו זיי ווענדן אין דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען. הערפאַר האָבן זיי זיך געשטעלט אַלס אויפגאַבע צו גרינדן אַ פרייען ייִדישן דרוק מיט דעם ציל אַרויסצוגעבן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אַף ייִדיש צו פאַרשפּרייטן אין די לענדער, וווּ עס געפינען זיך ייִדן. די ערשטע ליטעראַטור, וואָס דידאָזיקע גרופּע סאָציאַליסטן האָט אָנגעמערקט אַרויסצוגעבן, איז באַשטאַנען פון:

1) די לאַגע פון די ייִדישע אַרבעטער און ייִדישע קאַפּיטאַליסטן.

2) די באַציונג פון די ייִדישע פּראָלעטאַריער צו די אָרעמע קלאַסן פון די קריסטן.

3) דער עצעם פון דעם איצטיקן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד.

4) די אַרבעטער־באַוועגונג אין מיירעוו־אייראָפּע"*).

---

*) מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. 1־טער אַרויסלאַז. אויסגאַבע פון פאַרלאַג „טריבונע" 1906, זייט 18.

פון דעם ווערט פאַר אונדז גאַנץ קלאָר, אַז אויך אין דעם פּאַרזוך פון דער גרופּע ייִדישע סאָציאַליסטן צו פירן אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע אַף ייִדיש איז דער ציל געווען — די סאָציאַלע רעוואָלוציע, די אַלגעמיינע באַפרייונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס און ניט קיין נאַציאָנאַלער.

אין 1881 יאָר איז אין רוסלאַנד ווידער געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו פירן אַ סאָציאַליסטישע אַרבעט אַף ייִדיש. אין דעם יאָר האָט אַ (ביז איצט אומבאַוווּסטער) ייִדישער רעוואָלוציאָנער אַרויסגעגעבן איין נומער פון אַ העקטאָגראַפירטער ייִדישער סאָציאַליסטישער צייטונג — „די אַרבעטער־צייטונג". אָבער אויך דיזאָזיקע צייטונג האָט זיך ניט געשטעלט קיינע באַזונדערע ייִדישע אויפגאַבן. אויך איר ציל איז געווען צו באַקענען די ייִדישע אַרבעטער מיט די סאָציאַליסטישע אידייען פון יענער צייט. אין דער „אַרבעטער־צייטונג" איז נאָר געווען איבערזעצט צוויי אַרטיקלען פון דער רוסישער צייטונג „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", וועלכע איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון זשעליאַבאָוו.

דיזאָזיקע פאַרשיידענע פּרוּוון צו פירן אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ייִדישע אַרבעטער אַף ייִדיש האָבן קיין דערפאָלג ניט געהאַט, ווייל עס זיינען נאָך ניט געווען קיין סך באַלאַנגים צווישן די ערשטע ייִדישע סאָציאַליסטן צו פירן אַ באַזונדערע סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע אין ייִדיש. דערפאַר האָט טאַקע פּאַסירט, אַז, אין אָנהייב פון די 80־ער יאָרן, ווען אין מינסק, ווילנע און אַנדערע שטעט האָבן אָנגעהויבן צו אַנטשטיין די ערשטע סאָציאַליסטישע קרייזלעך צווישן די ייִדישע אַרבעטער, איז דער ציל פון דיזאָזיקע קרייזלעך געווען צו אויסלערנען וואָס גיכער די ייִדישע אַרבעטער די רוסישע שפּראַך און זיי צוגרייטן צום קאַמף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און פאַר דער אַלגעמיינער באַפרייונג פון אַלע אונטערדריקטע. אַף דעם וועג זיינען געגאַנגען אַלע ייִדישע סאָציאַליסטישע קרייזלעך אין אָנהייב פון די 80־ער יאָרן.

בײַ די ערשטע פּרוּוון צו פאַרשפּרייטן די אידייען פון מאַרקסיזם אין דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע, געפינען מיר צווישן די אָנפירער פון דער אַנטשטייענדיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג די נעמען פון ייִדן — סאָציאַל־דעמאָקראַטן: אין פּוילן געפינען מיר צווישן די אָנגעזעענסטע פיגורן פון דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" ש. דיקשטיין (דער מעכאַבער פון דער באַרימטער מאַרקסיסטישער בראָשור „פון וואָס איינער לעבט"), פעליקס קאָן און אַנדערע. ווען עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג בײַ די נאַראָדניקעס און עס איז אַנטשטאַנען דער „טשאָרני פּערעדעל"**), איז אין מינסק געווען איינע פון די שטאַרקסטע גרופּעס

---

*) זע דאָרטן, ז. 22.

**) נאָך דעם וואָראָניעזשער צוזאַמענפאָר פון דער אָרגאַניזאַציע „זעמליאַ אי וואָליאַ" האָט דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע זיך צעשפּאָלטן אַף צוויי גרופּן. איין גרופּע, בעראָש מיט זשעליאַביעוון האָט געשאַפן די פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". די צווייטע גרופּע, בעראָש מיט פּלעכאַנאָוון, האָט געשאַפן די אָרגאַניזאַציע „טשאָרני פּערעדעל" (שווארצע איבערפּאַרטיילונג). וועלכע האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אונטערן נאָמען „טשאָרני פּערעדעל". אויסער דערדאָזיקער צייטונג האָבן די „טשאָרני פּערעדעלצעס" אויך אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צייטונג פאַר אַרבעטער אונטערן נאָמען „זערנאָ" און אויך אַרויסגעלאָזן אייניקע פּראָקלאַמאַציעס. אַ טייל פון דידאָזיקע אויסגאַבן האָבן זיך געדרוקט אין דער

פון „טשאָרני פּערעדעל". לויט דער איניציאַטיוו פון גרונטפּעסט, געצאָוו, ראַלניק, ליעוואָוו, יעפים גאַלפּערין און אַנדערע איז אין מינסק אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דרוק און אין דערהאָזיקער דרוקעריי האָבן זיך אָפּגעדרוקט 3 נומערן פון „טשאָרני פּערעדעל", 2 נומערן פון „זערנאָ" און איינציקע פּראָקלאַמאַציעס. אין צוזאַמענהאַנג מיט דערהאָזיקער דרוקעריי (דערציילט יעפים גאַלפּערין) איז אַפילו פּלעכאַנאָוו געווען אין מינסק.

אין 1883, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ"*), איז כמעט דעם וואָס צווישן די גרינדער זיינען געווען יידן סאָציאַל־דעמאָקראַטן — ל. דייטש און אַקסעלראָד, זיינען צווישן די ערשטע אָנהענגער פון דער גרופּע „באַפרייונג פון אַרבעט", וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון אויסלאַנד אין רוסלאַנד איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט די נאַראָדניקעס און באַקענען זיי מיט די צילן און שטרעבונגען פון דער גרופּע, געווען סאול גרונטפּעסט פון מינסק און ראַפאַיל סאָלאָווייטשיק פון גראָדנע. גרונטפּעסט האָט ביז דעמאָלט געפונען זיך אין ציריך און האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער גרופּע**).

ראַפאַיל סאָלאָווייטשיק האָט זיך ביז דאַן געלערנט אין ציריך און אין 1886 יאָר האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין געבורט־שטאָט גראָדנע. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ טראַנספּאָרט מאַרקסיסטישע ליטעראַטור און האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ ריי שטעט, ווי ווילנע, מינסק, קיעוו, אָדעס און דאָרטן אָנגעהויבן שאַפן די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס.

וועגן דער טעטיקייט פון סאָלאָווייטשיקן און אַנדערע אָנהענגער פון דער גרופּע „באַפרייונג פון אַרבעט" שרייבט וו. נעווסקי:

„אין 1887 יאָר געפינען מיר שוין צווישן דער יוגנט אין ציריך אַ גאַנץ באַשטימטע גרופּירונג אויף „פּאָלקיסטן" און „באַפרייער", ד. ה. אָנהענגער פון דער גרופּע „באַפרייונג פון אַרבעט". אין דער גרופּע „באַפרייער" זיינען געווען פאָלגנדיקע פּערזאָנען: איזראַעל געלפאַנד, ראַפאַיל סאָלאָווייטשיק, נאַדעזשדאַ סלעפּצאָוואַ,

---

מינסקער דרוקעריי. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט עקזיסטירט נאָר עטלעכע כאָדאָשים און האָט קיין פּראַקטישע באַדייטונג ניט געהאַט. זי איז געווען נאָר אַן איבערגאַנג־שטופּע פאַר אַ טייל „זעמליעוואָלצעס", פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, זאַסוליטש, פון פאָלקיזם צו מאַרקסיזם און צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

*) „גרופּע באַפרייונג פון אַרבעט" («Группа освобождение труда») — די ערשטע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט געוואָרן אין סעפּטיאַבער 1883 דורך די געוועזענע „טשאָרני פּערעדעלצעס" פּלעכאַנאָוו פּ. ב. אַקסעלראָד, ב. זאַסוליטש, ל. דייטש און וו. איגנאַטאָוו. די „גרופּע באַפרייונג פון אַרבעט" האָט עקזיסטירט ביז דעם צווייטן צוזאַמענפאָר. פון ר. ס. ד. א. פּ. (ביז אווגוסט 1903), ווען זי איז געוואָרן אַ טייל פון דער ר. ס. ד. א. פּ. דידאָזיקע גרופּע האָט געשפּילט אַן אויסערגעוויינלעכע ראָלע אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. דידאָזיקע גרופּע הייט געלייגט דעם טעאָרעטישן פונדאַמענט פון דער קומענדיקער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. די גרופּע האָט געשאַפן אַ פאַרלאַג און אַרויסגעגעבן אין רוסיש אַ ריי בראָשורן און ביכער פון מאַרקסן, ענגעלסן און אויך די ערשטע מאַרקסיסטישע אַרבעט פון פּלעכאַנאָוון און אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע. די גרופּע האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ פּראָיעקט פון אַ פּראָגראַם פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

**) גענויער וועגן גרונטפּעסטס טעטיקייט אין דער גרופּע „באַפרייונג פון אַרבעט" זע אין בוך „פּ. ב. אַקסעלראָדס אַרכיוו", ז. 88. בערלין, 1924.

דמיטרי מאטוועיעוו, מ. גאניקאוו, געארג פאסאניק, מאריע גינסבורג, פרעס, פּאָפּאָוו, גאווריעל קאפיאנס, גריגארי הוקאווסקי, יעליזאוועטא לוריע, ווערא קאזאקעוויטש, איזראעל רובינשטיין, בישלער, מאטיס, דאוויד באראד, ווערא ראזנשטיין, גראס־מאן, באריס קרישעווסקי, קאעטאן דאריקעוויטש, לעאן סעליטרעני, וויינטראב, שלוימע פראנקפורט. שפעטער, אין סאף פון די 80־ער יארן, האט אין דער ציריכער גרופע אויך גענומען אן אנטייל יאקאוו קאלמענסאן, וועלכער האט געשפילט א ראלע אין אנהייב פון די 90־ער יארן אין דער געזעלשאפט „קאמף מיטן הונגער".

...פונקט אזוי האט אויך סאלאווייטשיק אן צווייפל און סאפעק, קאן מען זאגן, קומענדיק אין רוסלאנד זיך געטראפן מיט די רוסישע סאציאל־דעמאקראטן, און גראד מיט די, וועלכע האבן געארבעט אין ווילנע, מינסק, קיעוו (אין אבראמאָ־וויטשעס קרייזל).

אט די יידישע גאנצע יוגנט האט געזוכט אין אויסלאנד ניט נאר אנפירונג מיצאד אזעלכע וועטעראנען פון דער רעוואליוציע, ווי פלעכאנאוו, נאר זיי האבן זיך דער־שלאגן צו א באשטימטן אנטייל אין דער פראקטישער ארבעט"*).

אט די יידישע פאקטן באווייזן אונדז אין וואס פאר א ריכטונג עס האט זיך אנטוויקלט דער סאציאליסטישער געדאנק צווישן דער יידישער ארבעטערשאפט. די יידישע ערשטע גרופעס יידן סאציאל־דעמאקראטן זיינען אינגאנצן פרעמד געווען וועלכע עס איז נאציאנאליסטישע טענדענצן. פאר סאלאווייטשיקן**) און זיינע כא־ווירים איז געשטאנען די זעלבע אויפגאבע, וואס די פיאנערן פונעם רוסישן מארקסיזם האבן זיך געשטעלט,—די אויפגאבע צו באפרייען די ארבעטנדיקע מענטשהייט.

אין סאף פון די 80־ער יארן, ווען אין ענגלאנד און אין צאפן־אמעריקע האט צווישן די יידישע ארבעטער אנגעהויבן אריינצודרינגען דער סאציאליסטישער גע־דאנק און עס האבן אנגעהויבן דערשיינען סאציאליסטישע בראשורן און צייטונגען אף יידיש, פלעגן יידישע אויסגאבעס אומלעגאל אריינגעפירט ווערן אין רוסלאנד און די יידישע ארבעטערשאפט האט זיך שוין אנגעהויבן צו באקאנען מיט די סאָ־ציאליסטישע אידייען דורך דער יידישער פרעסע. אבער אויך דער גרעסטער טייל פון די פיאנערן פון דער סאציאליסטישער באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער פון ענגלאנד און אמעריקע זיינען געווען ווייט פון וועלכע ניט איז נאציאנאליסטישע שטרעבונגען. פארקערט, אין דער יידישער סאציאליסטישער ליטעראטור פון יענער עפאכע איז דורכגעדרונגען דער גייסט פון אינטערנאציאנאליזם; אין דער ערשטער סאציאליסטישער בראשור, וואס מאריס ווינטשעווסקי האט ארויסגעלאזן אין 1884

---

*) וו. נעווסקי — די גרופע „באפרייונג פון ארבעט", היסטאריש־רעוואליוציאנערער זאמלבוך, ב. II ז. 36, לענינגראד, 1924.

**) סאלאווייטשיק איז אין 1889 ארעסטירט געווארן. בעייסן ארעסט האט מען בא אים געפונען אסאך מארקסיסטישע ליטעראטור. איינצייטיק האט מען אויך ארעסטירט: יאסל גוזאווסקי, גריגארי פיינשטיין, י. קראוועץ, ז. קאנעווסקי, ש. קליינבארט, י. גינזבורג, גר. קושניראוו. סאלאווייטשיק און פיינשטיין זיינען פארמישפעט געווארן צו $3^1/2$ יאר איינצל־קאמער אין „קרעסטי". די זשאנדארמעריע האט אזוי געפייניקט סאלאווייטשיקן, אז ער איז אינגיכן פסיכיש קראנק געווארן אין טפיסע און איז באגאנגען זעלבסטמארד.

אונטערן נאָמען „יהי אור“, געפינען מיר אין זיינע דאָגמעס (שלשה עשר עקרים) אַזעלכע געדאַנקען:

„איך גלויב מיט אַ פולן גלויבן, אַז מענטשן פון איין גלויבן וועלן רוידעפן זייערע ברידער פון אַן אַנדער גלויבן, קאַלזמאַן עס וועט זיין אָרעמקייט און דערהדריקטקייט אַף דער וועלט, און קאַלזמאַן דער גרעסטער טייל פון פאָלק וועט זיין אין פאַר־כלענדעניש“.

„איך גלויב מיטן פולן גלויבן, אַז דער גלייכער סייכל קאָן אַלץ אויסטאָן, און אַז דאָס קעניגרייך פון געדאַנק איז נאָענט צום קומען, אַז אַלע מענטשן וועלן לעבן ווי ברידער און אַלע פעלקער וועלן ווערן איין מישפּאָכע“.

אין דערדאָזיקער ערשטער סאָציאַליסטישער בראָשור אין יידיש, אין וועלכער עס ווערט צום ערשטן מאָל אין אַ פּאָפּוליערער בעלעטריסטישער פאָרם געגעבן אַ מאַרקסיסטישער אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און עס ווערט גע־מאָלט אַ בילד פון דער אָרעמקייט און אונטערדריקונג פון די אַרבעטנדיקע, זאָגט ווינטשעווסקי צום אַרבעטער: „דו מוזט וויסן, אַז דער פּלאַן, דורך וועלכן מיר אַרבעטער און איבערהויפּט אַלע ליידנדיקע קענען געהאָלפן ווערן און פון וועלכן איך וועל באַלד דיר ריידן — דיזער פּלאַן איז ניט ערפונדן געוואָרן דורך אַ פּוסטן פילאָזאָף, זאָנדערן ער — דער פּלאַן — איז אַ קינד פון אונדזער צייט און אַלעם וואָס דו זעסט פאַר דיינע אויגן פירט אַף דעם געראַדן וועג דערצו. אַז עס זאָל אויסגעפירט ווערן —

„עס מוז אָפּגעשאַפט ווערן די לוין־אַרבעט און עס מוז איינגעפירט ווערן איין אַרט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס מע רופט קאָלעקטיוו־אַרבעט“ *).

און די דאָזיקע העכסט אינטערעסאַנטע בראָשור פאַרענדיקט דער פּיאָנער פון סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן די יידישע אַרבעטער מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„ווי אָבער זאָלן מיר דערצו קומען?“.

„דאָדורך וואָס מיר וועלן דיזע אידייע פאַרברייטן אונטער די אַרבעטער... איצט ליידן טויזנטער פון מענטשן, מיליאָנען, און זיי וואָלטן אַוואַדע ניט געליטן, ווען זיי וואָלטן נאָר געוווּסט וואָס צו טאָן אום דעם מענטשלעכן לעבן בעסער איינצוריכטן. דאָס מוזן מיר זיי דערקלערן און דאָס קענסטו שוין אָנהייבן צו דער־קלערן. אַלזאָ, ליבער מאָריס, גיי און טו דאָס דייניקע. איך וועל אויך ניט שלאָפן. לאָמיר אויפקלערן אונדזערע ברידער און זיי צורופן ווערטער פון דיכטער.

מאַן דער אַרבעט, אופגעוואַכט!
אונד ערקענע דיינע מאַכט!
אלע רעדער שטייען שטיל,
ווען דיין שטאַרקער אָרעם עס וויל.

...לאָמיר טרינקען אַף דאָס וואָלזיין פון דיזער גרויסער אידייע פונעם ניינצענ־טען יאָרהונדערט, וועלכע הייסט „סאָציאַליזמוס“ און שרייען „יהי אור“**).

אָבער ניט נאָר ווינטשעווסקי האָט אויסגעדריקט אַזעלכע געדאַנקען; צוזאַמען

*) מאָריס ווינטשעווסקי — „יהי אור“ — זייט 17, אויסגאַבע לאָנדאָן, 1889.

**) דאָרטן — זייט 23.

מיט אים האָבן אויך אַנדערע פּיאָנערן פֿון סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן די ייִדישע אַרבעטער פֿאַרשפּרייט אינטערנאַציאָנאַליסטישע אידייען, און אַדאַנק דעם האָט עס פּאַסירט, וואָס אין דער געבורט־עפּאָכע פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער איז דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער געדאַנק אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצלט געוואָרן.

דאָך וואָלט געווען פֿאַלש צו דענקען, אַז דער ייִדישער נאַציאָנאַליזם האָט קיין שליטע ניט געהאַט אין די רייען פֿון די ערשטע ייִדישע סאָציאַליסטישע גרופּעס. ווי מיר ווייסן, איז אויסער דעם רעליגיעזן ייִדישן נאַציאָנאַליזם און רעליגיעזן גלויבן אין מאָשיעכן, וואָס וועט אויסלייזן די ייִדן פֿון גאָלעס און זיי אַוועקפֿירן אין לאַנד פֿון די אָוועס, האָט סאָף פֿון די 70־ער יאָרן אָנגעהויבן אויך אַנט-שטיין דער מאָדערניזירטער נאַציאָנאַליזם אין דער פֿאָרם פֿון וועלן אופֿהאַלטן די ייִדישע טראַדיציעס, ווי דאָס האָט געטאָן ליבערמאַן אין דעם לאָנדאָנער ייִדישן סאָציאַליסטישן פֿאַריין, ווען ער האָט געפֿאָדערט, מע זאָל פֿאַרצייכענען טישעבאָוו ווי אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן טאָג, ווייל אין דעם טאָג איז געפֿאַלן די ייִדישע מעלוכע. ער האָט אויך געוואָלט צופּאַסן דעם סאָציאַליזם צו די ייִדישע דינים וועגן ניט פֿאַרקויפֿן ערד, פֿאַרבינדן עס מיט די דינים פֿון יויוול און שמיטע.

די פּאָגראָמען־כוואַליע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעם אַטענטאַט אויף אַלע-קסאַנדער דעם צווייטן און האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער דאָרעם־רוסלאַנד, איז געווען די סיבע, וואָס האָט אַרויסגערופֿן נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען ניט נאָר צווישן די אָפּגעשטאַנענע ייִדישע מאַסן, נאָר אַפֿילע צווישן דער רעוואָלוציאָנערער אינטע-ליגענץ. די דאָזיקע שטימונגען זיינען אַרויסגערופֿן געוואָרן ניט נאָר דירעקט צוליב די פּאָגראָמען, נאָר אויך צוליב דער פֿאַלשער שטעלונג פֿון אַ טייל ראַדיקאַלן פֿון יענער צייט צו די פּאָגראָמען און צוליב דער ייִדנפֿיינטלעכער אַרויסטרעטונג אַפֿילע פֿון אייניקע „נאַראָדניקעס". מער פֿון אַלץ האָט מיטגעהאָלפֿן די ייִדנפֿיינטלעכע פּראָקלאַמאַציע, וואָס ראָמאַנענקאָ האָט אין 1881 יאָר אַרויסגעלאָזן אין נאָמען פֿון דעם אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אין דער דאָזיקער פּראָקלאַ-מאַציע איז דערקלערט געוואָרן, אַז די ייִדן זיינען שולדיק אין אַלע צאָרעס, וואָס עס ליידט דער אוקראַאינישער פּויער, און זי רופֿט ווייטער פֿאָרזעצן די פּאָגראָמען.

דער מעכאַבער פֿון דעם דאָקומענט, דער שפּעטערדיקער מאָנאַרכיסט און פּאָ-גראָמשטשיק ראָמאַנענקאָ, האָט נאָך אַ שאַרפֿער כלוקעדייעס מיט אַ טייל פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" זיך דערשלאָגן, אַז די פּראָקלאַמאַציעס זאָלן אָנזען די ליכטיקע וועלט מיט דער אונטערשריפֿט פֿון דעם אויספֿיר־קאָמיטעט. דער אויטאָריטעט פֿון דעם אויספֿיר־קאָמיטעט האָט געבראַכט דערצו, אַז אין 1882 יאָר האָט די יעליסאַ-וועטגראַדער גרופּע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" איבערגעדרוקט די פּראָקלאַמאַציע אויף אַ העקטאָגראַף און זי פֿאַרשפּרייט...

אין אַ ביילאַגע צום „ליסטאָק נאַראָדנאַי וואָלי" איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַר-טיקל וועגן די ייִדישע פּאָגראָמען, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז עס איז מיסטאָמע ניט מעגלעך צו פֿאַרמיידן דעם פֿאַקט, אַז די רעוואָלוציע זאָל זיך אָנ-הייבן מיט שלאָגן ייִדן. אין נומער 6 „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" איז וועגן דער פֿראַגע געזאָגט געוואָרן, אַז „באַציִען זיך ניט נאָר נעגאַטיוו, נאָר אַפֿילע אינדיפֿערענט צו

א רייַנער פאָלקבאַוועגונג האָבן מיר קיין רעכט ניט". אונטער די ווערטער „רייַנע פאָלקבאַוועגונג" מיינט דאָ דער מחבר די פּאָגראָמען. וועגן דעם איניען האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן אין אַן אַרטיקל „ניט קיין געלונגענע געשיכטע פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", אַז איינער פון די סאַמע אָנגעזעענע „טשאָרנאָ-פּערעדעלצעס" האָט פאַרהאַלטן די פאַרשפּרייטונג פון דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער פּראָקלאַמאַציע. שפּעטער ווען אין זשענעווע איז געקומען טיכאָמיראָוו צו אָרגאַניזירן דאָס אַרויסגעבן דעם „וועסטניק נאַראָדנאַי וואָלי" און האָט זיך געווענדעט צו פּלעכאַנאָוון, זאַסוליטשן, זשוקאָווסקין און עלסיצן, זיי זאָלן מיטאַרבעטן אין דעם אָרגאַן, האָבן זיי איינשטימיק דערקלערט, אַז דאָס וועט זיין אוממעגלעך, אויב דער אויסלענדישער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" וועט אָנהייבן טראַכטן וועגן אַרויסטרעטן מיט אַזאַ צושטימונג צו די יידישע פּאָגראָמען, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן אין דער פּראָקלאַמאַציע „צום אוקראַאינישן פאָלק" און אין דעם אָרגאַן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". טיכאָמיראָוו האָט געפּרוּווט אַקשאָנעסדיק פאַרטיידיקן די שטעלונג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" צו די פּאָגראָמען, אָבער אונטער דער ווירקונג פון פּלעכאַנאָוון און די איבעריקע איז טיכאָמיראָוו*) געווען געצוווּנגען אָפּצוזאָגן זיך פון דער פאַלשער און שעדלעכער שטעלונג און האָט אַליין אָנגעשריבן אַן אַרטיקל קעגן די פּאָגראָמען**).

פון די רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבעס פון יענער צייט איז אַרויסגעטראָטן קעגן די פּאָגראָמען די „זערנאָ", וואָס האָט אין אַן אַרטיקל קעגן די פּאָגראָמען געשריבן:

„צווישן די יידן זיינען ניט אַלע רייַכע און ניט אַלע קולאַקעס... פאַרוואָס האָט מען כאָרעוו געמאַכט די אָרעמע כאַלופּעס פון די יידישע באַלמעלאָכעס? ווענדעט אַוועק די סינע צו פרעמדע פעלקער און צו פרעמדגלויביקע. געדענקט, אַז אַלע אַרבעטנדיקע, צו וואָס פאַר א נאַציע זיי זאָלן ניט געהערן און אין וואָס פאַר א רעליגיע זיי זאָלן ניט גלייבן, מוזן זיך פאַראייניקן, כדי אַרויסצוטרעטן קעגן דעם אַלגעמיינעם סוינע"***).

ביי דעם האָט דער האַרעם-רוסישער אַרבעטער-פאַריין פון קיעוו אַרויסגעלאָזן א פּראָקלאַמאַציע. דאָרט ווערט געזאָגט:

„ברידער אַרבעטער, איר שלאָגט יידן און קלייבט זיך אַפילו ניט פאַנאַנדער.

*). ל. טיכאָמיראָוו (1850—1923) האָט אין אָנהייב פון די 70־ער יאָרן גענומען אַן אָנטייל אין די קרייזלעך פון די נאַראָדניקעס און געשפּילט אַ ראָליע אין דער פּאַרטיי „זעמליאַ אי וואָליאַ". אין 1879 יאָר איז ער אַריינגעטראָטן אין אויספיר־קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און פאַרנומען דאָרט אַן אָרט פון אַ טעאָרעטיקער. אין 1888 יאָר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און געוואָרן אַ פאַרטיידיקער פון צאַריזם. ער האָט זיך אומגעקערט אין רוסלאַנד און געוואָרן א מיטאַרבעטער פון די רעאַקציאָנערסטע צייטונגען. שפּעטער איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון „מאָסקאָווסקיע וועדאָמאָסטי".

**) ג. פּלעכאַנאָוו — „ניט קיין געלונגענע געשיכטע פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". „סאָוורעמעני מיר", נומ. 5, 1912.

***) „זערנאָ" איז געווען אַן אויסגאַבע פון „טשאָרנע פּערעדיעלצעס", ספּעציעל פאַר אַרבעטער. די „זערנאָ" האָט זיך געדרוקט אין מינסק אין דער דרוקעריי, וואָס די מינסקער גרופּע „טשאָרני פּערעדעל" האָט אָרגאַניזירט.

ניט דערהפאר דארף מען שלאגן דעם יידן („זשידא"), וואס ער איז א ייד און איז מיספאלעל צו גאט לויט זיין שטייגער — גאט איז דאך איינער פאר אלעמען — מע דארף אים שלאגן דערפאר, ווייל ער האבירט דאס פאלק, ווייל ער זויגט דאס בלוט פון ארבעטער־מענטשן. ווען מע זאל גוט א קוק טאן, וועט מען זען, אז אונדזערער א סויכער אדער א פאבריקאנט האבירט און רויניִרט דעם ארבעטער ערגער ווי דער „זשיד". ער זויגט אויס פון אים דאס לעצטע ביסל זאפט און קלייבט זיך קאפיטאל, פאשעט זיך זיין גראבן בויך. צי דארף מען דעריבער איבערלאזן די דאזיקע בלוטזויגער צו רו און דעם יידן („זשיד"), וואס קען זיין, ער דערשלאגט זיך זיין שטיקל טרוקענעם ברויט ניט גרינגער פון אונדז דורך שווערע ארבעט בא עפעס א מעלאכע אדער שווארצער ארבעט — ניט שוין־זשע דארף מען אים אויך האבירן?.. אויב שוין יא שלאגן, טא זאל מען שלאגן יעדן קולאק און יעדן רויבער... זאל מען שלאגן די נאטשאלסטווע, וואס פארטײדיקט אונדזערע רויבער, וואס שיסט אין פאלק צוליב א וועלכן עס איז געמיינעם מיליאנער בראחסקי און דערהארגעט אומשולדיקע"*).

די נאציאנאליסטישע שטימונגען, וואס זיינען געווען איינגעווארצלט אין דער יידישער סוויווע דורך דער רעליגיעז־טראדיציאנעלער שטרעבונג אימצוקערן זיך אין פאלעסטינע און אויפשטעלן דארט א יידישע מעלוכע, האבן זיך אונטער דער ווירקונג פון די פאגראמען נאך מער פארשטארקט צווישן די יידישע מאסן.

די נאציאנאליסטישע שטימונגען האבן געלאזן טיפע ווארצלען ניט נאר צווישן די קליינבירגערלעכע יידישע מאסן, נאר אפילו צווישן דער יידישער רעוואלוציאנערער אינטעליגענץ האבן זיי אויך געפונען אן אפקלאנג. דאס האט געבראכט דערצו, אז אפילו איינער פון די פיאנערן פון דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטישער באוועגונג, איינער פון די גרינדער פון דער גרופע „אסוואבאזשדעניע טרודא", פ. ב. אקסעלראד זאל אנשרייבן א ספעציעלע בראשור „וועגן די אויפגאבעס פון דער יידישער סאציאליסטישער אינטעליגענץ", ווו ער קריטיקירט אט די אינטעליגענץ, פארוואס זי האט זיך אינגאנצן אפגעריסן פון די יידישע מאסן. אין דער דאזיקער בראשור האט אקסעלראד געשריבן:

„...צוליב די אנטי־יידישע פאגראמען איז פאר דער יידישער סאציאליסטישער אינטעליגענץ קלאר געווארן: ערשטנס, אז די יידן ווי א נאציע פארנעמען אין רוסלאנד זייער אן אויסשליסלעכע לאגע און ווערן פאראכט פון דער גרעסטער מערהייט פון די פארשיידענע שיכטן קריסטלעכער באפעלקערונג. צווייטנס, אז די יידן סאציאליסטן, וואס האבן זיך געשטעלט אף דעם גאנץ ריכטיקן שטאנדפונקט וועגן דעם אינטערנאציאנאלן כאראקטער פון סאציאליזם און קלאסנקאמף, האבן פונדעסטוועגן באגאנגען א טעות מיט דעם, וואס מע האט אינגאנצן ארויסגעלאזן פון אויג די העלע לאגע פון די יידן אין רוסלאנד ווי א נאציע, וואס ווערט קעגנגעשטעלט דער איבעריקער באפעלקערונג. און דריטנס, אין קעגנזאץ צו די יידן סאציאליסטן פון דייטשלאנד א. ד. גל. האבן די רוסישע יידן סאציאליסטן פאר קיין פאל ניט געטארט אזוי איגנארירן אין זייער טעטיקייט ספעציעל די יידישע מאסע —

*) ציטירט לויט „פ. ב. אקסעלראדס ארכיוו", ז. 215.

אפן גרונט פון קאסמאפאליטישע אנשויונגען—און טאקע דערפאר, ווייל די מאסע פון דער „לאנד־באפעלקערונג” Коренное население) איז נאך זייער ווייט ניט נאר פון קאסמאפאליטישע געפילן און אנשויונגען, נאר אויך ווייט פון באגריף וועגן פאלידאריטעט פון די ארעמע קלאסן פון פארשיידענע נאציאנאליטעטן אין די גרענעצן פון דער אימפעריע גופא” *).

ואויך אף דעם צווייטן גרינדער און מיטגליד פון דער גרופע „אסוואבאזשדיעניע טרודא”, אף ל. דייטשן, האבן די פאגראמען געמאכט א שטארקע ווירקונג און אויך ער האט זיך באשעפטיקט מיט דער יידן־פראגע. אבער דייטש האט אף אן אייגנארטיקן רעוואליוציאנערן אויפן רעאגירט אף די פאגראמען. זיין מיינונג האט ער אויסגעדריקט אין א בריוו צו אקסעלראדן:

„מיט די געדאנקען, וואס פיאטער לאווראוו האט ארויסגעזאגט, בין איך אינגאנצן מאסקים. די יידן־פראגע איז איצט ווירקלעך אין דער פראקטיק ניט צו פארענטפערן פאר א רעוואליוציאנער. וואס זאלן זיי איצט טאן, לעמאשל, אין באלטע, ווו מע שלאגט יידן? זיך אנעמען פאר זיי? — הייסט, ווי רעקליו**) זאגט — ארויסרופן סינע פון די פויערים קעגן די רעוואליוציאנערן, וואס ניט גענוג זיי האבן געהארגעט דעם קייסער, פארטיידיקן זיי נאך די „זשידעס”; און די רעוואליוציאנערן קומט אויס צו זיין צווישן צוויי ווידערשפרוכן. דאס איז פאשעט א לאגע אן אן אויסוועג, סיי פאר די יידן, סיי פאר די רעוואליוציאנערן.

...ניט מיין, אז מיר האט עס, לעמאשל, ניט פארשאפט קיין ערגעניש און ניט אוועקגעשטעלט אין פארלעגנהייט; אבער פונדעסטוועגן וועל איך שטענדיק פארבלייבן א מיטגליד פון דער רוסישער רעוואליוציאנערער פארטיי און וועל אף קיין איין טאג ניט דערווייטערן זיך פון איר. דערפאר ווייל דערדאזיקער ווידערשפרוך, ווי איינציקע אנדערע, איז געווים ניט געשאפן געווארן פון דער פארטיי” ***).

בא פיל פון דער יידישער אינטעליגענץ האבן די פאגראמען ארויסגערופן אן איבערראשונג פון די ווערטן. זיי האבן אינגאנצן פארלאזן די סאציאליסטישע רייען און זיך גענומען באשעפטיקן מיט דער יידן־פראגע פון א נאציאנאליסטישן שטאנדפונקט. מע האט גענומען רייצן וועגן דער אופלעבונג פון דעם יידישן פאלק אין פאלעסטינע און וועגן שאפן א יידישע מעלוכע. עס איז אנטשטאנען די כיוועווייציען־באוועגונג, און גרופעס פון דער יידישער אינטעליגענץ האבן זיך אוועקגעלאזן אין פאלעסטינע און געבאלעמט צו ווערן דארט די פיאנערן פון אופבויען א יידישע מעלוכע ****).

---

*) פ. ב. אקסעלראד — וועגן די אויפגאבן פון דער יידישער סאציאל־סטישער אינטעליגענץ. איבערגעדרוקט אין „פ. ב. אקסעלראדס ארכיוו”, ז. 271, בערלין, 1924.

**) עליזע רעקליו (1830—1905), בארימטער פראנצויזישער געאגראף, גלייכצייטיק אויך א רעוואליוציאנערער טוער, איינער פון די אנגעזעענסטע אנטיילנעמער פון דער פאריזער קאמונע, אן אנהענגער פון באקונינען.

***) פון ל. דייטשס א צושריפט צו פ. לאווראווס א בריוו צו אקסעלראדן, פארעפנטלעכט אין „פ. ב. אקסעלראדס ארכיוו”, ז. 31.

****) איינער פון די אנפירער פון דער גאנצער באוועגונג אין אנהייב פון די 70־ער יארן איז געווען ל. דאווידאוויטש. נאך די פאגראמען פון די 80־ער יארן האט דאווידאוויטש אינגאנצן פארלאזן די רעוואליוציאנערע רייען און איז אריבער צו די כיוועווייציען.

אַף וויפֿל די פּאָגראָמען, און די פֿאַלשע שטעלונג פֿון אַ ריי נאַראָדניקעס צו די פּאָגראָמען האָבן אַרויסגערופֿן נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, כאַראַקטעריזירט אַ בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1882 יאָר פֿון קיעוו אין אויסלאַנד. דאָרט ווערט געזאָגט:

„...דו אינטערעסירסט זיך צו וויסן אין וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד געפֿינט זיך איצט די יידישע פֿראַגע און ביכלאַל ווי באַציט זיך צו דער דאָזיקער פֿראַגע די יידישע לערניוגנט, און צום סאָף ווי קוקט דער פּראָסטער קלאַס אַף דער זאַך פֿון עמיגראַציע. טאָ לאָמיר דיר זאָגן, אַז די לאַגע פֿון די יידן אין רוסלאַנד איז איצט ערגער ווי שלעכט, און דעם איז ניטאָ קיין סאַפֿעק; פֿון איין זייט זען מיר, אַז אַנשטאָט די האָפֿענונגען אַף גלייכבאַרעכטיקונג פֿון די יידן, וואָס עס האָט זיך געדוכט, אַז נאָך די פּאָגראָמען וועלן זיי פֿאַרווירקלעכט ווערן, זיינען איינגעפֿירט געוואָרן אַ ריי נייע אויסנאָם־געזעצן פֿאַר יידן, וואָס האָבן אַף אַזאַ אויפֿן נאָך שמעלער געמאַכט די גרענעצן, אין וועלכע די יידן האָבן זיך געקענט ראַנגלען אין קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ... פֿון דער צווייטער זייט, זיינען די דאָזיקע אויסנאָם־געזעצן איבערהויפּט געריכטעט קעגן דעם עקאָנאָמישן מאַצעוו פֿון די יידן, מע האָט אַזוי דערנידעריקט די יידן ביכלאַל, מע איגנאָרירט אַזוי זייער יעדן געפֿיל פֿון זעלבסטווירדע, אַז אַפֿילע דער סאַמע פּראָסטער ייד פֿילט זיך טיף באַליידיקט. אַט דערביי איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די מאַסע זוכט אַ ווינקל, ווו דער באַליידיקטער זאָל קענען געפֿינען אַ מאַקעם־מענוכע, און איז גרייט איבערוואַנדערן וווּהין עס איז — אין אַמעריקע, אין פּאַלעסטינע, אָדער וווּהין די אויגן קענען פֿאַרטראָגן, אַבי נאָר וואָס ווייטער פֿון רוסלאַנד" *).

אַט די דאָזיקע שטימונגען פֿון וועלן זוכן אַ מאַקעם־מענוכע פֿאַר די באַליידיקטע און געקרענקטע יידן האָבן באַהערשט ניט נאָר דעם אומבאַקאַנטן קיעווער סטודענט, אַקסעלראָדס קאָרעספּאָנדענט, און די „סאַמע פּראָסטע מענטשן" עס איז אַ פֿאַקט, אַז אַפֿילע אַקסעלראָד און זיינע כאַווײרים האָבן אויך גענומען טראַכטן וועגן קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע. אין אַ בריוו צו לעסינען, דעם רעדאַקטער פֿון דעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „צוקונפֿט", שרייבט אַקסעלראָד וועגן זיין דעמאָלטיקן קוק אַף אָט דער פֿראַגע אַזוי:

„וואָס איז שייעך מיינע מיינונגען ספּעציעל וועגן יידישן יישעוו אין פּאַלעסטינע האָב איך זיי פֿאָרמולירט אַף אַזאַ אויפֿן: מאַכמעס היסטאָרישע טראַדיציעס וואָלט פּאַלעסטינע געקענט ווערן פֿאַר די יידן אַן עמעס פֿאָטערלאַנד, זייער אייגענע קליינע מעלוכע, ווו זיי וואָלטן זיך געפֿילט צום ווייניקסטן קוימעט אַזעלכע פּאָליטישע באַלעבאַטים און פֿולבאַרעכטיקטע בירגער, ווי, לעמאָשל, די לאַטישן, פֿינלענדער, פּוילן אין די רוסישע פּראָווינצן, וואָס געהערן צו זיי געשיכטלעך, אָדער ווי די סלאַוון אין עסטרייך־אונגאַרן. אָבער דער באַרימטער עליזע רעקליו, וועמען איך האָב אָנגערעדט דורך מיינע פּאַריזער פֿריינט, וואָס האָבן געוווינט מיט אים אין שכיינעס אין דער פֿראַנצויזישער שווייצאַריע, האָט אין באַזונדערע שוועריקייטן צעקלאַפּט

*) אויסצוג פֿון אַ פּריוואַטן בריוו פֿון קיעוו, געשריבן אין פֿעוורויאַל 1882. פֿאַרעפֿנטלעכט אין „פּ. ב. אַקסעלראָדס אַרכיוו".

מיינע פלענער און האפענונגען. איך דערמאן זיך, אז דער הויפט־מאטיוו, אדער איינער פון די עקליוס ווייכטיקע מאטיוון פאר מיר, קעגן מיין געהאנק צו פארוואנדלען פאלעסטינע אין א יידישן פאטערלאנד איז געווען זיין אנווייזונג, אז מע וועט זיך דארט צונויפשטויסן מיט דער אראבישער באפעלקערונג, מיט די אראבער, בא וועלכע פאלעסטינע איז נישט נאר לויט טראדיציע, נאר אויך פאקטיש זייער פאטערלאנד, און זייערע רעכט אף דער טעריטאריע קאן מען נישט אפלייקענען *).

א טייל פון די יידישע רעוואלוציאנערן האבן דאן אנגעהויבן צו כאלעמען וועגן פארן אין אמעריקע און דארטן גרינדן קאמוניסטישע קאלאניעס. צווישן די דאזיקע טרוימער איז אויך געווען דער בארימטער יידישער פראלעטארישער דיכטער דאוויד עדעלשטאט, וואס איז מיט א גרופע פון „אם אולאם" אוועקגעפארן אין אמעריקע און געטרוימט וועגן שאפן א קאמוניסטישע קאלאניע.

די דאזיקע נאציאנאליסטישע שטימונגען האבן געטראפן א ווידערשטאנד מיצאד די ערנסטע סאציאל־דעמאקראטישע קרייזלעך, וואס האבן אנגעהויבן צו אנטשטיין צווישן די יידישע ארבעטער גלייך נאך דער אנטשטייונג פון דער גרופע „אסווא־באזשדיעניע טרודא". אין דער ליטעראטור פון יענער צייט געפינען מיר א ריי פאקטן וועגן דער קעגנערשאפט צו די דעמאלטיקע פאלעסטינישער באוועגונג. אפילע דער פיאנער פון דער יידישער פראלעטארישער דיכטונג מ. ווינטשעווסקי האט אין זיין קאמף־ליד „די מארסעליעזע" אין 1889 יאר געשריבן:

„זאגט, ארבעטער, איזראעליטן,
אף וועלכער געולע ווארט איר היינט?
דער גויעל פון די פאראזיטן
קען אייער גויעל נישט זיין, פריינט!
איר וואלט אפילע אין יערושאלאים
בלייבן שקלאפן בא דעם מאן פון געלט!"

דער פיאנער פון דער יידישער רעוואלוציאנערער דיכטונג רופט דעם יידישן ארבעטער צום קאמף קעגן דער טיראניי.

מיט דריי יאר שפעטער (אין 1892), ווען אין ווילנע איז צום ערשטן מאל געפייערט געווארן דער ערשטער מיי, און פיר יידישע ארבעטער האבן געהאלטן רעדעס אף אומלעגאלע פארזאמלונגען, געפינען מיר אין די דאזיקע רעדעס א ווידערשטאנד דעם נאציאנאליזם פון יענער צייט; איינער פון די פיר רעדנער האט געזאגט:

„אלס א מיטל קעגן דער אומדערטרעגלעכער לאגע פון די יידן האט מען אויסגעפונען א רעטונג־ארט — די „הייליקע פאלעסטינע", וואס יידן דערקלערן, אז זיי האבן דארטן א רעכט צו לעבן, ווייל דארט זיינען באגראבן געווארן די אוועסאווויסיינו, וועלכע האבן דארט אמאל פארבראכט עטלעכע גליקלעכע יאר. עס פארשטייט זיך, און עס איז גאר קיין וואונדער נישט, אז די יידישע ארעמע פאלקסמאסן לאזן זיך פארפירן. בא זיי איז פאראן א פארלאנג כאטש איין מאל זיך באפרייען פון דער טויזנטיאריקער אונטערדריקונג. זיי גלויבן, אז ווען עס איז וועט קומען מאשיעך און וועט אלע יידן אוועקפירן אין פאלעסטינע, און נאר דעמאלט וועט דער

*) „צוקונפט", נום. 9, 1924, ז. 550.

אָרעמער ייִד קאָנען לעבן אַ מענטשלעכן לעבן. און פֿאַר אים האָבן זיך טאַקע גע־פֿונען די פּאַסיקע פֿירער — די פּאַלעסטינצעס.

אָבער אויב די אָרעמע יידישע פֿאָלקמאַסן וואָלטן זיך געקענט נעענטער צוקוקן צו דעם שרעקלעכן לעבן, וואָס פֿאַר זיי ווערט צוגעגרייט דאָרטן (אין פּאַלעסטינע), וואָלטן זיי געוויס אופֿגעהערט צו כאָלעמען וועגן איר".

מע וואָלט געקענט זיין איינשטימיק מיט אַזאַ מיינונג נאָר דאַן, ווען דאָס גאַנצע יידנטום וואָלט געווען אַן אָפּגעזונדערטע נאַציע, וועלכע שטייט אינגאַנצן אויסער די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען אָדער ווען דאָס יידנטום וואָלט באַשטאַנען פֿון לויטער בורזשויען.

צי פֿילט אָבער ניט דער צעוואונדיקטער קערפּער פֿון דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט די גאַנצע לאַסט פֿון קאַפּיטאַל? דער קאַפּיטאַל ציט אויס דאָס בלוט פֿון דעם יידישן אַרבעטער צוגלייך ווי פֿון אַלע אַנדערע אַרבעטער" *).

עס איז קלאָר, אַז אין דער אופשטייענדיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער זיינען געווען צוויי ריכטונגען — אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע, וועלכע האָט באַלד פֿון אָנהייב דערוואַרט די באַפֿרייונג פֿון די יידישע אונטער־דריקטע מאַסן אין דער אַלגעמיינער באַפֿרייונג פֿון אַלע אונטערדריקטע, און אַ נאַ־ציאָנאַליסטישע ריכטונג, וועלכע האָט געזוכט אַ ספּעציפֿישן וועג פֿאַר דער באַ־פֿרייונג פֿון די יידישע מאַסן.

אין 1895 יאָר האָט דער סאָציאַליסטישער גערַאַנק צווישן דער יידישער אַרבע־טערשאַפֿט שוין געלאָזן גאַנץ טיפֿע וואָרצלען.

אין אַ ריי שטעט פֿון געוועזענעם יידישן טכום זיינען שוין געווען פֿיל סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך, צוזאַמען מיט דידאַזיקע קרייזלעך זיינען אַנט־שטאַנען די „קאַמף־קאַסעס", און אין אַ ריי שטעט פֿון מייזרעוו־געגנט האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פֿון עקאָנאָמישע שטרייקן מיט פֿאָדערונגען פֿון אַ קירצער אַרבעט־טאָג, גרעסערע סכירעס און מענטשלעכע אַרבעט־באַדינגונגען. צוזאַמען מיט די עקאָנאָמישע פֿאָדערונגען האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצושטעלן אויך פּאָליטישע פֿאָדערונגען.

אין ווילנע און אַנדערע שטעט האָט מען צום ערשטן מיי איינגעאָרדנט אונ־טערערדישע פֿאַרזאַמלונגען פֿון הונדערטער אַרבעטער. אָט אין דער צייט האָט זיך אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג באַוויזן אַ נייער מין יידישער נאַ־ציאָנאַליזם מיט אַ סאָציאַליסטישן אונטערשלאַק. דער באַגרינדער פֿון דעמדאָזיקן נאַציאָנאַליזם איז געווען אַ. מאַרטאָוו, וועלכער האָט אין אַ פֿאָרטראָג אַף אַן אונ־טערערדישער מיי־פֿייערונג דעם 2-טן מיי 1895 יאָר דערקלערט:

„אין די ערשטע יאָרן פֿון אונדזער באַוועגונג האָבן מיר אונדזער גאַנצע רעטונג געוואַרט פֿון דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס; אַף זיך אַליין האָבן מיר דעמאָלט גע־קוקט, ווי אַף אַ צוגאָב צו דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס האָבן מיר גע־

*) „פֿיר רעדעס פֿון יידישע אַרבעטער". אַרויסגעגעבן אין זשענעווע (אַף רוסיש) 1893. איבע־געדרוקט אין אונדזער אַרבעט „די רעוו. באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד" (רוסישע אויסגאַבע).

יאָרשנט פֿון דער ייִדישער בורזשואַזיע, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס זי קימערט זיך ווייניק וועגן דער ייִדישער נאַציע, און מיט דעם, וואָס זי גלייבט ניט אין די ייִדישע מאַסן. נאָר די באַוועגונג האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון דער יערושע פֿון דער בורזשואַזיע.

דורך דעם, וואָס מיר האָבן אין צענטער פֿון אונדזער פּראָגראַם אַוועקגעשטעלט די מאַסן־אַרבעט, האָבן מיר געמוזט זען, אַז אונדזער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די מאַסן, ד. ה., מאַכן זיי מער ייִדיש...

...דערביי אָבער ווייסן מיר אויך, אַז מיר קענען ניט דערוואַרטן אַלץ, ווי פֿריער, פֿון דער באַוועגונג פֿון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, ווי אונדזער בורזשואַזיע וואַרט קאַלטוו און בעסער פֿון דער רוסישער רעגירונג און פֿון באַאַמטישן ליבעראַליזם. מיר דאַרפֿן פֿאַרשטיין, אַז דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס וועט אויפֿן וועג פֿון קלאַסן־אַנטוויקלונג אַנטרעפֿן אַזעלכע שטערונגען, אַז יעדער קלענסטער זיג וועט אים קאָסטן שרעקלעכע אָנשטרענגונגען. דעריבער וועט ער נאָר דורך אַ שטענדיקן פֿעסטן קאַמף זיך קענען דערשלאָגן איין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פֿאַרבעסערונג נאָך דער אַנדערער; און אויב אַזוי, איז קלאָר, אַז ווען דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט וועט אויסקומען מאַקריוו צו זיין וועלכע עס איז פֿון זיינע פֿאָדערונגען, קעדיי צו דערגרייכן כאָטש וועלכע עס איז פֿאַרבעסערונגען, וועט ער אין אַזאַ פֿאַל, געוויינטלעך, בעסער מאַקריוו זיין די פֿאָדערונגען, וועלכע זיינען נייטיק נאָר ספּעציעל דעם ייִדן, ווי צ. ב. פֿרייהייט פֿון רעליגיע אָדער גלייכע רעכט פֿאַר ייִדן.

אַט פֿאַרוואָס מיר דאַרפֿן אָפֿן און דייטלעך זאָגן, אַז אונדזער ציל, דער ציל פֿון ייִדישע טעטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, באַשטייט אין דעם, וואָס מיר דאַרפֿן שאַפֿן אַ ספּעציעלע ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיין אַן אָנפֿירער און דערציער פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פֿאַר עקאָנאָמישער, בירגערלעכער און פּאָליטישער באַפֿרייונג”.

מיט מאַרטאָווס רעדע הייבט זיך אָן דער אַזוי־גערופֿענער „סאָציאַליסטישער” נאַציאָנאַליזם אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער מאַרטאָווס לאָזונג צו שאַפֿן אַ באַזונדערע ייִדישע אַרבעטער־פּאַרטיי איז פֿון די ייִדישע אַרבעטער באַקעמפֿט געוואָרן. די ייִדישע אַרבעטער פֿון ווילנע האָבן אויפֿגעוואָרפֿן מאַרטאָוון, אַז מיט זיינע אַרגומענטן פּלאַנצט ער איין בא די ייִדישע אַרבעטער אַן אומצוטרוי צו זייערע ברידער פֿון אַנדערע פֿעלקער, און אַז זיינע געדאַנקען זיינען שעדלעך פֿאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. וועגן דעם דערציילט מאַרטאָוו אין זיינע „נאָטיצן פֿון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט”:

„אין געשפּרעכן האָט מען מיר אויפֿגעוואָרפֿן, אַז מיינע אויספֿירן זיינען געווען שעדלעך און אַז מיינע אַרגומענטן זיינען וווּלגאַריזירט, און מע קאָמענטירט זיי אין דיסקוסיעס אויף פֿאַרשיידענע פֿאַרזאַמלונגען. נאָר אייניקע האָב איך גענומען צווייפֿלען אין דער ריכטיקייט פֿון מיינע אויספֿירן. איך האָב אויסגענוצט די ערשטע מעגלעכקייט (אין אויגוסט 1895 יאָר) אין דער צייט פֿון אַ שטרייק בא די טאַבאַק־אַרבעטער. דער ווילנער ראָוו האָט געהאַלטן אין בעסמעדרעש אַ רעדע קעגן די שטרייקער און גערופֿן צו פֿאַרהיטן די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אייניקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק, און די אַרבעטער האָבן מיט פֿייפֿערייען אַרונטערגעריסן דיזאַזיקע דעקלאַ־

מאציע, האב איך דאן אנגעשריבן א פאמפלעט „די יידישע ארבעטער — קעגן די יידישע קאפיטאליסטן", אין וועלכן איך האב געשריבן, אז די ארבעטער־באוועגונג צעשפאלט אף איריק די נאציאנאלע איניקייט, און פארלירנדיק דעם צוזאמענבונד מיט דער יידישער בורזשואזער וועלט, מוז דער יידישער פראלעטאריאט פארביטן אים אף א צוזאמענבונד מיט דעם רוסישן און פוילישן פראלעטאריאט".

דאס באווייזט אונדז גאנץ קלאר, אז אפילע קעגן מארטאוס „סאציאליסטישן" נאציאנאליזם זיינען די יידישע ארבעטער ארויסגעטראטן און געצוואונגען מארטאוון אפצוזאגן זיך פון זיינע נאציאנאליסטישע געדאנקען.

אין 1896 יאר, ווען אפן טאג־אָרדענונג פון די סאציאל־דעמאקראטישע גרופעס אין רוסלאנד ווערט געשטעלט די פראגע וועגן ארגאניזירן אין רוסלאנד א סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי, געפינען מיר, אז אין די „קאמף־פארבאנדן צו באפרייען דעם ארבעטער־קלאס" זיינען געווען יידן — סאציאל־דעמאקראטן, וועלכע האבן זיך ניט געשטעלט קיינע באזונדערע אויפגאבן צו ארגאניזירן א באזונדערע יידישע ארבעטער־פארטיי. אין דעם יאר האט א גרופע וויטעבסקער יידן — סאציאל־דעמאקראטן זיך באשעפטיקט מיט דער פראגע וועגן פאריייניקן די סאציאל־דעמאקראטישע קרייזן, און די וויטעבסקער גרופע האט ארויסגעשיקט באווייזרים אין פארשיידענע שטעט, ווי ווילנע, מינסק, מאליעוו, האמעל, קיעוו, קרעמענטשוג און אין אנדערע שטעט, מיט דעם ציל זיך צו באקאנען מיט דער ארבעט פון די סאציאל־דעמאקראטישע גרופעס. אין אפרעל 1897 יאר האבן דירזיקע וויטעבסקער סאציאל־דעמאקראטן זיך צונויפגעקליבן און אפגעהאלטן א בעראטונג, וועלכע האט געדויערט 10 טעג*). אף דערדאזיקער בעראטונג האבן זיי אפילע אויסגעארבעט עפעס א פראגראם און זיך פאנאנדערגעווארפן אין פארשיידענע שטעט ארבעטן**). אבער אויך די וויטעבסקער יידן — סאציאל־דעמאקראטן האבן געטראכט נאר וועגן ארגאניזירן אן אלגעמיינע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי.

וועגן דעם כאראקטער און ראלע פון די סאציאל־דעמאקראטן — יידן פון דער צווייטער העלפט פון די 90־ער יארן, שרייבט וו. נעוסקי אין די „עטיודן צו דער געשיכטע פון ר. ק. פ.":

„אין דער פריערדיקער באשרייבונג האבן מיר אנגעוויזן די פארבינדונגען — נעמען און שטעט — פונוואנען עס זיינען געקומען סאציאל־דעמאקראטן פון מייערווערגעגנט — די סאציאל־דעמאקראטן—יידן פון האמעל, וויטעבסק, ווילנע און מינסק זיינען ארומגעפארן איבער די רוסישע שטעט. זיי פלעגן ארייפאלן באזונדערס אפט אין קיעוו, אדעס, כארקאוו, יקאטערינאסלאוו, קרעמענטשוג און אנדערע שטעט. זיי האבן, באזונדערס אין דער צווייטער העלפט פון די 90־ער יארן, געבראכט זייערע סטאטוטן פון די קאמף־קאסעס, זייער דערפארונג פון זייער אנטייל אין די קאסעס, זייער שטרייק־לוסט און זייער קאנספיראטיווע און ארגאניזאציאנעלע דערפארונג, און האבן געהאט א גרויסע ווירקונג אף דער אנטוויקלונג פון דער סאציאל־דעמאקראטישער באוועגונג אין רוסלאנד".

*) אין דער בעראטונג האבן זיך באטייליקט: די ברידער גורעוויטש (באריס, עמאנועל, און מאטוויי) וו. מינק, א. ראבקין, ווילענסקי, אבראמאוו און ב. פלאן.

**) וו. נעווסקי — „עטיודן צו דער געשיכטע פון ר. ק. פ." — 1־טער באנד, ז. 490.

פון דעם אלעם ווערט קלאָר, אַז מאַרטאָווס געדאַנק וועגן באַשאַפן אַ באַזונדערע יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי איז באַקעמפט געוואָרן פון אַ גרויסן טייל סאָציאַל־דעמאָקראַטן — יידן פון יענער צייט.

אין 1897־טן יאָר זיינען פאָרגעקומען צוויי פּאַסירונגען אין דער יידישער סוויווע: אין דעם יאָר האָט זיך באַוויזן דער ציאָניסטישער מאָשיעך — ד״ר הערצל, און דער ציאָניזם איז דאַן געוואָרן אַ פּאָליטישע באַוועגונג מיט אַ נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק פון „אויך לויאָוודאָ טיקוואָסיינו״. אָבער ד״ר הערצלס רעפאָרמירטער ציאָניזם האָט נאָר אַרומגעכאַפּט ברייטע שיכטן פון יידישן קליינבירגערטום און טיילווייז דעם יידישן באַלמעלאָכע.

אין דעמזעלבן יאָר איז אויך אַנטשטאַנען דער „בונד״. אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ באַזונדערן צוזאַמענפאָר פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס האָט מען, לויט ווי עס דערציילט אַלעקסאַנדער קרעמער, אין פרילינג 1897 יאָר, און אין סענטיאַבער דעמזעלביקן יאָר איז דער צוזאַמענפאָר שוין פאָרגעקומען אין ווילנע. דער צוזאַמענפאָר האָט קיין סאַך ניט געדויערט, אינגאַנצן זיינען געווען דריי אָדער פיר זיצונגען. קיין פּראָגעס וועגן פּראָגראַם און טאַקטיק זיינען ניט באַהאַנדלט געוואָרן. מע האָט דיסקוסירט וועגן דעם, וויאַזוי זאָל מען אָנרופן די נייע אָרגאַניזאַציע. פון אָט די דעבאַטן ווערט קלאָר, וואָס פאַר אַן אויפגאַבן די גרינדער פון „בונד״ האָבן זיך געשטעלט. דער בונדישער היסטאָריקער וו. שולמאַן דערציילט, אַז וועגן דעם נאָמען פון דער נייער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען צוויי פאָרשלאָגן: 1) „פאַריין פון יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס אין רוסלאַנד״, 2) „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד״. דער צוזאַמענפאָר האָט אָפּגעוואָרפן דעם ערשטן נאָמען, מאָטיווירנדיק עס דערמיט, וואָס אַזאַ נאָמען וואָלט באַטייט אַ הייפל מענטשן, וועלכע אָנערקענען שוין די פּרינציפּן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און זיינען די פירער פון דער באַוועגונג. אַ פאַריין פון אַזעלכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס וואָלט באַטייט אַ פאַרייניקונג פון די העכערע טוער, די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע וואָלט צו אים ניט געקענט געהערן, און דאָס איז ניט געווונטשן... פאַרקערט, דער נאָמען „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד״ באַטייט טאַקע אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט אַ פאַרייניקונג פון דעם גאַנצן יידישן קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט, אָפּגענטירן פאַר יעטווידער אַרבעטער, וואָס שטייט צו צום קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן*). אַזוי כאַראַקטעריזירט איצט דער בונדישער היסטאָריקער שולמאַן די פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע פון „בונד״ אין די ערשטע מינוטן פון זיין אַנטשטיין. אַלעקסאַנדער קרעמער, איינער פון די גרינדער פון „בונד״, דערציילט אין זיינע זיכרוינעס וועגן דער גרינדונג פון „בונד״, אַז אויב מע וואָלט אָנגערופן די אָרגאַניזאַציע „יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי״, וואָלט דער נאָמען ניט אָפּגעשפּיגלט די אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון האַלב־רויע, נאָך ניט אַנטוויקלטע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך געגרופּירט אַרום די עקאָנאָמישע קאַסעס**).

*) וו. שולמאַן — „בלעטלעך געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג״, ז. 24. פאַרלאַג „די וועלט״, וואַרשע, 1929.

**) אַלעקסאַנדער קרעמער — „די גרינדונג פון בונד״, „פּ אָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָליוציאַ״, נום. 11, 1922 יאָר.

כאָטש קיין פראַגן פון פּראָגראַם און טאַקטיק זיינען אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" ניט באַהאַנדלט געוואָרן, דאָך האָט דער עפּיזאָד מיטן נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע פּאַקטיש שוין קלאָר געמאַכט איר פיזיאָנאָמיע: דער נאָמען „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד" האָט גלייך איידעם געזאָגט, אַז דער „בונד" איז ניט געשאַפן געוואָרן ווי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, נאָר אַז דאָס איז געווען אַ פאַרייניקונג פון באַלמעלאָכישע עלעמענטן, וואָס זיינען געגאַנגען אין די עקאָנאָמישע קאַמפן נאָר צוליב גאַנץ באַגרענעצטע עקאָנאָמישע צילן און האָבן קיין האַסאַגע ניט געהאַט וועגן סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם. כוץ דעם האָט דער נאָמען „יידישער אַרבעטער־בונד" אויך איידעם געזאָגט, אַז די פירער פון דערהאַזיקער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך גלייכצייטיק געשטעלט אַן אויפגאַבע צו שאַפן אַ באַזונדערע יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי מיט באַזונדערע צילן און שטרעבונגען. עמעס, אויפן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט מען וועגן דער פראַגע גענוג קלאָר ניט גערעדט; אָבער מיט עטלעכע כאָדאָשים שפּעטער (אין אָנהייב 1898 יאָר) האָט דער צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד" — די „אַרבעטער־שטימע" שוין וועגן דער פראַגע גערעדט אָפענע דיבורים און דערקלערט:

„דערפאָלגרייך צו פאַרטיידיקן די ספּעציעלע יידישע אינטערעסן איז ניט בעקוועם קיין אַלגעמיין־רוסישע אָרגאַניזאַציע, וועמעס הויפּטאויפגאַבע עס דאַרף באַשטיין אין קעמפן פאַר די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן, וואָס רירן אָן גלייך אַלע גרופּן פון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע הויפּט־אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי איז אַזוי אויך גענוג ברייט און פאָדערט די אָנווענדונג פון אַלע אירע קויכעס, דעריבער וועט די פּאַרטיי, קעגן איר ווילן, ניט האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַשעפטיקן מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטער פון באַזונדערע פעלקער און באַזונדערס מיט די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער. די אַלגעמיינע פּאַרטיי וועט ניט קענען זיי צושטעלן די נייטיקע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור אויף זייער אייגענער מוטער־שפּראַך. די פּאַרטיי וועט גענוי ניט קענען וויסן אין יעדער מינוט די שטימונגען פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועט ניט זיין באַקאַנט מיט זיין לאַגע און מיט די פראַגן, וועלכע וועלן אַרויסגערופן ווערן אין זיין סוויווע. צוליב דעם וועט זי ניט האָבן קיין מעגלעכקייט צו וויסן זיינע נויטן און וועט ניט קענען רעגולירן זיינע פאָדערונגען. זי (די פּאַרטיי) וועט ניט זיין אימשטאַנד אין אַ גענוגנדיקער מאָס אויסצונוצן די שענדלעכע פאַרפאָלגונגען קעגן די יידן מיצאַד דער רעגירונג, פּראָפּאַגאַנדירן די אידיי פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. און צום סאָף, וואָס עס איז באַזונדערס וויכטיק, דאָס, וואָס ווען עס וועט קומען דער אַנטשיידענער מאָמענט, וועט די פּאַרטיי ניט קענען מיט אַזאַ ענערגיע און קראַפט פאַרטיידיקן די ספּעציעלע אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, מיט וועלכע זי וועט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זי שטעלט זיך אַלס הויפּט־ציל. נאָר אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז נאַטירלעך אַרויסגעוואַקסן פון קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט קעגן עקספּלואַטאַציע און איז מיט אים צוזאַמענגעבונדן מיט טויזנטער פעדעם, קען ענערגיש פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן; נאָר אַזאַ אָרגאַניזאַציע וועט קענען נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צוצושטעלן די נייטיקע קרעפטן, קעדיי צו פירן

א דערפֿאָלגרייכן קאַמף פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט". („אַרבעטער־שטימע" נומ. 11, 1898).

פֿון דידאָזיקע געבראַכטע שורעס קען מען דייטלעך זען, אַז די גרינדער פֿון „בונד" האָבן געהאַט גאַנץ באַשטימטע צילן, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין אָפּזונדערן די יידישע אַרבעטערמאַסן און אַ ספּעציעלער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, קעדיי דורך איר קענען קעמפֿן פֿאַר די „ספּעציעלע יידישע אינטערעסן". אין אָנהייב האָבן די גרינדער פֿון „בונד" דידאָזיקע „ספּעציעלע אינטערעסן" אָנגערופֿן די „בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג". אָבער דערנאָך איז דידאָזיקע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע ניטיק געווען צו קעמפֿן פֿאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אווטאָנאָמיע און נאָך אַנדערע אַזעלכע „ספּעציעלע יידישע אינטערעסן".

די אידיי וועגן שאַפֿן אַ באַזונדערע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פֿאַר „ספּעציעלע יידישע אינטערעסן" איז געווען דער יעסאָד, אַף וועלכן עס האָבן זיך באַזירט די גרינדער פֿון „בונד", און די אידיי איז גענומען געוואָרן פֿון מאַרטאָווס רעדע: „די נייע עפּאָכע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג".

פּונקט ווי אַלע פּריערדיקע דערשיינונגען פֿון נאַציאָנאַליזם האָבן באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד אין די רייען פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן—יידן, אַזוי האָט אויך דער בונדישער נאַציאָנאַליזם באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד, וועלכער האָט זיך גלייך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס אַסאַך יידן — סאָציאַל־דעמאָקראַטן פֿון מיירעוו־געגנט זיינען ניט געגאַנגען אין די באַזונדערע בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

א. קרעמער — איינער פֿון די גרינדער פֿון „בונד" — דערציילט, אַז אין האָמעל האָט זיך פֿאַר דער אַנטשטייונג פֿון „בונד" געגרינדעט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע בלויז פֿון יידן, און ווען דער „בונד" האָט זיך געגרינדעט, איז ער, אַלס מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון „בונד", געקומען אין האָמעל און פֿאָרגעלייגט, אַז די גרופּע זאָל ווערן אַ קאָמיטעט פֿון „בונד". אָבער די גרופּע האָט זיך אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיק, אַז עס איז ביכלאַל ניט נייטיק פֿאַר די יידישע אַרבעטער צו האָבן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע („פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָליוציאַ" נומ. 11, 1922 יאָר).

באַזונדערס בולעט האָט זיך דידאָזיקע שטעלונג פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן—יידן צום „בונד" אַרויסגעוויזן אין דאָרעם־רוסלאַנד. אין דעם זאַמלבוך, וואָס דער היסטפּאַרט פֿון אַל. ק. פּ. האָט אַרויסגעלאָזן צום 25־יאָריקן יובילײ פֿון ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון רסדאַ"פּ, געפֿינען מיר אין די אַרטיקלען און זיכרוינעס פֿון ב. אייידעלמאַן, א. פּאָלישוק, ווילענסקי, סאַנקין, ס. רודערמאַן, מ. דאָרענגאָלץ, אַלעקסאַנדער נאַטקין, ג. גערשאַנאָוויטש און א. סאָלץ אַ ריי פֿאַקטן, וועלכע באַווייזן, אַז ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דער „בונד" האָט זיך אָרגאַניזירט פֿריער, זיינען די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן געבליבן אין די רייען פֿון די אַלגעמיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס. זיי האָבן קיין בונדישע אָרגאַניזאַציעס ניט געשאַפֿן און ניט געוואָלט שאַפֿן און האָבן מיט אַלע מיטלען מיטגעהאָלפֿן צו שאַפֿן די קיעווער רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „אַרבעטער־צייטונג"*) און געהאָלפֿן אָרגאַניזירן דעם ערשטן צו־

---

*) „אַרבעטער־צייטונג" — אָרגאַן פֿון די קיעווער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אָנגעהויבן צו דערשיינען אין 1897 יאָר. די גרינדער און מיטאַרבעטער פֿון דער צייטונג זיינען געווען איידעלמאַן, פּ. טוטשאַפּסקי, ב. וויגדאָרטשיק, וו. פּעראַזיטש און אַנדערע. אַפֿן 1־טן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ר.ס.ד.א.פּ.

זאַמענפאָר פון דער רסדא״פ און גרינדן די „רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי״.

דער קאַמף קעגן דעם בונדישן נאַציאָנאַליזם און אָפּאָרטוניזם האָט זיך באַזונדערס פאַנאַנדערגעפלאַקערט, ווען די „איסקראַ״ איז אַנטשטאַנען און האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן יעדער פאָרם פון אָפּאָרטוניזם אין די רייען פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אַט דערדאָזיקער קאַמף ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם אין דער גאַנצער ווייטערדיקער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער.

אין הערדאָזיקער אַרבעט ווערט באַלויכטן דער קאַמף, וואָס די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — יידן און ניט־יידן — האָבן אונטער דער אָנפירונג פון לענינען און דער אַלטער „איסקראַ״ געפירט קעגן נאַציאָנאַליזם פון „בונד״, וואָס ער האָט געוואָלט איינפלאַנצן צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אין דערדאָזיקער אַרבעט איז צום ערשטן מאָל צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן, פון איין זייט, מיט דער גאַנצער קלאָרקייט דעם אָפּאָרטוניזם און נאַציאָנאַליזם פון „בונד״ און, פון דער צווייטער זייט, דעם אָקשאָנעסדיקן קאַמף, וואָס די באָלשעוויקעס, אונטער דער אָנפירונג פון לענינען, האָבן געפירט קעגן בונדישן נאַציאָנאַליזם און די פּאַרזוכן פון די פירער פון „בונד״ צו צערייסן די איינהייט פון דעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט.

איז באַשטימט געוואָרן, אַז די „אַרבעטער־צייטונג״ זאָל זיין דער אָרגאַן פון דער ר.ס.ד.א.פּ, אָבער אוליב די אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען זיינען אַרויס נאָר צוויי נומערן פון דער „אַרבעטער־צייטונג״ אין 1 זיינען געמאַכט געוואָרן פרוון צו אויפלעבן די צייטונג, אָבער עס איז ניט געלונגען.

לענין און די אלטע „איסקרא“ אין קאמף קעגן „בונד“

דער עקאָנאָמיזם אין „בונד“*)

נאָך דעם ערשטן צוזאמענפאָר פון דער רסדא״פּ האָט זיך אָנגעהויבן דער דריטער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכן לענין האָט אין שלום־אַרטיקל צו זיין בוך „וואָס דאַרף מען טאָן“ כאַראַקטעריזירט ווי א פּעריאָד פון צעברעקלונג, פאַנאַנדערפאַלונג און וואַקלונגען, ווי א פּעריאָד, ווען די שטימע פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אָנגעהויבן ביימן און קלינגען פאַלש, ווען פון איין זייט האָבן סטרווע און אַנדערע אָנגעהויבן פּעלשן דעם מארקסיזם און פון דער צווייטער זייט האָט זיך אין די רייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין סאָף פון די 90־ער יאָרן אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען דער „עקאָנאָמיזם“ און „קוסטאַרעריי“. די עקאָנאָמיסטן האָבן דערקלערט, אז די אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף ניט אריינגעצויגן ווערן אין פּאָליטישן קאַמף און אז „פאַר דעם רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַט איז פאַראַן איין אויסוועג: זיך באַטיי־

---

*) לויט דער איניציאטיוו פון וו. אי. לענין איז אין 1909 יאָר געשאפן געוואָרן די באַרימטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג „איסקרא“, וועלכע האָט גלייך אין אָנהייב פון איר עקזיסטענץ אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן אַלע אָפּאָרטוניסטן פון דער ר. ס. ד. א. פּ. דער ערשטער נומער פון דער „איסקרא“ איז דערשינען אין דעקאבער 1909 יאָר. אין באשטאנד פון דער רעדאקציע זיינען געווען: לענין, פּלעכאנאָוו, מארטאָוו, פּ. ב. אקסעלראָד, א. נ. פּאָטרעסאָוו און וו. זאסוליטש. די „איסקרא“ האָט זיך גלייך געשטעלט פאר א ציל צו אופלעבן און באַפעסטיקן די ר. ס. ד. א. פּ., וועלכע איז פאָרמעל געגרינדעט געוואָרן אף דעם 1־טן צוזאמענפאָר אין 1898 יאָר און פאקטיש דאן ניט עקזיסטירט צוליב די ארעסטן פון די אָנפירער גלייך נאָך דעם ערשטן צוזאמענפאָר. די „איסקרא“ האָט ארום זיך געשאפן אַן אָרגאניזאציע, זי האָט אויסגעארבעט און צוגעגרייט די פּארטיי־פּראָגראם. די „איסקרא“ האָט אויסגעפילט איר אופגאבע: דער צווייטער צוזאמענפאָר איז צונויפגערופן געוואָרן. אָבער אפן צוזאמענפאָר האָבן זיך אָנגעהויבן כילוקע־דייעס און דאָס האָט געבראכט דערצו, אז דער צוזאמענפאָר האָט זיך צעשפּאָלטן אין א מערהייט, בעראָש מיט לענינען, און א מינדערהייט, בעראָש מיט מארטאָוון. נאָכן צוזאמענפאָר האָט זיך אָנגעהויבן א קאמף צווישן די „איסקראָווצעס“ פון דער מערהייט און מינדערהייט צוליב א גאַנצער ריי פּרינציפּיעלע פראגן, און דאָס האָט געבראכט דערצו, אז לענין איז ארויס פון דער רעדאקציע פון „איסקרא“ און די צייטונג איז אריבער אין די הענט פון די מענשעוויקעס. די „איסקרא“ פון נום. 1 ביז נום. 51 ווערט אָנגערופן די אלטע „איסקרא“. פון נום. 52 ביז 112 איז די צייטונג געווען א מענשעוויסטישע. די עפּאָכע פון דער „איסקרא“ רופט מען די נייע „איסקרא“. די מענשעוויסטישע „איסקרא“ איז דערשינען ביז אָקטיאבער 1905.

ליקן, ד. ה., העלפן אין עקאנאמישן קאמף דעם פראלעטאריאט און זיך באטייליקן אין דער ליבעראלער אפאזיציאנעלער טעטיקייט".

דער עקאנאמיזם איז אויפגענומען געווארן פון געוויסע שיכטן פון רוסישן ארבעטער־קלאס, אבער א באזונדערס גינסטיקן באדן האט דער עקאנאמיזם געפונען צווישן דעם באלמעלאכישן פראלעטאריאט פון צאפן־מיזרעוו־געגנט. שוין אינמיטן פון די 90-ער יארן פון פאריקן יארהונדערט איז צווישן די יידישע ארבעטער פארשפרייט געווארן דער געדאנק פון עקאנאמיזם.

אבראם גארדאן האט אין א בראשור פארמולירט דעמדאזיקן געדאנק: „אז די מאסן זיינען נאך נית פעיק צו פארשטיין די סאציאליסטישע אידייען, אז דער קאמף פון ארבעטער־קלאס צו פארבעסערן זיין עקאנאמישע לאגע האט קיין שייכעס נית צו דעם סאציאליסטישן אידעאל, צו וועלכן עס שטרעבן די סאציאליסטן".

כוץ דעם האט אלעקסאנדער קרעמער, איינער פון די גרינדער פון „בונד", גלייכצייטיק מיט גארדאנען געשריבן אין דער באקאנטער בראשור וועגן „אגיטאציע" פאלגנדיקעס וועגן דער אויסשליסלעכער וויכטיקייט פון עקאנאמישן קאמף:

„דערדאזיקער קאמף פאר קליינע פאדערונגען... דער קאמף, וועלכער ווערט אין גרעסטן טייל איינגעשלאסן אין די ראמען פון קעמפן דירעקט מיט די עקספלואטאטארן א. א., ווערט נית אונטערגעהאלטן פון דער אדמיניסטראציע (ד. ה. פון פאליציי—ס. א.) הארף דינען פאר דעם רוסישן פראלעטאריאט, וועלכער האט נית קיין דערפארונג פון קלאסנקאמף, ווי אן ערשט־שטופעדיקע שול".

דידאזיקע טעאריע וועגן דער וויכטיקייט פון עקאנאמישן קאמף, וואס סיי אבראם גארדאן, סיי קרעמער האבן פארשפרייט, האט זיך טיף איינגעווארצלט צווישן די יידישע ארבעטער פון מיירעוו־געגנט און געפונען זייער אויסדרוק אין דעם, וואס די ארבעטער־באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער האט זיך אנגעהויבן דורך שאפן עקאנאמישע פאך־קאסעס אדער, ווי מע האט עס גערופן, „קאמף־קאסעס", וועלכע זיינען געווען פאקטיש טרעדיוניאניסטישע פאריינען, און האבן גאר געשטרעבט צו פארבעסערן די עקאנאמישע לאגע פון די ארבעטער. אין א סטאטוט פון איינער פון דידאזיקע קאסעס, וועלכער איז אנגענומען געווארן אין 1898 יאר, ווערט דערקלערט:

„דער ציל פון דער קאסע באשטייט אין פאראייניקן די ארבעטער אין קאמף פאר א בעסערן לעבן און געבן מיטלען, וועלכע עס זיינען נייטיק צו פירן דעמדאזיקן קאמף".

דעמזעלבן ציל האבן זיך געשטעלט אלע קאסעס; זיי האבן אלע ארויסגעשטעלט גאנץ באגרענעצטע עקאנאמישע אויפגאבן און זיינען געווען ווייט פון פאליטישער טעטיקייט. אט פון דידאזיקע קאסעס איז אין 1897 יאר געשאפן געווארן דער „בונד" און די גרינדער פון דערדאזיקער ארגאניזאציע האבן, ווי עס דערציילט אלעקסאנדער קרעמער, צוגעפאסט דעם נאמען און סטרוקטור פון דער ארגאניזאציע צום עקאנאמישן כאראקטער פון די קאסעס. אלס פועל־יוצא דערפון איז דער „בונד" גלייך פון איינער פון דידאזיקע קאסעס, וועלכער איז אנגענומען געווארן אין 1898 יאר, בונדישע קאמיטעטן האבן אויפגעהאלטן די „טעאריע" וועגן דער נייטיקייט זיך מער אדער גאר אינגאנצן באשעפטיקן מיטן עקאנאמישן קאמף.

א גענויערער בילד וועגן דעם עקאָנאָמיסטישן כאַראַקטער פון „בונד" ווערט געגעבן אין אַן אַרטיקל אין דער „אַרבעטער־שטימע"*) (נומער 28, אויגוסט 1902). אין דערמאָזיקן אַרטיקל איז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון יענער צייט אזוי כאַראַקטעריזירט:

„...די אָרגאַניזאַציאָנען פון די מער אַנטוויקלטע אַרבעטער אַגיטאַטאָרן, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן אום אָנצופירן די באַוועגונג אין יעדער שטאָט, האָבן דאַן אויך געמוזט זיין צוגעפּאַסט צו דעם הויפּט־כאַראַקטער פון דער דעמאָלטיקער באַוועגונג — צום עקאָנאָמישן קאַמף. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז דאַן געווען אָנגעווענדעט אַף די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, און די העכערע איינריכטונגען („אוטשרעזשדעניעס") זיינען געווען, קאָן מען זאָגן, נאָר א צוגאַנג צו זיי. אין פיל ערטער פלעגן די העכערע אָרגאַניזאַציעס ווערן אויסגעקליבן פון די „קאַסעס" און זייער הויפּט־ציל איז דעריקער געווען דערפילן די באַדערפעניש פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און אָנפירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף.

...זייענדיק אָפּהענגיק פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, קענען זיך אונדזערע אָרגאַניזאַציעס קיין מאָל ניט אַוועקשטעלן אַף אַ פעסטן באָדן אין קאָנספּיראַטיווער הינזיכט. אונדזער אַרבעט פירט זיך צוואָרפן. יעדן מיטגליד פון אָרגאַניזאַציע קומט אויס שטענדיק צו באַגעגענען זיך מיט אַ גרויסער מאַסע מענטשן, מע מוז טאָג־טעגלעך האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי לעמאָשל „קאַסעס", קאַסאָווע סכאָדקעס א. ד. גל., וועלכע עס איז אוממעגלעך אוועקצושטעלן העכסט קאָנספּיראַטיוו. און דורך דעם פאַרגרינגערן מיר אַליין די אַרבעט פון דער זשאַנדאַרמעריע, מיר גיבן איר אַליין די מעגלעכקייט צו מאַכן צווישן אונדז אַזעלכע אָפטע און גרויסע „פּראָוואַלן".

בא אַזעלכע באַדינגונגען איז אוממעגלעך אַ שטענדיקע און אַ ברייטע סאָציאַליסטישע טעטיקייט. אום צו פירן אַזאַ טעטיקייט איז ווייניק, אַז אונדזערע אָרגאַניזאַציעס זאָלן באַשטיין פון אַגיטאַטאָרן, וואָס קענען גוט פירן אַן אַגיטאַציע קעגן די באַלעבאַטים, אָדער, איבערהויפּט, גוט פירן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. ניין, אונדזערע אָרגאַניזאַציעס מוזן פריער ווי אַלץ באַשטיין פון רעוואָלוציאָנערן, דאָס הייסט פון מענטשן, וועלכע זיינען גרייט און פעיִק יעדע מינוט אַרויסצווייזן אַ רעוואָלוציאָנערע ענערגיע און אַ רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, זיי מוזן שטענדיק זיין אימשטאַנד צו וויסן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר צווישן אַלע שיכטן פון דער אַרבעטער־מאַסע, ווי אויך פון דער געזעלשאַפט. זיי מוזן שטענדיק קענען אונטערכאַפּן יעדע דערשיינונג פון אומצופרידנהייט און פּראָטעסט, אין יעדן קלענסטן

*) די „אַרבעטער־שטימע" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין 1896 יאָר. ווען דער „בונד" האָט זיך אין 1897 געגרינדעט, איז די „אַרבעטער־שטימע" געוואָרן דער צענטראַלער אָרגאַן פון „בונד". פון 1896 ביז אָקטיאַבער 1905 זיינען דערשינען 40 נומערן פון דער „אַרבעטער־שטימע". נאָך דער פעבראַל־רעוואָלוציע (מאַרט 1917) האָט די „אַרבעטער־שטימע" ווידער גענומען דערשיינען אין פּעטראָגראַד, ווי אַ וועכנטלעכער אָרגאַן פון צ"ק פון „בונד". אין דער עפּאָכע פון פעבראַל ביז אָקטיאַבער 1917 האָט די „אַרבעטער־שטימע" געפירט אַ שענדלעכן קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס און קעגן דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. אין 1917 זיינען דערשינען 51 נומערן פון דער „אַרבעטער־שטימע".

באזונדערן פראטעסט ארייגטראגן א ברייטע רעוואליוציאנערע אידיי און צונויפגיסן אלע איינצלנע פראטעסטירנדיקע טייכלעך אין איין אלגעמיינעם שטראם.

אבער קאלזמאן אונדזערע ארגאניזאציאנען וועלן זיין, ווי איצטער אין אייניקע שטעט, געגרינדעט אף דער פראפעסיאנעלער באוועגונג, קאלזמאן די „קאסעס" וועלן האלטן אונדזערע מער אנטוויקלטע און מער אקטיווע ארבעטער געבונדן אין גייסטיקער הינזיכט און אפנעמען בא זיי גאר זייער צייט און גאר זייערע קרעפטן — וועלן זיך בא אונדז אזעלכע רעוואליוציאנערע ארגאניזאציעס ניט קענען אנטוויקלען.

קיינער וועט ניט לייקענען, אז ביז איצטער האבן מיר אפגעגעבן צופיל קרעפטן אף די עקאנאמישע ארגאניזאציעס און אף דעם עקאנאמישן קאמף. און נאך ערגער פון אלץ איז דאס, וואס אונדזערע קרעפטן גיבן מיר מערסטנטייל אפ אומזיסט, אן וועלכע ניט איז וויכטיקע נוצן. טוט נאר א קוק אף אונדזערע פראפעסיאנעלע פאראייענען: אומעטום זיינען זיי האלב אפגעשטארבן, זיי האבן ניט אונטער זיך קיין פעסטן באדן און זיי האבן אנגעווארן זייער גאנצן כיין אין די אויגן פון דער ארבעטער־מאסע. אף דער אורזאכע פון דערדאזיקער דערשיינונג האט אנגעוויזן נאך מער ווי מיט א יאר צוריק אונדזער פערטער צוזאמענפאר. דער עקאנאמישער קאמף האט שוין איצט ניט אזא באדייטונג ווי פריער, ווייל מערסטנטייל האבן מיר דורך אים שוין זיך דערשלאגן קימאט אלעס, וואס עס איז מעגלעך זיך דערשלאגן בא דער קליינפראדוקציע. אויסער דעם דארפן מיר געדענקען, אז קאלזמאן אין רוסלאנד וועט עקזיסטירן די זעלבסטהערשונג, וועט ביכלאל זיין אוממעגלעך א ברייטע פראפעסיאנעלע באוועגונג, דען אזא באוועגונג איז מעגלעך נאר דארטן, ווו די ארבעטער־מאסע האט רעכט צו פאראייניקן זיך, צו פארזאמלען זיך און צו שטרייקן. אין אונדזערע אומלעגאלע פאראיינען קענען מיר אריינעמען נאר א קליינעם פראצענט פון דער מאסע און דעריבער קענען זיי ניט האבן בא אונדז קיין שטענדיקע און קיין זעלבשטענדיקע באדייטונג.

עס פארשטייט זיך, אז וואס שווערער עס ווערט צו פירן ווייטער דעם עקאנאמישן קאמף, אלץ מער מוזן אונדזערע פראפעסיאנעלע (עקאנאמישע) פאראיינען אנווערן אונטער זיך דעם באדן, און אויב זיי האלטן זיך נאך בא אונדז אין פיל ערטער, איז דאס נאר דערפאר, ווייל אונדזערע ארגאניזאציעס האבן ביז איצט אוועקגעלייגט קימאט אלע זייערע קרעפטן קעדיי קינסטלעך זיי אונטערצוהאלטן.

אין די פריערדיקע יארן האבן דער עקאנאמישער קאמף און די פראפעסיאנעלע פאראיינען צוגעצויגן צו זיך די בעסטע עלעמענטן פון דער ארבעטער־מאסע און זיי האבן באקומען א באפרידיקונג פאר זייער דורשט צו א געזעלשאפטלעכן לעבן און קאמף. אבער אין איצטיקן מאמענט, ווען די מאסע איז שוין אויסגעוואקסן פון די ווינדעלעך, אין וועלכע מיר האבן זי ביז איצטער געוויקלט, זיינען די „קאסעס" פאר איר געווארן צו ענג. זי דערווארט פון אונדז עפעס נייעס, נייע ווערטער, וועלכע מיר האבן גאר אנגעהויבן איר צו ריידן, אבער נאך ניט אינגאנצן ארויסגערעדט...

עס איז צייט, דעריבער, מיר זאלן זיך איינמאל פאר אלעמאל אפזאגן אנצווענדן אלע אונדזערע קרעפטן אף אונטערצוהאלטן די איצט עקזיסטירנדיקע פראפעסיאנעלע פאראיינען און דעם עקאנאמישן קאמף. דאס איז נאך עפשער נייטיק אין די שטעט, ווו די באוועגונג איז נאך יונג, ווו זי האט זיך ערשט ניט לאנג אנגעהויבן. אבער אין

די ערטער, ווו די באוועגונג עקזיסטירט שוין לאנג און ווו זי האט שוין ארומגעכאפט מער אדער ווייניקער ברייטע שיכטן פון דער מאסע, הארטן איז די מאסע שוין פעיק צו פירן דעם עקאנאמישן קאמף אליין, די מאסע אליין וועט שטענדיק ארויסשטעלן פון זיך גענוג ארגאניזאטארן, וואס זאלן קענען זי פאריייניקן אין דעם קאמף, און מיר אליין דארפן אנווענדן אונדזערע קרעפטן אויסצואורבעטן אין יעדער שטאט א שטארקע רעוואליוציאנערע ארגאניזאציאן, וואס זאל קענען אלע מאל און אומעטום פירן א ברייטע רעוואליוציאנערע טעטיקייט"*).

דיזאזיקע כאראקטעריסטיק, וואס דער בונדישער ארגאן „ארבעטער־שטימע" האט געגעבן וועגן די בונדישע ארגאניזאציעס, באווייזט גאנץ קלאר, אז דער „בונד" איז קימאט אויסשליסלעך געווען אן ארגאניזאציע פון עקאנאמישע קאסעס, צווישן וועלכע דער עקאנאמיזם איז געווען גאנץ שטארק איינגעווארצלט. דעריבער איז געווען גאנץ נאטירלעך, אז ווען לענין און די „איסקרא" האבן אנגעהויבן א קאמף קעגן עקאנאמיזם בכלל, האבן זיי אויך באקעמפט דעם בונדישן עקאנאמיזם. אין זיין בוך „וואס דארף מען טאן" האט לענין אויך אנגעוויזן אף דעם עקאנאמיזם פון „בונד" און דאס האט געבראכט דערצו, אז דער פערטער צוזאמענפאר פון „בונר", וועלכער איז פארגעקומען אין אפרעל 1901 יאר, איז געווען געצוווּנגען זיך באשעפטיקן מיט די עקאנאמיסטישע טענדענצן אין „בונד", און אין א באריכט וועגן פערטן צוזאמענפאר פון „בונד" איז וועגן דער פראגע דערקלערט געווארן:

„דער אלטער טעזיס וועגן דער נייטיקייט פון איבערגאנג, אדער פאזן, אדער שטופן, צווישן עקאנאמישער קאמף אן וועלכן עס איז סימען פון פאליטישן, דערנאך אויך פאליטישער, אנהייבנדיק פון קליינע ביסלעך און ענדיקן מיט גרויסע, איז פון צוזאמענפאר אפגעווארפן געווארן. דערדאזיקער טעזיס איז דורכגעפירט געווארן אין לעבן פון געוויסע קאמיטעטן, וועלכע האבן (ווי עס איז אנגעוויזן געווארן) זיך צו לאנג באגרענעצט מיט פירן בלויז אן עקאנאמישן קאמף, אין דער צייט ווען צווישן אויסדערוויילטע קרייזלעך ארבעטער האבן זיי געפירט א ברייטע פאליטישע פראפאגאנדע. די מאסן האבן זיי עפעס באטראכט פאר ווייניק צוגעגרייט אף אופצונעמען פאליטישע אידייען. די פראקטיק האט אבער באוויזן די טאעסדיקייט פון אזעלכע אנשוויונגען. די פאליטישע אונטערדריקונג באווייזט גאנץ קלאר, אז דער ארבעטער נייטיקט זיך ניט אין קיינע פאזן (פון עקאנאמישן און פאליטישן קאמף), אז ער זאל קענען קומען צום סייכל וועגן דער נייטיקייט פון פאליטישן קאמף. נאר איין דעלעגאט האט זיך ארויסגעזאגט, אז עס איז אומעגלעך צו פירן א פאליטישן קאמף אן „עקאנאמישן"**).

דער צוזאמענפאר האט אנגענומען א רעזאליוציע, אין וועלכער עס איז דערקלערט:

*) קעדיי צו דערווייזן, אז אונדזערע ארבעטער־אגיטאטארן ווערן פארשקלאפט דורך דער פראפעסיאנעלער באוועגונג אין גייסטיקער הינזוכט איז גענוג אנצוווייזן אף דעם פאקט, דאס ווען אייניקע פון אונדזערע קאמיטעטן פרובירן ווען־ניט־ווען פארלייגן רעפארמען אין רעוואליוציאנערן זין, באגעגענען זיי אפטמאל ווידערשטאנד פון די נידעריקערע איינריכטונגען (צענטרען — ראזבארקעס. א. ד. גל.), וועלכע האבן מוירע, אז אזעלכע רעפארמען וועלן שאדן דער פראקטישער ארבעט. (באמערקונג פון דער „ארבעטער־שטימע").

**) פער ער צוזאמענפאר פון „בונד", מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, זייט 108, אויסגאבע „טריבונע", 1906.

געוואָרן, אַז דער בעסטער מיטל אַף אָריענטירן די ברייטע מאַסן אין דער באַוועגונג איז דער עקאָנאָמישער קאַמף, אַרום וועלכן מע דאַרף אַנטוויקלען אַ פּאָליטישע אַגיטאַציע, פאַרברייטערן מער אויסער די גרענעצן פון עקאָנאָמישן קאַמף. אָבער עס איז ניטאָ קיין נייטיקייט גלייך פון אָנהייב צו פירן אַ פּאָליטישן קאַמף נאָר אַפן גרונט פון עקאָנאָמישן קאַמף *).

פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע איז קלאָר, אַז דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט זיך אינגאַנצן ניט אָפּגעזאָגט פון עקאָנאָמיזם, מיט וועלכן ער איז געווען דורכגעדרונגען. און לענין, באַקעמפנדיק אין זיין בוך „וואָס דאַרף מען טאָן" די „עקאָנאָמיסטן" פון אויסלענדישן פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, האָט געשריבן וועגן „פאַרבאַנד" און „בונד": „דער פאַרבאַנד (פון די רוסישע סאָציאַל-דעמ.**)—ס. א.) גיט צו אַ באַדייטונג דאָס, וואָס ער האָט פאַרביטן דעם אויסדרוק „מער ברייטערער אָנעמבאַרער מיטל" אַף דעם אויסדרוק „בעסערער מיטל", וואָס איז אין פולן איינקלאַנג מיט דער רעזאָליוציע פון יידישן אַרבעטער-בונד. אונדז וואָלט בעמעס שווער געווען צו זאָגן, וועלכע פון די דאָזיקע רעזאָליוציעס איז בעסער: לויט אונדזער מיינונג זיינען זיי ביידע ערגער. סיי דער פאַרבאַנד, סיי דער „בונד" דערקייקלען זיך דאָ (טיילווייז קען זיין אפילע אומבאַוווסטזיניק, אונטער דער ווירקונג פון טראַדיציעס) צו עקאָנאָמישער טרעדיוניאָניסטישער אויסטייטשונג פון פּאָליטיק" ***).

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן בונדישן נאַציאָנאַליזם האָט לענין אין אַן אַרטיקל „וועגן דער מעלדונג פון בונד" נאָכאַמאָל אָנגעוויזן, אַז דער „בונד" האָט געשטיצט דעם עקאָנאָמיזם. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט לענין געשריבן:

„...אַמאָל האָט דער „בונד" געשטיצט דעם עקאָנאָמיזם, מיטגעהאָלפן אין דער שפּאַלטונג אין אויסלאַנד, אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף איז דער בעסטער מיטל פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע. מיר האָבן זיך געשטעלט קעגן דעם און געקעמפט און דער קאַמף האָט געהאָלפן צו פאַריכטן די אַלטע טאָעסן" ****).

צוזאַמען מיט לענינען האָבן אַנדערע אויך אָנגעוויזן און באַקעמפט דעם בונדישן עקאָנאָמיזם. אין אַרטיקל וועגן דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכער איז געווען געדרוקט אין דעם זשורנאַל „זאַריאַ" נומער 3—4 איז אַפילע דערוויזן געוואָרן, אַז דער רוסישער עקאָנאָמיזם שטאַמט פון „בונד".

וועגן עקאָנאָמיזם פון „בונד" שרייבט נ. קרופּסקאַיאַ אין אירע זיכרוינעס וועגן לענינען פאָלגנדיקעס:

---

*) זע דאָרטן, זייט 109.

**) „פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן אין אויסלאַנד" — אַן אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, געגרינדעט אין 1894 יאָר, לויט דער איניציאַטיוו פון דער „גרופּע באַפרייונג פון אַרבעט". אין אָנהייב האָט מיטן פאַרבאַנד אָנגעפירט די „גרופּע באַפרייונג פון אַרבעט" און האָט רעדאַגירט אַלע אויסגאַבן פון פאַרבאַנד. שפּעטער האָט די מערהייט פון פאַרבאַנד זיך געשטעלט אַף אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציעס און די „גרופּע באַפרייונג פון אַרבעט" האָט אויפגעהערט צו רעדאַגירן די אויסגאַבן פון פאַרבאַנד. דער פאַרבאַנד האָט פון 1896 ביז 1899 אַרויסגעגעבן ניט קיין פּעריאָדישע זאַמל-ביכער אונטער דעם נאָמען „ראַבאָטניק".

***) לענין „וואָס דאַרף מען טאָן". געזאַמלטע ווערק. באַנד IV, צווייטע אויפלאַגע, זייט 407.

****) „לענין וועגן דער מעלדונג פון „בונד". „איסקראַ" נום. 33, 1903.

„די צווייטע פראגע פון גרויסער וויכטיקייט, וועלכע איז באהאנדלט געוואָרן אפן צווייטן צוזאמענפאָר (פון דער ר. ס. ד. א. פּ. — ס. א.), איז געווען די פראגע וועגן „בונד".

אפן ערשטן צוזאמענפאָר איז באשטימט געוואָרן, אז דער „בונד" שטעלט מיט זיך פאָר א טייל פון דער פּארטיי, האָגאָם אָן אַווטאָנאָמיע. אין משך פון די פינף יאָר, וועלכע זיינען אריבער זינט דעם ערשטן צוזאמענפאָר, האָט די פּארטיי, ווי אַ גאנצעס, פּאַקטיש ניט עקזיסטירט און דער „בונד" האָט זיך געפירט אַז אַפגעזונדערטע עקזיסטענץ. איצט האָט דער „בונד" געוואָלט פארפעסטיקן די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט, איינשטעלנדיק מיט דער רסדא"פּ באציונגען נאָר אף פעדעראַטיווע יעסוידעס. די סיבע דערפון איז באשטאַנען אין דעם, וואָס דער „בונד" האָט אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסן פון די באַלמעלאָכעס פון די יידישע שטעטלעך און האָט זיך פיל מער אינטערעסירט מיט דעם עקאָנאָמישן קאַמף, ווי מיט דעם פּאָליטישן. דעריבער האָט ער (דער „בונד") פיל מער סימפּאַטיזירט מיט די עקאָנאָמיסטן ווי מיט דער „איסקרא" *).

דער קאַמף קעגן בונדישן נאַציאָנאַליזם.

כוץ דעם עקאָנאָמיזם און טעראָריזם**), צוליב וואָס די „איסקראָווצעס" זיינען ארויסגעטראָטן קעגן „בונד", איז גלייכצייטיק ארויסגעשווומען א נייע פראגע, וועלכע האָט ארויסגערופן א לאַנגיאָריקן פּאַראַקשנטן קאַמף קעגן „בונד" — דאָס איז די פראגע פון בונדישן נאַציאָנאַליזם און זיינע סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן. מיט דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך זייער באשעפטיקט די „איסקרא", דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. און דאָס האָט געבראַכט אַף דעם צוזאמענפאָר צו א פאַרשאַרפטן קאַמף און ענדלעך צו דער ארויסטרעטונג פון „בונד" פון דער פּאַרטיי.

אין וואָס איז באשטאַנען דער איקער פון דער דאָזיקער פראַגע? וואָס זיינען געווען די גרונט־סיבעס, וואָס האָבן ארויסגערופן דעם דאָזיקן לאַנגדויערנדיקן קאַמף קעגן „בונד"?

ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָבן די פירער פון „בונד" גלייך נאָכן ערשטן צוזאמענפאָר פון ר.ס.ד.א.פּ. אָנגעהויבן צו שרייבן אין דעם צענטראַלן אָרגאַן פון „בונד", אז דער יידישער אַרבעטער מוז האָבן אַ ספּעציעלע יידישע אָרגאַניזאַציע, קעדיי דערפאָלגרייך צו פאַרטיידיקן זיינע ספּעציפישע יידישע אינטערעסן.

די פירער פון „בונד" האָבן גלייך אויסגעגראָבן פון ארכיוו מאַרטאָווס רעדע „די

*) קרופּסקאיא — זכרוינעס וועגן לענינען. זייט 85, ערשטע העפט, מאָסקווע, 1930.

**) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ווילנער עקזעקוציע פון ערשטן מיי 1902 האָט זיך אין די רייען פון „בונד" אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו אָנווענדן טעראָריסטישע אַקטן. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט ארויסגעלאָזן א פּראָקלאַמאַציע און גערופן צו נעמען נעקאָמע פון פאָן־וואַלס שענדלעכע מייסים. אין יולי 1902 האָט די פינפטע קאָנפערענץ פון „בונד" אָנגענומען א באשלוס צו באַנוצן זיך מיט „אָרגאַניזירטער נעקאָמע". די „איסקראָווצעס", וועלכע האָבן אָנגעפירט מיטן קאַמף קעגן אָנווענדן אינדיווידועלן טעראָר, האָבן אויך גלייך אָנגעהויבן א קאַמף קעגן די טעראָריסטישע טענדענצן פון „בונד". דאָס האָט געצוווּנגען דעם „בונד" זיך אָפּזאָגן פון דעם באשלוס פון „אָרגאַניזירטער נעקאָמע". דער פינפטער צוזאמענפאָר פון „בונד", וועלכער איז פאָרגעקומען אין יוני 1903 יאָר, האָט באשטימט זיך אָפּצוזאָגן פון דער טעראָר־טאַקטיק.

ניע עפּאָכע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", האָבן דאָס איבערגעדרוקט אין „אַרבעטער־שטימע" און האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַזונדערע בראָשור, און אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1899 יאָר, האָט דער פאַרטרעטער זשאַן געזאָגט:

„דער יידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אַכוץ גלייכע בירגער־רעכט אויך פאָדערן גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט, ווייל בירגער־רעכט איז ניט גענוג, אַז דער יידישער אַרבעטער זאָל קענען פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן".

עמעס, דער צוזאַמענפאָר האָט די מיינונג ניט אָנגענומען און אין אַ רעזאָליוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט ער געזאָגט:

„צוזאַמען מיט אַנדערע פּאָליטישע פאָדערונגען שטעלט דער „בונד" אַרויס די פאָדערונג נאָר פון גלייכע בירגער־רעכט און ניט פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג". אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ באַשלוס צו עפענען אַ דיסקוסיע אין דער „אַרבעטער־שטימע" וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע מיט אַ באַדינג, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מיינונגען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַלן אַף די מעכאַברים פון די אַרטיקלען און ניט אויפן „בונד", ד. ה., אַז דער „בונד" האָט זיך געלאָזט דאָס רעכט צו זיין נייטראַל אין דערהאַזיקער דיסקוסיע. אָבער דידאָזיקע נייטראַלקייט איז ניט געווען קיין לאַנגדויערנדיקע. אין פרילינג 1901 י. איז פאָרגעקומען דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" און די נאַציאָנאַלע פראַגע איז געווען די הויפּט־פראַגע פון טאָג־אָרדענונג. אַף דעם צוזאַמענפאָר איז די נייטראַלקייט שוין פאַרשוווּנדן, די פירער פון „בונד" האָבן זיך אינגאַנצן געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז יעדער נאַציע האָט אַכוץ דער שטרעבונג צו עקאָנאָמישער, בירגערלעכער און פּאָליטישער פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג אויך די נאַציאָנאַלע שטרעבונג. ליבער האָט נאָך שאַרפער געשטעלט די פראַגע, ווי עס האָט זי געשטעלט זשאַן אויפן צוזאַמענפאָר פון „בונד". ער האָט דערקלערט, אַז די אויפגאַבע פון „בונד" דאַרף זיין צוצוגרייטן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און אַנטוויקלען אין אים דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין *).

עס זיינען אויך געווען אייניקע דעלעגאַטן אויפן צוזאַמענפאָר, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז קינסטלעך אויפוועקן צווישן די יידישע אַרבעטער דעם נאַציאָנאַלן געפיל איז צו פרי (!—ס. א.), ווייל דאָס קען מער ווי שאַטן ניט ברענגען. אָבער דאָך איז די רעזאָליוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון „בונד", וועלכע עס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר, דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַליזם. אין דער רעזאָליוציע ווערט דערקלערט: אַזוי־ווי עס איז בײַ די איצטיקע באַדינגונגען נאָך פרי אַרויסצושטעלן די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר יידן, דערפאַר געפינט דער „בונד", אַז עס איז גענוג אין דער איצטיקער צייט צו קעמפן קעגן די אויסנאַם־געזעצן בענוגע דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. שפּעטער האָט דער „בונד" יאָ געפונען פאַר נייטיק צו קעמפן פאַר נאַציאָנאַלער קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

אָבער די רעזאָליוציע פון 4־טן צוזאַמענפאָר איז געווען די ערשטע אָפענע דעקלאַראַציע פון בונדישן נאַציאָנאַליזם.

*) דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד", זייט 12, אויסגאַבע 1901.

אױף דעמזעלבן צוזאמענפאָר איז אָנגענומען געװאָרן אַ צװײטע רעזאָלוציע װעגן דער באַציִונג פֿון „בונד“ צו דער ר.ס.ד.א.פּ., װעלכע האָט פּאַקטיש שױן גענומען פֿאַרװיקלען די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פֿון „בונד“. אין דערהאָזיקער רעזאָלוציע איז געזאָגט געװאָרן:

„פֿאָרשטעלנדיק זיך די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטײ װי אַ פֿעדעראַטיװע פֿאַרײניקונג פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטײען פֿון אַלע נאַציִעס, װעלכע געפֿינען זיך אין דער רוסישער מעלוכע, באַשטימט דער צוזאַמענפֿאָר, אַז דער „בונד“, אַלס פֿאָרשטײער פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, זאָל אַרײַן אין איר װי אַ פֿעדעראַטיװער טײל, און באַפֿולמעכטיקט דעם צ. ק. פֿון „בונד“ דעמדאָזיקן באַשלוס דורכצופֿירן אין לעבן“ *).

דערהאָזיקער באַשלוס פֿון „בונד“ האָט גלײַך אַרױסגערופֿן אַ שאַרפֿע קריטיק מיצאַד דער „איסקראַ“, װעלכע האָט אָנגעפֿירט אַ קאַמף קעגן יעדער אָפּנײג אין די רײען פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

גלײַך נאָך דעם, װי עס איז דערשינען דער באַריכט פֿון פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“, איז די „איסקראַ“ (נומ. 7) װעגן דעם באַריכט אַרױסגעטראָטן מיט אַן אַרטיקל, אין װעלכן עס װערט קריטיקירט דער נאַציאָנאַליסטישער באַשלוס פֿון פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“. אין דעמדאָזיקן אַרטיקל איז דערקלערט געװאָרן:

„...װי די מײסע זאָל ניט זײַן, איז דאָך אַ פֿאַקט, אַז דער פֿערטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“ שטעלט מיט זיך פֿאָר די אַנטװיקלונג פֿון נאַציאָנאַליזם צװישן דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין מײרעװ־רוסלאַנד, אין פּױלן (אין דאָרעם־רוסלאַנד, װי עס איז באַװוסט, אַרבעטן די יידישע אַרבעטער האַנט בײַ האַנט מיט דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט אין נאָמען פֿון די אַלגעמײנע פֿאָדערונגען פֿון רוסישן פּראָלעטאַריאַט). נאָך ניט לאַנג צוריק (אין יאַנואַר 1900) האָט דער „בונד“ אָפּגעװאָרפֿן דעם פֿאָרשלאַג װעגן דער פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלע רעכט פֿאַר די יידן און זיך נאָר באַגרענעצט מיט דער פֿאָדערונג פֿון בירגערלעכער גלײַכבאַרעכטיקונג.

מיר, פֿון אונדזער זײַט, קענען נאָר באַטראַכטן פֿאַר אַ גרױסן פּאָליטישן טעות דידאָזיקע שטרעבונג פֿון װעלן קינסטלעך ישטױסן די אַרבעטער־באַװעגונג אױף אַ נאַציאָנאַליסטישן װעג, אין דער צײַט, װען די הױפּט־זאַך, פֿון װעלכער עס לײַדט די יידישע מאַסע אין רוסלאַנד, איז די רעגירונג־פּאָליטיק, װעלכע שטערט דעם פּראָצעס פֿון איר דערנעענטערונג מיט דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג**).

אין דעם אַרטיקל װערט װײַטער אָנגעװיזן, אַז דידאָזיקע אַנטװיקלונג אין דער ריכטונג פֿון נאַציאָנאַליזם האָט זיך גלײַך אָפּגעשפּיגלט אױף די באַציִונגען פֿון „בונד“ צו דער אַלרוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער זאַך, ד. ה., דאָס האָט זיך אױך אָפּגעשפּיגלט אױף דער באַציִונג פֿון „בונד“ צו דער רסדרא“פּ דורך אַרױסשטעלן די פֿאָדערונג פֿון פֿעדעראַטיװע יעסױדעס פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע־סטרוקטור פֿון דער רסדרא“פּ. אין סאָף פֿון דעם אַרטיקל װערט דערקלערט:

„אױף אַזאַ אױפֿן זעען מיר, אַז דער ערשטער טריט אױפֿן װעג פֿון אָפּנעם אַרױס־

---

*) דער פֿערטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“, זײַט 12, אױסגאַבע 1901.

**) װעגן באַריכט פֿון פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“. „איסקראַ“ נומ. 7. איבע־געדרוקטע אױסגאַבע, זײַט 148, לענינגראַד, 1925.

שטעלן דעם פּרינציפּ פֿון ייִדישן נאַציאָנאַליזם צייכנט זיך אויס מיט דער אָפּשוואַכונג פֿון די אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאַרבינדונגען צווישן דער ייִדישער און אַלרוסלענדישער באַוועגונג. דאָס האָט מען געקענט דערוואַרטן. מיר זײַנען אָבער פֿעסט איבערצייגט, אַז די נאַציאָנאַליסטישע איליוזיעס פֿון „בונד" וועלן ניט געפֿינען קיין אָפּקלאַנג צווישן די פּילצאָליקע ייִדישע באַווייִרים אין דאָרעם־רוסלאַנד, וועלכע האָבן ביז איצט געקעמפֿט אײנייִנעם מיט די רוסישע באַווייִרים" („איסקראַ" נומ. 7).

אַף דעמדאָזיקן אַרטיקל האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד" געענטפֿערט מיט אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פֿון „איסקראַ", אין וועלכן דער צ. ק. פֿון „בונד" האָט זיך באַמיט אָפּצולייקענען די באַשולדיקונג, וואָס די „איסקראַ" האָט געמאַכט קעגן „בונד", אַז ער איז אָוועק אַפֿן וועג פֿון נאַציאָנאַליזם און וויל קינסטלעך אַף דעמדאָזיקן וועג שטויסן די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג. די רעדאַקציע פֿון „איסקראַ" האָט אין אַ באַמערקונג פֿון דער רעדאַקציע דערקלערט, אַז זי האָט ריכטיק געטאָן, וואָס זי איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם באַשלוס פֿון דעם פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד" און אָנגעוויזן אַף זײַן נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער.

דעם קאַמף, וואָס די „איסקראַ" האָט אָנגעהויבן קעגן בונדישן נאַציאָנאַליזם, האָבן די פֿירער פֿון „בונד" געוואָלט פֿאַרטייטשן ווי אַ ייִדן־פֿײַנטלעכע אַרויסטרעטונג. אין פֿעוראַל 1902 יאָר האָט דער „בונד" אַרויסגעלאָזן אַ בראָשור וועגן דער פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און רעאָרגאַניזאַציע פֿון ר.ס.ד.א.פּ. אַף פֿעדעראַטיווע יעסוידעס. אין דערדאָזיקער בראָשור איז געמאַכט געוואָרן אַ באַשולדיקונג קעגן דער „איסקראַ", אַז מיט איר אָנגריף קעגן „בונד" העלפֿט זי פֿאַרשפּרייטן די ייִדן־פֿײַנטלעכע שטימונגען. וועגן דערדאָזיקער באַשולדיקונג איז אין זשורנאַל „זאַריאַ"*) נומער 4 געזאָגט געוואָרן:

„...די באַווייִרים, וועלכע עס קומט אויס צו פֿירן אַ קאַמף קעגן געוויסע טענדענצן אין דער טעטיקייט פֿון „בונד", ווייסן, אַז אין געוויסע קרייזן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ייִדישער אינטעליגענץ ווערט יעדער וואָרט פֿון קריטיק אַף דעם אַדרעס פֿון „בונד" אױפֿגענומען ווי אַ דערשייִנונג פֿון פֿײַנטשאַפֿט צו ייִדן בײַכלאַל און די מענטשן, וועלכע זײַנען „שולדיק" אין אַרויסטרעטן מיט קריטיק, ווערן זייער לײַכט אײַנגעשלאָסן אין די רייען פֿון די, וואָס זײַנען אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטישע פֿאָרורטיילן. האַנאָם בענעגייע זיי (ד. ה. די וואָס טרעטן אַרויס קעגן „בונד") איז גוט באַוווּסט, אַז זיי זײַנען אַליין ייִדן.

צום באַדויערן, איז אין דער נײַער בראָשור פֿון „בונד" דורכגעדרונגען דידאָזיקע טענדענץ. די „איסקראַ" האָט אויסגעדריקט איר האָפֿענונג, אַז צווישן די דאָרעם־רוסישע ייִדישע אַרבעטער וועלן די נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען פֿון „בונד" ניט געפֿינען קיין אָפּקלאַנג, אַנדעריש גערעדט, אַז די אײנציקע לעבנספֿעיִקע אָרגאַניזאַציע פֿון די ייִדישע אַרבעטער אין ליטע און אין פּוילן איז אַרופֿגעטראָטן אַף ניט קיין געווּנטשענעם וועג. די „איסקראַ" האָט אויך אויסגעדריקט איר האָפֿענונג, אַז

*) „זאַריאַ" («Заря»)—סאָציאַל־דעמאָקראַטישער וויסנשאַפֿטלעך־פּאָליטישער זשורנאַל. אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שטוטגאַרט אונטער דער רעדאַקציע פֿון פּלעכאַנאָוו, לענין, אַקסעלראָד, מאַרטאָוו, זאַסוליטש און פּאָטרעסאָוו. פֿון דעם זשורנאַל זײַנען דערשינען נאָר 4 העפֿטן. דער ערשטער אין אַפּרעל 1901 יאָר, דער פֿערטער, לעצטער, אין אווגוסט 1902.

די יידישע ארבעטער פון הארעם, וועלכע האבן ביז איצט געארבעט אין די ארגאני-
זאציעס מיט די ארטיקע ניט יידישע ארבעטער, וועלן זיך ניט אנהייבן אויסטיילן אין
א באזונדערע ארגאניזאציע. און ווירקלעך, די פראגע וועגן די קעגנזייטיקע באציונגען
צווישן די יידישע און ניט יידישע עלעמענטן אין דער דארעם-רוסישער באוועגונג
ווערט אמערסטן אנגערירט פון די נייע שטרעמונגען אין „בונד", וועלכע האבן זיך
באוויזן אפן פערטן צוזאמענפאר. די ארגאניזאציאנעלע זעלבשטענדיקייט פון „בונד"
איז ארויסגערופן געווארן, לויט אונדזער מיינונג, הויפטזאכלעך צוליב דעם, וואס אין
ראיאן פון זיין טעטיקייט האט זיך די ארבעטער-באוועגונג צווישן די פאליאקן און
ליטווינער אנטוויקלט מיט א באזונדער וועג, ווייניק אנרירנדיק די יידישע מאסע. זי האט
זיך אנטוויקלט אונטער דער ווירקונג פון באזונדערע טראדיציעס אין א באזונדע-
רער היסטארישער סוויווע".

„אין קעגנטייל צו דעם האט זיך די באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער אין
דארעם-רוסלאנד אנגעהויבן גלייכצייטיק און פאראלעל מיט דער באוועגונג פון די
רוסישע ארבעטער און דערצו נאך אין ענגסטן קאנטאקט מיט דער לעצטער. עס איז
דעריבער גאנץ נאטירלעך די מוירע, אז דאס פראקלאמירן אלס פרינציפ די פולע
זעלבשטענדיקייט און אייגנארטיקייט פון דער באוועגונג פון יידישן פראלעטאריאט
זאל זיך ניט אפשפיגלען דעזארגאניזאטאריש אין די ארבעטער-גרופן פון די דארעם-
רוסלענדישע שטעט.

דער „בונד" האט אף א מאדנעם אויפן ניט פארשטאנען דעם זין פון דער אפע-
ליאציע פון דער „איסקרא" צו די יידישע חאווירים פון הארעם און... פריער פון אלץ
ווערט די ווערטער פון דער „איסקרא" געגעבן א העפקערדיקע פארטייטשונג און דער-
נאך פאלט מען נאך אן אף איר און מע זאגט, אז אזעלכע באמערקונגען פאלן אף
דעם צוגעגרייטן יידנפיינטלעכן באדן! דאס הייסט, אז די „איסקרא" העלפט אומ-
דירעקט צו פארשטארקן די יידנפיינטלעכע פארורטיילן פו די מאסן — ניט מער
און ניט ווייניקער"*).

דער „בונד" האט אבער געוואלט אפלייקענען, אז זיין נאציאנאליסטישע טעטי-
קייט טראגט אריין א דעמאראליזאציע אין די רייען פון די סאציאל-דעמאקראטישע
ארגאניזאציעס פון דארעם-רוסלאנד. אין א בראשור וועגן „אוטאנאמיע און פעדע-
ראציע", וואס דער „בונד" האט שפעטער ארויסגעלאזן אלס ענטפער אף אן אר-
טיקל פון „איסקרא" נומער 36, האט דער „בונד" דערקלערט:

„די „איסקרא" טיינעט, אז די טעטיקייט פון „בונד" אין דארעם-רוסלאנד ברענגט
אריין א דעזארגאניזאציע אין די הארטיקע ארבעטער-גרופן, אז דער „בונד" ציט אפ
קרעפטן (אינטעליגענטע און ארבעטער-קרעפטן) פון דער אלגעמיינער רוסישער בא-
וועגונג און דערמיט ברענגט ער א שאדן דיזער באוועגונג, דעריבער האלט זי שטייף
פאר א „ראיאן". לאמיר באטראכטן דיזע טיינע. ערשטנס, שטעלט ארויס דיזע איי-
גענע טיינע (אין א פארשטעלטער פארם) פפ"ס בענגעגיע צו פוילן און איבערהויפט
קען זי ארויסגעשטעלט ווערן אומעטום, ווו די יידישע ארבעטער-באוועגונג באגעגנט

*) וועגן דער פראגע פון נאציאנאלער אוטאנאמיע און וועגן איבערבויען די ר. ס. ד. א. פ. אף
פעדעראטיווע יעסודעס: „זאריא", נומ. 4, זייט 224—230.

זיך מיט די באַוועגונגען פון אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן (און ווו באַגעגנט זיך ניט?), און שוין צוליב דעם טאָם אַליין האָט זי קיין שום מאַמאָשעס ניט. צווייטנס, וואָס טוט דער „בונד" אין דאָרעם־רוסלאַנד? ער ברענגט זיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט אַהין, ווו עס לייכט נאָך ניט קיין איינציקער ליכט־שטראַל, ער וועקט דעם גייסט פון פּראָטעסט אין דער פינצטערער אַרבעטער־מאַסע, צווישן וועלכער מע האָט ביז אַהער גאָרניט געטאָן. ער פירט צו דער רעוואָליוציאָנערער אַרמיי נייע קעמפער. הייסט דאָס „דעזאָרגאַניזאַציע"? ער פאַרגרעסערט די צאָל פון קלאַסנבאַוווסטע אַרבעטער, וואָס קעמפן אונטער זיין פאָן. ער פאַרגרעסערט זיין קראַפט און דעריבער אויך די קראַפט פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג: הייסט דאָס „דעזאָרגאַניזאַציע"? דאָס איז טאַקע אַלץ גאַנץ ריכטיק — וועט אונדז עפּשער „איסקראַ" ענטפערן, — אָבער דער „בונד" ציט אָפּ אין זיינע רייען די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן ביז איצט געאַרבעט אין די אַלגעמיינע רוסישע אָרגאַניזאַציעס. די טייגעס וועגן אָפּציען די קרעפטן זיינען אָן סאָפּעק זייער שטאַרק פאַנאַנדערגעבלאָזן. די טעטיקייט פון „בונד" אין דאָרעם־רוסלאַנד „ציט ניט אָפּ", נאָר ציט צו צו איר נייע עלעמענטן, וועלכע די באַוועגונג האָט ביז איצט ניט באַרירט. נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז ער ציט אָפּ אייניקע יידישע אַרבעטער פון די „אַלגעמיין־רוסישע" אָרגאַניזאַציעס. וואָס באַווייזט דאָס? נאָר איין זאַך: אַז די באַדערפענישן פון די אָפּגעצויגענע אַרבעטער ווערן בעסער באַפרידיקט אין „בונד", ווי אין די אַלגעמיינע רוסישע אָרגאַניזאַציעס, אַנדערש וואָלט אומעגלעך געווען זיי אָפּציען. צי קען מען אַ בעסערע באַפרידיקונג פון די אַרבעטער־באַדערפענישן אָנרופן „דעזאָרגאַניזאַציע"?

דער „בונד" ציט אָפּ די אינטעליגענץ פון דער אַלגעמיין־רוסישער באַוועגונג. אָט דאָס איז דער שרעקלעכסטער פאַרברעכן זיינער. ווי יעדער באַוועגונג, קאָן זיך אויך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג ניט אַנטוויקלען אָן אינטעליגענטע קרעפטן, און דער „בונד" ווענדעט זיך צו דער אינטעליגענץ און רופט זי אין זיינע רייען, און ווען עס קומט אַמאָל פאָר, אַז דער „בונד" ציט טאַקע אָפּ דעם אָדער יענעם אינטעליגענט, איז קעגן דעם דאָ נאָר איין מיטל — פאַרניכטן דעם „בונד". און ווי מיר האָבן שוין געזאָגט אין 109 נומער „לעצטע נאַכריכטן", קלערן שוין אייניקע, וואָס זיינען „פרייער אָדער קליגער" און וואָס האָבן „אַריבערגעכאַפּט" די מאָס אין זייער טרייקייט צו דער „אַלגעמיין־רוסישער באַוועגונג", וועגן אַזוינע פּוסטע כאַלוימעס. די פאַרברייטערונג פון דער טעטיקייט פון „בונד", דאָס שטרעבן פון „בונד" צו טראָגן זיין פּראָפּאַגאַנדע אומעטום, ווו די יידישע אַרבעטער־מאַסע בלאָנדזשעט אין פינצטערניש, דאָס איז די עמעסע אורזאַכע, וואָס אין אייניקע „אַלגעמיין־רוסישע" קרייזן פאַרהאַלט מען זיך פיינטלעך צום „בונד", אָבער ניט דער קלוימערשטיקער הויזלעכער קליינבאַטריב (קוסטאַרניטשעסטוואָ) פון „בונד", וועלכע „איסקראַ" האָט אויסגעטראַכט פון קאָפּ אַלס אַ נייעם קלייזייען קעגן „בונד".

די טייגעס וועגן דער דעזאָרגאַניזירנדיקער טעטיקייט פון „בונד" אין דאָרעם־רוסלאַנד און וועגן דעם אָפּציען פון קרעפטן האַלטן זיך אויף דער אַנטקעגנשטעלונג פון דער טעטיקייט פון „בונד" קעגן דער „אַלגעמיין־רוסישער באַוועגונג". אָט די דאָזיקע אַנטקעגנשטעלונג איז לאַכלוטן פאַלש" *).

*) אווטאָנאָמיע אָדער פעדעראַציע: לאָנדאָן, יוני, 1903, יידישע אויסגאַבע, זייט 16—17.

אז די באשולדיקונג, וואָס די „איסקראַ" האָט געמאַכט קעגן „בונד", אַז ער ברענגט אַריין דעמאָראַליזאַציע אין די רייען פון די דאָרטיקע ראַבעטער־גרופּן, איז געווען אַ ריכטיקע, ווערט איצט באַשטעטיקט דורך דאָקומענטן פון יענער עפּאָכע, וועלכע זיינען נאָך ביז איצט ניט פּובליקירט געוואָרן. אין אַרכיוו פון דער אָדעסער אָבלאַסט־קאָמיטעט געפינט זיך אַ בריוו, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון פּאַריז אין אָדעס צו איינער פּאָליע, אין יוני 1903 יאָר. אין דעמדאָזיקן בריוו ווערט געבראַכט אַ ריי פאַקטן וועגן דער דעזאָרגאַניזאַציע, וואָס דער „בונד" האָט אַריינגעבראַכט אין די רייען פון דער אָדעסער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג:

„דו שרייבסט מיר אין דיין בריוו, אַז דו האָסט פיל באַוויזן אויפצוטאָן אין דער אָרגאַניזאַציע פון די בעקער. נאָר צוליב עפּעס געוויסע מיספאַרשטייעונישן אָדער רייבונגען צווישן דיר מיטן קאָמיטעט ביסטו אַריבער צום „בונד", איבערלאָזנדיק אין קאָמיטעט 25 רוסישע (מיטגלידער) און מיט זיך האָסטו מיטגענומען די איבעריקע יידישע. מיר דאַכט זיך, אַז אַזאַ האַנדלונג קאָן מען בעשומויפן ניט באַרעכטיקן. און אָט פאַרוואָס: אויב דו האָסט אַלס אַ מיטגליד פון קאָמיטעט באַוויזן צו האָבן אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג צווישן די בעקער, טאָ צוליב וואָס איז דיר נייטיק געווען אַ צווייטע אָרגאַניזאַציע? צוליב וואָס איז נייטיק געווען אַריינצוברענגען אַן אָפּגעזונדערטקייט צווישן די רוסישע און יידישע אָרגאַניזאַציעס, אָפּטיילנדיק די לעצטע פון די ערשטע, און דער צייט, ווען זיי האָבן אַלע געקענט אַרבעטן צוזאַמען? דערצו נאָך ווען זייערע אינטערעסן זיינען די זעלביקע! ניט שוין־זשע וועט דער דערפאָלג פון קאַמף זיין פיל גרעסער פאַר די אַרבעטער בײַ אַזעלכע באַדינגונגען, ווען די אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן וועלן זיך פאַרשליסן אין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס? איך דענק, אַז דו וועסט מאַסקים זיין, אַז מיט דעם, וואָס דו ברענגסט אַריין אַן אָפּגעזונדערטקייט צווישן די יידישע און רוסישע אַרבעטער, פאַרשטאַרקסטו נאָר די נאַציאָנאַלע סינע, וואָס דאָס איז פאַר דער זאַך פון סאָציאַליזם געוויס ניט גוט. דו אַליין שרייבסט דאָך אין איין אָרט פון דיין בריוו, אַז עס זיינען געווען זייער ווייניק קרעפטן צום קעמפן מיט דער סימפּאַטיע און גלויבן פון די אָדעסער אַרבעטער צו דעם קאָמיטעט פון ר.ס.ד.א.פּ. איך צווייפל, צי איז ביכלאַל נייטיק אין אָדעס אַזאַ יידישע אָרגאַניזאַציע — איך זע אין דעם ניט איין קיין נייטיקייט. סיי די רוסישע, סיי די יידישע אַרבעטער דאַרפן פירן איין קאַמף אונטער איין אַלגעמיינער פאָן פאַרן סאָציאַליזם און דעריבער טאָר ניט זיין קיין אָפּגעזונדערטקייט און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, באַזונדערס נאָך אָנגעבונדענע" *).

דערהאָזיקער בריוו, וועלכער איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט, ווען דער „בונד" האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין אייניקע שטעט פון דאָרעם־אוקראַינע, באַווייזט גאַנץ קלאָר, וואָס פאַר אַ דעמאָראַליזאַציע ער האָט אַריינגעטראָגן אין די רייען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון יענע שטעט. אָבער ניט נאָר אין דעם בריוו פון דעם אומבאַוווסטן יידישן אַרבעטער „איסקראָוועץ" ווערט אָנגעוויזן אויף דערדאָזיקער דעמאָראַליזירנדיקער האַנדלונג פון „בונד". אַפילו אַן אָדעסער בונדיסט אַליין האָט אויף דער זעקסטער קאָנפערענץ פון „בונד", וועלכע איז פאָרגעקומען אין

*) דעם בריוו ציטירן מיר פון אַ קאָפּיע, וואָס דער כ׳ א. ס. ון אָדעסער מענדעלע־מוזיי האָט אונדז צוגעשיקט.

אָנהייב 1905 יאָר, דאָס אויך באַשטעטיקט. אַף דער דאָזיקער קאָנפערענץ פון „בונד" איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן שליסן אָפּמאַכן מיט אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין צייט פון רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. די קאָנפערענץ האָט באַשטימט ניט שליסן קיין אָפּמאַכן מיטן פּאָליעסער קאָמיטעט פון רסדראַ"פּ, צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט פון רסדראַ"פּ און אייניקע אָרגאַניזאַציעס פון דאָרעם, דערפאַר ווייל די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס „דעמאָראַליזירן" די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג דורך דעם, וואָס די פּאָליעסער און צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעטן שאַפן אין מיירעוו־געגנט באַזונדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און שפּאַלטן דורך דעם די בונדישע אָרגאַניזאַציעס. אויך מיט געוויסע אָרגאַניזאַציעס פון דאָרעם־אוקראַינע איז באַשלאָסן געוואָרן ניט צו שליסן קיין אָפּמאַכן, ווייל די לעצטע קעמפן קעגן „בונד". דער אָדעסער דעלעגאַט איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם און געזאָגט, אַז מע דאַרף יאָ מאַכן צוזאַמענדיקע אַרויסטרעטונגען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן פון דאָרעם. דער אָדעסער דעלעגאַט האָט דערקלערט:

„אויב באַ די ליטווישע כאַווירים עקזיסטירט די פראַגע וועגן דער דעזאָרגאַניזאַטאָרישער ראָל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, שטייט פּונקט פאַרקערט די פראַגע אין דאָרעם־רוסלאַנד, ווייל אַזוי ווי מיר זיינען דאָרט געקומען שפּעטער, דעזאָרגאַניזירן מיר זיי (ד. ה., די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס)"*).

פון די דאָזיקע ציטירטע דאָקומענטן ווערט גענוג קלאָר, אַז די „איסקראַ" איז געווען גערעכט, ווען זי האָט דערקלערט, אַז די טעטיקייט פון „בונד" אין אוקראַינע דעמאָביליזירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס.

כוץ דער דאָזיקער קריטיק אַף דער בונדישער בראָשור איז אין דעם זעלביקן נומער „זאַריאַ" דערשינען אַן אַרטיקל וועגן דעם כאַראַקטער פון דער יידישער באַוועגונג בכלל און וועגן דער אַנטשטייונג פון בונדישן נאַציאָנאַליזם. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל איז אָנגעוויזן געוואָרן אַף די סיבעס פון בונדישן נאַציאָנאַליזם און זייער אָביעקטיוו אָפּגעשאַצט די ראָל פון „בונד" אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פינף יאָר פון זיין עקזיסטענץ. אָבער אַפילע באַ דער זייער פּאָרזיכטיקער און „אָביעקטיווער" אָפּשאַצונג פון „בונד" איז דער מעכאַבער דאָך געקומען צום שלוס, אַז ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דער „בונד" איז אַ סוינע פון ציאָניזם און קעמפט קעגן אים, ווייזט זיך אַרויס דער זייער כאַראַקטעריסטישער פאַקט, אַז אַזוי גיך ווי דער „בונד" האָט זיך געשטעלט אַף אַ נאַציאָנאַליסטישן באָדן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט זיך שוין באַ אים ניט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקן זיין קעגנערישע באַציונג צום עצעם פון ציאָניזם**).

דער שרייבער האָט פאַרענדיקט דעם אַרטיקל מיט דעם ווונטש, אַז די פירער פון „בונד" וועלן זיך טעאָרעטיש באַוואָפנען און וועלן אין דער צוקונפט אויסמיידן אַזעלכע גיך געבאַקענע און ניט גוט דורכגעטראַכטע באַשלוסן, ווי עס האָט אָנגענומען דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" (זע „זאַריאַ" נום. 4).

*) פון די ניט פובליקירטע פּראָטאָקאָלן פון דער זעקסטער קאָנפערענץ פון „בונד", וועלכע געפינען זיך אין ארכיוו פון לענין־אינסטיטוט.

**) ק. ק. וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, „זאריא", נומער 4, זייט 54.

די האָפענונג, וואָס די „איסקראַ" און „זאַריאַ" האָבן אויסגעדריקט, אַז די פירער פון „בונד" וועלן פאַריכטן דעם טעות און וועלן זיך אָפּזאָגן פון די נאַציאָנאַליסטישע און סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן, איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אין קעגנטייל, די פירער פון „בונד" זיינען אַלץ מער און מער אַריינגעפאַלן אין נעץ פון נאַציאָנאַליזם און דער „בונד", וועלכער האָט ביז דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פאָרמעל זיך גערעכנט אַלס אַ טייל פון דער ר.ס.ד.א.פּ. איז פאַקטיש געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע און אָנגעהויבן אָן אָפענעם קאַמף קעגן דער ר.ס.ד.א.פּ. דערדאָזיקער קאַמף האָט זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט נאָך דער פּסקאָווער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין נאָיאַבער 1902 יאָר, אויף וועלכער עס איז געשאַפן געוואָרן דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אויף צונויפרופן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ.

אויף דערדאָזיקער קאָנפערענץ האָט מען אויך איינגעלאַדן דעם „בונד", אָבער זיין פאָרשטייער איז ניט געקומען צו דער קאָנפערענץ און דערנאָך, אַז עס איז פּובליקירט געוואָרן אַ מעלדונג וועגן דער אַנטשטייונג פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט און וועגן זיינע אויפגאַבן, איז צו דער מעלדונג געמאַכט געוואָרן אַ באַמערקונג, אין וועלכער עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אויף דער קאָנפערענץ צו שאַפן דעם אָ. ק. איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן דער „בונד", אָבער צוליב אומבאַוווּסטע סיבות האָט דער „בונד" זיך ניט אָפּגערופן אויף דער איינלאַדונג.

דידאָזיקע באַמערקונג האָט געבראַכט דערצו, אַז דער „בונד" האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט און האָט אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעלע מעלדונג, אין וועלכער עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער „בונד" האָט זיך ניט באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ און אין אויסאַרבעטן די מעלדונג פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט צוליב דער שולד פון די אָרגאַניזירער פון דער קאָנפערענץ. ווייטער האָט דער „בונד" אין דער מעלדונג דערקלערט, אַז „אויב די פּאַרטיי עקזיסטירט פאַקטיש ניט, דאַרף דער פאָרשטייענדיקער צוזאַמענפאָר טראָגן אַ כאַראַקטער פון אַן אָרגאַניזיר־צוזאַמענפאָר. און דעריבער דאַרף געגעבן ווערן דאָס רעכט זיך אין אים צו באַטייליקן אַלע עקזיסטירנדיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, סיי פון רוסישע, סיי פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, ווי די פּאָליאַקן, ליטווינער, לאַטישן א. ד. גל., און נאָר באַזעלכע באַדינגונגען — ווערט געזאָגט אין דער מעלדונג — וועט זיין מעגלעך צו שאַפן איין צענטראַליזירטע דיסציפּלינירטע פּאַרטיי פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע".

מיט דערדאָזיקן פאָרשלאָג זיינען די פירער פון „בונד" ניט אויסן געווען בעמעס צו שאַפן אַן איינהייטלעכע צענטראַליזירטע פּאַרטיי, מיט דעם פאָרשלאָג, אַז אין דעם צוזאַמענפאָר זאָלן באַטייליקן זיך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, זיינען די פירער פון „בונד" גאָר אויסן געווען צו שאַפן אַ בלאָק פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליסטישע גרופּירונגען קעגן דער „איסקראַ" און צוזאַמען זיך דערשלאָגן, אַז די פּאַרטיי זאָל רעאָרגאַניזירט ווערן אויף פעדעראַטיווע יסודות.

באַם שאַפן דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט לענין ניט איינמאָל געשריבן די טאָווערישטשעס פון רוסלאַנד, אַז מיטן „בונד" זאָלן זיי זיין זייער פאָרזיכטיק, ווייל ער (לענין) האָט דעם „בונד" ניט געטרויט און אים אַפילו באַטראַכט פאַר אַ סוינע.

דעם 23־טן מיי 1903 יאָר האָט לענין, אין אַ צושריפט צו קרופּסקעס אַ בריוו צו לענגניקן, געשריבן:

„אַף אַזאַ אויפן איז אייער אויפגאַבע איצט צו שאַפן פון זיך אַ קאָמיטעט אַף צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר, אַריינעמען אין דעמדאָזיקן קאָמיטעט אַ בונדיסט (אָפּשאַצנדיק איינעם פון אַלע זייטן, דאָס זאָלט איר גוט אינזינען האָבן) אַריינפירן אייגענע מענטשן אין דעם גרעסטן טייל פון די קאָמיטעטן, היטן זיך און די אייגענע, ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג, ביזן צוזאַמענפאָר, דאָס איז אַלץ אויסערסט וויכטיק. פאַרגעדענקט האָס. זייט אין דעם הרייסטער, בוצפּעדיקער און דערפינדערישער, אין די איבעריקע זאַכן שטילער און פאָרזיכטיקער.

קלוג ווי אַ שלאַנג — און שטיל (מיט די קאָמיטעטן: מיטן „בונד" און פּעטערבורג) — ווי אַ טייבעלע".*).

דעם 16־טן יולי האָט לענין אין אַ בריוו צו ראַדטשענקאָ נאָך פיל שאַרפער געשטעלט די פראַגע וועגן דער באַציונג צום „בונד" אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. אין דעם בריוו שרייבט לענין:

„2) שאַפן דעם רוסישן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט מוזט איר און איר מוזט אים נעמען אין אייערע הענט: איר פון „וואַניען" (פון פּעטערבורגער קאַמף־פאַרבאַנד — ס. א.) קלער פון „סאָניען" (ביוראָ פון דער רוסישער אָרגאַניזאַציע פון „איסקראַ" — ס. א.) יע — און נאָך איינעם פון אונדזערע פון דאָרעם — דאָס איז דער אידעאַל. מיטן „בונד" האַלט זיך אויסערגעוויינלעך פאָרזיכטיק און איינגעהאַלטן. ניט עפענענדיק די קאָרטן, לאָזן אים פירן די בונדישע איניאַנים און ניט דערלאָזן אים שטעקן די נאָז אין די רוסישע איניאַנים. געדענקט, אַז דאָס איז ניט קיין זיכערער פריינט (אויב איר ווילט, אַפילו אַ סוינע)"**).

אַזוי פאָרזיכטיק און מיט אַזאַ אומצוטרוי האָט זיך לענין באַצויגן צום „בונד", און זיינע פירער.

אַף דערדאָזיקער מעלדונג פון „בונד" האָט לענין געענטפערט מיט אַן אַרטיקל אין „איסקראַ" נומער 33, אין וועלכן ער איז אַפן שאַרפסטן אויפן אַרויסגעטראָטן קעגן די פירער פון „בונד" און אָנגעוויזן, אַז דער „בונד" האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין דער קאָנפערענץ דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אַרבעטן צוזאַמען מיט דער ר. ס. ד. א. פּ. אין דעמדאָזיקן אַרטיקל האָט לענין געשריבן:

„דער „בונד" אַליין זעט, פאַרשטייט זיך, אויסגעצייכנט, אַז זיין אַרויסטרעטונג שטייט אין דעם שאַרפסטן ווידערשפּרוך מיט אַלע קלאָלים פון כאָוועריש פירן אַ געמיינזאַמע זאַך און ער פּרווט זיך אָנווענדן די פאָלגנדיקע, שוין גאָר שוואַכע באַרעכטיקונג: „אַזוי ווי מיר האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסצודריקן אונדזערע אָנשויונגען אַף די אויפגאַבן פונעם פאַרשטייענדיקן צוזאַמענפאָר, ניט דורך פאַרזענלעך אָנטיילנעמען אין דער באַראַטונג, ניט דורך אָנטיילנעמען אין רעדאַגירן די „מיטיילונג", זיינען מיר געווען געצוווּנגען באַטש ביז אַ געוויסער מאָס צו פאַרפּולן דעמהאָזיקן בלויז אין דערדאָזיקער מעלדונג". פרעגט זיך, צי וועט טאַקע דער

*) לענין־זאַמלביכער, באַנד VIII, זייט 239.
**) זע דאָרטן, זייט 258.

„בונד" ערנסט מיינען פארזיכערן, אז ער „האט ניט געהאט קיין מעגלעכקייט" צו שיקן א בריוו אין ארגאניזיר־קאמיטעט אדער שיקן א בריוו אין פעטערבורגער קא־מיטעט, אין דער ארגאניזאציע פון „איסקרא", אין „יוזשני ראבאטשי"? און שיקן א דעלעגאט אין איינער פון די דאזיקע ארגאניזאציעס איז אויך ניט געווען קיין מעג־לעכקייט? צי האט זיך דער „בונד" געפרווט צו מאכן לעכאלאפאכעס איינעם פון אט די „אומעגלעך" שווערע שריט, באזונדערס מיסטאמע שווערע פאר אזא שווא־כינקער אומדערפארענער ארגאניזאציע, וועלכע האט ניט קיין שום פארבינדונגען, ווי דער „בונד"?

ניטא וואס צו שפילן זיך אין באהעלטעניש, מיינע הערן! דאס איז אי ניט קלוג, אי ניט ווירדיק. איר זיינט ארויסגעטראטן סעפאראט, ווייל איר האט געוואלט ארויסטרעטן סעפאראט, און איר האט געוואלט ארויסטרעטן סעפאראט, קעדיי מיט־אמאל צו באווייזן און דורכצופירן אייער באשלוס אוועקצושטעלן אף א נייעם באדן די באציונגען צו די רוסישע כאווירים: ניט ארייננצוגיין אין דער רוסלענדישער סא־ציאל־דעמאקראטישער ארבעטער־פארטיי אפן סמאך פונעם סטאטוט פון 1898 יאר, נאר געפינען זיך אין א פעדעראטיוון בונד מיט איר.

אנשטאט צו באהאנדלען די דאזיקע פראגע אויספירלעך און אלזייטיק פארן גאנצן צוזאמענפאר, ווי דאס האבן געוואלט טאן מיר, וועלכע האלטן זיך שוין זייער לאנג אפ פון פארזעצן די פאלעמיק וועלכע מיר האבן אנגעהויבן, איבער דער פראגע וועגן דער פעדעראטיווקייט און נאציאנאליטעט, ווי דאס האבן, בליסאפעק, געוואלט טאן אלע אדער די קאלאסאלע מערהייט פון די רוסישע כאווירים, אנשטאט דעם האט איר אפגעריסן די געמיינזאמע באהאנדלונג. איר זיינט ארויסגעטראטן ניט ווי א כאווער פון פעטערבורג, פון דארעם, פון „איסקרא", וועלכער וויל איניינעם מיט זיי באהאנדלען (סיי פארן צוזאמענפאר, סיי אפן צוזאמענפאר) די בעסטע פארם פון באציונגען — איר זייט ארויסגעטראטן גלייך ווי א צאד, באזונדער פון אלע מיט־גלידער פון דער ר.ס.ד.א.פ., וועלכער שטעלט זיינע באדינגונגען דער דאזיקער גאנ־צער פארטיי.

מיט געוואלט וועסטו ניט געפעלן ווערן — זאגט א רוסיש שפריכווארט. אויב דער „בונד" וויל ניט פארבלייבן אין דעם ענגסטן צוזאמענבונד מיט דער רוסלענדישער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער־פארטיי, וועלכן עס האט אנגעמערקט דער צוזא־מענפאר פון 1898 יאר, ווערט ער, פארשטייט זיך, ניט פארבלייבן אין די אלטע בא־ציונגען. מיר לייקענען ניט אפ זיין רעכט דורכצופירן זיין מיינונג און זיין ווונטש (מיר וועלן ביכלאל ניט אן, אז דער עקסטער נויט, קיין רייד וועגן „רעכט" אין א רעווא־לוציאנערער זאך), נאר מיר באדויערן זייער, וואס דער „בונד" האט פארלארן יעדן געפיל פון טאקט, דורכפירנדיק זיין מיינונג דורך א באזונדערער עפנטלעכער ארויס־טרעטונג אין דערזעלבער צייט, ווען מע האט אים איינגעלאדן אין דער געמיינזאמער ארגאניזאציע (א. ק.), וועלכע זאגט ניט ארויס פון פריער קיין שום קאטע־גארישע מיינונג וועגן דער דאזיקער פראגע און וועלכע רופט צונויף דעם צוזא־מענפאר גראד אף צו באהאנדלען אלע און קאלעקטיווע מיינונגען.

דער „בונד" האט געוואלט פראוואצירן אף טייקעף ארויסזאגן זייער מיינונג אלעמען, ווער עס קוקט אנדערש אף דער פראגע. איז זאל זיין אזוי! פון דעם וועלן

מיר זיך, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּזאָגן. מיר וועלן זאָגן דעם רוסישן און וועלן ספּעציעל איבערכאַזערן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַז די איצטיקע פירער פון „בונד" באַגייען אַן ערנסטן פּאָליטישן פעלער, וועלכן סע וועט בליסאָפעק פאַריכטן די צייט, די דערפאַרונג, דער וווּקס פון דער באַוועגונג. אַמאָל האָט דער „בונד" געשטיצט דעם עקאָנאָמיזם, האָט מיטגעהאָלפן דער שפּאַלטונג אין אויסלאַנד, האָט אָנגענומען באַשלוסן, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף איז דאָס בעסטע מיטל פון פּאָליטישער אַגיטאַציע, מיר פלעגן פּראָטעסטירן קעגן דעם און פלעגן קעמפן. און דער קאַמף האָט געהאָלפן אויסבעסערן די אַלטע פעלערן, פון וועלכע עס איז איצט, מיסטאָמע, אַפילע קיין שפּור ניט פאַרבליבן.

מיר האָבן געקעמפט קעגן די טעראָריסטישע פאַרבלענדעניש, וועלכע זיינען, ווי עס ווייזט אויס, פאַריבער אַסאַך גיכער. מיר זיינען זיכער, אַז עס וועלן פאַרבייגיין אויך די נאַציאָנאַליסטישע פאַרבלענדעניש. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט וועט סאָף־קאָלסאָף פאַרשטיין, אַז די ענגסטע אייניקייט מיטן רוסישן אין איין פּאַרטיי ווערט געפאָדערט דורך זיינע ברענענדיקסטע אינטערעסן, אַז עס איז דער ערגסטער אומזין צו אָנטשיידן פון פריער, צי וועט די עוואָלוציע פון יידנטום אינעם פרייען רוסלאַנד זיך אונטערשיידן פון זיין עוואָלוציע אין דער פרייער אייראָפּע, אַז דער „בונד" דאַרף ניט גיין ווייטער פון דער פאָדערונג (אין דער רוס. סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרב. פּאַרטיי) פון יענער פולקומער אויטאָנאָמיע אין די אינינאָנים, וועלכע האָבן אַ שייכעס צום יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז פולקום אָנערקענט געוואָרן דורכן צוזאַמענפאָר פון 1898 יאָר און וועלכע קיינער האָט קיינמאָל ניט אָפּגעלייקנט".*)

דערהאַזיקער זייער שאַרפער אַרטיקל קעגן „בונד" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „איסקראַ" נאָך דעם ווי אין רוסלאַנד זיינען די פאַרשטייער פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט און פאַרשטייער פון רוסישן צ. ק. פון „בונד" געקומען צו אַן אויסגלייך, אַז פאַרשטייער פון „בונד" גייען אַריין אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט און די פּאָלעמיק צווישן א.־ק. און „בונד" ווערט אָפּגעשטעלט. לענין און די „איסקראַ" האָבן נאָך ניט באַוויזן צו באַקומען אין אויסלאַנד די יעדיע וועגן אָפּמאַך. דעריבער, אַז די „איסקראַ" איז אָנגעקומען אין רוסלאַנד, האָט לענינס אַרטיקל אַרויסגערופן אַ טומל בײַ די בונדישע פאַרשטייער פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט און באַשאַפן אַן אומאָנגענעמע לאַגע פאַר די איסקראַוצעס.

דאָס האָט דערנאָך אַרויסגערופן אַ רייע נייע אונטערהאַנדלונגען צווישן א. ק. און „בונד" און סאָפּקאָלסאָף איז ווידער באַשלאָסן געוואָרן אָפּצושטעלן די פּאָלעמיק און פאַרעפנטלעכן אַ מעלדונג וועגן דעם באַשלוס. דיהאַזיקע מעלדונג איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „איסקראַ" (נומער 37 פון אַפּרעל 1903 יאָר).

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט אָבער געענטפערט אויף לענינס אַרטיקל. דערהאַזיקער ענטפער איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אין אַ באַזונדער בלעטל. אין דעם ענטפער האָט דער צ. ק. פון „בונד" זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז די גאַנצע פּאָלעמיק, וועלכע איז מיט גוואַלד אַרופגעצויגן געוואָרן אויפן „בונד", איז אַן „אומגעהערטע אין דעם זין פון מאַכן ניט קיין באַגרינדעטע באַשולדיקונגען און באַליידיקונגען".

*) לענין — וועגן דער מעלדונג פון „בונד" — לענינס ווערק. פינפטער באַנד, זייט 236.

אָבער ניט געקוקט אַף דער דערקלערונג איז דערהאַזיקער ענטפער פון צ. ק. פון „בונד” פון אָנהייב ביז סאָף פול מיט זידלערייען און באַשולדיקונגען קעגן דער „איסקרא”. וועגן טאַקע פון דער פראַגע, וועגן די באַשולדיקונגען, וואָס די „איסקרא” האָט אָן אן אויפהער געמאַכט קעגן די פירער פון „בונד”, אַז זיי זיינען באַהערשט געוואָרן פון נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן און ברענגען שאָדן מיט דעם דעם פּראָלע-טאַריאַט און אַז צוליב דעם טיילט זיך דער „בונד” אָפּ פון דער ר.ס.ד.א.פּ. — אָט אַף דערהאַזיקער גרונט־באַשולדיקונג האָט דער צ. ק. פון „בונד” געענטפערט, אַז די־האָזיקע פראַגע איז ניט נאָר אַ זאַך, וואָס איז נוגייע דעם „בונד” אַליין, נאָר אַז זי אינטערעסירט אויך אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי די פּאָליאַקן, אַרמענער, לעטן, ליטווינער און אַפילע רוסישע כאַוויירים, וועלכע זיינען פאַרינטערע-סירט אין דער ריכטיקער ליזונג פון דער פראַגע. דער „בונד” האָט פאָרגעלייגט, אַז די פראַגע פון פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע זאָל אַלזייטיק באַהאַנדלט ווערן אַפן צו־זאַמענפאָר מיטן אָנטייל פון אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

אָט דאָס איז געווען דער ענטפער, וואָס דער „בונד” האָט געגעבן דער „איסקרא”. מיט דעמדאָזיקן ענטפער האָט דער צ. ק. פון „בונד” נאָכאַמאָל געוואָלט אַנטקעגנ־שטעלן אַלע נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס קעגן דער „איסקרא” און זיך באַמיט צו ווערן דער אָנפירער פון אַ נאַציאָנאַלן בלאָק קעגן דער „איסקרא” אַפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. דאָס איז געווען אַ געפערלעכע שפּיל. לענין און „איסקרא” האָבן עס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, דערפאַר טאַקע האָט לענין אין זיין אַרטיקל וועגן דער „מעלדונג פון „בונד”” געשריבן: „מיט דעם, וואָס דער „בונד” האָט פאָרמעל אַרויסגערוקט די „רעכט” פון „אַלע” נאַציאָנאַליטעטן אַף גרינדן די שוין לאַנג געגרינדעטע רוס.סאָצ. דעמ. אַרב. פּאַרטיי באַשטעטיקט ער באַשיימפּער־לעך, אַז האַפּקע צוליב דער פראַגע פון דער באַרימטער פעדעראַציע האָט ער אויפגע-הויבן די גאַנצע מייסע”.

קעדיי ניט דערלאָזן, אַז דער צווייטער צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרפעסטיקן אָרגאַניזאַציאָנעל די ר.ס.ד.א.פּ., זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שלאַכט־פעלד פון „אַלע איבעריקע” נאַציאָנאַליטעטן, וועגן וועלכע דער „בונד” האָט גערעדט, האָט די „איסקרא” געמוזט זיך שטעלן קעגן דער פאָדערונג פון „בונד” וועגן דעם רעכט פון פאַרשטייערשאַפט פאַר אַלע איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן אַפן צוזאַמענפאָר, און לענין האָט פאַרענדיקט זיין אויבנדערמאָנטן אַרטיקל מיט די ווערטער:

„קאַלזמאַן מיר זיינען אַליין ניט געוואָרן איינהייטלעך אָרגאַניזאַציאָנעל און האָבן זיך ניט געשטעלט פעסט אַף אַ זיכערן וועג, וועט די פאַראייניקונג מיט אונדז גאָרניט געבן „אַלע איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן” און דאָס באַשליסן די פראַגע וועגן דער מעג־לעכקייט (און ניט וועגן דעם רעכט, מיינע הערן!) פון דער פאַרשטייערשאַפט פון אַלע איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן אַף אונדזער צוזאַמענפאָר הענגט אָפּ פון אַ גאַנצער ריי פּראַקטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט פון אָ. ק. און פון די רוסישע קאָמיטעטן. דאָס הענגט אָפּ, מיט איין וואָרט, פונעם דערפאָלג פון דער טעטיקייט פונעם אָ. ק.

אָבער דאָס, אַז דער „בונד" האָט גלייך פון אָנהייב אָן געוואָלט אַריינשטעלן אַ פּלאָן אין די רעדער פון אָ. ק. איז אַ היסטאָרישער פאַקט*).

פון דעם אַלעם ווערט קלאָר, אַז ניט געקוקט אַף דעם, וואָס צווישן „בונד" און אָ. ק. איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך, אַז די פּאָלעמיק וועגן דעם קאָנפליקט אַרום דער פראַגע פון אָ. ק. זאָל אָפּגעשטעלט ווערן, האָבן לענין און די „איסקרא" ניט אָפּגעשטעלט דעם קאַמף קעגן בונדישן נאַציאָנאַליזם. פאַרקערט, דערהויפּטיקער קאַמף איז וואָס ווייטער אַלץ פאַרשטאַרקט געוואָרן. אין אַ בריוו צו דער רעדאַקציע פון דער צייטונג „דאָרעם־אַרבעטער**) („יוזשני ראַבאָטשי") האָט לענין סאָף מאַרט 1903 געשריבן:

„דערביי בעטן מיר ענערגיש צוגרייטן אומעטום און צווישן אַלעמען אַ באָדן פאַר אַ קאַמף מיטן „בונד" אַפן צוזאַמענפאָר. אָן אַ פאַראַקשנטן קאַמף וועט דער „בונד" ניט אָפּגעבן זיינע פּאָזיציעס.

נאָר אַ פעסטע אַנטשלאָסנקייט פון אונדזער זייט, דערגיין ביזן סאָף, ביז אַרויס־טרייבן דעם „בונד" פון דער פּאַרטיי וועט אים אָן צוייפל צווינגען צו גיין אַף האָ־נאָכעס".

מיט דריי טעג שפּעטער (דעם 3־טן אַפּרעל, 1903) האָט לענין וועגן דעמזעלביקן איניען ווידער געשריבן אין אַ בריוו צו קרזשיזשאַנאָווסקי:

„דאָסמאָל קען איך קיין סאַך ניט מיטיילן: די הויפּט־זאַך, לויט מיין מיינונג, איז איצט מיט אַלע קויכעס פאַרגיכערן דעם צוזאַמענפאָר און פאַרזיכערן אַ מערהייט פון טעמיקע (און „אונדזערע") דעלעגאַטן. אַף בורטן***) איז איצט די גאַנצע האָפע־נונג. מע דאַרף, אַז ער זאָל אַליין אַכטונג געבן, אַף וויפל עס איז מעגלעך, אַף אַלץ, באַזונדערס אַף די דעלעגאַטן און זאָל זיך באַמיען דורכפירן וואָס מער אונדזערע. די סיסטעם פון צוויי שטימען פון יעדער קאָמיטעט העלפט זייער מיט אין דעם. ווייטער איז העכסט וויכטיק די פראַגע וועגן „בונד". די פּאָלעמיק וועגן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָבן מיר מיט אים אָפּגעשטעלט, אָבער פּרינציפּיעל האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, ניט אויפגעהערט דעם קאַמף. וועגן דעם קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין און מע דאַרף יעדן און אַלעמען קלאָר מאַכן ביז פולשטענדיקן „אַריינהאַקן אין קאָפּ", אַז מיטן

---

*) „איסקרא" נומער 33 פון ערשטן פעברואַל 1903 יאָר.

**) דער „דאָרעם־אַרבעטער" (Южный рабочий) — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג, אַרויסגעגעבן פון דער גרופּע מיטן זעלביקן נאָמען. די צייטונג האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יאַנוואַר 1900 יאָר און ביז אַפּרעל 1903 זיינען דערשינען 12 נומערן. די גרופּע און די צייטונג האָבן געהאַט אַ באַדייטונג אין אוקראַינע. דער „דאָרעם־אַרבעטער" איז אין אַסאַך פראַגן געשטאַנען אַף דער פּאָזיציע פון „איסקרא". אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם איז די גרופּע „דאָרעם־אַרבעטער" ניט געווען איינשטימיק מיט דער „איסקרא", געפאָדערט מער זעלבשטענדיקייט פאַר זיך און געמאַכט פרוון אין 1902 יאָר צו אָרגאַניזירן אַ זעלבשטענדיקע געגנט אָרגאַניזאַציע. נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. האָט די „דאָרעם־גרופּע" פונאַנדערגעלאָזן אירע אָפּטיילונגען און איז געוואָרן אַ טייל פון דער ר. ס. ד. א פּ. די הויפּט־טוער פון דער גרופּע „דאָרעם־אַרבעטער" זיינען געווען: יע. יאַ. לעווין (יע אָראָוו) ל. פיינבערג, אַ. מ. גינזבורג (נאומאָוו), אַ. קאָגאַן (יערמאַנסקי) ב. ס. צייטלין (באַטורינסקי) אַ. ווילענסקי (איליא) מ. דושקאַן, ס. ק. ראַטשענקאָ, אַ. אַ. מאָשיצקי, י. ר. ליאַנק, וו. ב. ראָזאַנאָוו.

***) בורט — דאָס איז דער פּסעוודאָנים פון ג. מ. קרזשיזשאַנאָווסקי.

„בונד" האָט מען גרייטן אַ מילכאָמע, אויב מע וויל מיט אים שאָלעם. אַ מילכאָמע אָפן צוזאַמענפאָר, אַ מילכאָמע ביז אַ צעשפּאַלטונג — אום יעדן פּרייז, ווייל נאָר דאַן וועט ער זיך אונטערגעבן. אָננעמען די אומזיניקע פעדעראַציע קענען מיר אַבסאָליוט ניט און וועלן זי קיינמאָל ניט אָננעמען. דאָס סאַמע גרעסטע איז אויטאָנאָמיע לויטן אַלטן סטאַטוט פון 1898 יאָר, מיטן אָנטייל פון אַ באַשטימטן דורכן צ"ק (פון דער ר.ס.ד.א.פּ.—ס. א.) דעלעגאַט אין צ. ק. פון „בונד". דאָס איז דאָס גרעסטע. מע דאַרף צוגרייטן דעם אוילעם, קלאָר מאַכן דעם אומזין, באַווייזן די ווילדקייט פון די אָנפאַלן קעגן קאַטעריניאָסלאַוו (קאָט. קאָמיטעט פון ר.ס.ד.א.פּ. — ס. א).

„...מיר וועלן אַרויסלאָזן אַ ספּעציעלע בראָשור צו די יידישע אַרבעטער וועגן דער נייטיקייט פון פעסטער פאַרייניקונג און וועגן דעם אומזין פון פעדעראַציע און נאַציאָנאַלער פּאָליטיק." *)

אַזוי קלאָר און שאַרף האָט לענין געשטעלט די פראַגע וועגן קאַמף קעגן בונדישן נאַציאָנאַליזם נאָך דעם אָפּמאַך פון אָ. ק. מיטן „בונד" וועגן אָפּשטעלן די פּאָלעמיק אַרום דער פראַגע וועגן שאַפן דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. פון די דאָזיקע ציטירטע בריוו ווערט קלאָר, אַז לענין און די „איסקראַ" האָבן דערקלערט אַ פאַרזאַקשנטן קאַמף קעגן בונדיזם. דער קאַמף איז גלייך איבערגעטראָגן געוואָרן אין די פאַרשיידענע קאָמיטעטן פון דער ר.ס.ד.א.פּ. אין די ראַיאָנען, וווּ דער „בונד" האָט געאַרבעט. אַ רייע קאָמיטעטן האָבן אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען, אַז דער „בונד" זאָל ליקווידירן זיינע באַזונדערע קאָמיטעטן אין די ערטער, וווּ עס האָבן עקזיסטירט אַלגעמיינע פּאַרטייישע קאָמיטעטן פון דער ר.ס.ד.א.פּ. איינציקע קאָמיטעטן האָבן אַפילע זעלבשטענדיק געענטפערט אַף דער מעלדונג פון „בונד" וועגן אָ.—ק. וועגן דעם קאַמף, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען צווישן „בונד" און רסדא"פּ אַף די ערטער, האָט י. מ. אַלעקסאַנדראָווא דאַן געשריבן אין אַ בריוו לענינען און מאַרטאָוון פאָלגנדיקעס:

„איך האָב שאַרף און אַנטשלאָסן געשטעלט די פראַגע וועגן פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע, וועגן נאַציאָנאַליזם און וועגן רעכט פון „בונד" צו עפענען זיין קרעמל דאָרט, וווּ עס זיינען דאָ קאָמיטעטן. בענעגייע דער פּרינציפּיעלער פּאָלעמיק מיטן „בונד" איז געמאָלדן געוואָרן, אַז מיר שליסן זיך אינגאַנצן אָן אָן איר. בענעגייע די ערשטע צוויי פּונקטן האָט דער „בונד" געמאָלדן, אַז דאָס וועלן מיר ניט באַשליסן ביזן צוזאַמענפאָר. וועגן צווייטן פּונקט האָט ער זיך פאַרלאָרן און געבעטן, אַז מע זאָל באַווייזן אין וואָס באַשטייט די שעדלעכקייט. דאָס איז באַוויזן געוואָרן. איצט האָב איך אַף אייגענע אַכרייעס געראָטן די קאָמיטעטן צו שטעלן דעם „בונד" אַן אולטימאַטום: אָדער איר פאַרמאַכט אייערע אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט, וווּ עס זיינען פאַראַן קאָמיטעטן, אָדער מיר הייבן אָן אַ מילכאָמע. איך ברענג די קאָמיטעטן צונויף מיט מיטגלידער פון צ. ק. (פון „בונד"—ס. א.) און מיר וועלן דאַן זען, וואָס דערפון וועט אַרויס. איין קאָמיטעט האָט שוין אַפילע צוגעגרייט אַן ענטפער"**).

אין דעמזעלביקן בריוו שרייבט אַלעקסאַנדראָווא ווייטער: „איך האָב אַרויסגע־

---

*) אַ בריוו פון ב. לענין צו ג. מ. קרזישאַנאָווסקין — לענין־זאַמלבוך VIII, זייט 340. די בראָשור, וועגן וועלכער לענין האָט גערעדט, איז ניט דערשינען.

**) פון אַלעקסאַנדראָוואס אַ בריוו צו לענינען און מאַרטאָוון. זע דאָרטן ז. 350.

טראָגן דעם איינדרוק, אז זיי וועלן גיין אף אסאך (אָבער ניט אף אַלץ), קעדיי צו בלייבן אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט צוליב וואָס דאָס איז זיי נייטיק. דער בייזיין זייערער אין אָ. ק. גיט זיי די מעגלעכקייט צו זאָגן די אופגעבונטעוועטע אָרגאַניזאַציעס: „איר זעט, מיר זיינען דאָך גאָר ניט איזאָלירט פון רוסלאַנד, מיר אַרבעטן דאָך צוזאַמען". די מעלדונגען פון די קאָמיטעטן (די אולטימאַטומס) פאַראַליזירן די שעדלעכע ווירקונג פון אַזאַ מאַרמאַסקירן זיך מיט אונדזער נאָמען"*).

„די קאָמיטעטן וועלן מיר צוגרייטן און מיר וועלן זיי באַקאַנען מיטן „בונד" און ווען מיר וואָלטן איצט פאַרעפנטלעכט א ריי אַרטיקלען וועגן די פראַגן פון נאַציאָ־נאַליזם, פעדעראַציע און אויטאָנאָמיע, וואָלט צום צוזאַמענפאָר דער „בונד" געווען אַן אָפּגעקאָכטער"**).

אַט אַף דעמאָזיקן בריוו האָט לענין דעם 22־טן מיי 1903 יאָר געענטפערט אַלעקסאַנדראָווען:

„לויט מיין מיינונג דאַרף מען פאָרמעל מיטן „בונד" זיין קאָרעקט און לאָיאַל (אין די ציין גלייך ניט שלאָגן), אָבער און דערזעלביקער צייט דאַרפן מיר זיך צו אים באַציען זייער קאַלט, פאַרשפּילעט אַף אַלע קנעפּלעך און אַף אַ געזעצלעכן באָדן מיט אומראַכמאָנעסדיקייט און יעדע שאַ וויסן צושפאַרן צום וואַנט און גיין ביזן סאָף, אָן מוירע, זאָל ער אוועקגיין אויב ער וויל, אָבער מיר דאַרפן אים דערצו ניט געבן די מינדסטע געלעגנהייט און קיין שפּור פון אויסרייד צו אַן איינרייס. די פאָרמאַליטעט מוז מען, פאַרשטייט זיך, ביזן צוזאַמענפאָר אָפּהיטן, אָבער אופדעקן די קאָרטן איז ניטאָ צוליב וואָס"***).

„...צוגרייטן די קאָמיטעטן צום קאַמף קעגן „בונד" איז איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע אופגאַבן פון מאָמענט און דאָס איז גאַנץ מעגלעך, ניט אָנרירנ־דיק די פאָרמאַליטעט"****) (קורסיוו אונדזערער — א. ס.).

ווי מיר זעען פון דידאָזיקע בריוו, וועלכע זיינען ערשט אין 1928 יאָר צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט לענין דעם קאַמף קעגן „בונד" באַטראַכט פאַר איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע אופגאַבן פון יענער צייט און האָט אָנגעווענדעט פיל ענערגיע אַף צוגרייטן די קאָמיטעטן צו דעמאָזיקן קאַמף, סיי דורך פריוואַטע בריוו, סיי דורך אַרטיקלען אין „איסקראַ". לענינס ערשטער אַרטיקל קעגן דעם „בונד" איז געווען וועגן דער מעלדונג פון „בונד", וואָס איז געווען געדרוקט אין נום. 33 „איסקראַ". לענינס צווייטער אַרטיקל קעגן „בונד" איז דערשינען אין „איסקראַ" נו־מער 34 אונטער דעם נאָמען „צי דאַרף דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אַ זעלבשטענ־דיקע פּאָליטישע פּאַרטיי". דעמאָזיקן אַרטיקל האָט לענין אָנגעשריבן אַלס ענטפער אַף די אָנפאַלן, וואָס דער „בונד" האָט געמאַכט קעגן יעקאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט

*) זע דאָרטן.

**) מ. אלעקסאַנדראָווא איז געווען אַ מיטגליד פון אָ. ק. אין דעם בריוו, וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט, ווערט באַשריבן דער קאַמף, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַף אַ פאַרזאַמלונג צווישן פאָרשטייער פון אָ. ק. און צ.ק. פון „בונד" אין מאַרט 1903 יאָר.

***) פון לענינס בריוו צו אַלעקסאַנדראָווא, לענין־זאַמלבוך VIII, זייט 356.

****) פון לענינס אַ צושריפט צו קרופסקאַיאַס א בריוו אין דער רעדאַקציע פון „יוזשני ראַבאָטשי" לענין־זאַמלבוך, VIII, זייט 337.

פון ר.ס.ד.א.פ., פאַרוואָס דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע צו די ייִדישע אַרבעטער און ניט דערמאָנט דעם בונדס נאָמען. אין דערדאָזיקער פּראָקלאַמאַציע, וועלכע איז דערשינען אין יאַנוואַר 1903 יאָר, איז אָנגעוויזן געוואָרן אַף דעם, אַז די מייסע, וואָס די ציאָניסטן פאַרשפּרייטן וועגן דער איינהייטלעכקייט און אומטיילבאַרקייט פון ייִדישן פאָלק, ווערט אָפּגעלייקנט דורך אַ ריי שטרייקן פון ייִדישע אַרבעטער קעגן ייִדישע באַלעבאַטים. אין דער פּראָקלאַמאַציע ווערט ווייטער אָנגעוויזן, אַז די אינטערעסן פון די ייִדישע אַרבעטער זייַנען דיזעלביקע ווי די אינטערעסן פון די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער, און עס איז נייטיק, אַז די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן זאָלן האַנט בײַ האַנט קעמפן קעגן געמיינזאַמע סוינע — קעגן די באַלעבאַטים און קעגן דער רעגירונג. אין דער פּראָקלאַמאַציע איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און מיט אָפּשאַפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג וועלן צוזאַמען מיט איר אויך פאַרשווינדן די סיבעס, וועלכע רופן אַרויס דעם אַנטיסעמיטיזם. און עס איז פאַלש דאָס, וואָס די ציאָניסטן זאָגן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז שטענדיק געווען און וועט שטענדיק זיין. צום סאָף פון דער פּראָקלאַמאַציע ווערט געגעבן אַ זייער ריכטיקע כאַראַקטעריסטיק (אַפילע פאַר היינטיקער צייט) וועגן דעם גוירל פון דער ייִדישער מעלוכע אין פּאַלעסטינע און וועגן דער ציאָניסטישער אַוואַנטיורע. די פּראָקלאַמאַציע ווייזט אָן, אַז דער איינציקער אויסוועג פאַר די ייִדישע אַרבעטער זיך צו באַפרייען איז דער אַלגעמיינער קאַמף פון פאַראייניקטן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע פעלקער קעגן פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. *)

אַף דערדאָזיקער פּראָקלאַמאַציע איז דער „בונד" אַרויסגעטראָטן מיט אַ ספּעציעלן אַרטיקל אין די „לעצטע פּאַסירונגען" אונטערן נאָמען: „וועגן איין פּראָקלאַמאַציע". אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט דער „בונד" געוואָלט אויסלאַכן דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פאַר זיין ניט ריכטיקער אָפּשאַצונג וועגן אַנטיסעמיטיזם. אָבער מער פון אַלץ איז דער „בונד" אָנגעפאַלן אַפן קאָמיטעט דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע צו די ייִדישע אַרבעטער און דערביי ניט דערמאָנט, אַז עס עקזיסטירט דער „בונד". אין דעם אַרטיקל ווערט געזאָגט, אַז דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט האָט נאָך אַלץ ניט געקענט שאָלעם מאַכן מיט דעם געדאַנק וועגן דער נייטיקייט פון באַזונדער אָרגאַניזירן די קויכעס פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. דער אַרטיקל פאַרענדיקט זיך מיט אַן אייצע, אַז דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט זאָל שאָלעם מאַכן מיט דעם פאַקט וועגן דער עקזיסטענץ פון „בונד" דערפאַר, ווייל דער „בונד" איז איינער פון די אומפאַרמיידלעכקייטן, וועלכע עס איז ניט דערלאָזן אַריבערצושפּרינגען**).

אָט אַף דערדאָזיקער אַרויסטרעטונג פון „בונד" האָט לענין געענטפערט מיט זיין באַקאַנטן אַרטיקל: „צי דאַרף דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי". אין דעם אַרטיקל האָט ער אָנגעשריבן וועגן דער פּראָקלאַמאַציע פון קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פאָלגנדיקעס:

---

*) זע דעם פולן טעקסט פון דער פּראָקלאַמאַציע אין דער ביילאַגע.

**) דער אַרטיקל פון „בונד" קעגן קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט ווערט געבראַכט אין דער ביילאַגע.

„...דידאָזיקע אויסגעצייכנטע פּראָקלאַמאַציע דערקלערט אויסגעצייכנט די ייִדישע אַרבעטער פון דער שטאָט קאַטערינאָסלאַוו (מיר וועלן דערקלערן, פאַרוואָס מיר שטרייכן אונטער דידאָזיקע ווערטער) די באַציִונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צום אַנטיסעמיטיזם. דערביי באַציט זיך די פּראָקלאַמאַציע אַזוי זאַרגפול — באַוועריש זאַרגפול צו די געפילן, שטימונגען און ווּנטשן פון די ייִדישע אַרבעטער, אַז זי רעדט ספּעציעל אויס און שטרייכט אונטער די נייטיקייט צו קעמפן אונטער דער פאָן פון דער ר.ס.ד.א.פּ. „אַפילו קעדיי אופצוהאַלטן און ווייטער צו אַנטוויקלען אייער (די פּראָקלאַמאַציע ווענדעט זיך צו די ייִדן אַרבעטער) נאַציאָנאַלע קולטור", „אַפילו צוליב ריין־נאַציאָנאַלע אינטערעסן" (אונטערגעשטראָכן און אויסגעזעצט אַף שפּאַצן אין דער פּראָקלאַמאַציע גופע).

און פונדעסטוועגן איז דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" (מיר האָבן שיר ניט געזאָגט: דער צ. ק. פון דער נייער פּאַרטיי) אָנגעפאַלן אַף דערדאָזיקער פּראָקלאַמאַציע דערפאַר, וואָס זי האָט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דעם „בונד". אָט דאָס איז איר איינציקער פאַרברעכן, אַ שרעקלעכער, וואָס מע קאָן אים ניט מויכל זײַן. אָט פאַרוואָס דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט ווערט באַשולדיקט, אַז אים פעלט „פּאָליטיש[illegible]זינען". די קאַטערינאָסלאַווער באַוויירים ווערן געשטראָפט דערפאַר, וואָס זיי [illegible] „נאָך אַלץ ניט פאַרדייט דעם געדאַנק וועגן דער נייטיקייט פון אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע (אַ טיפער און וויכטיקער געדאַנק) פון די קרייכעם (!!) פונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט", דערפאַר, וואָס „זיי טראָגן זיך נאָך אַלץ אַרום מיטן אומזיניקן טרוים ווי ס'ניט איז פּטור צו ווערן פון אים" (פונעם „בונד").

...פונעם שטאַנדפּונקט פונעם קאַמף פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד פאַר פּאָליטישער פרייהייט און פאַרן סאָציאַליזם איז דער אַרויסטריט פונעם „בונד" קעגן דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט אין דער גרעסטער מאָס ניט קלוג. פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ „זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי" פונעם „בונד" ווערט דערהאָזיקער אַרויסטריט פאַרשטענדלעך: דערוועגט זיך ניט אײַנערגעץ ניט צו אָרגאַניזירן די „ייִדישע" אַרבעטער איינעם און אומיטלבאַר מיט די „קריסטלעכע". דערוועגט זיך ניט צו ווענדן זיך אין נאָמען פון דער ר.ס.ד.א.פּ. אָדער פון אירע קאָמיטעטן צו די ייִדישע אַרבעטער דירעקט „אויסער דער אָרדענונג", ניט דורך דער פאַרמיטלונג פונעם „בונד", ניט דערמאָנענדיק וועגן „בונד"!

און דערדאָזיקער טיף־טרויעריקער פאַקט איז ניט קיין צופעליקייט. ווייבאַלד אָנשטאָט אויטאָנאָמיע אין די איניאָנים, וועלכע זײַנען נעגייע דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, האָט אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון אַ פעדעראַציע" — איז אויך אויסגעקומען צו דערקלערן דעם „בונד" פאַר אַ „זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי", קעדיי צו האָבן די מעגלעכקייט, ניט אַנדערש, דורכצופירן דידאָזיקע פעדעראַציע. אָבער דערקלערן דעם „בונד" פאַר אַ זעלבשטענדיקער פּאַרטיי הייסט טאַקע דערפירן ביז אַן אַבסורד דעם גרונט־פעלער אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. און דאָס וועט אומבאַדינגט און אומפאַרמיידלעך דינען אַלס אַן אויסגאַנגפּונקט פאַר אַ קער אין די אָנשוויונגען פונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און פון די ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן בכלל. די „אויטאָנאָמיע" פונעם סטאַטוט פון 1898 יאָר זיכערט דער ייִדישער אַרבעטערבאַוועגונג אַלץ, וואָס זי קאָן זיך נייטיקן: פּראָפּאַגאַנדע און

אגיטאציע אין זשארגאן, ליטעראטור און צוזאמענפארן, ארויסשטעלונג פון באזונדערע פאדערונגען אלס אנטוויקלונג פון איין געמיינזאמער סאצ. דעמ. פראגראם און באפרידיקונג פון די ארטיקע נייטן און פראגן, וועלכע דרינגען ארויס פון דער באזונדערקייט פונעם יידישן שטייגער. אין אלעם איבעריקן איז נייטיק א פולע און ענגסטע צוזאמענגיסונג מיטן רוסישן פראלעטאריאט, נייטיק צוליב די אינטערעסן פונעם קאמף פונעם גאנצן פראלעטאריאט פון רוסלאנד. און ניט באגרינדעט איז, לויט דער עצעם-זאך, די מוירע פאר יערער „מאיאריזירונג" בא אזא צוזאמענגיסונג, ווייל פון מאיאריזירט ווערן אין די באזונדערע פראגן פון דער יידישער באוועגונג גאראנטירט טאקע די אויטאנאמיע און אין די פראגן פון קאמף מיט דער זעלבסטהערשונג, פון קאמף מיט דער בורזשואזיע פון גאנץ רוסלאנד דארפן מיר ארויסטרעטן אלס אן איינהייטלעכע צענטראליזירטע קאמף-ארגאניזאציע. מיר דארפן זיך שטיצן אפן גאנצן פראלעטאריאט אן אונטערשייד פון שפראך און נאציאנאליטעט, באהעפט דורך געמיינזאמע שטענדיקע באשלוסן אין טעארעטישע, אין פראקטישע און ארגאניזאציאנעלע פראגן און ניט שאפן קיין באזונדערע ארגאניזאציעס, וועלכע גייען יעדע מיט איר וועג, ניט אפשוואכן די קויכעס פון אונדזער דראנג דורך ברעקלען זיך אף פילצאליקע זעלבשטענדיקע פאליטישע פארטייען. ניט אריינטראגן קיין פארפרעמדטקייט און אפגעזונדערטקייט, קעדיי דערנאך קונסטלעך צו היילן די קראנקייט, וועלכע מע האט זיך אליין קינסטלעך געשטעלט מיטן פלאסטער פון דער מעפורסעמער „פעדעראציע" (לענינס ווערק, באנד 5, זייט 245).

וועגן דעם ארטיקל איז אין די בונדישע „לעצטע פאסירונגען" (נומ. 112) דערשינען אן ארטיקל, אין וועלכן די „איסקרא" און לענין ווערן אטאקירט מיט אלע מיטלען און ווו מע באמיט זיך צו באווייזן, אז לענין און די „איסקרא" טראכטן אויס באשולדיקונגען קעגן „בונד", קעדיי אים צו באשמוצן. דער ארטיקל איז געשריבן געווארן אין אזא טאן און אין אזא פארם, וועלכע העלפט מיט צו אנטוויקלען נאציאנאלן אנטאגאניזם צו די איסקראווצעס און צו דער ר.ס.ד.א.פ. בכלל. אט אין וואס פאר א טאן און פארם דער צ. ק. פון „בונד" האט געשריבן וועגן דער „איסקרא":

„די „איסקרא" באטראכט א באזונדערע ארגאניזאציע פון די קויכעס פון יידישן פראלעטאריאט ווי אן ארגאניזאציע פון שוואכקייט (קורסיוו פון „איסקרא"). די־דאזיקע ווערטער וואלט מען געדארפט אויסברענען אף דעם אימפעריאליסטישן שטערן פון דער „איסקרא", ווי א באווייז פון פולשטענדיקער פאראכטונג צום יידישן פראלעטאריאט. אנמעכטיקייט איז אנמעכטיקייט, אבער יידישע ארבעטער זיינען דאך נייטיק פאר דער „איסקרא", נייטיק נאר ווי א הילף-אטריאד, וועלכן זי זאל דירעקט קענען אונטערטעניקן (אן עמעסער לאשן פון א טשינאווניק פון דעפארטאמענט) דער רוס. סאצ. דעמ. ארבעטער-פארטיי.

מיר האבן זיך אביסל באקאנט מיט דער פיזיאנאמיע פון דער אלרוסישער ארגאניזאציע. איצט וועלן מיר זיך באקענען מיט די שטעלן פון ארטיקל (לענינס ארטיקל—ס.א.), וועלכע וואַרפן א ליכט אף די מייסים פון דער ארגאניזאציע"*).

*) „לעצטע פאסירונגען" נומער 112, מארץ 1903 יאר.

מיט אזא שפראך האבן די פירער פון „בונד" גערעדט וועגן דער „איסקרא" און דער ר.ס.ד.א.פ., מיט אזעלכע מיטלען האבן זיי איינגעפלאנצט אומצוטרוי צו דער ר.ס.ד.א.פ. אף דעמדאזיקן שעדלעכן נאציאנאליסטישן ארויסטריט פון „בונד" האט די „איסקרא" געענטפערט מיט א גרויסן ארטיקל (אין נומער 36 „איסקרא"), אין וועלכן עס איז אנגעוויזן געווארן אף דער שעדלעכקייט פון בונדישן נאציאנאליזם און אף דער נייטיקייט צו שאפן אן איינהייטלעכע סאציאל-דעמאקראטישע קאמפס-ארגאניזאציע פון דער רוסלענדער סאציאל-דעמאקראטיע. אין דעמדאזיקן ארטיקל ווערט דערקלערט:

„אין דעם ציטל פון די באשולדיקונגען, וואס דער אויסלענדישער קאמיטעט פון „בונד" האט ארויסגעשטעלט, איז אויך פאראן אזא באשולדיקונג, אז מיר (ד. ה. „איסקרא"—ס. א.) שטרעבן צו ארגאניזאציאנעלער העגעמאניע. מיינע פריינט, מיר זיינען גרייט עפנטלעך צו אנערקענען, אז דאפקע דערצו שטרעבן מיר. אבער... צו וועלכער העגעמאניע? די ארגאניזאציע „איסקרא" האט אף זיך גענומען די צוגרייטונג-ארבעט, וועלכע איז נייטיק פאר דער טעטיקייט פון א פאראייניקטער פארטיי. מיט דער פארענדיקונג פון דעראזיקער ארבעט וועט קיין באזונדערע „איסקרא"-ארגאניזאציע ניט נייטיק זיין. די פרוכט פון איר (פון דער „איסקרא"—ס. א.) ארבעט, אין וועלכער עס באטייליקן זיך די מערהייט פון די ארגאניזאציעס, וועט זיין א צענטראליזירטע קאמפס-ארגאניזאציע פון דער רוסישער סאציאל-דעמאקראטיע, וועלכע וועט פארשטעלן די פארטיי אינגאנצן. אט צו אזא העגעמאניע פון דער פארטיי אינגאנצן אף אירע פילצאליקע באזונדערע טיילן שטרעבן מיר טאקע. די פארטיי מוז אנפירן מיט דער ארבעט פון אירע באזונדערע טיילן. און דער „בונד", ווי איינער פון אזעלכע טיילן, מוז, לויט אונדזער מיינונג, אנערקענען איבער זיך אזא „העגעמאניע" פון דער גאנצער פארטיי, וואס אינעם באשטימען איר ווילן וועט ער, פארשטייט זיך, זיך באטייליקן.

ארויסשטעלנדיק אזא פאדערונג, ווייזן מיר דען ארויס פאראכטונג צום יידישן פראלעטאריאט? זייענדיק זיכער אין דעם, אז דאס אויסטיילן די יידישע ארגאניזאציעס אין א באזונדערער פארטיי וועט זיין אן „ארגאניזאציע פון אומעכטיקייט" פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג, ניט שוין-זשע באליידיקן מיר מיט דעראזיקער דערקלערונג וועלכע עס איז געזעצלעכע געפילן? ניט שוין-זשע האט די אפגעזונדערטקייט פון „בונד", וועלכע איז ארויסגערופן געווארן צוליב דער דעזארגאניזאציע פון דער פארטיי, שוין באוויזן צווישן אונדז צו שאפן אזא אפגרונט, אז די בונדיסטן קאנען שוין ניט פארשטיין די מאטיוון, וועלכע באוועגן די רוסלענדער סאציאל-דעמאקראטן אין זייער קאמף פאר דער „העגעמאניע" פון דער באוועגונג אינגאנצן איבער די טיילן פון דער באוועגונג: יידן, גרויס-רוסן, קליין-רוסן, גרוזינער א. ד. גל.?

„מיר דענקען, — ווערט ווייטער געזאגט אין דעם ארטיקל, — אז די אינטערעסן פון יידישן פראלעטאריאט פאדערן, אז דער „בונד" זאל אומיטלבאר זיך באטייליקן אין ארגאניזירן אן איינהייטלעכע רוסלענדער פארטיי.

...אבער אזא ארגאניזאציע, וועלכע זאל אנפירן מיטן גאנצן קלאסן-קאמף פון פראלעטאריאט און מיטן גאנצן דעמאקראטישן קאמף קעגן צאריזם, קאן באשאפן ווערן נאר אף דער ברייטער ארענע פון דער אלרוסישער זאך. איר פאליטישע פרא-

גראַם, איז גוט אויסגערעכנטע טאַקטיק קאָן נאָר געשאַפן ווערן אַלס פּויעל־יוצא פון קאָלעקטיווער שאַפונג פון אַלע קוויכעס פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אַ קורצזיכטיקער קוסטאַר קאָן, פאַרשטייט זיך, האַלטן זיך פאַרן גאָלדענעם כּלל: „בעסער זיין דער ערשטער אין דאָרף, איידער דער לעצטער אין רוים". און צוליב דעם וויל ער, אַז רוים זאָל פאַנאַנדערפאַלן אויף עטלעכע מער אָדער ווייניקער „זעלבשטענדיקע דערפער". אָבער דער טיף פון קוסטאַר ווערט אַרויסגעשטויסן פון אונדזער באַוועגונג דורכן טיף פון עמעסן רעוואָליוציאָנער, וועלכן עס אַרט ניט, וואָס פאַר אַ נומער ס'וועט אים אויסקומען צו פאַרנעמען אין „רוים", און אַרבעט ענערגיש אויף אויפבויען דעם אייגנהייטלעכן ניט צעטיילבאַרן „רוים" און קיינע געקינצלטע צוגעטראַכטע „יאַרליקן" פון נאַציאָנאַליזם וועלן ניט באַזייטיקן דעם פאַקט, אַז די מייסטע וועגן אונדזער אַזוינגערופענעם „אימפּעריאַליזם" האָט זיך אויסגעבילדעט אַלס רעזולטאַט פון דעם קאַמף צווישן די רעוואָליוציאָנערן און קוסטאַרן אין אונדזער באַוועגונג, וועלכער פירט זיך שוין ניט דעם ערשטן יאָר.

...ניין, ניט קיין קעגנער פון „בונד" און ניט קיין קעגנער פון דער יידישער באַוועגונג זיינען די, וועלכע זאָגן אים: „איר האָט אַמאָל געטאָן אַסאַך פאַר דער געמיינזאַמער זאַך. זאָגט זיך אָפּ פון די לעצטע וועגן פון אָרגאַניזאַציאָנעלער קוסטאַרעריי און, פאַרנעמענדיק אַן אָרט אין אונדזערע רייען, אַרבעט מיט אונדז צוזאַמען". *)

די פירער פון „בונד" האָבן ניט געוואָלט פאַרשטיין דעמדאָזיקן געדאַנק וועגן דער נייטיקייט פון אַ צענטראַליזירטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און זיינען ווייטער געבליבן אויף זייערע נאַציאָנאַליסטישע סעפּאַראַטיסטישע פּאָזיציעס און ווייטער אויסגענוצט שאָוויניסטישע מעטאָדן פון קאַמף קעגן דער „איסקרא". אין סאַמע פלאַקער פון קאַמף, וואָס די „איסקרא" האָט אָנגעפירט קעגן „בונד", איז פאָרגעקומען דער קעשענעווער פּאָגראָם, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָרגאַניזירט מיט דעם צוועק צו שטערן די ערשטמייִקע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע האָבן זיך געגרייט אין אַ ריי שטעט פון דאָרעם־רוסלאַנד. דידאָזיקע בלוט־באָד, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָרגאַניזירט, האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג אין דער גאַנ-

*) דער מעכאַבער פון דעמדאָזיק אַרטיקל און פון נאָך אייניקע אַרטיקלען קעגן „בונד" איז געווען מאַרטאָוו — דערזעלביקער מאַרטאָוו, וועלכער איז פאַקטיש געווען דער אידעאָלאָג פון בונדיזם; אין 1895 יאָר האָט ער אין זיין באַקאַנטער בראָשור „דער ניער ווענדפּונקט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג" פאָרמולירט דעם געדאַנק וועגן דער „נייטיקייט פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו האָבן אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע אויף צו פאַרטיידיקן זיינע ספּעציעלע אינטערעס". דעמדאָזיקן געדאַנק האָבן שפּעטער די גרינדער פון „בונד" געלייגט אַלס יסוד פון זייער בונדיסטישער טעאָריע. אַרבעטנדיק צוזאַמען מיט לענינען און פּלעכאַנאָוון, איז מאַרטאָוו, ווי אַנדערע שפּעטערדיקע מענשעוויקעס פון דער „איסקרא", אַרויסגעטראָטן קעגן בונדיזם, אָבער מאַרטאָווס קעגנערשאַפט צום „בונד" און בונדיזם האָט לאַנג ניט געדויערט. נאָך דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי איז מאַרטאָוו געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיטן „בונד" אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מאַרטאָוו געשטיצט דעם „בונד" און אין 1917, ווען דער „בונד" האָט געפייערט זיין 20־יאָריקן יובילעי, האָט מאַרטאָוו געשיקט אַ באַגריסונג דעם „בונד" און געזונגען אַ לויבגעזאַנג דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער אין אויסלאַנד, צוזאַמען מיט אַבראַמאָוויטשן און אַנדערע פירער פון „בונד", געפירט אַ שענדלעכן קאַמף קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד און באָלשעוויקעס.

צער וועלט. אין דער „איסקרא" זיינען דערשינען א ריי ארטיקלען, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז די צאַרישע רעגירונג איז די אָרגאַניזאַטאָרן פון פּאָגראָם. אין אַן אַרטיקל, וועלכער איז דערשינען אין „איסקרא" גלייך נאָכן פּאָגראָם, אונטערן נאָמען „די לעצטע קאָרטן פון צאַריזם" האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן:

„מיט אירע פאַרברעכערישע האַנדלונגען אין דער צייט פון קעשענעווער פּאָגראָם האָט די רוסישע רעגירונג ווי געזאָגט אונדז, סאָציאַל-דעמאָקראַטן: „איר ווילט אופוועקן די מאַסע, איר ווילט זי מאַכן פאַר אַ מעכטיקן פאַקטאָר אין דער ווייטערדיקער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד. זייער גוט! וועקט די מאַסע, אָבער זייט וויסן, אַז קיין נאָכעס וועט איר ניט האָבן פון איר דערוואַכונג. געדענקט, אַז די מאַסע איז אַ בלוטדורשטיקע כייע און ווען מע לאָזט די דאָזיקע כייע אָפּ פון קייט, וועט זי אָן ראַכמאָנעס צערייסן אַלץ, וואָס איר רינגלט אַרום, ניט מאַכנדיק קיין אונטערשייד פון אייגענע ביז פרעמדע, ניט פאַנאַנדערקלייבנדיק זיך, צי מע איז שולדיק אָדער אומשולדיק. איר ווענדט זיך צו דער מאַסע מיט אייער קאַמף-לאָזונג: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!" אָבער אין איר סוויווע וועט זיך פאַנאַנדערברענען נאַציאָנאַלע סינע און דער רוסישער אַרבעטער וועט אומברענגען זיי אייגענעם כאַווער, אויב נאָר דער דאָזיקער כאַווער באַלאַנגט צו אַן אַנדער שייוועט און גלויבט אין אַן אַנדער גאָט. איר ווילט אופוועקן די מאַסע, טאָ גיט זשע אַ קוק אַף אירע בלוטיקע העלדישקייטן און אָנערקענט די מעשוגאַס פון אייערע פּלענער" — אָט וואָס עס זאָגט אונדז די רוסישע רעגירונג מיט איר אָרגאַניזירונג פון דער קעשענעווער האַריגע, מיט איר אָנטייל אין די קעשענעווער רעציכעס.

„...אונדזער פּאַרטיי, וועלכע גייט בעראָש פון פּראָלעטאַריאַט, איז מעכויעוו צו באַווייזן, אַז די רעגירונג מאַכט אַ טאָעס אין איר כעזשבן, ווען זי שטעלט זיך פאָר, אַז איר וועט געלינגען צו פאַרסאַמען דעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס מיט דער אַנטיסעמיטישער העצע. זי איז מעכויעוו אַרויסצורופן פון דער כאַמע אַרבעטער-סוויווע א ווידערשטאַנד דעם אַנטיסעמיטיזם, זי איז מעכויעוו צו אָרגאַניזירן מיט אייגענע קויכעס א ווידערשטאַנד די פּאָגראָמשטשיקעס... דאָרט ווו אונדזער פּאַרטיי איז שוין שטאַרק גענוג, אַז זי קאָן באַ דער ערשטער מעגלעכקייט אַרויסשטעלן אָפּן נאָס עטלעכע הונדערט אַנטשלאָסענע אַרבעטער, מוז זי באַלד מיט קויעך אונטערדריקן יעדער פּאַרזוך פון אַנטי-יידישע אומאָרדענונגען. אין די ערטער, ווו איר ווירקונג איז נאָך ניט אַזוי גרויס, דאַרף זי אָפּווענדן די אומרויקע מאַסע, וואָס ווערט אופגערייצט קעגן די יידן, און פירן זי קעגן דער פּאָליציי, דורך אָרגאַניזירן דעמאָנסטראַציעס, דורך אָנפאַלן אַף פּאָליצייִשע געביידעס א. ד. גל. און ווו איר וועט זיך אַפילע דאָס אויך ניט איינגעבן, מוזן אונדזערע קאָמיטעטן אין לעצטן פאַל דרייסט און מיט מעסירעס-נעפעש אַרויסטרעטן קעגן די צעיושעטע באַנדעס און פאַרטיידיקן די יידן און אין אַלגעמיין די פּאָגראָמירטע פרעמד-געבאָרענע, זיך ניט אָפּשטעלנדיק פאַר קיין סאַקאָנע און פאַר קיינע נאַרישע פאַרוווּרפן. זיי דאַרפן געדענקען, אַז ראַטעווענדיק די געשלאָגענע, וועלן זיי ראַטעווען דעם כאָוועד פון זייער פּאַרטיי, דעם כאָוועד פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט און די צוקונפט פון אונדזער גאַנצער באַוועגונג"*).

*) ג. פּלעכאַנאָוו — „די לעצטע קאָרטן פון צאַריזם", „איסקרא", נומ. 34, 1-טן מיי 1903.

אזוי האָט די „איסקרא" געשטעלט די פראַגע וועגן קעשענעווער פּאָגראָם, אַזעלכע אויפגאַבן האָט זי געשטעלט פאר דער ר.ס.ד.א.פּ. און פאַרן רוסישן רעוואָ־ליוציאָנערן פּראָלעטאריאַט אין פאַל, ווען די צאַרישע רעגירונג וועט ווידער מאַכן אַ פּאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַזעלכע פּאָגראָמען ווי אין קעשענעוו. צוזאַמען מיט דער „איסקרא" האָבן אַ גאַנצע ריי קאָמיטעטן פון ר.ס.ד.א.פּ. אַרויסגעלאָזן פּראָקלאַמאַ־ציעס וועגן די סיבעס פון קעשענעווער פּאָגראָם און האָבן, ווי די „איסקראַ", אויך גערופן צו געבן אַ ווידערשטאַנד די פּאָגראָמשטשיקעס. און דאָך, נאָך די אַלע פאַקטן, האָט דער „בונד" געוואָלט אויסנוצן דעם קעשענעווער פּאָגראָם אַלס קאַמף־מיטל קעגן דער „איסקרא". אין די „לעצטע פאַסירונגען" (נומער 26) האָבן די בונדישע פירער באַשולדיקט די „איסקרא" און די קאָמיטעטן פון ר.ס.ד.א.פּ., אַז זיי אינטע־רעסירן זיך גאָרניט מיט דער פראַגע וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם.

אין דעם אַרטיקל האָבן די פירער פון „בונד" געשריבן:

„...עס איז דאָך אַ כאַרפּע צו זאָגן, אַז ביז איצט האָט נאָר די „פרייהייט" („סוואָבאָדאַ")*) אַרויסגעלאָזן אַ בראָשור וועגן יידן, און די „איסקראַ", וועלכע קאַרגט ניט קיין פּאַפּיר צו באַשמוצן דעם „בונד", האָט נאָך ביז איצט ניט געפונען פאר נייטיק אַרויסצולאָזן וואָס עס איז אַף דערדאָזיקער טעמע. די רוסישע קאָמי־טעטן אינטערעסירן זיך מער מיט אויפקלערן די יידישע מאַסע און זי באַפרייען פון פאָרורטיילן, צום ביישפּיל, מיט אַרויסלאָזן פּראָקלאַמאַציעס וועגן ציאָניזם, איידער ניט אויסוואַרצלען דעם ווילדן אַנטיסעמיטיזם. עס קאָן זיין, אַז אַזאַ אויפמערקזאַמע באַציונג צו דער יידישער מאַסע פאַרשאַפט זיי טאַקע קאָוועד, אָבער פון רעוואָליו־ציאָנערן שטאַנדפּונקט איז דאָס אַ גרויסער מינוס. מע דאַרף האָפן, אַז דערדאָזיקער טאָעס וועט ענדלעך — האָגאַם דורך זייער אַ טייערן פּרייז — דאָך אָנערקענט ווערן".

אַט דידאָזיקע באַשולדיקונג האָט דער „בונד" עפנטלעך געמאַכט דער „איסקראַ" און די רוסישע קאָמיטעטן. מיט דעם האָט דער „בונד" אַף אַ שאָוויניסטישן אויפן געשפּילט אַף די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, וואָס דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט אַרויסגערופן אין דער יידישער וועלט. מיט דער באַשולדיקונג האָט דער „בונד" זיך געווענדעט צו די יידישע אַרבעטער און צו זיי געזאָגט: „איר זעט, די „איסקראַ", וועלכע איז קעגן „בונד" דערפאַר, ווייל ער זאָגט, אַז די יידישע אַרבעטער דאַרפן האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, קעדיי צו פאַרטיידיקן זייערע ספּעציעלע יידישע אינטערעסן, האָט גאָרניט געטאָן און טוט גאָרניט צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם און דורך דעם מיטגעהאָלפן דעם קעשענעווער פּאָגראָם". אַט מיט אַזעלכע מיטלען האָבן די פירער פון „בונד" געוואָלט איינפלאַנצן סינע באַ די יידישע אַרבעטער קעגן דער „איסקרא" און ר.ס.ד.א.פּ. ביכלאַל. אַף דערהאָזיקער בונדישער שאָוויניסטישער באַשולדיקונג האָט די „איסקראַ" געענטפערט אין אַן אַרטיקל „די מאָביליזאַציע פון די רעאַקציאָנערע קויכעס און אונדזערע אויפגאַבן". אין דעם אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן פאָלגנדיקעס:

„...מיר וועלן זיך דאָ ניט אַמפּערן וועגן דעם, צי איז די רוסישע סאָציאַל־דע־

*) „סוואָבאָדא" איז געווען אַ זשורנאַל, וואָס סטרווע האָט אַרויס געגעבן.

מאַקראַטיע ביכלאַל, און די „איסקראַ" ביפראַט, שולדיק אין פאַרגעסן איינע פון אירע אויפגאַבן — דעם קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם. דאָס וואָלט אונדז פאַרפירט צו ווייט, האַגאַם דאָס וואָלט אויך באַוויזן, אַז דער „בונד" איז אינגאַנצן אומגערעכט אין דער באַשולדיקונג, וועלכע ער האָט לייכטזיניק אַ וואָרף געטאָן. לאָמיר בלויז זאָגן, אַז דער הויפּטמיטל צו קעמפן מיט אַנטיסעמיטיזם, ווי ביכלאַל מיט די רעאַקציאָנערע קויכעס, איז די רעוואָלוציאָנערע אויפקלערונג פון דער פאָלקס־מאַסע און דאָס אָרגאַניזירן איר פאַרגעשריטענעם עלעמענט — דעם פּראָלעטאַריאַט. אַף וויפל די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָרגאַניזירט דעם פּראָלעטאַריאַט און ווירקט אַף די ברייטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג, מאַכט זי אַלץ מער פאַר אוממעגלעך אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג פון דער פּאָגראָם־באַוועגונג. אויב אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט נאָך בּאַ היינטיקער צייט ניט גענוג קויכעס, קעדיי רעוואָלוציאָנער אויפצווירקן גלייכמעסיק אַף אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, און אויב די אַנטיסעמיטישע דעמאַגאָגיע האָט נאָך דעריבער וועלכע ניט איז מעגלעכקייטן אַנצורייצן קעגן די יידן די אָדער יענע עלעמענטן פון דער פּראָלעטאַרישער מאַסע, איז פון דאַנען קאָן אַרויסדרינגען נאָר איין אויספיר: מע מוז ענערגיש אַרבעטן אַף פאַרשטאַרקן אונדזער פאַרטיי, אַף דער קאָנצענטרירונג פון אַלע אירע קויכעס, וועלכע זאָל דערלויבן אַרויסשטופן די רעאַקציע אַפילו פון די אָפּגעשטאַנענסטע ספערן פון דער באַפעלקערונג פון אונדזערע שטעט און דערפער. און קעדיי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, דאַרף אונדזער פאַרטיי האָבן אין איר רעשוס אַלע סאָציאַליסטישע קויכעס, צו וואָס פאַר אַ שיוועט זיי זאָלן ניט געהערן און אַף וואָס פאַר אַ שפּראַך זיי זאָלן ניט רעדן. און דאָס באַדייט, אַז יעדער סאָציאַל־דעמאָקראַט אין רוסלאַנד דאַרף ניט באַגרענעצן דאָס פעלד פון זיין רעוואָלוציאָנער אַרבעט מיט איין ראַיאָן אָדער מיט איין טייל פון דער באַפעלקערונג פון ראַיאָן, נאָר אָפּגעבן וואָס מער קויכעס דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. און מיר, רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע פאַרשטייען אַזוי די אינטערעסן פון אונדזער זאַך און קעמפן קעגן יענע עגאָיסטישע טענדענצן, וועלכע אַנטפּלעקן זיך אַזוי בּוילעט אין „בונד", האָבן טאַקע צוליב דיזאָזיקע מאָטיוון ניט געקאָנט קיין פאַפיר צו „פאַרשווערצן" דעם „בונד", ווי דעם לעצטן געפעלט אָנצורופן אונדזער פּרינציפּיעלן קאַמף מיטן נאַציאָנאַליזם, וועלכער שטייט אין דירעקטן ווידערשפּרוך מיט די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם. וואָס איז שייעך דעם קאַמף, וואָס אונדזערע קאָמיטעטן פירן קעגן ציאָניזם, קאָנען זיי זיך פון אים ניט אָפּזאָגן פּונקט ווי דער „בונד" אַליין, ווייבאַלד דער ציאָניזם ציט אָפּ פון דער אַרבעטער־באַוועגונג געוויסע גאַנץ קולטורעלע שיכטן פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. אין דעם פּראַט איז דער ציאָניזם אַ מער, אַזוי צו זאָגן, נאָענטער קעגנער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איידער דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער פירט נאָך זיך בלויז די אַבסאָליוט פינצטערע, אין קולטורעלן און פּאָליטישן פּראַט, עלעמענטן פון דער רוסישער באַפעלקערונג. מיט אַנדערע ווערטער: די ציאָניסטישע באַוועגונג דראָט אוממיטלבאַר פיל מער דער אַנטוויקלונג פון דער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט, איידער דער אַנטיסעמיטיזם, און אַזוי ווי פאַר אונדז, סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, עקזיסטירן ניט קיינע „אויסדערוויילטע" און ניט־„אויסדערוויילטע" פעלקער, קאָנען מיר זיך בעשומויפן ניט אָפּזאָגן פון דער אויפגאַבע צו

קעמפן מיט די פּאַרורטיילן פון דער יידישער מאַסע. דער „בונד" וואָלט, אַפּאָגעב, געוואָלט, אַז דידאַזיקע אויפגאַבע זאָל אָנערקענט ווערן פאַר זיין ספּעציעלן מאָנאָפּאָל, די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן קאָנען שוין דערפאַר ניט איינגיין אַף דעם, וואָס דער „בונד" פירט אויס דידאָזיקע אויפגאַבע ווייט ניט באַפרידיקנדיק: אַנשטאָט די צעשטערטע פאָרמען פון יידישן נאַציאָנאַליזם, אַנטוויקלט ער אַנדערע, אַנשטאָט די צעשטערטע פּאָרורטיילן פונעם יידישן נאַציאָנאַליזם, זייט ער פּאָרורטיילן פון „רעוואָליוציאָנערן" נאַציאָנאַליזם".*)

אזוי האָט געענטפערט די „איסקראַ" דעם „בונד" אַף די שאָוויניסטישע באַ-שולדיקונגען קעגן דער ר.ס.ד.א.פּ. און דערביי אָנגעוויזן, אַז דער „בונד" איז מיט אַזעלכע באַשולדיקונגען ניט נאָר ארויסגעטראָטן קעגן דער „איסקראַ", אַז ער איז אויך אין א ספּעציעלער בראָשור ארויסגעטראָטן נאָך אַף אַ מער שאָוויניסטישן אויפן קעגן דער ר.ס.ד.א.פּ. אַף זייט 13 פון דער בראָשור „די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג" געפינען מיר אַזעלכע געדאַנקען:

„לויזן די יידישע פראַגע האָט די פּ.פּ.ס. געוואָלט ניט פונעם שטאַנדפּונקט פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט (אונטערגעשטראָכן אינעם אָריגינאַל), נאָר פון איר פּוילישן שטאַנדפּונקט. זי האָט ניט געקאָנט און האָט ניט געוואָלט פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און האָט געפּרוווט אַריינטראָגן אין זיין באַוועגונג איר פּוילישע פּסיכאָלאָגיע"**).

וועגן דעראַזיקער שאָוויניסטישער שטעלונג צו דער פראַגע האָט די „איסקראַ" אין א באַמערקונג צו דעם אַרטיקל „די מאָביליזאַציע פון די רעאַקציאָנערע קויכעס און אונדזערע אויפגאַבן" דערקלערט: „בלויז פונעם שטאַנדפּונקט פון אָפּנהאַרציקן נאַציאָנאַליזם דערלאָזט די יידישע און אויך אַזעלכע ס'ניט איז אַנדערע פראַגע פאַר־שיידענע לייזונגען, אָפּהענגיק פונעם „יידישן", „פּוילישן" א. א. וו. שטאַנדפּונקט. שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען מיר וואָלטן, לעמאָשל, געלייזט די פראַגע וועגן אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג פון „רוסישן" שטאַנדפּונקט און וואָלטן אַנטקעגנגעשטעלט דידאָזיקע לייזונג א וועלכן עס איז דייטשישן שטאַנדפּונקט! אַזעלכע רוסישע נאַציאָנאַליסטן וואָלטן קיין בעסער זאַך ניט געוואָלט, ווי די אָנערקענונג. אַז די פאָדערונג פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן, וועלכע ווערט ארויסגערוקט דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז א לייזונג פון דער פראַגע פון שטאַנדפּונקט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע עקזיסטירן ניט קיין רוסישע, פּוילישע, יידישע שטאַנדפּונקטן. זי ווייס נאָר דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַלוועלט־לעכער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג"***).

אין דערזעלביקער בראָשור „די פּ.פּ.ס. וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג" האָט דער מעכאַבער אויך באַרירט די פראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם און וועגן דעם געשריבן:

„...ראַגאַם דער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם איז קודעמקאָל די אויפגאַבע פון די קריסטלעכע (?!) סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, נאָר אַפילע אין דעם פראַט (אונ-

*) ל. מאַרטאָוו — „איסקראַ" נומער 41 פון 1־טן יוני 1903 יאָר.

) זע דאָרטן. *) זע דאָרטן.

טערגעשטראָכן אין אָריגינאַל) טאָרן זיך די יידישע אַרבעטער אַף קיינעם ניט פאַרלאָזן. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף נעמען דעם קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין זיינע הענט"*).

וועגן דעמדאָזיקן שאָוויניסטישן געדאַנק פון „בונד" האָט די „איסקרא" אין דעם אויבנציטירטן אַרטיקל געשריבן:

„אַ שאַנדע, וואָס אין דעם אָנפירנדיקן אָרגאַן פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע (די „אַרבעטער־שטימע") קאָנען זיך דרוקן שורעס, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ נאַציאָנאַליסטישער פיינטלעכקייט צו פרעמדע פּראָלעטאַריער! עס איז ניט וויכטיק וואָס פאַר אַ פּאָלעמישע שטיק מיצאַד דער פּ.פּ.ס. האָבן געטריבן די „אַרבעטער־שטימע" אָנצושרייבן דידאָזיקע שורעס. וויכטיק איז דער פאַקט, אַז דער נאַציאָנאַליזם איז דאָרט אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַזאַ אַלגעמיינער פאָרם, אַז ער קאָן דינען פאַר אַן אָנ־מיימין פאַר יעדן ציאָניסטישן „סאָציאַליסט".

ווי גרינג עס איז דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו נעמען דעם קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם אין זיינע הענט, דאָס איז צו זען, אַגעוווּרכע, אויך פון די פאַקטן פון דער לעצטער צייט. אויב די פּאָליציייִשע אונטערהעצעריי צו פּאָגראָמען האָט געקאָנט מיט וואָס עס איז אָפּגעשטעלט ווערן, איז עס בלויז מיט רעוואָלוציאָנערער דראָונג מיצאַד די רוסישע אַרבעטער אַרויסצוּווייזן אַ ווידערשטאַנד די פּאָגראָמשטשיקעס. אויב די שטימונג פון די יידן האָט דורך וואָס עס איז געקאָנט באַרויקט ווערן, איז עס נאָר דורך דער דירעקטער אַריינמישונג פון די רוסישע פּראָלעטאַריער צו פאַרטיידיקן זיי. אין נומער 128 פון „לעצטע פּאַסירונגען" ווערט מיטגעטיילט, אַז אין בערדיטשעוו האָט די מיי־אַגיטאַציע פונעם „בונד" אַרויסגערופן צוליב דעם קעשענעווער פּאָגראָם אַ שטאַרקע אומרויקייט אין די בורזשואַזע קרייזן און אַ שטאַרקע פאַרביטערונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַזוי אַז דאָס דערשיינען פון דער פּראָקלאַמאַציע פונעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט עטוואָס באַרויקט די יידן, ווייל זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז ניט קיין ריין־יידישע באַוועגונג. מיר רעכענען, אַז די בערדיטשעווער יידן זיינען גאַנץ גערעכט. אויב דער רעוואָלוציאָנערער ווידערשטאַנד די אַנטיסעמיטישע פּאָגראָממאַכער וואָלט געוואָרן אַ זאַך בלויז פון די יידן סאָציאַליסטן, וואָלט ער, ווי דערפאָלגרייך ער זאָל ניט זיין, בלויז פאַרשאַרפט די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דער רוסישער באַפעלקערונג, וועלכע געפינט זיך אין פינצטערניש, און דער יידישער: די אומאָרדענונגען וואָלטן אייַנגעהאַלטן פאַרן ברייטן אוילעם יענעם כאַראַקטער פון ראַסן־סינע, וועלכן זיי טראָגן איצט. פאַרקערט, אויב קעגן די פּאָגראָממאַכער וואָלטן אַרויסגעטראָטן פאַראייניקטע רוסישע און יידישע פּראָלעטאַריער, וואָלטן די אומאָרדענונגען גלייך איבערגעגאַנגען אַף אַן אַנדער באָדן—אַף אַ פּאָליטישן באָדן. און קעדיי דאָס זאָל ווערן מעגלעך אין אַלע פאַלן, ווען דאָס איז נייטיק, דאַרפן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן יידן מיט אַלע מיטלען (אַסאַך מער, איידער זיי האָבן דאָס געטאָן ביז איצט) אַרבעטן פאַר

---

*) זע דאָרטן.

דער אַלגעמיין־רוסישער זאַך, וואָס דאָס דערמאָנען וועגן איר רופט אַרויס אַ „היסטע־ריק" בײַ געוויסע פּאַטריאָטן פון זייער פירמע". *)

אין „איסקרא" נומער 43 איז די פראַגע וועגן בונדישן נאַציאָנאַליזם ווידער באַהאַנדלט געוואָרן. דאָסמאָל איז עס געווען אין לײַטנים אַן אַרטיקל „די נאַציאָנאַלע פראַגע און אונדזער פּראָגראַם", אין וועלכן לענין איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּ.פּ.ס. פאַר איר שאָוויניסטישער שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אין דעם אַרטיקל האָט לענין געשריבן וועגן דער פּ.פּ.ס.:

„...בײַ פּ.פּ.ס. קומט אויס אַזוי, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט אויסגעשעפּט דורך דער אַנטקעגנשטעלונג: מיר (פּאָליאַקן) און זיי (דײַטשן, רוסן א. א. וו.). און דער סאָציאַלדעמאָקראַט רוקט אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן די אַנטקעגנשטעלונג: מיר, פּראָלעטאַריער, און זיי, די בורזשואַזיע... און אַט פאַרוואָס אַבסאָליוט ניט קומענדיק אין פאַרלעגנהייט פון די שאָוויניסטישע און אָפּאָרטוניסטישע שטיק וועלן מיר שטענדיק זאָגן דעם פּוילישן אַרבעטער: נאָר דער פולסטער און ענגסטער צוזאַמענבונד מיטן רוסישן פּראָלעטאַריאַט איז פעיק צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פונעם לײַפנדיקן געגעבענעם פּאָליטישן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג, נאָר אַזאַ צוזאַמענבונד וועט געבן אַ גאַראַנטיע פאַר דער פולשטענדיקער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַפרײַונג.

דאָס וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן דער פּוילישער פראַגע איז אינגאַנצן אָנווענדבאַר אויך צו יעדער אַנדער נאַציאָנאַלער פראַגע. די פאַרשאָלטענע געשיכטע פון דער זעלבסטהערשונג האָט אונדז איבערגעלאָזן בעיערושע אַ קאָלאָסאַלע פאַרפרעמדטקייט פון די אַרבעטער־קלאַסן פון פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן, וועלכע ווערן אונטערדריקט דורך דערהאַזיקער זעלבסטהערשונג. אַזאַ פאַרפרעמדטקייט איז דער גרעסטער אומגליק, די גרעסטע שטערונג פונעם קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג, און מיר דאַרפן ניט פאַרזעצן דיהאַזיקע צאָרע, סאַנקציאָנירן דיהאַזיקע מיעסקייט מיט קיינע שום פּרינציפּן פון פּאַרטיי־אָפּגעזונדערטקייט אָדער פּאַרטיי־„פעדעראַציע". אייגפאַכער און גרינגער איז, פאַרשטייט זיך, גיין מיט דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד און יעטווידער זאָל זיך אײַנאָרדענען אין זײַן ווינקל לויטן כּלל: „עס איז ניט מײַן אייסעק", ווי עס וויל זיך איצט אײַנאָרדענען אויך דער „בונד". וואָס מער מיר באַנעמען די נייטיקייט פון אייניקייט, וואָס פעסטער מיר זײַנען איבערציוגט אין דער אוממעגלעכקייט פון געמיינזאַמען אָנגריף אויף דער זעלבסטהערשונג אָן אַ פולער אייניקייט, וואָס שאַרפער עס טרעט אַרויס דער מוז פון צענטראַליסטישער קאַמפּף־אָרגאַניזאַציע בײַ אונדזער פּאָליטישער אָרדענונג — אַלץ ווייניקער זײַנען מיר נויטיק צו באַנוגענען זיך מיט אַ לעפּאָנעם „פּאַשעטער", אָבער אין טאָך טויפאַלשער לייזונג פון דער פראַגע. אויב עס איז ניט פאַראַן קיין באַוווסטזיין פונעם שאָדן פון דער פאַרפרעמדטקייט, אויב עס איז ניט פאַראַן קיין ווונטש צו מאַכן פאַר יעדן פּרײַז און ראַדיקאַל אַ סאָף צו דער פאַרפרעמדטקייט, אויב עס איז ניט פאַראַן קיין ווונטש אינעם לאַגער פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי — דעמאָלט דאַרף מען אויך ניט קיין פייגנבלעטער פון „פעדעראַציע", דעמאָלט איז איבעריק

---

*) „איסקרא" נומ. 41.

צו נעמען זיך פאר דער לייזונג פון דער פראגע, וואס איין צאד וויל זי אייגנטלעך גארניט לייזן, דעמאלט איז בעסער איבערצולאזן, אז די לעקציעס פון דער לעבנס־דערפארונג און פון דער ווירקלעכער באוועגונג זאלן איבערצייגן אין דער נייטיקייט פון צענטראליזם פארן דערפאלג פונעם קאמף פון די פראלעטאריער פון יעדער נאציא־נאליטעט, וואס איז דערשטיקט דורך דער זעלבסטהערשונג, קעגן אט דער זעלבסט־הערשונג און קעגן דער אלץ ענגער זיך פאראייניקנדיקער אינטערנאציאנאלער בור־זשואזיע". *)

די נאציאָנאליסטישע באשטימונגען פון פינפטן צוזאמענפאָר פון בונד**)

. אבער די דאזיקע אלע פרוון מיצאד דער „איסקרא" צו דערהווייזן די שעדלעכ־קייט פון די נאציאנאליסטישע שטרעבונגען פון „בונד" אפצוזונדערן די יידישע אר־בעטער אין א באזונדערע יידישער פארטיי האבן ניט געהאט קיין ווירקונג אף די פירער פון „בונד". גראד אין דער דאזיקער צייט, ווען די „איסקרא" האט אזוי ענער־גיש באקעמפט דעם „בונדישן" נאציאנאליזם, האט זיך פארזאמלט דער פינפטער צוזאמענפאר פון „בונד" און אוועקגעשטעלט אפן טאג־אָרדענונג אלס הויפט־פונקט די פראגע וועגן דעם ארט פון „בונד" אין דער ר.ס.ד.א.פ. דער צוזאמענפאר האט באם באהאנדלען די פראגע און באם אננעמען א רעזאליוציע זיך אנטשלאסן גע־שטעלט אף א נאציאנאליסטישן באדן און מיט דער גאנצער שארפקייט פארמולירט זיין אפגעזונדערטקייט פון דער אלגעמיינער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטיע. אין דעם באריכט פון צוזאמענפאר איז דערקלערט געווארן:

„ווי עס איז באוווסט, האט וועגן דער פראגע דער 4־טער צוזאמענפאר נאר אנ־געצייכנט דעם אלגעמיינעם פרינציפ, אבער ניט באטראכט קיין איינצלהייטן. פאר די 2 יאר, וואס זיינען אריבער פון דעמאלט אן, האט מען וועגן דער פראגע ניט ווייניק דיסקוסירט אין דער פארטיי־פרעסע און דאס האט באשאפן א מעגלעכקייט גענויער צו באטראכטן די דאזיקע פראגע; אויסער דעם האט זיך די פארטיי־פאריי־ניקונג אלץ נעענטער צוגערוקט און מע קאן האפן, אז זי וועט אינגיכן, דורך דעם צוזאמענרופן א 2־טן פארטיי־צוזאמענפאר, מעקויעם ווערן, און דאס האט געמאכט נייטיק שוין צו באקלערן די פראגע, דאס האט געמאכט אומעגלעך זי אפצולייגן.

מיט דער פראגע האט עס געהאלטן אזוי: פון איין זייט האבן בא די אנהענגער פון „בונד" עקזיסטירט געוויסע באשטימטע מיינונגען וועגן דער דאזיקער פראגע, מיינונגען, וועלכע האבן זיך שוין אויסגעדריקט אין דער רעזאליוציע פון 4־טן צו־זאמענפאר; אין די רייען פון „בונד" האט מען זיך גאנץ קלאר פארגעשטעלט יענע באדינגונגען, וואס זיינען נייטיק, קעדיי עס זאלן קענען עקזיסטירן נארמאלע באציונ־גען צווישן „בונד" און די איבעריקע טיילן, וואס גייען אריין אין פארטיי. פון דער צווייטער זייט איז פאר קיינעם קיין סאד ניט געווען, אז די, וועלכע שטימען איין מיט די ריכטונגען פון „איסקרא" — וועלכע דאמינירן איצט אין די רייען פון די רוסישע כאווײרים — האבן קימאט אלע גאר אן אנדער באגריף, אן אנדער מיינונג

*) „איסקרא" נומער 44 פון 15־טן יולי 1903 יאר.

**) דער פינפטער צוזאמענפאָר פון „בונד" איז פאָרגעקומען אין יוני 1903.

וועגן דער פֿראַגע, און אַז די אָרגאַניזיר־פּרינציפּן, וואָס דער „בונד" ליגט פֿאָר, וועלן געוויס באַגעגענען אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד מיצאַד די אָנהענגער פֿון „איסקרא" און דעריבער טאַקע האָט זיך דער 5־טער צוזאַמענפֿאָר באַשעפֿטיקט מיט דער פֿראַגע מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, וועלכע זי פֿאָדערט.

די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט פֿון פֿאַרייניקונג און די גרויסע וויכטיקייט פֿון דער פֿאַרייניקונג פֿאַרן רוסישן פּראָלעטאַריאַט ביכלאַל און פֿאַרן יידישן ביפֿראַט — דאָס איז געווען דער גרונט־פּונקט אין דער פֿירונג פֿון די דעבאַטן איבער דער פֿראַגע. אַלע האָבן געפֿונען פֿאַר ריכטיק, אַז קעדיי גיכער דורכצוקומען מיט אונדזערע ריסישע כאַווירים, מוזן מיר זיך אָפּזאָגן פֿון איינִיקע אונדזערע פֿאָדערונגען, וועלכע האָבן געקאָנט און געמוזט דורכגעפֿירט ווערן אין לעבן בײַ אַנדערע באַדינגונגען, ווען די פּאַרטיי וואָלט זיך געפֿונען אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. אַלע האָבן אָבער אויך איינגעזען, אַז דאָס נאָכגעבן דאַרף האָבן אַ שיר, אַ געוויסן גרענעץ, ס'איז דאָ אַ גאַנצע ריי פּונקטן, פֿון וועלכע מיר טאָרן זיך ניט אָפּזאָגן, ווײַל דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון זיי וואָלט געווען גלייך צו אַ פּאָליטישן זעלבסטמאָרד, דאָס וואָלט אונטערגעגראָבן די עקזיסטענץ פֿון „בונד" אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אַזעלכע פּונקטן מוזן בלײַבן אולטימאַטיווע — דאָס הייסט אַזעלכע, פֿון וועלכע מע טאָר זיך בעשומויפֿן ניט אָפּזאָגן.

דער צוזאַמענפֿאָר, אַלזאָ, האָט געהאַט אַ צווייִקע אויפֿגאַבע: ער האָט, ערשטנס, געמוזט באַצייכענען די אַלע באַדינגונגען, בײַ וועלכע עס קענען עקזיסטירן נאָרמאַלע אָרגאַניזיר־באַציִונגען צווישן „בונד" און די איבעריקע טיילן פֿון דער פּאַרטיי. מע האָט געמוזט אויסאַרבעטן די אַלע פּונקטן, וועלכע — ווען מע זאָל זיי נעמען צוזאַמען — זאָלן גאַראַנטירן, אַז אַלע אינטערעסן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג זאָלן באַפֿרידיקט ווערן, און אַז די פּאַרטיי וועט קאָנסטיטויִרט ווערן אַף אַזאַ אויפֿן, אַז די אינטערעסן פֿון דער גאַנצער באַוועגונג אין רוסלאַנד וועלן ניט קומען אין קיין צוזאַמענשטויס מיט די נאַטירלעכע באַדערפֿענישן פֿון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. אויסאַרבעטן אַ פּראָיעקט פֿון אַזאַ נאָרמאַלן סטאַטוט — דאָס איז געווען די ערשטע אויפֿגאַבע פֿון צוזאַמענפֿאָר.

די צווייטע אויפֿגאַבע איז באַשטאַנען אין פֿאָלגנדיקעס: רעכענענדיק זיך מיט דעם, וואָס די פּאַרטיי געפֿינט זיך איצט אין ניט קיין נאָרמאַלן צושטאַנד און האַבנדיק אין זינען די נייטיקייט פֿון פֿאַרייניקונג, האָט מען געמוזט איבעראַנייִם איבערקוקן דעם גאַנצן סטאַטוט און זען, אין וועלכע פּונקטן פֿון אים, ניט קוקנדיק אַף זייערע נוצן און וויכטיקייט, מע קאָן דערווייל נאָכגעבן, וועלכע פּונקטן פֿון סטאַטוט מע קאָן פֿאָרלויפֿיק אַרויסוואַרפֿן, ניט געבנדיק די אָרגאַניזאַציעס פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט אַן אַנטשיידענעם קלאַפּ, און וועלכע פּונקטן פֿון סטאַטוט מוזן אומבאַדינגט בלײַבן. די צווייטע אויפֿגאַבע איז, אַלזאָ, געווען אָפּזונדערן אין סטאַטוט אַזעלכע פּונקטן, וועלכע מוזן בלײַבן אולטימאַטיוו.

אַלס פֿויעל־יויצע פֿון אַזאַ שטעלונג פֿון דער פֿראַגע האָט דער צוזאַמענפֿאָר אָנגענומען אַ רעזאָליוציע אין דער פֿאָרם פֿון אַ סטאַטוט־מאַקסימום, אין וועלכן עס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן דער ר.ס.ד.א.פּ. די פֿאָדערונגען:

1. דער „בונד" איז אַ פעדעראַטיווער טייל פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

2. דער „בונד" איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז ניט באַשרענקט אין איר טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנע גרענעצן און גייט אריין אין דער פּאַרטיי, ווי זיין (דעם יידישן פּראָלעטאַריאַטס) איינציקער פאָרשטייער; דערביי קאָן דאָס ארויסטרעטן אין נאָמען פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע, אַף וועלכער אויסער אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אריין אין דער פּאַרטיי, פירט זיין טעטיקייט אויך דער „בונד", דערלאָזן ווערן נאָר מיט דעם אָנטייל פון „בונד".

3. אין צ. ק., אויסל. ק. און אַף די צוזאַמענפאָרן פון דער פּאַרטיי קלייבט אויס דער „בונד" זיין פאַרטרעטונג, וועלכע טרעט ארויס אַלס אַזעלכע אין די פראַגן, אַף וועלכע עס פאַרשפּרייט זיך די קאָמפּעטענץ פון די צוזאַמענפאָרן פון „בונד". די אַרט, וויאַזוי דער „בונד" דאַרף זיין פאַרטראָטן, דאַרף זיין געגרינדעט אַף פּרינציפּן, וואָס האָבן זיין גלייך פאַר די צדאָדים, וועלכע טרעטן אריין אין אָפּמאָך". *)

כוץ דיזאָזיקע דריי הויפּט־פּונקטן פון דעמדאָזיקן „סטאַטוט" איז נאָך פאַראַן אַ באַמערקונג צום 8־טן פּונקט, וועלכע זאָגט, אַז אויב עמעצער פון די צוזאַמענגעטרעטע צדאָדים וויל זיך ווענדן צום יידישן פּראָלעטאַריאַט, מוז ער אַף דעם האָבן אַ האַסקאָמע פון „בונד". און אין עלפטן פּונקט פון סטאַטוט ווערט געזאָגט, אַז אויב דעם צ. ק. פון דער פּאַרטיי איז נייטיק זיך צו ווענדן צו באַזונדערע טיילן פון „בונד", קאָן דאָס דער צ. ק. טאָן נאָר מיט דער האַסקאָמע פון צ. ק. פון „בונד". און וויאַזוי דיזאָזיקע באַציונגען זאָלן פאָרקומען, באַשטימט דער צ. ק. פון „בונד" אין יעדן פאַל באַזונדער.

אָט דאָס זיינען געווען די גרונט־פאָדערונגען, וואָס דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט ארויסגעשטעלט אין די סטאַטוטן דער ר.ס.ד.א.פּ. דיזאָזיקע פּראָיעקטן האָט דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" באַשלאָסן צוצושטעלן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון ר.ס.ד.א.פּ.

לויטן באַשלוס פון בונדישן צוזאַמענפאָר, האָט פריער געדאַרפט ארויסגעשטעלט ווערן דער סטאַטוט־מאַקסימום. אויב דער צווייטער צוזאַמענפאָר וועט אים ניט אָננעמען, דאַן דאַרפן די דעלעגאַטן ארויסשטעלן דעם סטאַטוט־מינימום.

אויסער דעמדאָזיקן באַשלוס האָט דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אויך באַשלאָסן אָפּצושאַפן דעם באַשלוס פון פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז „אין די שטעט פון דאָרעם־רוסלאַנד, ווו די יידישע אַרבעטער גייען אריין אין די אַלגעמיינע פּאַרטייִשע קאָמיטעטן, זאָלן קיינע באַזונדערע בונדישע קאָמיטעטן ניט געשאַפן ווערן". דערדאָזיקער באַשלוס איז אָפּגעשאַפן געוואָרן, ווייל אויב דער צוזאַמענפאָר האָט פּראָקלאַמירט דעם „בונד" אַלס דעם איינציקן פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז ניט באַגרענעצט אין זיין טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנע צאַמען, קאָן דאָך קיין רייד ניט זיין וועגן דעם, אַז די יידישע אַרבעטער זאָלן זיך געפינען אין די אַלגעמיין־פּאַרטייִשע קאָמיטעטן, אַז

*) באַריכט פון פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", זייט 5, אויסגאַבע פון „בונד", לאָנדאָן, 1903.

עמעצער אַנדערש כוצן „בונד" זאָל מיט זיי אָנפירן. פון דעם ווערט קלאָר, אַז אַף דעם פינפטן צוזאַמענפאָר האָט דער „בונד" זיך דערקלערט פאַרן מאָנאָפּאָליסט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און אים געוואָלט אַרומרינגלען מיט אַ כינעזישער וואַנט, אַז קיינער זאָל צו איב (צום יידישן אַרבעטער) ניט קענען צוקומען אָן דעם גוטן ווילן פון „בונד".

וועגן די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציונגען צווישן „בונד" און ר.ס.ד.א.פּ. איז גענויער פאָרמולירט געוואָרן אין באַריכט פון צוזאַמענפאָר, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט:

„עס עקזיסטירן אַזעלכע מיינונגען, צוליב וועלכע דער „בונד" אינגאַנצן גענומען ווערט פאַרגליכן צו אַ פּאַשעטן אָרטיקן קאָמיטעט, און אַף דעם יעסאָד ווערט געבויט זיין פאַרשטייערשאַפט (אין די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי—ס. א.), עמעס, ווי אַ באַזונדערן איינפלוסרייכן און פּאַרדינסטפולן קאָמיטעט ליגט מען צו צוויי־דריי איבעריקע שטימען, אָבער דאָס ענדערט ניט דעם עצעם פון דער זאַך. דער „בונד" ווערט צוגעגליכן צו אַ קאָמיטעט.

בענעגייע דערדאָזיקער מיינונג האָט דער פינפטער צוזאַמענפאָר געפונען פאַר נייטיק צו פאַרנעמען אַ שאַרפע, נעגאַטיווע פּאָזיציע. דער „בונד" און אַ קאָמיטעט זיינען צוויי ניט קיין פאַרגלייכבאַרע זאַכן. דער „בונד" איז ניט קיין אָרטיקע אָרגאַניזאַציע, ניט קיין געגנט־פאַריין, ניט קיין טעכנישע גרופּע. דער „בונד" — דאָס איז די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי ער זאָל זיך אָפיציעל ניט אָנרופן, וואָס פאַר אַ מיינונג עס זאָלן וועגן דעם ניט האָבן די רוסישע כאַווייריִם. באַשטייט אָבער שוין פאַקטיש די רוסלענדער פּאַרטיי פון צוויי טיילן: די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער „בונד". זייערע באַציונגען און דער אָרט, וואָס יעדער פון זיי דאַרף פאַרנעמען, דאַרפן קלאָר באַשטימט ווערן, און דערביי אַזוי, אַז דער „בונד" און די רוסישע (ניט רוסלענדער, פאַרשטייט זיך) סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָלן קענען אוועקגעשטעלט ווערן אַזוי, אַז מע זאָל זיי קענען פאַרגלייכן איינע מיט די אַנדערע און זיי קענען מעסטן מיט דעמזעלביקן מאָסשטאַב. די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי איינער פון די צדאָדים (און פאַר אַ צאַד קאָן ניט זיין ניט קיין אָרטיקער קאָמיטעט און ניט קיין געגנט־פאַריין) דאַרף אַקעגנגעשטעלט ווערן נאָך איין צאַד — דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די טיילן פון דער פּאַרטיי דאַרפן גערעכנט ווערן די צדאָדים, וועלכע מע זאָל מעסטן מיט איין מאָס באַם אויסקלייבן פאַרשטייער". *)

דידאָזיקע נאַציאָנאַליסטישע באַשלוסן פון בונדישן צוזאַמענפאָר האָבן, פאַרשטייט זיך, גערופן אַרויסרופן נאָך אַ פיל שטאַרקערן ווידערשטאַנד מיצאַד „איסקראַ" און די קאָמיטעטן פון דער ר. ס. ד. א. פּ. גלייך ווי דער באַריכט פון צוזאַמענפאָר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז אין „איסקראַ" (נומער 46) דערשינען אַן אַרטיקל אונטער דעם נאָמען „דאָס לעצטע וואָרט פון בונדישן נאַציאָנאַליזם". אין דעמדאָזיקן אַרטיקל האָט דער מעכאַבער אָנגעוויזן אַף דעם נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער פון „סטאַטוט" און דערקלערט, אַז וויבאַלד דער „בונד" האָט זיך געשטעלט

*) באַריכט פון 15־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד", זייט 13, אויסגאַבע פון „בונד", לאָנדאָן, 1903

אַף אַ נאַציאָנאַליסטישן באָדן, האָט ער נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך געמוזט (אויב ער האָט זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון זיין גרונט־טאָעס) קומען צו דער שאַפונג פון אַ באַזונדערער יידישער פּאַרטיי. טאַקע דערצו דערגייט דער צווייטער פּאַראַגראַף פון בונדישן „סטאַטוט", וועלכער גיט דעם „בונד" אַ מאָנאָפּאָל אַף פאַרשטייערשאַפט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אין דעם אַרטיקל ווערט דערקלערט:

„דער צוזאַמענפאָר האָט אָפּגעשאַפט דעם באַשלוס פון פריערדיקן צוזאַמענפאָר וועגן דער ניט־נייטיקייט צו שאַפן באַזונדערע בונדישע קאָמיטעטן אין די שטעט, ווו די יידישע אַרבעטער גייען אַריין אין די אַלגעמיינע פּאַרטיייִשע קאָמיטעטן... די אָפּשאַפונג פון דעמדאָזיקן באַשלוס איז דער גרעסטער טריט צו ווייטערדיקער אָפּגעזונדערטקייט און דאָס איז אַ דירעקטער אַרויסרוף די כאַוויירים פון דאָרעם, וועלכע האָבן געאַרבעט און געוואָלט אַרבעטן צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט, פאַרבלייבנדיק אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט דעם גאַנצן אָרטיקן פּראָלעטאַריאַט. „דער וואָס האָט געזאָגט „אַלעף", מוז זאָגן „בייז" — דער וואָס האָט זיך געשטעלט אַף אַ נאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט, דער מוז, נאַטירלעך, דערגיין צו דעם פאַרלאַנג אַרומצורינגלען מיט אַ כינעזישער וואַנט זיין נאַציאָנאַליטעט, זיין נאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג און דעם הייבט אויך גאָרניט אָן צו אַרן, אַז ווענט וועט אויסקומען צו בויען באַזונדער אין יעדער שטאָט, שטעטל און דאָרף, דעם אַרט אויך ניט, אַז מיט זיין טאַקטיק פון צעשפּאַלטונג און צערייסונג מאַכט ער צוניסט דעם גרויסן געבאָט פון פאַרייניקונג פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע נאַציעס, פון אַלע ראַסן, פון אַלע שפּראַכן. ווי אַ ביטערער געלעכטער קלינגט נאָך דעם די רעזאָליוציע פון דעמזעלביקן פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" וועגן די פּאָגראָמען, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז נאָר דורך פאַרייניקטן קאַמף פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער וועלן מיטן וואָרצל אויסגעריסן ווערן די באַדינגונגען, וועלכע רופן אַרויס אַזעלכע פּאַסירונגען ווי דער קעשענעווער פּאָגראָם. ווי פאַלש זיינען די־דאָזיקע ווערטער נאָך דעם, ווי מע טראָגט גלייך אונטער דעם „סטאַטוט", וועלכער ניט בלויז וואָס ער טיילט אָפּ די קעמפער איינע פון די צווייטע, נאָר ער פאַרפעסטיקט די־דאָזיקע פאַנאַנדערטיילונג איינע פון די צווייטע אַף אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אויפן". *)

אין „איסקראַ" נומער 49 איז דערשינען לענינס זייער אַ שאַרפער אַרטיקל קעגן „בונד" אונטערן נאָמען „מאַקסימום אומפאַרשעמטקייט און מינימום לאָגיק". אין דעמדאָזיקן אַרטיקל איז לענין מיט זיין גאַנצער פּאָלעמישער שאַרפקייט אַרויסגעטראָטן קעגן די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר און האָט אָנגעוויזן, אַז:

„דער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט אויסגעאַרבעט מיטאַמאָל צוויי סטאַטוטן, באַשטימענדיק מיטאַמאָל סיי דעם מאַקסימום און סיי דעם מינימום פון זיינע ווונטשן אָדער פאָדערונגען. דערביי ווערט דער מינימום קלוג (אַ, העכסט קלוג!) באַהאַלטן

*) דער מעכאַבער פון דעמדאָזיקן אַרטיקל איז געווען די שפּעטערדיקע מענשעוויטשקע ל. אַקסעלראָד (אָרטאָדאָקס), וועלכע האָט נאָכן 2־טן צוזאַמענפאָר, פונקט ווי מאַרטאָוו און טראָצקי, צוזאַמען מיטן „בונד" געקעמפט קעגן די באָלשעוויקעס.

אין קעשענע. עס ווערט פאַרעפנטלעכט (אינעם בלעטל פון (20) 7 אויגוסט) בלויז דער מאַקסימום אין דערביי ווערט עפנטלעך, אָפן און קלאָר געמעלדעט, אַז דער דאָזיקער מאַקסימאַלער פּראָיעקט פון אַ סטאַטוט „דאַרף פאָרגעלייגט ווערן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ., אַלס באַזיס צו באַהאַנדלען (באַמערקט דאָס!) די פראַגע וועגן דער לאַגע פונעם „בונד" אין דער פאַרטיי". די אָפּאָנענטן פאַלן אָן, פאַרשטייט זיך, אָפן דאָזיקן מאַקסימום מיט אַ באַזונדערער פאַרביסנקייט טאַקע דערפאַר, וואָס דאָס איז אַ מאַקסימום, וואָס דאָס איז דאָס „לעצטע וואָרט" פון דער ריכטונג, וועלכע זיי פאַרורטיילן. דעמאָלט, אין אַ כוידעש אַרום, שלעפּן די מענטשן אַרויס פון קעשענע אָן שום פאַרלעגנהייט אַ „מינימום" און גיבן דראָענדיק צו: „אולטימאַטום!"

דאָס איז שוין ניט דאָס „לעצטע וואָרט", נאָר אַן עמעסער לעצטער פּרייז... צי אָבער דער לעצטער, מיינע הערן? צי האָט איר ניט אין דער צווייטער קעשענע קיין מינימאַלן מינימום? צי וועט ער זיך ניט באַווייזן אָף דער ווייסער וועלט אַזוי בערעך אין אַ כוידעש אַרום?

מיר האָבן מוירע, אַז די בונדיסטן באַנעמען שלעכט די גאַנצע „שיינקייט" פון אָט די מאַקסימום און מינימום. אַרויסשטעלן אַ געוואַלדיק הויכן פּרייז, דערנאָך אַראָפּלאָזן 75 פּראָצענט און מעלדן „דער לעצטער פּרייז" — צי קאָן מען דען אַנדערש האַנדלען? צי איז דען פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן מיסכער און פּאָליטיק?".

ווייטער האָט לענין אָנגעוויזן אין דעם אַרטיקל, אַז די פראַגע איז דאָ ניט אין דעם אָדער יענעם פּונקט פון סטאַטוט, אָדער אין דעם בונדישן „סטאַטוט"-מאַקסימום, אָדער מינימום, נאָר אַז דער שווערפּונקט פון דער פראַגע איז וועגן דעם אָרט פון „בונד" אין דער פאַרטיי, „ליגט גראָד אינעם דעקלאַרירן אַ באַשטימטן פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע, און לאַכלוטן ניט אין די קאָנקרעטע פּונקטן. דער שווערפּונקט איז אינעם אויסקלייבן דעם וועג, צי פאַרגעזעצלעכן די אָפּגעזונדערטקייט פונעם „בונד", וועלכע האָט זיך אויסגעבילדעט היסטאָריש, אָדער אָפּוואַרפן זי אין פּרינציפּ און שטעלן זיך אָפן, באַשטימט, אַנטשיידן און ערלעך אָפן וועג פון גרעסערן און גרעסערן, ענגערן און ענגערן דערנענטערן זיך און צוזאַמענגיסן זיך מיט דער גאַנצער פאַרטיי. איינהאַלטן די אָפּגעזונדערטקייט אָדער אַ קער געבן צום צוזאַמענגיסן. אָט אַזוי שטייט די ברירע.

דאָס לייזן די דאָזיקע ברירע הענגט אָפּ פונעם גוטן ווילן פונעם „בונד", ווייל „מיט גוואַלד קאָן מען ניט געפעלן ווערן", ווי מיר האָבן נאָך געשריבן אין נומער 33. אויב איר ווילט אַ קער געבן צום צוזאַמענגיסן, דעמאָלט וועט איר אָפּוואַרפן די פעדעראַציע און וועט אָננעמען די אויטאָנאָמיע. דעמאָלט וועט איר פאַרשטיין, אַז די אויטאָנאָמיע גאַראַנטירט אַזאַ בעהאַדראָגעדיקייט פונעם צוזאַמענגיסונג-פּראָצעס, בא וועלכער די איבעראָרגאַניזירונג וואָלט פאָרגעקומען מיטן מינימאַלן ברעכן און דערביי אַזוי, אַז די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג וואָלט גאָרניט ניט פאַרלאָרן, נאָר וואָלט אַלץ געוווּנען פון דער דאָזיקער איבעראָרגאַניזירונג און פונעם דאָזיקן צוזאַמענגיסן.

ווילט איר ניט אַ קער געבן צום צוזאַמענגיסן זיך, — דעמאָלט וועט איר זיין

פאר פעדעראציע (אין איר מאקסימאלער אדער מינימאלער פארם, מיט א דעקלאראציע, אדער אן א דעקלאראציע), דעמאלט וועט איר מוירע האבן פאר „מאיאריזירונג", דעמאלט וועט איר פארוואנדלען די טרויעריקע אפגעזונדערטקייט פונעם „בונד" אין א פעטיש, וועט איר שרייען, אז מע פארניכטעט דעם „בונד", דעמאלט וועט איר זוכן א באגרינדונג פאר אייער אפגעזונדערטקייט, און אין דידאזיקע זורבענישן וועט איר אמאל זיך אנכאפן פאר דער ציאניסטישער אידיי וועגן א יידישער „נאציע" און אמאל אנווענדן דעמאגאגיע און פליאטקעס.

טעארעטיש באגרינדן דעם פעדעראליזם קאן מען נאר מיט נאציאנאליסטישע אידייען, און פאר אונדז וואלט געווען מעשונעדיק צו דערווייזן די בונדיסטן, אז ניט צופעליק פאלט אויס די דעקלאראציע וועגן פעדעראליזם אף דעמזעלבן 4־טן צוזאמענפאר, וועלכער האט אנגענומען די דעקלאראציע וועגן דער עקזיסטענץ פון דער יידישער נאציע". *)

די פראגע וועגן „בונד" אפן צווייטן צוזאמענפאר פון רסדא"פ

דידאזיקע ארטיקלען זיינען געשריבן געווארן ערעוו דער עפענונג פון צווייטן צוזאמענפאר פון דער ר. ס. ד. א. פ., אף וועלכן די גענעראלע שלאכט צווישן „בונד" און דער פארטיי האט זיך געדארפט אנהייבן. דעררדאזיקער אנגריף קעגן בונדישן נאציאנאליזם האט זיך טאקע אנגעהויבן בא דער עפענונג פון צוזאמענפאר, ווען מע האט אוועקגעשטעלט די פראגע וועגן דעם ארט פון „בונד" אין דער פארטיי אפן צווייטן פונקט פון טאג־ארדענונג. ווי נאר דער צוזאמענפאר האט זיך געעפנט און מע האט אנגעהויבן באהאנדלען די פראגע וועגן דעם „בונד", איז ליבער (דעלעגאט פו „בונד") ארויסגעטראטן קעגן דעם, וואס די פראגע וועגן „בונד" ווערט געשטעלט אפן טאג־ארדענונג פריער פון אלע אנדערע פראגן, און האט פארגעלייגט, אז דער צוזאמענפאר זאל אויסהערן באריכטן, דערנאך באהאנדלען פראגראם־פראגן און דער דריטער פונקט פון טאג־ארדענונג זאל זיין ארגאניזיר־פראגן, אין באהאנדלענדיק דידאזיקע פראגן זאל מען אויך באטראכטן די פראגע וועגן דעם ארט פון „בונד" אין דער פארטיי. אף דער צווייטער זיצונג פון צוזאמענפאר איז לענין דער ערשטער ארויסגעטראטן קעגן ליבערס פארשלאג און האט דערקלערט:

„איך וויל מאכן איין באמערקונג. מע זאגט, אז עס איז ניט ריכטיק צו שטעלן אפן ערשטן ארט די פראגע וועגן „בונד", ווייל אפן ערשטן ארט דארפן זיין די באריכטן, אפן צווייטן ארט די פראגראם און אפן דריטן — דער „בונד". די מאטיוון פון אזא ארדענונג האלטן ניט אויס קיין קריטיק. זיי לאזן זיך אויס דערצו, אז די פארטיי אינגאנצן האט זיך נאך ניט צונויפגערעדט מיקוייעך דער פראגראם: עס קאן זיך טרעפן, אז גראד בא דער פראגע וועגן פראגראם וועלן מיר זיך פאנאנדערגיין. דידאזיקע ווערטער וונדערן מיך — עמעס, מיר האבן איצטער ניט קיין אנגענומענע פראגראם, אבער די השארע, אז עס וועט פארקומען א ברוך צוליב דער פראגראם, דידאזיקע השארע איז א העכסט פראבלעמאטישע. אין דער פארטיי, אף וויפל עס האנדלט זיך וועגן איר ליטעראטור, וועלכע האט אין דער לעצטער־

*) נ. לענינס ווערק, VI באנד, זייט 68 („איסקרא" נומ. 49, 1903).

צייט אָפּגעשפּיגלט די מיינונגען פון דער פּאַרטיי באַזונדערס פול, האָבן זיך אַזעלכע שטרעמונגען ניט באַמערקט. מאָטיוון פאַר שטעלן די פראַגע וועגן „בונד" אָפן ערשטן אָרט זיינען פאַראַן היין פאָרמעלע, היין מאָראַלישע. פאָרמעל שטייען מיר אָפן באָדן פונעם מאַניפעסט פון 1898 יאָר, און דער „בונד" האָט אויסגעדריקט אַ ווונטש צו ענדערן אַף אַ ראַדיקאַלן אויפן די אָרגאַניזאַציע פון אונדזער פּאַרטיי. מאָראַליש האָבן פיל אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אויסגעדריקט זייער ניט־איינשטימיקייט מיטן „בונד" בענעגייע צו דערדאָזיקער פראַגע; אַף אַזאַ אויפן זיינען אופגעקומען שאַרפע כלוקעדייעכ. וואָס אָנבאַלאַנגט די באַריכטן פון די דעלעגאַטן, איז מעגלעך, אַז זיי וועלן אָפן פּלענום ביכלאַל ניט געלייענט ווערן. דעריבער אונטערשטרייך איך די אָרדענונג פון די פראַגן, וועלכע איז סאַנקציאָנירט געוואָרן דורכן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט" *).

אַרום דערדאָזיקער פראַגע האָבן זיך אַנטוויקלט לאַנגע דעבאַטן. ליבערן האָט גע־שטיצט אַקימאָוו און קעגן ליבערן און אַקימאָוון זיינען אַרויסגעטראָטן אַלע איס־קראָוצעס און צווישן זיי אויך פּלעכאַנאָוו. דער צוזאַמענפאָר האָט מיט אַ מערהייט פון 30 שטימען קעגן 10 באַשטימט, אַז די פראַגע וועגן „בונד" זאָל באַהאַנדלט ווערן אין דער ערשטער ריי. און אַף דער פערטער זיצונג איז דער צוזאַמענפאָר צוגעטראָטן צו באַטראַכטן די פראַגע. דער פאָרטרעגער איבער דערדאָזיקער פראַגע איז געווען ליבער, וועלכער האָט קוידעמקאָל אָנגעוויזן, אַז „דער מאַניפעסט פון 1898 (דער מאַניפעסט, וואָס דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פ. האָט אַרויסגעלאָזן — ס. א.) האָט איינגעשטעלט די פּרינציפּן פון דער פּאַרטייִשער אָרגאַניזאַציע און די באַציונגען פון „בונד" צו איר. אָבער קיין באַשטימטע פאָרם איז דידאָזיקע פּרינציפּן ניט געגעבן געוואָרן. איצט, פאָרלייגנדיק דעם סטאַטוט, וואָס דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט אויסגעאַרבעט, טראָגן מיר ניט אַריין קיינע ענדערונגען. מיר לייגן נאָר פאָר דעם סטאַטוט, וועלכער איז אַ פאַר־ווירקלעכונג און ווייטערדיקע לאָגישע אַנטוויקלונג פון די פּרינציפּן פון מאַניפעסט פון ערשטן צוזאַמענפאָר".

„עס שטעלט זיך פריער פון אַלץ די פראַגע, צו וואָס איז נייטיק אַן אָרגאַני־זאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט? דער ענטפער איז, אַז זי באַרעכטיקט איר עק־זיסטענץ, ערשטנס, מיט דער באַזונדערער שווערער רעכטלעכער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דער גאַנצער יידישער פּראָלעטאַריאַט, און אונטערשייד פון דער שפּראַך, אַף וועלכער ער רעדט. צווייטנס, מיט דעם, וואָס די געזעלשאַפטלעכע קוויכנס־פאַרהעלטעניש בא דער יידישער נאַציע איז אַ גאַנץ באַזונדערע, אַזוי צ. ב. איז בא יידן ניטאָ קיין אדל (דוואָריאַנסטוואָ), קיין פּריצים און פּויערים. דעריבער פירט יעדער געדאַנק וועגן דעם, אַז מע זאָל דעם „בונד" פאַרוואַנדלען אין אַ ראַיאָנע אָרגאַניזאַציע, צו דער פאַרניכטונג פון יעדן זינען פון זיין עקזיסטענץ".

„...באַגרינדן די נייטיקייט פון אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָ־לעטאַריאַט נאָר צוליב דער שפּראַך האָט ניט קיין זינען. אויב אַזוי, צו וואָס דאַרף

*) לענינס ווערק, באַנד VI, זייט 15.

דער „בונד“ דאַן אויטאָנאָמיע? די פראַגע פון שפּראַך איז דאָ נאָר אַ טעכנישע און צוליב דעם האָט מען געקאָנט שאַפן אַ טעכנישע קאָמיסיע“.

„... ווי דאַרפן פאָרט זיין די באַציונגען פון פאַרשיידענע טיילן פון דער פאַרטיי? איך זאָג, אַז זיי דאַרפן זיין באַגרינדעט אַף דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע. איין טייל פון דער פאַרטיי שטעלט מיט זיך פאָר די רוסישע קאָמיטעטן, דער צווייטער טייל דעם „בונד“, וועלכער איז אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערן פאַריין“. „... אונדזערע קעגנער מיינען, אַז פעדעראַציע און דעצענטראַליזם איז איינס און דאָסזעלביקע. דאָס איז ניט ריכטיק. נאָך אונדזער מיינונג איז ניטאָ קיין העכערע פאָרם פון צענטראַליזם ווי פעדעראַציע“. *)

דאָס זיינען די גרונט־געדאַנקען פון ליבערס פאָרטראָג וועגן דעם אָרט פון „בונד“ אין דער פאַרטיי. פון דעם ווערט קלאָר, אַז ליבערס באַהויפּטונג, אַז דער „סטאַטוט“ פון „בונד“, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט דעם צווייטן צוזאַמענפאָר, טראָגט ניט אַריין קיינע ענדערונגען אין די אָרגאַניזיר־פּרינציפּן פון מאַניפעסט פון 1־טן צוזאַמענפאָר, איז ניט קיין ריכטיקע, ווייל דער ערשטער צוזאַמענפאָר האָט דעם „בונד“ געגעבן נאָר אויטאָנאָמיע צו פירן אַן אַרבעט אַף יידיש צווישן די יידישע אַרבעטער אין דעם ראַיאָן, וווּ דער „בונד“ האָט געאַרבעט. און דער סטאַטוט פון „בונד“ האָט געפאָדערט פון דער פאַרטיי פעדעראַציע און דערצו נאָך פעדעראַציע פון אַזאַ מין, וואָס וואָלט פאַקטיש געפירט דערצו, אַז די ר. ס. ד. א. פּ. זאָל צעשפּאַלטן ווערן אין צוויי טיילן: איין טייל, ווי ליבער האָט געזאָגט, — פון רוסישע קאָמיטעטן, און דער צווייטער טייל — פון „בונד“. דאָס האָט ניט נאָר געמיינט אַריינטראָגן ענדערונגען אין די פּרינציפּן פון מאַניפעסט פון ערשטן צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ., נאָר דאָס האָט געמיינט, — ווי מאַרטאָוו האָט דערקלערט, — אינגאַנצן אָפּלייקענען דעם ערשטן צוזאַמענפאָר און באַטראַכטן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פאַר דעם גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. וועגן דערזעלבער פראַגע האָט מאַרטאָוו געהאַלטן אַ צווייטן פאָרטראָג און אָנגעוויזן, אַז דער סטאַטוט פון „בונד“ קערט איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ די יעסוידעס פון דער פאַרטיישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון ערשטן צוזאַמענפאָר. אַנאַליזירנדיק יעדן פּונקט פון בונדישן סטאַטוט, האָט מאַרטאָוו אָנגעוויזן, אַז בויען די פאַרטיי אַף פעדעראַטיווע יעסוידעס הייסט שאַפן אַ צאַם, וועלכער וועט שטערן דער דערנענטערונג און אייניקייט צווישן דעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט און האָט אַלס ענטפער אַף דעם בונדישן סטאַטוט פאָרגעלייגט דידאָזיקע רעזאָליוציע:

„נעמענדיק אין אַכט, אַ) אַז די ענגסטע פאַראייניקונג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פון די ראַסן, צווישן וועלכע ער וווינט, איז אומבאַדינגט נייטיק אין די אינטערעסן פון זיין קאַמף פאַר פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַפרייונג; ב) אַז נאָר אַזאַ פעסטע אייניקייט גאַראַנטירט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דערפאָלגן אין קאַמף מיט יעדן שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם; ג) אַז אַזאַ אייניקייט שליסט אַף אַ האָר ניט אויס די זעלבשטענדיקייט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועַ־

*) פון ליבערס פאָרטראָג אַפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. וועגן דעם אָרט פון „בונד“ אין דער פאַרטיי — פּראָטאָקאָלן פון צווייטן צוזאַמענפאָר, זייט 52—55.

גונג אין אלץ, וואס עס איז נעגייע די באזונדערע אויפגאבן פון אגיטאציע צווישן דער יידישער באפעלקערונג, וואס ווערן ארויסגערופן דורך די באזונדערע אייגנשאפטן פון שפראך און שטייגער, — דריקט אויס דער צווייטער צוזאמענפאר פון דער רוסלענדישער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער־פארטיי זיין טיפסטע איבערצייגונג, אז די איבערבויונג פון די ארגאניזאציאנעלע באציונגען צווישן דעם יידישן און רוסלענדישן פראלעטאריאט אף די יעסוידעס פון פעדעראציע וואלט געווען א גרינטלעכע שטערונג פאר א מער פולשטענדיקער ארגאניזאציאנעלער דערנעענטערונג פון די באוווסטזיניקע פראלעטאריער פון פארשיידענע ראסן און עס וואלט אומפארמיידלעך געבראכט אן אומגעהויער גרויסן שאדן די אינטערעסן פון די יידן אין אלגעמיין און באזונדערס דעם יידישן פראלעטאריאט אין רוסלאנד. און דעריבער, אנטשלאסן אפווארפנדיק אלס אומבאדינגט ניט דערלאזבאר אין פרינציפ יעדע מעגלעכקייט פון פעדעראטיווע באציונגען צווישן דער רוסלענדישער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער־פארטיי און „בונד" אלס אירן א באשטאנד־טייל, באשטימט די צוזאמענפאר, אז דער „בונד" געפינט זיך אין דער איינהייטלעכער ר. ס. ד. א. פ. ווי אן אווטאנאמער באשטאנד־טייל. די גרענעצן פון דער אווטאנאמיע דארפן באשטימט ווערן בא דער אויסארבעטונג פון דעם אלגעמיינעם פארטיי־סטאטוט".

דער פארגעלייגטער סטאטוט פון „בונד" און מארטאווס רעזאלוציע האבן ארויסגערופן לאנגע און ליידנשאפטלעכע דעבאטן, וועלכע האבן פארנומען גאנצע פינף זיצונגען פון צוזאמענפאר. די ערשטע, וועלכע זיינען ארויסגעטראטן אין די דעבאטן, זיינען געווען די דעלעגאטן פון אוקראינע, ד. ה. פון די שטעט, ווו דער „בונד" האט געמאכט די ערשטע פרווון צו ארגאניזירן באזונדערע בונדישע קאמיטעטן. דיזאזיקע דעלעגאטן האבן אין זייערע ארויסטרעטונגען מיט פאקטן אילוסטרירט די שעדלעכקייט פון בונדס טעטיקייט אין אדעס, קיעוו, קאטערינאסלאוו און אנדערע ערטער. דיזאזיקע דעלעגאטן האבן מיט פאקטן פון דער פראקטיק באשטעטיקט דאס, וואס לענין און די „איסקרא" האבן פריער אנגעוויזן אין זייערע פאלעמישע, טעארעטישע ארטיקלען וועגן דעם שאדן, וואס דער בונדישער נאציאנאליזם האט געבראכט אין די רייען פון די סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציעס פון דארעם־רוסלאנד. דער דעלעגאט פון קאטערינאסלאוו, ארלאוו, האט אין זיין רעדע דערציילט:

„איך וויל נאר אנווייזן אף די שעדלעכע פאלגן, וועלכע עס האבן די פארזוכן פון „בונד" צו שאפן זיינע קאמיטעטן אין דארעם־רוסלאנד. אלס ביישפיל וועל איך נעמען דאס, וואס עס איז ניט לאנג צוריק פארגעקומען אין קאטערינאסלאוו. ווי עס איז באוווסט, ווערט דארט פון לאנג אן געפירט אן אגיטאציע און פראפאגאנדע צווישן די יידישע באלמעלאכעס. שוין אין 1896 יאר באגעגענען מיר א פלאנמעסיקע טעטיקייט פון קאמיטעט אין דער ריכטונג. פאר דערהאזיקער גאנצער צייט האבן מיר ניט געוווסט פון קיינע אנקלאגן און עס איז ניט געווען קיין אומצופרידנקייט מיצאד דעם יידישן פראלעטאריאט אף דער ניט־גענוגנדיקער פארטיידיקונג פון זיינע אינטערעסן און אף דעם ניטבאפרידיקנדיקן אוועקשטעלן די אגיטאציע, אין דעם זינען פון איגנארירן זיין רעכטלעכע אונטערדריקונג. עס האבן געארבעט די יידישע באוויירים האנט בא האנט מיט די רוסישע; זיי האבן צוזאמען געקעמפט

קעגן דער עקספּלואַטאַציע פֿון קאַפּיטאַל, צוזאַמען אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט
קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג און קעגן דער פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט. קיי־
נעם איז גאָר אין קאָפּ ניט איינגעפֿאַלן צו טראַכטן, אַז עס עקזיסטירן אַזעלכע באַ־
זונדערע אינטערעסן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זאָלן גלייכצייטיק ניט זיין
די אינטערעסן פֿונעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט. איך כאַזער איבער, אַז קיינע אָנקלאָגן
אַף דעם קאָמיטעט אין דער הינזיכט איז ניט געווען, און דער „בונד" האָט, דוכט
זיך, אַפּילע לויט דער רעזאָליוציע פֿון פֿערטן צוזאַמענפֿאָר (פֿון „בונד"), גאָרניט
געהאַט וואָס צו טאָן דאָ. אָבער ניט אַזוי האָבן געטראַכט אונדזערע כאַווײרים פֿון
„בונד", און אָט איז מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק געקומען צופֿאָרן אין קאַטערי־
נאָסלאַוו אַ פֿאָרשטייער פֿון „בונד" מיט אַ ספּעציעלער אויפֿגאַבע צו שאַפֿן דאָרט
אַ בונדישן קאָמיטעט. איך מוז דאָ באַמערקן, אַז דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן ניט
אָפֿיציעל. אָבער אַזאַ טאַקטיק האָט דער „בונד" ביכלאַל אָנגענומען פֿאַר דער לעצ־
טער צייט: פֿריער טרייט מען צו אַ באַדן און הערנאָך, אַז עס עקזיסטירט שוין אַ
וועלכע עס איז אָרגאַניזירטע גרופּע, טרעט זי אַרויס ווי אַ קאָמיטעט. עס פֿאַרשטייט
זיך, אַז באַ די אָנגעוויזענע באַדינגונגען האָט די אַגיטאַציע אין קאַטערינאָסלאַוו
און ביכלאַל אין דאָרעם־רוסלאַנד פֿאַר אויסטיילן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין
אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע געמוזט געפֿירט ווערן אין דעם גייסט, אַז עס עקזיס־
טירן באַזונדערע אינטערעסן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע וועלן קאָנען באַפֿ־
רידיקט ווערן אַף אַ געהעריקן אויפֿן פֿון אַ פֿעסטער אָרגאַניזאַציע נאָר פֿון דעם־
דאָזיקן פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם פֿון צאָרן
פֿון די פֿאָרגעשריטענע יידישע אַרבעטער. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז
אַזאַ טעטיקייט רופֿט אַרויס אומצוטרוי און נאַציאָנאַלע סינע צווישן די מיטגלידער
פֿון איינער און דערזעלבער מישפּאָכע, אַז אַזאַ מין טעטיקייט פֿירט צו אַן אָפּשוואַ־
כונג פֿון דער באַוועגונג, אַז עס זיינען ניטאָ קיין באַזונדערע אינטערעסן פֿון די
יידישע אַרבעטער א. ד. גל.".

דער אָדעסער דעלעגאַט קאָסטיטש האָט דערציילט:

„איך האָב אויבן אָנגעוויזן אַף דעם שאָדן, וואָס עס ברענגט דער זאַך פֿון אַנט־
וויקלען דעם קלאַסאָון זעלבסטבאַוווּסטזיין פֿון פּראָלעטאַריאַט די בונדישע אַגיטאַ־
ציע אין דעם טייל, וועלכער איז אומיטלבאַר צוזאַמענגעבונדן מיט דעם פֿעדעראַ־
טיוון פּרינציפּ. דעמדאָזיקן שאָדן האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו זען אין אָדעס.
עס איז פֿאַראַן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַנטשטאַנען מיט עטלעכע כאָ־
דאָשים צוריק. די אָדעסער בונדישע אָרגאַניזאַציע מאָטיווירט איר אַנטשטייונג מיט
דעם, וואָס דער אָדעסער קאָמיטעט (פֿון ר. ס. ד. א. פּ. — רעד.) האָט ניט באַ־
פֿרידיקט די באַדערפֿענישן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; די דאָזיקע באַ־
דערפֿענישן פֿאַרשטייט דער „בונד" אַף אַ באַזונדערן אויפֿן, ניט אין דעם גייסט
פֿון מאַניפֿעסט פֿון ערשטן צוזאַמענפֿאָר. דער אָדעסער קאָמיטעט פֿירט ביז היינ־
טיקן טאָג אַ פֿאַרשטאַרקטע אַגיטאַציע צווישן די יידן אין גייסט פֿון מאַניפֿעסט.
פֿאַרקערט, דעם אָדעסער קאָמיטעט האָט מען ערשט מיט צוויי יאָר צוריק אויפֿגע־
וואָרפֿן, אַז ער שענקט צופֿיל אויפֿמערקזאַמקייט דער אַרבעט צווישן יידן. די בונ־
דישע גרופּע איז אַנטשטאַנען און איר אַגיטאַציע האָט איינגיכן אָנגענומען אַזאַ

פֿאָרם: „מיר זיינען ייִדן, מיר דאַרפֿן זיך שטיצן אַף אונדזערע אייגענע קויכעס, זיך פֿאַרייניקן אין אַ באַזונדערער ייִדישער אָרגאַניזאַציע“ און דאָס גלייכן. אַט די דאָזיקע אַגיטאַציע איז אומפֿאַרמיידלעך באַ פֿעדעראַציע און שטעלט מיט זיך פֿאָר, לויט מיין מיינונג און דער מיינונג פֿון די כאַוויירים אַגיטאַטאָרן, סיי ייִדן און סיי ניט ייִדן, אַ קעגנזאַץ צו דער אַגיטאַציע, וועלכע עס דאַרפֿן פֿירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע: „ניטאָ קיין ייִדן און קיין קריסטן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג“.

דער דעלעגאַט פֿון קיִעוו, סטעפּאַנאָוו, האָט דערציילט:

„איך בין אַ פֿאָרשטייער פֿון דער קיִעווער אָרגאַניזאַציע און האָב זיך איבערצייגט אַף איר ביישפּיל אין דעם שאָדן, וואָס עס ברענגט די אָפּגעזונדערטקייט פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. קעדיי ניט צו דערלאָזן דידאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט, האָט דער קיִעווער קאָמיטעט אין דער לעצטער צייט אָנגענומען אַ ריי מאָסמיטלען צו פֿאַרייניקן די באַלמעלאָכישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַשטייען פֿון ייִדישע אַרבעטער, מיט די אָרגאַניזאַציעס פֿון די זאַוואָדן, וועלכע באַשטייען נאָר פֿון רוסישע. אַ שטערונג אין דערדאָזיקער אַרבעט איז געווען די אַריינמישונג פֿון „בונד“. דער „בונד“ האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק זיך אַריינמישן צוליב דעם, וואָס דער קיִעווער קאָמיטעט באַפֿרידיקט קלומערשט ניט די פֿאָדערונגען פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט.

דאָס האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין דער אָפֿיציעלער צוגעשיקטער פֿאָרשטייער פֿון „בונד“, וועלכן דער קיִעווער קאָמיטעט האָט געמאָלדן, אַז דער צ״ק פֿון „בונד“ האַנדלט קעגן דער באַשטימונג פֿון ערשטן צוזאַמענפֿאָר. דידאָזיקע באַשטימונג ווייזט אָן, אַז דער „בונד“ קאָן ניט ווי אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פֿירן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין די ערטער, וווּ עס עקזיסטירן שוין געמישטע אָרגאַניזאַציעס. דאָס האָט דעם פֿאָרשטייער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד“ ניט אָפּגעשטעלט און איצט עקזיסטירט שוין אַן אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד“, עמעס, ניט קיין אָפֿיציעלע. נאָר אַזאַ איז דאָ. דער רעזולטאַט פֿון איר אַרבעט איז מיר ניט באַקאַנט, נאָר איך בין טיף איבערצייגט, אַז דאָס וועט ברענגען שאָדן: ווען די רוסישע אַרבעטער האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער שאַפֿונג פֿון אַן אָפּטיילונג פֿון „בונד“ זיינען זיי געווען אויסער זיך פֿון דעמדאָזיקן פֿאַקט פֿון אומצוטרוי צו די רוסישע כאַוויירים, וועלכע קעמפֿן צוזאַמען קעגן דעם אַלגעמיינעם סוינע — קעגן דער רוסישער זעלבסטהערשונג. יאָ, אַפֿילע די ייִדישע אַרבעטער אַליין האָבן זיך נעגאַטיוו באַצויגן צו דער גרינדונג פֿון אַ זעלבשטענדיקער ייִדישער אָרגאַניזאַציע“ (אַפּלאָדיסמענטן).

דער דעלעגאַט לוואָוו האָט דערציילט:

„ווי נאָר עס האָט זיך דערנענטערט דער פֿערטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“ און באַזונדערס נאָך דעמדאָזיקן צוזאַמענפֿאָר, ווען דער „בונד“ האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף דעם שטאַנדפּונקט פֿון פֿעדעראַליזם, האָבן די באַציונגען צווישן אונדז זיך אינגאַנצן געענדערט. דער „בונד“ האָט זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן פֿון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט זעלבשטענדיק אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין די ערטער, וווּ עס האָבן שוין פֿריער געאַרבעט רוסלענדישע קאָמיטעטן. אומעטום האָבן זיך אָנגעהויבן רייסענישן און צוליב דעם „בונד“ האָט זיך די מעכיצע, וואָס טיילט

אַף די קריסטן פון די יידן, נאָך מער פאַרברייטערט. אַט וואָס עס איז געוואָרן פון „בונד" אין דער לעצטער צייט.

מיר דאַכט, אַז עס איז באַלערנדיק צו דערמאָנען, צו וואָס עס האָט געבראַכט די סעפּאַראַטיסטישע פּאָליטיק פון „בונד" אין פּוילן און זיין אָפּגעזונדערטקייט אין ליטע און פּוילן פון די פּוילישע און ליטווישע סאָציאַליסטן. די פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן גלייך, ווי עס איז אַנטשטאַנען דער „בונד", געפאָדערט, אַז דער „בונד" זאָל זיך צונויפגיסן מיט די פּוילישע אָרגאַניזאַציעס. דער סעפּאַראַטיזם פון „בונד" האָט אין פּוילן געשאַפן אַ גוטן באָדן פאַר שטענדיקע רייסענישן און פאַרשאַרפט די באַציונגען צווישן די קריסטלעכע און יידישע פּראָלעטאַריער".

דער דעלעגאַט פון באַקו, **רוסאָוו**, האָט אין זיין רעדע דערקלערט:

„לויט מיין מיינונג האָט די טענדענץ, וועלכע הערשט איצט אין „בונד", קיין שייכעס ניט מיטן סאָציאַליזם. די עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער יידישער אָרגאַניזאַציע אין דער פּאַרטיי, וואָס דאָס איז טאָמער דערלאָזט געוואָרן פון ערשטן צונויפפאָר און וואָס האָט, קאָן זיין, אַ היסטאָרישע באַרעכטיקונג, האָט געבראַכט צו זייער ניט קיין געווונטשענע רעזולטאַטן. ניט אָפּלייקענענדיק די פאַרדינסטן פון „בונד" אין אָרגאַניזירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, געפין איך דאָך, אַז עס איז אַ גרויסער פעלער פאַר די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי, וואָס ביז איצט זיינען נאָך אין מיירעוו־געגנט ניטאָ קיינע פּאַרטיי־קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן אַרבעטן אַף אַלע שפּראַכן, און דידאָזיקע לאַגע אונדזערע דערקלערט זיך נאָר מיט דעם טאָעס, וואָס דער ערשטער צונויפפאָר האָט געמאַכט. דאָרטן ווערט געפירט אַן אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, אָבער די פּאָליאַקן, ליטווינער, לעטן, רוסן בלייבן אויסער דער פּאַרטייישער אַגיטאַציע. דידאָזיקע לאַגע איז ניט קיין נאָרמאַלע".

„...פאַרוואָס זאָל, לעמאָשל, דער ווילנער קאָמיטעט, אַרבעטנדיק צווישן אַלע פּראָלעטאַריער פון שטאָט, ניט קענען פירן קיין פאַרשטאַרקטע אַגיטאַציע אַפן גרונט פון דער באַזונדערער רעכטלאָזער לאַגע פון די יידן, ווי דאָס טוען די קאַווקאַזער קאָמיטעטן? אין פאַרניכטן די באַגרענעצונג־געזעצן איז אַזוי פאַרינטערעסירט דער רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט, ווי עס איז פאַרינטערעסירט דער יידישער. אַט פאַרוואָס דידאָזיקע פאָדערונג איז אַן אַלפּראָלעטאַרישע און ניט קיין ספּעציעל־יידישע" *).

נאָך דידאָזיקע פּראַקטישע אַרויסטרעטונגען האָבן די דעבאַטן זיך ווידער פאַרוואַנדלט אין אַ טעאָרעטישער דיסקוסיע וועגן פעדעראַציע און אווטאָנאָמיע. דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע האָבן פאַרטיידיקט די בונדישע דעלעגאַטן און זיי צו הילף זיינען געקומען מאַרטינאָוו, אַקימאָוו און נאָך אַ פּאָר דעלעגאַטן. קעגן פעדעראַציע זיינען אַרויסגעטראָטן לענין, פּלעכאַנאָוו, מאַרטאָוו און אַ ריי אַנדערע איסקראָווצעס, וועלכע עס האָט געשטיצט קימאַט דער גאַנצער צונויפפאָר. לענין האָט אין זיין רעדע וועגן אָרט פון „בונד" אין דער ר. ס. ד. א. פּ. געזאָגט:

„דער מעהום פון דער שטרייט־פראַגע איז אָפּטמאָל ניט גאָר ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן אין די דעבאַטן. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס לויט דער מיינונג פון פיל פּאַרטיי־מיטגלידער איז די פעדעראַציע שעדלעך, פעדעראַציע שטייט אין

*) פּראָטאָקאָלן פון צווייטן צונויפפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. זייט 60, פאַרלאַג „פּריבאָי", לענינגראַד, 1924.

א ווידערשפּרוך מיט די פּרינציפּן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און זייער אָנווענדונג צו דער געגעבענער רוסישער ווירקלעכקייט. פעדעראַציע איז שעדלעך, ווייל זי פאַרגעזעצלעכט די אָפּגעזונדערטקייט און פאַרפרעמדטקייט, מאַכט פון זיי א פּרינציפּ, א געזעץ. צווישן אונדז איז ווירקלעך פאַראַן א פולקומע פאַרפרעמדטקייט, און ניט פאַרגעזעצלעכן דאַרפן מיר זי, ניט פאַרדעקן מיט א פייגן־בלעטל, נאָר קעמפן מיט איר, מיר דאַרפן אַנטשיידנדיק אנערקענען און פּראָקלאַמירן די נייטיקייט פעסט און אומאָפּווענדלעך גיין צו דער ענגסטער איינהייט. אָט פאַרוואָס מיר וואַרפן אָפּ אין פּרינציפּ פון שוועל (לויטן באַוווסטן לאַטיינישן אויסדרוק) די פעדעראַציע, וואַרפן אָפּ יעדע אָבליגאַטאָרישע מעכיצעס צווישן אונדז. אין דער פּאַרטיי וועלן שטענדיק אַזוי אויך זיין פאַרשיידענע גרופּירונגען, גרופּירונגען פון ניט אינגאַנצן גלייך דענקענדיקע כאַווייריםאיבער פראַגן סיי פון פּראָגראַם, סיי פון טאַקטיק, סיי פון אָרגאַניזאַציע, נאָר זאָל אין דער גאַנצער פּאַרטיי זיין איין טיילונג אַף גרופּן, ד. ה., זאָלן אַלע, וואָס דענקען גלייך, זיך פאַראייניקן אין איין גרופּע, און ניט אַזוי, אַז טכילעס זאָלן זיך אויסבילדן גרופּעס אין איין טייל פון דער פּאַרטיי, באַזונדער פון א גרופּע אינעם צווייטן טייל פון דער פּאַרטיי, און דערנאָך זאָלן זיך פאַראייניקן צווישן זיך ניט גרופּן פון פאַרשיידענע אָנשויונגען און מיינונג־שאַטירונגען, נאָר טיילן פון דער פּאַרטיי, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך פאַרשיידענע גרופּן. איך כאַזער איבער: קיינע שום אָבליגאַטאָרישע מעכיצעס אַנערקענען מיר ניט, און דעריבער וואַרפן מיר אָפּ אין פּרינציפּ די פעדעראַציע". *)

אָפּוואַרפנדיק דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע, האָט לענין פאַרטיידיקט דעם פאָרשלאָג צו געבן אויטאָנאָמיע דעם „בונד" אין די רייען פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אונטער דעם דרוק פון דער קימאַט איינהייטלעכער קעגנערשאַפט פון צוזאַמענפאָר קעגן דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע, האָט די בונדישע דעלעגאַציע אַריינגעטראָגן א צווייטן פּראָיעקט פון א סטאַטוט, אין וועלכן דאָס וואָרט פעדעראַציע איז ניט געווען. אָבער אין צווייטן פּאַראַגראַף פון דעם נייעם סטאַטוט איז אין א פאַרשטעלטער פאָרם געווען דער עצעם פון פעדעראַציע, און פלעכאַנאָוו האָט אין זיין רעדע דערקלערט:

„אויב די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע... אויב דער פעדעראַטיווער פּרינציפּ ווערט באַטראַכט פאַר שעדלעך, פאַר אַזאַ, וואָס ברענגט צעפּאַלונג און טויט, מוז די רעזאָליוציע (וואָס מאַרטאָוו האָט פאָרגעלייגט — ס. א.) אָנגענומען ווערן, און איר מוז געזאָגט ווערן: מיר וואַרפן אָפּ פעדעראַציע. גערעכט איז מאַרטאָוו, ווען ער זאָגט, אַז ניט באַהאַנדלענדיק גענוי דעם „סטאַטוט", מוזן מיר אין א פּרינציפּיעלער רעזאָליוציע זאָגן: אַף וויפל דער פעדעראַטיווער פּרינציפּ איז פאַראַן אין דעם פאָרשלאָג פון די כאַווייריםפון „בונד", אַף אַזויפיל וואַרפן מיר אים אָפּ. האָגאָם אין דעם נייעם פאָרשלאָג זיינען פאַראַן געוויסע האַנאָכעס, אָבער אין זיין עצעם ליגט דער פעדעראַטיווער פּרינציפּ.

*) פּראָטאָקאָלן פון צווייטן צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. ז. 60, פאַרלאַג „פּריבאָי", לענינגראַד, 1924.

אַזוי איז יעדנפֿאַלס מײַן פֿערזענלעכע מיינונג. אויב מיר זאָגן זיך אַרויס קעגן פֿעדעראַליזם, זאָגן מיר זיך שוין מיט דעם אַרויס קעגן די אַנגעוויזענע פּונקטן" *).

אין אַ צווייטער אַרויסטרעטונג האָט פּלעכאַנאָוו געזאָגט:

„דער צווייטער פּונקט פֿון טאָג־אָרדענונג הייסט: דאָס אָרט פֿון „בונד" אין דער פּאַרטיי. און מיר ווילן ענטפֿערן: דאָס אָרט פֿון „בונד" טאָר ניט באַשטימט ווערן דורך דעם פֿעדעראַטיוון פּרינציפּ"**).

אָבער אויך פּלעכאַנאָוו איז געווען דערפֿאַר, אַז דער „בונד" זאָל האָבן אין דער ר. ס. ד. א. פּ. טעכנישע אויטאָנאָמיע, ד. ה. אויטאָנאָמיע פֿאַרן „בונד" נאָר אַף צו פֿירן אַן אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער אַף דער יידישער שפּראַך. און אין דעם זין איז די אויטאָנאָמיע פֿאַרן „בונד" פֿאָרמולירט געוואָרן אין דער רעזאָליוציע, וואָס דער צוזאַמענפֿאָר האָט אָנגענומען וועגן „דעם אָרט פֿון „בונד" אין דער פּאַרטיי".

אָבער ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די רעזאָליוציע איז אָנגענומען געוואָרן נאָך דעם, ווי די דעבאַטן אַרום דער פֿראַגע האָבן פֿאַרנומען פֿינף זיצונגען פֿון צוזאַמענפֿאָר, איז די פֿראַגע וועגן אָרט פֿון „בונד" אין דער ר. ס. ד. א. פּ. נאָך ניט געלייזט געוואָרן אַפֿן צוזאַמענפֿאָר מיט אָנעמען די רעזאָליוציע. דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך נאָך צו דערהאַזיקער פֿראַגע געמוזט נאָכאַמאָל אומקערן באַם באַהאַנדלען דעם זעקסטן פּונקט פֿון טאָג־אָרדענונג, ד. ה., באַם באַהאַנדלען דעם סטאַטוט פֿון דער ר. ס. ד. א. פּ. האָט מען אויך באַטראַכט דעם אויסגעבעסערטן סטאַטוט פֿון „בונד" וועגן זיין אָרט אין דער פּאַרטיי. דאָסמאָל איז די פֿראַגע לאַנג ניט באַהאַנדלט געוואָרן. מאַרטאָוו האָט פֿאָרגעלייגט אויסשליסן אינגאַנצן דעם צווייטן פּאַראַגראַף פֿון בונדישן סטאַטוט, אין וועלכן עס איז דערקלערט, אַז דער „בונד" איז דער איינציקער פֿאָרשטייער פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט און איז ניט באַגרענעצט אין זיין טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנע ראַמען. צו פֿאַרטיידיקן דעם צווייטן פּונקט איז ליבער אַרויסגעטראָטן מיט אַ לאַנגער רעדע און ווידער אָנגעוויזן אַף דער היסטאָרישער ראָל פֿון „בונד" און אַף דער נייטיקייט פֿאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו האָבן אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. דערביי האָט ער ציטירט די בראָשור: „דער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", און דורך דעם דערקלערט (ניט אָנרופֿנדיק מאַרטאָווס נאָמען), אַז מאַרטאָוו האָט שוין אין 1895 יאָר אין דערהאַזיקער בראָשור אָנגעוויזן אַף דער נייטיקייט פֿאַר דעם יידישן אַרבעטער צו האָבן אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. ליבערס פֿאַרטיידיקונג האָט אַף אַ האָר ניט געביטן די לאַגע. דער צוזאַמענפֿאָר האָט גלייך אָפּגעשטימט מאַרטאָווס רעזאָליוציע און מיט 39 שטימען קעגן 5 און 8 אָפּגעהאַלטענע איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דער צווייטער „פּאַראַגראַף" פֿון בונדישן „סטאַטוט" און מער האָט מען וועגן סטאַטוט ניט גערעדט. נאָך דער אָפּשטימונג האָט ליבער געמאָלדן אין נאָמען פֿון דער בונדישער דעלעגאַציע, אַז מיט דער לעצטער אָפּשטימונג האָט דער צוזאַמענפֿאָר אָפּגעוואָרפֿן דעם פּרינציפּיעלן פּונקט פֿון „אוסטאַוו", וואָס די בונדישע

*) פּלעכאַנאָווס רעדע אַפֿן צווייטן צוזאַמענפֿאָר — פּראָטאָקאָלן פֿון צווייטן צוזאַמענפֿאָר, זייט 92, „פּריבאָי", לענינגראַד, 1924.

**) זע דאָרטן, זייט 94.

דעלעגאציע האט פארגעלייגט, דעם פונקט, וואס דער פינפטער צוזאמענפאר פון „בונד" האט אנערקענט ווי א נויטווענדיקע באדינגונג פאר דער עקזיסטענץ פון „בונד" אין דער פארטיי, און אפן גרונט פון באשלוס פון פינפטן צוזאמענפאר פון „בונד" — האט ליבער דערקלערט — פארלאזט די בונדישע דעלעגאציע דעם צוזאמענפאר און טרעט ארויס פון דער ר. ס. ד. א. פ. אין עטלעכע טעג ארום האט די בונדישע דעלעגאציע צוגעשיקט א שריפטלעכע דערקלערונג*) וועגן דעם ארויסטריט פון „בונד" פון דער ר. ס. ד. א. פ. אין דער דערקלערונג איז געזאגט געווארן:

„די פראגע וועגן דעם ארט פון „בונד" אין דער רוסלענדישער פארטיי איז גלייך פון אנהייב אן פארוואנדלט געווארן אפן צוזאמענפאר אין א פראגע וועגן דעם, צי דער „בונד" זאל עקזיסטירן אדער ניט, ווי אן ארגאניזאציע פון יידישן פראלעטאריאט; די מערהייט פון צוזאמענפאר האט אפן אדער באהאלטענערהייט זיך ארויסגעזאגט פאר דער נייטיקייט באלד אדער שטופנווייז צו ליקווידירן דעם „בונד". דערדאזיקער ווונטש האט זיך אויסגעדריקט אין א גאנצער ריי פאקטן, פון וועלכע מיר וועלן ברענגען די מער בולטע:

1) די דעבאטן וועגן דעם אויסגעארבעטן פראיעקט פון ארגאניזאציאנעלן סטאטוט אף דעם 5־טן צוזאמענפאר פון „בונד" האבן ארויסגעוויזן אזא סינע צום „בונד", וועלכע האט אונדז גלייך געוויזן וואס פאר א רעזולטאטן עס קאן געבן א סיסטעמאטישער אנגריף קעגן אן ארגאניזאציע בא די באדינגונגען פון דער פולשטענדיקער אומבאקאנטשאפט פון דער אוידיטאריע מיט דעם כאראקטער, אויפגאבן און טעטיקייט פון דער ארגאניזאציע. פאר אונדז זיינען דורכגעגאנגען א גאנצע ריי רעדנער, וועלכע האבן געזאגט, אז דער ערשטער פארטיי־צוזאמענפאר איז באגאנגען א פארדריסלעכן טאעס, געבנדיק אווטאנאמיע דעם „בונד", און אז דעם פויעל־יויצע פון דעמדאזיקן טאעס קאן מען איצט גאנץ דייטלעך זען: דער „בונד" איז א היסטארישע אנאמאליע, מיט וועלכער מע דארף אף דעם אדער אנדער אופן פארענדיקן, אז ער איז אוועק מיט דעם וועג פון סעפאראטיזם און נאציאנאליזם, און קעדיי אראפצופירן אים פון דעמדאזיקן וועג איז נייטיק לעבאלאפאבעם צוריקערן אים צו די צייטן פון פאר דעם פערטן צוזאמענפאר, אז אויב די טעטיקייט פון „בונד" האט ניט אף זיך קיין אויסגעשפראכענע צייכנס פון נאציאנאליזם, איז זיין וועג דורכגעדרונגען מיט זיגזאגן פון נאציאנאליסטישער פארבלאנדזשעניש, קעגן וועלכער דער בעסטער מיטל באשטייט אין איינשליסן דעם „בונד" אין שטרענגע און באשטימטע מעריטאריעלע ראמען, בא די באדינגונגען פון שטופנווייזער פארקירצונג פון דעמדאזיקן ראיאן א. א. וו. א. א. וו. דער געדאנק פון אלע רעדעס איז געווען איינער און דערזעלבער: דער „בונד" מוז פארניכטעט ווערן, נאר אזוי ווי אויספירן דאס באלד איז אוממעגלעך, איז נייטיק אים אוועקצושטעלן אין אזעלכע שווערע באדינגונגען, אז ער זאל קוים קענען עקזיסטירן און ער זאל אומפארמיידלעך גיין צו זיין אייגענעם אונטערגאנג. דערדאזיקער געדאנק איז ניט איינמאל אונטערגעשטראכן געווארן מיט איינהייטלעכע אפלאדיסמענטן פון דער מערהייט פון צוזאמענפאר און דעמ־

*) פראטאקאלן פון צווייטן צוזאמענפאר פון ר. ס. ד. א. פ. זייט 360, פארלאג „פריבאי", לענינגראד, 1924.

דאָזיקן געדאַנק האָבן אַף קיין האָר ניט געקאָנט ענדערן די כניפֿעס צום „בונד“, וועלכע האָבן נאָכגעפֿאָלגט אפֿן צווייטן טאָג, ווען די מערהייט פֿון צוזאַמענפֿאָר האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי האָט צופֿיל איבערגעבויגן דעם שטעקן.

2) ווען מיר האָבן אין די אינטערעסן פֿון דערגרייכן אייניקייט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון אונדזער אַריינגעטראָגענעם פּראָיעקט פֿון סטאַטוט אַלע פּונקטן, וועלכע טראָגן, לויט דער מיינונג פֿון צוזאַמענפֿאָר, אַ פֿעדעראַטיוון אָפּמאַך־כאַראַקטער, אָפּשטעלנדיק פֿון די שטרייט־פּונקטן נאָר צוויי פֿון די סאַמע עצעם־פּונקטן, אָן וועלכע די עקזיסטענץ פֿון „בונד“ איז אוממעגלעך, — האָט דער צוזאַמענפֿאָר אָנגענומען מאַרטאָווס רעזאָליוציע, אין וועלכער די ווערטער „זעלבשטענדיקייט פֿון „בונד“ זיינען פֿאַרביטן געוואָרן מיט אַן אומבאַשטימטן אויסדרוק „זעלבשטענדיקייט פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג“, וועלכער דערלאָזט אַלערליי אויסטייטשונגען. און די דאָזיקע „זעלבשטענדיקייט“ איז אויך איינגעשלאָסן אין ענגע ראַמען פֿון טיילווייזע אויפֿגאַבן פֿון אַגיטאַציע. דעם געדאַנק און באַטייט פֿון דערדאָזיקער „זעלבשטענדיקייט“ האָט אָפֿנהערציק קלאָר געמאַכט דער כ׳ פּלעכאַנאָוו, וועלכער האָט געמאָלדן, אַז דאָ גייט אַ רייד נאָר וועגן טעכנישער אויטאָנאָמיע, מיט וועלכער עס באַנוצט זיך יעדער קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, וועגן צוגלייכן דעם „בונד“ צו אַן אָרטיקן קאָמיטעט, נאָר מיטן אומבאַדייטנדיקן אונטערשייד, וואָס די טעכנישע אויטאָנאָמיע וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן פֿון „בונד“ אַף אַ גרעסערן שטח, איידער פֿון וועלכן עס איז אָרטיקן קאָמיטעט, און אויב עס האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט וועלכער עס איז ספֿק בענגייע דעם, אַז די מערהייט פֿון צוזאַמענפֿאָר האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם באַשלוס פֿון ערשטן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר וועגן דעם אָרט פֿון „בונד“ אין דער פּאַרטיי, ווי אַ באַשלוס, וועלכער האָט דערלאָזן עמעסע אויטאָנאָמיע, איז אָט דער ספֿק איינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן נאָך דעם, ווי עס איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן די אויסבעסערונג, וועלכע מיר האָבן אַריינגעטראָגן אין דער רעזאָליוציע פֿון כ׳ מאַרטאָוו, אין וועלכער מיר האָבן פֿאָרגעלייגט צו באַשטעטיקן די באַשטימונג פֿון ערשטן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר וועגן דער אויטאָנאָמיע פֿון „בונד“ אין די פֿראַגן, וואָס האָבן אַ שייכעס ספּעציעל צום יידישן פּראָלעטאַריאַט. אָפּוואַרפֿנדיק די דאָזיקע אויסבעסערונג, האָט די מערהייט פֿון צוזאַמענפֿאָר זיך סאָלידאַריזירט מיט דער דערקלערונג פֿון פּלעכאַנאָוו צוגלייכן דעם „בונד“ צו אַן אָרטיקן קאָמיטעט.

3) די מערהייט פֿון צוזאַמענפֿאָר האָט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט פֿון באַהאַנדלען פּונקטווייז אונדזער סטאַטוט אין זיין אָריגינעלער פֿאָרם אַף דעם גרונט, אַז ער איז דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פֿון פֿעדעראַציע. ווייטער האָט די דאָזיקע מערהייט אָנגענומען די רעזאָליוציע פֿון כ׳ מאַרטאָוו, אין וועלכער עס ווערט צוריקגעוויזן יעדער פֿאַרזוך צו ענדערן דעם פּאַרטיי־סטאַטוט אין דעם גייסט פֿון פֿעדעראַציע און אין דערזעלבער צייט ווערט פֿאָרגעלייגט איבערצוטראָגן אין דעם פּונקט „די אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּאַרטיי“ דאָס באַהאַנדלען אונדזער סטאַטוט אין זיין געענדערטער פֿאָרם. מיט דעם האָט די מערהייט אָנערקענט, אַז זי זעט נאָך איין אין דעם געענדערטן סטאַטוט עלעמענטן פֿון פֿעדעראַציע. פֿונדעסטוועגן, ווען זי האָט באַשטימט די פֿראַגע וועגן דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּאַרטיי, האָט זי געפֿונען פֿאַר נייטיק צוריקצווייזן דעם גרונט־פּאַקט פֿון אונדזער סטאַטוט אין זיין געענדערטער

פאָרם — אויף דעם סמך, אַז אויך דער דאָזיקער פּונקט איז צוזאַמענגעשטעלט אין דעם גייסט פון פעדעראַציע. איינס פון די ביידע. אָדער די מערהייט פון צוזאַמענפאָר האָט באַוווסטזיניק דערלאָזן אַריבערצוטראָגן אין 5-טן פּונקט פון טאָג-אָרדענונג דאָס באַהאַנדלען דעם בעפייערש פעדעראַטיוון פּונקט און, אַזוי אַרום, האָט זי צוליב פּראַקטישע מאָטיוון זיך געלאָזט פאַרפירן אַפּן וועג פון פּרינציפּלאָזיקייט, אָדער זי האָט אונטער דעם אויסרייד פון אָפּלייקענען פעדעראַציע אָפּגעוואָרפן דעם פּונקט, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין דעם גייסט פון אויטאָנאָמיע. מיר נעמען אָן די צווייטע השערה, ווייל דאָס האָט מער געלוינט פאַר דער מערהייט און דערביי האָט די מערהייט קעסיידער אונטערגעשטראָכן איר אומבאַדינגטע טרייהייט די פּרינציפּן. נאָר אָננעמענדיק די צווייטע השערה מוזן מיר אָנערקענען, אַז די מערהייט פון צוזאַמענפאָר האָט אַן איבעריקן מאָל אונטערגעשטראָכן איר נעגאַטיווע באַציונג צו אויטאָנאָמיע.

4) נאָכדעם ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן דער אָרגאַניזאַציע-סטאַטוט און עס איז געשטעלט געוואָרן אויף באַהאַנדלען דער צווייטער פּונקט פון אונדזער סטאַטוט, האָט די מערהייט פון צוזאַמענפאָר אַפילו ניט געפונען פאַר נייטיק פאַרצולייגן וועלכע עס איז אויסבעסערונגען צו דעם דאָזיקן פּונקט; נאָך מערער, זי האָט געפונען פאַר נייטיק זיך סאָלידאַריזירן מיט דעם כ' מאַרטאָווס רעדע, אין וועלכער עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ ספק אין דער מעגלעכקייט צו אָנערקענען דעם „בונד" אַפילו ווי אַ ראַיאָנע אָרגאַניזאַציע, און אויף אַזאַ אופן האָט זי ענדגילטיק און אַנטשלאָסן זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אָפּלייקענען דעם „בונד", אויף וועלכן זי פלעגט זיך מיט מער אָדער ווייניקער אָפנהאַרציקייט שטעלן אין מעשער פון אַלע זיצונגען פון צוזאַמענפאָר.

דאָס זיינען די פאַקטן, וועלכע באַווייזן אָן ספק, אַז די מערהייט פון צוזאַמענפאָר האָט שוין פון די ערשטע זיצונגען אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ אַזוי אָדער אַנדערש מאַכן אַ סוף צו דער עקזיסטענץ פון „בונד".

בלייבנדיק טריי דער דאָזיקער טענדענץ, האָט די מערהייט פון דעם צוזאַמענפאָר אָפּגעוואָרפן דעם גרונט-פּונקט פון סטאַטוט אַפילו אין זיין געענדערטער פאָרם, וועלכן עס האָבן איינשטימיק אָנגענומען אַלע דרייסיק אָנטיילנעמער פון פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד". דער פּונקט איז ניט נאָר נייטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון „בונד", נאָר ער שטעלט מיט זיך פאָר די איינציקע עמעסע גאַראַנטיע קעגן דעם אַלגעמיינעם אָרגאַניזאַציע-סטאַטוט פון דער פּאַרטיי, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט אין אַזאַ גייסט, וועלכער זעט פאָרויס און דערלאָזט די פולשטענדיקע איינשלינגונג און ניוועלירונג פון אָרגאַניזאַציעס און הערשטיקט יעדער זעלבסטעטיקייט פון באַזונדערע טיילן פון דער פּאַרטיי.

נעמענדיק אין אַכט דעם פאַקט פון צוריקווייזן דעם דאָזיקן פּונקט (וועגן דעם, אַז דער „בונד" איז ניט באַגרענעצט אין זיין טעטיקייט מיט קיינע ראַמען פון ראַיאָנען און גייט אַריין אין דער פּאַרטיי אַלס איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט), מעלדעט די דעלעגאַציע פון „בונד", אויף דעם גרונט פון דער באַפולמעכטיקונג, וואָס זי האָט געקראָגן פון 5-טן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וועגן דעם

ארויסטריט פון „בונד” פון דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער־פארטיי און פארלאזט דעם צוזאמענפאר.

אוועקגייענדיק פון צוזאמענפאר, דריקט אויס די דעלעגאציע פון „בונד” איר פעסטע איבערצייגונג, אז די לעבנסדערפארונג וועט דערווייזן די ניט־באגרינדעטקייט פון דערהאזיקער טענדענץ פון אונטערדריקונג און ניוועלירונג, וועלכע האט געפונען אזא בולטן אויסדרוק אין דעם אנגענומענעם אפן צווייטן צוזאמענפאר ארגאניזאציע־סטאטוט פון דער רוסלענדער פארטיי און אין דעמדאזיקן מאמענט, ווען דאס וועט פארקומען, וועט געשאפן ווערן די עמעסע מעגלעכקייט צו דערגרייכן די זאך פון דער פארייניקונג פון דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטיע.

דעלעגאציע פון „בונד”: ליבער, אבראמסאן, גאלדבלאט, יודין און האפמאן.”

באקומענדיק דידאזיקע מעלדונג, האט דער צוזאמענפאר אנגענומען פאלגנדיקע רעזאליוציע וועגן ארויסטריט פון „בונד” פון דער ר. ס. ד. א. פ.:

„נעמענדיק אין אכט, 1) אז דער צווייטער צוזאמענפאר פון דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער־פארטיי האט זיך געשטעלט פאר א ציל צו פאראייניקן אין איין צוזאמענגעפאסטער פארטיי אלע סאציאל־דעמאקראטן, וועלכע זיינען טעטיק אין רוסלאנד; 2) אז באזונדערס איז איינע פון זיינע אויפגאבן געווען איינצושטעלן די ענגסטע פארבינדונג צווישן דעם אלגעמיינעם יידישן ארבעטער „בונד” און אנד. טיילן פון אונדזער פארטיי; 3) אז ניט געקוקט אף דעם, וואס דער „בונד” אנערקענט די אלגעמיינע פארטיי־פראגראם, האט אזא פארייניקונג ניט געקענט פארקומען אלס רעזולטאט פון די פרינציפיעלע מיינונג־פארשידנהייטן אין דער פראגע וועגן דעם ארט פון „בונד” אין דער פארטיי, און אנערקענענדיק דעם גרויסן שאדן פאר דער זאך פון פארייניקונג, וועלכן עס וועט אומפארמיידלעך ברענגען דער ארויסטריט פון „בונד” פון דער פארטיי, דריקט אויס דער צווייטער צוזאמענפאר פון דער ר.ס.ד.א.פ. זיין טיפסטן פארדרוס וועגן דאזיקן פאל און אין דער־זעלביקער צייט דריקט ער אויס זיין פעסטע איבערצייגונג אין דעם, אז מיט דעם וייטערדיקן וווּקס פון דער באוועגונג וועלן דידאזיקע בעלוקעדייעס פארשווינדן און; עס וועט פארקומען די פולשטענדיקע צוזאמענגיסונג פון פראלעטאריאט פון אלע פעלקער אין דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער־פארטיי, א צוזאמענגיסונג, וואס איז נייטיק אין די אינטערעסן פונעם באפרייונג־קאמף פון ארבעטער־קלאס”.

עוואָליוציע פון „בונד” נאָכן צווייטן צוזאמענפאָר פון ר.ס.ד.א.פ.

דער ווונטש, וואס עס איז ארויסגעזאגט געווארן אין דערדאזיקער רעזאליוציע, אז מיטן וווּקס פון דער באוועגונג וועלן די בעלוקעדייעס צווישן „בונד” און ר.ס.ד.א.פ. פארשווינדן, איז ניט פארווירקלעכט געווארן. פארקערט, דידאזיקע בעלוקעדייעס זיינען אלץ ווייטער און ווייטער פארגרעסערט געווארן און דער קאמף, וואס לענין און די „איסקרא” האבן אנגעהויבן קעגן בונדישן אפארטוניזם און נאציאנאליזם, האט זיך נאך מער פארשטארקט און האט ניט אויפגעהערט אין משך פון צענדליקער יארן. גלייך נאך דעם ארויסטריט פון „בונד” פון דער ר.ס.ד.א.פ. האט דער „בונד” אנגעהויבן א שאוויניסטישן קאמף קעגן דער פארטיי. אין א פראקלאמאציע, וואס דער

„בונד" האָט גלייך אַרויסגעלאָזן וועגן זיין אַרויסטריט פון דער ר.ס.ד.א.פּ., אין דערקלערט געוואָרן, אַז די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן קיין באַגריף ניט וועגן דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פון „בונד" און וועגן דער גרויסער היסטאָרישער ראָל, וואָס ער שפּילט, זאָגן אָפּ דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אינעם רעכט צו האָבן אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, הגם דער יידישער פּראָלעטאַריאַט מוז אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָבן צוליב זיינע באַזונדערע היסטאָרישע טראַדיציעס. „דער „בונד" — ווערט ווייטער געזאָגט אין דער דערקלערונג — האָט געפאָדערט פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט דאָס רעכט צו האָבן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, אָבער דער ענטפער פון צווייטן צוזאַמענפאָר איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געפונען פאַר מעגלעך פאַרלייגן דעם „בונד" אַ זיידענעם שטריקל, מיט וועלכן ער זאָל זיך אַליין דערשטיקן... דער צוזאַמענפאָר איז געווען גרייט אָוועקצושטעלן דעם „בונד" אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז ער זאָל אומקומען ניט דאָ אפן אָרט, נאָר ביסלעכווייז אונטערגיין... דערפאַר איז דער „בונד" געצוווּנגען געווען אַרויסצוגיין. עס איז אָבער גאָר טרויעריק און שרעקלעך דאָס, וואָס דערהאַזיקער שרעקלעכער פאַקט וועט אַרויסרופן אַ ברודער־מערדערלעכע מילכאָמע, וועלכע וועט זיך איצט געוויס פאַנאַנדערפלאַקערן".

פון יעדער שורע פון דעמדאָזיקן דאָקומענט שטראָמט מיט גיפטיקן נאַציאָנאַליזם און סינע צו די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. דערדאָזיקער דאָקומענט איז איינער פון די פילע, וואָס דער „בונד" האָט אין פּראָצעס פון זיין געשיכטע אַרויסגעלאָזן קעגן דער ר.ס.ד.א.פּ., וועלכער האָט איינגעפלאַנצט נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן.

גלייכצייטיק זיינען אין די בונדישע אויסגאַבן „אַרבעטער־שטימע" (נומ. 36) און „בונד" (נומ. 1) דערשינען שענדלעכע נאַציאָנאַליסטישע אַרטיקלען, אין וועלכע די פירער פון „בונד" האָבן זיך באַמיט צו באַרעכטיקן דעם אַרויסטריט פון „בונד" פון דער ר.ס.ד.א.פּ. די „אַרבעטער־שטימע" האָט באַשולדיקט דעם צוזאַמענפאָר, אַז ער האָט פאַרשמירט די פראַגע וועגן די פּאָגראָמען קעגן יידן און וועגן דערדאָזיקער פראַגע אָנגענומען „אַ רעזאָלוציע מיט אומקלאָרע האַלבע ווערטער". די „אַרבעטער־שטימע" האָט דאָן געשריבן:

„דעם צוזאַמענפאָרס רעזאָלוציעס „וועגן פּאָגראָמען קעגן יידן" קאָנען אונדז בעשוםאופן ניט באַפרידיקן. דער צוזאַמענפאָר געפינט, אַז „אַזוינע באַוועגונגען, ווי דער טרויעריקער באַווּסטער קעשענעווער פּאָגראָם, דינען אין די הענט פון דער פּאָליציי פאַר אַ מיטל, דורך וועלכן זי פּרוּווט פאַרהאַלטן דעם וווּקס פון דעם קלאַסנבאַווּסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט". אין די פּאָגראָמען, הייסט עס, איז שולדיק די פּאָליציי. לייענענדיק דיזע רעזאָליוציע, קאָן מען מיינען, אַז די מענטשן, וועלכע האָבן זי אָנגענומען, די מענטשן, וועלכע זיינען אפן צוזאַמענפאָר אַרויסגעטראָטן, ווי פאַרשטייער פון קלאַסן־באַווּסטן רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט, האָבן זיך אפילע ניט מאַטריעד געווען זיך צו באַקענען מיטן רייכן מאַטעריאַל, וועלכער איז שוין אַרוים ביז דעם צוזאַמענפאָר און וועלכער האָט קיין צווייפל ניט געלאָזן, אַז די פּאָגראָמען ווערן אָרגאַניזירט נאָך דעם ווּנטש און נאָך דעם פּלאַן פון דער צאַרישער רעגירונג, וואָס זעט אין זיי די „לעצטע קאַרט" (ווי די „איסקראַ" אַליין האָט זיך אויסגעדריקט) אין קאַמף מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. זאָגן, אַז אין די פּאָגראָמען איז שול-

דיק די פּאָליציי (און ניט די גאַנצע פּאָליטישע סיסטעם, וואָס הערשט איצט אין רוסלאַנד) הייסט פאַרשטעלן אין אַ קלענערער מאָס די געפאַר פון די פּאָגראָמען פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון גאַנצן רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט. ד. ה. זיך ניט רעכענען מיט דעם פאַקט, וואָס מיט די יעדיעס וועגן די פּאָגראָמען האָט די צאַרישע רעגירונג צום פאַרגאַנגענעם 1־טן מיי קימאַט אינגאַנצן פּאַראַליזירט די באַוועגונג ניט נאָר פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פון דעם רוסישן, פּוילישן און איבעריקע פּראָלעטאַריער. דער צוזאַמענפאָר רעקאָמענדירט די כאַוויירים אויסצונוצן אַלע אָפּהענגיקע פון זיי מיטלען צו קעמפן קעגן אַזוינע באַוועגונגען".

מיט אַזוינע אומקלאָרע האַלבע ווערטער רעדט דער צוזאַמענפאָר" נאָך דעם, ווי אייניקע רוסישע קאָמיטעטן האָבן אָפן און שאַרף גערופן דעם באַוווסטזיניקן רוסישן פּראָלעטאַריאַט אַרויסצוטרעטן מיט געווער אין די הענט קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס."*)

דיהאָזיקע שאָוויניסטישע באַשולדיקונג קעגן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אינגאַנצן געווען אַ פאַלשע, ווייל, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, איז די „איסקרא" מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַרויסגעטראָטן קעגן די פּאָגראָמען און גערופן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט צו פאַרטיידיקן די יידן פון די פּאָגראָמשטשיקעס און אין דער רעזאָליוציע פון צוזאַמענפאָר איז נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זאָלן טאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך, צו קעמפן קעגן די פּאָגראָמען. דאָך האָבן די פירער פון „בונד" באַשולדיקט דעם צוזאַמענפאָר אין וועלן פאַרשמירן די פראַגע וועגן פּאָגראָמען. דיהאָזיקע פאַלשע באַשולדיקונג איז נייטיק געווען פאַר די בונדישע פירער, ווי אַ מיטל צו באַרעכטיקן דעם אַרויסטריט פון „בונד" פון דער ר.ס.ד.א.פּ. און צו דערווייזן, אַז נאָר דער „בונד" פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן און אַז נאָר ער טרעט ריכטיק אַרויס קעגן די פּאָגראָמען.

אין זשורנאַל „בונד"**) איז די אַרויסטרעטונג פון „בונד" פון דער ר.ס.ד.א.פּ. באַרעכטיקט געוואָרן מיט אַזאַ שטאַנדפּונקט:

„מיר וועלן איצט שטעלן די צווייטע פראַגע: צי האָט דער יידישער אַרבעטער־קלאַס כוץ די אַלגעמיינע פאָדערונגען און אויפגאַבעס, וועלכע ער האָט ווי יעדער אַנדערער פּראָלעטאַריאַט, נאָך ספּעציעלע פאָדערונגען אַלס יידישער פּראָלעטאַריאַט? אַף דיזער פראַגע קאָנען אויך קיין צוויי ענטפערן ניט זיין. עמעס, דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז קווידעמקאָל אַ פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד בכלל, פונקט אַזוי ווי די פּראָלעטאַריער פון אַלע אַנדערע נאַציאָנען פון רוסלאַנד. און דעריבער שטייען בא אים אויפן ערשטן פּלאַן די אַלגעמיינע פּראָלעטאַרישע פאָדערונגען, וועלכע זיינען בא אים און דיזעלבע מיט אַלע אַנדערע פּראָלעטאַריער פון רוסלאַנד. אָבער כוץ דעם, איז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט פעסט צוזאַמענגעבונדן מיט אַלע עקאָנאָמישע, רעכטלעכע און קולטורעלע באַדינגונגען, אין

*) „דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי" — „אַרבעטער־שטימע" נומער 36, 1803.

**) דער „בונד" — אַ פּאָפּולערער זשורנאַל, אויסגאַבע פון צ"ק פון „בונד", אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יאַנוואַר 1904 יאָר. זיך געדרוקט אינטערערדיש אין רוסלאַנד, דערשינען ביז 1905 — 12 נומערן.

וועלכע עס לעבט דאָס יידישע פאָלק: די גאַנצע רעכטלאָזיקייט פון יידישן פאָלק, זיין גאַנצע געדריקטע און נידערגעשלאָגענע לאַגע שפּיגלט זיך אָפּ קווינטעסענציעל און באַיודערס אַף דעם רוקן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און דעריבער מוז דיזער פּראָלעטאַריאַט, בויז זיינע אַלגעמיינע פאָדערונגען, האָבן נאָך אַ ספּעציעלע פאָדערונג — אָפּשאַפן די רעכטלאָזיקייט פון די יידן און באַשאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן פאַרזיכערן דעם יידישן פאָלק זיין עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַנטוויקלונג.

מיר שטעלן איצט די דריטע פראַגע: צי דאַרף האָבן דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אַף דעם באָדן פון זיינע אַלגעמיינע און ספּעציעלע אויפגאַבן פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון סאָציאַליזם און אָנפירן אים אין זיין קלאַסנקאַמף?

אַזאַ אָרגאַניזאַציע מוז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָבן. קיין פרעמדע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז ניט אַרויסגעוואַקסן פון אים גופא, וועט ניט קאָנען אַנטוויקלען די מאַסן־באַוועגונג.

אָט נאָך די אַלע דערקלערונגען פרעגט זיך איצט: צי האָבן עפּעס אַ זיגען די אַלע טיינעס און באַשולדיקונגען פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַז דער „בונד" איז קליינמערשט שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז ער איז נאַציאָנאַליסטיש, אַז ער שטרעבט צו אָפּגעזונדערטקייט און אַז מע מוז אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרניכטן?...

וואָס באַווייזן אַזעלכע טיינעס און באַשולדיקונגען?

זיי באַווייזן, אַז די פאַרשטייער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן ניט, צום באַדויערן, קיין פאַרשטעלונג וועגן די ספּעציעלע צילן און אויפגאַבן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, ניט וועגן דער היסטאָרישער ראָלע, וואָס דיזער פּראָלעטאַריאַט איז באַרופן צו שפּילן אין דעם יידישן פאָלק, ניט וועגן דער גרויס־באַדייטנדיקער און דערפאָלגרייכער טעטיקייט פון „בונד".

זיי ווילט זיך, אַז דער „בונד" זאָל אויפהערן צו עקזיסטירן. אָבער דאָס נעמען זיי ניט אין באַטראַכט, אַז מיט דער אָפּשטאַרבונג פון „בונד" שטאַרבט אָפּ די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, גייען לעבעדיק די יידישע פּראָלעטאַרישע קויכעס, דאָס יידישע פאָלק וועט אָן זיין איין־און־איינציקע פּראָגרעסיווע קראַפט און די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע פאַמיליע וועט אָן איינעם פון אירע בעסטע פירער און מער ענערגישע מיטגלידער.

האָט דער „בונד" געקאָנט שאַפן אַזאַ זאַך צוליב זיינע רוסישע כאַווייריםאון באַשליסן זיך אַף זעלבסטמאָרד? פאַרשטייט זיך, אַז בעשוםאופן ניט און דער „בונד" האָט טאַקע געטאָן זיין פליכט פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי...

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע אָנערקענט אין איר פּראָגראַם דאָס רעכט פון יעדער נאַציע אַף זעלבסטבאַשטימונג, וויל ניט געבן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט דאָס איינפאַכסטע רעכט צו האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע! דאָס איז ניט די רוסישע ס. ד. ביכלאַל, דאָס איז נאָר אַ טייל פון דער רוסישער ס. ד., וועלכער איז איצט דער אָנפירער".*)

*) „בונד„ נומ. 1.

זוי מיר זעען פון דידאָזיקע געבראַכטע ציטאַטן, האָבן ביידע אָרגאַנען פון „בונד" — „אַרבעטער־שטימע" און „בונד" — באַרעכטיקט דעם אַרויסטריט פון „בונד" פון דער ר.ס.ד.אַ.פּ. ניט פון קיין קלאַסאַוון שטאַנדפּונקט, נאָר פון אַ נאַציאָנאַלן — אַלייִדישן שטאַנדפּונקט און דעמדאָזיקן ייִדישן נאַציאָנאַלן מאָטיוו האָבן די פירער פון „בונד" אויסגענוצט אויפצוהייצן די ייִדישע אַרבעטערשאַפט קעגן דעם טייל פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ד. ה., קעגן דער „איסקראַ", וועלכע איז אין צייט פון צווייטן צוזאַמענפאָר געווען די אָנפירערין פון דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער ס. ד. אין דעם אַרטיקל*) פון ערשטן נומער „בונד" איז מיט דער גאַנצער בוילעטקייט אַנטבלויזט דער נאַציאָנאַליזם פון „בונד". דערדאָזיקער אַרטיקל האָט קלאָר באַוויזן די שעדלעכקייט פון בונדיזם פאַר דער ר.ס.ד.אַ.פּ. בכלל און פאַר דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט בפרט.

קעגן דעם בונדישן נאַציאָנאַליזם האָט לענין און די „איסקראַ" פאָרגעזעצט אַן ענערגישן קאַמף. גלייך נאָך דעם אַרויסטריט פון „בונד" פון דער פּאַרטיי איז אין „איסקראַ" (נומער 51) דערשינען לענינס אַן אַרטיקל „דאָס אָרט פון „בונד" אין דער פּאַרטיי", וועלכער איז געווען אַן ענטפער אויף אַן אַרטיקל אין נומער 34 „אַר־בעטער־שטימע", — „דאָס אָרט פון „בונד" אין דער רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי". אין דעמדאָזיקן אַרטיקל האָבן די פירער פון „בונד" זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער „בונד" איז אַ נייטיקע היסטאָרישע דערשיינונג אין לעבן פון ייִדישן פּראָ־לעטאַריאַט, אַז די געשיכטע האָט דעם „בונד" אַרויסגערוקט ווי דעם איינציקן פאָר־שטייער פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און אַז דער „בונד" איז מחויב צו פאַרשפּרייטן זיין אַרבעט איבעראַל, וווּ עס געפינט זיך נאָר אַ ייִדישע אַרבעטער־מאַסע. און קעדיי דער „בונד" זאָל דערפאָלגרייך קאָנען דערפילן זיין אויפגאַבע, מוז ער אַריין אין דער פּאַרטיי אויף פעדעראַטיווע יסודות, ווייל — ווערט אין דעמדאָזיקן אַרטיקל דער־קלערט — די פעדעראַטיווע אָרגאַניזאַציע־פאָרם איז די איינציקע, וועלכע שטימט מיט די אינטערעסן פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, אַזוי אויך מיט די אינטערעסן פון דער באַוועגונג אין אַלגעמיין. אין דעמדאָזיקן אַרטיקל איז אויך דערקלערט געוואָרן, אַז עס זאָל געווען אַן אומזין, וואָס גרעסער קאָן ניט געבן, צו באַרויבן בײַ אַ פּראָלעטאַ־רישער אָרגאַניזאַציע פון אַ גאַנצער נאַציע די פאַרטרעטונג אין די צענטראַלע אָרגאַ־נען פון דער פּאַרטיי. אַזאַ אומזין קאָן מען פרייִדיקן נאָר בנוגע צום ייִדישן פּראָ־לעטאַריאַט, וועלכן עס קומט נאָך אויס צוליב דעם באַזונדערן היסטאָרישן שיקזאַל פון דער ייִדישער נאַציאָן צו קעמפן פאַר אַ גלייכבאַרעכטיקטע לאַגע אין דער מי־שפּאָכע פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

אין דעם ענטפער אויף דעמדאָזיקן אַרטיקל האָט לענין אָנגעוויזן, אַז דער „בונד" זועקט אויף אומצוטרוי בײַ די ייִדישע אַרבעטער צו די ניט ייִדישע אַרבעטער און רופט אַרויס אַ פאַרדאַכט קעגן די לעצטע דורך פאַרשפּרייטן ליגנס וועגן זיי און האָט דערקלערט:

„...דער גרונט־פעלער פון בונדיזם, וועלכער דאַרף און וועט אויסגעבעסערט ווערן דורך די אויסגעהאַלטענע פאַרשטייער פון דער ייִדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דער־

*) דער פולער טעקסט פון ארטיקל ווערט געבראַכט אין דער ביילאַגע.

דאָזיקער פעלער דערפירט די בונדיסטן ביז אַזאַ אומגעזעענער באַ דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאַך, ווי אויפוועקן דעם אומצוטרוי פון די יידישע פראָלעטאַריער צו די ניט יידישע, כוויַשעד זיין די לעצטע, פאַרשפּרייטן ליגנס וועגן זיי. אָט איז אַ באַווייז, וועלכן מיר נעמען פון דערזעלבער בראָשור: „אַזאַ אומזין (אַז די אָרגאַניזאַציע פונעם פראָלעטאַריאַט פון אַ גאַנצער נאַציאָנאַליטעט זאָל ניט האָבן קיין רעכט פון פאַרשטייערשאַפט אין די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי) קאָן אָפן געפּריידיקט ווערן נאָר (באַמערקט דאָס!) בענעגייע צום יידישן פראָלעטאַריאַט, וועלכן עס קומט נאָך אויס, צוליב דעם באַזונדערן היסטאָרישן גורל פון יידישן פאָלק, צו קעמפן פאַר אַ גלייכבאַרעכטיקטער שטעלונג (!!) אין דער פאַמיליע פונעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט". מיר האָבן ניט לאַנג באַגעגנט פונקט אַזאַ שטיק אין אַ ציאָניסטישן בלעטל, וואָס זיינע אַווטאָרן שיטן פעך און שוועבל אַף דער „איסקראַ", איינזעענדיק אין איר קאַמף קעגן „בונד" דאָס ניט וועלן אָנערקענען די „גלייכבאַרעכטיקונג" פון יידן מיט ניט־יידן. און איצט כאַזערן די בונדיסטן איבער די ציאָניסטישע שטיק! עס ווערט פאַרשפּרייט ממשש אַ ליגן, ווייל מיר האָבן ניט „נאָר" בענעגייע צו יידן, נאָר אויך בענעגייע צו אַרמענער, גרוזינער א.א.וו. „געפּריידיקט" „דאָס אָפּנעמען די פאַרשטייערשאַפט", און אויך בענעגייע צו פּאָליאַקן האָבן מיר גערופן צו דערגעענטערונג, אייניקייט, צוזאַמענגיסונג פונעם גאַנצן פראָלעטאַריאַט, וועלכער קעמפט מיט דער צאַרישער זעלבסטהערשונג. ניט אומזיסט טאַקע איז אַף אונדז אָנגעפאַלן די פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי)! אָנרופן זייער קאַמף פאַר דער ציאָניסטישער אידיי פון דער יידישער נאַציע, פאַר דעם פעדעראַטיוון פּרינציפּ פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי „קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקטער שטעלונג פון די יידן אין דער פאַמיליע פונעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט" — הייסט אַראָפּפירן דעם קאַמף פון געביט פון אידייען און פּרינציפּן אינעם געביט פון כוויַשעד זיין, פון העצן, פון פאַנאַנדערברענען די היסטאָריש אויסגעבילדעטע פאָרורטיילן. דאָס באַטייט, באַשיימפּערלעך באַווייזן, אַז מע פאַרמאָגט ניט אינעם קאַמף קיין שום ווירקלעך אידייִיש און פּרינציפּיעל געווער.

מיר זיינען אַף אַזאַ אויפן געקומען צום אויספיר, אַז ניט די לאָגישע, ניט די היסטאָרישע, ניט די נאַציאָנאַליסטישע רייעס פונעם „בונד" האַלטן ניט אויס קיין שום קריטיק. דער פעריאָד פון צעפאָרנקייט האָט, פאַרשטאַרקנדיק די וואַקלונגען צווישן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די אָפּגעזונדערטקייט פון איינצלנע אָרגאַניזאַציעס, זיך ארויסגעוויזן אין דערזעלביקער ריכטונג און אַפילו נאָך שטאַרקער אַף די בונדיסטן. אַנשטאָט אַוועקצושטעלן, אַלס זייער לאָזונג, דעם קאַמף מיט דער דאָזיקער היסטאָריש־אויסגעבילדעטער (און פאַרשטאַרקטער דורך דער צעפאָרנקייט) אָפּגעזונדערטקייט, האָבן זיי זי געמאַכט פאַר אַ פּרינציפּ און האָבן זיך צוליב דעם אָנגעכאַפּט פאַר סאָפיזמען מיקויעך דער אינערלעכער ווידערשפּרעכלעכקייט פון דער אויטאָנאָמיע, פאַר דער ציאָניסטישער אידיי פון אַ יידישער נאַציע. נאָר דאָס אַנטשיידנדיקע און אָפענע אָנערקענען דעמדאָזיקן טאָעס און דאָס פּראָקלאַמירן אַ קער צו צוזאַמענגיסונג קאָן אַראָפּפירן דעם „בונד" פון יענעם טאָעסדיקן וועג, אַף וועלכן

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט. און מיר זייַנען זיכער, אַז די בעסטע פאָרשטייער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידייען צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט וועלן פריער אָדער שפּעטער צווינגען דעם „בונד" אָפּצוקערעווען זיך פונעם וועג פון אָפּגעזונדערטקייט אויפן וועג פון צוזאַמענגיסונג". *)

דער ראַזיקער אַרטיקל איז געווען דער לעצטער, וועלכן לענין האָט געדרוקט אין דער אַלטער „איסקראַ" קעגן „בונד", ווייל נאָך דעם 51-טן נומער פון „איסקראַ" איז לענין אַרויסגעטראָטן פון דער רעדאַקציע, אָבער דעם קאַמף קעגן דעם בונדישן נאַציאָנאַליזם און אָפּאָרטוניזם האָט לענין פאָרגעזעצט ווייטער אין דער באָלשעוויסטישער פּרעסע און איז אין משך פון אַ דריי יאָרן זייער אָפט אַרויסגעטראָטן קעגן „בונדיזם". דער קאַמף, וואָס לענין און די אַלטע „איסקראַ" האָבן געפירט קעגן „בונד", איז ניט געווען קיין אומזיסטער. די פאָרויסזאָגונגען, וואָס לענין האָט געמאַכט אין זיין לעצטן אַרטיקל, אַז די בעסטע פאָרשטייער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידייען צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט וועלן פריער אָדער שפּעטער צווינגען דעם „בונד" אָפּצוקערעווען זיך פון וועג פון אָפּגעזונדערטקייט און אָפּזאָגן זיך פון נאַציאָנאַליזם איז מקוים געוואָרן. אין אַ גאַנצער ריי בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן שפּאַלטונגען און גרויסע גרופּן פון מער באַוווּסטזיניקע יידישע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם פון די בונדישע פירער און זייַנען אַרויס פון „בונד" און אָנגעהויבן שאַפן קאָמיטעטן פון דער ר.ס.ד.א.פּ. אין די שטעט און שטעטלעך פון מיירעוו־געגנט, וואָס ביז דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. זייַנען דאָרט נאָר געווען בונדישע קאָמיטעטן. אָבער עס איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער טעות מיצד דער „איסקראַ" און מיצד דער ר.ס.ד.א.פּ., וואָס זיי האָבן וועגן דעמאָזיקן קאַמף אין אָנהייב קיין איין געדרוקטן וואָרט ניט אַרויסגעלאָזן אויף יידיש, און די גרעסטע מערהייט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט קיין רוסיש ניט געקענט, האָט נאָר געלייענט וועגן דעם קאַמף דאָס, וואָס דער „בונד" האָט געשריבן. אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. האָט דער באַקוער דעלעגאַט אָנגעוויזן אויף דעמאָזיקן טעות און נאָך דעם צווייטן צוזאַמענפאָר האָבן קאָמיטעטן פון דער ר.ס.ד.א.פּ. אין מיירעוו־געגנט געמאַכט אייניקע פּרוּוון אַרויסצוגעבן ליטעראַטור אויף יידיש, אָבער זייער ווייניק איז אויף דעם געביט געטאָן געוואָרן און מיט צוויי יאָר שפּעטער איז אויף דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. ווידער אָנגעוויזן געוואָרן אויף דעם טעות, און דער צוזאַמענפאָר האָט אין אַ רעזאָלוציע פאָרגעלייגט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אַרויסצוגעבן ליטעראַטור אויף „זשאַרגאָן". אָבער אויך אַפילו נאָכן דריטן צוזאַמענפאָר איז ניט געפירט געוואָרן קיין געהעריקע אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער פון מיירעוו־געגנט אויף דער שפּראַך, וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען. די גאַנצע אַרבעט האָבן די קאָמיטעטן פון ר.ס.ד.א.פּ. געפירט אויף רוסיש און זיי האָבן אַריינגעצויגן אין זייערע רייען נאָר די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געקענט די רוסישע שפּראַך. אָבער דאָך זייַנען אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון מיירעוו־געגנט אַנשטאַנען גרופּן פון דער ר.ס.ד.א.פּ., וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַן ענערגישן קאַמף קעגן דעם נאַציאָנאַליזם פון „בונד".

*) „איסקראַ", נומ. 51 פון 22־טן אָקטיאַבער 1903־טן יאָר.

דער אָנהייב פון באָלשעוויזם צווישן די יידישע אַרבעטער פון ליטע און ווייסרוסלאַנד*)

האַגאַם די פירער פון „בונד" האָבן דערקלערט, אַז דער „בונד" איז דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און אַז די יידישע אַרבעטער נייטיקן זיך אין אַ זעלבשטענדיקער יידישער אָרגאַניזאַציע, געפינען מיר איצט אַ גאַנצע ריי דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן גאַנץ קלאָר, אַז נאָך אַסאַך פריער פאַרן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. האָבן זיך אַפילע אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, ווו דער „בונד" איז געווען די איינציקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט, באַוויזן איינצלנע גרופּעס אַרבעטער, וואָס זיינען ניט געווען צופרידן מיט דער בונדישער פּאָזיציע אין דער נאַציאָנאַלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע און האָבן געבילדעט אַ געהיימע אָפּאָזיציע. די הויפּט־סיבע פון דער אומצופרידנקייט איז געווען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגע. אַזאַ אָפּאָזיציע האָט עקזיסטירט אין מינסק, ווילנע און אין אַ גאַנצער ריי קליינע שטעטלעך. שפּעטער זיינען איינציקע מער באַוווסטזיניקע אָפּאָזיציאָנערן געוואָרן אָפענע קעגנער פון דער בונדישער פּאָליטיק און כאָטש זיי זיינען געבליבן אין דער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי פונדעסטוועגן געפירט אַ פּאָלעמיק, פאַרטיידיקנדיק דעם פּאַרטייאישן שטאַנדפּונקט. אַזוי ווערט באַשריבן די לאַגע צווישן די יידישע אַרבעטער אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, ווען די פּאַרטייאישע גרופּעס זיינען אַרויסגעטראָטן איז מיירעוו־געגנט (זע דעם באַריכט פון צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט, „איסקראַ" נומ. 8). בענעגייע דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, ווערט ווייטער אין דעם באַריכט דערציילט, איז די לאַגע געווען אַביסל אַנדערש. דער לעצטער איז געווען אָרגאַניזירט נאָר אין ווילנע און

*) אין דעמדאָזיקן קאַפּיטל איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרווו צו באַלייכטן די אַנטשטייונג־עפּאָכע פון באָלשעוויזם צווישן די יידישע אַרבעטער. אין דערדאָזיקער אַרבעט האָבן מיר זיך באַנוצט סיי מיט די דאָקומענטן, וועלכע זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין „איסקראַ", „וופּעריאָד" און „פּראָלעטאַריער", סיי מיט אַרכיוו־דאָקומענטן און סיי מיט די זיכרוינעס און באַשרייבונגען פון די אָנטיילנעמער פון די ערשטע באָלשעוויסטישע גרופּן צווישן די יידישע אַרבעטער. דידאָזיקע אַרבעט פּרעטענדירט ניט אויף קיין פולשטענדיקער דערלערונג אין דערדאָזיקער העכסט־וויכטיקער פראַגע. פאַר די באָלשעוויסטישע היסטאָריקער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פאָרשן די געשיכטע פון באָלשעוויזם צווישן די יידישע אַרבעטער שטייט נאָך פאַר אַ גרויסע אַרבעט צו דערלערנען דידאָזיקע פראַגע.

סמאָרגאָן, ניט רעכענענדיק די איינצלנע פרוון אָנצוהייבן ארבעטן צווישן דעם ניט־יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דווינסק, וויטעבסק און מינסק. צווישן דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט האָט געאַרבעט הויפּטזאַכלעך די פּ.פּ.ס. די ליטווישע ס. ד. און פּ.ס.ד. האָבן געהאַט זייער שוואַכע פאַרבינדונגען.

ווען דער „בונד" איז ארויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי און די פּאָלשטענדיקע אָפּ־שפּאַלטונג זיינע פון דער ר.ס.ד.א.פּ. איז געוואָרן אַ פאַקט, האָבן איינצלנע רעוואָ־ליוציאָנערן אין אונדזער געגנט, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן לויט זייערע אָנשויונ־גען אָן דער פּאַרטיי, נאָר האָבן געאַרבעט דאָ אין אנדערע אָרגאַניזאַציעס, אָדער אין אַלגעמיין־פּאַרטיייִשע, געגרינדעט באַזונדערע פּאַרטיייִשע גרופּעס. דאָס איז פאָר־געקומען נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך פאַרייניקט מיט די אויבנדערמאָנטע עלעמענטן פון „בונד", וואָס זיינען ארויסגעטראָטן פון אים נאָכן צוזאַמענפאָר (ווי דאָס איז געווען אין מינסק און אין ווילנע), אָדער וואָס האָבן פּשוט אָנגעהויבן אַרבעטן באַזונדער, פאַרבינדנדיק זיך מיט דער אַרבעטער־סוויווע (אזוי איז געווען אין דווינסק און אין אנדערע ערטער).

פאַר די פּאַרטיייִשע גרופּעס איז געשטאַנען אַן ערנסטע און שווערע אויפגאַבע: ערשטנס, פירן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט, וועלכע איז שטאַרק געווען פאַר־וויקלט דורך דער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס האָט געצויגן איר יעניקע פון דער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און דער אויסנאַם־לאַגע פון די יידן; און, צווייטנס, קעמפן קעגן די נאַציאָנאַליסטישע און סעפּאַראַטיסטישע טענ־דענצן, מיט וועלכע עס האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט די פּ. פּ. ס. און אויך דער „בונד".

וועגן דעם קאַמף, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די בונדישע רייען גלייך נאָכן צוזאַמענפאָר, דערציילן אונדז די קאָרעספּאָנדענצן פון פאַרשיידענע שטעט, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „איסקרא".

דעם 5־טן מאַרט 1904 יאָר איז אין „איסקראַ" נומ. 61 געווען געדרוקט די פאָלגנדיקע קאָרעספּאָנדענץ:

„אָף אַ רעפעראַט וועגן דעם ארויסטריט פון „בונד" פון דער ר.ס.ד.א.פּ., וואָס מע האָט געלייענט אין מינסק אין יאַנוואַר 1904 און וואָס האָט ארויסגערופן לאַנג־דויערנדיקע ערנסטע דעבאַטן, האָבן מיר, יידישע אַרבעטער פון מינסק, אין אַ צאָל פון 31 קעגן 3 צוריקגעהאַלטענע, אויסגעדריקט אונדזער סאָלידאַריטעט מיט דער ר.ס.ד.א.פּ. און זיך פאַרייניקט צו איר".

דידאַזיקע פאַרגעשריטענע אַרבעטער — דערציילט יע. בעלענקי אין זיינע זי־כרוינעס וועגן דער מינסקער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע — האָבן געדינט פאַר דעם ערשטן גרונטשטיין, וואָס אין געלייגט געוואָרן אָף צו בויען די פּאַרטיייִשע (באָלשעוויסטישע) אָרגאַניזאַציע אין מינסק, די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט שפּע־טער געשפּילט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין 1905 יאָר און וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין גאַנץ מינסקער גובערניע.

בעראָש פון דערדאָזיקער גרופּע האָט זיך געשטעלט יע. בעלענקי (סערגיי) און האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע, וועלכע האָט אָנגעהויבן פירן אין מינסק אַ גרויסע אַר־בעט. צוערשט האָט די גרופּע אָרגאַניזירט אַ דריי פּאַרטראָגן און דיסקוסיעס פאַר

קליינע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אַף וועלכע עס פלעגט באַהאַנדלט ווערן די פראַגע וועגן דעם אַרויסטריט פון „בונד" פון דער ר.ס.ד.א.פ. אַף די פאַרזאַמלונגען זיינען צוגעשטאַנען צו דער אָרגאַניזאַציע פון דער ר.ס.ד.א.פ. 40 אַקטיווע אַרבעטער, וואָס זיינען פריער געווען אין „בונד". אינגיכן האָט זיך די גרופע פאַרבונדן מיט עטלעכע ניט־יידישע אינטעליגענטן סאָציאַל־דעמאָקראַטן*), און מע האָט אין סאָף 1903 יאָר געשאַפן די מינסקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך אַף דער אָרגאַניזיר־פאַרזאַמלונג אַ נאָמען געגעבן „מינסקער גרופע פון ר.ס.ד.א.פ.".

„ווי נאָר די מינסקער גרופע איז באַשאַפן געוואָרן, איז די פאַרטיי־אַרבעט אין מינסק אַוועק אין צוויי ריכטונגען.

פון איין זייט דער קאַמף מיטן „בונד" פאַר דער ווירקונג אַף דער יידישער אַרבעטער־מאַסע, און פון דער צווייטער זייט — פאַרבינדן זיך מיט די רוסישע אַרבעטער פון די מינסקער פאַבריקן, זאַוואָדן און אייזנבאַנען. אין מינסק זיינען קיין גרויסע פאַבריקן ניט געווען, כוץ די אייזנבאַן־וואַרשטאַטן (ליבאַווע־ראָמענער און מאָסקווע־בריסקער אייזנבאַן) איז אַ מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקע צאָל אַרבעטער געווען באַשעפטיקט אַפן הייוון־זאַוואָד, טאַבאַק־פאַבריק, וואַסער־לייטונג, עלעקטראָסטאַנציע, שטאָטישע „קאָנקע" א.א.וו. דער מינסקער אָרגאַניזאַציע איז פון אָנהייב אָן אויסגעקומען צו פירן אַ שאַרפן קאַמף מיטן „בונד" צוליב מיינונג־פאַרשיידנהייטן וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און נאַציאָנאַלער פראַגע. די דאָזיקע כעלוקעדייעס האָבן זיך געפילט אין טכום מערער און שאַרפער, ווי אַנדערשוווּ, ווייל דער „בונד" האָט זייער פיינטלעך באַגעגנט די אַנטשטייונג פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופעס אין ראַיאָן פון „בונד". אַף דאָרעם־רוסלאַנד, צום ביישפיל, האָט דער קאַמף געטראָגן אַ מער איינגעהאַלטענעם כאַראַקטער, אין צאָפן־מייערעוודיקן קאַנט אָבער האָט דער „בונד" ביז 1905 ניט געוואָלט אָנערקענען די עקזיסטענץ פון אונדזערע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס ניט „דע־יורע" און ניט „דע־פאַקטאָ". עס פלעגט דערגיין ביז אַנעקדאָטן: אויסמיידנדיק צו אָנערקענען אין צאָפן־מייערעוודיקן קאַנט די באָלשעוויקעס, פלעגן די בונדיסטן די גאַנצע צייט, אפילע נאָך 1905, רופן די באָלשעוויקעס „איסקראַווצעס", ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די „איסקראַ" איז נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר געוואָרן אַן אָרגאַן פון די מענשעוויקעס.

די שטרעבונג צו קעמפן מיטן „בונד" האָט זיך נאָך באַרעכטיקט דערמיט, וואָס די איזאָלירטקייט און אָרגאַניזאַציאָנעלע אָפגעזונדערטקייט פונעם יידישן פראָלעטאַריאַט אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע האָבן ניט געשטימט מיט די טעאָרעטישע גרונט־טאָקאָנעס און מיטן לאָזונג פון דער ר.ס.ד.א.פ. „פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!". אויסער דעם האָט די עקזיסטענץ פון אַן אָפגעטיילטער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פראָלעטאַריאַט אין צאָפן־מייערעוודיקן קאַנט געמאַכט שווער די אָנפירונג מיטן עקאָנאָמישן און פאָליטישן קאַמף, וועלכער האָט געפאָדערט אַן איינהייטלעכע אָנפירונג"**).

*) די ערשטע אינטעליגענטן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער מינסקער גרופע ר. ס. ד. א. פ., זיינען געווען אַ אינזשענער יעפים קוזנעצאָוו, סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש און ווע. וואָלינסקי.

**) זע יע. בעלענקי „די באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע אין מינסק", זאַמלבוך „1905 אין ווייסרוסלאַנד", זייט 6. אויסגאַבע פון היספאַרט צ. ק. ק. פ. (ב.) וו. 1925.

דאָסזעלבע איז גלייכצייטיק פאָרגעקומען אין באָברויסק. אויך דאָרטן זיינען געווען גרופּעס יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אָנעמען די נאַציאָ־נאַלע אידייע, וועלכע דער „בונד" האָט זיי געוואָלט אָנבינדן. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון באָברויסק אין „איסקרא" נומ. 33 האָט דער קאָרעספּאָנדענט געשריבן:

„די מערהייט פון די אַנטוויקלטע יידישע אַרבעטער, מיט וועלכע מיר איז אויס־געקומען זיך צו באַגעגענען, גיט אָן ענערגישן ווידערשטאַנד די טענדענצן, וואָס עס וויל זיי אָנבינדן די יידישע אינטעליגענץ. די אינטעליגענטן פּראָפּאַגאַנדיסטן אַליין האָבן זיך פאַר מיר געקלאָגט, אַז די אַרבעטער ווילן גאָרניט אָננעמען די אַרטיקלען, וואָס הרוקן זיך אין דער „אַרבעטער־שטימע" (בונדישער אָרגאַן) און וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיטן נאַציאָנאַליזם".

אויך אין באָברויסק איז לויט דער איניציאַטיוו פון ג. שקלאָווסקי אין סאָף 1903 יאָר געשאַפן געוואָרן אַ גרופּע „איסקרא", וועלכע איז אין אָנהייב באַשטאַנען פון אויסשליסלעך רוסישע אַרבעטער, דערנאָך זיינען צו איר צוגעשטאַנען די יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען אַרויס פון „בונד". גלייך ווי די גרופּע איז געשאַפן געוואָרן, האָט די באָברויסקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן איר און אויסגענוצט אַלע אירע מיטלען, כדי צו דיסקרעדיטירן זי אין די אויגן פון די אַרבעטער.

„קעדיי איינצוהאַלטן די ווירקונג אויף די יידישע אַרבעטער — דערציילט גאָרעליק אין זיינע זכרונות פון 1905 יאָר אין באָברויסק *) — האָט דער „בונד", שפּילנ־דיק אויף די נאַציאָנאַליסטישע געפילן פון דעם אָפּגעשטאַנענעם טייל אַרבעטער, גע־רופן די „איסקראַוועס" אַסימיליאַטאָרן, „גוים" און פלעגט זיך באַמיען צו דער־ווייזן, אַז צווישן די יידישע אַרבעטער קען און דאַרף עקזיסטירן בלויז אַ יידישע פּאַרטיי, וואָס זאָל פירן אַן אַרבעט אויסשליסלעך אויף דער יידישער שפּראַך."

וועגן דעם קאַמף, וואָס די באָברויסקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" האָט געפירט קעגן דער גרופּע „איסקרא", דערציילט ג. שקלאָווסקי אין זיינע זכרונות וועגן דער באָברויסקער אָרגאַניזאַציע פון ר.ס.ד.א.פּ.:

„גלייך נאָך דער דערקלערונג פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע (26 יאַנוואַר 1904 יאָר) איז אונדזער גרופּע אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן דער מיל־כאָמע אונטערן קעפל: „צו אַלע באָברויסקער אַרבעטער". עס האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט די בונדישע אָנפירער, האָבן זיי אָנגעהויבן פירן אַ שטאַרקע העצע קעגן אונדזער גרופּע. מע פלעגט זיך באַמיען איינריידן די אַרבעטער, אַז די „פאַרשפּריי־טונג פון אַזעלכע פּראָקלאַמאַציעס איז אַ פּאָליטישע אויסגעלאַסנקייט".

נאָך אַזאַ קאַמפּאַניע האָט אונדזער גרופּע באַשלאָסן מער אַגרעסיוו אָנהייבן צו אַרבעטן. זי האָט איינגעשלאָסן אין איר באַשטאַנד די בונדיסטן, וועלכע זיינען גע־ווען פאַר אונדז, און אָנגעהויבן פירן אַן אַרבעט צווישן יידישע אַרבעטער.

לאַנגזאַם אָבער זיכער האָט זיך געגרוקט די אַרבעט פון אונדזער גרופּע. עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט, אַ ריי קרייזן. עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן גוטע פאַרבינדונגען מיט די פאַבריק־אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געווען אין באָברויסק

*) „1905 אין ווייסרוסלאַנד" — „באָברויסק אין 1905 יאָר".

און ווו עס האָבן קימאַט אויסשליסלעך געאַרבעט רוסישע אַרבעטער, מיר האָבן געשאַפן אַן אייגענע דרוקעריי, אַדאַנק דער איבערגעגעבנקייט פון כ' א. רייקין, אַן אַרבעטער פון פרידלאַנדס דרוקעריי. באַטאָג פלעגט ער שלעפן שריפט און אַנדערע דרוק־מאַכשירים און באַנאַכט האָט ער געדרוקט אונדזערע פּראָקלאַמאַציעס".

„אונדזער ווירקונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, סיי צווישן די רוסישע, סיי צווישן די יידישע אַרבעטער, אונדז האָט זיך איינגעגעבן דורכצופירן עטלעכע שטרייקן אין איינציקע אונטערנעמונגען, ווו עס האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך רוסישע אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך ביז יענער צייט אין קיין באַוועגונג קיין אָנטייל ניט גענומען און עס איז אָנגעקומען גאַנץ שווער באַאיינפלוסן זיי דורך אונדזער אָרגאַניזאַציע.

ביז דער אָרגאַניזירונג פון אונדזער גרופּע האָט זיך די באַוועגונג פאַרשפּרייט נאָר צווישן די יידישע אַרבעטער, און דער פּאָליציי איז געווען גרינג צו דערוויזן, אַז עס „בונטעווען" נאָר „זשידעס".

די נעגאַטיווע באַציונג צו די רעוואָליוציאָנערן און „דעמאָקראַטן" איז געווען זייער שטאַרק.

אַז עס האָט זיך געשאַפן אונדזער גרופּע, האָבן אַסאַך פון אונדזערע רוסישע באַוויירים גענומען פירן אַן אַגיטאַציע אויך צווישן די רוסישע אַרבעטער.

אַף די לעצטע און אַף די, וואָס זיינען געווען מיט אונדז, האָט מען געקוקט ווי אַף אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט די „זשידעס" *).

די שפּאַלטונגען אין „בונד" זיינען אומעטום פאָרגעקומען מיט אַ קאַמף, וואָס האָט לאַנג געדויערט אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רייען. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון סמאָרגאָן („איסקרא" נומ. 77, 1904) ווערט באַשריבן אַ פאַרזאַמלונג, אַף וועלכער מע האָט באַהאַנדלט די פראַגע, צי דאַרף דער יידישער אַרבעטער האָבן אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי.

„דעם 21־טן אויגוסט 1904 יאָר איז בא אונדז אין וואַלד פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון 125 מענטשן, אַף וועלכער מע האָט גערעדט וועגן דעם, צי דאַרף דער יידישער אַרבעטער אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. אַף דער פאַרזאַמלונג זיינען אויך געווען איינגעלאַדן בונדאַוועס, וועלכע זיינען געקומען אין רעכטן מיטן פון דער פאַרזאַמלונג און גענומען שטערן דעם רעדנער. דאָס האָט ארויסגערופן אַ טומלדיקע קריגעריי, צוליב וואָס עס איז אויסגעקומען זיך צו פאַנאַנדערגיין, די פּאָליציי זאָל צוליב די קוילעס ניט אָנלויפן. אפן צווייטן טאָג איז די פאַרזאַמלונג פאָרגעזעצט געוואָרן אין אַ צווייטן וואַלד, עס זיינען ווידער געקומען מער ווי 125 מענטשן, אָבער צום סאָף פון דערהאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט מען געלאָזן וויסן, אַז די פּאָליציי דערנענטערט זיך צו דער פאַרזאַמלונג".

אַזאַ קאַמף צווישן „בונד" און די איסקראָוועס איז אויך פאָרגעקומען אין וויטעבסק. אין דעם זאַמלבוך „קראַסנאַיאַ ביל"**) דערציילט ב. פינסאָן, אַז די הויפּט־קינעס פון דער וויטעבסקער גרופּע ר.ס.ד.א.פּ. זיינען אוועקגעגעבן געוואָרן אַף צו פירן אַן אויסערגעוויינלעך ענערגישן קאַמף קעגן „בונד" — אַ קאַמף צו באַפרייען די יידישע אַרבעטער פון דער בונדישער נאַציאָנאַל־אָפּאָרטוניסטישער ווירקונג,

*) „1905 יאָר אין ווייסרוסלאַנד", ג. שקלאָווסקי, „באָברויסק ערעוו 1905".
**) „קראסנאיא ביל", זאַמלבוך אַרויסגעגעבן פון וויטעבסקער היספּאַרט.

וועלכע האָט אָפּט אָנגענומען אַ דראָענדיקן כאַראַקטער. אַף די ערטער האָט די שפּאַלטונג אָנגענומען אַזאַ ווילדע פאָרם, אַז אַ געוויסע צייט איז אינגאַנצן אוממעגלעך געווען צו פאַרנעמען זיך מיט פרוכטבאַרער פּאַרטייִשער פּאָליטישער אַרבעט. עס איז אויסגעקומען צו פאַרלירן צייט אַף אָפּווייזן דעם שאָדן, וואָס דער „בונד" ברענגט דעם אַרבעטער־קלאַס מיט זיין פּאָליטיק פון אָפּגעזונדערטקייט.

דעראַזיקער קאַמף איז פאָרגעקומען אין אַלע שטעט פון ווייסרוסלאַנד. אוממעטום זיינען גרויסע גרופּעס יידישע אַרבעטער אַרויסגעטראָטן פון „בונד" און געשאַפן אָרגאַניזאַציעס רסדא"פּ, וועלכע האָבן אוממעטום געפירט אַן אַרבעט צווישן דעם אַלגעמיינעם פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט, צווישן דער אַרמיי און צווישן פּויערטום.

זייער אינטערעסאַנט איז, וויאַזוי די גרופּעס פון דער רסדא"פּ האָבן געבויט זייערע אָרגאַניזאַציעס. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון מינסק („פּראָלעטאַריער" נומ. 19, 1905) ווערט באַשריבן די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אַף אַזאַ אויפן:

אין דער שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע שטייט די „גרופּע", אין וועלכער עס איז אַריין אַ ליטעראַט, אַ סעקרעטאַר, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט און אַגיטאַטאָר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די שטודירנדיקע, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער טעכניקער*), אַ פאַראַנטוואָרטלעכער „פינאַנסיסט", עטלעכע אָרגאַניזאַטאָרן און דער אָרטיקער מיטגליד פון דעם צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט.

מיט דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעפירט די צענטראַלע „סכאָדקע", וווּהין עס זיינען אַריין 8—10 אַרבעטער, אַן אָרגאַניזאַטאָר און אַ פאָרשטייער פון דער גרופּע, וואָס איז דורך איר געשיקט געוואָרן. אַלע שטאָטישע אַרבעטער־איניאָנים, אַלגעמיינע שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, פאַרזאַמלונגען א. א. וו. פלעגן באַהאַנדלט און באַשטימט ווערן אַף דער צענטראַלער „סכאָדקע". די לעצטע האָט געשיקט אָנפירער און פאָרשטייער אין די נידעריקערע קעמערלעך פון דער אָרגאַניזאַציע — אין די „סכאָדקעס". אַזעלכע זיינען געווען 4. צוויי פון זיי זיינען געווען פאַך־„סכאָדקעס", ווייל אין די אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען צוויי גרויסע פאַכן (האַנדל־אָנגעשטעלטע, לעמאָשל, 100 מענטשן), אין דער דריטער „סכאָדקע" זיינען געווען קאָנצענטרירט יענע פאַכן, אין וועלכע די גרופּע האָט געהאַט אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אַלע דריי „סכאָדקעס" זיינען געווען יידישע.

די ניט־יידישע אַרבעטער־סוויווע איז געווען שרעקלעך אָפּגעשטאַנען צוליב דעם, וואָס צווישן זיי האָט דער „בונד", ווען ער איז געווען די איינציקע אָרגאַניזאַציע אין מינסק, ניט געפירט קיין אַרבעט. דעריבער איז די אַרבעט צווישן די ניט־יידישע אַרבעטער געווען אַביסל אַן אַנדערע לויט אירע מעטאָדן און נאָענטסטע אויפגאַבן. דאָס האָט געשטויסן די גרופּע צו שאַפן אַ באַזונדער אָרגאַן אַף צו פירן די אַרבעט צווישן די ניט־יידישע אַרבעטער — אַ פערטע „סכאָדקע". יעדע „סכאָדקע" איז באַשטאַנען פון עטלעכע (5—10 מענטשן) אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־

*) אַ „טעכניקער" האָט אין דער צייט פון דער אונטערערדישער אַרבעט געהייסן דער, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן דרוק.

מערס, וואָס פלעגן זיך צונויפקלייבן אַלע וואָך אַף פאַרזאַמלונגען, אונטער דער אָנפירונג פון מענטשן, וואָס זיינען געווען באַשטימט, ווי שוין געזאָגט, דורך דער צענטראַלער „סקאָדקע".

אַלע פיר „סקאָדקעס" זיינען געווען צעטיילט אַף נידעריקערע אָרגאַניזאַציאָנעלע קעמערלעך, אַזוי אַז אַ באַשטימטער קרייז מענטשן, באַשטימטע פאַר־ביינדונגען, האָט זיך געפונען אונטער דער שטענדיקער אָנפירונג פון אַ באַשטימטן מיטגליד פון דער געגעבענער „סקאָדקע".

די דורכפירונג פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט דורך „סקאָדקעס" האָט ניט געשאַפן קיין אָפּגעזונדערטע נאַציאָנאַלע אָדער פאַכאָווע פסיכאָלאָגיע, ווייל אַף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס און קרייזלעך פלעגן זיך טרעפן אַר־בעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, פאַכן און „סקאָדקעס".

אָט אַזוי איז אויסגעשטעלט געוואָרן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַפּאַראַט פון דער גרופּע. אומאָפּהענגיק פון אים איז געשטאַנען די קאָלעגיע פון פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַגיטאַטאָרן, וואָס האָט באַהאַנדלט די פּראָגראַמען און די מעטאָדן פון דער אַרבעט אין די קרייזלעך, אונטער דער אָנפירונג פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּראָפּאַ־גאַנדיסט. זי האָט אויך פאַנאַנדערגעטיילט צווישן אירע מיטגלידער די קרייזלעך, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך די אָרגאַניזאַטאָרס („סקאָדקעס").

די אָרגאַניזאַציע פון די שטודירנדיקע האָט געהאַט איר צענטער, אַיך, אַזוי צו זאָגן, „סקאָדקע", וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרופּע דורך איר אָנפירער.

די, וואָס זיינען געווען פאַרנומען מיט פאַנאַנדערטראָגן, העקטאָגראַפירן, טראַנ־ספּאָרטירן ליטעראַטור א. א. וו. האָבן זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון דעם פאַראַנטוואָרטלעכן טעכניקער. און צולעצט, די פינאַנסיעלע קאָמיסיע, וועלכע האָט געקליבן געלט און איינגעאָרדנט „קאָמערציעלע" אונטערנעמונגען, האָט גע־אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון פאַראַנטוואָרטלעכן „פינאַנסיסט".

כּוץ דעם האָבן די גרופּעס פון מיירעוו־געגנט געשאַפן אַ צענטראַלע געגנט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע מע האָט אַ נאָמען געגעבן דער צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט פון דער רסדא"פּ. זי האָט פאַרייניקט פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: מינסקער, וויטעב־סקער, הווינסקער, ווילנער, סמאָרגאָנער, באָברויסקער און סמאָלענסקער. דער צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן אַף אָנצופירן מיט דער אַרבעט אין דער גאַנצער געגנט.

די פּאָליטישע ליניע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן אָדער קאָמיטעטן איז ניט אומעטום און אַלעמאָל געווען איינע און דיזעלבע: די מינסקער גרופּע איז פון אָנהייב געווען אַ „האַרטשטיניקע"*), דאָס הייסט אַ באָלשעוויסטישע און איז אַזאַ פאַרבליבן די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ. די באָברויסקער גרופּע,—

*) אין די ערשטע צייטן נאָך דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי פלעגט מען רופן די, וואָס זיינען געווען איינשטימיק מיט לענינען (מערהייט), „האַרטע" אָדער „האַרטשטייניקע", די וואָס זיינען געווען מיט מאַרטאָוון (מינדערהייט), האָט מען גערופן „ווייכע", און די, וואָס זיינען געשטאַנען אינמיטן, געפירט אַ שאָלעם־פּאָליטיק און געוואָלט מאַכן שאָלעם צווישןביידע צדאָדים, האָט מען גערופן „בלאָטע".

דערציילט שקלאָווסקי אין זיינע זכרונות וועגן דער באָברויסקער גרופּע פון דער רסדאַ״פּ — איז אין אָנהייב געווען אַ באָלשעוויסטישע, אָבער זי איז ניט שטענדיק געווען אַ באָלשעוויסטישע, ווייל, ווי אַלע אָרגאַניזאַציעס פון יענער צייט, האָט זי אין פאַרשיידענע צייטן אָנגענומען פאַרשיידענע ריכטונגען. עס האָבן זיך געביטן די מענטשן — האָבן זיך אויך געביטן די ריכטונגען. דאָס מיינט, אַז אַסאַך אָרגאַניזאַציעס זיינען צייטנווייז געווען באָלשעוויסטיש און צייטנווייז מענשעוויסטיש, אָדער זיי זיינען געווען געמישטע פון באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. אַזאַ באַשטאַנד פון קאָמיטעט איז געווען אין וויטעבסק, דווינסק און אַנדערע ערטער.

דער צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט פון דער רסדאַ״פּ

דער צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין פרילינג 1904. אין באַשטאַנד פון קאָמיטעט זיינען אַריין מיכאַיל (קאַרענעווסקי), סטראַשינסקי (אַנטאָן) פון ווילנע, כ׳ פרומקין (מיניי) — פון וויטעבסק, קוזנעצאָוו (יעפים) — פון מינסק, נעגאַיעוו און טראָצקי (סעמיאָן)*).

גלייך ווי דער צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט, האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ מיטיילונג וועגן זיין אַנטשטייונג, וווּ עס זיינען אָנגעוויזן די ספּעציפישע באַדינגונגען פון צאָפּן־מיירעוו־געגנט, ווו אַף אַ לעפּיערעך קליינער טעריטאָריע האָבן זיך צונויפגעטראָפן עטלעכע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זייער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אַנטוויקלט אונטער באַזונדערע שווערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

אין דער מיטיילונג איז דערקלערט געוואָרן, אַז אַדאַנק דעם, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט דערשטיקט אונטערן רוסישן זעלבסטהערשנדיקן רעזשים פּוילן, איז געשאַפן געוואָרן אַ רייכער באָדן פאַר נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען אַפילע אין די סאָציאַליסטישע רייען, ווי בײַ דער פּפּ״ס, וועלכע האָט אַלס יעסאָד פון איר טעטיקייט אוועקגעלייגט ניט די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר דעם יערושעאידעאַל פון דער שליאַכטע. דערנאָך איז אָנגעוויזן געוואָרן אַף די נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען, וואָס זיינען געווען צוליב דער צאַרישער אונטערדריקונג אין די רייען פון דער יידישער אַרבעטער־סוויווע און וועלכע האָבן זיך אַזוי בוילעט אַרויסגעוויזן אין „בונד“.

„אַרויסטרעטנדיק אַלס קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי — איז דערקלערט געוואָרן אין דער מיטיילונג — אָנערקענען מיר די גאַנצע שווערקייט און קאָמפּליצירטקייט פון אונזער אויפגאַבע. דעם פּראָלעטאַריאַט פון די נאַציאָנאַליטעטן, וואָס וווינען דאָ, קומט אויס צו קעמפן אין אַן אַטמאָספער, וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישן דאַמף. זי רינגלט אַרום מיט איר שטרעמונג, גיסט אַריין אין זיינע רייען אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן, לייגט אַף אים אַרויף אַ שטעמפּל פון אַנטאַגאָניזם, פירט דורך צווישן די פּראָלעטאַריער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס קעמפן קעגן איין אַלגעמיינעם פּאָליטישן רעזשים, אַ שפּאַלטונג.

*) דאָס איז דער כ׳ טראָצקי, וועלכער אַרבעט איצט אין „קאָמזעט“.

A-5687

די אַרויסטרעטונג פון „בונד" פון דער פּאַרטיי איז ניט געווען קיין צופעליקע, זי איז געווען צוגעגרייט דורך דער גאַנצער פאַריקער אַנטוויקלונג. די רעשטן פון די עקאָנאָמיסטישע טענדענצן, פון די נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען, וואָס האָבן אַריינגעדרונגען אין די לעצטע יאָרן אין „בונד", צוזאַמען מיט דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פּאַטריאָטיזם, זיינען געווען די סיבעס פון דעמאָזיקן טרויעריקן פאַקט".

די מיטיילונג ענדיקט זיך מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זיינען — פאַרשאַרפן און פאַרטיפן די קלאַסן־ווידערשפּרוכן פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, קעמפן קעגן אַלץ, וואָס פאַרטונקלט דעם קלאַסן־באַוווסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס טראָגט אַ פרעמדע אידעאָלאָגיע. אונדזער אויפגאַבע איז אויפדעקן פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווינט דאָ, דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קריטיק, די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, וואָס זיינען אים פרעמד, און דורך דעם אָפּרייניקן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון די זייטיקע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך צו איר צוגעקלעפּט, — אונטערשטרייכנדיק און אָנווייזנדיק אַף דער נייטיקייט פון ענגער פאַרייניקונג אין אַן איינציקער פּאָליטישער פּאַרטיי. נאָר אַזאַ פּאַרטיי קאָן געבן די העכסטע פאָרם פון אַנטוויקלונג פון קלאַסן־באַוווסטזיין.

די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווייס נאָר איין פאָרם פון קאַמף — דעם קלאַסנקאַמף. בלויז ער באַשטימט די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט אַלגאַנצן, און אין זיין אַנטוויקלונג טראָגט ער די עמאַנציפּאַציע, פירט צו דער פאַרניכטונג פון נאַציאָנאַלן דרוק און אַלע זיינע דערשיינונגען, צו דער פאַרטיידיקונג פון דער קולטור, צו פּראָגרעס".*)

דער אויפרוף, האָטש ער איז אָנגעשריבן געוואָרן אין אַ זייער ניט פּאָפּולערער שפּראַך, האָט ער דאָך געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף די אַרבעטנדיקע מאַסן פון מיירעוו־געגנט. אין מעשעך פון עטלעכע כאַדאָשים האָט דער צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט געהאַט אין זיינע רייען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער און פויערים.

אין אַ „יאָר־באַריכט", וואָס דער צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט האָט פאַרעפנטלעכט אין „איסקראַ" (נומ. 78, 1904), איז דערקלערט געוואָרן:

„דער ראַיאָן פון אונדזער טעטיקייט איז איבערהויפּט אַ האַנטווערקערישער, אַ קליין־בורזשואַזער, מיט אַ שוואַך אַנטוויקלטער פאַבריק־פּראָדוקציע. דער גרעסטער טייל פון דער שטאָטישער פּראָלעטאַרישער מאַסע באַשטייט פון יידן. צווישן די ניט־יידן איז קיין ערנסטע באַוועגונג אין ערגעץ ניטאָ און דאָס שטערט זייער דעם אַקטיוון קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, ווייל די אָפּגעשטאַנענקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן טאָרמאָזירט דעמאָזיקן קאַמף און פאַרניכטעט פּאַקטיש באַ די אַרבעטער פון אונדזער קאַנט דעם באַוווסטזיין פון סאָלידאַריטעט און געמיינזאַמקייט פון אונדזערע אינטערעסן. קעדיי אויסצומיידן די פעלערן פון די „אַלטע" רעוואָלוציאָנערן, האָט דער צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט, שטייענדיק אינגאַנצן אַפן שטאַנדפּונקט פון דער פּאַרטיי אין דער אינטערנאַציאָנאַליסטי־

*) „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָלוציאַ" נומ. 8—9, 1924.

שער און אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿראַגע, גלייך אין אָנהייב פֿון זיין טעטיקייט באַשטימט אָנצוהייבן אַרבעטן צווישן די אַרבעטער פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, שטרעבנדיק צו פֿאַרפֿעסטיקן זיך אין דער ווייניק אָנגערירטער ניט־יידישער מאַסע און אָפּגעבנדיק אַ באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט דער אַרבעט צווישן די פֿאַבריק־אַרבעטער.

די יאָריקע דערפֿאַרונג פֿון די גרופּעס און דעם קאָמיטעט האָט באַוויזן, אַז זיי זיינען פֿולקום אימשטאַנד צו באַפֿרידיקן די באַדערפֿענישן פֿון דער אָרטיקער מאַסע בנוגע דער שפּראַך, צו פֿאַרשטיין די אייגנאַרטיקע באַזונדערקייטן פֿון די אָרטיקע באַדינגונגען, צופּאַסן זיך צו דער אַגיטאַציע א. א. וו. די פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון צוזאַמענשטעל קאָן בעשומאופֿן ניט שטערן דער אַרבעט. פֿאַרקערט, זי פֿאַרייניקט און באַגייסטערט נאָך מער. אַכוץ דעם קענען מיר אָנווייזן אויף דער מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען אַפֿילו דעמאָלט, ווען אויף די לעצטע טרעטן אַרויס רעדנער אויף יידיש, פּויליש און רוסיש.

די געמיינזאַמקייט פֿון די אַרבעטער־אינטערעסן ווערט באַוויזן ניט נאָר דורך די־האַזיקע „טעכנישע באַדינגונגען”, נאָר, און דאָס איז פֿיל וויכטיקער, דורך דעם באַוווסטזיין, אַז די אַרבעט פֿירט דורך איין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס מאַכט ניט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלן אונטערשייד צווישן ניט־יידן און יידן”.

דער צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט איז אין אָנהייב פֿון זיין עקזיסטענץ געשטאַנען אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון דער „מערהייט”, נאָר באַם צוזאַמענרופֿן דעם דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר האָט זיך אין קאָמיטעט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אַן אָפּנייג אין דער ריכטונג צו „פּשאַרעריי”. קעדיי עס זאָלן קלאָר זיין די בלוקעדייעס און וואַקלונגען פֿון צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט, איז נייטיק באַקענט צו ווערן מיט די בלוקעדייעס און וואַקלונגען, וואָס עס זיינען דאַן פֿאָרגעקומען אין דער פּאַרטיי. ביכלאַל איז אין דער פּאַרטיי דעמאָלט פֿאָרגעקומען דאָס פֿאָלגנדיקע:

די רוסיש־יאַפּאַנישע מילכאָמע און די בלוט־באָד פֿון 9־טן יאַנואַר האָט אָוועק־געשטעלט אויפֿן טאָג־אָרדענונג פֿון דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג די נייטיקייט צו גרייטן זיך צו אַ רעוואָלוציאָנערן אויסבראָך. און צוזאַמען מיט דעם איז אויך אַרויסגעשוווּמען די פֿראַגע, צי וועט דער אַרבעטער־קלאַס פֿון רוס־לאַנד באַוויזן צו אָרגאַניזירן זיך ווי אַ קלאַס און אויסטיילן זיין קלאַסאַווע פּאַרטיי און צי וועט ער איינהאַלטן פֿאַר זיך די העגעמאָניע אין דעם גאַנג פֿון די ווייטער־דיקע פּאַסירונגען, אָדער ער וועט זיין אַ געהאָרכזאַם געצייג אין די הענט פֿון וועלכע עס איז בורזשואַזע ליבעראַלע אָפּאָזיציאָנערע גרופּירונגען.

די לייזונג פֿון דערהאַזיקער פֿראַגע איז געווען אָפּהענגיק פֿון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי... עס איז געווען אַ פֿראַגע, צי וועט די רסדא״פּ באַ־וויזן צו שטעלן זיך בעראָש פֿון אַרבעטער־קלאַס און שאַפֿן אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס זאָל קענען אָרגאַניזירן די מאַסן און אָנפֿירן מיט זיי.

אָבער די פּאַרטיי האָט זיך נאָך דער שפּאַלטונג פֿון 1903 יאָר געפֿונען אין אַזאַ לאַגע: די מערהייט פֿון די אָרטיקע קאָמיטעטן און, באַזונדערס, אין די גרויס־אינדוסטריעלע צענטרען, זיינען שוין פֿאַקטיש געווען די צענטרען, וועלכע האָבן אידייִש געווירקט אויף די מאַסן. נאָר אומעטום האָבן אין דער אַרבעט קאָנקורירט איינע מיט די צווייטע די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס. און ביידע פֿליגן רייִדן,

אין נאָמען פון דער איינהייטלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, זיי פּלעגן אָבער אַף פאַרשיידענע אופֿאַנים אָפּשאַצן די פּאָליטישע לאַגע און ברענגען פאַר די מאַסן פאַרשיידענע קאַמף־טאַקטיקעס. גלייכצייטיק מיט די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָבן אויך געאַרבעט די עסערישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געזוכט זיך צוצושאַרן צו די אַרבעטער און צופּאַסן זייער קליינבירגערלעכע טאַקטיק צו די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע מאַסן. אַף דעם וועג האָבן זיך אויך געשטעלט די ריין־בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס, ווי צ. ב. „באַפרייונג" („אָסוואָבאָזשדעניע"), וואָס סטרוווע און אַנדערע האָבן געשאַפן. אויך זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסטרעטן מיט „רעאַלע" פּראָגראַמען צו פאַרטיידיקן די אַרבעטער־אינטערעסן. די אַרבעטער־מאַסן, וועלכע זיינען נאָרוואָס אויפגעוועקט געוואָרן צום פּאָליטישן לעבן, האָבן זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן אין דעם מישמאַש פון די טאַקטישע כלוקעדייעס און פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן*).

דער צ. ק., וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַפן צווייטן צוזאַמענפאָר, און די „איסקראַ", אין איר נייעם באַשטאַנד, זיינען פאַקטיש ניט בעקוועם געווען צו פירן די גאַנצע פּאַרטיי. זיי האָבן שלעכט געפירט נישטיקע טיילן פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אַף דער מענשעוויסטישער פּלאַטפאָרם.

דער „שאָלעם־מאַכערישער" צ. ק. האָט געזוכט צו פאַרגלעטן די טאַקטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע כלוקעדייעס און פאַקטיש געאַרבעט פאַר דעם דערפאָלג פון דער מענשעוויסטישער אָפּאָרטוניסטישער טאַקטיק. דאָס האָט געשטערט, אַז די רסדא״פּ זאָל אָרגאַניזאַציאָנעל קאָנען פאַרשטאַרקן איר אידייִשע ווירקונג אַף די מאַסן.

דעריבער האָבן די באָלשעוויסטישע קאָמיטעטן שוין פון פעוראַל 1904 אָנגעהייבן אַ קאַמפּאַניע פאַר צוזאַמענרופן אַן אויסעראָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר, וועלכער זאָל מאַכן אַ סאָף צו דערהאָזיקער לאַגע. דער קאַמף, וואָס די אָרטיקע קאָמיטעטן האָבן אָנגעהויבן פאַרן צוזאַמענפאָר, האָט באַגעגנט אַ פּראַקטישן ווידערשטאַנד מיצאַד דער „נייער איסקראַ", דעם ראַט פון דער פּאַרטיי און דעם שאָלעם־מאַכערישן צ. ק., וועלכע האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר וועט מיט דער גרעסטער מערהייט גיין קעגן זיי. אַ גאַנץ יאָר האָט זיך געצויגן דער קאַמף פאַרן צוזאַמענפאָר. אין דעם דאָזיקן קאַמף זיינען אַלץ מער און מער קלאָר געוואָרן די כעלוקעדייעס צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די באָלשעוויקעס מוזן שאַפן זייער אייגענעם אידייִשן אָרגאַניזיר־צענטער**).

דער אָנהייב אַף צו שאַפן אַזאַ צענטער איז געמאַכט געוואָרן אַף אַ קאָנפערענץ, וואָס לעניִן האָט צוזאַמענגערופן אין זשענעווע אין אויגוסט 1904. די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן אַ „ביוראָ פון דעם קאָמיטעט פון דער מערהייט" (ב. ק. ב.), האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף, האָט באַשטימט אַרויסגעבן אַ צייטונג „וופּעריאָד". אָט די ב. ק. ב. האָט אָנגעהויבן אַן ענערגישן קאַמף פאַר צונויפרופן דעם דריטן

*) זע ליאַדאָוו — פאָרעדע צו די פּראָטאָקאָלן פון דריטן צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. היס־פּאַרט, מאָסקווע, 1924.

**) די פאַקטן וועגן דער לאַגע אין דער פּאַרטיי ערעוו דעם דריטן צוזאַמענפאָר זיינען גענומען געוואָרן פון ע. ליאַדאָווס פאָרעדע צו די פּראָטאָקאָלן פון דריטן צוזאַמענפאָר — אויסגעגעבן אין 1924.

פאַרטיי־צוזאַמענפאָר. דערדאָזיקער קאַמף האָט זיך מיט אַקשאַנעס פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און האָט אויך אַרומגעכאַפּט די אָרגאַניזאַציעס פון מיירעוו־געגנט.

די מינסקער באָלשעוויסטישע גרופּע האָט זיך געשטעלט אַף דער זייט פון דער מערהייט, און דעם 26־טן יאַנוואַר האָט דער קאָמיטעט אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָליוציע:

„זייענדיק מסכים מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פון דער פּאַרטייִשער מערהייט, באַגריסן מיר די דערשיינונג פון „וופּעריאָד", וווּ די מערהייט וועט ענדלעך האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרטיידיקן און אַנטוויקלען דידאָזיקע פּרינציפּן. באַטראַכטנדיק די אינערלעכע פּאַרטייִשע פּאָליטיק פון צ"ק, וואָס אַנשטאָט צו אַ שאַרפן קאַמף צווישן דער מערהייט... לעם פירט ער צו אַ גרעסערן כאָאָס און צעשפּליטערונג, דריקן מיר אויס דעם צ"ק אונדזער אומסאָלידאַרקייט מיט זיין פּאָליטיק און זאָגן זיך אָרויס פאַר דעם, אַז עס זאָל באַלד צונויפגערופן ווערן דער דריטער צוזאַמענפאָר, וואָס נאָר ער וועט קענען אויפשטעלן די איינהייט אין דער פּאַרטיי, וואָס עס איז באַזונדערס נייטיק אין דעם איצטיקן מאָמענט"*).

דער צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט האָט אָבער אין דער פראַגע וועגן צונויפרופן דעם דריטן צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ וואַקלדיקע פּאָזיציע. און ווען עס איז געשטאַנען די פראַגע וועגן וויילן אַ דעלעגאַט פון צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט צום דריטן צוזאַמענפאָר, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרשאַרפטער קאַמף צווישן דעם צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט און דער מינסקער גרופּע, וועלכע האָט זיך געשטעלט אין אָפּאָזיציע צום צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט און קעגן אים אָנגענומען אַ שאַרפע רעזאָליוציע, אין וועלכער עס איז דערקלערט געוואָרן:

„שטייענדיק אַפן שטאַנדפּונקט פון דער פּאַרטייִשער מערהייט און ניט טרויענדיק דעם צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט, ווי אַ פשאַרעמאַכערישן, אין קלייבן אַ דעלעגאַט (צום דריטן צוזאַמענפאָר), האָט די מינסקער גרופּע אַף אַ זיצונג דעם 22־טן מאַרט 1905 יאָר באַשלאָסן צו שיקן איר אייגענעם דעלעגאַט אַפן צוזאַמענפאָר, אויב דאָס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר מעגלעך, ד. ה., אויב די אָרג. קאָמיסיע וועט צולאָזן דעם מינסקער דעלעגאַט"**).

האָגאָם די מינסקער גרופּע האָט, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַריין אין באַשטאַנד פון צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט, ניט געהאַט שיקן קיין באַזונדערן דעלעגאַט אַפן צוזאַמענפאָר, ווייל דידאָזיקע רעכט האָט בלויז געהאַט דער צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט, דאָך האָט די אָרג. ביוראָ פון דער „מערהייט" געגעבן דער מינסקער גרופּע דאָס רעכט צו שיקן אַ באַזונדערן דעלעגאַט אַפן דריטן צוזאַמענפאָר — שקלאָווסקין (גערגי)***).

„דער צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט האָט אַפן צוזאַמענפאָר געשיקט אַ דעלעגאַט (וואַדים — פּאָסטאָלאָווסקי). מיט דעם דעלעגאַט איז געווען אַ גאַנצע געשיכטע. די

---

*) „וופּעריאָד", נומ. 7, פעוורואַל 1905.

**) „וופּעריאָד", נומ. 18, מיי 1905.

***) אין די פּראָטאָקאָלן פון דריטן צוזאַמענפאָר האָט ער פיגורירט אלס דעדושקין (באַבושקין).

מענשעוויקעס האָבן אָפּגעדרוקט אַ מעלדונג, אַז דער צאַפּן־מיירעוו־קאָמיטעט האָט אָפּגערופן זיין דעלעגאַט פון צוזאַמענפאָר, אָבער אין אַ מעלדונג, וואָס איז געווען געדרוקט אין נום. 7 „פּראָלעטאַריער", האָט דאָס דער צאַפּן־מיירעוו־קאָמיטעט אָפּגעלייקנט.

נאָכן דריטן צוזאַמענפאָר האָט דער צאַפּן־מיירעוו־קאָמיטעט אויך אַרויסגעוויזן געוויסע וואַקלונגען, דאָך האָט ער נאָכן צוזאַמענפאָר אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָליוציע וועגן צוזאַמענפאָר:

„אויסהערנדיק דעם באַריכט פון אונדזער דעלעגאַט אויפן דריטן צוזאַמענפאָר און באַקאַנענדיק זיך מיט די מעלדונגען פון דער קאָנפערענץ*) און איר אַרבעט, האָט דער צאַפּן־מיירעוו־קאָמיטעט אָנערקענט:

1) אַז אויפן צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון פולבאַרעכטיקטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן צוזאַמען געהאַט מער פון אַ העלפט שטימען מיט באַשטימונג־רעכט.

וואָס איז שייך דער גאַנצער פּאַרטיי, באַטראַכט דער צאַפּן־מיירעוו־קאָמיטעט דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון פאָרמעלן שטאַנדפּונקט פאַר געזעצלעך.

2) דער צאַפּן־מיירעוו־קאָמיטעט נעמט אָן דעם סטאַטוט, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר"**).

דער ערשטער פּונקט איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. באַם אָפּשטימען דעם צווייטן פּונקט האָט זיך איינער אָפּגעהאַלטן. בוץ דעם האָט דער צאַפּן־מיירעוו־קאָמיטעט באַשלאָסן צו פאַרבינדן זיך מיטן צ. ק., וואָס דער דריטער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן.

די דאָזיקע וואַקלונגען פון דעם צאַפּן־מיירעוו־קאָמיטעט האָבן אַרויסגערופן אַ קאָנפליקט צווישן דער מינסקער גרופּע און צ. מ. ק. און ביז 1906 יאָר — דערציילט בעלענקי אין זיינע זיכרוינעס וועגן דער מינסקער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע — איז געווען אויפן טאָג־אָרדענונג פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס די פראַגע וועגן די פונקציעס פון צאַפּן־מיירעוו־קאָמיטעט,—צי דאַרף ער אויספילן ריין טעכנישע פונקציעס, ווי צום ביישפּיל, פאַרטיילן די פּאַרטייִשע קויכעס אין מיירעוו־געגנט, צושטעלן ליטעראַטור און אַנדערע טעכנישע פונקציעס, אָדער ער זאָל זיין דער אוידייִשער אָנפירער פון די אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע פראַגע — דערציילט בעלענקי — האָט שפּעטער אָנגענומען אַ מער אַלגעמיינע פאָרם אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיינער אָוועקשטעלונג פון דער פראַגע אין דער פּאַרטיי: וועגן די צווישנבאַציונגען פון די אָרטיקע און צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס און וועגן דער אויטאָנאָמיע פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. דער צאַפּן־מיירעווידיקער קאָמיטעט האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַ טענדענץ צו האַלטן זיך פאַר אַן אָרגאַן, וואָס פאַרייניקט אַ געוויסע טעריטאָריע, אף וועלכער ער האָט ניט נאָר ריין טעכנישע פונקציעס, נאָר ער איז אויך אַן אָרגאַן פון אוידייִשער אָנפירונג. די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, באַזונ־

*) דאָ רעדט זיך וועגן דער קאָנפערענץ, וואָס די מענשעוויקעס האָבן צונויפגערופן אין דער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי.

**) „פּראָלעטאַריער" נום. 7—1905.

דערם די מינסקער גרופע, האָבן געהאַלטן, אַז דער צאָפּן־מיירעוודיקער קאָמיטעט דאַרף זיין נאָר אַ טעכנישער אָרגאַן און אַז די אידיישע אָנפירונג דאַרף געהערן דורכויס דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. דאָס, וואָס די פראַגע וועגן אידיישער אָנפירונג איז באַזונדערס שאַרף אוועקגעשטעלט געוואָרן, דערקלערט זיך מיט דער פּאַרשאַרפטקייט פון דעם אידיישן קאַמף, וועלכער האָט זיך געפירט מיט די מענשעוויקעס איבער דער גאַנצער פּאָליטישער ליניע. די מוירע דערפאַר, אַז די מענשעוויקעס, וועלכע וועלן נאָך דעם, ווי אַפּ טאָג־סיידער איז אוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אייגהייטלעכקייט אין דער פּאַרטיי, אויסנוצן די רעכט פון אידיישער אָנפירונג צוליב זייערע פראַקציאָנעליצ אינטערעסן, האָט געצוווּנגען אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, דעריבער אויך די מינסקער, צו באַציען זיך צו דער פראַגע וועגן דער אידיישער אָנפירונג זייער פּאָרזיכטיק*).

אַזאַ פּאָזיציע האָט פאַרנומען דער צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט.

האָך אָבער האָט דער צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט געפירט אַ גרויסע אַרבעט אין ווייסרוסלאַנד.

אין מעשעך פון דערדאָזיקער צייט (1905) האָט דער צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט געהאַט אין זיינע רייען 970 אָרגאַניזירטע אַרבעטער. פון דער צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער זיינען געווען 575 יידישע אַרבעטער, 320 ווייסרוסישע, רוסישע, פּוילישע און לעטישע און 75 פּויערים.

דער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד פון די אָרגאַניזאַציעס פון צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט פון דער רסדאַ״פּ שפּיגלט אָפּ דעם באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג אין דעם געגנט. אָבער די ציפערן זיינען אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס נאָר אין פינף אָרגאַניזאַציעס פון צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט זיינען געווען 575 יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין די רייען פון דער רסדאַ״פּ, וועלכע האָבן געקעמפט מיטן נאַציאָנאַליזם פון „בונד״.

דער צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט האָט אין מעשעך פון דעם יאָר צייט אין זיין אייגענער הרוקעריי אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט 55 טויזנט עקזעמפּליאַרן פאַרשיידענע אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס, „אָבער דאָך — איז אין דעם באַריכט דערקלערט געוואָרן — איז די מאַסן־אַגיטאַציע געשטערט געוואָרן דורך דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, און מיט דער פראַגע האָט זיך שטאַרק פאַרינטערעסירט דער צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט און די פּאַרטיי ביכלאַל״**).

---

*) יע. בעלענקי — זיכרוינעס וועגן דער מינסקער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע — זאַמלבוך, „1905 יאָר אין ווייסרוסלאַנד״.

**) וועגן דער אנטשטייונג פון צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט האָבן די בונדישע קאָמיטעטן פון דווינסק און וויטעבסק ארויסגעלאָזן אַ ספּעציעל בלעטל מיטן נאָמען „אלטע לידלעך״, אין וועלכן זיי האָבן איבערגעכאַזערט די נאַציאָנאַליסטישע געדאַנקען, וואָס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן אין ערשטן נומער „בונד״ און אין אנדערע צענטראַלע בונדישע אויסגאַבעס. אין „ארבעטער־שטימע״ נומ. 37 איז אין אַ ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער אנטשטייונג פון צאָפּן־מיירעוו־קאָמיטעט דערקלערט געוואָרן, אַז דאָס איז דיזעלבע צענטראַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וועגן וועלכער עס האָט גערעדט אפן 2־טן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. דער קאַטערינאָסלאַווער דעלעגאַט. אין דערדאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ טרעט דער שרייבער ארויס קעגן דעם לענינישן צענטראַליסטישן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ און ווייזט אָן, אַז די מאַרטאָוועס הייבן שוין אָן אוועקגיין פון דידאָזיקע צענטראַליסטישע פּלענער. דער שרייבער דריקט אויס

דער פּאָליעסער קאָמיטעט

האָמעל איז געווען די איינציקע שטאָט אין די גרענעצן פון איצטיקן ווייסרוסלאַנד, וווּ עס איז נאָך דער גרינדונג פון דער רסדא״פּ געווען אַ זעלבשטענדיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע, וועלכע איז געווען קעגן דעם, אַז די יידישע אַרבעטער זאָלן האָבן אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע גרופּע איז געשאַפן געוואָרן אין 1897 יאָר, פאַר דער גרינדונג פון „בונד". שפּעטער, ווען דער „בונד" איז געגרינדעט געוואָרן, איז אַלעקסאַנדער קרעמער (אַ מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד") געקומען אין האָמעל און פאָרגעלייגט דער גרופּע, אַז זי זאָל ווערן אַ קאָמיטעט פון „בונד". אָבער די גרופּע האָט זיך אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיק, אַז עס איז ביכלאַל ניט נייטיק פאַר די יידישע אַרבעטער צו האָבן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע*).

גלייך נאָכן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא״פּ האָט די גרופּע געענדערט איר נאָמען אויף „האָמעלער קאָמיטעט פון דער רסדא״פּ". אונטער דעם נאָמען האָט זי עקזיסטירט און געאַרבעט דריי יאָר. דער קאָמיטעט האָט געפירט אַן אַרבעט צווישן די אייזנבאַן־אַרבעטער און גענומען אַן אָנטייל אין זייער שטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1899. אין אָנהייב 1900 האָט זיך געביטן דער אָנפירנדיקער באַשטאַנד פון קאָמיטעט און אין פרילינג 1900 יאָר האָט זיך דער קאָמיטעט אָנגעשלאָסן אין „בונד" און דער בונדישער קאָמיטעט איז ביזן 1903 יאָר פאַרבליבן די איינציקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אין האָמעל.

מיט דעם אַריינטריט פון דעם האָמלער קאָמיטעט פון דער רסדא״פּ אין „בונד" איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָפּגעשוואַכט געוואָרן די פאַרבינדונג פון די האָמלער סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט די ניט־יידישע אַרבעטער פון האָמעל, ווייל דער „בונד", ווי אַ ספּעציעל־יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, האָט ניט געקאָנט האָבן קיין ווירקונג אויף די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער. די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט פון די יידישע אַרבעטער האָט זיך גאַנץ בולעט באַמערקט אין אויגוסט 1903 יאָר, ווען 200—300 אַרבעטער פון האָמלער אייזנבאַן־וואַרשטאַט האָבן אונטער דער שווץ פון מיליטער געמאַכט דעם האָמלער פּאָגראָם און געראַבירט און געהאַרגעט די יידישע באַפעלקערונג**).

דער פאַקט, וואָס אַזויפיל אַרבעטער האָבן געקענט אויסגענוצט ווערן פון די צאַרישע אַגענטן פאַר אַ פּאָגראָם, איז נאָר געווען דער פּועל־יוצא פון דער ליניע, וואָס דער „בונד" האָט געפירט אויף אָפּצוזונדערן די יידישע אַרבעטער פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג.

זיין האָפענונג, אז איגיכן וועט זיך די גאנצע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָפּזאָגן פון דער דאָזיקער „שעדלעכער" און „ניט־ריכטיקער" אָרגאַניזאַציע־מיינונג.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז ניט געקוקט אף דעם, וואָס עס עקזיסטירן אַזעלכע דאָקומענטן, האָט ראַפּעס זיך דערלויבט אין 30־טן יאָר צו שרייבן אין זיין ביכל וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אז דער „בונד" האָט אָנגענומען דעם באָלשעוויסטישן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ, וואָס לענין האָט פאָרמולירט אין זיין בוך „וואָס דאַרף מען טאָן".

*) אלעקסאנדער קרעמער — די אַנטשטייונג פון „בונד". „פּראָלעטאַרסקאיא רעוואָליוציא" נומ. 11, 1922.

**) „1905 אין האָמעל", זייט 50.

סאָף זומער 1903 הייבט אָן די האָמלער באַוועגונג אָנעמען אַן אַנדער ריכטונג. אין דער צייט איז אין האָמעל געקומען צופאָרן וולאַדימיראָוו (ליאָווע) פון אויסלאַנד. וועגן זיין אָנקומען אין האָמעל דערציילט וולאַדימיראָוו אין זיין אויטאָביאָגראַפיע:

„אין מיי 1903 יאָר, נאָך אַ געשפּרעך מיט וולאַדימיר איליטש און נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד מיט אַ „יאַווקע" אין קיעוו. נאָר דער יוליער שטרייק און זיי דורכפאַל האָט געמאַכט פאַר אוממעגלעך צו פאַרבלייבן אין קיעוו, ווייל עס איז ניט געווען מיט וועמען זיך צו פאַרבינדן, בין איך אַוועקגעפאָרן אַף אייגענע אַכרייעס אין האָמעל".

אָנקומענדיק אין האָמעל האָט ער געפונען אַ גרופּע פון פינף אַרבעטער, מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן פירן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעט.

וולאַדימיראָוו איז געווען אַ גוטער רעדנער און אַ גוטער אָרגאַניזאַטער, און אים איז אין אַ גאַנץ קורצער צייט געלונגען צו שאַפן אין האָמעל אַ שטאַרקע גרופּע פון דער רסדא"פּ. די גרופּע איז באַשטאַנען פון אַרבעטער און אינטעליגענטן, וועלכע זיינען אַרויס פון „בונד" דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט און געהאַלטן פאַר נייטיק צו פירן אַן אַרבעט צווישן די רוסישע אַרבעטער*).

אין 1904 האָבן זיך אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאָליעסער אייזנבאַן־ליניע אָרגאַניזירט און געשאַפן דעם פּאָליעסער קאָמיטעט, וועלכער איז געוואָרן דער צענטער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס פון האָמעל, רעטשיצע, מאָזיר, נאָוואָזיבקאָוו, קלינצי, סוראַזש, ביכאָוו, מאָליעוו, שקלאָוו, קאָפּיסט, האָרקי און אָרשע. די הויפּט־טוער פון דעם פּאָליעסער קאָמיטעט זיינען געווען פ. וולאַדימיראָוו, שיינפינקל (ליאָווע פּאָלעסקי), יאַקאָוו באָריסאָוויטש נעמאַמקין („וולאַדימיר", „יעווגעני", „קאַזימיר"), לעוו דראַגונסקי, מאַטוויי קלעוואַנסקי, אַרנאָלדאָוויטש (אַהאָלף), וו. באַראַנאָוו („מאַקסים", „סערגיי", „אַלעקסיי"), מיראָן טשערנאָמאַזאָוו (איז שפּעטער געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטער)**).

דער פּאָליעסער קאָמיטעט איז ביזן דריטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא"פּ געווען אַ געמישטער פון באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, אָבער אין גרעסטן טייל איז ער געשטאַנען אַף אַ פּשאָרעמאַכערישער פּאָזיציע און געוואָלט זיין נייטראַל אין דעם קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. דער פּאָרזיצער און אָנפירער פון פּאָליעסער קאָמיטעט איז געווען וולאַדימיראָוו, וועלכער איז געווען אַ באָלשעוויק און פלעגט דורך זיין איינפלוס און אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיִקייטן קעסיידער דורכפירן די פאָרשלאָגן, וואָס ער פלעגט מאַכן***).

אין סאָף 1904 און אָנהייב 1905, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף אַרום דער פראַגע וועגן צונויפרופן דעם דריטן צוזאַמענפאָר, איז אין פּאָליעסער קאָמיטעט פאָרגעקומען אַ באַדייטנדיקע ענדערונג אין דער באָלשעוויסטישער ריכטונג.

*) ג. סערמא — זיכרוינעס וו דעם פּאָליעסער קאָמיטעט פון דער ר. ס. ד. א. פּ. „יעדיעס פּין האָמעלער גובקאָם", נומ. 67, זייט 72.

**) „1905 אין האָמעל", זייט 118.

***) „1905 אין האָמעל".

דעם 5־טן מאַרט 1905 האָט דער פּאָליעסער קאָמיטעט אַף אַ זיצונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין נאָוואָזיבקאָוו און ווו מע האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן צוזאַמענרופן דעם דריטן צוזאַמענפאָר, אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָליוציע:

„דער איצטיקער פּאָליטישער מאָמענט, וואָס רוסלאַנד לעבט איבער, שטעלט פאַר דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי די ערנסטע און שווערסטע אויפגאַבע, וועלכע קען נאָר דורכגעפירט ווערן דורך פאַרייניקן אַלע קוויכעס און רוקט אַרויס אַ גאַנצע ריי פראַגן, וועלכע פאָדערן דרינגענדיק אַ באַלדיקע לייזונג. נעמענדיק אין אַכט: 1) אַז די פאַרייניקונג פון דער פּאַקטיש צעשפּאָלטענער פּאַרטיי קען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך אַן אַלפּאַרטייִשן צוזאַמענפאָר, וועלכער דאַרף אום יעדן פרייז מאַכן אַ סאָף צו דער טיף באַדויערלעכער צעשפּאַלטונג אין אונדזער פּאַרטיי, 2) אַז דער דריטער אָרדנטלעכער צוזאַמענפאָר קען דינען פאַרן בעסטן מיטל צו לייזן די טאַקטישע אויפגאַבן און פראַגן, וועלכע די זיך אַנטוויקלענדיקע געשעענישן שטעלן אַרויס פאַר אונדזער פּאַרטיי, — האָט די פאַרזאַמלונג פון פּאָליעסער קאָמיטעט, וועלכע איז פאָרגעקומען אין מאַרט (דעם 5־טן מאַרט 1905 יאָר), אָנערקענט, אַז דאָס צוזאַמענרופן דעם דריטן אָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר שטעלט מיט זיך פאָר אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט און באַשטימט צו ווענדן זיך צו די צענטראַלע אַנשטאַלטן פון דער פּאַרטיי מיט אַ פאָרשלאָג באַלד צוזאַמענרופן דעם דריטן צוזאַמענפאָר"*).

דער ערשטער פּונקט פון דערדאָזיקער רעזאָליוציע איז אָנגענומען געוואָרן מיט איין שטימע קעגן. דער צווייטער פּונקט איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק.

אָבער דיזדאָזיקע פראַגן זיינען נאָר געלייזט געוואָרן אין פּאָליעסער קאָמיטעט גופא. אין די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס איז די פראַגע וועגן צוזאַמענרופן דעם דריטן צוזאַמענפאָר אינגאַנצן ניט באַרירט געוואָרן. די מערהייט אין אַט די אָרגאַניזאַציעס, האָגאָם זי האָט זיך ניט גענוג טיף פאַנאַנדערגעקליבן אין די אינערלעכע פּאַרטייִשע מחלוקת, איז זי דאָך געווען געניגט אַף דער זייט פון דער מינדערהייט**).

נאָך דעם דריטן צוזאַמענפאָר האָבן די מענשעוויקעס אויסגענוצט דעם פּאַקט אין זייער פּראַקטיקאַנעלער אַגיטאַציע קעגן פּאָליעסער קאָמיטעט און אָנגעוויזן, אַז דער פּ. ק. האָט זיך אינגאַנצן ניט גערעכנט מיט דער מיינונג פון די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס. אין פּאָליעסער קאָמיטעט גופא איז נאָך אפילע נאָכן דריטן צוזאַמענפאָר געווען מחלוקת וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

נאָכן דריטן צוזאַמענפאָר איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר פון די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס פון פּאָליעסער קאָמיטעט, אַף וועלכע עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן דריטן צוזאַמענפאָר און וועגן דער שטעלונג, וואָס דער פּאָליעסער קאָמיטעט דאַרף אָנעמען צו דעם צ. ק., וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן. דער צוזאַמענפאָר פון די פּאָליעסער אָרגאַניזאַציעס איז פאָרגעקומען

*) „איסקראַ“ נומ. 96.

**) וועגן דעם האָט דערציילט וולאַדימיראָוו אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע — געדרוקט אין „עקאָנאָמיטשעסקאַיאַ זשיזן“, 1925.

אין האָמעל אין מיי 1905 יאָר. די פראַגע וועגן דעם דריטן צוזאַמענפאָר האָט אַרויסגערופן ליידנשאַפטלעכע דעבאַטן, וועלכע האָבן געדויערט צוויי טעג, און די זיצונגען ביז 4—5 אַזייגער פאַרטאָג. קעדיי צו פאַרמיידן אַ דורכפאַל האָט מען די לעצטע זיצונג געמאַכט אַף אַן אינדזל לעבן האָמעל און דאָרט האָבן די דעבאַטן אָנגענומען אַ מער שאַרפערן און שטורמישערן כאַראַקטער. די מענשעוויקעס האָבן געוואָלט, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל דערקלערן, אַז דער דריטער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז געווען ניט קיין געזעצלעכער און אַז מע זאָל ניט אָנערקענען דעם נייַ־אויסגעקליבענעם צ. ק. די באָלשעוויקעס האָבן געוואָלט דורכפירן אַ רעזאָליוציע, וועלכע האָט דעם צוזאַמענפאָר און אַלע זיינע באַשלוסן באַטראַכט פאַר געזעצלעך און גערופן די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס דורכצופירן די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר און צ. ק. אָבער נאָך די לאַנגע דעבאַטן האָט מען אָנגענומען אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָליוציע, אין וועלכער עס איז דערקלערט געוואָרן:

„דער צוזאַמענפאָר פון די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס פון פּאָליעסער קאָמיטעט, באַטראַכטנדיק אַף די זיצונגען די פראַגע וועגן זיין באַציונג צום דריטן צוזאַמענפאָר און דער ערשטער קאָנפערענץ פון די פאַרטייִשע טוער, איז געקומען צום פאָלגנדיקן אויספיר:

ניט געקוקט אַף דעם, 1) וואָס דער דריטער צוזאַמענפאָר קען ניט אָנערקענט ווערן פאַר אַן אַלפאַרטייִשן, דערפאַר, ווייל אין אים האָבן זיך ניט באַטייליקט אַלע הויפט־ריכטונגען אין דער פאַרטיי (??),

2) אַז די אָרדענונג פון צוזאַמענרופן דעם צוזאַמענפאָר אָנטשפּרעכט ניט די פאָדערונגען פון דער פאַרטיי,

3) אַז די פראַגע פון דער יורידישער געזעצלעכקייט פון צוזאַמענפאָר בלייבט אָפן,

4) אַז מיט איינציקע פונקטן פון סטאַטוט פון דעם דריטן צוזאַמענפאָר איז דער ראַיאָנער צוזאַמענפאָר פון די אָרגאַניזאַציעס פון פּאָליעסער קאָמיטעט ניט איינשטימיק, נאָר אָנערקענענדיק, 1) אַז דער סטאַטוט פון דריטן צוזאַמענפאָר פאַרזיכערט די מעגלעכקייט פאַר צוזאַמענדיקער אַלגעמיין־פאַרטייִשער אַרבעט,

2) אַז די צעשפּליטערונג פון די רעוואָליוציאָנערע קויכעס אין דער איצטיקער צייט איז ניט געוואונטשן און העכסט שעדלעך פאַר דער אַלגעמיינער זאַך, — וואַרפט זיך אונטער דער ראַיאָנער צוזאַמענפאָר דעם צענטראַלן אָנשטאַלט, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפן דריטן צוזאַמענפאָר. הערביי ווערט פאַרגעלייגט דעם פּאָליעסער קאָמיטעט, מיט דעם ציל וואָס גיכער צו פאַראייניקן די גאַנצע פאַרטיי, טייקעף זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער אָרג. קאָמיסיע“*).

אין דערזאַזיקער קאָמפּראָמיס־רעזאָליוציע האָט דער באָלשעוויסטישער טייל זיך דערשלאָגן, אַז דער ראַיאָנער צוזאַמענפאָר פון די פּאָליעסער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס זאָל אָנערקענען דעם באָלשעוויסטישן צ. ק., וואָס דער דריטער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן, און אַז דער סטאַטוט פון דריטן צוזאַמענפאָר פאַרזיכערט די מעגלעכקייט פאַר אַן אַלגעמיין־פאַרטייִשער אַרבעט.

*) „פּראָלעטאַריער“ נומ. 8 — „באַריכט פון ראַיאָנעם צוזאַמענפאָר פון פּאָליעסער קאָמיטעט“.

נאכן חאיאנעם צוזאמענפאר האט דער פאליעסער קאמיטעט זיך אויסגעפארמירט ווי א באלשעוויסטישער און האט געפירט זיין ארבעט אין א לענינישער ריכטונג. אין דער נייער „איסקרא" נומ. 110 באקלאגט זיך די רעדאקציע, אז אין פאליעסער קאמיטעט האט זיך שוין אנגעהויבן צו באווייזן לענינס „קולאק". אבער ניט געקוקט אף דעם, וואס דער פאליעסער קאמיטעט האט אפן צוזאמענפאר געהאט א געוויסן דערפאלג, איז דעם פ. ק. אויסגעקומען צו ארבעטן אין זייער שווערע באדינגונגען, ווייל ניט אלע ארגאניזאציעס פון פאליעסער קאמיטעט האבן דורכגעפירט זייער ליניע: די ארגאניזאציעס פון האמעל און קאפיסט האבן מיט זיך פארגעשטעלט א מענשעוויסטישע אפאזיציע דעם פאליעסער קאמיטעט*).

די באציונג פון פאליעסער קאמיטעט צום „בונד" איז געווען אנדערש, ווי אין דעם ראיאן פון צאפן־מירעוו־קאמיטעט. דער קאמף פון פאליעסער קאמיטעט קעגן „בונד" האט געטראגן א מער פרידלעכן כאראקטער: אפן דריטן פארטיי־צוזאמענפאר, ווען פון דער מינסקער גרופע איז ארויסגעטראטן דערושקין (שקלאווסקי) און אנגעוויזן אף דער נייטיקייט צו פירן א פארשטארקטן קאמף קעגן דעם נאציאנאליזם פון „בונד", איז וולאדימיראוו (דעלעגאט פון פאליעסער קאמיטעט) ארויסגעטראטן און אנגעוויזן, אז מיטן „בונד" דארף מען זיך דערנענטערן, ווייל:

„אין דער פראגע וועגן דער דערנענטערונג מיטן „בונד" דארף מען זיך רעכענען דערמיט, וואס דער „בונד" וועט ניט אריין אין דער פארטיי אן אווטאנאמיע, און די דאזיקע אווטאנאמיע דארף מען אים געבן.

די טאקטיק פון אסאך קאמיטעטן פון רסדא"פ אין דעם יידישן „טחום" האלט ניט אויס קיין קריטיק. דער צאפן־מירעוו־קאמיטעט רופט ארויס מיט זיין קאמף אן אופרעגונג בא די בונדיסטן. ווו עס איז ניט געווען אזא מין קאמף קעגן „בונד", דארטן האט זיך די שטימונג פון די ארבעטער בענעגייע אונחז פארבעסערט.

די קראפט פון „בונד" איז אין אונדזער שוואכקייט, און א שטארקע ארגאניזאציע אונדזערע וועט איינברעכן די קראפט פון „בונד". דאס איז אבער ניט א זאך פון די נאענטסטע באראשים.

דער „בונד" קען ניט פארטראגן קיין געמיינזאמע פארזאמלונגען פון יידישע ארבעטער בונדיסטן און פון רסדא"פ, קעדיי די יידישע ארבעטער זאלן ניט זען די ארבעט פון אנדערע ארגאניזאציעס (קוילעס: „הערט, הערט!"). געמיינזאמע ארויסטרעטונגען, געמיינזאמע טעטיקייט — דאס איז דער בעסטער מיטל אף צו קעמפן מיט דעם בונדישן נאציאנאליזם"**).

די דאזיקע שאלעמדיקע שטעלונג פון וולאדימיראוו צום „בונד" איז ענלעך צו דער גאנצער שאלעם־פאליטיק, וואס דער פאליעסער קאמיטעט האט געפירט ביז דעם דריטן צוזאמענפאר און וועלכע האט זיך אזוי בוילעט אפגעשפיגלט אין דער קאמפראמיס־רעזאליוציע, וואס דער פאליעסער חאיאנער צוזאמענפאר האט אנגענומען וועגן דריטן צוזאמענפאר. דאס איז געווען די אידייישע ליניע פון פאליעסער

---

*) י. דראבקין — „1905 אין האמעל", זייט 194.

**) פראטאקאל פון דריטן צוזאמענפאר פון דער ר.ס.ד.א.פ. זייט 416.

קאָמיטעט, וועלכער האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָליע אין פּאָליעסער געגנט אין דער ערשטער עפּאָכע פון קאַמף צווישן באָלשעוויזם און מענשעוויזם, און נאָר אַ גרויסע ראָליע אין דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

די ווילנער גרופּע רסדא״פּ

ווי אין אַ גאַנצער ריי שטעט פון צאָפן־מיזרח־געגנט, איז אין ווילנע ניט געשאַפן געוואָרן קיין באַזונדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע גלייך נאָך דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא״פּ. די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט איז אין ווילנע געפירט געוואָרן דורך די קליינע גרופּעס פון דער פּפּ״ס, סדפּ״ל, ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און פון „בונד", וועלכער האָט זיין ענג־נאַציאָנאַליסטישע אַרבעט געפירט צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

ווען אין די רייען פון „בונד" האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן דער נאַציאָנאַליזם און אָפּאָרטוניזם, האָט אַ גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע זיינען געווען ניט איינשטימיק מיטן בונדישן נאַציאָנאַליזם, נאָך פאַר דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא״פּ געשאַפן די ווילנער „איסקרא"־גרופּע און גענומען פירן אַן ענערגישן קאַמף קעגן דעם נאַציאָנאַליזם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון מיזרח־געגנט און קעגן דעם מאָנאָפּאָל פון „בונד" אַף דער אַרבעטער־באַוועגונג פון די שטעט און שטעטלעך אין מיזרח־געגנט.

די אַרבעט פון דער ווילנער גרופּע אין 1903 יאָר איז באַשטאַנען אין שאַפן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אַפּאַראַט ניט נאָר אַף פירן די אַרבעט אין ווילנע, נאָר אויך אַף טראַנספּאָרטירן ליטעראַטור אין צענטראַל־רוסלאַנד, און באַזונדערס פּעטראָגראַד. ווילנע איז געוואָרן אַ מעלדונג־פּונקט פאַר פיל אָרגאַניזאַציעס פון רוסלאַנד.

די גרינדער פון דער ווילנער גרופּע פון דער רסדא״פּ זיינען געווען ע. א. סאָלץ („רעוועקע"), רולקאָווסקי („סאַווא"), פּ. א. גראַזשאַן און ג. סיראָטסקי. אין 1904 יאָר איז די גרופּע פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַ גאַנצער ריי פּאַרטייִשע טוער, ווי גאָלובאָוויטש, סטראַשינסקי, נ. קרעסטינסקי, גוסאַראָוו, איליאַ, ראָם א. גורע־וויטש, באָריס גאָלדמאַן, באָריס וויגיליעוו, ס. ז. ראָזאָווסקי און באָריס איליטש טראָצקי.

די אַרבעט פון דער ווילנער גרופּע אין 1904 יאָר איז, אַכוץ אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, וואָס זי האָט געפירט, און אַכוץ אָרגאַניזירונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס, באַשטאַנען אין פירן אַ פאַרשטאַרקטן קאַמף מיטן „בונד" פאַר דער ווירקונג אויפן יידישן פּראָלעטאַריאַט. ספּעציעל צו קעמפן מיטן „בונד" האָט די ווילנער אָרגאַניזאַציע אַרויסגערופן פון פּעטערבורג סטאַלפּנערן, וועלכער האָט גוט געקענט די נאַציאָנאַלע פראַגע.

זומער 1904 איז אין אַ וואַלד אַרום ווילנע פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקער קאַמף מיט די בונדיסטן. די פאַרזאַמלונג איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון קאָזאַקן און פּאָליציי און עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן אַרום 30 אָנטיילנעמער פון דער דיסקוסיע. אין דעם איבערפאַל זיינען אַרעסטירט

געוואָרן די בעקאַנטע טוער פון דער גרופּע, ווי נ. נ. קרעסטינסקי און דער הויפּט־קעמפער קעגן „בונד" — סטאָלפּנער*).

דערהאָזיקער אַרעסט האָט אָבער ניט אָפּגעשוואַכט די גרופּע און זי האָט ווייטער פאָרגעזעצט איר אַרבעט אין נאָך אַ גרעסערן מאַסשטאַב.

די ווילנער גרופּע איז שוין אין 1904 יאָר באַשטאַנען פון 4 ראַיאָנען: 1) דער שטאָטישער האַנטווערקערישער ראַיאָן, וועלכער איז באַשטאַנען פון האַנטווערקער, דרוקער, 2) לוקישקער ראַיאָן, וועלכער איז באַשטאַנען פון לעדער־אַרבעטער, 3) נאַוואָגרודסקער ראַיאָן, ווו עס האָבן זיך געפונען אייניקע פאַבריקן און שניידער־וואַרשטאַטן און 4) דער זאַלנער ראַיאָן.

יעדער ראַיאָן האָט געהאַט זיין ראַיאָנעם קאָמיטעט. דער העכסטער אָנפירנדיקער אָרגאַן איז געווען די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון מיטגלידער פון די ראַיאָנע קאָמיטעטן און די מער פאַראַנטוואָרטלעכע טוער**).

אין דעם קאַמף, וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר, האָט די ווילנער גרופּע ביז 1904 יאָר קיין באַשטימטע מיינונג ניט געהאַט. אין 1904 יאָר איז דורך דער איניציאַטיוו פון ס. ז. ראַזאָווסקין, וועלכער איז דאַן געקומען אין ווילנע אַלס פאָרשטייער פון באָלשעוויסטישן טייל פון דעם ריגער קאָמיטעט רסדא"פּ, פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין די אָרגאַניזאַציעס פון צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט.

די ווילנער גרופּע איז אָבער געבליבן אַן אומבאַשטימטע. דיזעלבע אומבאַשטימטקייט האָט די ווילנער גרופּע אַרויסגעוויזן אין דער צייט פון צוזאַמענרופן דעם 3־טן

*) ב. סטאָלפּנער איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון דער שווייץ דורך פּלעכאַנאָוון און לענינען צו פירן אַ קאַמף קעגן דעם בונדישן נאַציאָנאַליזם. סטאָלפּנער האָט גלייך נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אָנגעהויבן אַרומצופאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון ליטע, פּוילן און ווייסרוסלאַנד און פלעגט באַ יעדער געלעגנהייט אַרויסטרעטן אַף בונדישע פאַרזאַמלונגען און אָנווייזן אַף דער שעדלעכקייט פון בונדישן סעפּאַראַטיזם. קעגן סטאָלפּנערן פלעגט דער „בונד" קעסיידער אַרויסשטעלן די בעסטע רעדנער. עס פלעגן פאָרקומען די גרעסטע און פאַרביטערטסטע סיכסוכים צווישן די „בונדאָווצעס" און די „איסקראָווצעס" אין דער יידישער אַרבעטער־סוויווע.

אָט וועגן דעמדאָזיקן קאַמף צווישן „בונד" און דער ר. ס. ד. א. פּ. איז אין ניו־יאָרקער „צוקונפט" פון אַווגוסט 1929 פאַראַן אַ באַשרייבונג אין דער פאָרם פון „זיכרוינעס". אין דידאָזיקע זיכרוינעס דערציילט צווי הירשקאָן:

„די עפנטלעכע דיספּוטן צווישן סטאָלפּנערן און בונדיסטן קומען פאָר פאַר דער מאַסע — פאַר אַרבעטער און עקסטערניקעס — באַזונדער, און פאַר דער אינטעליגענץ — פאַר גימנאַזיסטן און סטודענטן באַזונדער.

פאַר דער מאַסע — אַף בונדיסטישע טעריטאָריעס. קאָלזמאַן עס איז נאָך וואַרעם, טרוקן — אין וועלדער, אַף טייכן. און אַז עס רוקט זיך אָן דער האַרבסט און נאָך שפּעטער, אַז עס פאַלט צו דער ווינטער — אין באָטעמעדראָשים, אין שולן, אין קל יזן, און פאַר דער אינטעליגענץ — אַף „איסקראָווישע" פּלעצער: אינעם אַפּטייק־צימערל פון אַ קאָסמאָפּאָליט אַ פּראָוויזער, אינעם ציין־דאָקטאָרשן קאַבינעט פון אַ דאַנטיסט אַן אינטערנאַציאָנאַליסט.

פאַרביטערטע דיספּוטן. בייזע, גיפטיקע. מע שאַנעוועט ניט איינער דעם אַנדערן. ווערטער־דועלן אַף לעבן און טויט". (צווי הירשקאָן — באָרוך סטאָלפּנער און קאָליע טעפּער — „צוקונפט", אַווגוסט 1929, זייט 495).

**) דאָרטן, ז. 166.

צוזאמענפאר פון דער רסד״פ, ווען די ווילנער גרופע האט אנגענומען אזא רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין אכט: 1) אז נאכן אויסוועלן זיין די טאקטיקעס פון צווייטן צוזאמענפאר דערמיט, וואס דער דריטער צוזאמענפאר איז צוזאמענגערופן געווארן ניט דורך דעם פארטיי־ראט, איז פאר דער געזעצלעכקייט פון דעם צוזאמענפאר נייטיק געווען די אנווענדונג פון ארגאניזאציעס, וועלכע האבן דאס רעכט אף דריי פערטל באשטעטיקטע שטימען, ווי דאס איז אנגעוויזן אין פאראגראף 7 פון אפמאך פון ב. ק. ב. (ביוראָ פון קאמיטעט פון דער מערהייט) מיטן צ״ק, 2) אז די דאזיקע נייטיקע דריי פערטל שטימען אף צו מאכן דעם צוזאמענפאר פאר געזעצלעך האט דער צוזאמענפאר פאר זיך ניט געהאט — קען די ווילנער גרופע ניט באטראכטן דעם דריטן צוזאמענפאר פאר געזעצלעך פון דער פארמעלער זייט. (אנגענומען מיט דריי שטימען קעגן איין אפגעהאלטענעם).

בא די קאמפליצירטע פראגן און פארפלאנטערטע באציונגען, וועלכע הערשן אין דער פארטיי, באטראכט די ווילנער גרופע ניט פאר מעגלעך צוצושטיין אדער ניט צוצושטיין צום צוזאמענפאר, נאר זי דריקט אויס דעם ווונטש צו שטעלן זיך אין פארטייאישע באציונגען מיט דעם אויסגעקליבענעם צ. ק. אפן דריטן צוזאמענפאר, וועלכע זאָלן באשטימט ווערן דורך א באזונדערן אפמאך“*).

אף הערדאזיקער רעזאָלוציע האט דער באלשעוויסטישער צ. ק. געענטפערט: באקענענדיק זיך מיט דער רעזאָלוציע פון דער ווילנער גרופע פון 5־טן יוני 1905 יאר, האט דער צ. ק. באשטימט, אז הגאם די ווילנער גרופע האט נאך קיין באשטימטע פאזיציע ניט אנגענומען בנוגע דעם דריטן צוזאמענפאר, נאר אזוי ווי זי האט אויסגעדריקט א ווונטש צו האלטן זאכלעכע באציונגען מיט דעם צ.ק., וואס דער דריטער צוזאמענפאר האט אויסגעקליבן, באטראכט דער צ. ק., אז פארמעל איז ניט דערלאזבאר צו מאכן א באזונדערן אפמאך מיט אן ארטיקער ארגאניזאציע. ער וועט אבער ווייטער העלפן דער ווילנער גרופע, ביז וואנען זי וועט ענדגילטיק קלאר מאכן איר פאזיציע, מיט דערזעלביקער הילף, וואס דער צ. ק. ווייזט ארויס אלע פארטייישע ארגאניזאציעס**).

דאס איז געווען די פאליטישע פיזיאנאמיע פון דער ווילנער גרופע אין 1903—1905 יאר. זי איז געווען ניט פאר די באלשעוויקעס און ניט פאר די מענשעוויקעס. זי איז געווען א „בלאטיקע“, ווי עס כאראקטעריזירט זי יורעניעוו אין זיינע זיכרוינעס וועגן דער ווילנער גרופע.

די ווילנער גרופע האט געשפילט א קאלאסאלע ראל אין דער רעוואָלוציאנער באוועגונג פון ווילנע און ווילנער געגנט, ווייל אויב דער בונד האט געקענט קאנקורירן מיט דער רסד״פ אין דער ארבעט צווישן דער יידישער ארבעטערשאפט, האט ער אבער ניט געהאט קיין צוטריט צווישן דער ניט־יידישער ארבעטערשאפט, צווישן פויערטום און אין דער ארמיי.

דער גרופע פון רסד״פ איז אויסגעקומען אנצופירן מיט דער גאנצער ארבעט

---

*) „פראָלעטאריער“ נומ. 2—10, אווגוסט 1905 יאָר.

**) זע דאָרטן.

צווישן די ניט־יידישע מאסן, און אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר איז זי געשטאנען בעראָש פון די גרעסטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאמפן און איז געווארן דער צענטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעטיקייט פון די אָרעמיקע שטעט און דערפער.

אין ווילנע האט אין די דאָזיקע יאָרן (1903—1904) אָנגעהויבן פירן א געוויסע אַרבעט אויך די „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע" און אויך די פפ"ס. די ערשטע (סדפּ"ל) איז געווען א רעוואָליוציאָנערע מאַרקסיסטישע פּאַרטיי, און די צווייטע (פפ"ס) איז געווען א נאַציאָנאַליסטישע און קעגן איר איז אויסגעקומען דער רסדא"פּ און אויך דער סדפּ"ל צו פירן א קאמף פּונקט ווי קעגן דעם „בונד".

באָלשעוויסטישע פּאַרטיי־אַרבעט אף יידיש

האָבנדיק דער צאָפן־מייריעוו־קאָמיטעט און דער פּאָליעסער קאָמיטעט האָבן געפירט א פּאַראַקשנטן קאמף קעגן דעם „בונד" און די ציאָניסטישע פּאַרטייען, האָך האָבן ביידע קאָמיטעטן ניט אָפּגעטאָן אף דעם געביט גענוג אַרבעט, אז זייער אַגיטאַציע זאָל האָבן די נייטיקע ווירקונג. זיי האָבן געמאַכט א גרויסן פעלער מיט דעם, וואָס זיי האָבן געלייגט ווייניק אַכט אף הדוקן ליטעראַטור אף די אָרטיקע שפּראַכן, באַזונדערס אף יידיש, די איינציקע שפּראַך, וואָס די גרעסטע מערהייט פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן האָט פאַרשטאַנען. דערפאַר האָט דער „בונד", וועלכער האָט זיין הויפּט־אַרבעט געפירט אין יידיש, געהאַט א גרויסע ווירקונג אף די מאַסן אַפילע דאַן, ווען די קאָמיטעטן פון דער רסדא"פּ האָבן געפירט אַזאַ גרויסע אַרבעט אין ווייסרוסלאַנד. וועגן דעם טאָעס האָט גערעדט אָפן דריטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא"פּ דער דעלעגאַט פון דער מינסקער באָלשעוויסטישער גרופּע כ׳ ג. שקלאָווסקי*), וועלכער האָט דערקלערט:

„בא אונדז איז איצטער דער באָדן אינגאַנצן צוגעגרייט דערצו, אַז די בונדיסטן זאָלן אַריבערגיין צו אונדז מאַסנווייז, און אויב מיר וועלן נאָר קענען גוט דערפילן אונדזער אויפגאַבע, וועט די פראַגע געלייזט ווערן אין דער נאָר נאָענטסטער צוקונפט.

איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דער שטימונג פון דער בונדיישער מאַסע ביז און נאָך דעם צוזאַמענפאָר. די דאָזיקע שטימונג האָט זיך איינעם איצטיקן מאָמענט ווידער שאַרף אומגעביטן צום גונסטן פון אונדזער פּאַרטיי. דאָס איז אַדאַנק דעם 9־טן יאַנוואַר. ווען אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן אַן עמעסע רעוואָליוציע, האָבן די בעסטע בונדיסטן און די ברייטסטע בונדישע מאַסן פאַרשטאַנען די פאַלשקייט פון דער פּאָליטיק פון אָפּגעזונדערטקייט. אַסאַך פון זיי זיינען שוין אַריבער צו אונדז, און אויב דער גרעסטער טייל בונדיסטן בלייבט נאָך בא „בונד", דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס אונדזער צאָפן־מייריעוודיקער קאָמיטעט דערפילט, צום אומגליק, לאַכלוטן ניט. זיין אויפגאַבע.

מיר אַרבעטן שוין אין צאָפן־מייריעוודיקן קאַנט מער פון א יאָר און מע קאָן

---

*) אין די פּראָטאָקאָלן פון צוזאַמענפאָר האָט ער פיגורירט אלס דעדושקין (באַבושקין).

זיכער זאגן, אז מיר האבן דארטן געהאט א גוטן דערפאלג. נאר דעמאזיקן דער־
פאלג האבן מיר צו פארדאנקען וועמען איר ווילט, נאר ניט דעם צאפן־מירערוודיקן
קאמיטעט. עס איז געגאנג צו זאגן, קעדיי צו כאראקטעריזירן דעמאזייקן קאמיטעט,
אז ער האט ביז אהער ניט ארויסגעלאזן קיין איין געדרוקט בלעטל אף דעם יידישן
זשארגאן, און דאס איז אין דער צייט, ווען ארום 70 פראצענט ארגאניזירטע אר־
בעטער זיינען בא אים יידן. מערניט פאר דער לעצטער צייט האבן איינצלנע
גרופעס, ווען זיי האבן זיך איבערצייגט, אז ווארטן אף הילף פון צאפן־מירערוודיקן
קאמיטעט קאן מען ניט, אליין גענומען און ארויסגעלאזן העקטאגראפישע זשאר־
גאנישע בלעטלעך. און וואלט נאר כאטש איין ענערגישער מענטש געווען אין דעמ־
דאזיקן קאמיטעט, וואלט אורעקצושטעלן א זשארגאנישע טעכניק געווען זייער ניט
קיין שווערע זאך.

אויב מיר האבן בא אזעלכע שווערע אומשטענדן געהאט דערפאלג, האפן מיר
דאס פארדאנקען אויסשליסלעך נאר דער ריכטיקייט פון אונדזער פאזיציע. אויב
אבער מע וויל אין איצטיקן מאמענט לייזן די פראגע וועגן „בונד", איז דער
ראציאנעלסטער מיטל, ווי מיר שטעלן זיך פאר, דער פאלגנדיקער: דער צ. ק.
דארף פארשטארקן דעם צוזאמענשטעל פון צאפן־מירערוודיקן קאמיטעט, פארוואנד־
לען אים אין א פארבאנד־קאמיטעט און אויך זארגן וועגן ארויסגעבן זשארגאנישע
ליטעראטור. אויב אונדזערע ארגאניזאציעס אינעם צאפן־מירערוודיקן קאנט וועלן
זיין געגאנג באזארגט מיט מענטשן און טעכניק, ווערט דער „בונד" ניט קענען האפן
אף א דערפאלג צווישן די פראלעטארישע מאסן".

נאך דעם דריטן צוזאמענפאר האט דער צאפן־מירערוו־קאמיטעט גענומען פא־
ריכטן זיין טאעס. ער האט אנגעהויבן ארויסגעבן ליטעראטור אף יידיש און אף
דער ערשטער קאנפערענץ פון צאפן־מירערוו־קאנט, וועלכע איז פארגעקומען נאך
דעם דריטן פארטיי־צוזאמענפאר, איז אנגענומען געווארן די פאלגנדיקע רעזאלוציע
וועגן דער באציונג צו די נאציאנאלע סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען און וועגן
דער נייטיקייט ארויסצוגעבן ליטעראטור אף דער ארטיקער שפראך. די רעזאלו־

ציע איז אזא:
„...בלייבנדיק אין דער פראגע וועגן דער באציונג צו די נאציאנאלע סאציאל־
דעמאקראטישע פארטייען אפן שטאנדפונקט פון צווייטן פארטייישן צוזאמענפאר
און האלטנדיק פאר נייטיק צו ארגאניזירן אונטער דער פאן פון דער רסדא"פ דעם
פראלעטאריאט פון אלע נאציאנאליטעטן, האלט די קאנפערענץ פאר נייטיק,
קעדיי צו פארשטארקן די ארבעט און די ווירקונג פון דער רסדא"פ אין דעם געגנט,
ארויסצוגעבן ליטעראטור אף די ארטיקע שפראכן. צוזאמען מיט דעם, אזוי ווי עס
איז נייטיק אינעם איצטיקן פאליטישן מאמענט צו פאריניקן דעם קאמף פונעם
רוסלענדישן פראלעטאריאט פאר א דעמאקראטישער רעפובליק, אנערקענט די קאנ־
פערענץ פאר נייטיק אן אפמאך צווישן דער רסדא"פ און די נאציאנאלע ס. ד.
פארטייען און לייגט פאר: 1) צוליב דער פאריייניקונג פונעם קאמף פון פראלע־
טאריאט אינעם איצטיקן רעוואלוציאנערן מאמענט, צונויפרופן פעריאדיש קאנפע־
רענצן פון די פארשטייער פון די סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען פון רוסלאנד,
אף וועלכע עס קענען אויסגעקליבן ווערן עקזעקוטיווע קאמיטעטן אף דורכצופירן

אין לעבן די באַשטימונגען, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען, און 2) קעדיי צו אָרגאַניזירן אַלגעמיינע אַרויסטרעטונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט, גרינדן אויף די ערטער צייטווייליקע אָדער שטענדיקע קאָמיסיעס פון די פאָרשטייער פון די אָרטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. די אַלגעמיינע גרונטזאַצן פאַר דער בילדונג פון אַזעלכע קאָמיסיעס ווערן אויסגעאַרבעט דורך די צווישנפּאַרטיישע קאָנפערענצן".*)

כוץ דעם האָט דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער רסדאַ"פּ אַרויסגעלאָזן דעם באַריכט פון דריטן צוזאַמענפאָר אויף יידיש. צו דער יידישער אויסגאַבע האָט די רעדאַקציע פון צענטראַלן אָרגאַן פון דער רסדאַ"פּ אָנגעשריבן אַ ספּעציעלע פאָררעדע, אין וועלכער זי האָט זיך געווענדעט צו די יידישע אַרבעטער און אָנגעוויזן אויף דער נייטיקייט, אַז די פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער זאָלן זיין פאַראייניקט צווישן זיך. די דאָזיקע פאָררעדע האָט אָנגעשריבן לענין און זי שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון די וויכטיקסטע פּאַרטיי־דאָקומענטן פון יענער צייט וועגן דעם קאַמף קעגן „בונד". אין דער פאָררעדע איז דערקלערט געוואָרן:

„אַרויסגעבנדיק אין דער יידישער שפּראַך דעם באַריכט פון דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, געפינט די רעדאַקציע פון צענטראַלן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי פאַר נייטיק צו זאָגן עטלעכע ווערטער אין באַצוג צו דער דאָזיקער אויסגאַבע.

די באַמיונגען פון דעם באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט זיינען געריכט אום צו באַשאַפן וואָס מער ענגערע פאַרבינדונגען און איינהייט אין דעם פּלאַנמעסיקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאַמף פון די אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציעס. דער גרויסער אויפרוף: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך", וועלכער האָט זיך צום ערשטן מאָל געלאָזט הערן ניט מער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איז איצטער געוואָרן דער לאָזונג ניט בלויז פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון פאַרשיידענע לענדער. דער דאָזיקער אויפרוף ווערט אַלץ מער פאַרקערפּערט אויך אין דער פאַראייניקונג פון דער טאַקטיק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אויך אין דער באַשאַפונג פון אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער איינהייט צווישן די פּראָלעטאַריער פון די פאַרשיידענע נאַציעס, וועלכע קעמפן פאַר פרייהייט און פאַרן סאָציאַליזם אונטער דעם יאָך פון איינער און דערזעלביקער דעספּאָטישער מלוכה.

אין רוסלאַנד זיינען די אַרבעטער פון אַלע נאַציעס אונטערגעוואָרפן אונטער אַזאַ עקאָנאָמישן און פּאָליטישן דרוק, וואָס עס פאַרלויפט זיך ניט אין קיין אַנדער לאַנד, נאָך באַזונדערס די, וועלכע באַלאַנגען ניט צו דער רוסישער נאַציע. די יידישע אַרבעטער ליידן ניט נאָר פון דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן און דעם אַל-

---

*) נאָך דעם ווי די דאָזיקע באַשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן האָט די מינסקער צענטראַלע „סקאָדקע" אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט געפאָדערט, אַז די באַשלוסן זאָלן וואָס גיכער דורכגעפירט ווערן. די דאָזיקע רעזאָלוציע איז אוועקגעשיקט געוואָרן אין באָלשעוויסטישן צ. ק., וואָס דער דריטער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן. די רעזאָלוציע געפינט זיך אין אַרכיוו פון לענין־אינסטיטוט.

געמיינעם פּאָליטישן דרוק, וועלכער פאַלט אַף אַ רעכטלאָזער נאַציע, נאָר אויך פון דעם דרוק, וועלכער רויבט אַוועק פון זיי די עלעמענטאַרע בירגער־רעכט. וואָס שווערער העדראַזיקער דרוק איז, אַלץ שטאַרקער איז די נויטווענדיקייט אין אַ מער ענגערער אייניקייט צווישן די פּראָלעטאַריער פון די פאַרשיידענע נאַציעס, דערפאַר, ווייל אָן אַזאַ אייניקייט איז אומעגלעך צו האָבן אַ זיגרייכן קאַמף קעגן דיזן דרוק. וואָס פלייסיקער די רויבערישע צאַרישע זעלבסטהערשונג סטאַרעט זיך צו פאַרזייען אָפּגעזונדערטקייט, אומפאַרטרויעלעכקייט און פיינטשאַפט צווישן די פון איר אונטערדריקטע נאַציעס, וואָס עקלהאַפטער עס איז איר פּאָליטיק, וועלכע העצט אויף די פינצטערע מאַסן אַף די ייִדישע פּאָגראָמען, אַלץ מער פאַלט די פליכט אַף אונדז, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צו אַרבעטן, אַז אַלע אָפּגעזונדערטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון די פאַרשיידענע נאַציעס אין דער רוסישער מעלוכע זאָלן זיך צוזאַמענגיסן אין איין גאַנצער אייניינציקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון אונדזער פּאַרטיי, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פרילינג 1898 יאָר, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלס זיין ציל צו באַשאַפן די דאָזיקע אייניקייט. די פּאַרטיי, קעדיי צו פאַרניכטן יעדן געדאַנק וועגן איר נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, האָט זיך דערפאַר אַ נאָמען געגעבן ניט „רוסישע“, נאָר „רוסלענדער“. די אָרגאַניזאַציע פון ייִדישן אַרבעטער, דער „בונד“, איז אַריין אין דער פּאַרטיי אַלס אַן אויטאָנאָמער טייל. צום באַדויערן, איז פון דאַן אָן די פאַרייניקונג פון די ייִדישע און ניט־ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין איין פּאַרטיי פאַרניכטעט געוואָרן. צווישן די טוער פון „בונד“ האָבן זיך פאַרשפּרייט נאַציאָנאַליסטישע אידייען, וועלכע גייען אין אַ שאַרפן ווידערשפּרוך מיט דער גאַנצער וועלטאָנשויונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָנשטאָט דער שטרעבונג צו דערנענטערן די ייִדישע און ניט־ייִדישע אַרבעטער, האָט דער „בונד“ אָנגעהויבן גיין אַף דעם וועג צו פאַנאַנדעררייסן די ערשטע פון די לעצטע, אַרויסשטעלנדיק אַף זיינע צוזאַמענפאָרן די אָפּגעזונדערטקייט פון די ייִדן אַלס נאַציע. אָנשטאָט פאָרצוזעצן די אַרבעט פון דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין דער זייט פון נאָך אַ שטאַרקערער פאַרייניקונג פון „בונד“ מיט דער פּאַרטיי, האָט דער „בונד“ געמאַכט אַ טראָט צו זיין אָפּטיילונג פון דער פּאַרטיי. דער „בונד“ האָט אָנפאַנגס אַרויסגעטראָטן פון דער אייניקייט פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע פון דער רסדאַ״פּ און האָט געגרינדעט זיין זעלבשטענדיקע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע. דער „בונד“ איז אויך שפּעטער אַרויסגעטראָטן פון דער רסדאַ״פּ, ווען דער 2־טער צוזאַמענפאָר פון אונדזער פּאַרטיי אין 1903 יאָר האָט זיך מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט אָנטזאָגט צו אָנערקענען דעם „בונד“ פאַר דעם איינציקן פאָרשטייער פון דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. דער „בונד“ האָט זיך שטאַרק אַוועקגעשטעלט אַף דעם, דאָס ער איז ניט נאָר דער איינציקער פאָרשטייער פון דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר דאָס ער איז אויך אויסער דעם ניט באַגרענעצט אין זיין טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנע ראַמקעס. דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַ״פּ האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט געקאָנט אָננעמען אַזעלכע באַדינגונגען דערפאַר, ווייל אין אַ גאַנצער ריי געגנטן, צ. ב., אין דאָרעם־

רוסלאַנד, געפינט זיך דער אָרגאַניזירטער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם, איז דער „בונד" אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי און האָט אַף אַזאַ אופן צעריסן די אייניקייט פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּראָלעטאַריאַט, ניט קוקנדיק אַף דער אַרבעט, וואָס איז צוזאַמען געטאָן געוואָרן אַפן 2־טן צוזאַמענפאָר, ניט קוקנדיק אַף דער פּראָגראַם און אַף דעם אָרגאַניזאַציאָנס־אוסטאַוו פון דער פּאַרטיי.

די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אַף איר 2־טן און 3־טן צוזאַמענפאָר האָט אויסגעדריקט איר אומבויגזאַמע איבערצייגונג אין דעם, דאָס דיזער אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי איז געווען אַ טיפער און טרויעריקער פעלער פון זיין זייט. דער פעלער פון דעם „בונד" איז דער רעזולטאַט פון זיינע פּרינציפּיעלע אומבאַשטענדלעכע נאַציאָנאַליסטישע אָנשויונגען — דער רעזולטאַט פון אַן אומבאַגרינדעטער פּרעטענזיע אַף דער מאָנאָפּאָל צו זיין דער פאָרשטייער פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, פונוואַנען ס'מוז אומפאַרמיידלעך אַרויסדרינגען דער פעדעראַליסטישער פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע — דער רעזולטאַט פון דער לאַנגיאָריקער פּאָליטיק פון זיך דערווייטערן און פאַרפרעמדט ווערן פון דער פּאַרטיי.

מיר זיינען איבערצייגט, דאָס דיזער פעלער פון „בונד" מוז ווערן פאַריכט און וועט אומבאַדינגט פאַריכט ווערן מיט דעם ווייטערדיקן וווּקס פון דער באַוועגונג. מיר רעכענען זיך אידייִש אייניק מיט דעם יידישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פּראָלעטאַריאַט. נאָך דעם צווייטן צוזאַמענפאָר האָט אונדזער צענטראַלער קאָמיטעט אָנגעפירט ניט אַ נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק, נאָר ער האָט זיך געזאָרגט וועגן דער בילדונג פון אַזעלכע קאָמיטעטן (פּאָליעסער, צאָפן־מיירעווידיקער), וועלכע וואָלטן פאַראייניקט אין איין גאַנצעם אַלע אָרטיקע אַרבעטער, ווי יידישע אַזוי אויך ניט־יידישע. אַף דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא"פּ איז אָנגענומען אַ רעזאָליוציע וועגן אַרויסגעבן ליטעראַטור אין זשאַרגאָן. צוטרעטנדיק צו דער אויספירונג פון דעראָזיקער רעזאָליוציע, דרוקן מיר איצט אין זשאַרגאָן די פולע איבערזעצונג פון דעם באַריכט וועגן דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא"פּ, וועלכער איז דערשינען אין דער רוסישער שפּראַך. פון דעמדאָזיקן באַריכט וועלן די יידישע אַרבעטער, סיי די, וועלכע זיינען אין אונדזער פּאַרטיי, און סיי די, וועלכע זיינען צייטלעך פון איר אָפּגעטיילט, זען, ווי עס גייט צו די אַנטוויקלונג פון אונדזער פּאַרטיי. די יידישע אַרבעטער וועלן זען פון דיזן באַריכט, דאָס אונדזער פּאַרטיי קומט אויך אַריבער יענעם אינערלעכן קריזיס, פון וועלכן זי האָט געליטן נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר. זיי וועלן זען, וואָס ס'זיינען די ווירקלעכע שטרעבונגען פון אונדזער פּאַרטיי, די באַציונג צו די אַנדערע נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס און אויך די באַציונגען פון דער גאַנצער פּאַרטיי און איר צענטער צו אירע באַזונדערע טיילן, פון וועלכע זי ווערט צוזאַמענגעשטעלט. זיי וועלן, ענדלעך, דערזען — און דאָס איז די הויפּטזאַך — וואָס פאַר אַ טאַקטישע אָנשויונגען אין באַצוג צו דער פּאָליטיק פון דעם גאַנצן באַוווּסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט און דעם רעוואָלוציאָנעם מאָמענט האָט אויסגעאַרבעט דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער רסדא"פּ.

כאַוויירים! נעענטער קומט די צייט פון פּאָליטישן קאַמף מיט דער צאַרישער זעלבסטהערשונג, דער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פאַר דער פרייהייט פון אַלע קלאַסן און אַלע פעלקער אין רוסלאַנד, פאַר דער פרייהייט פון פּראָלעטאַריאַט צו קעמפן פאַר סאָציאַליזם. אונדז דערוואַרטן מוירעדיקע ניסיוינעס. פון אונדזער באַוווסטזיין און צוגעגרייטקייט, פון אונדזער איינציקייט און אַנטשלאָסנקייט איז אָפּהענגיק דער אויסגאַנג פון דער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד. לאָמיר זיך נעמען דרייסטער און ענערגישער צו דער אַרבעט, לאָמיר טאָן אַלעס פון אונדז מעגלעכס, דאָס די פּראָלעטאַריער פון די פאַרשיידענע נאַציעס זאָלן באַגעגענען די פרייהייט אונ־טער דער אָנפירונג פון אַ ווירקלעך איינציקער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די רעדאַקציע פון דעם צענטראַלן אָרגאַן פון
דער רוסלענדישער ס.־ד. „אַרבעטער־פּאַרטיי״.

וועגן דער ווירקונג, וואָס די דערשיינונג פון דער ליטעראַטור האָט געמאַכט אַף די יידישע מאַסן, דערציילט כ׳ יע. בעלענקי („סערגיי״) אין זיינע זיכרוינעס וועגן דער מינסקער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע:

„מע דאַרף האָבן אין זינען, אַז די אַרבעט פון רסדאַ״פּ צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך געהאַט אויך די וויכטיקע באַדייטונג, וואָס מיט דערהאַ־זיקער אַרבעט האָט די פּאַרטיי מיט מייסים געקאָנט דערווייזן דעם יידישן פּראָ־לעטאַריאַט און אויך דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אַז די רסדאַ״פּ קאָן צוגיין צום פּראָלעטאַריאַט פון יעטווידער נאַציאָנאַליטעט אַף דער מוטערשפּראַך, וועלכע איז אים פאַרשטענדלעך, קאָן זיך רעכענען מיט דער פּסי־כאָלאָגיע פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. דער „בונד״ האָט אָבער ניט געוואָלט אָנערקענען, אַז די רסדאַ״פּ קאָן פירן אַזאַ אַרבעט צווישן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.

די ערשטע העקטאָגראַפישע פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אין 1904 יאָר פון דער „מינסקער גרופּע״ רסדאַ״פּ אַף יידיש צו די שטרייקנדיקע פּריקאַזטשיקעס, האָט געהאַט אַ דערפאָלג. שפּעטער, אין 1905 יאָר, ווען אונדזער דרוק האָט זיך באַרייכערט מיט יידישן שריפט, פלעגן מיר צוזאַמען מיט רוסישע פּראָקלאַמאַציעס אַרויסלאָזן אין נאָמען פון צאָפן־מיירעוודיקן קאָמיטעט און פון דער „מינסקער גרופּע״ אויך יידישע פּראָקלאַמאַציעס*). אַגעוורכע האָט דער צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט זומער פון 1905 יאָר אַרויסגעלאָזן אַף יידיש די פּראָגראַם פון רסדאַ״פּ. די האַזיקע פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי האָט איבערגעזעצט אַ געוועזענער מיטגליד פון צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט נעגאַיעוו (דער איינציקער מענשעוויק אין צאָפן־מיירעוו־קאָמיטעט). האַגאַם די איבערזעצונג איז ניט געווען קיין געלונגענע,

*) אויך די סמאָרגאָנער גרופּע פון דער ר.ס.ד.א״פּ. האָט אַרויסגעלאָזן פּראָקלאַמאַציעס אין יידיש, אין וועלכע זי איז אַרויסגעטראָטן קעגן „בונד״ און גערופן די יידישע אַרבעטער צו אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער איינִיקייט.

נאָך די דערשיינונג פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם אַף יידיש האָט געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג אַף די יידישע אַרבעטער"*).

אָבער צו דערהאַזיקער וויכטיקער אַרבעט האָט מען זיך גענומען צו שפּעט און מע האָט עס געטאָן ניט אין דער מאָס, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט. וואָלטן אונדזערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פון ווייסרוסלאַנד און פון גאַנצן מיזרעוו־געגנט די דאָזיקע אַרבעט געטאָן פריער, וואָלט דער „בונד" ניט געבראַכט אַזויפיל שאָדן דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

*) יע. בעלענקי—די מינסקער באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע — אין זאַמלבוך „1905 אין ווייסרוסלאַנד".

צווייטער טייל

מאטעריאלן און דאָקומענטן

אַ דערקלערונג צו די דאָקומענטן

אין דעם קאַמף, וואָס לענין און די אַלטע „איסקראַ" האָבן געפירט קעגן בונדיזם, זיינען געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ריי דאָקומענטן, אין וועלכע עס איז מיט דער גרעסטער קלאָרקייט אויפגעדעקט געוואָרן דער בונדישער נאַציאָנאַליזם און אָפּאָרטוניזם. לײדער אָבער זיינען די אַלע וויכטיקע דאָקומענטן קיימאָל אינגאַנצן פרעמד געווען די יידישע אַרבעטער צוליב דעם, וואָס דער גאַנצער קאַמף קעגן „בונד" איז ביז 1905 געפירט געוואָרן נאָר אין דער רוסישער שפּראַך, אין דער שפּראַך, וואָס די גרעסטע מערהייט פון די יידישע אַרבעטער האָט ניט פאַרשטאַנען. די יידישע אַרבעטער פון יענער עפּאָכע (1900—1905) האָבן נאָר געלייענט די איינזייטיקע בונדישע באַלייכטונג וועגן דעמדאָזיקן היסטאָרישן קאַמף און פאַקטיש קיין באַגריף ניט געהאַט וועגן דעם עצעם פון דער פראַגע.

אָבער ניט נאָר פאַר די אַרבעטער פון יענער עפּאָכע איז דער עמעסער כאַראַקטער פון קאַמף קעגן „בונד" געווען פרעמד. אַפילע אין אונדזער עפּאָכע, ווען מיר האָבן אין ראַטנפאַרבאַנד אַזאַ רייכע יידישע קאָמוניסטישע פּרעסע, ווען עס ווערט געפירט אַזאַ רייכע פאַרלעגערישע אַרבעט און עס ווערן אַרויסגעגעבן אַזויפיל ביכער, איז ניט נאָר וואָס עס זיינען ביז איצט נאָך ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן די דאָקומענטן וועגן דעם קאַמף קעגן „בונד" אין יענער עפּאָכע, נאָר, פאַרקערט, אין אַ ריי אַרבעטן זוכן אייניקע קלוימערשט אומפּאַרטייִשע „אָביעקטיווע" היסטאָריקער צו געבן אַ פאַלשע באַלייכטונג דעמדאָזיקן קאַמף און ברענגען די איינזייטיקע בונדישע דאָקומענטן וועגן דעם קאַמף צווישן „בונד" און ר.ס.ד.א.פּ. קעדיי צו מאַכן אַ סאָף צו דער פאַשעטער פעלשונג פון אונדזער פּאַרטיי־געשיכטע און פאַלשער באַלייכטונג פון דעם קאַמף, וואָס לענין און די אַלטע „איסקראַ" האָבן געפירט קעגן בונדיזם, האָבן מיר צונויפגעזאַמלט די וויכטיקסטע דאָקומענטן, וואָס לענין און די אַלטע „איסקראַ" האָבן אַרויסגעלאָזן קעגן „בונד", און פון דער צווייטער זייט, האָבן מיר געבראַכט אַ ריי בונדישע דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן מיט דער גאַנצער בולעטקייט דעם נאַציאָנאַליזם און אָפּאָרטוניזם פון „בונד". די דאָקומענטן זיינען איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע גרופּן:

1) אַ ריי דאָקומענטן פון דער „איסקראַ" קעגן בונדיזם.

2) די פּראָקלאַמאַציע פון קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פון דער ר.ס.ד.א.פּ. צו די יידישע אַרבעטער. דעם בונדס אַרויסטריט קעגן קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט און לענינס ענטפער אויף דעם אָנפאַל פון „בונד".

3) די דעבאַטן אַפן צווייטן צוזאַמענפאַר פון דער ר.ס.ד.א.פ. וועגן אָרט פון „בונד" אין דער פּאַרטיי.

4) לעניטס אַרטיקלען קעגן „בונד", וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער „איסקראַ".

5) צוויי דאָקומענטן פון דער בונדישער פּרעסע, אין וועלכע דער „בונד" האָט געגעבן אַ דערקלערונג, פאַרוואָס ער איז אַרויסגעטראָטן פון דער רסדא"פּ. איין דאָקומענט שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס דער „בונד" האָט אַרויסגעלאָזן אין דעקאַבער 1903. דער צווייטער דאָקומענט איז אַן אַרטיקל פון ערשטן נומער זשורנאַל „בונד", וועלכער איז דערשינען אין יאַנוואַר 1904. אין די דאָזיקע צוויי דאָקומענטן איז מיט דער גאַנצער קלאָרקייט אַנטבלויזט דער נאַציאָנאַליזם און קליינבירגערלעכקייט פון „בונד". פון די צוויי דאָקומענטן ווערט פאַר אונדז קלאָר, אַז דער „בונד" האָט אין צייט פון צווייטן צוזאַמענפאַר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ קליינבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע.

כוץ לענינס אַרטיקלען, וועלכע זיינען שוין געווען געדרוקט אין יידיש אין לענינס ווערק (פונוואַנען מיר דרוקן זיי איבער), ווערן אַלע איבעריקע רוסישע דאָקומענטן צום ערשטן מאָל געדרוקט אין יידיש.

די דעבאַטן וועגן „בונד" אַפן צווייטן צוזאַמענפאַר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. זיינען איבערזעצט געוואָרן פון דער צווייטער אויפלאַגע פון די פּראָטאָקאָלן פון צווייטן צוזאַמענפאַר, וואָס דער היסטפּאַרט האָט אין 1924 אַרויסגעלאָזן. מיר האָבן געבראַכט די פּראָטאָקאָלן פון דער פינפטער, זעקסטער, זיבעטער, אַכטער זיצונג און אַ טייל פון דער 27־טער זיצונג, אַף וועלכע די פראַגע פון „בונד" איז באַהאַנדלט געוואָרן. די פראַגע וועגן „בונד" איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן אַף דער צווייטער זיצונג פון צוזאַמענפאַר. אָבער דעם טייל פון די דעבאַטן האָבן מיר ניט געבראַכט, דערפאַר ווייל דער אינהאַלט פון דעם טייל דעבאַטן איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אונדזער אַרבעט.

באַם לייענען די דעבאַטן וועגן „בונד" אַפן צווייטן צוזאַמענפאַר זעען מיר, אַז מיט דעם אויסנאַם פון אַ פאָר „עקאָנאָמיסטן", איז דער צוזאַמענפאַר איינהייטלעך אַרויסגעטראָטן קעגן „בונד". אָבער די איינהייטלעכקייט אַפן צוזאַמענפאַר האָט נאָר געדויערט אַזוי לאַנג, ווי די פראַגע קעגן „בונד" איז באַהאַנדלט געוואָרן. ווי נאָר דער צוזאַמענפאַר איז אַריבער צו באַהאַנדלען די איבעריקע פראַגן פון טאָג־אָרדענונג (פּראָגראַם, סטאַטוט פון דער פּאַרטיי און אַז. וו.) איז דער איינהייטלעכער פראָנט פון צוזאַמענפאַר געשפּאָלטן געוואָרן. מאַרטאָוו, טראָצקי און אַנדערע שפּעטערדיקע מענשעוויקעס, וועלכע זיינען אַפן צוזאַמענפאָר אַרויסגעטראָטן קעגן „בונד" האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן לענינען און האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך פאַרייניקט מיטן „בונד" קעגן לענינען און די באָלשעוויקעס. טראָצקי, וועלכער איז אַפן צווייטן צוזאַמענפאָר אַרויסגעטראָטן קעגן „בונד", איז אין 1912 יאָר געגאַנגען מיטן „בונד" האַנט בא האַנט אין אַ בלאָק (אויגוסט־בלאָק). ער איז מאַסקים געווען אַף די פאָדערונגען פון „בונד", קעגן וועלכע ער איז אין 1903 יאָר אַרויסגעטראָטן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט טראָצקי מיט די פירער פון „בונד"—ליבער און

אבראמאָוויטש — געפירט און פירט איצט אַ שענדלעכן קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס. דאָס האָט זיך אַרויסגעלאָזן פון טראָצקיסעס און מאַרטאָווס „קאַמף" קעגן „בונד".

נאָר לענין און די באָלשעוויקעס האָבן ניט געענדערט זייער באַציונג צום בונדישן נאַציאָנאַליזם און אָפּאָרטוניזם. פּונקט ווי פאַר דעם 2־טן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. און אויפן צוזאַמענפאָר גופא, אַזוי האָט לענין אין די שפּעטערדיקע יאָרן ניט אויפגעהערט צו באַקעמפן דעם נאַציאָנאַליזם און אָפּאָרטוניזם פון „בונד". אין אַ באַזונדער אַרבעט וועלן מיר באַלויכטן דעם קאַמף, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געפירט קעגן „בונד" ביז 1917.

דאָק. נומ. 1

מיקויעך דעם באַריכט פונעם 4־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד"

עס איז דערשינען דער באַריכט וועגן דעם 4־טן צוזאַמענפאָר פונעם „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד" („בונד"), וואָס איז פאָרגעקומען אין אַפּרעל היי־יאָר. אויפן צוזאַמענפאָר זיינען בייגעווען 24 דעלעגאַטן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, פון צוועלף שטעט און פון צוויי פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. דער צוזאַמענפאָר האָט באַטראַכט אַסאַך פראַגן, וואָס האָבן אַן אינטערעס פאַר דער גאַנצער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (לעמאָשל, וועגן דער באַדייטונג פון שטרייקן, וועגן דעם עקאָנאָמישן טעראָר און אַז. וו.).

דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז דער באַשלוס פונעם צוזאַמענפאָר וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די דעבאַטן, וואָס זיינען אויספירלעך איבערגעגעבן געוואָרן אין באַריכט, און די גענוי־מאָטיווירטע רעזאָליוציע טראָגן אַריין אַזויפיל נייס אין דער אויפשטעלונג פון דער יידישער פראַגע פאַר די לייענער, וועלכע זיינען ווייניק באַקאַנט מיטן אינערלעכן לעבן פון „בונד", אַז דאָס קריטיקירן דעם שטאַנדפּונקט, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען, האָט געפאָדערט פון אונדז מער אָרט, איידער מיר קאָנען זיך דערלויבן אין דערדאָזיקער נאָטיץ. אָפּלייגנדיק, דעריבער, ביז אַן אַנדער אָרט דעם אויספירלעכן אַנאַליז פון דער פּאָזיציע, וואָס דער „בונד" האָט פאַרנומען, קאָנסטאַטירן מיר בלויז, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט, ערשטנס, אָנערקענט, אַז רוסלאַנד דאַרף ווערן אַ פעדעראַציע פון נאַציאָנאַליטעטן מיט פולער אויטאָנאָמיע פאַר יעדערער פון זיי, אומאָפּהענגיק פון דער טעריטאָריע, אויף וועלכער זי געפינט זיך; אַז די יידן וועלן בילדן איינע פון דידאָזיקע אויטאָנאָמע נאַציאָנאַליטעטן און אַז בא היינטיקן טאָג פאָדערן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר די יידן איז „פריצייטיק" צוליב די מער דרינגענדיקע פּאָליטישע אויפגאַבן.

אַלזאָ, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר די יידן וועט דער „בונד" ניט נעמען פאָדערן פון דער זעלבסטהערשערישער רעגירונג, נאָר ער וועט זי פאָדערן פונעם צוקונפטיקן באַפרייטן רוסלאַנד. דער „בונד" זאָגט ניט, אין וואָסערע פאָרמען וועט מען קאָנען פאַרווירקלעכן דידאָזיקע אויטאָנאָמיע (דאָס הייסט, די זעלבסטפאַרוואַלטונג) פאַר די מיליאָנען באַפעלקערונג, וועלכע פאַרנעמען ניט קיין דורכויסיקע טעריטאָריע, נאָר זיינען צעזייט צווישן דער דורכויסיקער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד, פוילן און ליטע. צי זאָל מען ניט פאָדערן אויסטיילן אין באַזונדערע זעלבסטפאַר־

וואָלט נדיקע קאָמונעס יענע שטעטלעך, וועלכע זיינען באַפעלקערט הויפטזאַכלעך מיט ייִדן? ווייל אין אַלע ערטער פונעם „טכום" בילדן די ייִדן אינעם גאַנצן אַ מינדערהייט, און קעדיי צו שאַפן „יידישע" קרייזן וואָלט אויסגעקומען מאַקע אַפּצושניידן די שטאָטישע ייִשוווים פון די דאָרפישע.

אָדער רעכענענדיק, אַז מיטן צעשטערן דעם „טכום", וועלן די ייִדן זיך פאַרשפרייטן איבער גאַנץ רוסלאַנד, איז עפשער פאָדערן זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר יעדן שטאָטישן קוואַרטאַל, וואָס איז באַפעלקערט מיט ייִדן?

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, באַצייכנט מיט זיך דער 4־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" די אַנטוויקלונג פונעם נאַציאָנאַליזם אין דער ייִדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון מייערוו־רוסלאַנד און פוילן (אין חאַרעם, ווי באַוווסט, אַרבעטן די ייִדישע אַרבעטער האַנט בא האַנט מיט די רוסישע פאַר די געמיינזאַמע פאָדערונגען פונעם רוסישן פראָלעטאַריאַט). נאָך ניט לאַנג, אַף זיין 3־טן צוזאַמענפאָר (אין יאַנוואַר 1900 יאָר) האָט דער „בונד" אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג צו פאָדערן פאַר די ייִדן „נאַציאָנאַלע רעכט", באַגרענעצנדיק זיך מיט דער פאָדערונג פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. מיר פון אונדזער זייט קאָנען בלויז האַלטן פאַר אַ גרויסן פּאָליטישן פעלער דידאָזיקע שטרעבונג אַריינצושפאַרן גאַר קינסטלעך די ייִדישע אַרבעטערבאַוועגונג אין די ראַמען פון נאַציאָנאַליזם אין דער צייט, ווען די הויפט־צאָרע, וואָס פון איר ווערט דערשטיקט די ייִדישע מאַסע אין רוסלאַנד, איז די רעגירונג־פּאָליטיק, וואָס פאַרהאַלט דעם פּראָצעס פון איר דערנענטערונג מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

דידאָזיקע אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פונעם נאַציאָנאַליזם האָט זיך טייקעף אָפּגעשפּיגלט אַף דער באַציונג פון „בונד" צו דער אַלגעמיין־רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער זאַך. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע וועגן דער שטעלונג פון „בונד" צו דער רוסלענדישער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי. דידאָזיקע שטעלונג איז ביז איצט באַשטימט געוואָרן דורך די באַשלוסן פונעם צוזאַמענפאָר פון 1898 יאָר, אָבער אין יענער צייט האָט דער „בונד" מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט גיט פאַרפאָלגט קיין שום „נאַציאָנאַלע" אויפגאַבן און איז געשאַפן געוואָרן בלויז פאַר ספּעציעלער אַגיטאַציע צווישן די ייִדישע אַרבעטער אַפן באָדן פון פּראָטעסט קעגן דער בירגערלעכער רעכטלאָזיקייט, וואָס האָט אַף זיי גערדריקט (זע דעם אַרטיקל פונעם אָרגאַן פון „בונד", וואָס איז אָפּגעדרוקט אין „ראַבאָטניק" נומ. 5—6). אינעם באַריכט וועגן דעם לעצטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" ווערט געזאָגט: „לויטן באַשלוס פונעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי איז דער „בונד" אַריין אין איר אַלס אַווטאָנאָמער טייל. אָבער די שווערי־קייטן פאַרן „בונד", וואָס זיינען צומאָלס געשאַפן געוואָרן פון אַזאַ באַציונג, און די קאָמפּליקאַציעס, וואָס קאָנען אַנטשטיין דערפון, וואָס אין דער פּאַרטיי גייען אַריין אַנדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אַף פעדעראַטיווע יעסוידעס, האָבן געצוווּנגען דעם צוזאַמענפאָר צו פאַרנעמען זיך מיט דער פראַגע, צי איז ניט בעסער פאַרן „בונד" צו פאַרבייטן זיינע אַווטאָנאָמע באַציונגען אַף פעדעראַטיווע". דערביי האָט דער צוזאַמענפאָר אויסגעפונען, אַז „אַזאַ פאַרבייטן וועט, ערשטנס, זיין אַ לאָגישער פּועל־יויצע פון דער רעזאָליוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן איבער דער נאַציאָ־

נאַלער פראַגע, און, צווייטנס, וועט עס אַריינטראָגן אַסאַך מער איינפאַכקייט (?) אין באַצוג צו דער פּאַרטיי און צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס". דעריבער האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ רעזאָליוציע, אין וועלכער ער דערקלערט, אַז „פאַרשטעלנדיק זיך די רוסלענדישע ס. ד. פּאַרטיי אַלס פעדעראַטיווע פאַרייניקונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון אַלע נאַציעס, וואָס באַפעלקערן די רוסלענדישע מעלוכע, האָט דער צוזאַמענפאָר באַשטימט, אַז דער „בונד", אַלס פאַרשטייער פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, זאָל אַריינטרעטן אין איר אַלס פעדעראַטיווער טייל" און אַזוי ווייטער.

מע דאַרף קוידעםכאָל פאַרצייכענען, אַז רייִדנדיק וועגן דער אויטאָנאָמיע פון „בונד" אין דער רוסלענדער פּאַרטיי, האָט דער „באַריכט" דורכגעלאָזט איין קליינינקן דעטאַל. די רעזאָליוציע פונעם צוזאַמענפאָר אין 1898 יאָר לויטעט: „דער „בונד" גייט אַריין אין דער פּאַרטיי אַלס אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז זעלבשטענדיק בלויז אין די פראַגן, וועלכע זיינען נעגייע ספּעציעל דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט".

די פראַגע וועגן דעם, וואָס פאַר אַ לאַגע דאַרף לעהאַבע פאַרנעמען דער „בונד" אין דער רוסלענדער פּאַרטיי, קאָן בעשומויפן ניט געמעכנט ווערן פאַר קיין פראַגע, וואָס איז נעגייע ספּעציעל דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דיזאָזיקע פראַגע רירט אָן גלייך ביידע צדאָדים און דעריבער קאָן זי ניט געלייזט ווערן דורך איינעם פון זיי. אָבער דערפון איז געדרונגען, אַז דער באַשלוס פונעם 4־טן צוזאַמענפאָר פונעם „בונד" וועגן ענדערן זיין לאַגע אין דער פּאַרטיי איז אַבסאָליוט אומגעזעצלעך. דיזאָזיקע אומגעזעצלעכקייט ווערט ניט באַזייטיקט צוליב דעם כונדעס דערקלערונג, אַז ער „שטעלט זיך פאָר" די רוסלענדישע פּאַרטיי אַלס „פעדעראַטיווע פאַרייניקונג" פון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. פאַרשטעלן זיך קאָן ער אַלץ, וואָס אים געפעלט, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז אונדזער פּאַרטיי ביז איצט קיין פעדעראַטיווע פאַרייניקונג ניט געווען. ווען עס וועט ווערן אַ רייד וועגן איינשליסן אין דער רוסלענדישער פּאַרטיי נייע „נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס", דעמאָלט קאָן זיין וועט זי אָננעמען אויך אַ פעדעראַטיוון כאַראַקטער. דעמאָלט וועט אויך געלייזט ווערן די פראַגע, וואָס פאַר אַ לאַגע דער „בונד" זאָל פאַרנעמען. ביז דעמאָלט — דאָס הייסט, ביזן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר — בלייבט אַלץ אויפן אַלטן שטייגער. אויב אָבער דער „בונד", איינער פון די צדאָדים, וואָס האָבן אויפן צוזאַמענפאָר אין 1898 יאָר געפירט אונטערהאַנדלונגען, וויל פונדאָסנײַ „אַריינטרעטן" אין דער פּאַרטיי אויף נייע יעסוידעס, קאָן מען דאָס אַנדערש ניט פאַרשטיין, סיידן אין דעם זין פון דעם אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי, ווי זי האָט זיך פאָרמירט אויפן צוזאַמענפאָר אין 1898 יאָר. „אַריינטרעטן" אין דער פּאַרטיי קאָן בלויז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שטייט אויסער איר. דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, און דעמאָזיקן פאַקט באַזייטיקט ניט דער אומשטאַנד, וואָס אינעם קעפּל פונעם באַריכט וועגן צוזאַמענפאָר שטייט „רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי".

אַזוי אַרום איז שוין דער ערשטער שריט אויפן וועג פון אַרויסשטעלן אויפן דעם פּרינציפּ פון יידישן נאַציאָנאַליזם באַצייכנט געוואָרן מיט דער אָפּשוואַכונג פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרבינדונג צווישן דער יידישער און אַלרוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. אויף דעם האָט מען זיך טאַקע געדאַרפט ריכטן.

מיר זייַנען פעסט זיכער, אַז די נאַציאָנאַליסטישע כאַלוימעס פון „בונד" וועלן ניט געפינען קיין אָפּקלאַנג בײַ די צאָלרייַכע יִדישע כאַוויירים פון דאָרעם־רוסלאַנד, וואָס האָבן ביז איצט געקעמפט אין איינע רייען מיט די רוסישע כאַוויירים.

„איסקראַ" נומ. 7, אווגוסט 1901 יאָר, ז. 15—16.

דאָק. נומ. 2

אַן ענטפער דער „איסקראַ" פונעם צ"ק פון „בונד"

מיר האָבן באַקומען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם אַלגעמיינעם יִדישן „בונד" אַט דעם בריוו:

פיל געערטע כאַוויירים. זאָגט זיך ניט אָפּ אָפּצודרוקן אין אייער אָרגאַן די פאָלגנדיקע דערקלערונג:

אין נומ. 7 „איסקראַ" האָט זיך באַוויזן אַ נאָטיץ וועגן 4־טן צוזאַמענפאָר פונעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד („בונד"). „אָפּ לייַטנדיק ביז אַן אַנדער אָרט דעם אויספירלעכן אַנאַליז פון דער פּאָזיציע, וואָס דער „בונד" האָט פאַרנומען איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע", באַגרענעצט זיך דאָ דער אווטאָר דערווייל מיט אייניקע באַמערקונגען וועגן די רעזאָליוציעס, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע און איבער דער פראַגע וועגן דער שטעלונג צו דער רוסלענדער ס.ד.א.פּ. אַזוי ווי אין דער דערמאָנטער נאָטיץ זייַנען פאַראַן ניט ווייניק גרויסע מיספאַרשטייעגישן און ניט־פּינקטלעכקייטן, איז קעדיי אויסצומיידן זייער איבערכאַזערונג אינעם פאַרשטייענדיקן „אויספירלעכן אַנאַליז", האַלטן מיר פאַר נייטיק טייקעף זיי צו דערקלערן. צום באַדויערן, צווינגט אונדז די באַגרענעצטקייט פונעם אָרט צו מאַכן זייער בעקיצער.

קוידעמקאָל וועגן דער „נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע". דער 4־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט, ווי באַוווסט, אָנערקענט, אַז „אַזאַ מעלוכע ווי רוסלאַנד, וואָס באַשטייט פון אַסאַך פאַרשיידנאַרטיקע נאַציאָנאַליטעטן, דאַרף אין דער צוקונפט איבערגעבויט ווערן אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־פעדעראַציע מיט פולער אווטאָנאָמיע פון יעדערער פון זיי, אומאָפּהענגיק פון דער טעריטאָריע, וואָס זי באַפעלקערט". וואָס אין עם אַזוינס דיהאָזיקע פולע נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע, איז אינעם „באַריכט פונעם צוזאַמענפאָר" קלאָר געוואָרן מיט גענויער באַשטימטקייט. אויף דער זייט 11 קאָן מען איבערלייענען: „...מיט פולער אווטאָנאָמיע פאַר יעדער פון זיי (פון די נאַציאָנאַליטעטן) איבער אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכעס צו דער נאַציאָנאַליטעט (שפּראַך, בילדונג, קונסט א. אַ. וו.)".

אַלזאָ, די גאַנצע איבעריקע קאָלאָסאַלע מאַסע פראַגן, וואָס אין זיי איז די געגעבענע גרופּע באַפעלקערונג פאַרינטערעסירט ניט אַלס נאַציאָנאַליטעט, נאָר אַלס בירגער פון דער מעלוכע, אַלס אייַנוווינער פון דער פּראָווינץ, אָדער פון דער שטאָט א. ד. גל. געהערט דער קאָמפּעטענץ פון אַלע איינוווינער פונעם טעריטאָריעלן איינס אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט. מיר האַלטן פאַר נייטיק דאָס צו דערקלערן דערפאַר, ווייל פון דער באַטראַכטער נאָטיץ האָט מען געקאָנט אַרויסטראָגן אַזאַ אייַנדרוק, אַז דער אווטאָר איז מעשאער, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט קליימערשט אונטער נאַציאָ־

נאַלער אויטאָנאָמיע פאַרשטאַנען די פולע זעלבסטפאַרוואַלטונג איבער אַלע פראַגן. אַניט מיט וואָס זאָל מען דערקלערן זיינע טרעפענישן וועגן די צוקונפטיקע זעלבסט־פאַרוואַלטנדיקע שטעטלעך פון די „יידישע קוואַרטאַלן", זיינע כּקירעס וועגן מערהייט און מינדערהייט? ווײַבאַלד די נאַציאָנאַלע פראַגע איז אויפגעהויבן געוואָרן, האָט דער צוזאַמענפאַר, אַלס די העכסטע אינסטאַנץ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַ־ניזאַציע, אַנדערש ניט געקאָנט לייזן זי. ווײַבאַלד די ספּעציפֿישע רעכט פון די נאַ־ציאָנאַליטעטן ווערן געטראָטן אין די איצטיקע מעלוכעס, האָט דער „בונד" געדאַרפט אַרויסזאָגן זיך קעגן אַזאַ דרוק און בעמיילע האָט ער זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אַף אַזאַ עקזיסטענץ־פאָרם פון די נאַציאָנאַליטעטן, וואָס באַ איר קאָנען, לויט זיין מיינונג, די רעכט זייערע אָפן זיכערסטן אויפן באַוואָרנט ווערן. אַלזאָ, שטרייטיק האָט גע־קאָנט בלייבן בלויז די פראַגע, צי דאָס איז אַלץ אָנווענדבאַר צו די יידן. אָבער צי קאָן אַ נאַציאָנאַליטעט, וואָס באַנעמט זיך אַלס אַזעלכע, ניט אָנערקענען זיך אָפן פאַר אַזאַ און אָנערקענענדיק — אָפּזאָגן זיך פון דעם, וואָס זי האַלט פאַרן רעכט פון יעט־ווידער אַנדער נאַציאָנאַליטעט?

וואָס אַנבאַלאַנגט דער פראַגע, „אין וואָסערע פאָרמען וועט מען קענען פאַר־ווירקלעכן די דאָזיקע אויטאָנ[illegible]נען באַפעלקערונג, וועלכע פאַרנעמען ניט קיין דורכויסיקע טעריטאָריע, נאָר זיינען צעזייט צווישן אַ דורכויסיקער באַפעל־קערונג...", איז דאָס איצט, אין טאָך גענומען, אַן אומזיסטע פראַגע. עס איז אויך פריצייטיק זי צו באַטראַכטן איצט, פונקט אַזוי ווי די פראַגע וועגן די פאָרמען, אין וועלכע דער סאָציאַליזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן. יעדנפאַלס איז יענער שטאַנד־פונקט, וואָס פון אים איז אַרויסגעגאַנגען דער צוזאַמענפאַר, ניט ווייניקער פון אַלץ אַ געלעגנהייט צו פאַרבינדן מיטן באַגריף „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" די ריין־טערי־טאָריעלע סימאָנים. אָבער באַגרינדנדיק אַזוי אַרום טעאָרעטיש זיין אָנשווינג אַף דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, איז פּראַקטיש דער צוזאַמענפאַר, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן דאָס אַרויסשטעלן נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, געבליבן באַ דערזעלבער פּאָזיציע, וואָס דער דריטער צוזאַמענפאַר, און דער אויטאָר פון דער נאָטיץ איז ניט גערעכט, ווען ער שטעלט קעגן איינעם דעם אַנדערן און וויל דערמיט מאַכן מער בייסיק דעם פאַר־וורף דעם לעצטן צוזאַמענפאַר. אין דעמדאָזיקן טייל רעזאָלוציע ווערט, ווי באַוווּסט, געזאָגט אָט וואָס: „האַלטנדיק אָבער פאַר פריצייטיק אַרויסצושטעלן באַ די איצטיקע באַדינגונגען די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר יידן, האַלט דער צוזאַ־מענפאַר אינעם איצטיקן מאָמענט פאַר גענוג צו קעמפן פאַר אָפּשאַפן אַלע אויס־נאַם־געזעצן קעגן די יידן, פאַרצייכענען און פּראָטעסטירן קעגן דער אונטערדריקונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט און אויסמיידן דאָס פאַנאַנדערבלאָזן דעם נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס קאָן בלויז פאַרבלענדן דעם קלאַסן־באַוווּסטזיין פונעם פּראָלעטאַריאַט און וואָס פירט צו שאָוויניזם". (ז. 15 פון באַריכט).

מיר לאָזן איבער פאַרן אָביעקטיוון לייענער צו אורטיילן, אַף וויפל עס זיינען באַ־גרינדעט די באַשולדיקונגען, וואָס דער אויטאָר שטעלט אַרויס קעגן „בונד", אַז ער האָט „נאַציאָנאַלע איליוזיעס" און ער „שטרעבט אַבסאָליוט קינסטלעך אַריינצו־פרעסן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די ראַמען פונעם נאַציאָנאַליזם".

איצט לאָמיר אַריבערגיין צו דער צווייטער פראַגע — וועגן די באַציונגען פון

„בונד" צו דער רוסלענדישער ס.ד.א.פּ. צום באַדויערן, האָט דער אויטאָר באַם ציטירן די רעזאָלוציע ניט געבראַכט אירע שלוס־ווערטער, וואָס האָבן זייער אַ וויכטיקע באַדייטונג און וואָס מאַכן אַבסאָלוט איבעריק זיין ווייטערדיקע אַרגומענטאַציע. אין דער רעזאָלוציע ווערט געזאָגט: „פאַרשטעלנדיק זיך די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אַלס פעדעראַטיווע פאַריייניקונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון אַלע נאַציעס, וואָס באַפעלקערן די רוסלענדישע מעלוכע, האָט דער צוזאַמענפאָר באַשטימט, אַז דער „בונד", אַלס פאַרשטייער פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, זאָל אַריינטרעטן אין איר אַלס פעדעראַטיווער טייל, און באַופטראָגט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" דורכצופירן דעמאָקראַטיקן באַשלוס אין לעבן". (ז. 17 פון באַריכט).

אַט די לעצטע ווערטער, וואָס מיר האָבן אונטערגעשטראָכן, האָט צוליב עפּעס דער אויטאָר געהאַלטן פאַר נייטיק דורכצולאָזן און צו פאַרבייטן מיט אַן אַבסאָלוט אָהערצו ניט פּאַסיקן „א. א. וו.". צי האָט ער דאָס געטאָן צוליב עקאָנאָמיע, קעדיי איינצושפּאָרן אַ שורע? עס איז צווייפלהאַפט, ווייל ער האָט ניט געקאַרגט קיין אָרט צו ציטירן אינגאַנצן פונעם באַריכט די דעבאַטן באַם איבערגעבן די דאָזיקע פראַגע. אָבער אַט די דורכגעלאָזענע ווערטער גיבן פאַר יעדערן אַ קלאָרן ענטפער אויף דער באַשולדיקונג, וואָס דער אויטאָר וואַרפט דעם צוזאַמענפאָר, אַז ער האָט ניט געצעלעך אָנגענומען דעם באַשלוס. אויפן צוזאַמענפאָר איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן ענדערן דעם כאַראַקטער פון די באַציונגען פון „בונד" צו דער פּאַרטיי. דער צוזאַמענפאָר האָט באַהאַנדלט און האָט באַשלאָסן, אַז פאַרן „בונד" איז בעסער און באַקוועמער אַריינצוגיין אין איר אַלס פעדעראַטיווער טייל און ניט אַלס אויטאָנאָמער און ער האָט באַופטראָגט דעם צ. ק. דורכצופירן דעמאָקראַטיקן באַשלוס אין לעבן, ד. ה. אַריינטראָגן אַזאַ פאַרשלאָג אויפן נאָענטסטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. „אומגעזעצלעך" האָט מען געקאָנט אָנרופן אַזאַ אַרט האַנדלונג פונעם צוזאַמענפאָר, ווען ער וואָלט אָן שום זייטיקע געגנג שוין אָנערקענט דעם „בונד" אַלס פעדעראַטיוון טייל. אָבער ער האָט עס גראָד ניט געטאָן. מיר מוזן שוין אויפן אָרט פאַרצייכענען, אַז אין „געזעצלעכקייט" פון זיינע מייסים דאַרף דער „בונד" אָפּגעבן דינוועכעזשבן בלויז דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אָדער אירע צוזאַמענפאָרן, אָבער בעשום־אופן ניט קיין איינצלנע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אַריין אין איר באַשטאַנד, און אַ פשיטע שוין די גרופּעס, וואָס וועגן זייער אָנגעהעריקייט צו דער פּאַרטיי איז דערווייל ניטאָ קיין שום אַנדערע סימאָנים, אַכוץ דעם קעפּל אויף זייערע אויסגאַבן.

דעם אויטאָר האָבן פאַרכידעשט די ערשטע ווערטער פון דער רעזאָלוציע: „פאַרשטעלנדיק זיך די רוסלענדישע ס.ד.א.פּ. אַלס פעדעראַטיווע פאַריייניקונג...", אָבער פון אַליין, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אינעם באַריכט, און באַזונדערס אין די אויבנגעבראַכטע שלוס־ווערטער פון דער רעזאָלוציע (וואָס דער אויטאָר האָט אין זיין נאָטיץ דורכגעלאָזט), איז צום בעסטן צו זען, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט זיך פאָרגעשטעלט די פּאַרטיי אַלס פעדעראַטיווע פאַריייניקונג אין דער צוקונפט. דאָס וואָס מע דאַרף נאָך דורכפירן אין לעבן עקזיסטירט, אויפן פּנים, לעסאַטע בלויז.... אין דער מעגלעכקייט. ווייטער, איז קלאָר, אַז אַבסאָלוט פעלערהאַפט זייענען דעם אויטאָרס פאַרזיכערונגען, אַז דער „בונד" איז פאַקטיש אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי דערפאַר,

קלוימערשט, ווייל קעדיי ארייצוטרעטן אין איר אף פעדעראטיווע יעסוידעס, דארף מען
אנריער פון איר ארויסטרעטן. דער אקט פון „ארויסטרעטן" און פון „ארייננטרעטן"
גאן געמאכט ווערן אין יענעם און בלויז אין יענעם מאמענט, ווען דער פארטיי־צו־
זאמענפאר וועט אננעמען דעם פעדעראטיוון פרינציפ און וועט בעהעסקועם מיט אים
וועלן איבערבויען די פארטיי*). די גייסטיקע פארבינדונג פונעם „בונד" מיט דער
פארטיי אין פראגראם־הינזיכט און זיין רעאלע פארבינדונג מיט אירע קאמיטעטן
(וואס ווערט ארויסגערופן פונעם לעבן און איז זייער פרוכטבאר פונעם שטאנדפונקט
פון דער רעוואליוציאנערער באוועגונג, אבער, ליידער, עפשער „אומגעזעצלעך") זיי־
נען פארבליבן און וועלן פארבלייבן פונקט אזוי פעסט ווי ביזן 4־טן צוזאמענפאר.
און דעם אוטארס שלום־אויספיר, אז שוין „דער ערשטער טריט (?) אפן וועג פון
ארויסשטעלן אפן דעם פרינציפ פון יידישן נאציאנאליזם (?) איז באצייכנט געווארן
מיט דער אפשאפונג פון דער ארגאניזאציאנעלער פארבינדונג צווישן דער יידישער
און אלרוסישער ארבעטערבאוועגונג", איז פונקט אזוי ניט ריכטיק, ווי אלע
באריקע.

וואס אנבאלאנגט די אנדערע באמערקונגען פונעם אווטאר, ווי, למשל, זיין
היסטארישע אינפארמאציע וועגן דעם בונדס ערשטע אויפגאבן, די אפעליאציע צו די
יידישע כאוויירים פון דארעם א. א. זיינען מיר געצוווּנגען לעסאטע זיי איבערצולאזן
אן אן ענטפער, ווייל אונדזער בריוו האט זיך צופיל צעצויגן.

מיר בעטן אנדערע ארגאנען, וואס האבן אפגעדרוקט די נאטיץ פון „איסקרא",
אויך אפדרוקן אונדזער דערקלערונג.

29־טן אווגוסט (11 סענטיאבער) 1901 יאר.
צענטראל־קאמיטעט פונעם אלגעמיינעם יידישן
ארבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד.

דאק. נומ. 3.

אן ענטפער פון דער רעדאקציע פון „איסקרא" דעם צ.ק. פון „בונד"

דער צענטראל־קאמיטעט וויל אונדז פארזיכערן, אז אונטער „פולער אווטאנא־
מיע", וואס לויט דער רעזאלוציע פון צוזאמענפאר דארפן די יידן באקומען אינעם
צוקונפטיקן רוסלאנד, וואס דארף איבערגעבויט ווערן אין א „נאציאנאליטעטן־
פעדעראציע", — אז אונטער דערדאזיקער „פולער אווטאנאמיע" ווערט בלויז פאר־
שטאנען „אווטאנאמיע אין דער פראגע וועגן שפראך, בילדונג, קונסט א. א. וו.".
איינס פון די צוויי: אדער דער צ. ק. וויל זאגן, אז אונטער „פולער אווטאנאמיע"
האט דער צוזאמענפאר פארשטאנען בלויז דאס רעכט צו דרוקן צייטונגען, צו ריידן

*) אבער דער 4־טער צוזאמענפאר, וואס פאר אים איז קיין סאד ניט געווען, אז עס איז ניטא קיין צענטראלער פארבינדנדיקער אנשטאלט אין דער פארטיי, און וואס בא אים איז ניט געווען קיין זיכערקייט אין דער גיכער פארווירקלעכונג פון דעם אזוי געווונטשענעם און נייטיקן צווייטן פארטיי־צוזאמענפאר, האט באפולמעכטיקט דעם צ. ק. פון „בונד", אויב עס וועט זיך ארויסווייזן פאר מעגלעך און נוצלעך, דורכפירן דעם פעדעראטיוון פרינציפ אין לעבן טיילווייז (למשל, אין די באציונגען צווישן דעם אויסלענדישן קאמיטעט פון „בונד" און די אויסלענדישע רוסישע סאציאל־דעמאקראטישע ארגאניזאציעס).

אף פאַרזאַמלונגען און צו געבן טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען אויף יידישן זשאַרגאָן, איינאָרדענען יידישע שולן א. א. וו. אָבער אין אזא פאַל האָט דער „בונד" צוערשט פּראָקלאַמירן זיין „אַוטאָנאָמיע" אינעם פּראַט פון ווירקלעכן געברויכן ווערטער, וועלכע האָבן אַן אַבסאָליוט באַשטימטע באַדייטונג אויף אַלע שפּראַכן, ווייל פון דער שפּראַך־פרייהייט ביז דער „פולער אַוטאָנאָמיע" איז נאָך זייער ווייט; און דאָן איז ניט געווען וואָס צו ריידן וועגן „נאַציאָנאַליטעטן־פעדעראַציע", ווייל די דערמאָנטע פרייהייט פון שפּראַך און קולטור שטעלט נאָך ניט די נאַציאָנאַליטעט אין פּעריאַטיווע באַציונגען צו אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אויב, ווידער, עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָנערקענען די יידישע שפּראַך אַלס „מעלוכישע" פאַר אַ געוויסער געגנט, וועגן איינאָרדענען קאַזיאָנע יידישע אוניווערסיטעטן און נאָך אַזוינע רעכט, און אין אזא פאַל מיינט מען ווירקלעכע אַוטאָנאָמיע, מיינט מען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך אויף „אַ יידישער מעלוכע מיט אַן אייגענער פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע, מיט אייגענע טשינאָווניקעס און מיט אַן אייגענער רעגירונג", ווי דער „בונד" האָט זיך איראָניש אויסגעדריקט מיט דריי יאָר צוריק, ריידנדיק וועגן די ציוניסטן, וואָס צו זיי האָט ער זיך אַצינד אַזוי דערנענטערט (זע „ראַבאָטניק" נומ. 5—6, ז. 102). אָבער אין אַזאַ פאַל איז אַמפּלאַץ אזא פראַגע, וואָס מיר האָבן געשטעלט: אין די גרענעצן פון וואָס פאַר אַ טעריטאָריע וועט זיך גרינדן די דאָזיקע אַוטאָנאָמע „מעלוכע"? דאָס פאַרוואַנדלען זיך פון רוסלאַנד אין אַ נאַציאָנאַליטעטן־פעדעראַציע באַטייט דאָס אויסטיילן יעדע נאַציאָנאַליטעט אין אַ באַזונדערן — אין געוויסע ראַמען זעלבסטפאַרוואַלטנדיקן—גאַנצן, וואָס לויטן סאַמע מעהוס פון דער פעדעראַטיווער אָרדענונג מוז עס זיין צוגעפּאַסט צו אַ געוויסער טעריטאָריע.

מיר זיינען זייער צופרידן, וואָס דער צ. ק. פון „בונד" טרוימט ניט אַצינד פון אזא אַוטאָנאָמיע. אַזוי ווי אָבער די רעזאָלוציע פונעם צוזאַמענפאָר זאָגט פּונקט דעם היפּעך דערפון, וואָס דער צ. ק. באַהויפּטעט, וועלן מיר אים בעטן, ער זאָל זיך צוערשט צונויפריידן מיט זיין אָרגאַניזאַציע וועגן דעם, וואָס אייגנטלעך זי וויל.

דער צ. ק. באַשולדיקט אונדז, אַז מיר האָבן מיט אַ קיוון דורכגעלאָזט די שלום־ווערטער פון דער רעזאָלוציע פונעם צוזאַמענפאָר, וווּ עס רעדט זיך וועגן דעם בונדס באַציונג צו דער פּאַרטיי. דערדאָזיקער דורכלאָז, דוכט זיך אים, פאַרקריפּלט אַזוי דעם זין פון דער רעזאָלוציע, אַז ער קאָן זיך ניט אָפּהאַלטן פון אַן אָנצוהערעניש: ניט אומזיסט, קלוימערשט, איז דאָס געטאָן געוואָרן. אַזוי ווי אָבער די דורכגעלאָזטע ווערטער פאַרשטאַרקן נאָך אין דער ווירקלעכקייט דעם אוזורפּאַטאָרישן כאַראַקטער פונעם באַשלוס פון צוזאַמענפאָר, איז דערדאָזיקער גאַנצער פּרווו אַרופצוואַרפן אַ שאָטן אויף אונדזער געווויסנהאַפטיקייט — אַ פּרווו מיט שלעכטע מיטלען. קיינער, בוץ דעם צ. ק., וועט ניט זאָגן, אַז די ווערטער „דורכפירן אין לעבן" אַ געוויסן באַשלוס באַטייטן: איבערצוגעבן דער פּאַרטיי צו באַטראַכטן אונדזער פאָרשלאַג. אויב מיר זיינען געווען גערעכט זאָגנדיק, אַז די פראַגע וועגן זיין אָרט אין דער פּאַרטיי איז דער „בונד" ניט קאָמפּעטענט צו לייזן מיט זיין מאַכט, וואָס דערמיט, אַפּאָנעם, איז מאַסקים דער צ. ק., איז דערפון געדרונגען, אַז דער „בונד" קען קיינעם ניט באַפולמעכטיקן „דורכפירן אין לעבן" דעם באַשלוס, וועלכער האָט ניט קיין געזעצלעכע קראַפט. איין זאַך איז אַ פאָרשלאָג, אַ צווייטע זאַך איז אַ באַשלוס. פאָר־

שלאָגן טראָגט מען אריין צו באַהאַנדלען, אָבער באַשלוסן פירט מען דורך אין לעבן, האָבנדיק אַף דעם רעכט. די דאָזיקע אויסטייטשונג שטימט ניט מיט דער אויסטייטשונג פון צ״ק, נאָר דערפאַר שטימט זי מיט די געזעצן פון דער לאָגיק, וואָס בענעגייע צו איר איז אונדז קיינעם ניט געגעבן געוואָרן קיין „אויטאָנאָמיע״.

מיט גרויס שאַרפזין פאַרזיכערט דער צ. ק., אַז די ווערטער „פאַרשטענדליך זיך די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי״ א.א.וו. באַציען זיך צו דער צוקונפטיקער צייט. ליידער, דערלויבט אויך דאָ ניט איר מאַיעסטעט — די גראַמאַטיק — צו מאַכן אַזוינע אויסטייטשונגען. אויב מיר זאָלן, לעמאָשל, זאָגן „פאַרשטענדליך זיך די אָנפירער פון „בונד״ אַלס מענטשן, וואָס קלייבן זיך שלעכט פאַר באַנדער אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע״, וועט יעדערער דאָס פאַרשטיין אַלס כאַראַקטעריסטיק פון דער געגנוואַרט אָבער ניט פון דער צוקונפט, און ער וועט זיין גערעכט. ווידעראַמאָל זייער אַ דערפרייענדיקער פאַקט, וואָס דער צ. ק. סטאַרעט זיך, האַגאַם לעאַבער־האַמייסע, צו „לינדערן״ דעם זין פון דער שוין צופיל „ענערגישער״ רעזאָלוציע. דאָס באַווייזט, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פאַר די רעזולטאַטן פון דעם שריט, וואָס ער האָט געמאַכט מיטן צוזאַמענפאָר. דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר האָבן ריכטיק געהאַנדלט דערמיט, וואָס מיר האָבן געווענדעט די אויפמערקזאַמקייט פונעם לייענער אַף דער דאָזיקער רעזאָליוציע. עס בלייבט איבער בלויז די פראַגע, צי דער „בונד״ אַלס גאַנצער נעמט אָן די אויסטייטשונג פון זיין צ. ק.

דער צ. ק. מאַכט, איבעריקנס, צוגלייך מיט איין באַמערקונג זיין אויסטייטשונג און דערמיט גופא באַשטעטיקט ער, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט דאָך מיט זיין מאַכט געענדערט די קעגנזייטיקע באַציונגען אין דער פּאַרטיי. ער דערציילט, אַז ביזן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר וועט דער פעדעראַטיווער פּרינציפּ פאַרווירקלעכט ווערן „טיילווייז״ — אין דער באַציונג פון די „בונד״־אָרגאַנען צו די אויסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער קאָלזמאַן די פּאַרטיי, אינגאַנצן גענומען, האָט ניט אָנערקענט די נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציונגען, קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן דורכפירן זיי טיילווייז אין לעבן: קיין איין רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע קאָן ניט אָן דעם ווייסן פון דער גאַנצער פּאַרטיי מאַכן פאַר געזעצליך באַשלוסן, וואָס דער צ. ק. אַליין אָנערקענט זיי אין זיין בריוו אַלס אַזוינע, וואָס האָבן די באַדייטונג בלויז פון פאָרשלאָגן, וואָס דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר דאַרף זיי באַטראַכטן. און יעטווידער פּרוּוו פונעם „בונד״ צו באַנוצן זיך מיט דער צייטווייליקער אָרגאַניזאַציאָנעלער אומאָרדענונג אין דער פּאַרטיי, קעדיי צו ענדערן „טיילווייז״ זיין לאַגע אין איר, וועלן אַלע, וועמען עס זיינען טייער די אינטערעסן פון דער רוסלענדישער באַוועגונג אינגאַנצן גענומען, באַגעגענען מיט אַלץ אַ גרעסערער פאַרורטיילונג, וואָס מער אַן אומשולדיקן כאַראַקטער מע סטאַרעט זיך איר צו געבן.

באַערנדיק אונדזער נאָטיץ מיט אַ גרויסן בריוו, קאָן ניט דער צ. ק. „ניט פאַרציכענען״, אַז אַ „דין־וועכעזשבן״ אין דער געזעצלעכקייט פון זיינע מייסים דאַרף דער „בונד״ קיינעם ניט אָפּגעבן, כוץ דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אָבער ניט בלויז אַ „דין־וועכעזשבן״, נאָר אויך אַן ענטפער אַף אונדזער נאָטיץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן, אייגנטלעך, פאַר אונדזערע לייענער, האָט קיינער פונעם צ. ק. ניט פאַרלאַנגט. די רעזאָליוציעס פונעם „בונד״, פונקט ווי ביכלאַל פון אַלע אָרגאַ־

ניזאציעס, הארפן איבערגעגעבן ווערן דעם פרייען פרעסע־געריכט, און עס פאָדערט זיך אַ היפּש ביסל פּאָליטישע ניט־דערצויגנקייט, קעדיי, ווען מע ענטפערט מיט אַ בריוו טאַקע אין אונדזער אָרגאַן אַף דער אופגעהויבענער פּאָלעמיק, אַנצוהייבן צו ריידן מיט אַ קינדערישער פאַריסנקייט וועגן דעם רעכט ניט צו געבן קיין „באַריכט". קיינער האָט דאָס אייך ניט געבעטן.

וואָס איז שייעך דעם ווונק אין דער זייט פון געוויסע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן ניט צוגעשטעלט גענוג רייעס וועגן זייער אָנגעהעריקייט צו דער פּאַרטיי, איז דאָ, דוכט זיך, רעדט זיך וועגן עמעצנס אויזפאַטאָרישקייט („נו, און אַ פּאַספּאָרט איז פאַראַן?"), אָבער איבער דער פראַגע וועגן „פּאַספּאָרט" וועט מען קאָנען ריידן דאַן, ווען דער צ. ק. וועט דערקלערן וועמען ער האָט געמיינט. מיר האָבן זיך גע־מאַכט פאַר אַ קלאָל צוגעווינען מענטשן זיי זאָלן מאַכן זייערע אָנפאַלן מוטיק און אָפן.

„איסקראַ" נומ. 8, 10־טער סענטיאַבער 1901 יאָר, ז. 17 — 19

דאָק. נומ. 4

צו דער פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער אווטאָנאָמיע און וועגן אַי־בערבויען די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אַף פעדעראַטיווע יעסוידעס

אויסגאַבע פונעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד

לאָנדאָן, פעווראַל — 1902 יאָר

„די נאַציאָנאַלע פראַגע געהערט צו יענע, וואָס זייער באַהאַנדלונג איז מער פון אַלץ פעיִק אופצוּוועקן די לייִדנשאַפטן און אַרויסצורופן מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אַפילע באַ די סאָציאַל־דעמאָקראַטן",—ווערט געזאָגט אין אָנהייב בראָשור, וואָס איר קעפּל האָבן מיר אָנגעשריבן. די ריכטיקייט פון דידאָזיקע ווערטער באַשטעטיקט אויך יענע ליטעראַרישע פּאָלעמיק, וואָס האָט אַרויסגערופן די דערשיינונג פון דער־דאָזיקער בראָשור. די איינגעהאַלטן און רויִק אָנגעשריבענע נאָטיץ אין דעם נומ. 7 „איסקראַ" וועגן די רעזאָלוציעס פון 4־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט אַרויס־גערופן זייער אַ שאַרפן בריוו אין רעדאַקציע מיצאַד דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", אַ בריוו, וואָס אַף אים האָט די רעדאַקציע געענטפערט ווי עס געהער צו זיין. אין דער בראָשור, וואָס ווערט באַטראַכט, פּיקירט זיך דער „בונד" אַף 23 זייטן קליינעם שריפט קליינלעך מיט דער „איסקראַ", פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט זיך גע־שטעלט דעם ציל צו באַווייזן קוידעמקאָל, אַז אין אים איז די „נאַציאָנאַלע פראַגע" „מער פון אַלץ פעיִק אופצוּוועקן די לייִדנשאַפטן".

צו אַזוינע לייִדנשאַפטן, וואָס ווערן לייכט אופגעוועקט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, געהערט צווישן אַנדערע יענער קרענקלעך־איבערטראַכטערישער געפיל, וואָס איז באַקאַנט די פאָרשטייער פונעם אונטערדריקטן פאָלק, וואָס צווינגט מיט איבע־ריקער שאַרפזעוודיקייט אַרויסצוגעפינען אין יעדער קריטיק פון דער אָדער יענער האַנדלונג מיצאַד די אָדער יענע פאָרשטייער פונעם אונטערדריקטן פאָלק — אַז

אויסדרוק פון פיינטלעכקייט צום דאָזיקן פּאָלק ביכלאַל, אָדער פון ניט גענוגער סימפּאַטיע צו זיין קאַמף קעגן אונטערדריקונג. די כאַוויירים, וועמען ס'איז אויסגעקומען צו פירן אין לעבן אַ קאַמף קעגן אייניקע טענדענצן אין דער טעטיקייט פון „בונד", פאַרשטייען, וואָס איך מיין. זיי איז גוט באַקאַנט, אַז אין אייניקע קרייזן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער יידישער אינטעליגענץ ווערט יעדעס וואָרט פון קריטיק אַפן בונדס אַדרעס אויפגענומען אַלס אויסדרוק פון פיינטלעכקייט צו די יידן ביכלאַל, און די מענטשן, וואָס זיינען שולדיק אין דערדאָזיקער קריטיק, ווערן זייער לייכט פאַרעכנט אין די רייען פון די, וואָס זיינען אָנגעשטעקט מיט „אַנטיסעמיטישע פאָרורטיילן", מעג מען אַפילע וועגן זיי בעפיירעש וויסן, אַז זיי אַליין זיינען יידן.

צום באַדויערן האָט זיך אין דעם בונדס נייער בראָשור אויך אַריינגעכאַפּט אַזאַ ניט אָנגענעמע טענדענץ. די „איסקראַ" האָט עפּעס אַמאָל געהאַט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז צווישן די דאָרעם־רוסישע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן ביז איצט געקעמפט אין איינע רייען מיטן רוסישן פּראָלעטאַריאַט, וועלן די נאַציאָנאַליסטישע איליוזיעס פון „בונד" ניט געפינען פאַר זיך קיין אָפּקלאַנג. מיט אַנדערע ווערטער: קאָנסטאַטירנדיק, אַז די איינציקע לעבנספעיִקע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער אין ליטע און פּוילן איז אַרויפגעטראָטן אַף אַ ניט־געווונטשענעם וועג, האָט די „איסקראַ" אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די יידישע אַרבעטער פון דאָרעם, וואָס האָבן ביז איצט געאַרבעט אין דיזעלבע אָרגאַניזאַציעס, ווו אויך די אָרטיקע אַרבעטער קריסטן, וועלן זיך ניט נעמען אויסטיילן אין אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע. און, ווירקלעך, די פראַגע וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען פון די יידישע און ניט־יידישע עלעמענטן אין דער דאָרעם־רוסישער באַוועגונג ווערט אַמערסטן באַרירט דורך יענע נייע שטרעמונגען אין „בונד", וועלכע האָבן זיך באַוויזן אַפן 4־טן צוזאַמענפאָר. די אָרגאַניזאַציאָנעלע זעלבשטענדיקייט פון „בונד" איז, לויט אונדזער מיינונג, אַרויסגערופן געוואָרן הויפּטזאַכלעך צוליב דעם, וואָס אינעם ראַיאָן פון זיין טעטיקייט האָט זיך די אַרבעטער־באַוועגונג צווישן די פּאָליאַקן און ליטווינער אַנטוויקלט מיט אַ באַזונדער וועג, ווייניק אָנרירנדיק די יידישע מאַסן, האָט זיך אַנטוויקלט אונטערן איינפלוס פון באַזונדערע טראַדיציעס, אין אַ באַזונדערער היסטאָרישער סוויווע. פאַרקערט, די באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער אין דאָרעם האָט זיך אָנגעהויבן גלייכצייטיק און פּאַראַלעל מיט דער באַוועגונג פון די רוסישע אַרבעטער און אין ענגער פאַרבינדונג מיט דערדאָזיקער באַוועגונג. עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך די מוירע, אַז די פּראָקלאַמירונג פון דער פולשטענדיקער זעלבשטענדיקייט פון דער באַוועגונג פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך ניט אָפּרופן מיט אַ דעזאָרגאַניזאַציע אין די אַרבעטער־גרופּעס פון די דאָרעם־רוסלענדישע שטעט.

דער „בונד" האָט אַף אַ מאָדנעם אויפן ניט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן זין פון דער אַפּעליאַציע פון „איסקראַ" צו די יידישע כאַוויירים פון דאָרעם. בלאָנדזשענדיק אין די פאַרשיידענע מעגלעכע אויסטייטשונגען פון דערדאָזיקער פראַזע, דערקלערט ער, אַגעוו: „אויב אָבער, וואָס אונדז איז זייער שווער צו דערלאָזן, די „איסקראַ" האָט געוואָלט זאָגן, אַז לעהייפעך צו די יידישע אַרבעטער פונעם דאָרעם, קעמפט ניט דער „בונד" סאָלידאַריש מיט די קריסטלעכע אַרבעטער, באַטייליקט זיך ניט צוזאַ־

מען מיט זיי אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף, גיט זיי ניט קיין כּאַווערישע אונטערשטיצונג, איז זאָל דאָס זיין פֿאַר איר אַ שאַנד. אַזוינע מינע פֿאַלשע, כאָטש פֿאַרבייגייענדיקגעוואָרפֿענע, באַמערקונגען, ווען זיי פֿאַלן אָפּ באָדן, וואָס איז אין אַ גענוגער מאָס באַאחבעט פֿונעם גאַנצן איצטיקן יודאָפֿאָבישן רעזשים, ווען ניט בלויז די אחבעטער, נאָר אויך די אינטעליגענטן זיינען אַבסאָליוט ניט באַקאַנט מיטן כאַראַקטער און מיטן פֿאַרנעם פֿון בונדס טעטיקייט, זיינען נאָך מער שעדלעך און פֿאַרדינען אַ נאָך האַרבערע פֿאַרורטיילונג" א. א. וו. (ז. 16).

אַלזאָ, קוירעמקאָל ווערט געגעבן די ווערטער פֿון „איסקראַ" אַ ווילקירלעכע אויסטייטשונג, וואָס וועגן איר איז געזאָגט געוואָרן, אַז עס איז „זייער שווער צו דערלאָזן" זי. נאָכהעם, דערלאָזנדיק די דאָזיקע שוועהדערלאָזבאַרע אויסטייטשונג, באַוואָפֿענען זיי זיך קעגן איר און מאַכן דעם אויספֿיר: „אַזוינע מינע באַמערקונגען" פֿאַלן אָפּן צוגעגרייטן באָדן פֿון יודאָפֿאָבנטום.

Ergo — די „איסקראַ" ווירקט אומדירעקט מיט דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון די יודאָפֿאָבישע פֿאָרורטיילן פֿון דער מאַסע ni plys ni moins. צוליב אַזאַ לייחנשאַפֿטלעכער באַציונג מיצאַד אונהזערע יידישע כאַווירים צו דער פֿראַגע, וואָס ווערט באַטראַכט, זאָגן מיר זיך אָפּ, קעדיי אונטערצוהאַלטן זייער אַ ייגענע זעלבסטווערדע, אויספֿירלעך צו שפּאָרן זיך וועגן יענע אַלע אָנפֿאַלן אַף דער „איסקראַ", וואָס מיט זיי איז פֿול זייער בראָשור. איבער דער עצעם-פֿראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פֿון יידן האָבן מיר גערעדט אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל, וואָס איז אָפּגעדרוקט אינעם זעלבן ביכל. מיר האָפֿן, אַז דער „בונד" וועט זיך באַציען Sine ira צו דעמדאָזיקן פּרינציפּיעלן אַנאַליז פֿון זייער פּאָזיציע און אַז די פּאָלעמיק וועגן דעמדאָזיקן אַרטיקל — אויב איר איז באַשערט צו אַנטשטיין — וועט ניט זיין קיין פּרוכטלאָזע. דעם בונדס בראָשור גיט גאָרניט צו מיצאַד דער פּרינציפּיעלער אַרגומענטאַציע צו דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין זיין באַריכט וועגן דעם 4-טן צוזאַמענפֿאָר, און די אַרגומענטאַציע פֿונעם דאָזיקן באַריכט איז גענוג באַטראַכט געוואָרן אינעם דערמאָנטן אַרטיקל.

עס וואָלט געווען זייער אַ שאָד, ווען די „לייחנשאַפֿטן", וואָס זיינען אויפֿגעוועקט געוואָרן בײַ די טוער פֿון „בונד", וואָלטן זיי געשטערט אויפֿמערקזאַם אין קאַלטבלוטיק אָפּצוּוועגן די גאַנצע באַדייטונג פֿון יענע נייע טענדענצן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען בײַ אים נאָך ביזן 4-טן צוזאַמענפֿאָר און האָבן געפֿונען אין זיינע רעזאָלוציעס אַ באַשטימטן אויסדרוק. ניט די אָפּשוואַכונג פֿון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און אידייִשער פֿאַרבינדונג צווישן דער באַוועגונג פֿונעם יידישן און רוסישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר איר אַנטוויקלונג און פֿאַרשטאַרקונג אַנטשפּרעכן די בעעמעס פֿאַרשטענדלעכע אינטערעסן פֿונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. און מיר ווייסן, אַז די נאָטיצן אינעם נומ. 7 און 8 „איסקראַ", טראָץ דער גאַנצער שאַרפֿקייט פֿון דער צווייטער פֿון זיי, האָבן ניט אַלע יידישע כאַווירים אויפֿגענומען אַלס אויסדרוק פֿון לעבאַטכילעדיקער פֿיינטלעכקייט צום „בונד".

צום שלום אייניקע ווערטער וועגן אַ שפּיצל פֿון ניט ליטעראַרישן כאַראַקטער, וואָס דער „בונד" האָט אָפּגעטאָן אין זיין פּאָלעמיק. ענטפֿערנדיק דער „איסקראַ",

האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט דערקלערט, אַז ער איז ניט מעכוייעוו צו געבן אַ באַריכט וועגן זיינע מייסים די גרופּעס, וואָס האָבן קיין רעכט ניט צוצורעכענען זיך צו דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די „איסקראַ" האָט געבעטן דערקלערן, וועמען מיינט עס דער „צענטראַל־קאָמיטעט". מיר ברענגען בוכשטעבליך דעם ענטפער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט אַף דעמדאָזיקן אַרויסרוף (ז. 21).

„צי איז דען געווען אַזוי שווער אַנצושטויסן זיך? דוכט זיך, וועגן קיינעם אַכוץ דער „איסקראַ" האָט זיך אינעם „בריוו" ניט גערעדט. אַז אַנדער טשיקאַווער לייענער וואָלט, זעענדיק אַזאַ וווּנדערבאַרע ניט־פאַרשטענדלעכקייט, געמיינט, ווערווייס, עפּשער האָט דער וווּנק געטראָפן ניט אין ברעם. ער וואָלט גענומען טראַכטן, וואָלט גענומען נאָכפרעגן זיך וועגן געזעצן און דעמאָלט וואָלטן באַ אים אַנטשטאַנען אַ ריי פראַגן. ער וואָלט זיך, לעמאָשל, געפרעגט וויאַזוי אַרום איז די צייטונג „איסקראַ" **אַריינגעפאַלן אין דער פּאַרטיי** (אונדזער קורסיוו), וואָס וועגן דעם ווערט געזאָגט אין איר קעפּל, וויבאַלד דער צענטראַל־קאָמיטעט, דאָס הייסט, דער אַנשטאַלט, וואָס האָט זי געדאַרפט אַריינפירן אין דער פּאַרטיי, איז שוין לאַנג ניטאָ? **איז דאָך אַ פּאַרטיי ניט קיין האָטעל, וווּהין יעדערער קאָן אַריינפאָרן און פאַרנעמען אַ נומער"** (אונדזער קורסיוו). „וויאַזוי אַרום איז די „איסקראַ" אַריינגעפאַלן אין דער פּאַרטיי" וועגן דעם, אַגעוו, ווערט דערציילט אין דער בראָשור „שטאָ דיעלאַט" („וואָס דאַרף מען טאָן") (זע ז. 121—122), וואָס פון איר איז צו זען, אַז זי איז „אַריינגעפאַלן" נאָך אַ גאַנצער ריי פאַרשלאַגן, וואָס זיינען געקומען אויך... פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". אונדז וואָלט שווער געווען מעשייער זיין, אַז די פּאָלעמישע היץ קאָן ברענגען די טוער, וואָס שטייען בעראָש פון אַן ערנסטער אָרגאַניזאַציע, צו אַזאַ אומפאַרשעמטן אָפּזאָגן זיך פון די פּאַרטייאישע שריט, וואָס זיינען פאַרגענומען געוואָרן באַ זייער אַקטיווסטן אָנטייל. נו, און מילדעס... די פראַזע וועגן „האָטעל" איז טאַקע זייער אַ בייסיקע, אָבער מיר פאַרשטייען ניט פאָלגנדיקן פּונקט: אויב דאָס אַריינטרעטן פון דער „איסקראַ" אין דער פּאַרטיי האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ ווירקלעכן פאַרנעמען אַ פרייען נומער, איז אַלם ווער, איינגנטלעך, האָבן די מיטגלידער פונעם צענטראַלן און אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" פאַנאַנדערגעעפנט פאַר איר די טירן פונעם דאָזיקן נומער, איינלאַדנדיק גאַסטפריינטלעך צו קומען אַף די (ניט פאַרגעקומענע) פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן?

„זאריא" נומ. 4, זייטן: 228, 229, 230.

דאָק. נומ. 5.

וועגן דער מעלדונג פון „בונד"

מיר האָבן נאָר וואָס באַקומען דעם נומער 106 פון די „לעצטע פּאַסירונגען" פון „בונד" (פון 21—8־טן יאַנוואַר), אין וועלכן עס איז פאַראַן אַ מיטיילונג וועגן זייער אַ וויכטיקן, אַנטשיידנדיקן און העכסט טרויעריקן שריט פונעם „בונד". עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין רוסלאַנד איז דערשינען אַ מעלדונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" וועגן דער מיטיילונג פונעם אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט. ריב־

טיקער, אגעוו, וואלט געווען זאגן: א מעלדונג וועגן דער אנמערקונג אין דער מיטיילונג פונעם א. ק., ווייל גראד וועגן דערדאזיקער איין אנמערקונג שרייבט דעריקער דער „בונד" אין זיין מעלדונג.

די מייסע איז אט אין וואס. ווי" אונדזערע לעזער ווייסן, האט דער א. ק. געזאגט אין אט דער שרעקלעכער „אנמערקונג", וואס צוליב איר (קלוימערשט צוליב איר!) האט זיך אופגעהויבן דער גאנצער טומל, בוכשטעבלעך פאלגנדיקעס:

„דעם „בונד" איז אויך פארגעלייגט געווארן צו שיקן זיינעם א פארשטייער אין א. ק., אבער צוליב סיבעס, פאר אונדז אומבאוווסטע, האט זיך דער „בונד" ניט אפגערופן אף אונדזער פארשלאג. מיר האפן, אז דידאזיקע סיבעס זיינען געווען ריין צופעליקע און דער „בונד" וועט גלייך שיקן זיין פארשטייער".

פרעגט זיך: וואס קאן זיין נאטירלעכער און אומשולדיקער פון דערדאזיקער אנמערקונג? ווי האט דער א. ק. געקאנט אנדערש האנדלען? פארשווייגן וועגן „בונד" וואלט געווען ניט ריכטיק, ווייל דער א. ק. האט אים ניט איגנארירט און האט אים אויך ניט געקאנט איגנארירן, קאלזמאן דער „בונד" גייט אריין, אפן סמאך פון דעם באשלוס פונעם פארטיי־צוזאמענפאר פון 1898 יאר, אין דער רוסלענדישער סאציאלדעמאקראטישער ארבעטערפארטיי. און אויב ניט פארשווייגן, איז דארף מען זאגן, אז מיר האבן איינגעלאדן. דוכט זיך, דאס איז קלאר? און נאך מער קלאר איז, אז אויב די סיבעס, פארוואס דער „בונד" האט געשוויגן, זיינען דעם א. ק. געווען אומבאוווסט, האט ער געמוזט טאקע זאגן: „צוליב סיבעס, פאר אונדז אומבאוווסטע". צוגעבנדיק די ווערטער: „מיר האפן, אז די סיבעס זיינען געווען ריין צופעליקע און אז דער „בונד" וועט גלייך שיקן זיין פארשטייער", האט דער א. ק. אפן געמאלדן וועגן דעם ווונטש צו ארבעטן אינאיינעם מיטן „בונד" איבער ארגאניזירן דעם צוזאמענפאר און ווידערופשטעלן די פארטיי.

קלאר, אויב דער „בונד" וואלט אויך געהאט דעמזעלבן ווונטש, וואלט איס בלויז פארבליבן צו שיקן זיין פארשטייער, וועלכן מע האט איינגעלאדן סיי הורך א קאנספיראטיוון וועג, סיי אין א געדרוקטער מעלדונג. אנשטאט דעם, פארפירט דער „בונד" א פאלעמיק מיט אן אנמערקונג (!!) און גייט איבער אין א געדרוקטער מעלדונג באזונדער און סעפאראט זיינע מיינונגען און זיינע אנשווונגען אף די אופגאבן פונעם א. ק., אף די באדינגונגען פונעם צונויפרופן דעם צוזאמענפאר. פריער, איידער באטראכטן די „פאלעמיק" פונעם „בונד", איידער אנאליזירן זיינע אנשווונגען, מוזן מיר אפן אנטשיידנדיקסטן אויפן פראטעסטירן קעגן דער ארויסטרעטונג פונעם „בונד" מיט א באזונדערער געדרוקטער מעלדונג, ווייל דידאזיקע ארויסטרעטונג איז אויוועק אף די עלעמענטארסטע רעכט פון געמיינזאם פירן די רעוואליוציאנערע זאך און באזונדערס די ארגאניזאציאנס־זאך. איינס פון די צוויי, מיינע הערן: אדער איר ווילט ניט ארבעטן אין איין אלגעמיינעם א. ק., און דעמאלט וועט, פארשטייט זיך, קיינער קיין טיינעס ניט האבן פאר אייערע סעפאראטע ארויסטרעטונגען. אדער איר ווילט יא ארבעטן אינאיינעם, און דעמאלט זייט איר מעכויעד ארויסצוזאגן אייערע מיינונגען ניט

באזונדער פארן אוילעם, נאר פאר די כאווירים פון א. ק., און דערהאזיקער א. ק. טרעט שוין ארויס, אלס א גאנצעס, עפנטלעך.

דער „בונד“ אליין זעט, פארשטייט זיך, אויסגעצייכנט, אז זיין ארויסטרעטונג שטייט אין דעם שארפסטן ווידערשפרוך מיט אלע קלאלים פון כאווערייש פירן א געמיינזאמע זאך, און ער פרווט זיך אנווענדן די פאלגנדיקע, שוין גאר שוואכע בארעכטיקונג: „אזוי ווי מיר האבן ניט געהאט קיין מעגלעכקייט אויסצודריקן אונדזערע אנשויונגען אף די אופגאבן פונעם פארשטייענדיקן צוזאמענפאר ניט דורך פערזענלעך אנטיילנעמען אין דער באראטונג, ניט דורך אנטיילנעמען אין רעדאגירן די „מיטיילונג“, זיינען מיר געווען געצוווּנגען כאטש ביז א געוויסער מאס צו פארפולן דעמדאזיקן בלויז אין דערהאזיקער מעלדונג“. פרעגט זיך, צי ווערט טאקע דער „בונד“ ערנסט מיינען פארזיכערן, אז ער „האט ניט געהאט קיין מעגלעכקייט צו שיקן א בריוו אין א. ק. אדער שיקן א בריוו אין פעטערבורגער קאמיטעט? און דער ארגאניזאציע פון „איסקרא“, און „יוזשני ראבאטשי“? און שיקן א דעלעגאט אין איינער פון דידאזיקע ארגאניזאציעס איז אויך ניט געווען קיין מעגלעכקייט? צי האט זיך דער „בונד“ געפרווט צו מאכן לעפאכעס איינעם פון אט די „אומגליקלעך“-שווערע שריט, באזונדערס, מיסטאמע, שווערע פאר אזא שוואכינקער, אומדערפארענער ארגאניזאציע, וועלכע האט ניט קיינע שום פארבינדונגען, ווי דער „בונד“?

ניטא וואס צו שפילן זיך אין באהעלטעניש, מיינע הערן! דאס איז סיי ניט קלוג, סיי ניט ווירדיק. איר זייט ארויסגעטראטן סעפעראט, ווייל איר האט געוואלט ארויסטרעטן סעפעראט. און איר האט געוואלט ארויסטרעטן סעפעראט, קעדיי מיטאמאל צו באווייזן און דורכפירן אייער באשלוס אוועקצושטעלן אף א נייעם באדן די באציונגען צו די רוסישע כאווירים: ניט אריינצוגיין אין דער רוסלענדישער סאציאל-דעמאקראטישער ארבעטער-פארטיי אפן סמאך פונעם סטאטוט פון 1898-טן יאר, נאר געפינען זיך אין א פעדעראטיוון בונד מיט איר. אנשטאט צו באהאנדלען דידאזיקע פראגע אויספירלעך און אלזייטיק פארן גאנצן צוזאמענפאר, ווי דאס האבן געוואלט טאן מיר, וועלכע האלטן זיך שוין זייער לאנג אפ פון פארזעצן די פאלעמיק, וועלכע מיר האבן אנגעהויבן איבער דער פראגע וועגן פעדעראטיווקייט און נאציאנאליטעט,—ווי דאס האבן, בליסאפעק, געוואלט טאן אלע אדער די קאלאסאלע מערהייט פון די רוסישע כאווירים, אנשטאט דעם האט איר אראפגעריסן די געמיינזאמע באהאנדלונג. איר זייט ארויסגעטראטן ניט ווי א כאווער פון פעטערבורג, פון דארעם, פון „איסקרא“, וועלכער וויל איינעם מיט זיי באהאנדלען (סיי פארן צוזאמענפאר, סיי אפן צוזאמענפאר) די בעסטע פארם פון באציונגען,—איר זייט ארויסגעטראטן גלייך ווי א צאד, באזונדער פון אלע מיטגלידער פון דער רסדא"פ, וועלכער שטעלט זיינע באדינגונגען דערדאזיקער גאנצער פארטיי.

מיט געוואלד וועסטו ניט געפעלן ווערן,—זאגט א רוסיש שפריכווארט. אויב דער „בונד“ וויל ניט פארבלייבן אין דעם ענגסטן צוזאמענבונד מיט דער רוסל. סאצ. דעמ. ארבעטער-פארטיי, וועלכן עס האט ריכטיק אנגעמערקט דער צוזאמענפאר פון 1898-טן יאר, וועט ער, פארשטייט זיך, ניט פארבלייבן אין די

אלטע באציונגען. מיר לייקענען ניט אפ זיין „רעכט" דורכצופירן זיין מיינונג און זיין ווונטש (מיר וועלן ביכלאל ניט אן אן דער עקסטער נויט קיין רייד וועגן „רעכט" אין א רעוואליוציאנערער זאך). נאר מיר באדויערן זייער, וואס דער „בונד" האט פארלארן יעדן געפיל פון טאקט, דורכפירנדיק זיין מיינונג דורך א באזונדערער עפנטלעכער ארויסטרעטונג אין דערזעלבער צייט, ווען מע האט אים איינגעלאדן אין דער געמיינזאמער ארגאניזאציע (א. ק.), וועלכע זאגט ניט ארויס פון פריער קיין שום קאטעגארישע מיינונג וועגן דערדאזיקער פראגע און וועלכע רופט צונויף דעם צוזאמענפאר גראד אף צו באהאנדלען אלע און קאלערליי מיינונגען.

דער „בונד" האט געוואלט פראוואצירן אף טייקעף ארויסזאגן זייער מיינונג אלעמען, ווער עס קוקט אנדערש אף דער פראגע. איז זאל זיין אזוי! פון דעם וועלן מיר, פארשטייט זיך, זיך ניט אפזאגן. מיר וועלן זאגן דעם רוסישן און ווען ספעציעל איבערכאזערן דעם יידישן פראלעטאריאט, אז די איצטיקע פירער פונעם „בונד" באגייען אן ערנסטן פאליטישן פעלער, וועלכן עס וועט, בליספעק, פאריכטן די צייט, עס וועט פאריכטן די דערפארונג, עס וועט פאריכטן דער וווקס פון דער באוועגונג. אמאליקע יארן האט דער „בונד" געשטיצט דעם עקאנאמיזם, האט מיטגעהאלפן דער שפאלטונג אין אויסלאנד, ער האט אנגענומען באשלוסן, אז דער עקאנאמישער קאמף איז דאס בעסטע מיטל פון פאליטישער אגיטאציע. מיר פלעגן פראטעסטירן קעגן דעם און פלעגן קעמפן. און דער קאמף האט געהאלפן אויסבעסערן די אלטע פעלערן, פון וועלכע עס איז איצט, מסתמא, אפילע קיין שפור ניט פארבליבן. מיר האבן געקעמפט קעגן די טעראריסטישע פארבלענדענישן, וועלכע האבן, ווייזט אויס, געפעלט זיך נאך אסאך גיכער. מיר זיינען זיכער, אז עס וועלן פארבייגיין אויך די נאציאנאליסטישע פארבלענדענישן. דער יידישער פראלעטאריאט וועט, ספאפקאלסאף, פארשטיין, אז די ענגסטע איינִיקייט מיטן רוסישן אין איין פארטיי ווערט געפאדערט דורך זיינע ברענענדיקסטע אינטערעסן, אז עס איז דער גרעסטער אומזין צו אנטשיידן פון פריער, צי וועט די עוואליוציע פונעם ייהנטום אינעם פרייען רוסלאנד זיך אונטערשיידן פון זיין עוואליוציע אין דער פרייער איירָאפע, אז דער „בונד" דארף ניט גיין ווייטער פון דער פאדערונג (אין דער רוסלענד. סאצ. דעמ. ארבעטער-פארטיי) פון יענער פולקומער אויטאנאמיע אין די אינינאנים, וועלכע האבן א שייכעס צום יידישן פראלעטאריאט, וועלכע איז פולקום אנערקענט געווארן דורכן צוזאמענפאר פון 1898-טן יאר און וועלכע קיינער האט קיינמאל ניט אפגעלייקנט.

לאמיר זיך איבער אומקערן צו דער מעלדונג פונעם „בונד". די אנמערקונג צו דער „מיטיילונג" פונעם א. ק. רופט ער אן א „צווייזייטיקע". דאס איז א ליגן, וואס שטייט אפן גרענעץ פון א אינסינואציע. דער צ. ק. פון „בונד" אנערקענט אליין מיט א פאר שורעס ווייטער, אז „די סיבעס, פארוואס אונדזער פארשטייער איז ניט געווען אף דער באראטונג, זיינען ריין צופעליקע". און וואס האט געזאגט דער א. ק.? ער האט אויסגעדריקט די האפענונג, אז דער פארשטייער פונעם „בונד" איז ניט געקומען צוליב א צופעליקער סיבע. איר באשטעטיקט אליין זיין האשארע און גלייך בייזערט איר זיך. פארוואס? ווייטער. דאס צופעליקע קאן

קיינער ניט וויסן פון פאַרויס. הייסט עס, אַז די ווערטער פונעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", אַז דער אַ. ק. האָט, קלוימערשט, געוווּסט די סיבעס, וועלכע האָבן געשטערט צו קומען, זיינען אַבסאָליוט ניט באַגרינדעטע. דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" שפּילט ביכלאַל זייער ניט קיין אָנשטענדיקע ראָלע אין דער האָזיקער געשיכטע. דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" גיט צו צו דער מעלדונג פון צ. ק. פון „בונד" אויסטראַכטעניש, וועלכע שטייען פּאַשעט אין אַ סטירע אַפילו מיט די רייד פונעם צ. ק. גופא! וויאַזוי האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" געקאָנט דערגיין, אַז דער אַ. ק. האָט געוווּסט די סיבעס, פאַרוואָס דער „בונד" איז ניט געווען, ווייבאַלד עס איז איינגעלאַדן געוואָרן דער צ. ק. (און ניט דער אויסל. קאָמיטעט) פון „בונד"? ווייבאַלד דער צ. ק. פון „בונד" גופא שרייבט, אַז די סיבעס פון דער אָפּוועזנהייט זיינען ריין צופעליקע??

„מיר זיינען זיכער,—זאָגט דער צ. ק. פון „בונד",—אַז אויב די איניציאַטאָרן פון דער באַראַטונג וואָלטן זיך עטוואָס מער אָנגעשטרענגט, וואָלטן די דאָזיקע צופעליקע סיבעס ניט געקאָנט שטערן אונדז אָפּצורופן זיך". ...מיר וואָלטן געפרעגט יעדן אָנפּגיעסדיקן מענטשן: אויב צוויי כאַווייִרים, וועלכע קלייבן זיך צוזאַמענפאָרן זיך אין אַ. ק., אָנערקענען איינשטימיק, אַז די סיבעס, וועלכע האָבן געשטערט דער באַגעגעניש, זיינען געווען „ריין צופעליקע", צי איז דען קעדיי, צי פּאַסט עס דען אויפצוהייבן אַן עפנטלעכע פּאָלעמיק וועגן דעם, ווער איז מער שולדיק אין דעם ניט קומען? פון אונדזער זייט וועלן מיר באַמערקן, אַז מיר האָבן שוין לאַנג אויסגעדריקט (ניט אין דער פּרעסע, פאַרשטייט זיך, נאָר אין אַ בריוו) אונדזער באַדויערן וועגן דער אָפּוועזנהייט פונעם „בונד", און מע האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז דער „בונד" איז איינגעלאַדן געוואָרן צוויי מאָל: ערשטנס, דורך אַ בריוו און, צווייטנס, דורך אַ פּערזענלעכער מיטיילונג דורכן ...ער קאָמיטעט פון „בונד".

דער דעלעגאַט איז געקומען קימאַט אין אַ כוידעש אַרום נאָך דער באַראַטונג, קלאָגט זיך דער „בונד". יאָ, דאָס איז טאַקע אַ שרעקלעכער פאַרברעכן, וועגן וועלכן מע דאַרף, פאַרשטייט זיך, שרייבן אין דער פּרעסע, ווייל ער שטרייכט באַזונדערס בולעט אונטער די פּינקטלעכקייט פונעם „בונד", וועלכער האָט זיך ניט צוגעקליבן צו שיקן אַ דעלעגאַט אַפילו אין צוויי כאַדאָשים אַרום!

דער דעלעגאַט „האָט ניט אויסגעפירט זיין צוזאָג" צו שיקן די „מיטיילונג" פונעם אַ. ק., אין קסאַוויאַד אָדער געדרוקט, נאָר ניט אַנדערש פאַרן פאַרשפּרייטן אים... מיר ראָטן אונדזערע רוסישע כאַווייִרים ניט צו ריידן מיט געוויסע מענטשן אָן פּראָטאָקאָלן. מיר האָבן אויך געהאַט אַ צוזאָג פון דער אָרגאַניזאַציע פון „איסקרא" צו שיקן אונדז סיי די קסאַוויאַדן, סיי דעם געדרוקטן עקזעמפּליאַר פון דער „מיטיילונג", פונדעסטוועגן האָבן מיר דעם קסאַוויאַד גאָרניט געהאַט, און דעם געדרוקטן עקזעמפּליאַר האָבן מיר דערזען פיל שפּעטער, איידער די מיטגלידער פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן ניט קיין באַציִונגען מיט דער אָרגאַניזאַציע פון „איסקרא". זאָלן די בונדיסטן לייזן די פראַגע, צי וואָלט עס געווען אָנשטענדיק פון אונדזער זייט, אויב מיר וואָלטן אָנגעהויבן אין דער פּרעסע באַשולדיקן די אָרגאַניזאַציע פון „איסקרא" אין ניט האַלטן איר צוזאָג? דער דעלע־

גאַט פון אַ. ק. האָט צוגעזאָגט דעם צ. ק. פון „בונד" גלייך אָנשרייבן דעם כּאַוועד, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט דרוקן די „מיטיילונג", וועגן פאַרהאַלטן דאָס־דאָזיקע חרוקן: אָט דאָס איז געווען דער ווירקלעכער צוזאָג (אַף וויפל מיר קאָנען אורטיילן לויט אונדזערע ידיעות). ער איז אויסגעפירט געוואָרן, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך צו פאַרהאַלטן דאָס דרוקן, ווייל עס איז קיין צייט ניט פאַרבליבן צו פאַרבינדן זיך מיט דער טעכניק.

מיר רעזומירן: די איניציאַטאָרן פון אַ. ק. האָבן געשיקט בריוו, האָבן פער־זענלעך מיטגעטיילט דורכן ...ער קאָמיטעט, האָבן געשיקט אַ דעלעגאַט אין צ. ק. פון „בונד", און דער „בונד" האָט אין מעשעך פון כאָדאָשים ניט געשיקט קיין איין בריוו, אָפּגערעדט שוין וועגן שיקן אַ דעלעגאַט! און דער „בונד" טרעט נאָך אַרויס אין דער פּרעסע מיט באַשולדיקונגען! און דער אויסל. קאָם. פון „בונד" האָט נאָך די מעשונעדיקייט צו פאַרזיכערן, אַז „מעשונעדיק" האָבן זיך אופגע־פירט די איניציאַטאָרן פון דער באַראַטונג, אַז זייערע מייסים שטייען אין אַ שאַרפן ווידערשפּרוך מיט זייער ציל, אַז זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַן „איילעניש" (דער צ. ק. פון „בונד" באַשולדיקט, פאַרקערט, אין לאַנגזאַמקייט!), אַז זיי ווען „מאַכן דעם איינדרוק", אַז דער „בונד" האָט זיך קלוימערשט „באַצויגן איגדיפערענט"!!

אונדז פאַרבלייבט נאָך צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן באַשולדיקן דעם אַ. ק. אין דעם, אַז ער האָט ניט געמאַכט דעם „איינציק ריכטיקן אויספיר", וועלכער באַשטייט אין פאָלגנדיקן: „וויבאַלד די פאַרטיי עקזיסטירט ניט פאַקטיש, דאַרף דער פאַרשטייענדיקער צוזאַמענפאָר טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ גרינדונגס־צוזאַ־מענפאָר, און דערייבער דאַרף דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין אים געהערן אַלע עקזיסטירנדיקע אין רוסלאַנד סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציעס, סיי פון דער רוסישער, סיי פון אַלע איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן". דער „בונד" פּרוווט זיך אַרומגיין דעם אומאָנגענעמען פאַר אים פאַקט, וואָס, ניט האָבנדיק קיין איינהייטלעכן צענטער, עקזיסטירט די רוסלענד. סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פאַרטיי אין אַ ריי קאָמיטעטן און אָרגאַנען, זי האָט דעם „מאַניפעסט" און דעם באַשלוס פונעם ערשטן צוזאַמענפאָר, אַף וועלכן עס האָבן, אַגעוו, אויך אין נאָמען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט געהאַנדלט מענטשן, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט אַרויסגעוויזן פאַר קיין בעריעס אין עקאָנאָמישע, טעראָריסטישע און נאַציאָנאַליסטישע וואַקלונגען. מיט דעם, וואָס דער „בונד" האָט פאָרמעל אַרויסגערוקט די „רעכט" פון „אַלע" נאַציאָנאַליטעטן אַף גרינדן די שוין לאַנג געגרינדעטע סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פאַרטיי, באַשטעטיקט ער באַשיימפערלעך, אַז דאָפּקע צוליב דער פראַגע וועגן דער באַרימטער „פעדעראַציע" האָט ער טאַקע אופגעהויבן די גאַנצע מייסע. אָבער ניט דער „בונד" האָט געהאָפט אָנהייבן ריידן וועגן דעראָזיקער פראַגע, און ניט וועגן „רעכט" דאַרף דאָ זיך האַנדלען צווישן ערנסטע רעוואָליוציאָנערן. דאָס, וואָס אָפן טאָג־סיידער שטייט די באַהעפטונג און די פאַראייניקונג פונעם הויפּטיקערן פון דער רוסל. סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פאַרטיי, דאָס איז אַלעמען באַוווסט. מע קאָן ניט ניט מיטפילן דער פאַרשטייערשאַפט פון „אַלע" נאַציאָנאַליטעטן אַפן צוזאַמענפאָר, אָבער מע טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז וועגן פאַרברייטערן דעם קערן אָרגאַ־

וועגן זיין בונד מיט אנדערע אָרגאַניזאַציעס, קאָן מען טראַכטן ערשט נאָך דעם, ווי ס'וועט זיך פאַרענדיקן די אויסבילדונג פון דעמאָקראַטישן קערן (אָדער נאָך זיין זיכערער פאַרפעסטיקונג). קאָלזמאַן מיר זיינען אַליין ניט געוואָרן איינהייט־לעך אָרגאַניזאַציאָנעל און האָבן זיך ניט געשטעלט פעסט אַף אַ זיכערן וועג, וועט די פאַראייניקונג מיט אונדז גאָרניט ניט געבן „אַלע איבעריקע" נאַציאָנאַליטעטן! און דאָס באַשליסן די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט (און ניט וועגן דעם „רעכט", מיינע הערן!) פון דער פאַרשטייערשאַפט פאַר „אַלע איבעריקע" נאַציאָנאַליטעטן אַף אונדזער צוזאַמענפאָר הענגט אָפּ פון אַ גאַנצער ריי טאַקטישע און אָרגאַני־זאַציאָנעלע שריט פון אַ. ק. און פון די רוסישע קאָמיטעטן, דאָס הענגט אָפּ, מיט איין וואָרט, פונעם דערפאָלג פון דער טעטיקייט פונעם אַ. ק. און דאָס, אַז דער „בונד" האָט גלייך פון אָנהייב אָן געזען צו שטעלן מעניעס דעם אַ. ק. — דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט.

„איסקרא" נומער 33, פון 1־טן פעווראַל 1903־טן יאָר.

דאָקי נומ. 6.

רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער־פּארטיי

פּראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

צו די יידישע ארבעטער פון דער שטאָט קאטערינאָסלאוו

די אַנומלטיקע שטרייקן פון די יידישע שוסטער, יידישע שניידער, יידישע סטאָליער, שטעפּער בײַ אונדז אין שטאָט האָבן געדאַרפט עפענען די אויגן אַלע אָרטיקע יידישע אַרבעטער, האָבן זיי געדאַרפט באַווייזן, באַלערן זיי, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט די באַלעבאָמייסע וועגן דעם איינהייטלעכן און ניטצעטיילבאַרן יידישן פאָלק — די באַלעבאָמייסע, וואָס די ציאָניסטן פאַרשפּרייטן און האַלטן אונטער.

אין אונדזער געזעלשאַפט, וואָס ווערט צעפּליקט אַף טיילן צוליב די פאַרשיי־דענע קעגנזעצלעכע אינטערעסן, איז ניטאָ מער קיין איינהייטלעך פאָלק, איז ניטאָ מער קיין איינהייטלעכע נאַציע. יעדע נאַציע טיילט זיך אַצינד אַף צוויי הויפּט־קלאַסן, וואָס מע קאָן זיי באַטראַכטן אַזויווי צוויי באַזונדערע נאַציעס: רייכע, אונטערנעמער, קאַפּיטאַליסטן — עקספּלואַטאַטאָרן און אָפּן קלאַס עקספּלואַטירטע לוין־אַרבעטער. די הויפּט־לעבנס־אינטערעסן פון די דאָזיקע צוויי קלאַסן אין יעדער נאַציע באַזונדער זיינען ניט בלויז פאַרשיידן, נאָר אָפילע שאַרף קעגנזעצלעך צווישן זיך. אָט דאָס זאָגן טאַקע, וועגן דעם טיינען טאַקע איין פאַר די אַרבעטער די סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

טוט אַ קוק, צי איז פאַראַן אַסאַך עמעס אין די ווערטער פון די יידישע „פּאַ־טריאָטן", ציאָניסטן, ווען זיי שמועסן וועגן דער איינהייט פון די אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק. צי זעט איר דען ניט, צי פילט איר דען ניט,—אַף אייערע אייגענע רוקנס, צי פילט איר ניט,—אַז דער יידישער באַלעבאָס איז אייך ניט

קיין ברודער, נאָר קוידעמקאָל אַן עקספּלואַטאַטאָר פון אייער מי, דער אַרויס־פּרעסער פון אייער שווייס, פון אייערע קרעפטן און געזונט? נאָר עפּשער זיינען די באַלעבאַטים ציאָניסטן, די שעקעל־צאָלער, די אַקציאָנערן פונעם יידישן באַנק, מיט איין וואָרט יענע, וועלכע, דוכט זיך, האַלטן נאָר אין איין טראַכטן, האַלטן נאָר אין איין ריידן וועגן דעם וווילזיין פונעם יידישן פאָלק, עפּשער זיינען די באַלעבאַטים ציאָניסטן בעסער פון די באַלעבאַטים ניט־ציאָניסטן, בעסער פון די באַלעבאַטים ניט־יידן?

יידן — אַרבעטער! אין קאַטערינאָסלאַוו זיינען פאַראַן ניט ווייניק אָנגעזעענע באַלעבאַטים ציאָניסטן, און אַלעמען איז באַוווּסט ווי שלעכט, ווי עקלהאַפט עס לעבט זיך בײַ זיי דעם יידישן אַרבעטער. און ניט בלויז אין קאַטערינאָסלאַוו אַליין איז עס אַזוי. ווער האָט ניט געהערט דעם נאָמען פונעם באַוווּסטן ציאָניסט, דעם טייערהענדלער וויסאָצקי? אָבער ניט אַלע ווייסן מיסטאָמע, אַז דער דאָזיקער ציאָניסט עקספּלואַטירט גלייך אומענטשלעך די האָרעוואַניע פון זיינע „ברידער", אַרבעטער־יידן אין אָדעס און די האָרעוואַניע פון די אַרבעטער ניט־יידן, — רוסן, טאָטערן — אין מאָסקווע. מיט אַ יאָר צוויי צוריק האָט בײַ וויסאָצקין אין אָדעס אויסגעבראָכן אַ שטרייק. און דער דאָזיקער יידישער פּאַטריאָט, דער דאָזיקער הייסער ציאָניסט האָט זיך ניט געשעמט צו ווענדן זיך נאָך הילף טאַקע קעגן זיינע ברידער — יידן... צום אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק — דעם פאַרביסענעם סוינע פון די יידן! און וואָס נאָר האָבן אָדאַנק זייער יידישן באַלעבאָס דעמאָלט ניט איבערגעלעבט די יידן שטרייקער, וואָסערע באַליידיקונגען, דערנידעריקונגען האָבן זיי ניט איבערגעטראָגן? — „זשידעס, אַף די קני!" — אַזוי האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן די שטרייקער דער גראַדאָנאַטשאַלניק, וואָס וויסאָצקי האָט אים איינגעלאַדן. אָט נאָר ניט לאַנג, ערשט היינטיקן זומער, איז בײַ דעמזעלבן וויסאָצקין באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אַן אַלטער יידישער אַרבעטער, וואָס דער באַלעבאָס האָט אים נאָך לאַנגע יאָרן אַרבעט אַרויסגעוואָרפן אַף דער גאַס. און אַזוינע וויסאָצקיס — גרויסע און קליינע — זיינען צווישן די באַלעבאַטים ציאָניסטן פאַראַן אַסאַך, זייער און זייער אַסאַך. אין ליטע, אין דווינסק, לעמאָשל, איז פאַראַן אַן אייגענער וויסאָצקי, נאָר מיט דער פאַמיליע זאַקס, אַ באַוווּסטער שוועבעלעך־פאַבריקאַנט — ציאָניסט. אין זיין פאַבריק אַרבעטן קימאַט אויסשליסלעך יידן און יידישע פרויען. איז אָט — איבער דער גאַנצער גרויסער ליטע, צווישן די ניט ווייניקע יידן עקספּלואַטאַטאָרן איז דער נאָמען פונעם ציאָניסט זאַקס באַזונדערס באַרימט אַלס עקספּלואַטאַטאָר שעבע־עקספּלואַטאַטאָר. מיט אייניקע יאָר צוריק זיינען די יידישע אַרבעטער און אַרבעטערנס אין זאַקס פאַבריק, בײַ אַ 600 מאַן, געבראַכט געוואָרן צו פאַרצווייפלונג און האָבן איינגעאָרדנט אַ שטרייק. צו וועמען האָט זיך געווענדעט דער יידישער פּאַטריאָט, קעדיי צו אונטערדריקן דעם שטרייק, קעדיי איינצושטילן די איניציאַטאָרן, קעדיי אַרויסצוזוצן פון שטאָט די פירער, „בונטאָווּשטשיקעס"? צו וועמען, אויב ניט צו די פאַרביסענע סאָנים פונעם יידישן פאָלק, צו די פאַרשטייער פון דער צאַרישער רעגירונג?

יידן — אַרבעטער! צי זיינען ניט גערעכט די סאָציאַליסטן, ווען זיי לאַכן פון דער ציאָניסטישער באָבע־מייסע וועגן דער געמיינזאַמקייט פון די אינטערעסן פו־

נעם יידישן פאָלק? צי זיינען ניט גערעכט די סאָציאַליסטן, ווען זיי זאָגן: „עס איז ניטאָ קיין איינהייטלעך יידיש פאָלק, נאָר עס איז פאַראַן אַזוינע צוויי יידישע פעלקער. פון איין זייט — אַ פאָלק יידן אונטערנעמער, עקספּלואַטאַטאָרן פון פרעמדער און מערסטנטייל טאָקע יידישער האָרעוואַניע, און פון דער צווייטער זייט — דאָס יידישע אַרבעטער־פאָלק. אָבער די אינטערעסן פונעם יידישן אַרבעטער־פאָלק, פון דער יידישער האָרעפּאַשנער מאַסע זיינען דיזעלבע וואָס די אינטערעסן פון אַלע ניט־יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן. אינדערעמעסן, צי זעען מיר ניט, וויאַזוי די אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, פון פאַרשיידענע שפּראַכן און רעליגיעס קעמפן שוין צענדליקער יאָרן אין אַלע געבילדעטע לענדער האַנט בײַ האַנט קעגן דעם געמיינזאַמען סוינע, קעגן די באַלעבאַטים עקספּלואַטאַטאָרן און זייערע פאַרבינדעטע רעגירונגען, וואָס זיינען פיינטלעך דעם אַרבעטער־קלאַס? און זעען מיר דען ניט דאָסזעלבע די לעצטע יאָרן אויך בײַ אונדז? בלויז דער, ווער עס פאַרמאַכט בעקיוון די אויגן אַזוי ווי אַ ציאָניסט, ווער עס וויל ניט זען, אָדער פאַרשטייט ניט וואָס ער זעט, קאָן אָפּלייקענען די עקזיסטירנדיקע אחדות פון די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען.

בלויז די ציאָניסטן, וואָס פאַרקריפּלען בעקיוון די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, די גאַנצע איצטיקע געשיכטע פון דער מענטשהייט, קאָנען איבערכאַזערן די ווערטער, וואָס זיי האָבן גענומען אַף פּראָקאַט בײַ די אַנטיסעמיטן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט עקזיסטירט און וועט אייביק עקזיסטירן. אַט דאָס באַהויפּטן קאָנען, פאַרשטייט זיך, בלויז אַזוינע אומווייסנדיקע מענטשן, וואָס ווילן ניט דערגיין די סיבעס פונעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווילן ניט אָדער קאָנען ניט פאַרשטיין, אַז מיטן ענדערן זיך פון די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען דאַרפן די דאָזיקע סיבעס פאַרשווינדן ווערן און צוזאַמען מיט זיי אויך דער אַנטיסעמיטיזם.

וואָס זיינען אָבער די סיבעס פונעם אַנטיסעמיטיזם? דער אַנטיסעמיטיזם פון אונדזער צייט דאַרף רעכענען פאַר זיין היימלאַנד דייטשלאַנד, און פאַר זיין פאָטער — דעם בערלינער גאַלעך שטעקער. באַוויזן האָט ער זיך אינמיטן פון די 70־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט אַלס רעזולטאַט פון אַ שרעקלעכן האַנדל־אינדוסטריעלן קריזיס, וואָס דייטשלאַנד האָט איבערגעלעבט אין יאָר 1873. דער דאָזיקער קריזיס, ווי דאָס טרעפט שטענדיק, האָט זיך באַזונדערס פילבאַר אָפּגערופן אַף די האַנטווערקער, אַף די קליינע און מיטלע הענדלער. די יידן האָבן דעמאָלט פאַרנומען אין דייטשלאַנד אַ גאַנץ אָנגעזעען אָרט אין די פינאַנסן, אינעם האַנדל און אין דער אינדוסטריע. אַף דעמדאָזיקן באָדן איז עס אויסגעוואַקסן דער אַנטיסעמיטיזם, ד. ה. די סינע צום יידן מיצאַד די קליינע און מיטלע קאַפּיטאַליסטן ווי צו אַ קאָנקורענט.

פון דייטשלאַנד האָט די דאָזיקע באַוועגונג אַריבערגעוואַנדערט אין אַנדערע לענדער און האָט אומעטום געפונען אָנהענגער, דאַפקע צווישן די בורזשואַזיע, אָבער ניט בײַ די אַרבעטער־שיכטן פון דער באַפעלקערונג. צו דערזעלבער באַוועגונג פלעגן שטענדיק צושטיין אַלע רעאַקציאָנערע, אַלע אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן אין לאַנד: די גאַלאָכים, מאָנאַרכיסטן, די סאָנים פון פאָלק. טוט אַ קוק אַף פראַנקרייך, דערמאָנט זיך דעם באַרימטן דרייפוס־פּראָצעס. ווער האָט געשפּילט אין דעמאָ־

זיקן פראצעס די סאמע שענדלעכסטע און צוזאמען דערמיט די סאמע יודאפאבישע ראליע? ווער, אויב נית די גאלאכים, מאנארכיסטן, רעאקציאנערן, וואס האבן זיך פארייניקט אונטער איין אלגעמיינעם נאמען „נאציאנאליסטן". און בא אונדז אין רוסלאנד? אזוינע צייטונגען, ווי די „נאוואיע ווערעמיא" און „מאסקאווסקיע ווערדאמאסטי", נית בלויז וואס זיי פריידיקן דעם אנטיסעמיטיזם, נאר קוידעמקאל פארווארפן זיי מיט שמוץ, שרייבן מעסירעס אף אלץ, וואס איז ערלעך אין לאנד, פארטיידיקן די „הייליקייט" פון רוט, די נייטיקייט פון פארשקלאפן די פויערים.

דערזעלבער „נית גרינג־פארגעסלעכער" צאר — רוידעפשאלעמניק („מיראטווארעץ") אלעקסאנדער דער 3־טער און זיין נאכפאלגער — דער בענאק, וואס האבן געמאכט צו גארנישט די שטאטישע און זעמסקע זעלבסטפארוואלטונג, וואס האבן איינגעפירט דאס פארפולקומטע לייבייגנטום־רעכט אין דער פארם פון זעמסקע נאטשאלניקעס, וואס האבן קימאט פארניכטעט דעם געריכט פון די געשווארענע, וואס האבן געשטיקט און געדריקט די פארמארעטע רוסישע פרעסע, וואס בא זיי האט איבער גאנץ רוסלאנד געפייפט די רוט, די קאזאקישע נאהייקע, די סאלדאטישע קויל — די־זעלבע צארן האבן אונטערדריקט און אונטערדריקן די יידן, פאליאקן און פינלענדער. וועלנדיק אפווענדן די אויפמערקזאמקייט פון די ארבעטנדיקע מאסן, וואס ווערן פרעך בארויבט, וואס ווערן געהאלטן אין קנעכטשאפט און אומוויסנקייט, שטעלט ארויס אונדזער נידערטרעכטיקע רעגירונג אף איר פאן דעם „נאציאנאליזם און פראוואסלאוויע", שטיקט אלץ, וואס איז נית רוסיש, פלאנצט איין גאלאכישע שולן, שטיצט אונטער די צייטונגען, אין וועלכע עס ווערט געפרידיקט מענטשן־האס, פינצטערקייט און אונטערטעניקייט. דער גרויסער אינקוויזיטאר פאבעדאנאסצעוו, דער מיניסטער פון פאלקס־„בילדונג" און די איבעריקע באנדע, וואס רעגירט איבער אונדז, זיינען געווען נית בלויז די שעפער פון די „צייטווייליקע קלאלים" וועגן די יידן, די שעפער פונעם געזעץ וועגן באגרענעצן דעם אופנעם פון די יידן אין די מיטעלע און הויכשולן, — זיי האבן ארויסגעגעבן באפעלן, אז אין די גימנאזיעס זאל מען נית צונעמען די „קעכנס קינדער", דאס הייסט די קינדער פון די ארבעטנדיקע קלאסן, זיי האבן אויך פארוואנדלט די גימנאזיעס און אוניווערסיטעטן אין פאליציי־אנשטאלטן, זיי האבן צוגעטראכט די „צייטווייליקע קלאלים" וועגן אפגעבן די בעסטע שטודירנדיקע יוגנט פון די הויכשולן פאר סאלדאטן — זיי זיינען געווען די שעפער אויך פון אלע אנדערע שענדלעכקייטן, גוואלדטאט און ווילקיר, וואס מיט זיי איז געווארן אזוי איבערפולט די רוסישע ערד.

די יידישע פראגע האט געהאט איר באזונדער שיקזאל אין דער געשיכטע: זי איז שטענדיק און אומעטום געווען ענג פארבונדן מיט דער באוועגונג פון דער מענטשהייט פאראויס. אפילע אין רוסלאנד, נעמלעך אין דער עפאכע פון די 60־ער יארן, ווען דאס לאנד האט צום ערשטן מאל אנגעהויבן צו לעבן מיט אביסל א פרייערן לעבן, האבן פרייער אפגעאטעמט אויך די יידן. דאס באווייזט, פון איין זייט, ווי פוסט, ווי אינהאלטלאז עס איז די באבע־מייסע וועגן דער אייביקייט פון אנטיסעמיטיזם; דאס באווייזט, פון דער צווייטער זייט, וויאזוי די אינטערעסן פון אונדזערע יידישע ארבעטנדיקע מאסן זיינען ענג פארבונדן מיט די פארגעשריטענע

באַוועגונגען אין לאַנד. איבעריקנס, האָבן דאָס די יידן שטענדיק און אומעטום געפֿילט און באַנומען. ניט אומזיסט זעען מיר זיי קימאַט שטענדיק אינעם קאַמף פֿאַר דער פֿרייהייט אין די ערשטע רייען. אָבער — אַנשטאָט צו קעמפֿן פֿאַר פֿרייהייט, אַנשטאָט צו קעמפֿן פֿאַר פֿאַרבעסערן אייער לאַגע אָפֿן אָרט, רופֿן אייך די ציאָניסטן, יידן—אַרבעטער, קיין ציען, לאָדן אייך איין צו שאַפֿן אַ „יידישע מעלוכע". פּונקט ווי די מעלוכע וואָלט ווירקלעך געקאָנט העלפֿן דעם יידישן פֿאָלק, געקאָנט פֿאַרלייכטערן זיינע ליידן, געקאָנט אויסהיילן זיינע ווונדן? מ'שטייענס געזאָגט, אויך מיר אַ זאַך — אַ מעלוכע! מעלוכעס זיינען דאָך פֿאַראַן זייער און זייער אַסאַך. דאָס רוסישע פֿאָלק, לעמאָשל, לעבט דאָך שוין בײַ זיך אויף דער ערד, אין זיין אייגענער מעלוכע. נו, איז וואָס? צי האָט די רוסישע אַרבעטער־באַפֿעלקערונג אַסאַך „אירס" אין דערהאַזיקער „איר" מעלוכע? פֿאַר יעדן מענטשן, וואָס קוקט זיך צו אויפֿמערקזאַם צום לעבן, איז קלאָר, אַז דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס, וואָס לעבט אין זיין מעלוכע, אויף זיין אייגענער ערד, איז פֿאַרוואָרלאָזט, אָרעם און רעכט־לאָז. איז צו וואָס זאָל זיך דער יידישער אַרבעטער יאָגן נאָך אַ מעלוכע? אָבער—שרייען די ציאָניסטן — מיר ווילן אייַנהיטן אונדזער נאַציאָנאַליטעט, אונדזער שפּראַך, אונדזער קולטור, און דערצו איז אונדז נייטיק צו שאַפֿן אונדזער אייגענע מעלוכע אויף דער הייליקער ערד פֿון אונדזערע אַמאָליקע אָוועס — אין פּאַלעסטינע. שאַפֿן אַ יידישע מעלוכע אין פּאַלעסטינע!

יידן — אַרבעטער! טראַכט זיך נאָר אַריין אין דיזאָזיקע ווערטער, און אייך וועט זייער פּוסטער אינהאַלט ווערן קלאָר ווי דער טאָג. פּאַלעסטינע גייט איצט אַריין אינעם באַזיץ פֿונעם טערקישן סולטאַן, פֿונעם „רויטן סולטאַן", ווי אים האָט אָנגערופֿן דער באַרימטער ענגלישער מיניסטער גלאַדסטאָן פֿאַר די אָנצאָליקע שטראָמען בלוט, וואָס דערהאַזיקער אַזיאַטישער דעספּאָט האָט פֿאַרגאָסן. צוליב יעדן סולטאַנישן באַזיץ, און קווּדעמקאָל ‛ צוליב זיינע קאָלאָניעס אין קליין־אַזיע, וווּהין עס גייט אַריין אויך פּאַלעסטינע, זיינען ענגלאַנד, דייטשלאַנד, רוסלאַנד און פֿראַנקרייך, די סאַמע מעכטיקסטע מעלוכעס אין דער וועלט, גרייט יעדן מאָמענט אײַנצוקלאַמערן זיך איינער דעם אַנדערן אין די האָר, וואָס זיי טוען טאַקע פֿון צייט צו צייט. קליין־אַזיע שטעלט מיט זיך פֿאָר דאָס האַרץ פֿון די טערקישע קאָלאָניעס, דאָס איז זייער אַ געשמאַקער ביסן און אויף דעמהאַזיקן ביסן זיינען פֿאַראַן זייער אַסאַך גיריקע און שטאַרקע באַלאָנים. און אָט בײַ דיזאָזיקע באַלאָנים זיינען געקומען די ציאָניסטן באַשטרייטן פּאַלעסטינע. אָבער מיט וואָס זיינען זיי געקומען? מיט פּראָזעס וועגן „טשאַרטער", מיט אָנצוהערענישן אויף דער מעגלעכקייט אונטערצוקויפֿן דעם סולטאַן, מיט הערצלס אודיענצן, מיט פֿאַרשרייבן זיך אויף די אַקציעס פֿון קאָלאָניאַל־באַנק. און מיט דער הילף פֿון אַזאַ מין קינדער־שפּיל אין „אויסלענדישער פּאָליטיק" קלערן זיי זיך דערשלאָגן, אַז עס זאָל געשאַפֿן ווערן אַ „יידישע מעלוכע"?

נאָר לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן דאָס אומעגלעכע: זאָל זיין, אַז די פֿאַנטאַזיעס פֿון די ציאָניסטן וועגן שאַפֿן אַ יידישע מעלוכע זיינען געוואָרן אַ ווירקלעכקייט, די יידן האָבן זיך באַזעצט און זיך איינגעאָרדנט אין פּאַלעסטינע. צי קאָן דאָס יידישע פֿאָלק בײַשטיין קעגן די גרויסע אייראָפּעישע מעלוכעס, וואָס מיט אייזן און בלוט

פאַרברייטערן זיי זייערע קאָלאָניאַלע באַזיצן, פאַרברייטערן די מערק פאַר אָפּזעצן זייערע סכוירעס. בעיס די ציאָניסן שפּילן אין פּאָליטיק און שיקן דערנידעריקנדיקע טעלעגראַמעס דעם סולטאַן, שלאָפן ניט די „גרויסע מעלוכעס". דייטשלאַנד באַקומט פונעם סולטאַן אַ קאָנצעסיע (פּאָדריאַד) אַף אויסבויען די באַגדאַדער אייזנבאַן און פאַרכאַפּט אַזויאַרום קליין־אַזיע אַסאַך פריער, איידער די ציאָניסטן וועלן עס באַוויזן צו באַמערקן. און וואָס ווייטער באַווייזן די עקספּערימענטן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע, די סאַמע אומגעלונגענע עקספּערימענטן, וואָס דויערן שוין העכער 20 יאָר און וואָס האָבן אָפּגעקאָסט מיליאָנען געלט? וואָס, ענדלעך, רעדט די גאַנצע איבערוואַנדערונגבאַוועגונג פון די רוסישע יידן פאַר די לעצטע 2 צענדליק יאָר, אויב ניט וועגן דעם, אַז טראָץ די פאַרזיכערונגען פון די ציאָניסטן, ציט די יידן ניט קיין ציען, נאָר קיין אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך? האָבנדיק בײַ זיך אַזאַ אָרעמען, אַזאַ איינהאַלטלאָזן באַגאַזש פון פאַקטן און פּרוּוון, שטייענדיק אַף אַזאַ וואַקלדיקן באָדן, האָבן די ציאָניסטן די העזע איינצורעדן דאָס יידישע פאָלק צו פאַרגעסן אַלץ, וואָס איז אַרום, און אַוועקצולאָזן זיך צוזאַמען אינעם וועג פון געשפּענסטן, פון אומפאַרווירקלעכבאַרע פאַנטאַזיעס אין נאָמען פון איינהייט און אַנטוויקלען זיין נאַציאָנאַליטעט, זיין שפּראַך, זיין קולטור.

אָבער אַפילע פאַר דער איינהייטונג און ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אייער נאַציאָנאַלער קולטור זייַנען אייך, יידן אַרבעטער, נייטיק ניט קיין נייע וואַנדערונגען אין דער ווייטער וועלט אַריין צו זוכן אַ „יידישע מעלוכע", ווייל אין די דאָזיקע נייע וואַנדערונגען קאָנט איר אייער קולטור אַליין לייכט אינגאַנצן פאַרלירן: אייך זיינען נייטיק דערצו פרייע עקזיסטענץ־באַדינגונגען דאָ אין לאַנד גופע, באַדינגונגען, וואָס זאָלן געבן די מעגלעכקייט יעדערער פון די צאָלרייכע נאַציעס, וואָס באַפעלקערן רוסלאַנד, צו לעבן מיט איר אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן. אייך איז, מיט איין וואָרט, קוידעמקאָל נייטיק פּאָליטישע פרייהייט, אייך איז נייטיק אַ ווירקלעך־דעמאָקראַטישע, אַ ווירקלעך־פאָלקישע קאָנסטיטוציע. און גראָד צו דעם שטרעבן קוידעמקאָל טאַקע מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטן. הייסט עס, אַז אַפילע אין ריין־נאַציאָנאַלע אינטערעסן איז די עמעסע אויסדריקערן פון אייערע נויטן, אייער עמעסע פאַרטיידיקערן, יידן אַרבעטער, ווידעראַמאָל די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די פּאַרטיי פונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס קעמפט פאַר זיין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער באַפרייונג.

צווישן די ציאָניסטן האָבן זיך באַוויזן יוגנט־גרופּעס, וואָס רופן זיך אָן „דעמאָקראַטישע" גרופּעס אינעם ציאָניזם. די דאָזיקע נייע גרופּעס אָרדענען איין אַרטעלן, געזעלשאַפטן, ליי־ און שפּאָר־קאַסעס; אַנדערע גרופּעס פּרוּוון אַפילע ריידן וועגן אונטערשטיצן די אַרבעטער אין דער צייט פון שטרייקן. אָבער וועגן פּאָליטישן קאַמף, וועגן קאַמף קעגן דער צאַרישער רעגירונג פאַר פּאָליטישער פרייהייט, פאַר פרייע עקזיסטענץ־באַדינגונגען, וואָס זיי אַליין וואָלטן אייך געקאָנט געבן די מעגלעכקייט צו לעבן מיט אייער אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן, וועגן דעם אַלעם פּרוּוון די סאַמע דעמאָקראַטישע פון די דעמאָקראַטישע ציאָניסטן אַפילע ניט אַ רייד טאָן און וועלן, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל וועגן דעם ניט פּרוּוון ריידן.

יידן — אַרבעטער! אויב יאָ אַזוי, אויב אַפילו די אַזוי־גערופענע דעמאָקראַטישע ציאָניסטן לאָזן איבער אָן אַן ענטפער די סאַמע לעבעדיקסטע, די סאַמע וויכטיקסטע פראַגע — די פראַגע וועגן פּאָליטישער פרייהייט, איז קערט זיך אָפּ פון די ציאָניסטן און וואַרפט זיי אומדערבאַרעמדיק אין פּנים:

„איר זייט איינס פון די צוויי: אָדער פאַנטאַזיאָרן—טרוימער, הערן „יונגע", אָדער שאַרלאַטאַנעס, הערן „אַלטע" ציאָניסטן!"

כאַוויירים! איבער גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך אויפגערודערט די אַרבעטער־מאַסע. אין צאָפן און דאָרעם, אינעם טכום און אין קאַלטן סיביר באַהעפטן זיך די אַרבעטער און פאַרייניקן זיך אונטער דער פאָן פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, מיט אַן איינהייטלעכער און סאָלידאַרישער אַרבעט גרייטן זיי זיך צום גרויסן באַפרייונג־קאַמף, צום קאַמף קעגן דער העכטלאָזיקייט און ווילקיר, קעגן דער זעלבסטהערשערישער רוסישער רעגירונג, וואָס שטייט ווי אַ צאַם אויפן וועג צו דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס. דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיך דערשלאָגן פּאָליטישע פרייהייט, קעדיי פריי צו קעמפן קעגן עקספּלואַטאַציע פון מענטשן דורך מענטשן, קעגן דער איצטיקער ווירטשאַפטלעכער אָרדענונג, ווען אַ וועלכער אַ קליינע באַנדע עקספּלואַטאַטאָרן קאַפּיטאַליסטן נוצט זיך אויס מיט אַלדאָס גוטס פון דעם לעבן, ווען אַ קלאַס טויזנטער אַ פינגער אָן אַ פינגער, און די מיליאָנען־מאַסע אַרבעטער פאַרברענגט דאָס גאַנצע לעבן אין שווערער אויסצערנדיקער האָרעוואַניע, פּילט אָן די קעשענעס פון די קאַפּיטאַליסטן און אַליין איז זי פאַרמישפּעט אויף הונגער, קעלט און דאַלעס,—דער אַרבעטער־קלאַס קעמפט פאַרן סאָציאַליזם. אויך איר, יידישע כאַוויירים, גייט אונטער אונדזער רויטער פאָן. פאַרייניקט זיך אויך איר צו דער מיליאָניקער אַרמיי פונעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט און אין סאָלידאַרישן קאַמף וועט איר זיך דערשלאָגן די פאַרניכטונג פונעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און נאַציאָנאַלן דרוק.

זאָל לעבן די סאָלידאַריטעט צווישן די אַרבעטער פון אַלע לענדער און נאַציאָנאַליטעטן!

זאָל לעבן די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי!

זאָל לעבן די פּאָליטישע פרייהייט!

קאָנטראָליר־קאַמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

(שטעמפּל)

נאָכן איבערלייענען גיט איבער די כאַוויירים.

נום. 105 11 יאַר

28/15 יאַנוואַר 1903 יאַר

לעצטע יעדיעס

אויסגאַבע פונעם אויסלענדישן קאָמיטעט פונעם אַלגעמיינעם

יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד*)

וועגן איין פּראָקלאַמאַציע

דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אַנומלטן אַרויסגעלאָזט זייער אַ כאַראַקטעריסטישע פּראָקלאַמאַציע צו די „יידן אַרבעטער". די פּראָקלאַמאַציע הייבט זיך אָן מיט אַ קריטישן אַנאַליז פון דער „באָבע־מייסע וועגן דעם איינהייטלעכן און ניטצעטיילבאַרן יידישן פאָלק — דער באָבע־מייסע, וואָס די ציאָניסטן פאַרשפּרייטן און האַלטן אונטער". די דאָזיקע ציאָניסטישע „באָבע־מייסע" ווערט אָפּגעלייקנט דורך דער אָנווייזונג 1) אַף די שטרייקן פון די יידישע שוסטער, שניידער, סטאָליער און שטעפּער אין קאַטערינאָסלאַוו, 2) אַף דער שלעכטער לאַגע פון די יידישע אַרבעטער באַ די קאַטערינאָסלאַווער יידישע באַלעבאַטים ציאָניסטן און 3) אַף די מייסים פון די ציאָניסטן—דעם טייהענדלער וויסאָצקי אין אַדעס און דעם שוועבעלע־פאַבריקאַנט זאַקס אין הווינסק, וואָס ווענדן זיך נאָך הילף צו דער פּאָליציי קעגן זייערע אַרבעטער—שטרייקער. אָט דאָס איז אַלץ, וואָס דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט האָט געפונען פאַר מעגלעך צו זאָגן, קעדיי אָפּצולייקענען די „באָבע־מייסע", וואָס ער אַנאַליזירט. צום דירעקטן שאָדן פון דעם ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט — צו איבערצייגן די יידישע אַרבעטער פון קאַטערינאָסלאַוו אין דער גערעכטיקייט פון די סאָציאַליסטן, וואָס מיינען, אַז „עס איז ניטאָ קיין איינהייטלעך יידיש פאָלק, נאָר עס זיינען פאַראַן אַזויווי צוויי יידישע פעלקער", האָט ער פאַרשוויגן פון די לייענער אַ גאַנצע ריי פאַקטן פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט, וואָס וואָלטן ווירקלעך געקאָנט צוגעבן איבערצייגנדיקייט זיין אַרגומענטאַציע. ער האָט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט, אַז ס'איז שוין 10 יאָר, ווי עס עקזיסטירט אַן אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אויסגעבילדעט אין אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי „בונד", וואָס פירט אָן מיט זיין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף, אַז אין „בונד" גייען אַריין טויזנטער אַרבעטער פון ליטע, פוילן און דאָרעם־מייריעוו־רוסלאַנד, אַז ניט בלויז דער „בונד" אָרגאַניזירט די יידישע אַרבעטער קעגן די קאַפּיטאַליסטן און דער רעגירונג, נאָר ער פירט אויך אַ קאַמף קעגן די בורזשואַזע שטרעמונגען אינעם יידנטום, וואָס שטרעבן צו באַיינ־

*) „לעצטע יעדיעס" בולעטען פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד". דערשינען אַף רוסיש אין זשענעווע פון 1901 ביז 1905—256 נומערן. («Последния Известия»)

פלוסן די מויכעס פון די ארבעטער, אז זייט בא זייט מיט קאטערינאסלאוו — אין ז׳שיטאמיר, בערדיטשעוו — זיינען פאראן יידישע סאציאל־דעמאקראטישע ארבעטער־ארגאניזאציעס, וואס גייען אריין אין „בונד" און פירן אן ארבעט אין דער ארטיקער יידישער ארבעטער־מאסע, אז די יידישע ארבעטער פירן שוין אין פארלויף פון א גאנצער ריי יארן א באפרייונג־קאמף האנט בא האנט מיט די ארבעטער פון אנדערע נאציאנאליטעטן, וואס באפעלקערן רוסלאנד א. א. וו. א. ד. גל. פארשווייגנדיק פון די לייענער אלע פאקטן פון דעמאזשיקן מין, איז דער קאטערינאסלאווער קאמיטעט אריינגעפאלן אין א גאנץ אומבאהאלפענער לאגע, און ווען אים קומט אוים, לעמאשל, צו דערווייזן, אז „די אינטערעסן... פון דער יידישער ארבעטנדיקער מאסע זיינען דיזעלבע וואס די אינטערעסן פון אלע ניט־יידישע ארבעטנדיקע מאסן", פארופט ער זיך קווידעמקאל אף די פאליטיש־פרייע לענדער. „צי זעען מיט דען ניט — זאגט ער — ווי אין אלע געבילדעטע לענדער קעמפן שוין צענדליקער יארן די ארבעטער פון פארשיידענע נאציאנאליטעטן, פון פארשיידענע שפראכן און רעליגיע האנט בא האנט קעגן דעם געמיינזאמען סוינע, קעגן די באלעבאטים עקספלואטאטארן און זייערע פארבינדעטע — די רעגירונגען, וואס זיינען פיינטלעך דעם ארבעטער־קלאס?" און נאכדעם, שוין ווי א צווייטראנגיקן מאטיוו, גיט ער צו: „און צי זעען מיר דען ניט דאסזעלבע אויך בא אונדז די לעצטע יארן?" מיט די דערהאזשיקער פראגע באגרענעצט זיך דער קאטערינאסלאווער קאמיטעט, און די „יידן ארבעטער" לאזט מען ניט וויסן פון דעם, וואס „מיר זעען אויך בא אונדז". אלץ וואס מיר געפינען וועגן דערדאזשיקער פראגע אין דער פראקלאמאציע, איז בלויז צוויי פארבייגייענדיק געווארפענע באמערקונגען: 1) אז אין „דער גרויסער ליטע" „האבן מיט איניקע יארן צוריק די יידישע ארבעטער און ארבעטערנס אין זאקס פאבריק, אין באשטאנד פון א כמאן 600, וואס זיינען געבראכט געווארן צו פארצווייפלונג, איינגעארדנט א שטרייק", 2) אז „איבער גאנץ רוסלאנד איז אופגערודערט געווארן די ארבעטער־מאסע, אין צאפן און אין הארעם, אין טכום און אין קאלטן סיביר באהעפטן זיך די ארבעטער און פארייניקן זיך אונטער דער פאן פון דער רסדא"פ". די דאזשיקע באמערקונגען וועלן קוים קאנען עפענען די אויגן די „יידן ארבעטער" אף דעם, וואס „מיר זעען אויך בא אונדז".

מעגלעך, אז דער קאטערינאסלאווער קאמיטעט וועט אונדז געבן דעמזעלבן קלאסישן ענטפער, וואס די רעדאקציע פון „איסקרא" האט אונדז געגעבן בא אן אנדער געלעגנהייט, אז ער האט קלוימערשט ניט „אונטערגענומען קיין פאדריאד" צו ריידן וועגן „בונד". דערדאזשיקער ענטפער, אויב אזא וואלט געגעבן געווארן, וואס באווייזט ניט, אז באם קאטערינאסלאווער קאמיטעט איז פאראן א גרויסער פאליטישער זין, וואלט נאך מער אונטערגעשטראכן דאס, וועגן וואס עס רעדט זיין גאנצע פראקלאמאציע, נעמלעך, אז אונדזערע כאווירים פונעם קאטערינאסלאווער קאמיטעט האבן נאך אלץ ניט פארדייט דעם געדאנק וועגן דער נייטיקייט צו ארגאניזירן באזונדער די קרעפטן פון דעם יידישן פראלעטאריאט, און אז, ניט געקוקט אף די העכער פינף יאר עקזיסטענץ פון „בונד" — א גאנץ בעקאוועדיקער עלטער פאר א רוסישער ארגאניזאציע — טראגן זיי זיך נאך אלץ מיטן „זינלאזן" טרוים

ווי גיט איז פּאַטער צו ווערן פון אים און זיי מאַכן — אַזוי ווי אין דער באַטראַכטער פּראָקלאַמאַציע — „לעבערלעכע אָנשטרענגונגען" צו „פּאַרבאַהאַלטן דעם אַל אין זאַך". דאָסדאָזיקע פּאַרבאַהאַלטן איז ניט בלויז נוצלאָז, ווייל דעם „בונד" וועט בעסמעס דערפון גאָרניט אָפּקומען, נאָר פּאָשעט שעדלעך פאַר דער זאַך, וואָס איר דינט דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט. לאָמיר נעמען כאָטש דעמזעלבן אַנטיסעמיטיזם, וואָס וועגן אים זיינען פאַראַן אויספירלעכע אַרגומענטן אין דער פּראָקלאַמאַציע, וועלכע אינטערעסירט אונדז, וואָס באַווייזן ניט אַף דער אָריענטירטקייט פונעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט אין דערדאָזיקער פראַגע. „פון דייטשלאַנד — לייענען מיר אין איר — האָט דידאָזיקע באַוועגונג (אַנטיסעמיטיזם) אַריבערגעוואַנדערט אין אַנדערע לענדער און האָט אומעטום געפונען אָנהענגער צווישן די בורזשואַזיע, אָבער ניט צווישן די אַרבעטערשע שיכטן פון דער באַפעלקערונג". דאָס איז אַ ניט ווייניקער שעדלעכע „באָבע־מייסע", איידער די „באָבע־מייסע" פון די ציאָניסטן וועגן דעם „אייניקייטלעכן און ניטצעטיילבאַרן יידישן פאָלק". עס איז פאַר קיינעם קיין סאָד ניט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט געלאָזן וואָרצלען אויך אין דער אַרבעטער־מאַסע. אויב דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט האָט פאַרגעסן אַלע פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכעס צו דעמדאָזיקן געביט, וועלן מיר אים דערמאָנען כאָטש צוויי פאַקטן, וואָס זיינען ניט לאַנג פאַרגעקומען און וואָס האָבן נאָך וואַרשיינלעך ניט באַוויזן ענדגילטיק פאַרשווונדן צו ווערן פון זיין זיקאָרן: דאָס זיינע — דער אָנטייל פון די אַרבעטער אינעם טשענסטאָכאָווער פּאָגראָם און איינע אומשטאַנד, וואָס האָט באַגלייט דעם לעצטן דרוקער־שטרייק אין זשיטאָמיר; די באַלעבאַטים האָבן אויסגעשריבן פון קאַטערינאָסלאַוו 12 אַרבעטער קריסטן, וואָס האָבן פאַרנומען די ערטער פון די שטרייקער און האָבן מיט דער צווינטשונג פון נאַטשאַלסטווע זיך אָפּן באַרימט, אַז זיי „וועלן אויסקוילען אַלע זשידעס" (זע 2־טע אויסגאַבע נומ. 100). דער אַנטיסעמיטיזם האָט בעליסאָפּעק ניט ווייניק „אָנהענגער" צווישן די קריסטלעכע אַרבעטער, און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט נאָך אויסקומען אַסאַך צו באַמיען זיך, קעדיי בייצוקומען דאָסדאָזיקע בייז. אייגנס פאַר די מיטלען צו קעמפן קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין דער אַרבעטער־סוויווע איז צו פאַרשפּרייטן ידיעות וועגן דעם קאַמף פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. וועגן „בונד". עס איז שוין ענדלעך צייט, אַז אונדזערע כאַווייריִם פון די קריסטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זאָלן אָפּווערפן די שעדלעכע געוווינהייט צו פאַרשווייגן די זעלבשטענדיקע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, אָדער קעגן דעם אייגענעם ווילן ריידן וועגן איר, איגנאָרירנדיק דערביי איר ניטאָפּנעמבאַרן אָרגאַן — דעם „בונד".

אין די אינטערעסן פון דער זאַך גיבן מיר דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט אַ כאַווערישע אייצע שאַלעם צו מאַכן מיטן פאַקט פונעם בונדס עקזיסטענץ; דער „בונד" איז איינע פון יענע אומפאַרמיידלעכקייטן, וועלכע מיר קענען ניט אַריבערשפּרינגען. מאַכנדיק העלדישע אָנשטרענגונגען אַריבערצושפּרינגען איבער דעראָזיקער אומפאַרמיידלעכקייט, פאַרמינערט זי ניט דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט אַף קיין האָר, נאָר בלויז ער שאַדט אונדזער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער זאַך.

לעגינס ענטפער דעם „בונד“

צי דאַרף דער יידישער פּראָלעטאַריאַט א „זעלבּ־שטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי“?

אין נומער 105 פון די „לעצטע פּאַסירונגען“ (פון 28/15 יאַנוואַר 1903 יאָר), וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן דורכן „אויסלענדישן קאָמיטעט פונעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד“, אינעם אַרטיקל „וועגן איין פּראָקלאַמאַציע“ (נעמלעך דער פּראָקלאַמאַציע פונעם קאַטעריִנאָסלאַווער קאָמיטעט פון דער רוסל. סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי) געפינען מיר פאָלגנדיקע באַהויפּטונג, וועלכע איז פּונקט אַזוי וואונדערלעך, ווי וויכטיק און בעטעמעס „מעוּבּרעס“ מיט גרויסע רעזולטאַטן: „דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אויסגעבילדעט (sic!) אין אַ זעלבּשטענדיקער (sic!) פּאָליטישער פּאַרטיי „בונד“.

מיר האָבן דאָס ביז איצט ניט געוווּסט. דאָס איז אַ נייעס.

ביז איצט איז דער „בונד“ געווען אַ באַשטאַנד־טייל פון דער רוסל. סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי און נאָך (נאָך!) אינעם נומער 106 פון די „לעצטע פּאַסירונגען“ באַגעגענען מיר די מעלדונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם „בונד“ מיט אַן אונטערקעפּל אַף דערדאָזיקער מעלדונג: „רוסל. סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי“. עמעס, דער „בונד“ האָט באַשטימט אַף זיין לעצטן, פערטן צוזאַמענפאָר צו ענדערן זיין נאָמען (אָן אַן אויסרייד וועגן דעם ווונטש אויסצוהערן די מיינונג פון די רוסישע טאָוואַרישן איבער דער פראַגע וועגן דעם נאָמען פון דעם אָדער יענעם טייל פון דער רוסל. סאָצ. דעמ. אַרבעטער־פּאַרטיי) און „דורכצופירן“ נייע פעדעראַטיווע באַציונגען אינעם סטאַטוט פון דער רוסל. פּאַרטיי. דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד“ האָט שוין טאַקע אַפילע „דורכגעפירט“ דידאָזיקע באַציונגען, אויב מע קאָן אָנרופן מיטן דאָזיקן נאָמען זיין אַרויסגיין פונעם אויסלענדישן פאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און דאָס שליסן אַ פעדעראַטיוון אָפּמאַך מיטן דאָזיקן פאַרבאַנד.

אָבער דער „בונד“ גופע האָט, בעיִיס „איסקראַ“ האָט פּאָלעמיזירט מיט די באַשלוסן פון זיין פערטן צוזאַמענפאָר, גאַנץ באַשטימט געמעלדעט, אַז ער האָט בעשלוסן דייע בלויז דורכצופירן אין דער רסדא"פּ זיינע ווונטשן און באַשלוסן, דאָס הייסט ער האָט אָפן און קאַטעגאָריש אָנערקענט, אַז ער פאַרבלייבט אַ טייל פון דער רסדא"פּ, ביז דידאָזיקע פּאַרטיי וועט ניט אָננעמען דעם נייעם סטאַטוט, ביז זי וועט ניט אויסאַרבעטן קיין נייע פאָרמען פון באַציונגען צום „בונד“.

און מיטאַמאָל ווייזט זיך איצט אַרויס, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך שוין אויסגעבילדעט אין אַ זעלבּשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי! מיר באַזערן נאָכאַמאָל איבער: דאָס איז אַ נייעס.

פּונקט אַזאַ נייעס איז דער בייזער און ניט קלוגער אָנפאַל פונעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד“ אַפן קאַטעריִנאָסלאַווער קאָמיטעט. מיר האָבן, ענדלעך, באַקו־

מען (האגאם, צום באדויערן, מיט א גרויסער פארשפעטיקונג) דידאזיקע פראקלאמאציע און מיר זאגן, ניט וואקלענדיק זיך, אז דער אנפאל אף אזא פראקלאמאציע שטעלט פאר מיט זיך, בליסאפעק, א גרויסן פאליטישן שריט מיצאד דעם „בונד“*). דערדאזיקער שריט געפינט זיך אין פולן העסקעם מיטן דערקלערן דעם „בונד“ פאר א זעלבשטענדיקער פארטיי און באלויכט, פון זיין זייט, מיט א העלן ליכט די פיזיאגנאמיע און די האנדלונג־ארט פון דערדאזיקער נייער פארטיי.

צום באדויערן, שטערט אונדז דער מאנגל אין ארט איבערצודרוקן אינגאנצן די קאטערינאסלאווער פראקלאמאציע (זי וואלט פארנומען קארעוו צוויי שפאלטן פון „איסקרא“)**), און מיר וועלן זיך באגרענעצן מיט דער באמערקונג, אז דידאזיקע אויסגעצייכנטע פראקלאמאציע דערקלערט אויסגעצייכנט די יידישע ארבעטער פון דער שטאט קאטערינאסלאוו (מיר וועלן באלד דערקלערן, פארוואס מיר שטרייכן אונטער דידאזיקע ווערטער) די סאצ. דעמ. באציונג צום ציאניזם און אנטיסעמיטיזם. דערביי באציט זיך די פראקלאמאציע אף אזויפיל זארגפול, כאווערייש־זארגפול צו די געפילן, שטימונגען און ווונטשן פון די יידישע ארבעטער, אז זי רעדט ספעציעל אויס און שטרייכט אונטער די נייטיקייט צו קעמפן אונטער דער פאן פון דער רסדרא״פ „אפילו קעדיי איינצוהאלטן און ווייטער צו אנטוויקלען אייער (די פראקלאמאציע ווענדעט זיך צו די יידן — ארבעטער) נאציאנאלע קולטור“, „אפילו צוליב ריין נאציאנאלע אינטערעסן“ (אונטערגעשטראכן און אויסגעזעצט אף שפאצן אין דער פראקלאמאציע גופע).

און פונדעסטוועגן איז דער אויסלענדישער קאמיטעט פון „בונד“ (מיר האבן שיר ניט געזאגט: דער צ. ק. פון דער נייער פארטיי) אנגעפאלן אף דערדאזיקער פראקלאמאציע דערפאר, וואס זי האט קיין איין ווארט ניט דערמאנט וועגן דעם „בונד“. אט דאס איז איר איינציקער פארברעכן, א שרעקלעכער, וואס מע קאן אים ניט מויכל זיין. אט פארוואס דער קאטערינאסלאווער קאמיטעט ווערט באשולדיקט, אז אים פעלט „פאליטישער זינען“. די קאטערינאסלאווער כאווייריס ווערן געשטראפט דערפאר, וואס זיי האבן „נאך אלץ ניט פארדייט דעם געדאנק וועגן דער נייטיקייט פון א באזונדערער ארגאניזאציע (א טיפער און וויכטיקער געדאנק) פון די קויכעס (!!!) פונעם יידישן פראלעטאריאט“, דערפאר, וואס „זיי טראגן זיך נאך אלץ ארום מיטן אומזיניקן טרוים ווי ס׳ניט איז פאטער צו ווערן פון אים“ (פונעם „בונד“), וואס זיי פארשפרייטן „ניט קיין ווינציקער שעדלעכע (ווי ציאניסטישע) באבע־מייסעס“ וועגן דעם צוזאמענבונד פונעם אנטיסעמיטיזם מיט די בורזשואזיע, און ניט מיט די ארבעטערשע שיכטן און מיט די אינטערעסן פון דידאזיקע שיכטן. אט פארוואס מע אייצעט דעם קאטערינאסלאווער קאמיטעט „אוועקצווארפן די שעדלעכע געוווינהייט צו פארשווייגן די זעלבשטענדיקע יידישע ארבעטער־באוועגונג“ און „מאכן שאלעם מיטן פאקט פון דער עקזיסטענץ פונעם „בונד“.

*) אויב, פארשטייט זיך, דער אויסלענדישער קאמיטעט פון „בונד“ דריקט אויס אין דערדאזיקער פראגע די אנשויונגען פונעם „בונד“ אלס גאנצן.

**) מיר האבן בעדייע איבערצודרוקן אינגאנצן דידאזיקע פראקלאמאציע און דעם אנפאל אף איר פונעם אויסל. קאמ. פון „בונד“ אין א בראשור, וועלכע מ ר גרייטן צו צום דרוק.

איצט פרעגט זיך: צי איז דאָ ווירקלעך פאַראַן אַ פאַרברעכן מיצאַד דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט? צי האָט ער ווירקלעך אומבאַדינגט געדאַרפט דערמאָנען וועגן דעם „בונד"? אַף דידאָזיקע פראַגן קאָן זיין בלויז אַ נעגאַטיווער ענטפער שוין צוליב דער איינפאַכער סיבע, וואָס די פראָקלאַמאַציע ווענדעט זיך ניט צו די „יידן־אַרבעטער" בכלל (ווי עס באַצייכנט זי אַבסאָליוט ניט ריכטיק דער אויסל. קאָמ. פון „בונד", נאָר צו די „יידישע אַרבעטער פון דער שטאָט קאַטערינאָסלאַוו" (דער אויסל. קאָמ. פון „בונד" האָט פאַרגעסן צו ציטירן די צוויי לעצטע ווערטער!). אין קאַטערינאָסלאַוו איז ניט פאַראַן קיין שום בונדישע אָרגאַניזאַציע (און בכלל איז בנוגע צו דאָרעם־רוסלאַנד האָט דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" באַשטימט ניט איינצואָרדענען קיין באַזונדערע קאָמיטעטן פון „בונד" אין יענע שטעט, וווּ די יידישע אָרגאַניזאַציעס גייען אַריין און באַשטאַנד פון די פאַרטיי־קאָמיטעטן און וווּ זייערע נויטן קאָנען פולקום באַפרידיקט ווערן, ניט אויסטיילנדיק זיך פון דידאָזיקע קאָמיטעטן). וויבאַלד די יידן אַרבעטער זיינען ניט אָרגאַניזירט אין קאַטערינאָסלאַוו אין אַ באַזונדערן קאָמיטעט, איז, הייסט עס, אַז מיט זייער באַוועגונג (אומטיילבאַר מיט דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער געגעבענער געגנט) פירט אָן אינגאַנצן דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט, דורך וועלכן זיי ווערן דירעקט אונטערגעאָרדנט אונטער דער רסדא"פּ, וועלכע דאַרף זיי רופן צו אַרבעטן אַף דער גאַנצער פאַרטיי, און ניט אַף אירע איינצלנע טיילן. קלאָר, אַז בא אַזעלכע באַדינגונגען איז דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט ניט נאָר ניט געווען מחויב צו דערמאָנען דעם „בונד", נאָר, פאַרקערט, אויב אים וואָלט איינגעפאַלן צו פרעדיקן „די נייטיקייט פון אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע פאַר די קויכעס (דאָס וואָלט ריכטיקער און וואַרשיינלעכער געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון אָנמאַכט)*) פון יידישן פּראָלעטאַריאַט" (וואָס דאָס ווילן די בונדיסטן), וואָלט עס, פון זיין זייט, געווען דער גרעסטער פעלער און ער וואָלט פּאַשעט אויווער געווען ניט נאָר אַף דעם סטאַטוט פון דער פאַרטיי, נאָר אויך אַף די אינטערעסן פון דער איינהייט פונעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף.

ווייטער. דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט ווערט באַשולדיקט אין ניט גענוגנדיקער „אָריענטירטקייט" אין דער פראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם. דער אויסל. קאָם. פון „בונד" אַנטפּלעקט, בעעמעס, אַ קינדערישע אַנשויונג אַף גרויסע סאָציאַלע באַוועגונגען. דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט רעדט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג פון די לעצטע יאָרצענדליק און באַמערקט, אַז „פון דייטשלאַנד האָט דידאָזיקע באַוועגונג איבערגעוואַנדערט און אין אַנדערע

*) גראַד אַזאַ זאַך פון „אָנמאַכט־אָרגאַניזאַציע" דינט דער „בונד" בעיס ער באַנוצט, לעמאָשל, דעם אויסדרוק: אונדזערע כאַוויירים פון די „קריסטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס". דאָס איז פּונקט אַזוי ווילד ווי דער גאַנצער אַרויסטריט קעגן דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט. מיר ווייסן ניט קיינע שום „קריסטלעכע" אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די אָרגאַניזאַציעס וועלכע, געהערן צו דער ר. ס. ד. א. פּ., האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן זייערע מיטגלידער לויט זייער רעליגיע, האָבן זיי קיינמאָל ניט געפרעגט וועגן זייער רעליגיע און וועלן דאָס קיינמאָל ניט טאָן — אַפילו אויך דעמאָלט, ווען דער „בונד" וועט זיך אין דער ווירקלעכקייט „אויסבילדן אין אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי".

לענדער און האָט אומעטום געפונען אַנהענגער דאַפקע צווישן די בורזשואַזע, און ניט צווישן די אַרבעטערשע שיכטן פון דער באַפעלקערונג". „דאָס איז ניט קיין ווינציקער שעדלעכע באָבע־מייסע" (אויך די ציאָניסטישע מייסעס), — שיסט אויס שטאַרק בייז דער אויסל. קאָמ. פון „בונד". דער אַנטיסעמיטיזם „האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער אַרבעטער־מאַסע". אַלס באַווייז פון דעם ברענגט דער „אָריענטירטער" „בונד" צוויי פאַקטן: 1) דעם אָנטייל פון אַרבעטער אין טעשנסטאָבאָווער פּאָגראָם און 2) די האַנדלונג פון 12 (צוועלף!) אַרבעטער קריסטן פון זשיטאָמיר, וועלכע האָבן פאַרנומען די ערטער פון שטרייקער און האָבן געדראָט „אויסצוקוילען אַלע זשידעס". — ווירקלעך, וואָגיקע באַווייזן, באַזונדערס דער לעצטער! די רעדאַקציע פון די „לעצטע פּאָסירונגען" איז אַזוי צוגעוווינט צו אָפּערירן מיט גרויסע שטרייקן פון 5 אָדער 10 מאַן, אַז די האַנדלונג פון 12 פינצטערע אַרבעטער פון זשיטאָמיר ווערט אַרויסגעשלעפּט אַף אָפּצושאַצן דעם צוזאַמענבונד פון אינטערנאַציאָנאַלן אַנטיסעמיטיזם מיט די אָדער אַנדערע „שיכטן פון דער באַפעלקערונג". דאָס איז, בעעמעס, אויסגעצייכנט! אויב די בונדיסטן וואָלטן אַנשטאָט זייער ניט קלוגן און לעכערלעכן קאַמף קעגן דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט, עטוואָס אַ טראַכט געטאָן איבער דער האַזיקער פראַגע און וואָלטן אַ קוק געטאָן אין קאַוטסקים בראָשור וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע זיי האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק אַרויסגעגעבן אין זשאַרגאָן*), וואָלטן זיי פאַרשטאַנען דעם בליסאָפּעקדיקן צוזאַמענבונד פון אַנטיסעמיטיזם מיט די אינטערעסן דאַפקע פון די בורזשואַזע, און ניט פון די אַרבעטערשע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אויב זיי וואָלטן נאָר עטוואָס אַ טראַכט געטאָן וואָלטן זיי געקאָנט באַנעמען אויך דאָס, אַז דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פונעם איצטיקן אַנטיסעמיטיזם ענדערט זיך ניט פונעם פאַקט, וואָס אין דעם אָדער יענעם פּאָגראָם נעמען אָן אָנטייל ניט נאָר צענדליקער, נאָר אויך הונדערטער ניט אָרגאַניזירטע און אַף ניין צענטל נאָך אַבסאָליוט פינצטערע אַרבעטער.

דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט איז אַרויסגעטראָטן (און געזעצלעך אַרויסגעטראָטן) קעגן דער באָבע־מייסע פון די ציאָניסטן וועגן דער אייביקייט פונעם אַנטיסעמיטיזם. און דער „בונד" האָט מיט זיין ביזער אויסבעסערונג בלויז פאַרפּלאָנטערט די פראַגע און האָט פאַרשפּרייט צווישן די יידישע אַרבעטער אידייען, וועלכע פירן צום פאַרטונקלען זייער קלאַסנבאַוווסטזיין.

פונעם שטאַנדפּונקט פונעם קאַמף פונעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד פאַר פּאָליטישער פרייהייט און פאַרן סאָציאַליזם איז דער אַרויסטריט פונעם „בונד" קעגן דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט אין דער גרעסטער מאָס ניט קלוג. פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ „זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי" פונעם „בונד" ווערט דער האַזיקער אַרויסטריט פאַרשטענדלעך: דערוועגט זיך ניט איינער־געץ ניט צו אָרגאַניזירן די „יידישע" אַרבעטער איינייגעם און אומטיילבאַר מיט די „קריסטלעכע"! דערוועגט זיך ניט צו ווענדן זיך אין נאָמען פון דער „ס־ד־א״פּ" אָדער

*) אין יענע צייטן האָט מען די יידישע שפּראַך אָנגערופן „זשאַרגאָן". איבערז.

פון אירע קאמיטעטן צו די יידישע ארבעטער דירעקט „אויסער דער ארדענונג", ניט דורך דער פארמיטלונג פונעם „בונד", ניט דערמאנענדיק וועגן דעם „בונד"!

און דערהאזיקער, טיף־טרויעריקער פאקט איז דאך ניט קיין צופעליקייט. ווי־באלד אנשטאט אווטאנאמיע אין די איניאנים, וועלכע זיינען נעגייע דעם יידישן פראלעטאריאט, האט איר ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון א „פעדעראציע",— איז אייך אויסגעקומען צו דערקלערן דעם „בונד" פאר א „זעלבשטענדיקער פאליטישער פארטיי", קעדיי צו האבן די מעגלעכקייט, ניט אנדערש, דורכצופירן די האזיקע פעדעראציע. אבער דערקלערן דעם „בונד" פאר א זעלבשטענדיקער פארטיי הייסט טאקע דערפירן ביז אן אבסורד דעם גרונט־פעלער אין דער נאציאנאלער פראגע, און דאס וועט אומבאדינגט און אומפארמיידלעך דינען אלס אן אויסגאנג־פונקט פאר א קער אין די אנשויונגען פונעם יידישן פראלעטאריאט און פון די יידישע סאציאל־דעמאקראטן בכלל. די „אווטאנאמיע" פונעם סטאטוט פון 1898־טן יאר זיכערט דער יידישער ארבעטערבאוועגונג אלץ, אין וואס זי קאן זיך נייטיקן: פראפאגאנדע און אגיטאציע אין זשארגאן, ליטעראטור און צוזאמענפארן, ארויסשטעלונג פון באזונדערע פאדערונגען אלס אנטוויקלונג פון איין געמיינזאמער סאצ. דעמ. פראגראם און באפרידיקונג פון די ארטיקע נויטן און נאך פראגן, וועלכע דערינגען ארויס פון די באזונדערקייטן פונעם יידישן שטייגער. אין אלעם איבעריקן איז נייטיק א פולע און ענגסטע צוזאמענגיסונג מיטן רוסישן פראלעטאריאט, נייטיק צוליב די אינטערעסן פונעם קאמף פונעם גאנצן פראלעטאריאט פון רוסלאנד. און ניט באגרינדעט איז, לויט דער עצם־זאך, די מוירע פאר יעדער „מאיאריזירונג" בא אזא צוזאמענגיסונג, ווייל פון מאיאריזירט ווערן אין די באזונדערע פראגן פון דער יידישער באוועגונג גאראנטירט טאקע די אווטאנאמיע, און אין די פראגן פון קאמף מיט דער זעלבסטהערשונג, פון קאמף מיט דער בורזשואזיע פון גאנץ רוסלאנד דארפן מיר ארויסטרעטן אלס אן איינהייטלעכע צענטראליזירטע קאמפס־ארגאניזאציע, מיר דארפן זיך שטיצן אפן גאנצן פראלעטאריאט, אן אונטערשייד פון שפראך און נאציאנאליטעט, באהעפט דורך געמיינזאמען שטענדיקן באשליסן די טעארעטישע און פראקטישע, די טאקטישע און ארגאניזאציאנעלע פראגן, און ניט שאפן קיין באזונדערע ארגאניזאציעס, וועלכע גייען יעדערע מיט איר וועג, ניט אפשוואכן די קויכעס פון אונדזער דראנג דורך ברעקלען זיך אף פילצאליקע זעלבשטענדיקע פאליטישע פארטייען, ניט אריינטראגן קיין פארפרעמדטקייט און אפגעזונדערטקייט, קעדיי דערנאך קינסטלעך צו היילן די קראנקייט, וועלכע מע האט זיך אליין קינסטלעך געשטעלט מיט פלאסטערס פון דער מעפורסעמער „פעדעראציע".

„איסקרא" נומ. 34
פון 15־טן פעווראל 1903־טן יאר

דעבאַטן וועגן „בונד" אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון ר.ס.ד.א.פּ.*)

(פון די פּראָטאָקאָלן פון צווייטן צוזאַמענפאָר פון ר.ס.ד.א.פּ.)

ערשטע זיצונג פון צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ.

...דער צוזאַמענפאָר גייט איבער צו באַהאַנדלען דעם צווייטן פּונקט פון טאָג־אָרדענונג — וועגן דעם אָרט פון „בונד" אין דער פּאַרטיי.

ליבער (פּאַרטרעטער): מיר שטייט פאָר א שווערע אויפגאַבע — באַגרינדן דעם פאָרשלאַג פון „בונד". קווידעמקאַל איז, ווי עס ווייזט אויס, בא דער מערהייט שוין דאָ א באַשטימטע מיינונג וועגן דער פראַגע, וואָס דאַרף באַהאַנדלט ווערן, און צווייטנס זיינען די אָרגאַניזיר־פראַגן (די פראַגן וועגן נאַציאָנאַלע און ראַיאָנישע אָרגאַניזאַציעס) אין דער ליטעראַטור נישט פאַנאַנדערגעקליבן געוואָרן. עמעס, וועגן דערדאָזיקער פראַגע איז פאָרגעקומען זייער א פאַרביסענע פּאָלעמיק, אָבער אין עצעם איז גאָרנישט געזאָגט געוואָרן. איך וועל אין עטלעכע ווערטער איבערגעבן די געשיכטע פון דערדאָזיקער פראַגע, אויפן גרונט פון מאַניפעסט פון 1898־טן יאָר, זייט

*) דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. איז פאָרגעקומען פון דעם 30־טן (17־טן) יולי ביז דעם 23-טן (10־טן) אַווגוסט 1903. געעפנט האָט זיך דער צוזאַמענפאָר אין בריוסעל אין געהיים, אַז די פּאָליציי זאָל נישט וויסן, אָבער עס האָט זיך דאָך נישט איינגעגעבן צו אויסהיטן זיך פון דער פּאָליציי און נאָך דער 15־טער זיצונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 4־טן אַווגוסט (אַלטן סטיל) איז דער צוזאַמענפאָר אריבערגעטראָגן געוואָרן אין לאָנדאָן. דער צוזאַמענפאָר האָט אין לאָנדאָן דעם 11־טן אַווגוסט פאַרגעזעצט זיין אַרבעט און דאָרט געהאַט נאָך 22 זיצונגען. אַלס פאָרזיצער פון צוזאַמענפאָר איז אויסגעקליבן געוואָרן פּלעכאַנאָוו און אַלס וויצע־פאָרזיצער — לענין און פּ. קראַסיקאָוו. דער צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט די פּאַרטיי־פּראָגראַם און האָט אָנגענומען א ריי רעזאָליוציעס וועגן די הויפּט־פראַגן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף (וועגן אָרט פון „בונד" אין דער פּאַרטיי, באַציונג צו די ליבעראַלן, וועגן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועגן דעמאָנסטראַציעס, וועגן פּראָפּאַריינישן קאַמף און אַנד.). אין דער צווייטער העלפט פון צוזאַמענפאָר איז צווישן די „איסקראָווצעס" פאָרגעקומען א צעטיילונג וועגן דער פראַגע פון דער פאָרמולירונג פון ערשטן פּאַראַגראַף פון פּאַרטיי־סטאַטוט („אוסטאַוו") און באַזונדערס וועגן דער פראַגע וועגן דעם באַשטאַנד פון די פּאַרטיי־צענטערן. דידאָזיקע צעטיילונג אָדער כעלוקעדייעס צווישן די „איסקראָווצעס" האָט דערנאָך אַרויסגערופן א שפּאַלטונג פון צוזאַמענפאָר אין א מערהייט, בעראָש מיט לענינען, און א מינדערהייט, בעראָש מיט מאַרטאָוון.

אויפן צוזאַמענפאָר זיינען געווען 42 דעלעגאַטן מיט באַשטימונג־רעכט, וועלכע האָבן פאַרטראָטן 25 סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס: די „גרופּע באַפרייונג פון אַרבעט", די אָרגאַניזאַציע פון „איסקרא", דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד", דער צ"ק פון „בונד", די „ליגע פון די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", די גרופּע פון „דאָרעם־אַרבעטער" («Южный Рабочий»), „פּעטערבורגער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע" און 18 קאָמיטעטן און „קאַמף־פאַרבאַנדן צו באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס".

די דעלעגאַטן זיינען געווען פאַרטיילט אין פאָלגנדיקע גרופּן:

1. 20 דעלעגאַטן „איסקראָווצעס" פון דער „מערהייט" (לענינצעס) מיט 24 שטימען: סטעפאַנאָוו (בראון), ד. אוליאַנאָוו (גערץ), א. סטאָפּאני (לאַנגע), ל. קיפאָוויטש (דעדאָוו), מאַלקין (אָרלאָוו), א. ווילענסקי (לענסקי), ר. זעמליאַטשקע (אָסיפּאָוו), פּ. קראַסיקאָוו (פּאַוולאָוויטש), א. שאָטמאַן (גאָרסקי), אַנדריי (סטעפאַנאָוו), נ. ליאַדאָוו, וו. גאָרין, זאַלקין, ב. קוניאַנץ (רוסאָ), א. זוראַבאָוו (בעקאָוו), טאָפּורידזע (קאַרסקי) פּלעכאַנאָוו, לענין, גוסיעוו, נ. באַומאַן, סאָראָקין, פּעטוכאָוו, מוראַוויאָוו.

דער „בונד" איז אריין אין דער ר.ס.ד.א.פ. אף אווטאנאמע יעסוידעס. די רוס־לענדער פארטיי האט, ווי עס איז באקאנט, גלייך נאכן צוזאמענפאר פון 1898 אופ־געהערט יורידיש צו עקזיסטירן, דעריבער זיינען די ארגאניזאציאנעלע באציונגען צווישן די טיילן פון דער פארטיי געווען אינגאנצן צופעליקע. פארשיידענע טיילן פון דער פארטיי זיינען ארויסגעטראטן אומאפהענגיק איינער פון צווייטן און יורידיש זיינען קיין שום פארמען פון באציונגען פון „בונד" צו אנדערע ארגאניזאציעס ניט איינגעשטעלט געווארן. ערשט דערנאך, אפן פערטן צוזאמענפאר פון „בונד" האט זיך אופגעהייבן די פראגע וועגן באשטימען דידאזיקע באציונגען און וועגן די יע־סוידעס, אף וועלכע עס דארף זיין ארגאניזירט די רוסלענדער פארטיי. וועגן דער פראגע איז אנגענומען געווארן א רעזאליוציע, וועלכע איז אייך באקאנט. אף דעם 5־טן צוזאמענפאר פון „בונד", וועלכער איז ניט לאנג צוריק פארגעקומען און וועגן וועלכן מיר האבן דא ניט געקאנט אפגעבן קיין באריכט צוליב דעם, וואס עס איז ניט אנגענומען געווארן אונדזער פארשלאג וועגן טאג־ארדענונג, איז ווידער באהאנדלט געווארן דיזעלבע פראגע (וועגן ארט פון „בונד" אין דער פארטיי) און דער צוזאמענפאר האט אויסגעארבעט אן אפמאך, וועלכן איך גיי איבער צו בא־גרינדן.

דער מאניפעסט פון 1898 יאר האט איינגעשטעלט די פרינציפן פון דער פאר־טיישער ארגאניזאציע און די באציונג פון „בונד" צו איר. אבער קיין רעאלן אויס־דרוק איז דידאזיקע פרינציפן ניט געגעבן געווארן. און איצט, פארלייגנדיק דעם סטאטוט, וואס דער פינפטער צוזאמענפאר פון „בונד" האט אויסגעארבעט, טראג; מיר ניט אריין קיינע ענדערונגען. מיר לייגן נאר פאר א סטאטוט*), וועלכער איז נאר א פארווירקלעכונג און ווייטערדיקע לאגישע אנטוויקלונג פון די פרינציפן פון דעם מאניפעסט פון ערשטן צוזאמענפאר. מיר זיינען ניט איינשטימיק מיט דעם

2. זיבן דעלעגאטן „איסקראווצעס" פון דער „מינדערהייט" (מארטאווצעס): ט. מאקאדזאב (פאנין), מארטאוו, טראצקי, מאנדעלבערג (פאסאדאווסקע), ל. דייטש, וו. קראכמאל (פאמין), מ. זבאראווסקי (קאסטיש).

3. פיר דעלעגאטן, אנהענגער פון „דארעם־ארבעטער": וו. ריאזאנאוו, (פאפאוו), לעווין (יעגאראוו), לעווין (איוואנאוו), ל. ניקאלאיעוו (מעדוועדיעוו).

4. דריי דעלעגאטן, אנהענגער פון „ראבאטשעיע דעלא" (ארבעטער־זאך): א. מארטינאוו, וו. מאכ־נאוועץ (אקימאוו), ל. ברוקער, ל. מאכנאוועץ (ברוקער).

5. דעלעגאטן פון „בונד": אייזנשטאט (יודין), קאסאווסקי (האפמאן), מ. ליבער, ק. פארטנאי, אבראמסאן און וו. מעדעם־גאלדבלאט.

6. די גרופע „בלאטע" — וואקלדיקע, וועלכע האבן אונטערגעהאלטן מארטאווס גרופע. די וואקל־דיקע זיינען געווען: ד. קאלאפאטי, (מאכאוו), צייטלין (בעלאוו), א. לאקערמאן (דארעוו), מאשינסקי (לוואוו).

די גרופן 2, 3, 4, 5, 6, זיינען באשטאנען פון דעם אנטי־באלשעוויסטישן (אנטי־לענינשן) טייל פון צוזאמענפאר, וועלכער איז באשטאנען פון 23 דעלעגאטן מיט 27 שטימען, און פון אנהייב געהאט א מערהייט אפן צוזאמענפאר. אבער נאך דעם, ווי צוויי דעלעגאטן פון „ראבאטשעיע דעלא" און 5 דעלעגאטן פון „בונד" האבן פארלאזן דעם צוזאמענפאר, האט די ערשטע גרופע (לענינצעס) באקומען א מע־הייט פון 20 דעלעגאטן מיט 24 שטימען. א גענויעם אנאליז וועגן דער ארבעט פון צוזאמענפאר האט געגעבן לענין אין זיין בראשור „א טראט פאראויס און צוויי טריט צוריק".

*) דער סטאטוט ווערט געבראכט צום סאף פון אט דעם דאקומענט.

אויסדרוק פון אויטאָנאָמיע, דערפֿאַר ווייל ער איז אומבאַשטימט און אין אים קענען אַריינגעלייגט ווערן פֿאַרשיידענע אינהאַלטן. אָבער מיר זיינען אויך ניט קיין אָנהענגער פון טערמין „פֿעדעראַציע", וועלכער איז פּונקט אַזוי אומקלאָר. און בעצמעס גערעדט, אויב מיר אַנאַליזירן דעם פּונקט פון מאַניפֿעסט פון ערשטן צוזאַמענפֿאָר, וועלכער איז נעגייע דעם „בונד" (דער „בונד" איז אַן אויטאָנאָמער טייל פון דער רוסלענדער פּאַרטיי), וועלן מיר קומען צום אויספֿיר, אַז אַן אַנדערן און פיל ברייטערן אינהאַלט לייגט אַריין אין דעם באַגריף „אויטאָנאָמיע" די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע פֿאָדערט דאָס (אויטאָנאָמיע) בײַ דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

דער פּונקט פון מאַניפֿעסט פון ערשטן צוזאַמענפֿאָר, וועלכער איז נעגייע דעם „בונד", איז אויך ניט קלאָר אין דער הינזיכט, וואָס ער באַשטימט ניט בענעגייע צו וועמען איז אויטאָנאָם די אָרגאַניזאַציע, ווער איז אויטאָנאָם און אין וועלכע פֿראַגן איז זי אויטאָנאָם.

אויב די אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט איז אויטאָנאָם בענעגייע צו דער פּאַרטיי, ד. ה., צו אירע צענטראַלע אָרגאַנען, האָט אַזאַ אויטאָנאָמיע אויך געדאַרפֿט אָנגעווענדעט ווערן צו אַלע טיילן פון דער פּאַרטיי, וועלכע זיינען אין זייערע ראַיאָנע איניאָנים אויך אויטאָנאָם. קעדיי צו ענטפֿערן אַף דער צווייטער פֿראַגע (ווער עס איז אויטאָנאָם) איז נייטיק געווען צו באַשטימען דעם ראַיאָן פון דער טעטיקייט פון „בונד". דאָס איז אָבער ניט געטאָן געוואָרן. דעריבער זיינען דאָ מעגלעך צוויי השערות: 1) אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז דער „בונד" דאַרף ווערן אַ ראַיאָנע אָרגאַניזאַציע. 2) אַנדערע האָבן געטראַכט, אַז דער „בונד" דאַרף אַרבעטן צווישן דעם גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט.

שטעלט זיך קודעמקאָל די פֿראַגע. צו וואָס איז אונדז נייטיק אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט? צי קען האָבן אַ באַרעכטיקונג, ערשטנס, צוליב דער באַזונדערער שווערער רעכטלאָזער לאַגע, אין וועלכער עס געפֿינט זיך דער גאַנצער יידישער פּראָלעטאַריאַט אָן אונטערשייד, און וואָס פֿאַר אַ שפּראַך ער רעדט; צווייטנס, מיט דעם, וואָס די קויכעס־פֿאַרהעלטעניש צווישן דער יידישער נאַציע איז אינגאַנצן אַן אייגנאַרטיקע. אַזוי, צום ביישפּיל, איז בײַ יידן ניטאָ קיין אַדל־קלאַס (דוואָריאַנסטוואָ), קיין פּריצים און קיין פּויערים. דעריבער איז יעדער געדאַנק וועגן פֿאַרוואַנדלען דעם „בונד" אין אַ ראַיאָנע אָרגאַניזאַציע (ניט ריידנדיק שוין דערפֿון, וואָס מיר זיינען ביכלאַל קעגנער פון ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס, ווייל זיי פֿירן צו דעצענטראַליזאַציע), צעשטערט יעדן געדאַנק וועגן זיין עקזיסטענץ.

באַגרינדן די נייטיקייט פון אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט צוליב דער שפּראַך האָט קיין זינען ניט, ווייל צוליב וואָס דאַרף דער „בונד" דאַן אויטאָנאָמיע? די פֿראַגע וועגן שפּראַך איז דאָ ניט מער, ווי אַ טעכנישע פֿראַגע. און מע וואָלט פּאַשעט געקאָנט שאַפֿן אַ טעכנישע קאָמיסיע.

אַף אַזאַ אויפֿן איז די אייניציקע באַדינגונג, וואָס באַשטימט די אויטאָנאָמיע פון „בונד", די גרענעצן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, ווי אַזעלכן אינגאַנצן גענומען. און מיר דענקען, אַז דער „בונד" מוז אין דער פּאַרטיי פֿאַרנעמען אַן אָרט, ווי דער פֿאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אָבער מיט דעם ווילן מיר בעשומויפֿן ניט

זאָגן, אַז קיין אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס טאָרן ניט אַרבעטן צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט.

שטעלט זיך די פראַגע. צי קאָן מען פאַנאַנדערגרענעצן דעם סכום פראַגן, אין וועלכע די אָרגאַניזאַציע איז אויטאָנאָם? לויטן מאַניפעסט פון ערשטן צוזאַמענפאָר איז דער „בונד“ אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אויטאָנאָם אין די פראַגן, וואָס זיינען שייַך דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ פראַגן? לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל, די פראַגע וועגן דער רעכטלאָזער לאַגע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. ניט שוין־זשע געפינט זיך ניט די דאָזיקע פראַגע אין ענגסטער פאַרבינדונג מיט אַנדערע פּאָליטישע פראַגן? אָבער אויב עס איז אַזוי, איז מעגלעך איינס פון די ביידע: אָדער דער „בונד“ איז בעעמעס אויטאָנאָם און האָט די פולשטענדיקע פרייהייט צו באַהאַנדלען אַלע פראַגן, אָדער דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט זיין זייער שטרענג אין זיינע פאָדערונגען צום „בונד“ און וועט פאַרשמעלערן זיין פרייהייט.

דאָ שווימט אַרויס אַ צווייטע פראַגע: צי איז דער צוזאַמענפאָר פון „בונד“ די העכסטע אינסטאַנץ וועג די פראַגן, וואָס זיינען נעגייע דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט? אַף דער פראַגע ענטפער איך — ניין. דער „בונד“ דאַרף זיין קאָמפעטענט אין אַלע פראַגן, אָבער איבער אים דאַרף זיין אַ קאָנטראָל פון אַ העכערער אַנשטאַלט.

אַף דעם דערווידערט מען געוויינלעך, אַז אויב אַזוי, איז צו וואָס דאַרף דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע? אָבער דערביי פאַרגעסט מען, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז פיל מער פאַרינטערעסירט אין קאַמף קעגן די אויסערגעוויינלעכע באַגרענעצונגען, וואָס זיינען אַף אים אַרויפגעלייגט, ווי דער איבעריקער פּראָלעטאַריאַט. און בלויז דעריבער וועט ער זיין אַ מער אַקטיווער קעמפער קעגן אַזאַ אונטערדריקונג.

אַרויסגייענדיק פון די אויבנדערמאַנטע מאָטיוון, געפינען מיר פאַר מעגלעך די אָרגאַניזירונג פון דער פּאַרטיי אַף אויטאָנאָמע יעסוידעס. ווי דאַרפן זיין די באַציונגען צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון דער פּאַרטיי? איך זאָג, אַז זיי דאַרפן זיין באַגרינדעט אַף דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע. איין טייל פון דער פּאַרטיי שטעלט מיט זיך פאָר אַ סכום פון רוסישע קאָמיטעטן, און דער צווייטער טייל — דעם „בונד“, אַן אָרגאַניזירטן באַזונדערן פאַרבאַנד.

מע ווייזט אונדז געוויינלעך אָן, אַז די טיילן זיינען ניט קיין גלייכמעסיקע און ניט קיין פאַרגלייכבאַרע, אַז דעריבער איז זייער פאַראייניקונג אַף פעדעראַטיווע יעסוידעס זייער שווער. אין עסטרייך איז גאַנץ מעגלעך אַפן יעסאָד פון גלייכבאַרעכטיקונג אַ פעדעראַטיווער פאַרבאַנד פון נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. פּרינציפּיעל האָבן מיר אויך געקאָנט פאָדערן דאָס איינענע.

אונדזערע קעגנער דענקען, אַז פעדעראַציע און דעצענטראַליזאַציע איז איינס און דאָסזעלבע. דאָס איז ניט ריכטיק. לויט אונדזער מיינונג איז ניטאָ קיין מער העכערע פאָרם פון צענטראַליזם, ווי פעדעראַציע. און עס איז אינגאַנצן ניט ריכטיק, אַז אויטאָנאָמיע איז אַ מער צענטראַליסטישע פאָרם איידער פעדעראַציע. דער פּראָלעטאַריאַט פון אַ געוויסער נאַציע האָט נאָר דאַן צענטראַליסטישע טענדענצן, ווען ער זעט אינעם צענטער די לייזונג פון אַלע זיינע באַדערפענישן און באַזונדערס פון אַלע זיינע ספּעציעלע נאַציאָנאַלע נויטן.

שאפנדיק אווטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס אַף דעם גרונט פון אויסטיילן די דראָזיקע נאַציאָנאַלע נויטן פון צענטער, פאַרניכטן מיר ניט דערמיט ניט נאָר זיינע צענטראַליסטישע שטרעבונגען, נאָר מיר ציען אויך אים אָפּ פון די אַלגעמיינע שטרעבונגען פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט און קאָנצענטרירן זיין אויפמערקזאַמקייט אַף ענג נאַציאָנאַליסטישע פראַגן אין זיין אייגענער אָרגאַניזאַציע. אַזאַ אָפּטיילן די אַלגעמיינע פראַגן פון די נאַציאָנאַלע איז שעדלעך. די פעדעראַטיווע אָרגאַניזאַציע באַזייטיקט די דאָזיקע צעטיילונג און דעריבער פאַרזיכערט זי בעסער פון אַלץ די צענטראַליזאַציע.

ליבער גייט איבער דערנאָך צום איבערלייענען און מער דעטאַל באַגרינדן דעם סטאַטוט, וואָס דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט אויסגעאַרבעט.

מאַרטאָוו (קאָרעפערענט): נאָך דעם, ווי מיר האָבן צוגעהערט דעם פּאָרטראַג, וועט קיינער ניט אָנהייבן צווייפלען, אַז דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַנדלט זייער לאָגיש, אוועקשטעלנדיק די פראַגע וועגן „בונד" אַפן ערשטן אָרט פון טאָג־אָרדענונג. ווי מיר זעען רעדט א טייל פון דער פאַרטיי וועגן אַן אָפּמאַך צווישן צוויי זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס — יידן און ניט־יידן. די לעצטע פאָרמולירונג איז, לויט מיין מיינונג, פיל פּינקטלעכער, ווי די ריידעריי וועגן קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט זיך טאַקע פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן דעם פּראָיעקט פון אַן אָפּמאַך צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט און דעם איבעריקן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט. פאַר די פאַרשטייער פון „בונד" איז, ווי עס ווייזט אויס, דער איצטיקער צוזאַמענפאָר — א גרינדונג־צוזאַמענפאָר. אָבער ערשט נעכטן, ווען מע האָט גערעדט וועגן איינלאַדן די פּוילישע באַוויירים, האָבן זיי (די פאַרשטייער פון „בונד") באַשטאַנען אַף דעם, אַז דער צוזאַמענפאָר איז אַן אָרדנטלעכער און ניט קיין גרינדונג־צוזאַמענפאָר. איך זאָג, אַז די פאַרשטייער פון „בונד" האַלטן דעם איצטיקן צוזאַמענפאָר פאַר א גרינדונג־צוזאַמענפאָר דערפאַר, ווייל זיי ריידן וועגן אַן אָפּמאַך צווישן צוויי טיילן פון דער פאַרטיי, וועגן וואָס עס קאָן ניט זיין קיין רייד אַף אַן אָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר, אַף וועלכן עס איז דערלאָזלעך צו ריידן נאָר וועגן א פאַרבאַנד מיט אַן אַנדער פאַרטיי און ניט וועגן קיין אָפּמאַך צווישן טיילן פון דער פאַרטיי. ביז דער לעצטער צייט האָט דער „בונד" פאַרגעשטעלט מיט זיך א טייל פון דער פאַרטיי און האָט, ווי עס ווייזט אויס, אַף זיך געקוקט, ווי אַף א טייל פון דער פאַרטיי, גענומען אַן אָנטייל אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וועלכער האָט אָנערקענט, אַז דער צוזאַמענפאָר איז אַן אָרדנטלעכער און שטעלט מיט זיך פאָר ניט א צוזאַמענפאָר פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, נאָר פון טיילן פון דער פאַרטיי. דער כ' ליבער האָט געזאָגט: „מיר טראָגן ניט אריין קיינע ענדערונגען, מיר לייגן נאָר פאָר א סטאַטוט. דער ערשטער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט נאָר פעסטגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון די באַציונגען פון „בונד" צו דער רוסלענדער פאַרטיי, און איצט פאָרמולירן מיר צום ערשטן מאָל דעם סטאַטוט". דאָס איז עמעס. איך וועל דאָס ניט אָנהייבן אָפּלייקענען. אָבער דערדאָזיקער סטאַטוט, וועלכער איז אונדז פאָרגעלייגט געוואָרן, שטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ די יעסוידעס פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וואָס דער צוזאַמענפאָר פון 1898 יאָר האָט איינגעשטעלט. אין מאַניפעסט פון ערשטן צוזאַ־

מענפאָר אין גאַנץ פּינקטלעך פעסטגעשטעלט, אַז די אָרגאַניזאַציעס, וועמעס פאַרשטײער עס זײַנען אָנוועזנד אַפן צוזאַמענפאָר, גיסן זיך צוזאַמען אין אַן אײנהײטלעכער אָרגאַניזאַציע. די אַוטאָנאָמיע, וועלכע דער ערשטער צוזאַמענפאָר האָט געגעבן דעם „בונד", איז ניט געווען קײן אויסנאַם דערפאַר, ווײַל דאָס איז געגעבן געוואָרן אַלע קאָמיטעטן, נאָר אין מער שמעלערע ראַמען.

דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט אָנגענומען די באַקאַנטע רעזאָליוציע, אָבער אין איר איז ניט געווען דאָס וואָרט „צוקונפט", וואָס ליבער האָט צוגעגעבן, ברענגענדיק די דאָזיקע רעזאָליוציע. דאָסדאָזיקע וואָרט האָט זיך נאָר באַוויזן אין 1903 יאָר. אין בריוו פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" צו דער רעדאַקציע פון „איסקראַ" איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דאַפקע די דאָזיקע רעזאָליוציע וועגן דער פעדעראַטיווער בויונג פון דער פאַרטיי האָט דער „בונד" בעדייע אַרײַנצוטראָגן אַף אַ פאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אָבער ווען די פראַגע וועגן צונויפרופן דעם צוזאַמענפאָר איז געוואָרן אַ פּראַקטישע פראַגע, האָבן זיך די כאַווײרים פון „בונד" צונויפגעקליבן אַפן פינפטן צוזאַמענפאָר און האָבן באַאַרבעט די רעזאָליוציע פון פערטן צוזאַמענפאָר... איצט רעדט מען צו אונדז וועגן אַן אַפמאַך — אַן אויסדרוק, וואָס דער ב' ליבער באַנוצט. און דאָך, ווען מיר האָבן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן טאָגאָרדענונג, האָבן די כאַווײרים פון „בונד" דאַפקע אין דער פראַגע זיך געהאַלטן ניט ווי קײן פרײַער צאַד, ניט ווי קײן באַזונדערע זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, נאָר ווי אַ טײל פון דער פאַרטיי און זיך שטיצנדיק אַף דעם האָבן זײ דערווידערט קעגן אויסטײלן די דאָזיקע פראַגע אַפן ערשטן אָרט פון טאָגאָרדענונג.

איך באַטראַכט ניט פאַר מעגלעך פאַרן צוזאַמענפאָר זיך צו פאַרנעמען מיט באַטראַכטן דעם פּראָיעקט פון דעם פאָרגעלײגטן אַפמאַך, וועגן וועלכן עס זײַנען ניט פאָרגעקומען קײנע פריערדיקע באַטראַכטונגען פון דער פאַרטיי דורך אירע אָרגאַנען.

און אַז דער פאָרגעלײגטער פּראָיעקט שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַפמאַך־באַדינגונג און אַז דעריבער קענען מיר ניט און טאָרן אים ניט באַטראַכטן, וועל איך באַלד באַווײַזן.

אין גרונט פון פּראָיעקט ליגט די האַשאָרע, אַז דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט איז נײטיק אַ באַזונדערע זעלבשטענדיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זײַן די פאַרשטײערן פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן אין די רײען פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. גאַנץ אומאָפּהענגיק פון דער פראַגע וועגן אָרגאַניזירן די פאַרטיי אַף פעדעראַטיווע אָדער אַוטאָנאָמע יעסוידעס קאָנען מיר ניט דערלאָזן, אַז דער אָדער יענער טײל פון דער פאַרטיי זאָל קענען פאַרטרעטן די גרופּן־אינטערעסן, פּראָפעסיאָנעלע אָדער נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון וועלכע ניט איז שיכטן פונעם פּראָלעטאַריאַט.

די נאַציאָנאַלע באַזונדערקײטן מוזן צוליב די אַלגעמײנע קלאַסאָווע אינטערעסן זיך אונטערוואַרפן דער אַלגעמײנער זאַך. וואָס פאַר אַ פאָנעם וואָלט געהאַט אונדזער אָרגאַניזאַציע, אויב, צום בײַשפּיל, אין אײנער און דערזעלבער פאַבריק וואָלטן די אַרבעטער פון פאַרשײדענע פעלקער פריער פון אַלץ געטראַכט וועגן פאַרשטײערשאַפט פון זײערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן?

די באַזונדערע שווערע רעכטלאָזע לאַגע, אין וועלכער עס קומט אויס צו לעבן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, טאָר ניט דינען פאַר קיין גרונט פאַר זיין אָפּזונדערן זיך. דאָס קען נאָר דינען, ווי א מאָטיוו פאַר אַ ברייטערער אויטאָנאָמיע, פאַר אָרגאַניזירן דאָס אָנפירן מיטן קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אָבער אַ פאַרברייטערטע אויטאָנאָמיע האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם פּרינציפּ פון געבן די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פאָרשטייערשאַפט.

די לאַגע פון „בונד" איז אַ ווידערשפּרעכיקע. אָבער דאָס קאָמפּראָמיטירט ניט ניט דעם „בונד", ניט די רוסלענדער פּאַרטיי, ווייל די דאָזיקע ווידערשפּרעכיקע לאַגע איז אַ פּועל־יוצא פון א ריי טרויעריקע היסטאָרישע אומשטענדן. און די דאָזיקע אומנאָרמאַלע לאַגע קאָן ניט געענדערט ווערן מיט איין העלדישער רעזאָלוציע. מיר ווייסן עס גאַנץ גוט און טאַקע דערפאַר טאָרן מיר ניט פאַרמאַכן די אויגן אף דער דאָזיקער אומנאָרמאַלער לאַגע און טאָרן זי ניט איגנאָרירן.

דער געדאַנק, אַז פעדעראַציע איז דער בעסטער מיטל צו צענטראַליזאַציע, וואָס דער כ' ליבער האָט אַזוי פאַרטיידיקט, איז מיט קיינע באַווייזן ניט באַגרינדעט געוואָרן. דער כ' ליבער האָט אונדז נאָר געוויזן, וואָס עס קאָן זיין און וואָס עס קומט ארויס פון ניט קיין נאָרמאַלע אויטאָנאָמע באַציונגען.

איך גיי איצט אריבער צו כאַראַקטעריזירן דעם סטאַטוט. לאָמיר נעמען דעם דריטן פּאַראַגראַף. וואָס וואָלט פון אונדז געוואָרן, אויב דער טעטיקייט־ראַיאָן פון יעדער אָרגאַניזאַציע, וועלכע גייט אריין אין באַשטאַנד פון דער פּאַרטיי, וואָלט ניט געווען באַגרענעצט מיט קיינע ראַיאָנע ראַמען? לויט דעם פאָרשלאָג: פון די צוזאַמענשטעלער פון פּראָיעקט קומט אָבער אויס, אַז דער טעטיקייט־ראַיאָן פון „בונד" ענדיקט זיך מיט די גרענעצן פון דער רוסלענדער אימפּעריע. אין אַזאַ פאַל וואָלט די אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי אַפילע ניט געווען קיין פעדעראַציע.

ווייטער ווערט אין דריטן פּאַראַגראַף דערקלערט, אַז עס וואָלט געווען קאָנסעקווענט, ווען די דאָזיקע נאָרמע וואָלט אָנגענומען געוואָרן בענעגייע אַלע טיילן פון דער פּאַרטיי. אויב עס איז ניט דערלאָזלעך, אַז די פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט זאָלן דערשטיקט ווערן פון א מערהייט, איז עס דאָך מיסטאָמע אויך ניט דערלאָזלעך בענעגייע די פאָרשטייער פון קיעווער, פּעטערבורגער און אַלע אַנדערע קאָמיטעטן. דאַן וואָלט נייטיק געווען צוזאַמענשטעלן דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס און דער צענטראַל־קאָמיטעט וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַנשטאַלט, וועלכער איז גאַנץ ענלעך צו דעם אַלטן פּוילישן סיים, ווו די וועטאָ פון איינעם האָט צוגענומען די מעגלעכקייט באַם גאַנצן סיים ארויסטראָגן וועלכן עס איז באַשלוס.

דער פינפטער פּאַראַגראַף שטעלט זיך אינגאַנצן אין ווידערשפּרוך מיט אַלע שטרעבונגען צו צענטראַליזירן די פּאַרטיי און שטעלט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" ווי א צאָם צווישן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און די אָרטיקע גרופּן פון דער פּאַרטיי. דאָס באַטייט ארייַנטראָגן אַ מויר׳עדיקע דעצענטראַליזאַציע. און דאָך וואָלט, לויט דעם פאָרשלאָג פון „בונד", אויך די נאָרמע געווען לאָגיש אָנצוווענדן צו אַלע טיילן פון דער פּאַרטיי. ווען דאָס זאָל פאָרקומען, וואָס וואָלט פון דעם ארויסגעקומען?

דער 12־טער פּאַראַגראַף זאָגט גאַנץ דייטלעך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אָפּמאַך, ווייל ווען מיר זאָלן אָננעמען דעם סטאַטוט, קאָנען מיר נאָר פאָרשלאָגן ענדערונגען אין אים, אַריינטרעטן אין אַן אָפּמאַך מיטן „בונד" וועגן דידאָזיקע ענדערונגען, אָבער ניט אָפּשאַפן פּונקטן פון דעמדאָזיקן סטאַטוט.

אַזאַ איז דער סטאַטוט, וועלכער ווערט אונדז פאָרגעלייגט. דעריבער, איידער מיר גייען איבער דעם סטאַטוט צו באַהאַנדלען, איידער איינצושטעלן די באַציונגען פון „בונד" צו דער פּאַרטיי, דאַרפן מיר באַקומען אַן ענטפער אַף דער פראַגע: מיט וועמען האָבן מיר צו טאָן, צי מיט אַ טייל פון דער פּאַרטיי, צי מיט אַ פרייען צאַד, וועלכער לייגט אונדז פאָר אַן אָפּמאַך, בענעגייע וועלכן אויך מיר זיינען אַ פרייע צאַד?

איך גיי איבער קלאָר צו מאַכן די רעזאָליוציע, וואָס איך לייג פאָר *). אין ערשטן פּונקט שטרייכן מיר אונטער, אַז די לייזונג פון אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן איז מעגלעך נאָר בא דער סאַמע פעסטער אייניקייט פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט. אין צווייטן פּונקט באַזערן מיר איבער דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אַף דעם ברויסעלער צווישנפעלקערלעכן קאָנגרעס אין 1891 יאָר. אין דריטן פּונקט ווערט אָנגעוויזן, אַז אַ באַשטימטע זעלבשטענדיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט איז בעשומויפן ניט אויסגעשלאָסן. אָבער די פאַרברייטערטע אווטאָנאָמיע פון „בונד" ווערט מאָטיווירט ניט מיט קיין נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, נאָר מיט דער באַקוועמלעכקייט פון דער רעוואָליוציאָנערער אַגיטאַציע. און צום שלוס זאָגן מיר, אַז מיר וואַרפן אָפּ יעדער פּרווו איבערצובויען די פּאַרטיי אַף פעדעראַטיווע יעסוידעס, ווייל דאָס וואָלט זיין אַ שטערונג פאַר דער ווייטערדיקער דערנעענטערונג צווישן דעם יידישן און רוסישן פּראָלעטאַריאַט.

טראָצקי: צו דער רעזאָליוציע, וואָס כ' מאַרטאָוו לייגט פאָר, געפין איך פאַר גוצלעך צוצוגעבן, אַז אונטער דער רעזאָליוציע זיינען אונטערגעשריבן די נעמען פון כאַווערים יידן, וועלכע, אַרבעטנדיק אין דער רוסלענדער פּאַרטיי, האָבן זיך באַטראַכט און באַטראַכטן זיך אויך פאַר פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

ליבער: צווישן וועלכן זיי האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט.

טראָצקי: איך בעט אַנשרייבן אין פּראָטאָקאָל מיין מעלדונג און ליבערס צווישנרוף.

ליבער: איך בעט פאַרשרייבן אין פּראָטאָקאָל, אַז דער פאָרזיצער האָט ניט אָפּגעשטעלט טראָצקין, ווען דער לעצטער איז באַגאַנגען אַ גראָבע אומטאַקטישקייט.

פאָרזיצער (פּלעכאַנאָוו): באַזונדערס פאַרצייכענען דעם צופאַל אין פּראָטאָקאָל איז איבעריק, ווייל סיי־ווי־סיי וועט זיין קענטיק אין פּראָטאָקאָל, אַז איך האָב ניט אָפּגעשטעלט דעם כ' טראָצקין.

ליבער: איך פאַרלאַנג, אַז דערדאָזיקער פאַל זאָל פאַרצייכנט ווערן אין פּראָטאָקאָל.

---

*) די רעזאָליוציע איז געבראַכט אין טעקסט פון אונדזער אַרבעט.

פּאַרזיצער: אויב אַזוי, טאָ זייט אַזוי גוט און טראָגט אַריין אייער מעלדונג אין אַ שריפטלעכער פאָרם.

ליבער טראָגט אַריין אַ מעלדונג מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„איך באַצייכן, אַז דער פּאַרזיצער האָט ניט אָפּגעשטעלט דעם כ' טראָצקי, ווען ער האָט דערקלערט וועגן דער אָנגעהעריקייט צו דער יידישער נאַציע פון די פּער־זאָנען, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן די רעזאָליוציע, און איז דערמיט באַגאַנגען אַ גראָבע אומטאַקטישקייט, איבערטראָגנדיק דעם גאַנצן סיכסעך אין דער פראַגע אָפּן באָדן פון נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן".

(איבעררייס פון דער זיצונג).

פּאַרזיצער: איידער מיר גייען אַריבער פאַרזעצן די זיצונג, מוז איך זיך ווענדן צו דעם צוזאַמענפאָר מיט דער פאָלגנדיקער דערקלערונג. איך האָב שוין איינ־מאָל געהאַט דעם קאָוועד אָנצווייזן דעם כ' ליבער, אַז דער פּאַרזיצער מוז ווירקלעך אָפּשטעלן אַ רעדנער, ווען ער מאַכט ניט קיין טאַקטישע באַמערקונג. אָבער דער ריכטער אין אַזעלכע פאַלן איז דער פּאַרזיצער און ניט איינצלנע מיטגלידער פון דער פאַרזאַמלונג. ווי אַ פּאַרזיצער האָב איך אין דער מעלדונג פון דעם כ' טראָצקי ניט געזען קיין שום אומטאַקטישקייט. וואָס איז דאָ, אייגנטלעך, אומטאַקטיש? ניט שוין־זשע דאָס, וואָס ער האָט דערמאָנט אָן זיין יידישער אָפּשטאַמונג. אָדער דאָס, וואָס דערמאָנענדיק זיין יידישע אָפּשטאַמונג, האָט ער אָנגעוויזן, אַז ער רעכנט זיך פאַר אַ פאָרשטייער פון יידישן פראָלעטאַריאַט? וואָס איז שייך דעם אַריבערטראָגן דעם סיכסעך אָפּן גרונט פון נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן, איז אויב טראָצקיס אומשול־דיקע באַמערקונג קאָן אופרייצן נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן, זיינען, ווי ס'ווייזט אויס, דיזאָזיקע ליידנשאַפטן נאָענט צו נאַציאָנאַלן פאַנאַטיזם.

איך האָב ניט געהאַט קיין רעכט פאָרצושטעלן זיך נאַציאָנאַלן פאַנאַטיזם באַ־וועמען ניט איז פון די אָנוועזנדיקע אָט דאָ. אָבער אַזוי ווי אין דער פאָדערונג פון כ' ליבער זע איך אַ ניט באַגיטיקונג פון מיין האַנדלונג, בעט איך אַריבערטראָגן דיזאָזיקע פראַגע אויף צו באַהאַנדלען אָפּן צוזאַמענפאָר, און פון מיין זייט לייג איך פאָר אויסדריקן צוטרוי דעם פּרעזידיום, ווייל אַנדערש קאָנען מיר ניט פאַרזעצן די זי־צונג.

אַקימאָוו געפינט אַיין, אַז מע דאַרף ניט מאַכן דערפון קיין אינצידענט און עס איז נייטיק צוגלייכן ליבערס מעלדונג צו אַ פּערזענלעכער באַמערקונג.

שטיין: טראָצקיס באַמערקונג באַטראַכט איך ניט ווי קיין גראָבע אומטאַקטיש־קייט. זי איז גלאַט ניט געווען אַמפּלאַץ.

פּאַרזיצער: דאָ גייט ניט קיין רייד וועגן כ' טראָצקיס באַמערקונג, נאָר וועגן צוטרוי דעם פּרעזידיום.

ליבער: די פראַגע אין מיין מעלדונג גייט ניט וועגן דער אויפירונג פון פּאַרזי־צער, נאָר וועגן דעם, צי איז טאַקטיש אָדער אומטאַקטיש די מעלדונג פון כ' טראָצקין.

אַקימאָוו טראָגט אַריין אַ רעזאָליוציע מיטן פאָלגנדיקן אינהאַלט: „אויסהער־נדיק די באַמערקונג פון כ' ליבער וועגן דער רעדע פון כ' טראָצקי און די דערקלע־רונג פון פּאַרזיצער, גייט דער צוזאַמענפאָר אַריבער צו ווייטערדיקער אַרבעט".

לאַנגע און מוראַוויאָוו טראָגן אריין די פאָלגנדיקע רעזאָליוציע: „אויסהערנדיק די מעלדונג פון כ׳ ליבער, דריקט אויס דער צוזאַמענפאָר צוטרוי דעם פרעזידיום און גייט אריבער צו ווייטערדיקער אַרבעט״.

ביידע רעזאָליוציעס ווערן אָפּגעשטימט. כ׳ אקימאָוום רעזאָליוציע ווערט אָפּגעוואָרפן און די רעזאָליוציע פון די כ״כ לאַנגע און מוראַוויאָוו ווערט אָנגענומען מיט אַלע שטימען בײַ פינף אָפּגעהאַלטענע.

(די זיצונג ווערט געשלאָסן)

פינפטע זיצונג

(בייגעווען 42 דעלעגאַטן מיט 51 מאנדאטן אף באשטימונג־רעכט און 8 פערזאָן מיט באראטונג־רעכט).

עס ווערט געלייענט און באַשטעטיקט דער פּראָטאָקאָל פון דער צווייטער זיצונג. דערנאָך ווערן פאָרגעזעצט די דעבאַטן איבער דעם צווייטן פונקט פון טאָגאָרדענונג.

קאַרסקי: די באַגרענעצטקייט פון צייט וועט מיר ניט דערלויבן זיך אָפּצושטעלן אף אסאך פונקטן פון כ׳ ליבערס פאָרטראַג, וועגן וועלכן איך האָב געוואָלט אַרויסזאָגן מיינע דערוווּנדערונגען. איך וועל זיך דעריבער אָפּשטעלן אף די פאָלגנדיקע געדאַנקען פון די כאַווירים פון „בונד״.

דער „בונד״ וויל זיין דער פאָרשטייער ניט נאָר פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער לעבט אף אַ געוויסער טעריטאָריע און רעדט אף זשאַרגאָן, נאָר ער וויל ווערן דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אינגאַנצן גענומען. אף אַזאַ אויפן איז דער ראַיאָן פון בונדס טעטיקייט אומעטום, ווו עס לעבן נאָר אַרבעטער, וועלכע באַלאַנגען צו דער יידישער נאַציע. אָט דאָס איז די גרונט־לאַגע, וואָס עס שטעלט אַרויס און פאַרטיידיקט דער „בונד״. אַזאַ שטאַנדפּונקט איז אַ נאַציאָנאַליסטישער און ניט קיין סאָציאַליסטישער. דער „בונד״ שטיצט זיך ניט אף זיינע טעכנישע באַדינגונגען און רעכנט זיך ניט מיט דעם, וואָס די יידן לעבן אין פאַרשיידענע טיילן פון גרויסן רוסלאַנד און ריידן אף פאַרשיידענע שפּראַכן. ניין, דאָס אַלץ איז ניט וויכטיק פאַרן „בונד״. פאַר אים ווערט די פראַגע נאָר געלייזט מיט דעם, וואָס אַ טייל פון פּראָלעטאַריאַט באַלאַנגט צו דער יידישער נאַציע. דאָס דערמאָנט מיר דעם אוטאָפּישן פּראָיעקט פון אַן אַרמענער, וועלכער האָט פאָרגעלייגט צו אָרגאַניזירן אין איין אַרמענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי דעם גאַנצן אַרמענישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס לעבט אין אַרמעניע, אף קאַווקאַז און טערקיי, פּערסיע א. ד. גל. דערדאָזיקער אַרמענער איז אַ קאָנסעקווענטער סאָציאַליסט־נאַציאָנאַליסט. אָבער דאָס „בונד״ קאָן מען ניט אָנערקענען די דאָזיקע קאָנסעקווענטקייט.

מיך וווּנדערט די פאָדערונג פון „בונד״ וועגן צוזאַמענשטעלן אַ מין מעלוכע אין אַ מעלוכע. מיר גרוזינער, אַרמענער א. ד. גל. פאָדערן דאָך ניט קיין באַזונדערע גרוזינישע, אַרמענישע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. און פונדעסטוועגן שטערט אונדז דאָס ניט צו אַרבעטן אין די רייען פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און אַרבעטן מיט דערפאָלג, ווי עס באַווייזט די געשיכטע פון דער

לעצטער צייט. יעדער נאַציאָנאַלער פּאָרורטייל ווערט באַ אונדז אַף קאַווקאַז אויסגעראָטן מיטן וואָרצל.

רוסאָוו: מיר קומט אויס צו אַרבעטן אין אַזאַ געגנט, וואָס לויט דעם פֿיל־שוואַטימדיקן באַשטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג איז זי ענלעך צו די באַדינגונגען, אין וועלכע עס אַרבעט דער „בונד“. איך קאָן מיט באַפֿרידיקונג אונטערשטרייכן דעם פֿאַקט, אַז באַ אונדז איז אינגאַנצן ניטאָ קיין אָרגאַניזאַציאָנעלער סעפּאַראַטיזם, וועלכער ווייזט זיך אַזוי שטאַרק אַרויס אין „בונד“. אין יעדער פֿון אונדזערע שטעט עקזיסטירן פּאַרטייִשע קאָמיטעטן, וועלכע אַרבעטן אַף עטלעכע שפּראַכן. ביז איצט אַף דריי (רוסיש, גרוזיניש און אַרמעניש) און אויב עס וועט זיין נייטיק, וועט מען אַרבעטן אַף פֿיר (אויך אַף דער טאָטערישער שפּראַך). און ניט געקוקט אַף דעם אַלעם, זיינען ביז איצט קיינע אומאָנגענעמלעכקייטן ניט אַרויסגערופֿן געוואָרן און דער דערפֿאָלג פֿון דער אַרבעט אַף קאַווקאַז איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

לויט מיין מיינונג, האָט די טענדענץ, וועלכע הערשט איצט אין „בונד“, קיין שייכעס ניט מיטן סאָציאַליזם. די עקזיסטענץ פֿון אַ באַזונדערער יידישער אָרגאַניזאַציע אין דער פּאַרטיי, וואָס דאָס איז טאָעסדיק דערלאָזט געוואָרן פֿון ערשטן צוזאַמענפֿאָר און וואָס האָט, קאָן זיין, אַ היסטאָרישע באַרעכטיקונג, האָט געבראַכט צו זייער ניט קיין געוווּנטשענע רעזולטאַטן. ניט אָפּלייקענענדיק די פֿאַרדינסטן פֿון „בונד“ אין אָרגאַניזירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, געפֿין איך דאָך, אַז עס איז אַ גרויסער פֿעלער פֿאַר די אינטערעסן פֿון דער פּאַרטיי, וואָס ביז איצט זיינען נאָך אין מיירעוו־געגנט ניטאָ קיין פּאַרטיי־קאָמיטעטן, וואָס זאָלן אַרבעטן אַף אַלע שפּראַכן, און דידאָזיקע לאַגע אונדזערע דערקלערט זיך נאָר מיט דעם טאָעס, וואָס דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר האָט געמאַכט. האָרטן ווערט געפֿירט אַן אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, אָבער די פּאָליאַקן, ליטווינער, לעטן, רוסן בלייבן אויסער דער פּאַרטייִשער אַגיטאַציע. דידאָזיקע לאַגע איז ניט קיין נאָרמאַלע. אַז די רעזאָלוציע פֿון ערשטן צוזאַמענפֿאָר האָט ניט געהאַט אונטער זיך קיין באָדן (אויסער, טיידן, אַ היסטאָרישן, ד. ה., דער עקזיסטענץ פֿון אַ שטאַרקער יידישער אָרגאַניזאַציע ביז דער פֿאַרייניקונג פֿון דער פּאַרטיי), וועל איך זיך באַמיען צו באַווייזן. די סיבעס פֿון דער עקזיסטענץ פֿון אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע קאָנען זיין צווייערלייקע: טעכנישע (שפּראַך, געגנט) און פּרינציפּיעלע (פֿאַרשיידענע פּאָליטישע אויפֿגאַבן).

לאָמיר באַטראַכטן די ערשטע סיבע. דאָס יידנטום רעדט אין פֿאַרשיידענע געגנטן אַף פֿאַרשיידענע שפּראַכן (פּויליש, גרוזיניש, טאָטעריש), דעריבער איז אַן איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט ניט נייטיק. מיר ווייסן דאָך אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿירן אַן אַגיטאַציע אַף עטלעכע שפּראַכן. בענעגייע די אָנווייזונגען אַף אַ טעריטאָריע, ווערט דער אַרגומענט אָפּגעלייקנט דורכן „בונד“ גופֿע, אַלס אַזאַ, וואָס האָט ניט קיין אָרט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט. הייסט עס, אַז דאָ גייט עס ניט אין טעכנישע באַדינגונגען. לאָמיר באַטראַכטן די פּרינציפּיעלע סיבעס: די באַזונדערע רעכטלעכע לאַגע פֿונעם יידנטום, אַנטיסעמיטיזם, באַגרענעצונג־געזעצן קעגן יידן, — אָט אַף וואָס מע ווייזט אונדז שטענדיק אָן. די אויסנאַמגעזעצן עקזיסטירן אָבער ניט בלויז פֿאַר יידן, נאָר אויך פֿאַר אַנדערע „אינאָראָדצעס“ אין רוסלאַנד. דידאָזיקע אויסנאַם־לאַגע פֿון אַן אונטערדריקטער פֿעלקער־

שאפט, וואס גיט א קאלאסאלן אגיטאציע־מאטעריאל, דינט אבער ניט אלס א גענוגנדיקע סיבע אף צו שאפן א זעלבשטענדיקע ארגאניזאציע. איך מיין, אז דאס איז נאך ניט גענוג, קעדיי עס זאל עקזיסטירן א באזונדערע נאציאנאלע ארגאניזאציע. אויב עס זיינען פאראן גינסטיקע באדינגונגען פאר פאליטישער אגיטאציע, דאן איז די פליכט פון יעדן פילבארן און גוטן רעוואלוציאנער אויסצונוצן דידאזיקע מאמענטן פאר אגיטאציע. ווען איך וואלט זיך געפונען איינעם „טכום", וואלט איך געפירט אן אגיטאציע אף א האר ניט ווייניקער ווי דער „בונד", באנוצנדיק זיך מיט דער באזונדערער רעכטלעכער לאגע פונעם יידנטום. ווען מיר וואלטן זיך אנגעפירט מיט אזעלכע טייַמים, וואלטן מיר געצווונגען געווען ארגאניזירן באזונדערע ארגאניזאציעס פאר די סעקטאנטן, פאר אלע „אינאראדצעס" א. א. וו. און דאס וואלט געפירט ניט צום פארייניקן די פארטיי, נאר צום פאנאנדערלייגן זי. פארוואס, לעמאשל, קאן דער ווילנער קאמיטעט, וואס פירט אן ארבעט צווישן אלע פראלעטאריער פון שטאט, פונקט ווי די קאווקאזער קאמיטעטן, ניט פירן א העפטיקע אגיטאציע אפן באדן פון דער באזונדערער רעכטלעכער לאגע פונעם יידנטום? איינעם פארניכטן די באגרענעצונג־געזעצן איז דער רוסלענדישער פראלעטאריאט פאראינטערעסירט פונקט אזוי ווי דער יידישער. אט פארוואס דידאזיקע פאדערונג איז אן אלגעמיין־פראלעטארישע און ניט קיין ספעציעל־יידישע. אלע רוסלענדישע כאווייריים האבן זיך ביז איצט שטענדיק באצויגן צו די כאווייריים פון „בונד" ווי צו גוטע פראקטיקער. ווענדט זי זיך צו זיי ווי צו גוטע פראקטיקער: צי דארפן זיי ניט אנערקענען, אז די עקזיסטענץ פון צוויי פארשיידענע ארגאניזאציעס אין איין שטאט, ווי ענג זיי זאלן צווישן זיך ניט זיין פארבונדן, פירט אין א מאמענט פון קאמף צו ניט געווונטשענע פארלאנגזאמונגען און פארוויקלונגען. די היסטארישע באדינגונגען פאדערן א גיכע און שנעלע לייזונג און דא דארף מען נאך איינפארשטענדיקן זיך איינער מיטן צווייטן, דאס שעדיקט, ענדלעך, אויך דעם פירן די פראפאגאנדע, פארשטעלנדיק דעם קלאסן־כאראקטער פונעם קאמף מיטן נאציאנאלן *). אין דער רעדע פונעם כאווער פארמרעגער האט דורכגעבליצט אן אנדער סיבע, פארוואס עס עקזיסטירט א באזונדערע ארגאניזאציע פונעם יידישן פראלעטאריאט. ער האט די גאנצע צייט גערעדט וועגן „בונד", ווי וועגן א פארשטייער פון יידישן פראלעטאריאט אין דער פארטיי. אזא באזונדערע פארשטייערשאפט וואלט געהאט א זינען, ווען מיר וואלטן דערלאזן דעם געדאנק, אז די אינטערעסן פון דעם יידישן פראלעטאריאט וואלטן כאטש אין איין פונקט ווידערשפרעכן די אינטערעסן פון די פראלעטאריער פון אנדערע פעלקער פון רוסלאנד. איך דענק, אז אזא ווידערשפרוך עקזיסטירט ניט און קאן קיינמאל ניט עקזיסטירן. אויב נאר מיר ריידן, שטיצנדיק זיך אף א קלאסאוון שטאנדפונקט און ניט קיין נאציאנאלן. איך רעכן, אז יעדער מיטגליד פון דער פארטיי איז א פארשטייער פון גאנצן פראלעטאריאט פון גאנץ רוסלאנד. אויב אבער מיר וועלן אנערקענען יעדן דעלעגאט ווי א פארשטייער פון נאציאנאלע גרופעס פון פראלעטאריאט, וועט מיר אויסקומען צו רעכענען זיך פאר דעם פארשטייער פון רוסישן, גרוזינישן,

*) דאָ האָט דער פאָרזיצער איבערגעריסן דעם כאווער רוסאָוו, ווייל זיין צייט האָט זיך געענדיקט, נאָר מיט דער דערלויבעניש פונעם צוזאמענפאָר האָט ער פאָרגעזעצט.

אַרמענישן, טאַטערישן און יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע לעבן אַף קאַווקאַז. אָבער פֿון אַזאַ לאַנגן טיטל זאָג איך זיך אָפּ, קעדיי צו קאָנען נעמען אַף זיך דעם טיטל — פֿאָרשטייער פֿון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט.

ווי עס דרינגט אַרויס פֿון דעם אַלעם, וואָס איך האָב געזאָגט, בין איך אַן אָנהענגער פֿון דעם טיפּ פֿון אָרגאַניזאַציע, בײַ וועלכער עס זאָל אין יעדער שטאָט, אין יעדן ראַיאָן עקזיסטירן נאָר איין איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פֿירן אַן אַגיטאַציע אַף די שפּראַכן, וועלכע זיינען נייטיק. אָבער רעכנענדיק זיך מיט די היסטאָרישע באַדינגונגען, וועלכע האָבן באַשאַפֿן די באַזונדערע לאַגע פֿון „בונד“, בין איך געצוווּנגען צו זיין פֿאַר דער רעזאָלוציע פֿון כ׳ מאַרטאָוו (אַפּלאָדיסמענטן).

קאָסטיטש: אַרויסגייענדיק 1) פֿון דער רעזאָלוציע פֿון פֿערטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד“: „דער צוזאַמענפֿאָר אָנערקענט, אַז דער באַגריף נאַציע איז אויך אָנווענדלעך צום יידישן פֿאָלק“ און 2) דערפֿון, וואָס די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור וועט באַקומען אַ פֿרייע אַנטוויקלונג נאָר אין אַ מעלוכע, וואָס וועט זיין געבויט אַף יעסוידעס פֿון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, באַטראַכט דער „בונד“, אַז דערגרייכן דאָס וועט זיין מעגלעך נאָר בײַ פֿעדעראַטיווע באַציונגען פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

ניט באַרירנדיק די פֿראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער קולטור פֿון די יידן, האַגאַם פֿאַר מיר שטייט זי ניט אין אַזאַ ליכט, ווי פֿאַר דעם „בונד“, דענק איך, אַז די גײַנט־צילן, וואָס דער „בונד“ פֿאָדערט, קאָנען דערגרייכט ווערן און געפֿינען זייער פֿולן אויסדרוק אין דער פּאָליטישער אָרדענונג, וועלכע פֿאַרזיכערט די אַלע רעכט, וועגן וועלכע עס ווערט גערעדט אין דער פּראָגראַם פֿון דער „איסקראַ“. אָבער ניט דורך פֿעדעראַטיווע יעסוידעס אין דער פּאַרטיי וועט דער „בונד“ זיך דערשלאָגן צו דיזיקע צילן, נאָר בײַ דער אַפּוועזנהייט פֿון פֿעדעראַטיווע יעסוידעס, נאָר בײַ זיין פֿולשטענדיקער פֿאַראייניקונג מיט דער ר.ס.ד.א.פּ. דער „בונד“ האָט, לויט מיין מיינונג, בײַ דער אַלגעמיינער פּראָגראַם, זיך געקאָנט באַטראַכטן פֿאַר דעם טרעגער פֿון באַפֿרייונג פֿונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט פֿון דער ספּעציפֿישער אונטערדריקונג נאָר בײַ די פֿאָלגנדיקע פּראַקטישע האַשאָרעס. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן, אַז די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט ניט אַזוי אַנטשלאָסן קעמפֿן פֿאַר געוויסע פֿאָדערונגען פֿון דער פּראָגראַם: זי וועט ניט רופֿן מיט אַלע קויכעס די פּראָלעטאַריער צום קאַמף פֿאַר דיזיקע פֿאָדערונגען. בײַ אַזאַ לאַגע וועט די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זיין ניט אינגאַנצן באַוווסטזיניק און דעמאָלט איז נייטיק פֿאַרן „בונד“ זיך ניט אָפּזונדערן, נאָר וואָס מער און פֿעסטער זיך צוזאַמענבינדן מיט איר און זיך באַמיען דערהייבן זי צו דער הויכער שטופֿע פֿון קלאַסנבאַוווסטזיין, אַף וועלכער עס געפֿינט זיך דער „בונד“. ניט קיין פֿעדעראַציע — נאָר פֿאַראייניקונג.

עס קאָן זיין, אַז מיר וועלן רופֿן צום קאַמף, אָבער דיזיקע פֿאָדערונגען וועלן שוואַך אויפֿגענומען ווערן פֿון די ניט־יידישע אַרבעטער. זיי וועלן זיין אַזוי ווייט פֿון זיי, אַז די דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, וועלכע מיר וועלן זיך דערשלאָגן, וועט טאַקע אין די טיילן פֿאַרשמעלערט ווערן. אָבער ניט פֿעדעראַציע וועט בעסער מאַכן די לאַגע. פֿאַרקערט, דאָס וועט נאָך ערגער מאַכן, דאָס וועט נאָך מער אָפּזונדערן די יידן פֿון די ניט־יידן און דערווייטערן איינע פֿון די צווייטע דורך דער ספּעציעלער

בונדישער אַגיטאַציע, וואָס איז דער עצם פֿון דער פֿעדעראַציע. נאָר אַ פֿולשטענדיקע אייניקייט וועט געבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען דעם קלאַסן־באַוווסטזיין פֿון פּראָלעטאַריאַט אין דער הינזיכט. בלייבט נאָך די לעצטע האַשאָרע: סיי די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, סיי די פּראָלעטאַריער, מיט וועלכע זי פֿירט אָן, וועלן מיט אַלע קויכעס קעמפֿן פֿאַר די אויבנדערמאָנטע פֿאָדערונגען, אָבער וועלן זיך ניט דערשלאָגן דאָס, וואָס זיי פֿאָדערן. אָבער די בונדישע פֿעדעראַציע אַליין וועט, גלויב איך, זיך דאָס זיכער ניט דערשלאָגן.

איך האָב אויבן אָנגעוויזן אַף דעם שאָדן, וואָס עס ברענגט דעם אַנטוויקלען דעם קלאַסאָוון זעלבסטבאַוווסטזיין פֿון פּראָלעטאַריאַט די בונדישע אַגיטאַציע אין דעם טייל, וועלכער איז אומיטלבאַר צוזאַמענגעבונדן מיט דעם פֿעדעראַטיוון פּרינציפּ. דעמאָזיקן שאָדן האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו זען אין אָדעס. עס איז פֿאַראַן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַנטשטאַנען מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק. די אָדעסער בונדישע אָרגאַניזאַציע מאָטיווירט איר אַנטשטייונג מיט דעם, וואָס דער אָדעסער קאָמיטעט (פֿון ר.ס.ד.א.פּ.—רעד.) האָט ניט באַפֿרידיקט די באַדערפֿענישן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; די דאָזיקע באַדערפֿענישן פֿאַרשטייט דער „בונד" אַף אַ באַזונדערן אויפֿן, ניט אין דעם גייסט פֿון מאַניפֿעסט פֿון ערשטן צוזאַמענפֿאָר. דער אָדעסער קאָמיטעט פֿירט ביז היינטיקן טאָג אַ פֿאַרשטאַרקטע אַגיטאַציע צווישן די יידן אין דעם גייסט פֿון מאַניפֿעסט. פֿאַרקערט, דעם אָדעסער קאָמיטעט האָט מען ערשט מיט צוויי יאָר צוריק אויפֿגעוואָרפֿן, אַז ער שענקט אויסשליסלעכע אויפֿמערקזאַמקייט דער אַרבעט צווישן יידן. די בונדישע גרופּע איז אַנטשטאַנען און איר אַגיטאַציע האָט איינגענומען אַזאַ פֿאָרם: מיר זיינען יידן, מיר דאַרפֿן זיך שטיצן אַף אונדזערע אייגענע קויכעס, זיך פֿאַראייניקן אין אַ באַזונדערער יידישער אָרגאַניזאַציע א. ד. גל. אָט די דאָזיקע אַגיטאַציע איז אומפֿאַרמיידלעך בײַ פֿעדעראַציע און שטעלט מיט זיך פֿאָר, לויט מיין מיינונג און דער מיינונג פֿון די כאַוויירים אַגיטאַטאָרן, סיי יידן, סיי ניט יידן, אַ קאָנצעסיע צו דער אַגיטאַציע, וועלכע עס דאַרפֿן פֿירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע: „עס זיינען ניטאָ ניט קיין קריסטן און ניט קיין יידן" אין דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. דענקענדיק אַזוי, שליס איך זיך אינגאַנצן אָן צו מאַרטאָווס רעזאָליוציע. בענעגייע דעם אינצידענט מיט טראָצקין, רעכן איך, אַז זיין דערקלערונג איז אינגאַנצן געווען אַמפּלאַץ, ווייל מיר האָט מען אויך ניט איינמאָל אויפֿגעוואָרפֿן, ווען איך בין אַרויסגעטראָטן און אָנגעוויזן אַף דעם שאָדן פֿון פֿעדעראַליזם, אַז איך בין ניט קיין ייד א. ד. גל. אַזאַ באַציונג צו די קעגנער פֿון דעם פּרינציפּ פֿון פֿעדעראַציע איז אויך דורכגעדרונגען אין דער בראָשור: „וועגן דער פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע".

לאַנגע: נאָך דעם איינהאַלטלעכן פֿאָרטראָג פֿון כ' מאַרטאָוון און די רעדעס פֿון די פֿריערדיקע רעדנער וועל איך זיך דאָ קיין סאַך ניט אָפּשטעלן. איך וועל נאָר אָנווייזן אַף דער פּאָזיציע, וואָס עס פֿאַרנעמען באַזונדערע גרופּעס פֿון די יידישע אַרבעטער בענעגייע דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון אַנדערע פֿעלקער און בענעגייע צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע אַרבעטן אויסער די גרענעצן פֿון ראַיאָן פֿון „בונד".

אין דער הינזיכט האָב איך אַ געוויסע דערפֿאַרונג פֿון די פֿאַרשיידענע ערטער

פון אונדזער צאַפּן. מיט דערדאָזיקער דערפאַרונג וויל איך זיך טיילן. איך וועל באַמערקן, אַז די גרופּעס יידישע אַרבעטער באַ אונדז, צווישן וועלכע מיר האָבן באַגעגנט קיומאַט קעסיידער אַרבעטער־בונדיסטן, אַלס אָנפירער, האָבן פאַרנומען אַ זייער אָפּגעזונדערטע פּאָזיציע און האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר צווישן פּראָלעטאַריאַט פון אַנדערע פעלקער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן צווישן זיי געאַרבעט, האָט אַלע מאָל געקאָסט ניט ווייניק מי זיי אויסצוגעפינען און איינשטעלן מיט זיי פאַרבינדונגען, און מע האָט אַלע מאָל געדאַרפט אַסאַך קעמפן, קעדיי זיי אַרויסצופירן פון זייער צושטאַנד פון נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט. אין דעם ווייזט זיך אָן סאָפּעק אַרויס אויך די יעניקע, וואָס די אָנפירער פון די קרייזלעך — געוועזענע בונדיסטן — באַקומען אונטער דער ווירקונג פון דער דערציונג, וואָס זיי האָבן באַקומען אין „בונד". עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז וועלכע רעזולטאַטן פון דער בונדישער דערציונג (וואָס דרינגט אַרויס פון דעם עצם פון זייער סטאַטוט) קאָנען ניט מיטהעלפן דעם ניצאָכן פון פּראָלעטאַריאַט (סיי פון דעם רוסישן, סיי פון דעם יידישן) איבער דעם אַלגעמיינעם סוינע. כוץ דעם, איז פאַר מיר ניט פאַרשטענדלעך, צי האָט טאַקע רעכט אַ קאָמיטעט פון אַן אָרט, ווו עס געפינט זיך אַזאַ קליינע גרופּע יידישע אַרבעטער, שטעלן זיך מיט איר אין פאַרבינדונג אָן דער האַסקאָמע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" און אָנפירן מיט איר. ווי דאָס ווערט אָנגעוויזן אין דעם סטאַטוט פון פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד". וועלכן דער כ' ליבער האָט דאָ פאָרגעלייענט, קומט אויס, אַז ניין, אָבער דאָס ווידערשפּרעכט דאָך אַלע יעסוידעס פון אונדזער פּראָגראַם און דער פּאַשעטער געזונטער לאָגיק. אַזוי לאַנג, ווי דער „בונד" וועט ניט אָפּרוקן די נאַציאָנאַלע פראַגע אויפן הינטערשטן פּלאַן, זיינען רייבונגען אומפאַרמיידלעך.

מאַרטינאָוו: מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זיינען מעכוייעוו צו פירן אונדזער אַרבעט לויט די פּרינציפּן, וועלכע זיינען אַרויסגעשטעלט אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט: „אין דער באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט פון פאַרשיידענע נאַציעס טיילן די קאָמוניסטן אויס און פאַרטיידיקן די אַלגעמיינע אינטערעסן פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, וואָס זיינען אומאָפּהענגיק פון נאַציאָנאַליטעט". דער „בונד" אָבער, אורטיילנדיק פון דעם סטאַטוט, וואָס ער האָט אונדז פאָרגעלייגט, „טיילט אויס און פאַרטיידיקט" דאַפקע די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט. ער שטרעבט צו נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן צו באַווייזן דידאָזיקע האַנאָכע; איך וועל נאָר ברענגען די שטעלן פון זייער פּראָיעקט, ווו מ'קאָן דאָס בוילעט זען. (לייענט איינצלנע שטעלן פון די פּאַראַגראַפן 2, 3, 10, 11 און 12 פון דער רעזאָליוציע פון „בונד"). אין צוזאַמענהאַנג מיט אַזאַ כאַראַקטער פון פּראָיעקט פון „סטאַטוט" פון „בונד", בין איך אינגאַנצן מאַסקים מיט דער רעזאָליוציע, וועלכע עס האָט פאָרגעלייגט דער כ' מאַרטאָוו, אָבער איך באַטראַכט זי פאַר ניט גענוגנדיק, מיר מוזן קעמפן קעגן דער שעדלעכער טענדענץ פון „בונד" צו נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, אָבער מיר דאַרפן ניט קעמפן קעגן „בונד" אין אַלגעמיין. מיר שאַצן אָפּ זיינע גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן און ווילן ניט ברעכן דידאָזיקע היסטאָריש־געשאַפענע קראַפט. מיר ווילן נאָר, אַז זי זאָל זיך אונטערוואַרפן דער פּאַרטיי און דאָס דאַרף געזאָגט ווערן אין דער רעזאָליוציע.

אַבראַמסאָן: דער באַוווער פון אַדעם האָט אונדז פאַרגעשטעלט די טעטיקייט פון „בונד" אין אַ מאָדנעם „שרעקלעכן" אויסזען. אומעטום ברענגען מיר מיט זיך פאַנאַנדערלייגונג, מיר זיינען סעפּאַראַטיסטן, נאַציאָנאַליסטן א. ד. גל. צו באַשטעטיקן זיינע ווערטער האָט ער אונדז געבראַכט פאַרשיידענע אַנעקדאָטישע מייסעס וועגן דעם, וויאַזוי עפּעס בונדישע אַגיטאַטערס האָבן ערגעץ-ווו אַף פאַרזאַמלונגען געהאַלטן שרעקלעכע רעדעס און דערנאָך האָט ער זיך געשטיצט אַף זיינע פּערזענלעכע געשפּרעכן מיט עפּעס בונדיסטן. אַף וויפל ער האָט געפונען פאַר נייטיק אפן צוזאַמענפאָר צו אַרגומענטירן מיט אַזעלכע „פאַקטן", איז ניט קעדיי אים צו ענטפערן.

קעדיי בעעמעס צו כאַראַקטעריזירן די ראָל פון „בונד", דאַרף מען אַ בליק טאָן אַף זיין געשיכטע, אַף דער געשיכטע פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַלדעמאָקראַטישער באַוועגונג, וועגן וועלכער דער באַוווער פון אַדעם האָט זייער אַ קנאַפּן באַגריף. איך וועל דאָ ניט אָנהייבן דערציילן אונדזער געשיכטע. איך וועל נאָר דערמאָנען אַזעלכע אַלגעמיין-באַקאַנטע פאַקטן, ווי דער אָנטייל פון „בונד" אין דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון ר.ס.ד.א.פּ. און אין דער לעצטער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען פאַריקן יאָר און האָט אונדז געגעבן די אידיי פון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט. דעם „בונד" באַשולדיקט מען אין דעם, אַז ער פּריידיקט אומצוטרוי צו די ניט-יידישע אַרבעטער. אָט די באַשולדיקונג באַגרינדעט מען אַף דעם, וואָס ער אָרגאַניזירט באַזונדער דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. פון דעם שטאַנדפּונקט האָט דאָ איין באַוווער אָנגערופן אַ „טרויעריקן טאָג" דעם פאַקט, וואָס דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון ר.ס.ד.א.פּ. האָט געגעבן דעם „בונד" אויטאָנאָמיע. ענטפערן אַף אַזעלכע באַשולדיקונגען איז אויך איבעריק.

דער כ' מאַרטאָוו האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די שאַפונג גופע פון „בונד" איז פאָרגעקומען בײַ ניט קיין נאָרמאַלע באַדינגונגען: פון דעם קאָן מען מאַכן דעם אויספיר, אַז איצט, ווען די באַדינגונגען זיינען געוואָרן נאָרמאַלע, האָט דער „בונד" פאַרלאָרן זיין עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג. איך וואָלט געבעטן דעם כ' מאַרטאָוו, אַז ער זאָל דערקלערן מיט וואָס פאַר אַ קריטעריום באַנוצט ער זיך אַף צו באַשטימען, וועלכע היסטאָרישע באַדינגונגען זיינען נאָרמאַלע. צי רעכנט ער, אַז איצט, לעמאָשל, לעבן מיר אין נאָרמאַלע באַדינגונגען.

מע איז אַרויסגעטראָטן קעגן 2-טן פּאַראַגראַף פון אונדזער סטאַטוט דערפאַר, ווייל ער שליסט, קלוימערשט, אויס די מעגלעכקייט פאַר אַלעמען, כוץ דעם „בונד", צו אַרבעטן צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט. אַזאַ מיינונג איז באַגרינדעט אַף אַ מיספאַרשטייעניש. פאָדערנדיק, אַז דער „בונד" זאָל אין דער פּאַרטיי זיין דער איינציקער פאַרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, זאָגן מיר פאַר קיין פאַל ניט, אַז קיין אַנדערע זאָלן ניט וואַגן צו אַרבעטן צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיר ווייזן נאָר אָן אַף דעם, אַז דער „בונד" איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע אַרבעט צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און דעריבער דאַרף פאַר איר אָנערקענט ווערן דאָס רעכט צו זיין זיין איינציקער פאַרשטייער. דער כ' מאַרטאָוו איז, פאַנאַנדערקלייבנדיק אַלע פּונקטן פון אונדזער סטאַטוט, געקומען צום שלוס, אַז אַלע פּונקטן זיינען דורכגעדרונגען מיט דער אידיי פון אָפּמאַך, און אַלס אַזעלכער איז ער ניט אָנעמלעך. מיין באַוווער פון דער דעלעגאַציע (בונדישע דעלעגאַציע — רעד.) האָט שוין אָנגעוויזן,

און איך דערקלער איצט נאכאמאל: אונדזער סטאטוט ליגן מיר פאר ניט ווי קיין אולטימאטום, נאר ווי א באזיס אף צו באהאנדלען אים פונקטנווייז, און דערביי קאנען געוויסע פונקטן געענדערט ווערן דא אפן צוזאמענפאר.

ליאדאוו (צו איליוסטרירן די טאקטיק פון „בונד") ווייזט אן, אז אין בערלין אף א פארזאמלונג, וועלכע איז ארגאניזירט געווארן מיט דעם ציל אויסצודריקן א פראטעסט קעגן דעם קעשענעווער פאגראם, האבן די מיטגלידער פון „בונד", וועלכע זיינען געווען אף דער פארזאמלונג, זיך באמיט צו פארוואנדלען די פארזאמלונג פון אלגעמיינעם פראטעסט אין אן אויסשליסלעך יידישער פארזאמלונג.

רומאוו: איך האב גענומען א ווארט, קעדיי זיך צו פארטיידיקן פון די אנפאלן, וואס זיינען געמאכט געווארן פון אייניקע כאוויירים פון „בונד". ניט איך און ניט קיין אנדערער פון די כאוויירים, וואס זיינען ארויסגעטראטן, האבן ניט אנגעוויזן אפן „בונד", ווי אף א שעדלעכער ארגאניזאציע; קיינער האט ניט געוואלט פארקלענערן די באדייטונג פון „בונד", איך האב נאר אנגעוויזן אף די ניט געווונטשענע רעזולטאטן, צו וועלכע עס האט געבראכט די באשטימונג פון 1-טן צוזאמענפאר: אנשטאט דעם, אז מיר זאלן אין מיירעוו-געגנט האבן ארגאניזאציעס פון אן איינהייטלעכער פארטיי, וועלכע זאלן ארבעטן אף אלע ארטיקע שפראכן, ווערט געפירט א פראפאגאנדע נאר אין דער יידישער שפראך. דאס באטראכט איך פאר ניט קיין נארמאלער דערשיינונג און ניט מער. דער פאקט פון גרינדן אין אדעס א בונדישן קאמיטעט באשטעטיקט מיין געדאנק וועגן דעם, אז עס איז פאראן אן ארגאניזאציאנעלער סעפאראטיזם; דער „בונד" האט געגרינדעט אין אדעס זיין קאמיטעט דערפאר, ווייל דער ארטיקער פארטיי-קאמיטעט האט ניט באפרידיקט די באדערפענישן פון יידישן פראלעטאריאט, ד. ה., דער קאמיטעט האט ניט געפירט גענוג אגיטאציע און פראפאגאנדע צווישן דערדאזיקער מאסע. פון דעם איז געווען איין נאטירלעכער אויספיר: פארלייגן דעם ארטיקן קאמיטעט איינצושליסן אין זיין באשטאנד א גרופע אייגענע ענערגישע מענטשן. דאס איז ווייט פון גרינדן אן אייגענעם קאמיטעט. די כאוויירים פון „בונד" האבן דערקלערט, אז די רוסישע כאוויירים האבן ניט נאר גארניט געטאן צו פירן אן ארבעט צווישן יידן, נאר זיי „קאנען דאס פאקטיש ניט טאן". לויט מיין מיינונג, איז דאס אינגאנצן ניט ריכטיק. פאר אונדזער פארטייִשער ארבעט איז נייטיק, ערשטנס, צו זיין א סאציאל-דעמאקראט, צווייטנס, צו קענען די ארטיקע שפראך. און אויב דו קענסט ניט, זאלסטו האבן אן איבערזעצער. אבער צוליב דעם איז ניטא קיין נייטיקייט פאר דער עקזיסטענץ פון א באזונדערער נאציאנאלער ארגאניזאציע: איך געפין איין, אז די עקזיסטענץ פון „בונד" האט געשאפן א סעפאראטיזם; די שטארקייט פון „בונד" גיט אים ניט דאס רעכט צו לעבן נאר פאר דעם יידישן פראלעטאריאט. איך וואלט געבעטן די כאוויירים פון „בונד", אז זיי זאלן דערקלערן, פארוואס איז מעגלעך אף קאווקאז צו ארבעטן סיי רוסישע כאוויירים, סיי, כאוויירים פון אנדערע נאציאנאליטעטן אין איין ארגאניזאציע. אונדזער צענטראל-קאמיטעט איז, לויט דעם סטאטוט פון „בונד", ניט קיין העכסטער אנשטאלט, אין אים דארפן אויסגעדריקט ווערן די מיינונגען פון מיטגלידער פון פארשיידענע ארגאניזאציעס, און ניט פאשעט מיטגלידער פון דער פארטיי. צווישן די בונדיסטן זיינען פאראן דערפארענע פראקטיקער, וועלכע קאנען אריינגיין אין

צענטראַל־קאָמיטעט, ווי דערפאַרענע רעוואָליוציאָנערן, אָבער ניט אַלס מיטגלידער פון „בונד". דאָס אָרט פון צענטראַלן אָרגאַן דאַרף לויטן סטאַטוט פון „בונד" פאַרנעמען א פעדעראַטיווער פּאַרלאַמענט.

אַרלאָוו: זייענדיק איינגאַנצן מאַסקים מיט דעם, וואָס דער כאַווער פון באַקי האָט געזאָגט, וויל איך נאָך אָנווייזן אַף די שעדלעכע פאָלגן, וועלכע עס האָבן די פּאַרזוכן פון „בונד" צו שאַפן זיינע קאָמיטעטן אין דאָרעם־רוסלאַנד. אַלס ביישפּיל וועל איך נעמען דאָס, וואָס עס איז ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אין קאַטערינאָסלאַוו. ווי עס איז באַוווסט, ווערט דאָרט פון לאַנג אָן געפירט אַן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע באַלמעלאָכעס. שוין אין 1896 יאָר באַגעגענען מיר א פּלאַנמעסיקע טעטיקייט פון קאָמיטעט אין דער ריכטונג. פאַר דערדאָזיקער גאַנצער צייט האָבן מיר ניט געוווסט פון קיינע אָנקלאָגן און עס איז ניט אויסגעדריקט געוואָרן קיין אומצופרידנקייט מיצאַד דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אַף דער ניט גענוגנדיקער פאַרטיידיקונג פון זיינע אינטערעסן און אַפן ניט צופרידנשטעלנדיקן אָוועקשטעלן די אַגיטאַציע, אין דעם זינען פון איגנאָרירן זיין באַזונדערע אונטערדריקונג. עס האָבן געאַרבעט די יידישע כאַווירים האַנט בא האַנט מיט די רוסישע; זיי האָבן צוזאַמען געקעמפט קעגן דער עקספּלואַטאַציע פונעם קאַפּיטאַל, צוזאַמען אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג און קעגן דער פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט. קיינעם איז גאָר אין קאָפּ ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז עס עקזיסטירן אַזעלכע באַזונדערע אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זאָלן גלייכצייטיק ניט זיין די אינטערעסן פונעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט. איך כאַזער איבער, אַז קיינע שום אָנקלאָגן אַף דעם קאָמיטעט אין דער הינזיכט זיינען ניט געווען און דער „בונד" האָט, דוכט זיך, אַפילע לויט דער רעזאָליוציע פון פערטן צוזאַמענפאָר (פון „בונד") גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן דאָ.

אָבער ניט אַזוי האָבן געטראַכט אונדזערע כאַווירים פון „בונד", און אָט איז מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק געקומען צופאָרן אין קאַטערינאָסלאַוו א פאַרשטייער פון „בונד" מיט א ספּעציעלער אויפגאַבע צו שאַפן דאָ א בונדישן קאָמיטעט. איך מוז דאָ באַמערקן, אַז דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן ניט אָפיציעל. אָבער אַזא טאַקטיק האָט דער „בונד" ביכלאַל אָנגענומען פאַר דער לעצטער צייט. פריער גרייט מען צו א באָדן און דערנאָך, אַז עס עקזיסטירט שוין א וועלכע עס איז אָרגאַניזירטע גרופּע, טרעט זי אַרויס ווי א קאָמיטעט. עס פאַרשטייט זיך, אַז בא די אַנגעוויזענע באַדינגונגען האָט אַן אַגיטאַציע אין קאַטערינאָסלאַוו און ביכלאַל אין דאָרעם־רוסלאַנד אַף אויסטיילן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין א באַזונדער אָרגאַניזאַציע געמוזט געפירט ווערן אין דעם גייסט, אַז עס עקזיסטירן באַזונדערע אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע וועלן נאָר קאָנען פאַרטיידיקט ווערן אַף א געהעריקן אויפן פון א בעסטער אָרגאַניזאַציע נאָר פון דעמדאָזיקן פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט אַרויסגערופן א שטורעם פון צאָרן פון די פאָרגעשריטענע יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז אַזא טעטיקייט רופט אַרויס אומצוטרוי און נאַציאָנאַלע סינע צווישן די מיטגלידער פון איינער און דערזעלבער מישפּאָכע, אַז אַזא מין צעברעקלונג פירט צו אַן אָפּשוואַכונג פון דער באַוועגונג, אַז עס זיינען ניטאָ קיינע באַזונדערע אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער א. ד. גל.

קומענדיק אַף מאַסאָווע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, איז מיר אויסגעקומען צו ענטפערן אַף דער פראַגע, פאַרוואָס עס איז נייטיק אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פאַר די יידן; אַרבעטער פלעגן זאָגן, אַז מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען אַזוי לאַנג און האָבן ניט געפילט קיין אומבאַקוועמלעכקייט. פאַרקערט, מער ווי נוצן האָט עס ניט געבראַכט, און מיט איין מאָל זאָגט מען אונדז, אַז מיר דאַרפן זיך פאַראייניקן — יידן דאַרפן זיך פאַראייניקן אין אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע און ניט־יידן — באַזונדער. צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ? און צוליב וואָס עקזיסטירט ביכלאַל דער „בונד“? נאָך אַזעלכע פראַגן פלעג איך זיך געפינען גאָר אין ניט קיין אַנגענעמער לאַגע; פון איין זייט ווייס איך דעם סטאַטוט פון 1898, לויט וועלכן דעם „בונד“ איז געגעבן געוואָרן אויטאָנאָמיע נאָר אין די פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכעס צו דעם יידישן פראָלעטאַריאַט, ד. ה., אַן אויטאָנאָמיע נאָר אַ ריין־טעכנישע (אין די פראַגן פון אַגיטאַציע און פראָפּאַגאַנדע); די דאָזיקע אויטאָנאָמיע איז אַרויסגעדרונגען פון דעם, וואָס דעם „בונד“ איז אויסגעקומען צו אַרבעטן צווישן אַ פראָלעטאַריאַט, וועלכער רעדט נאָר אַף זשאַרגאָן און לעבט אין אייגנאַרטיקע באַדינגונגען. דער נאָמען „אַלגעמיינער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פוילן“ זאָגט נאָך ניט, אַז די טעטיקייט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז ניט באַגרענעצט דערפאַר, ווייל דאָ איז, צום ביישפּיל, ניט אָנגעוויזן דער הויפּט־ראַיאָן פון בונדס טעטיקייט — ליטע. פאַרשטיינלעך, אַז ליטע ווערט איינגעשלאָסן אין דעם וואָרט „רוסלאַנד“ און פון דער צווייטער זייט עקזיסטירן בונדישע קאָמיטעטן אין דאָרעם־רוסלאַנד (אוקראַינע). אויב איך וואָלט נאָך געוואָלט דערקלערן די צוועקמעסיקייט און געזעצלעכקייט פון דער עקזיסטענץ פון „בונד“, ווי אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע, אין ליטע און פוילן, וואָלט איך דאָס ניט געקאָנט טאָן בענעגייע צו רוסלאַנד. אין אַזאַ אומאַנגענעמע לאַגע איז אונטערגעשטעלט געוואָרן דער גאַנצער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט, און אים איז ניט געבליבן קיין אַנדער זאַך, ווי אַרויסטרעטן שאַרף און אָפן קעגן די סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן פון „בונד“ אין זיין נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. אין דעם זינען איז געלייזט געוואָרן די דאָזיקע פראַגע אַף דער פאַרזאַמלונג פון קאָמיטעט, ווו עס איז באַשטימט געוואָרן צו אָרגאַניזירן מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אַף וועלכע מע זאָל קלאָר מאַכן די פראַגע וועגן נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, אויך וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון „בונד“ און זיין פּרינציפּ פון פעדעראַציע. צום גליק האָט זיך דאָס אָבער צוליב געוויסע סיבעס ניט איינגעגעבן דורכצופירן. איך זאָג „צום גליק“ דערפאַר, ווייל דער בונדישער פּרווו האָט אָן דעם געליטן אַ מאַפּאָלע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאַטערינאָסלאַווער כאַוויירים האָבן בעסער פאַרשטאַנען די אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, ווי די פירער פון „בונד“.

איך גיי איצט אַריבער צו דער פראַגע וועגן דעם אָרט פון „בונד“ אין דער פּאַרטיי. איך, פאַרשטייט זיך, לייקן אומבאַדינגט אָפּ די נייטיקייט פון פאַרברייטערן דעם ראַיאָן פון „בונד“. אָבער אין דערזעלביקער צייט באַשטרייט איך ביכלאַל די נייטיקייט פון דער עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער יידישער אָרגאַניזאַציע. מיר ווייסן דאָך, אַז דער „בונד“ האָט אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן אַרבעטן אויך צווישן די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער, ווי צווישן די רוסישע, פוילישע, לעטישע א. אַנד. זייענדיק לאָגיש, האָט דער „בונד“ געדאַרפט אויסטיילן די דאָזיקע גרופּעס

אין באַזונדערע קאָמיטעטן דערפֿאַר, ווייל די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע (דער „בונד") איז נאָר די פֿאַרטייִדיקערן און פֿאָרשטייערן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט. פֿאַר אונדז — פֿאַרטייִדיקער פֿון דער אידיי פֿון צענטראַליזם — באַווייזט דאָס נאָך אַן איבעריק מאָל דעם שאָדן, וואָס עס ברענגט מיט זיך מיט די עקזיסטענץ פֿון צוויי אָנפֿירנדיקע צענטערס אין איין שטאָט. ארויסגייענדיק פֿון דעם אַלעם, לייג איך פֿאָר צו אָרגאַניזירן אין דעם ראַיאָן פֿון פּוילן און ליטע אַ ראַיאָנישן פֿאַרבאַנד, וועלכן מע וואָלט געקאָנט אָנרופֿן: „דער צאָפּן־מיירעוו־פֿאַרבאַנד פֿון דער ר.ס.ד.א.פּ." אין דער דאָזיקער טעריטאָריעלער אָרגאַניזאַציע וואָלט אויך אַריין דער „בונד", ווי אַ טייל פֿון פֿאַרבאַנד. אין יעדער שטאָט וואָלטן מיר געהאַט איין קאָמיטעט פֿון פֿאַרבאַנד, וועלכער וואָלט געאַרבעט צווישן אַלע נאַציאָנאַליטעטן. דאָס וואָלט אַריינגעטראָגן פּלאַנמעסיקייט אין דער אַרבעט פֿון אונדזער פּאַרטיי און וואָלט גרינטלעך געלייזט די אַזוי גערופֿענע בונדישע פֿראַגע; דאָס וואָלט אויך געלייזט אונדזער באַציונג צו דער מעגלעכער פֿאַראייניקונג מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿון פּוילן און ליטע. און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פֿון פּוילן און ליטע, וועלכע אַרבעטן אין דעמזעלביקן ראַיאָן, וואָלטן אויך אַריין אין דערזעלביקער אָרגאַניזאַציע. קלאָר מאַכנדיק אַף אַזאַ אויפֿן מיין באַציונג צו דער אַזוי גערופֿענער בונדישער פֿראַגע, בין איך מיט דעם שוין אַ שאַרפֿער קעגנער פֿון דעם סטאַטוט, וואָס דער פֿינפֿטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד" האָט פֿאָרגעשלאָגן, און האַלט אונטער מאַרטאָווס פֿאָרשלאָג.

ברוקער: מיר דוכט, אַז ס'האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די „לאָגישע אומלאָגישקייט", צוליב וועלכער די באַהאַנדלונג פֿון דער פֿראַגע „וועגן אָרט פֿון „בונד" אין דער פּאַרטיי" איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויפֿן ערשטן אָרט פֿון אונדזער טאָג־אָרדענונג. דער צוזאַמענפֿאָר באַשליסט, אַז קיינע אָפּמאַכן מיטן „בונד", ווי מיט אַ צד, קאָן ער ניט מאַכן, און דאָך באַהאַנדלט ער דעם אָפּמאַך און אַנאַליזירט אים. פֿון דער צווייטער זייט דערקלערט דער „בונד", אַז זיין סטאַטוט איז ניט קיין אָפּמאַך פֿון איינעם פֿון די צדדים און דאָך האָט זיין פֿאָרשלאָג נאָר אַ שייכעס צום „בונד", ווי צו עפּעס אַ באַזונדערן טייל, ניט קיין גלייכן מיט די איבעריקע טיילן פֿון דער פּאַרטיי. איך קאָן ניט אָנעמען דעם פֿעדעראַטיוון פּרינציפּ פֿון אָרגאַניזאַציע. אויב אָבער דער „בונד" וואָלט פֿאָרגעלייגט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פֿון אָרגאַניזאַציע און אין אים דורכגעפֿירט די דעמאָקראַטישע טענדענצן, מיט וועלכע עס איז דורכגעדרונגען זיין אָרגאַניזאַציע, און דעם פּרינציפּ פֿון פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון אַלע ראַיאָנען פֿון דער פּאַרטיי, וואָלט איך אים געשטיצט אין די דאָזיקע טענדענצן און אין דעמדאָזיקן פּרינציפּ. ווי אַן איינציקן באַווייז וועגן דער נייטיקייט באַזונדער צו אָרגאַניזירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט ברענגט דער „בונד" די באַזונדערקייט פֿון זיין רעכטלעכער לאַגע. איך רעכן, אַז דאַפֿקע די באַזונדערקייט פֿון זיין רעכטלעכער לאַגע דאַרף צווינגען צו פֿאַרלאַנגען די זעלבע פֿעסטע דערנעענטערונג פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט מיטן פּראָלעטאַריאַט פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. פֿאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז באַזונדערס אונטערדריקט אין זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, איז שוין רייף די באַדערפֿעניש אין נאַציאָנאַלע רעכט און ער איז שוין געקומען צום פֿולן פֿאַרשטיין די נייטיקייט פֿון אַט די רעכט, דעריבער וועט זיין צוזאַמענדיקע אַרבעט, האַנט בײַ האַנט מיט די אַרבעטער פֿון אַנדערע נאַציעס,

מיטהעלפן דעם וווקס פון באוווסטזיין אין דער נייטיקייט פון געזעלשאפטלעכע רעכט אויך בא דעם פראלעטאריאט פון אנדערע פעלקער.

ליבער: איך קאנסטאטיר דעם פאקט, אז דא ווערט באהאנדלט די פראגע, צי דארף דער יידישער פראלעטאריאט א זעלבשטענדיקע ארגאניזאציע. ס'איז געשטעלט די מאדנע פראגע, צי איז ביכלאל נייטיק דער „בונד". אופהייבן דיזאזיקע פראגע אפן זעקסטן יאר פון דער עקזיסטענץ פון „בונד", נאכדעם, ווי ער האט געשפילט אזא אנגעזעענע ראליע אין אונזער פארטיי, קאנען נאר מענטשן, וועלכע געדענקען ניט זייער קרויוועשאפט. (דער פארזיצער בעט צו זיין אביסל רויקער). מיך וווּנדערט, וואס די געשיכטע פון „בונד" איז דא אזוי פארגעשטעלט געווארן. פאר דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון „בונד" איז האך געשאפן געווארן מאמעש א גראנדיעזע בילד פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג. די רעוואליוציאנערע בוואליע האט זיך פאנאנדערגעגאסן איבער דעם גאנצן ראיאן, ווו עס לעבט דער יידישער פראלעטאריאט; פאריער האט דער „בונד" פארוואנדלט אין א גרויסער קראפט, אבער דאס זעען אונזערע כאווירים ניט. מע מוז מיט פארדראס באמערקן, אז די רעגירונג שאצט בעסער אפ די רעזולטאטן פון אונזער ארבעט, ווי אונזערע כאווירים. זאל מען אונדז באווייזן, אז די טאקטיק פון „בונד" ווידערשפרעכט די פרינציפן פון אינטערנאציאנאלן סאציאליזם. אויב מיר האבן גערעדט וועגן א פארטיי פון יידישן פראלעטאריאט, געפינען מיר זיך אינגאנצן ניט אין אזא שלעכטער קאמפאניע; ראזע ליוקסעמבורג און דער צענטראל־קאמיטעט פון דער דייטשישער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי באנוצן אויך דעם אויסדרוק „די פארטיי פון פוילישן פראלעטאריאט". דער כ' פון קאווקאז זאגט אונדז, אז דער „בונד" איז נאציאנאליסטיש, ווייל ער באמיט זיך צו ארגאניזירן באזונדער די ארבעטער פון איין נאציאנאליטעט. אין דעם פונקט וועגן ארגאניזאציע לייגט ראזע ליוקסעמבורג פאר, אז די ארגאניזאציעס פון דער פוילישער סאציאל־דעמאקראטיע דארפן זיך באשעפטיקן מיט אלע איניאנים, וואס זיינען נוגייע אלע פוילישע ארבעטער, וועלכע לעבן אין דייטשלאנד. דער כאווער פון קאווקאז האט מוירע, אז דער „בונד", וועלנדיק ארגאניזירן דעם יידישן פראלעטאריאט, ניט באגרענעצנדיק זיך מיט ראיאנע ראמען, קאן גיך אריבערשפרינגען די גרענעצן פון דער רוסישער אימפעריע. א, ווי שרעקלעך דאס איז!

מע זאגט אונדז, אז דארטן, ווו דער „בונד" ארבעט, פירט ער זיין טעטיקייט אף א נאציאנאליסטישן אויפן. ווי האט אבער דער כאווער פון קאווקאז געקאנט פארגעסן וועגן די אלע אויסדרוקן פון סאלידאריטעט מיצאד דעם יידישן פראלעטאריאט. און צום סאף מוז מען באמערקן, אז דער „בונד" ארבעט אין געוויסע שטעט אויך צווישן קריסטן.

טראצקי: איך האב מיט פארוווּנדערונג געהערט, ווי ליבער האט גערעדט וועגן אונזער פארלאנג צו פארניכטן דעם „בונד". וואס הייסט עס? ווילן מיר פארניכטן די פיזישע קויכעס, וועלכע זיינען אריין אין דער ארגאניזאציע פון „בונד"? ווילן מיר פארניכטן די פרוכטבארע ארבעט אף צו אנטוויקלען דעם באוווסטזיין פון דעם יידישן פראלעטאריאט, וואס דער „בונד" פירט דורך און אף וואס דער כ' ליבער־

האָט אַזוי שטאַרק אָנגעוויזן? אָדער מיר ווילן „פֿאַרניכטן" אין „בונד" בלויז די ספּעציעלע פֿאָרם פֿון זיין לאַגע אין דער פּאַרטיי?

דער „בונד", ווי אַן איינציקער פֿאָרשטייער פֿון די אינטערעסן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער פּאַרטיי און פֿאַר דער פּאַרטיי, אָדער דער „בונד" ווי אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּאַרטיי פֿאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט? נאָר אַזוי קאָן געשטעלט ווערן די פֿראַגע. און אָנערקענענדיק די נייטיקייט פֿון אַ זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ פֿון דעם „בונד" אין דעמדאָזיקן צווייטן זינען, קאָן מען אים אַריינפֿירן אין דער פּאַרטיי, ווי אַן אונטערגעאָרדנטע אָרגאַניזאַציע מיט אַ באַשטימטער ספֿערע פֿון טעטיקייט און אין די גרענעצן פֿון דער געשטעלטער אויפֿגאַבע. אין דעם פֿאַל קאָן ניט זיין קיין רייד וועגן ספּעציעלע גאַראַנטיעס פֿאַרן „בונד" קעגן די פֿאַרמעסטונגען קעגן אים מיצד דער פּאַרטיי. און גראָד אַזעלכע גאַראַנטיעס וויל דער „בונד" שאַפֿן. גאַנץ אָפֿן איז דאָס אויסגעדריקט אין דעם באַרימטן פּאַראַגראַף 12 פֿון דעם פֿאָרגעלייגטן סטאַטוט. דאָס איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַף אַ סטאַטוטישן אויפֿן פֿאָרמולירטער אומצוטרוי צו דער פּאַרטיי, ווי אַ גאַנצע. די קאָנסטיטוציע פֿון אונדזער פּאַרטיי קאָן, לויט דער מיינונג פֿון די כאַווירים פֿון „בונד", געענדערט ווערן ניט אַף אַ געוויינלעכן אויפֿן דורך דער אָפּשטימונג פֿון דער מערהייט, נאָר דורך דער איינשטימיקייט פֿון די פֿאַרינטערעסירטע צדדים, קעדיי — אַזוי האָט געזאָגט דער פֿאָרטרעגער — מיר זאָלן אַף די קומענדיקע צוזאַמענפֿאָרן ניט קאָנען אונטערדריקן דעם „בונד", ד. ה. „די אינטערעסן פֿונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט". אויב דער „בונד" געטרויט ניט דער פּאַרטיי, וועלכע איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער „אידיי פֿון דעם פֿערטן שטאַנד", פֿאָדערט גאַראַנטיעס, קאָן מען עס פֿאַרשטיין. אָבער ווי זאָלן מיר זיך אונטערשרייבן אונטער אַזעלכע פֿאָדערונגען? דאָס וואָלט הייסן בינדן די פֿרייהייט פֿון אונדזערע באַשלוסן און פֿון די באַשלוסן פֿון אונדזערע נאָכפֿאָלגער. צוליב וואָס? קעדיי צו פֿאַרמיידן דאָס אונטערדריקן די געזעצלעכע אינטערעסן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט מיצד דער פּאַרטיי, ד. ה., קעדיי צו באַשיצן זיך פֿון פֿאַרעטעריי. אָנעמען אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט הייסן פֿאַר אונדז אָנערקענען אונדזער מאָראַלישן און פּאָליטישן באַנקראָט, וואָלט געהייסן באַגיין אַ מאָראַלישן און פּאָליטישן זעלבסטמאָרד. דער צוזאַמענפֿאָר וועט דאָס ניט טאָן.

דער כ' מאַרטינאָוו האָט געפֿונען כ' מאַרטאָווס רעזאָלוציע פֿאַר ניט גענוגנדיק דערפֿאַר, ווייל זי באַשטימט ניט די צוקונפֿטיקע פּאָזיציע פֿון „בונד". דאָס איז אָבער ניט איר אויפֿגאַבע. זי דאַרף נאָר קאַטעגאָריש אָפּוואַרפֿן דעם אָפּמאַכערישן (פֿעדעראַטיוון) יעסאָד, ווי אַ פּרינציפּ פֿון פּאַרטייִשער אָרגאַניזאַציע. דעריבער בין איך אויך מאַסקים מיט איר. אָפּוואַרפֿנדיק די פֿעדעראַציע, שטעלן מיר זיך פֿאַר אַן אויפֿגאַבע אויסצואַרבעטן די פֿאָרם פֿון דער עקזיסטענץ פֿון „בונד" ווי אַן אינערלעכן טייל פֿון אַן איינהייטלעכער פּאַרטיי. דאָס וועט געטאָן ווערן באַם באַהאַנדלען די סטרוקטור פֿון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע. מיר וואַרפֿן אָפּ דעם פֿעדעראַטיוון פּרינציפּ, האַגאַם דער כ' ליבער האָט אין זיין ערשטער רעדע געמאָלדן און אין דער צווייטער איבערגעכאַזערט, אַז די פֿעדעראַציע איז די העכסטע פֿאָרם פֿון צענטראַליזם. ביידע דערקלערונגען האָט ער געמאַכט אָן באַווייזן און די באַווייזן וואָלטן דאַפֿקע

ניט געווען איבעריק. אויב איך וואָלט דערקלערט, אַז ראָמאַנאָווס פּאָמפּאַדוריע איז די העכסטע פֿאָרם צו פֿאַרווירקלעכן רעפּובליקאַנישע פֿרייהייט, וואָלט איך געזאָגט ניט קיין גרעסערן פּאַראַדאָקס, ווי דער כ׳ ליבער.

אין יעדער פֿון די פֿעדערירטע אָרגאַניזאַציעס (פּאַרטייען) קאָן, פֿאַרשטייט זיך, דורכגעפֿירט ווערן דער פּרינציפּ פֿון צענטראַליזם. אָבער פֿעדעראַציע שליסט געוויס אויס אַן איינהייטלעכע צענטראַליזירטע פּאַרטיי.

איינציקע ווערטער וועגן דעם אינצידענט, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן צוליב מיין אינטערפּרעטירעקער דערקלערונג וועגן מאַרטאָווס רעזאָלוציע. דער כ׳ שטיין האָט דערקלערט, אַז מיין דערקלערונג איז געווען ניט אַמפּלאַץ. אָבער ער האָט ניט באַוויזן צו דערקלערן פֿאַרוואָס, ווייל זיין אייגענע רעדע האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט „אַמפּלאַץ״ לויט דעם גאַנג פֿון די דעבאַטן און איז איבערגעריסן געוואָרן פֿונעם פּאָרזיצער. דער כ׳ ליבער האָט אָנגערופֿן מיין מעלדונג אַ גראָבע אומטאַקטישקייט. וואָס האָב איך אָבער געזאָגט? דער פּרעטענזיע פֿון „בונד״ אויף דער ראָל פֿון איינציקן פֿאָרשטייער פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָב איך קעגנגעשטעלט די אָנווייזונג אויף דעם, אַז אַסאַך כאַווירים, וועלכע האָבן געאַרבעט און אַרבעטן צווישן די יידישע אַרבעטער, באַלאַנגען ניט צום „בונד״ און באַטראַכטן זיך פֿונדעסטוועגן פֿאַר פֿאָרשטייער פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ פּראָלעטאַריאַט. איך האָב אונטערגעשטראָכן, אַז די דאָזיקע כאַווירים זיינען יידן. צוליב וואָס האָב איך עס געטאָן? קעדיי צו פֿאַרמיידן דעם ספּעציעלן אַרגומענט פֿון די פּובליציסטן פֿון „בונד״, אַן אַרגומענט פֿון אָרעמקייט, וועגן דער אומבאַקאַנטקייט פֿון די קעגנער פֿון דער פּאָזיציע פֿון „בונד״ מיט דער פּסיכאָלאָגיע פֿון „יידישן פּראָלעטאַריאַט״. ווו איז דאָ די גראָבע אומטאַקטישקייט?

אָבער דער כ׳ ליבער האָט אויסגעשריען, אַז די דאָזיקע יידן האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט. נו, באַטייט עס, אַז ער האָט פֿאַרדעכטיקט די ריכטיקייט פֿון מיין דערקלערונג? געוויס ניט. אַזאַ מין האַשאָרע וואָלט געווען צופֿיל באַליידיקנדיק פֿאַר דעם כ׳ ליבער. בלייבט נאָר פֿאָרצושטעלן זיך, אַז די אַרבעט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע שטייט ניט אונטער דעם קאָנטראָל פֿון „בונד״, באַטראַכט דער כ׳ ליבער ניט פֿאַר קיין אַרבעט. איך לאָז איבער פֿאַר אים אַליין קלאָר צו מאַכן די דאָזיקע אומפֿאַרשטענדלעכקייט.

אַלס ענטפֿער אויף די אָנפֿאַלן פֿון כ׳ ליבער וועגן טאָג־אָרדענונג, וואָס מיר האָבן אָנגענומען, זאָג איך, אַז איך געפֿין, פֿאַרקערט, אַז דער דאָזיקער סיידער פֿון באַהאַנדלען די פֿראַגן איז געווען דער סאַמע בעסטער. עמעס, די פֿראַגע וועגן „אָרט פֿון „בונד״ אין דער פּאַרטיי״, וואָס מיר האָבן אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי, האָט מען געמוזט קאָמפּליצירן מיט היסטאָרישע אינפֿאָרמאַציעס, פּראָגראַמישע און טאַקטישע דיסקוסיעס. אָבער דאָ איז ניט שולדיק די טאָג־אָרדענונג, נאָר דער כאַראַקטער און עצעם פֿון דער פֿראַגע. אויב מיר וואָלטן די דאָזיקע פֿראַגע אָפּגעלייגט אויף נאָך באַהאַנדלען די פּראָגראַם און טאַקטיק, וואָלט די קאָמפּליצירטקייט פֿון דער פֿראַגע ניט באַזייטיקט געוואָרן. אין אַ פֿאַרמאַסקירטער פֿאָרם, און דערייבער אומגעזעצלעך, וואָלט די קאָמפּליצירטקייט געדריקט אויף אונדזער גאַנצער פּראָ־

גראַמישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. אויסשעפּנדיק די גרונט־כעלוקעדייעס, האָבן מיר זיך פֿאַנאַנדערגעבונדן די הענט פֿאַר ווייטערדיקער אַרבעט.

איך ענדיק. צי די פּאַרטיי וועט באַגרענעצן דעם „בונד" מיט אַ באַשטימטן ראַיאָן, אָדער זי וועט אים אָנערקענען, ווי אַן אַלרוסלענדישע אָרגאַניזאַציע צו פֿירן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אין דער יידישער שפּראַך, וועט אָבער אין ביידע פֿאַלן דער „בונד" מוזן זיין אַן אונטערגעוואָרפֿענער טייל פֿון דער פּאַרטיי און ניט אַ צאַד, מיט וועלכן מע מאַכט אַן אָפּמאַך. דער פֿאָרגעלייגטער סטאַטוט, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפֿן פֿינפֿטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד", האָט פֿאַר זיין אויפֿגאַבע, ווי עס האָט אין שמועס געלונגען באַמערקט אַ כאַווער, אויסצובויען אַ וואַנט צווישן אינדז און „בונד" און פֿונויבן באַשיטן זי מיט צעבראָכענע גלאָז. קעגן דערהאַזיקער וואַנט מוז דער צוזאַמענפֿאָר זיך אַרויסזאָגן מיט אַ פֿולער איינהייטלעכקייט.

מוראַוויאָוו: איך בין פֿולקום מאַסקים מיט דער מיינונג פֿון כ' טראָצקי, אַז אַזעלכע דערקלערונגען, אַז „עס איז ניטאָ קיין העכערע פֿאָרם פֿון צענטראַליזם, ווי פֿעדעראַציע" איז ניט גענוג, מע זאָל דאָס נאָר זאָגן. עס איז נייטיק דאָס צו דערווייזן. ווייטער האָף איך, אַז דער כ' ליבער פֿאַרשטייט שוין איצט גענוג קלאָר דעם אונטערשייד צווישן די באַגריפֿן פֿון „אויטאָנאָמיע" און „פֿעדעראַציע". צוליב דעם, וואָס די פֿראַגע, וועלכע דער צוזאַמענפֿאָר דאַרף איצט לייזן, איז סאָפּקאָלסאָף די פֿראַגע פֿון אויטאָנאָמיע אָדער פֿעדעראַציע, געפֿין איך פֿאַר נייטיק אָנצווייזן, ווי איך פֿאַרשטיי ביידע זאַכן. אויטאָנאָמיע מיינט, אַז באַזונדערע אויטאָנאָמע טיילן פֿון אַ גאַנצעס וואַרפֿן זיך אומבאַדינגט אונטער דעמהאַזיקן גאַנצעס. פֿאַרקערט אָבער, די איינעקייט, וועלכע איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען פֿעדעראַציע, כאַראַקטעריזירט זיך מיט דעם, וואָס די קעגנזייטיקע באַציונגען פֿון די טיילן, וואָס שטעלן צוזאַמען דאָס גאַנצעס, קאָנען געענדערט ווערן בלויז אונטערן באַדינג, ווען עס איז דאָ אַף דעם די האַסקאָמע פֿון אַלע באַזונדערע טיילן. שוין צייט אָנצורופֿן זאַכן מיט דעם ריכטיקן נאָמען. דער פּראָיעקט, וואָס עס ליגן אונדז פֿאַר די דעלעגאַטן פֿון „בונד", שטעלט מיט זיך טאַקע פֿאָר אַ פּראָיעקט אַף איבערצובויען די פּאַרטיי אַף פֿעדעראַטיווע יעסוידעס. אין דעם איצטיקן מאָמענט, דאַכט מיר, האָט זיך די מיינונג פֿון צוזאַמענפֿאָר וועגן דער פֿראַגע אַזוי קלאָר באַשטימט, אַז מע וואָלט שוין געקאָנט איבערגיין אָפּצושטימען די האַזיקע פֿראַגע. די דעלעגאַטן פֿון „בונד" האָבן אָבער זייער ניט גענוג און ניט באַשטימט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די פּרינציפּיעלע מאָטיוון, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט צו פֿאַרטיידיקן די נויטווענדיקייט פֿון זייער „פּראָיעקט", וועלכער איז גאַנץ גענוי פֿאַנאַנדערגעקליבן געוואָרן נאָר פֿון זייערע קעגנער. אַזוי, צום ביישפּיל, וואָלט זיך געוואָלט וויסן, וואָס האָט דער כ' ליבער געוואָלט זאָגן מיט די ווערטער, אַז „די פֿאַרהעלטעניש פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע קוויכעס אין דער יידישער נאַציע איז לויט דער צאָל אַנדעריש, ווי בא אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן". ווייטער, קומט אויס לויט דער מיינונג פֿונעם געלביקן רעדנער, אַז דער באַזונדערער זשאַרגאָן פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט „פֿאַרלייכטערט נאָר די טעכנישע אַרבעט", און צוליב דעם דאַרף מען ניט האָבן קיין אויטאָנאָמיע. אָן אָן ענטפֿער מיצאַד די דעלעגאַטן פֿון „בונד" האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט דער אַרגומענט פֿון זיינע

קענענער, אַז די אויסנאַם־לאַגע פון די יידן ווי בירגער פון רוסלאַנד קאָן ניט דינען פאַר קיין גרונט אויסצוטיילן דעם „בונד" אין אַ פעדעראַציע...

סטעפאַנאָוו: איך האָב זיך דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט מיין שטים־רעכט, נאָר אַזוי ווי דער כאַווער פון באַקו האָט געזאָגט אַלץ, וואָס מע האָט געקאָנט זאָגן וועגן דעם איניען פון דער פראַקטישער זייט פון דער זאַך, בלייבט מיר נאָר איבער צו דערציילן וועגן מיינע, עמעס ווייניקע, באַאָבאַכטונגען. איך בין אַ פאָרשטייער פון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע און האָב זיך איבערצייגט אַף איר ביישפּיל אין דעם שאָדן, וואָס עס ברענגט די אָפּגעזונדערטקייט פון יידישן פראָלעטאַריאַט. קען ניט צו דערלאָזן די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט, האָט דער קיעווער קאָמיטעט אין דער לעצטער צייט אָנגענומען אַ ריי מאָסמיטלען צו פאַראייניקן די באַלמעלאָכישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַשטייען פון יידישע אַרבעטער, מיט די אָרגאַניזאַציעס פון די זאַוואָדן, וואָס באַשטייען נאָר פון רוסישע. אַ שטערונג אין דער דאָזיקער אַרבעט איז געווען די אַריינמישונג פון „בונד". דער „בונד" האָט געפונען פאַר נייטיק זיך אַריינמישן צוליב דעם, וואָס דער קיעווער קאָמיטעט באַפרידיקט, קלוימערשט, ניט די פאָדערונגען פון יידישן פראָלעטאַריאַט.

דאָס האָט קלאָר געגעבן צו פאַרשטיין דער אָפיציעלער צוגעשיקטער פאָרשטייער פון צ. ק. פון „בונד", וועלכן דער קיעווער קאָמיטעט האָט געמאָלדן, אַז דער צ. ק. פון „בונד" האַנדלט קעגן דער באַשטימונג פון ערשטן צוזאַמענפאָר. די דאָזיקע באַשטימונג ווייזט אָן, אַז דער „בונד" קאָן ניט, ווי אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, פירן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין די ערטער, וווּ עס עקזיסטירן שוין געמישטע אָרגאַניזאַציעס. דאָס האָט דעם פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" ניט אָפּגעשטעלט, און איצט עקזיסטירט שוין אַן אָרגאַניזאַציע פון „בונד", עמעס, ניט אָפיציעל, נאָר אַזאַ איז דאָ. דער רעזולטאַט פון איר אַרבעט איז מיר ניט באַקאַנט, נאָר איך בין טיף איבערצייגט, אַז דאָס וועט ברענגען שאָדן; ווען די רוסישע אַרבעטער האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער אַנטשטייונג פון אַן אָפּטיילונג פון „בונד", זיינען זיי געווען אויסער זיך פון דעם דאָזיקן פאַקט פון אומצוטרוי צו די רוסישע כאַווירים, וועלכע קעמפן צוזאַמען קעגן דעם אַלגעמיינעם סוינע — קעגן דער רוסישער זעלבסטהערשונג. יאָ, אַפילע די יידישע אַרבעטער אַליין האָבן זיך נעגאַטיוו באַצויגן צו דער גרינדונג פון אַ זעלבשטענדיקער יידישער אָרגאַניזאַציע (אַ פּ לאָ די ס מ ע נ ט ן).

ליבער: די כאַווירים (פון „בונד") זעצן פאַר אונדז אויפצוווארפן אומלאָגישקייט, פאַרוואָס מיר האָבן אין דער ערשטער ריי געשטעלט די פראַגע פון „בונד". מע באַשולדיקט אונדז, אַז אַף אַזאַ אויפן פאַרוואַנדלען מיר אונדזער אָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר אין אַ גרינדונג־צוזאַמענפאָר. ניין, כאַווירים פון „בונד", דאָס האָט איר פאַרוואַנדלט אונדזער אָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר אין אַ גרינדונג־צוזאַמענפאָר, פאָרלייגנדיק אונדז אַ פראָיעקט פון אַן „אָפּמאַך", וואָס מיר האָבן היינט אינדערפרי געהערט. איר ווילט דאָך, איינגנטלעך, מאַכן אַ רעוואָלוציע אין אונדזער פּאַרטיי. און נאָר אַדאַנק דעם, וואָס מיר האָבן באַשטימט אַזוי דעם טאָג־אָרדענונג, האָבן מיר זיך אַזוי גיך דערוווּסט דעם פּלאַן פון „בונד". דער כ' ליבער האָט, אַגעוו, אונדז אין זיין היציקער רעדע דערקלערט, אַז מיר האָבן פאַרגעסן אונדזער קרוווּשאַפט.

איך פּראָטעסטיר אַפּן סאַמע ענערגישסטן אויפן קעגן דעם. איך האָב אַליין געאַרבעט אין די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי און ווייס גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ באַוועדיקע ראָלע עס האָט געשפּילט דער „בונד" אין דער זאַך פון שאַפן אונדזער פּאַרטיי. און די גרעסטע מערהייט פּריערדיקע רעדנער האָבן אויך וועגן דעם גערעדט. ס'איז דעריבער באַזונדערס באַלערנדיק קעגנצושטעלן די פּריערדיקע ראָלע און אָרט פון „בונד" אין דער פּאַרטיי מיט דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען נאָך דעם באַוווסטן פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד". ביז יענער צייט איז דער „בונד" געשטאַנען, אַף וויפל איך ווייס, אין די סאַמע ענגסטע פאַרבינדונגען מיט פיל אָרגאַניזאַציעס פון דאָרעם, האָט אונדז פיל געהאָלפן אין דער אַרבעט פון טראַנספּאָרט און טעכניק, קאָנצענטרירנדיק זיין טעטיקייט אין ליטע און ווייסרוסלאַנד. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך דערנענטערט דער פערטער צוזאַמענפאָר און באַזונדערס נאָך דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, ווען דער „בונד" האָט זיך אָפּן געשטעלט אַף דעם שטאַנדפּונקט פון פעדעראַליזם, האָבן די באַציונגען צווישן אונדז זיך איינגאַנצן געענדערט. דער „בונד" האָט זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן פון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס. ער האָט זעלבשטענדיק אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין די ערטער, ווו עס האָבן שוין פריער געאַרבעט רוסלענדישע קאָמיטעטן. אומעטום האָבן זיך אָנגעהויבן רייסענישן און צוליבן „בונד" האָט זיך די מעכיצע, וואָס טיילט אָפּ די קריסטן פון די יידן, נאָך מער פאַרברייטערט. אָט וואָס עס איז געוואָרן פון „בונד" אין דער לעצטער צייט.

מיר דאַכט, אַז עס איז באַלערנדיק צו דערמאָנען, צו וואָס עס האָט געבראַכט די סעפּאַראַטיסטישע פּאָליטיק פון „בונד" אין פּוילן און זיין אָפּגעזונדערטקייט אין ליטע און פּוילן פון די פּוילישע און ליטווישע סאָציאַליסטן. די פּוילישע סאָציאַליסטן האָבן גלייך, ווי עס איז אַנטשטאַנען דער „בונד", געפאָדערט, אַז דער „בונד" זאָל זיך צוזאַמענגיסן מיט דער פּוילישער אָרגאַניזאַציע. דער סעפּאַראַטיזם פון „בונד" האָט אין פּוילן געשאַפן אַ גוטן באָדן פאַר שטענדיקע רייסענישן און פאַרשאַרפט די באַציונגען צווישן די קריסטלעכע און יידישע פּראָלעטאַריער. דאָס זעלביקע דראָט אונדז, אויב דער „בונד" וועט זיך מיט אונדז ניט צוזאַמענגיסן אַפּן סאַמע פעסטן אויפן.

ווי אַ פאָרשטייער פון „באַרג־זאַוואָדישן פאַרבאַנד", קאָן איך ניט פאַרבייגיין דעם פאַקט און ניט צוגעבן צו דעם דאָס, וואָס עס האָבן געזאָגט די כאַווירים פון דאָרעם, אַז בא אונדז, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס עס איז פאַראַן אַ נישקאָשעדיקע צאָל יידישע באַלמעלאָכעס, האָט די אָפּוועזנהייט פון אַ בונדישער אָרגאַניזאַציע אַף קיין האָר ניט געבראַכט קיין שאָדן, פאַרקערט, די באַציונג צווישן די זאַוואָד־אַרבעטער מיט די יידישע באַלמעלאָכעס איז די סאַמע בעסטע. דער פאַרבאַנד פירט אַ טיכטיקע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די באַלמעלאָכעס און זיי העלפן אים אַסאַך. וואָלט דער „בונד" זיך באַוויזן, וואָלטן זיי אַלע זיך איינגעשלאָסן אין זייער אייגענעם קרייזל און די זאַך פון דער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַגיטאַציע וואָלט שטאַרק פון דעם געליטן. דער כ' ליבער ווייזט אָן אַף ראָזע לוקסעמבורג. אָבער די אָנווייזונג אַף דייטשלאַנד מיט איר קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדענונג, ווו דידאָזיקע נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן, וועגן וועלכע עס רעדט ראָזע לוקסעמבורג, טראָגן טיילווייז אַ

קולטורעלן כאראקטער, אט די אנווייזונג איז גארניט קיין איבערצייגנדיקע. מיר זיינען אין רוסלאנד און אונדזערע ארגאניזאציעס האט קיין זינען ניט אזוי מעכאניש צו פארגלייכן מיט די אייראפעישע. דער כ׳ ליבער האט פאטעטיש פארענדיקט זיין רעדע מיט דערמאנען די גרויסע ראל פון „בונד“ אין אונדזער פארייניקונג. איך האב שוין געזאגט, ווי הויך איך שאץ אפ די פארדינסטן פון „בונד“ אין דער זאך פון גרינדן אונדזער פארטיי. דעריבער טוט נאך מער וויי, ווען מע קוקט זיך צו צו דעם, וואס עס קומט איצט פאר. די קאווקאזער כאווירים האבן שוין געזאגט, אז מע טאר זיך ניט מויכל זיין דעם טאעס, וואס מיר האבן געמאכט מיט דעם, וואס מיר האבן דערלאזן דעם „בונד“ צו פארנעמען אזא פריווילעגירטן ארט אין דער פארטיי. איך וועל נאר זאגן, אז עס קאן ניט ניט פארדריסן, וואס אונדזערע רוסלענדישע ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען אזוי הינטערשטעליק אין זייער אנטוויקלונג אין פארגלייך מיטן וווקס פון „בונד“, האבן דורך דעם אים געגעבן די מעגלעכקייט אינגאנצן זיך אפרייסן פון דער פארטיי און אנטוויקלען בא זיך געפערלעכע טענדענצן. אף אזויפיל ווי דער „בונד“ האט אין סאף פון די ניינציקער יארן געשפילט אין דער פארטיי א ראלע פון א פארייניקער, אף אזויפיל האנדלט ער איצט אין איר אף א פאנאנדערלייגערישן אופן. דער „בונד“ פארייניקט אונדז ניט, נאר צעשטערט אונדזער אייניקייט. היינט האט איר פאר אונדז, כאווירים פון „בונד“, אופגעדעקט אייער עמעסן פאנעם. מיר בלייבט נאר פון טיפן הארצן אייך צו דאנקען דערפאר, וואס איר האט ענדלעך פאר אונדז אופגעדעקט אייערע קארטן.

זעקסטע זיצונג.

(בייגעווען 42 דעלעגאטן מיט 51 מאנדאטן אף באשטימונג־רעכט און 8 פערזאן מיט בעראטונג־רעכט).

קארסקי: מיינע באמערקונגען וועל איך אנהייבן אין א כראנאלאגישן סיידער. קוידעמקאל וועל איך ענטפערן דעם כ׳ אבראמסאן, וועלכער פארזיכערט אונדז, אז דער סטאטוס ווערט פארגעלייגט נאר אף צו באהאנדלען און ניט ווי אן אולטימאטום. אבער דאך, ווען ער ווערט אפילע ניט פארגעלייגט ווי אן אולטימאטום, הייסט עס נאך ניט, אז אין זיין יעסאד ליגט ניט קיין נאציאנאליסטישער שטאנדפונקט. דער כ׳ ליבער האט באזונדערס שארף, און אפילע מיט קאעס, מיר אופגעווארפן, אז איך האב ניט פארזיכטיק אנגערירט א ווייטעקדיקן ארט. ער איז אויך אנגעפאלן אף מארטינאוון, פארוואס ער האט געבראכט א ציטאט פון „קאמוניסטישן מאניפעסט“ און דערקלערט, אז מיט קיין ציטאטן וועסטו אונדז ניט דערשרעקן. אבער אין דערזעלביקער צייט האט ער אליין זיך פארופן אף א ציטאטע פון ראזע ליוקסעמבורג. עמעס, מיט קיין ציטאטן קאן מען ניט שרעקן. אויב ראזע ליוקסעמבורג וואלט מאסקים געווען מיט דעם פראיעקט פון „בונד“, וואלט די זאך געווען עפעס אנדערש. איך דענק אבער, אז זי וואלט זיך באצויגן צו דעמדאזיקן פראיעקט נעגאטיוו.

דער כ׳ ליבער האט פארזיכערט, אז איך האב קלוימערשט געזאגט, אז ווי נאר דער „בונד“ האט זיך ארגאניזירט, איז ער ארויסגעטראטן פון די ראמען פון דער סאציאל־דעמאקראטיע. איך האב נאר געזאגט, אז ער טוט דאס פאר די לעצטע צוויי־

יאָר. מע זאָגט, אז מיר פארקלענערן די באַדייטונג פון „בונד“ אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. דאָס איז ניט ריכטיק, מיר אַלע אַכטן די טעטיקייט פון „בונד“. אָבער ער אליין פארקלענערט זיין באַדייטונג דורך דעם, וואָס ער טרעט אָפּ פון די פּרינציפּן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

איידער איך וועל איבערגיין צו באַטראַכטן די אַרגומענטן פון כ׳ ליבער, וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן כ׳ ברוקער, וועלכער האָט דערקלערט, אַז נאָר דער „בונד“ שטייט אַף דער געהעריקער שטופּע פון פאַרשטיין די נאַציאָנאַלע רעכט, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז געקומען צום באַוווסטזיין פון דידאָזיקע רעכט און דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט איז צו דעמדאָזיקן באַוווסטזיין ניט געקומען. דאָס גיט דעם „בונד“ רעכט אַף זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ. איך רעכן, אַז דער „בונד“ וועט ניט וועלן פאַרטיידיקן דידאָזיקע פּאָזיציע. אַזאַ שטאַנדפּונקט וואָלט באַטייט אַ צו נידעריקן צושטאַנד פונעם באַוווסטזיין בא די פירער פון דער באַוועגונג.

לויט דעם, וואָס ליבער האָט געזאָגט, קומט אויס, אַז דער „בונד“ וויל זיין דער פאַרשטייער ניט נאָר פון אַ טעריטאָריעל־באַגרענעצטן פּראָלעטאַריאַט, נאָר בכלל פון דעם גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט און דערצו נאָך דער איינציקער פאַרשטייער. אַזאַ פּרינציפּ קאָן איך ניט אַנדערש אָנרופן, ווי נאַציאָנאַליסטיש, ווייל דאָ גייט דער „בונד“ אַרויס ניט פון די אַלגעמיינע יעסוידעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אָנגעהעריקייט פון פּראָלעטאַריאַט צו אַ באַשטימטער נאַציע. דער אויסגאַנג־פּונקט איז ניט די שפּראַך, ניט די באַדינגונגען פון לעבנסשטייגער, ניט די שטופּע פון באַוווסטזיין, נאָר די אָנגעהעריקייט צו דער יידישער נאַציע און די אָנגעהעריקייט צו דער יידישער רעליגיע. דערדאָזיקער פּרינציפּ קאָן נאָר אָנגערופן ווערן נאַציאָנאַליסטישער. מערקווירדיק איז דאָס, אַז ווען איך האָב אַזוי אָנגערופן דעמדאָזיקן פּרינציפּ, איז דער כ׳ ליבער געווען אינקאַעם אַנשטאַט צו באַווייזן, אַז אָט דער פּרינציפּ ליגט ניט אין יעסאָד פון זייער סטאַטוט. אויב ער וועט אַרויסשטעלן אַן אַנדער פּרינציפּ, וועל איך נעמען צוריק מיינע ווערטער. איך וועל דאָ נאָר דערמאָנען, אַז מיט אַ יאָר צוויי צוריק איז מיר אויסגעקומען צוזאַמען מיט ליבערן אַרויסטרעטן קעגן די ציאָניסטן, אַף וועלכע ער איז אָנגעפאַלן פאַר זייערע נאַציאָנאַליסטישע פּרינציפּן. ער האָט דאַן דערקלערט, אַז די יידישע נאַציע איז אַ פיקציע. איצט שטעלט ער אַרויס אַ נאַציאָנאַליסטישן פּרינציפּ אַלס אַ באַזיס פאַר זיין פּראָגראַם...

בעקאָוו: דאָ זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיינונגען, אַז דער גרונט פאַר דער באַזונדערער עקזיסטענץ פון „בונד“ איז 1) דער אונטערשייד פון די פאַרהעלטענישן פון די נעזעלשאַפטלעכע קויכעס; 2) דער אונטערשייד פון דער רעכטלעכער לאַגע. אַף דעם ערשטן געדאַנק האָט זיך ליבער ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט נאָר אָנגעוויזן, אַז בא יידן איז ניטאָ קיין פויערטום און קיין אַדל־קלאַס. אָבער ווי קומט מען פון דעם צום אויספיר וועגן דער נייטיקייט פון אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע? קעגן דער צווייטער מיינונג האָט מען דאָ נעכטן דערווידערט. איך וויל דאָ נאָר באַמערקן, אַז יעדע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קעמפט קעגן יעדער פאָרם פון אונטערדריקונג. דאָס אייגענע וועט דעריבער אויך טאָן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פאַרטיידיקנדיק די נייטיקייט פון דער באַזונדערער עקזיסטענץ פון „בונד“, האָט

ליבער נעכטן פאַרטיידיקט אַ פאַרקערטן שטאַנדפּונקט. דער „בונד" — האָט ער
געזאָגט — אַגיטירט ניט נאָר צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך צווישן די
אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. דאָס איז געווים אַ גרויסער פאַרדינסט. אויב
אַזוי, טאָ צוליב וואָס דאַרף מען אַרויסשטעלן אַזאַ פּונקט, לויט וועלכן קיין אַנדער
אָרגאַניזאַציע האָט קיין רעכט ניט זיך צו ווענדן צום יידישן פּראָלעטאַריאַט אָן
דער הסכמה פון „בונד"? דאָ גייט דער „בונד" לעהייפּעך די באַדערפעניש פון
לעבן, וועלכע האָבן אים געצוווּנגען אַליין צו פאַרברייטערן די גרענעצן פון זיין אַגי-
טאַציע. נאָר אָט מאַכט דער כאַווער ליבער זיין לעצטן פּרווו צו באַגרינדן זיין געהאַנ-
וועגן דער נייטיקייט פון דער עקזיסטענץ פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס דורך מאַכן
אַנאַלאָגיעס. אַף דעם וואָלט מען געקאָנט דערקלערן, אַז אַנאַלאָגיע מיינט נאָך ניט
קיין באַווייז. די אָנווייזונג אַף ראָזע ליוקסעמבורג איז אַפילע ווי אַן אַנאַלאָגיע אויך
ניט אַמפּלאַץ, ווייל אַז די פּ.פּ.ס. איז ניט מסכים געווען מיט דער פאָרמולירונג פון ראָזע
ליוקסעמבורג, דאָס איז דאָך פאַרשטענדלעך. און ניט ווייניקער קלאָר איז, אַז מיט
דערהאָזיקער פאָרמולירונג האָט ראָזע ליוקסעמבורג גאָר געוואָלט מאַכן אַ שריט צו
דערנעענטערן זיך מיט דער פּ.פּ.ס. דער כ' ליבער מוז, פאַרשטייט זיך, ניט צווייפלען
אין דעם, אַז דער אידעאַל פון יעדן סאָציאַל־דעמאָקראַט און אויך פון ראָזע ליוק-
סעמבורג איז צונויפגיסן אַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין איין איינהייטלעכער
שטאַרקער פּאַרטיי. אַזאַ אַנאַלאָגיע קאָן מען אויך דערלאָזן בנוגע דעם קאַווקאַזער
פּראָלעטאַריאַט. פונדעסטוועגן דענק איך, אַז בלויז איין פאַקט וועגן דער עקזיסטענץ
פון נאַציעס איז ניט גענוג פאַר אַ באַווייז פאַר דער נייטיקייט צו שאַפן נאַציאָנאַלע
אָרגאַניזאַציעס. אַגעוו, וועל איך דערקלערן, אַז אַ פאַרבאַנד אַרמענישע סאָציאַל־
דעמאָקראַטן האָט ניט עקזיסטירט און עקזיסטירט ניט. דאָס איז נאָר געווען אַ
שילד.

אַבראַמסאָן: איך מוז מאַכן אַ פאַקטישע אויסבעסערונג צו דער נעכטיקער רעדע
פון דעם פאָרשטייער פון די באַרג־זאַוואָדישע אַרבעטער, וועלכער האָט, וועלנדיק
דיסקרעדיטירן דעם „בונד" און באַווייזן די „פאַנאַנדערלייגערישע" ווירקונג (די
ווערטער זיינען פון דעם פאָרשטייער פון דעם „באַרג־זאַוואָדישן פאַרבאַנד"), וואָס
דער „בונד" האָט אומעטום, אָנגעוויזן אַף דער באַציונג פון „בונד" צו דער
פּ.פּ.ס. אין פּוילן. אָבער גראָד דיזאָזיקע פאַקטן, וועגן וועלכע ער האָט גערעדט, זאָגן
עפּעס גאַנץ אַנדערש. די געשיכטע וועגן די באַציונגען צווישן „בונד" און דער פּ.פּ.ס.
איז אַ געשיכטע פון דעם קאַמף מיט דערהאָזיקער פּאַרטיי, וועלכער האָט אין די
רייען פון אונדזער פּאַרטיי שטענדיק נאָר באַגעגנט מיטגעפיל. אַפילע מיט דער
פּ.פּ.ס. האָט דער „בונד" זיך באַמיט צו מאַכן צייטווייליקע אָפּמאַכן פאַר פּראַק-
טישער אַרבעט, ווי דאָס איז געווען אויך דאָס יאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם
ערשטן מיי. דער אָפּמאַך איז ניט פאָרגעקומען, ווייל די פּ.פּ.ס. האָט געפאָדערט, אַז
דער „בונד" זאָל אין דער צייט פון דער דעמאָנסטראַציע אַרויסטרעטן אונטער איר
(פּ.פּ.ס.) פאָן. מיט דעם האָט דער „בונד", פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט מסכים
זיין. אין קעגנזאַץ צו די פאַקטן, וואָס עס האָט געבראַכט דער פאָרשטייער פון דעם
„באַרג־זאַוואָדישן פאַרבאַנד", מוזן מיר אָנווייזן אַף אונדזער באַציונג צו דער פּוי-
לישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אויב מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסטרעטן צוזאַ-

מען מיט דער פ.פ.ס., זײַנען מיר דערפֿאַר אַרויסגעטראָטן מיט דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די געשיכטע וועגן די באַציונגען צו דער פּ.פּ.ס. וועט זײַן אַ לערע פֿאַר אַלע קעגנער פֿון „בונד“, וועלכע ווילן אים מיט אַלע מיטלען פֿאַרניכטן און באַציִען זיך מיט פֿאַראַכטונג צום „בונד“ (פּראָטעסטן).

פּאָרזיצער: איך פּראָטעסטיר קעגן דער מעלדונג פֿון כ׳ אַבראַמסאָן און בעט מײַן פּראָטעסט פֿאַרצײַכענען אין פּראָטאָקאָל.

לעניִן: מיר דוכט זיך, אַז דער כאַווער לוואָוו האָט געזאָגט, אַז דער „בונד“ רעדט וועגן פֿאַראַכטונג צום יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער כאַווער אַבראַמסאָן האָט, ווי עס ווײַזט אויס, פֿאַרשטאַנען, אַז מע רעדט וועגן פֿאַראַכטונג צום „בונד“ (פּראָטעסטן).

לעניִן: איך בעט דאָס פֿאַרצײַכענען אין פּראָטאָקאָל.

אַבראַמסאָן: איך נעם מײַנע ווערטער צוריק.

לעניִן: מיר ווילן דערויף אויפֿמערקזאַם מאַכן באַם לייענען דעם פּראָטאָקאָל.

אַבראַמסאָן: אַלס ענטפֿער אויף די רייד פֿון דעם קאַטערינאָסלאַווער פֿאָרשטייער וועגן די אָרגאַניזאַציעס פֿון „בונד“ אין קאַטערינאָסלאַוו, מעלדע איך קאַטעגאָריש, אַז קיינע אָרגאַניזאַציעס האָט דער „בונד“ אין קאַטערינאָסלאַוו ניט געשאַפֿן. צי האָבן מיר רעכט אויף דעם, דאָס איז אַן אַנדער פֿראַגע. איך רעכן, אַז מיר האָבן יאָ רעכט. מיר האָבן אָבער דאָס ניט געטאָן. דער כאַווער האָט געזאָגט, אַז דער „בונד“ שאַפֿט, קלוימערשט, אויטאָנאָמיציעלע אָרגאַניזאַציעס און וויל אונדז ניט גלייבן: אויף דעם האָב איך שוין געענטפֿערט. וועגן קאַרסקיס רעדע, וועלכע איז פֿול מיט ווערטער נאַציאָנאַליזם, קלײנבירגערלעכקייט (פּראָטעסטן: דאָס וואָרט „קלײנבירגערלעכקייט“ איז ניט געווען).

אַבראַמסאָן (זעצט פֿאָר): איך מוז זאָגן, אַז דער כאַווער פֿאַרבײַט דאָס וואָרט נאַציאָנאַל אויף דאָס וואָרט נאַציאָנאַליסטיש. לויט זײַן מיינונג איז גענוג, אַז אַ פּראָלעטאַריאַט פֿון אַ וועלכער עס איז נאַציע זאָל שאַפֿן זײַן אָרגאַניזאַציע, כדי צו שטעלן זיך אויף אַ נאַציאָנאַליסטישן וועג. צו באַווײַזן די פֿאַלשקייט פֿון אַזאַ שטאַנדפּונקט איז ניט נייטיק. אַגעוו איז כדי צו דערמאָנען וועגן דעם אַרמענישן פֿאַרבאַנד. ס׳איז ניט וויכטיק צי ער עקזיסטירט אָדער ניט. וויכטיק איז נאָר דאָס, אַז ווען ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ מאַניפֿעסט, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „איסקראַ“ באַגריסט דעמדאָזיקן נײַעם נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד און האָט אין אים ניט געפֿונען ניט קיין שאָוויניזם, ניט קיין נאַציאָנאַליזם און ניט קיין אַנדערע ענלעכע אַווייִרעס, מיט וועלכע דער כאַווער קאַרסקי באַשענקט מיט אַזאַ פֿולער האַנט די אַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס*).

*) „איסקראַ“ (אינעם נומ. 33) באַגריסט דעם „מאַניפֿעסט פֿון די אַרמענישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן“, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוועזן אין „פּראָלעטאַריאַט“ נומ. 1 (אָרגאַן פֿונעם פֿאַרבאַנד פֿון די אַרמענישע ס. ד.) און באַזונדערס דעם פּרוּוו צו געבן אַ ריכטיקע שטעלונג איבער דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. „צוויי גרונט־פּרינציפּן — שרײַבט „איסקראַ“ — זײַנען אָנגעמערקט געוואָרן דורכן פֿאַרבאַנד פֿולקום ריכטיק. דאָס איז, ערשטנס, דאָס פֿאָדערן ניט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, נאָר פּאָליטישע און בירגערלעכע פֿרײַהייט און פֿולע גלײַכבאַרעכטיקונג; דאָס איז, צווייטנס, די פֿאָדערונג פֿון רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג פֿאַר יעדער באַזונדערער פֿעלקערשאַפֿט, וואָס גייט אַרײַן אינעם באַשטאַנד פֿון דער מעלוכע.

די פראַגע וויאַזוי מע זאָל באַזייטיקן די רייבונגען, וועלכע ווערן אַרויסגערופן דורך דער עקזיסטענץ פון צוויי אָרגאַניזאַציעס, קאָן נאָר שטעלן דער, וואָס האָט ביכלאַל אַ שוואַכע פאָרשטעלונג וועגן דער צוזאַמענדיקער עקזיסטענץ פון אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבן אַלס ביישפיל ריגע, לאָדז, ווו עס זיינען געשאַפן געוואָרן אָרגאַניזאַציעס צווישן די דייטשישע אַרבעטער. די רייבונגען אין קיעוו און אָדעס באַווייזן גאָרניט. דאָס איז נאָר אַ פויעל־יויצע פון די אַלגעמיינע אומנאָרמאַלע באַציונגען.

א צווייטער כאַווער פון קאַווקאַז האָט געזאָגט: „דער „בונד" האָט אַליין אָנגעהויבן צו אַרבעטן צווישן קריסטלעכע אַרבעטער און אין דערזעלבער צייט פאָדערט ער אַ באַגרענעצונג פאַר אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן זיך צו ווענדן צום יידישן פראָלעטאַריאַט. אָבער דער פונקט, אַף וועלכן דער כאַווער ווייזט אָן, זאָגט גאָרניט דאָס. דער „בונד" האָט אויך ניט קיין רעכט זיך צו ווענדן צו דעם פראָלעטאַריאַט פון אַנדערע פעלקער אָן דער האַסקאָמע פון די געהעריקע אָרגאַניזאַציעס טאַקע צוליב פאַרמיידן רייבונגען.

מאַרטינאָוו: די נעכטיקע דעבאַטן האָבן מיך נאָך מער איבערצייגט אין דער באַגרינדעטקייט פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט בענעגייע דעם כאַווער מאַרטאָווס רעזאָליוציע. מיר דאַרפן קעמפן מיט די טענדענצן פון „בונד" צו נאַציאָנאַלער אָפגעזונדערטקייט. נאָר פירנדיק דעם קאַמף, טאָרן מיר ניט צעברעכן די מאַמאַשעסדיקע קראַפט, וועלכע עס האָט געשאַפן דער „בונד" אין מייערו־געגנט. אַבראַמסאָנס אַרגומענטן זיינען פאַר מיר ניט געווען איבערצייגנדיק. אין ערשטן פונקט פון בונדישן פראָיעקט ווערט געזאָגט, אַז דער „בונד" גייט אַריין אין דער פאַרטיי ווי דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פראָלעטאַריאַט. איך אונטערשטרייך, ווי דער איינציקער, האַגאַם אַבראַמסאָן שטעלט דעם טראָפ אַף די ווערטער: גייט אַריין אין דער פאַרטיי. דאָס איז ניט בלויז אַ פראַזע. אין פראָיעקט זיינען פאַראַן קאָנקרעטע אויספירן פון דעמדאָזיקן פונקט, נעמלעך, אַז דער צ. ק. פון דער פאַרטיי האָט קיין רעכט ניט זיך צו ווענדן צום יידישן פראָלעטאַריאַט אָן דער האַסקאָמע פון „בונד". וועגן דער פאָרשטייערשאַפט איז די זאַך אַזוי: די פראַגע באַשטייט ניט אין דעם, וואָס דער „בונד" מוז האָבן זיין פאָרשטייער אין צ. ק., נאָר אין דעם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דערדאָזיקער פאָרשטייער. ער איז דער פאָרשטייער פון יידישן פראָלעטאַריאַט אין ספּעציעל־יידישע פראַגן — ער שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס אַ מין קאָנסול מיט אַ מאַנדאַט צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון זיין מעלוכע און ניט ווי יעדער פון אונדז אַ פאָרשטייער פון דער פאַרטיי ביכלאַל. דאָ זעען מיר אַ טענדענץ פון „בונד" צו שטערן די אייניקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. מיר וועלן שוין ניט ריידן וועגן די פרוון צו בינדן די פרייהייט פון צוזאַמענפאָר. איך צווייפל ניט אין די סעפאַראַטיסטישע טענדענצן פון „בונד" און באַטראַכט זיי פאַר שעדלעכע. איך שלאָג פאָר דעם צוזאַמענפאָר זיך אַרויסזאָגן קעגן זיי. איך כאַזער אָבער איבער, אַז מיר קעמפן ניט קעגן „בונד" ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז שטאַרק און האָט היסטאָרישע פאַרדינסטן. פאַרקערט, אונדזער ווונטש איז אים איינצוהיטן. אַז אויך אַט דאָס מוז דערקלערט ווערן אין דער רעזאָליוציע, האָט מיר באַוויזן די רעדע פון קאַטערינאָסלאַווער כאַווער. וועלכער האָט אויסגעמעקט דעם „בונד" פון דער קאַרטע פון דער ר.ס.ד.א.פ. דאָס

איז אַ גאַנץ פֿאַנטאַסטישער פֿאָרשלאָג. בענעגייע צום „בונד" מוז, לויט מיין מיינונג, אָנגענומען ווערן מאַרטאָווס רעזאָלוציע מיט אַ צוגאָב, אַז דער „בונד" גייט אַריין אין דער פּאַרטיי...

מאַרטאָוו: ער איז שוין אין דער פּאַרטיי.

מאַרטינאָוו: יאָ, אָבער ער מוז זיך אונטערוואַרפֿן דער אַלגעמיינער פּאַרטייִשער אָרגאַניזאַציע. איצט טרעט ער אַריין אין דער פּאַרטיי אויף אַזאַ אופֿן, ווי ער איז געווען אָרגאַניזירט ביז דעם פֿערטן צוזאַמענפֿאָר, ד. ה., ביז דער צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבן דורכצופֿירן אין לעבן די פֿעדעראַליסטישע פּרינציפּן.

מאַרטאָוו: איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף מאַרטינאָווס לעצטע ווערטער. איך געפֿין ניט פֿאַר מעגלעך, אַז מע זאָל שטעלן צו אָפּשטימונג זיין פֿאָרשלאָג וועגן דעם אַריינטריט פֿון „בונד" אין דער פּאַרטיי, ווייל ער איז שוין אין דער פּאַרטיי. ס'איז אויך ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן די ווּנטשן אייניצוהיטן דעם „בונד", דערפֿאַר, ווייל קיינער האָט אים ניט געוואָלט פֿאַרניכטן, און די פֿראַגע וועגן אייניקהיטן דעם „בונד" וואָלט ניט געקאָנט באַרויקן די בונדיסטן, דערפֿאַר ווייל עס איז קלאָר, אַז מיר פֿירן די דיסקוסיע ניט איבער דער פֿראַגע וועגן פֿאַרניכטן דעם „בונד". ריידן וועגן דער אומנאָרמאַלער לאַגע פֿון „בונד" צוליב אויסשליסלעכע באַדינגונגען הייסט נאָך ניט ריידן וועגן פֿאַרניכטן אים. אונדזערע באַציונגען צום „בונד" האָבן זיך אויסגעדריקט אין דער פֿראַזע וועגן די שוועריקייטן, וועלכע עס שטעלט פֿאַר אַזאַ לאַגע אויף דעם וועג פֿון וועלן וואָס פֿעסטער זיך דערנעענטערן מיטן יידישן פּראָלעטאַריאַט. מיר האָפֿן אָבער, אַז אין דער ווייטערדיקער אַרבעט וועט זיך איינגעבן אויסצואַרבעטן נייע באַציונגען. אָבער פֿונדעסטוועגן איז דאָס נאָך ווייט צו דער האַשאָרע וועגן מעכאַניש איבערמאַכן דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אין משך פֿון יאָרן געשאַפֿן. מיר לייקענען ניט אָפּ די פֿאַרדינסטן פֿון „בונד" בכלל און באַזונדערס אין דער זאַך פֿון פֿאַראייניקונג. אָבער טאַקע דערמאָנענדיק זיך אָן יענע צייטן, די צייטן פֿון ערשטן צוזאַמענפֿאָר (פֿון דער ר.ס.ד.א.פּ.) וואָלט זיך מיר געוואָלט אָפּשטעלן אויף די איצטיקע באַציונגען. גאָר ניט לאַנג צוריק איז פֿאָרגעקומען דער פֿינפֿטער צוזאַמענפֿאָר (פֿון „בונד"). פֿרעגט זיך, צי איז עס נאָרמאַל, אַז אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, וועלכער האָט זיך צוזאַמענגעקליבן ערעוו אונדזער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, זאָל ניט אויסגעהערט ווערן די מיינונג פֿון די רוסישע כאַווערים! אַ פֿאָרשטייער פֿון „בונד" איז דאָך אַריין אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. צי האָט כאָטש געוווּסט דער אָ. ק., אַז עס גרייט זיך דער צוזאַמענפֿאָר, אויף וועלכן עס וואָלט געווען געווּנטשן צו אויסהערן די מיינונג פֿון די רוסישע כאַווערים. איך וויל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דעם פֿאַקט, אַז דער פֿאָרשטייער פֿון „בונד" האָט אַפֿילו ניט דערמאָנט וועגן דער עקזיסטענץ פֿון אָ. ק., איך וויל נאָר אָנווייזן, פֿאַרוואָס עס ווערט געשאַפֿן אַזאַ אומאָנגענעמע לאַגע, ווי די איצטיקע, מיט דעם אַריינטראָגן דעם אָפּמאַך. אָפּוואַרפֿנדיק דעמדאָזיקן אָפּמאַך, שטעלן מיר אַוועק די כאַווערים בונדיסטן אין אַן אומאָנגענעמער לאַגע. דאָס וואָלט ניט פּאַסירט, ווען זיי וואָלטן זיך פֿריער באַקאַנט מיט דער מיינונג פֿון די רוסישע כאַווערים וועגן דערדאָזיקער פֿראַגע.

איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן אויף קיינע אַנדערע פֿאַקטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן די איצטיקע פּאָליטיק פֿון „בונד", וואָס זי אונטערשיידט זיך אַזוי שטאַרק פֿון דער

פּאָליטיק פון 1898. איך בין איבערצייגט, אז די איצטיקע דעבאַטן וועלן באַזייטיקן די שטערונגען פאַר דער דערנעענטערונג צווישן „בונד" און ר.ס.ד.א.פּ. די כאַווײרים האָבן דאָך געמוזט זען אונדזער באַציונג צו סעפּאַראַטיזם. איך האָף, אז ווייטער וועלן זיי מיט אונדז אָנהייבן ריידן ניט ווי א צאַד מיט א צאַד, נאָר ווי כאַווײרים. אָט פאַרוואָס איך רעכן, אז דאָס אָנעמען אונדזער רעזאָליוציע וועט ניט נאָר ניט אַרויסרופן קיין פאַרשאַרפטע באַציונגען, נאָר דאָס וועט שאַפן א באָדן פאַר קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג און וועט אָפּשאַפן דעם באַוואָפנטן שאָלעם. איך גיי איבער צו איינצלהייטן. דער כ' ליבער ציטירט ראָזע ליוקסעמבורג וועגן דער באַציונג פון דעם דייטשישן פאַרשטאַנד (דער צ"ק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי) צו די פּוילישע כאַווײרים. אָבער צוליב וואָס האָרף מען זיך פאַרופן אף דער מיינונג פון ראָזע ליוקסעמבורג וועגן די פּויליש-דייטשישע באַציונגען, ווען מיר קאָנען זיך פאַרופן אף איר מיינונג (וועלכע איז דיזעלבע ווי אונדזערע) אף די רוסיש-יידישע באַציונגען? די אומנאָרמאַלקייטן אין דער אַנטוויקלונג פון די פּויליש-דייטשישע באַציונגען זיינען אינגאַנצן אַנדערע ווי די אומנאָרמאַלקייטן פון דער לאַגע אין דער ר.ס.ד.א.פּ. דידאָזיקע אַנאַלאָגיע גיט גאָרניט. דאָ האָבן די כאַווײרים אָנגעוויזן אף דער אומנאָרמאַלקייט אין דעם זין פון צענטראַליזאַציע, די גלייכצייטיקע עקזיסטענץ פון בונדישע און רוסישע קאָמיטעטן. אָלס ענטפער אף דעם שטעלן די כאַווײרים פון „בונד" א פראַגע, פאַרוואָס מיר ריידן ניט וועגן לאָדז, ריגע און אַנדערע. אָבער דאָרטן אַרבעטן די בונדיסטן מיט די פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן און ס'איז א כאַפּעק, צי די פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן וועלן זאָגן, אז אזא אָפּגעזונדערטקייט איז נוצלעך. עס איז פונקט פאַרקערט. וואָס איז שייעך ריגע, ברענגט די אזוי גערופענע פאַרייניקונג פון דריי אָרגאַניזאַציעס די באַוועגונג צו א שטילשטאַנד, צום באַוועגן זיך אף איין פונקט. פאַרייניקנדיק זיך צוליב איינציקע פּראָטעסט-אַקציעס, בלייבן זיי אָבער אין זייער טאָג-טעגלעכער אַרבעט איזאָלירט. אין דער צייט ווען די שוואַכע לעטישע און רוסישע אָרגאַניזאַציעס אַרבעטן אין א גרויסער מאַסע פון פּראָלעטאַריאַט, שטייט אינגאַנצן אָן א זייט די גוט-אָוועקגעשטעלטע יידישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אסאַך אָרגאַניזאַטאָרישע קרעפטן. זי שטייט אויסער דער רוסישער און לעטישער באַוועגונג און באַגרענעצט איר טעטיקייט אויסשליסלעך צווישן א הייפל יידישע באַלמעלאָכעס און פאַרייניקט זיך נאָר ווען-ניט-ווען מיט דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, קעדיי צוזאַמען אַרויסלאָזן פּראָקלאַמאַציעס. די רעזולטאַטן זיינען דיזעלביקע, ווי עס וואָלטן עקזיסטירט דריי אינגאַנצן אָפּגעזונדערטע אָרגאַניזאַציעס.

קאָסטיטש: איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס דער כאַווער אַבראַמסאָן האָט זיך געוווּנדערט איבער מיינע באַמערקונגען וועגן דער ספּעציפיש-בונדישער אַגיטאַציע. ער האָט דאָך נעכטן אַליין געזאָגט: „מיר לייקענען ניט אָפּ די מעגלעכקייט פון אַנדערע גרופן צו אַרבעטן צווישן יידן". ער האָט אַפילע אָנגעוויזן. אז ס'זיינען געווען פאַלן, ווען די בונדישע גרופן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אין זייער טעטיקייט מיטן קאָמיטעט. ווי שטעלט ער זיך אָבער פאַר די אַגיטאַציע פון „בונד" אין אזא פאַל? צו וואָס פאַר אן אָרגאַניזאַציע וואָלט אַבראַמסאָן אַליין פאַרגעלייגט די אַרבעטער זיך אָנשליסן? איך דענק, אז צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. נו, און וועלכע מאָטיוו

וואָלט ער געבראַכט צום שטיצן אַזאַ פֿאָרשלאָג? איך רעכן, אַז ער וואָלט געבראַכט דיזעלביקע מאָטיוון, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן אין דער בראָשור: „וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע". דאָס הייסט, ער וואָלט געפֿירט אַן אַגיטאַציע, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט די טענדענצן פֿון פֿעדעראַציע. אָט דידאָזיקע מאָטיוון באַטראַכט איך אַלס בעפֿיירעש שעדלעכע פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון קלאַסן־באַוווסטזיין, דער כ' אַבראַמסאָן דאַרף אָבער האָבן פֿאַקטן. איז אָט זיינען זיי. איך וועל ברענגען צוויי כאַראַקטעריסטישע אינצידענטן. איין אינצידענט, דענק איך, איז באַוווסט דעם כאַווער אַבראַמסאָן, ווייל ער האָט געפֿונען דעם פֿולן אויסדרוק אַף די זייטן פֿון די „לעצטע פּאַסירונגען" — דאָס איז די געשיכטע מיט די פֿריקאַזשטשיקעס, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ גרויסן טומל. דער צווייטער אינצידענט איז דער דיספּוט אַף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון ווייניק אַנטוויקלטע אַרבעטער צווישן דעם מיטגליד פֿון דער קאָמיטעטישער אָרגאַניזאַציע און אַ בונדיסט. בעיִם דידאָזיקע שטרייטן זיינען מיצאַד די מיטגלידער פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַזעלכע אַרגומענטן, וועלכע איך קאָן אַנדערש ניט אָנרופֿן, ווי ספּעציפֿיש בונדישע און שעדלעכע. דער כאַווער אַבראַמסאָן זעט, פֿאַרשטייט זיך, ניט די שעדלעכקייט. פֿאַרקערט, ער זעט אַפֿילע נוצן אין דעם ניט נאָר פֿאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר אויך פֿאַר דער אַלרוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. די קאָמיטעטן וועלן (לויט זיין מיינונג) דאַן קאָנען אָפּגעבן די גאַנצע קויכעס אין זייער אַרבעט צווישן די קריסטן. אָבער דער אַרגומענט איז אויך ניט קיין נייער. מירן, הייסט דאָס, צעטיילן די אַרבעט צווישן זיך, זאָגן די בונדיסטן. איר (די קאָמיטעטן) — צווישן די קריסטן, און מיר (בונדיסטן) — צווישן די יידן א. ד. גל. נאָר איך וועל אייך ענטפֿערן: אויב איר זייט ערנסט פֿאַרינטערעסירט אין דעם וווקס פֿון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג צווישן די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פֿון פֿאָלק, מוזט איר אַלע אייערע קויכעס אָפּגעבן אין רעשוס פֿון אַן אייניהייטלעכער פּאַרטיי, וועלכע וועט זיי טאַקע אויסנוצן פֿאַר דעמדאָזיקן ציל.

כאַווער ליבער! ניט אונדז דאַרף מען אויפֿוואַרפֿן, אַז מיר געדענקען ניט אונדזער אָפּשטאַמונג. די קרויוועשאַפֿט מיטן „בונד", ווי ער איז געווען ביזן פֿערטן צוזאַמענפֿאָר, וועלן מיר ניט פֿאַרגעסן. איך קאָן אייך אָבער ניט פֿאַרזיכערן, צי מיר וועלן געדענקען די קרויוועשאַפֿט מיטן „בונד" נאָך זיין פֿערטן צוזאַמענפֿאָר. איר דאַרפֿט אָבער ניט פֿאַרגעסן די קרויוועשאַפֿט מיט די פּרינציפּן פֿון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אַקימאָוו: איך וויל זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן לעצטן פֿאָרוואורף. די גלענצנדיקע אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד" האָט אַלעמאָל געשטיצט, פּאַרטייִדיקט און דורכגעפֿירט טאַקע די פּרינציפּן פֿון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס איז לעכערלעך זי צו לערנען דידאָזיקע פּרינציפּן. אייניקע כאַווייריִם האָבן געוואָלט פֿאַנאַנדערקלייבן די סיבעס, וועלכע האָבן אַרויסגערוקט די פֿראַגע וועגן דער לאַגע פֿון „בונד" אין דער פּאַרטיי, אָבער, מיר דוכט, אַז זיי האָבן ניט ריכטיק געשטעלט דעם טראָפּ.

איך רעכן, אַז אַזעלכע סיבעס זיינען פֿאַראַן צוויי: די נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבן פֿון „בונד" און זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויפֿגאַבן. די יידן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן איי־

גנאַרטיקע נאַציע, וועלכע אונטערשיידט זיך זייער שטאַרק פון אַלע אַנדערע נאַציעס. זי האָט זיך איינגעהיט אין מעשעך פון טויזנטער יאָרן, ניט געקוקט אַף אַלע פאַרפאָלגונגען, און האָט געגעבן דער וועלט אַ גאַנצע ריי געניעס אַף אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און קונסט. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט שטעלט פאָר די אינטערעסן פון דער יידישער נאַציע. קיינער האָט קיינמאָל ניט אָפּגעלייקנט די ראָליע פון פּראָלעטאַריאַט אין לעבן פון דער נאַציע אין אַלגעמיין. קיין אַנדער קלאַס, בויז דעם פּראָלעטאַריאַט, קאָן ניט אַזוי קלאָר אויסדריקן ניט נאָר זיינע אינטערעסן, נאָר אויך די אינטערעסן פון דער נאַציע. דער כאַווער פון קאַווקאַז האָט דערקלערט, אַז בא יידן זיינען ניטאָ קיין שטאַנדן — קיין אדל און קיין פּויערטום. דעריבער זיינען יידן ניט קיין נאַציע. איך רעכן, אַז דאָס איז ניט ריכטיק. בא יידן זיינען פאַראַן קלאַסן — אַ פּראָלעטאַריאַט און אַ בורזשואַזיע. צווישן דער יידישער בורזשואַזיע איז אַנטשטאַנען אַ נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג — דער ציאָניזם. ער שטעלט זיך אַרויס פאַר דעם פּאַרטייִדיקער פון די אינטערעסן פון גאַנצן יידנטום און קאָן מיט זיך מיטציִען דעם ווייניקער באַוווּסטזיניקן טייל אַרבעטער. דעריבער מוז די פּאַרטיי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט קעמפן קעגן דער אייגענער בורזשואַזיע און באַווייזן, אַז אַפילע אין קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די יידן איז דער פּראָלעטאַריאַט דער פאַרגעשריטנסטער קלאַס.

נאָך טויזנטיאָריקער פאַרקנעכטונג קומט פאָר בא די יידן אַ ווידערגעבורט פאַר אַ נאַציאָנאַלן לעבן, פונקט ווי בא די טשעכן, און דאָס פאַרקאָמפּליצירט די אויפגאַבן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט און דאָס רופט אַרויס די נייטיקייט בא אים אין אַ נאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, פונקט אַזאַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, ווי בא אַנדערע נאַציעס. דער „בונד" שטרעבט צו דעם און אין דערדאָזיקער שטרעבונג זיינען נאָר פאַראַן נאַציאָנאַלע, אָבער ניט קיין נאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון. פון דער אַנדערער זייט האָט דער „בונד" אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך היסטאָריש אַנטוויקלט און ער מוז זיך זאָרגן וועגן דעם, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל אומגעשטערט קאָנען פאָרזעצן איר אַנטוויקלונג. אונדזערע כאַווײרים פון „בונד" באַקומען פון די רעדעס אַף דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר אַן איינדרוק, און לויט מיין מיינונג נאָך אַ גאַנץ ריכטיקן אויך, נעמלעך, אַז מע האָט דאָ בעדייע צו ענדערן דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע מיט איין שטאַרקן מאַך מיט דער האַנט. דער כאַווער מאַרטאָוו האָט קלאָר און אָפן דערקלערט, אַז די איצטיקע לאַגע פון „בונד" איז אַזאַ, וועלכע האָט קיין זינען ניט און איז געשאַפן געוואָרן דורך אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, צום ביישפּיל, דורך דעם קאַמף פון „בונד" מיט דער פּ.פּ.ס. דערדאָזיקער קאַמף האָט אָבער בעעמעס פאַר אונדז געדאַרפט זיין באַלערנד. די פּ.פּ.ס. האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט די באַדערפענישן פון די יידישע כאַווײרים און דאָס האָט געבראַכט צו אַן ענדלאָזן קאַמף, פון וועלכן דער „בונד" איז, אָן ספק, אַרויס דער זיגער. ענלעכע טענדענצן זיינען פאַראַן דאָ אָפן צוזאַמענפאָר. עס פילט זיך, אַז די כאַווײרים שטעלן זיך פאָר, אַז דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע וועט זיך מיט דער צייט אַסימילירן מיט אַלע אַנדערע, וועט ווערן גלייך די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס פון דער ר.ס.ד.א.פּ.

מאַרטאָוו: וואָס פאַר אַ פאַרברעכן דאָס איז מיצאַד די כאַווײרים!

אַקימאָוו: איך באַטראַכט עס ניט פון עטישן שטאַנדפּונקט, פון וועלכן דאָס קאָן

נאָר זיין פאַרברעכעריש... אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג פון די כאַווייירים, רעכן איך, אַז אויפן צוזאַמענפאָר וועט ניט ליקווידירט ווערן דער צוזאַמענשטויס מיטן „בונד", פאַרקערט, דער צוזאַמענפאָר עפנט נאָר אַן ערא פון דידאָזיקע צוזאַמענשטויסן. אַרויסגייענדיק פון דעם אַלעם, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן, מוזן מיר זיך צו דערדאָזיקער פראַגע באַציִען מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט.

האָפמאַן: קוידעמקאָל וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן איינער אַ באַשולדיקונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן לויט אונדזער אַדרעס און וועלכע עס האָט באַזונדערס שאַרף אַרויסגערוקט דער כ' מאַרטאָוו. מע באַשולדיקט אונדז, אַז מיר טרעטן אַרויס ווי אַ צאַד. דידאָזיקע באַשולדיקונג איז ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַראָפּוואַרפן די אייגענע שולד אַף יענעמס קאָפּ. די באַדייטנדיקע מערהייט פון צוזאַמענפאָר איז באַשטאַנען אַף שטעלן די פראַגע וועגן דער לאַגע פון „בונד" אין דער פּאַרטיי אויפן ערשטן אָרט פון טאָג־אָרדענונג. און דערמיט האָט זי באַוויזן, אַז זי באַטראַכט ניט דעם „בונד" ווי אַ טייל פון דער פּאַרטיי, וואָס די באַציִונגען מיט אים דאַרפן רעגולירט ווערן אין דעם אַלגעמיינעם אָרגאַניזאַציאָנעלן סטאַטוט. אין די סאַמע ערשטע מינוטן פון צוזאַמענפאָר האָט זיך געשאַפן אַ קאָמפּאַקטע מערהייט, וועלכע איז בענוגייע אונדז אַרויסגעטראָטן ווי אַ צאַד.

איצט וועל איך אַריבערגיין צו מאַרטאָווס פּאָרטראַג, אָדער בעסער געזאָגט צו זיינע קריטישע באַמערקונגען וועגן כ' ליבערס פּאָרטראַג, ווייל קיין שום פּאָרטראַג האָט כאַווער מאַרטאָוו ניט געהאַלטן. כאַווער מאַרטאָווס קריטיק באַציט זיך הויפּטזאַכלעך צו צוויי פּונקטן: צו דעם פּונקט וועגן דעם, אַז דער „בונד" איז ניט באַגרענעצט מיט קיינע ראַמען און גייט אַריין אין דער פּאַרטיי, ווי דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, און צו דעם פּונקט וועגן פאָרשטייערשאַפט. דער כאַווער מאַרטאָוו האָט ליב צו אונטערשטרייכן דעם אַלרוסישן שטאַנדפּונקט זיינעם און אַרויסגייענדיק פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, באַשטייט ער אַף באַגרענעצן דעם „בונד" מיט אַ ראַיאָן. דער „בונד" מוז אַרבעטן אין ליטע און פּוילן. אָבער אין דאָרעם־רוסלאַנד האָט ער ניט וואָס צו טאָן. דאָרט מוזן עקזיסטירן נאָר די רוסישע קאָמיטעטן. ער ווייס, אַז אין ליטע און פּוילן קומט דעם „בונד" אויס זיך צוזאַמענשטויסן מיט דער ליטווישער און פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער דאָס גייט אים ניט אָן, ער גיט איבער דעמדאָזיקן ראַיאָן אין רעשוס פון „בונד". אים אינטערעסירט נאָר דאָרעם־רוסלאַנד, וועלכע ער וויל באַשיצן פונעם בונדס פּרעטענזיעס.

דער כ' מאַרטאָוו האָט אַוועקגעוואָרפן זיין אַלרוסישן שטאַנדפּונקט און האָט זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון דאָרעם־ראַיאָן. דער כ' מאַרטאָוו איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פּונקט, אַז דער „בונד" גייט אַריין אין דער פּאַרטיי אַלס דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, און דורך דעם איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ ווידערשפּרוך צו דעם מאַניפעסט פון דער פּאַרטיי, וואָס וועגן זיין סאָלידאַרישקייט מיט אים האָט ער אונדז ניט איין מאָל דערקלערט. אין מאַניפעסט ווערט געזאָגט: „דער „בונד" גייט אַריין אין דער פּאַרטיי ווי אַ אויטאָנאָמער טייל און איז זעלבשטענדיק אין די פראַגן, וועלכע זיינען ספּעציעל שייך דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט". וואָס באַטייט עס? דאָס באַטייט, אַז פון גאַנצן סכום

פראגן, מיט וועלכע עס קומט אויס זיך צו באשעפטיקן דער סאציאל־דעמאקראטיע, ווערט אויסגעטיילט א טייל פראגן, וועלכע מיר רופן אן באדינגלעך ספעציעלע פראגן און זיי ווערן איבערגעגעבן אין רעשוס פון דער ארגאניזאציע פון יידישן פראלעטאריאט, און אין דעם באשטייט שוין די אנערקענונג, אז דידאזיקע ארגאניזאציע איז די איינציקע פארשטייערן פון יידישן פראלעטאריאט אין דער פארטיי. אף אזא אויפן איז דער פונקט וועגן דעם איינציקן פארשטייער נאר א לאגישער אויספיר פון דער פונקט פון מאניפעסט וועגן „בונד“. מע פרעגט, פארוואס איז דער „בונד“ דער איינציקער פארשטייער פון יידישן פראלעטאריאט. דערפאר, ווייל ער איז די איינציקע ארגאניזאציע, וועלכע האט ארגאניזירט אונטער איר פאן גרויסע מאסן פון יידישן פראלעטאריאט און פירט ספעציעל און סיסטעמאטיש אן ארבעט צווישן דעם יידישן פראלעטאריאט. מע ווייזט אן, אז יידישע ארבעטער זיינען אריין אין געוויסע רוסישע קאמיטעטן. אבער דאס גיט די קאמיטעטן אזוי פיל רעכט אף פארשטייערשאפט פונעם יידישן פראלעטאריאט, ווי עס גיט די בונדישע ארגאניזאציעס, וועלכע ארבעטן צווישן די פוילישע, דייטשישע און רוסישע ארבעטער, דאס רעכט אף פארשטייערשאפט פון פוילישן, דייטשישן און רוסישן פראלעטאריאט. ניט דידאזיקע ארבעט איז פאר זיי כאראקטעריסטיש. דאס וואס עס באשטימט דעם כאראקטער און אינהאלט פון דער טעטיקייט פון די בונדישע ארגאניזאציעס, דאס איז די סיסטעמאטישע ארבעט צווישן דעם יידישן פראלעטאריאט.

וואס איז שייעך דער פארשטייערשאפט פון „בונד“ אין די צענטראלע ארגאנען פון דער פארטיי, דארף דאס נאר דערוועקן אין אים (אין „בונד“) א גרעסערן אינטערעס צו די אלגעמיינע איניאנים און דאס רעדט דאפקע קעגן דער אפגעזונדערטקייט, וועגן וועלכער מע האט דא פיל גערעדט.

איך וועל זיך דא מער ניט אפשטעלן אף דעם סטאטוט, וואס מיר האבן פארגעלייגט, ווייל איצט גייט ניט קיין רייד וועגן סטאטוט, נאר וועגן דעם, צי דער „בונד“ דארף עקזיסטירן, צי ניט. אפן צוזאמענפאר האט זיך אנטפלעקט א בוילעטע טענדענץ צו פארניכטן דעם „בונד“. דידאזיקע טענדענץ האט זיך געפילט אין אלע רעדעס פון די רעדנער. מע האט באדויערט פארוואס דער „בונד“ האט זיך אזוי גיך אנטוויקלט; מע האט געבראכט קעגן „בונד“ נישטיקע פאקטן פון אן אנעקדאטישן כאראקטער. ניט דאס איז כאראקטעריסטיש, וואס אזעלכע רעדעס זיינען געהאלטן געווארן, כאראקטעריסטיש איז דאס, וואס דידאזיקע רעדעס זיינען באגעגנט געווארן מיט איינהייטלעכע אפלאדיסמענטן פון דער מערהייט צוזאמענפאר. און אויב עס איז נאך געווען א סאפעק, אז קעגן אונדז איז ארויסגעטראטן א צאד, האט דערדאזיקער סאפעק געמוזט ענדגילטיק פארשווינדן נאך דידאזיקע אפלאדיסמענטן. אט צוליב דעם קומט אויס צו באדויערן, וואס דער פארטרעטער מארטאוו האט אונדז ניט געזאגט, וואס אייגנטלעך וויל דידאזיקע מערהייט.

מער אדער ווייניקער באשטימטע פראיעקטן, וואס זיינען נעגייע דעם „בונד“, געפינען מיר אין די רעדעס פון די כאווירים טראצקי און דעם קאטערינאסלאווער דעלעגאט. דער כאווער טראצקי האט אונדז אויסגעמאלט אזא סכעמע: „דער „בונד“ פארנעמט זיך מיט ארגאניזירן די ארבעטער, וואס יידן אף יידיש. די ניט בונדישע קאמיטעטן טיילן אויס גרופן אף צו ארבעטן צווישן די יידישע ארבעטער.

דידאָזיקע גרופּן שטעלן מיט זיך פאַר איין גאַנצעס, זיי האָבן זייערע צוזאַמענפאָרן און שיקן זייערע דעלעגאַטן אַף די צוזאַמענפאָרן פון „בונד". וועגן דער פּראַקטישער זייט פון דעם פּלאַן איז, דאַכט זיך, ניט קעדיי צו ריידן. איך פאַרשטיי נאָר ניט, ווי איז עס מעגלעך, אַז דער כאַווער טראָצקי, וועלכער איז פאַר אַלגעמיינע קאָמיטעטן מיט גרופּן צו פירן אַן אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער, זאָל מאַכן אַן אויסנאַם פאַר די בונדישע קאָמיטעטן און לאָזט זיי איבער ניט גערירט. דאָס וואָלט געהאַט אַ זין נאָר דאַן, ווען די בונדישע קאָמיטעטן וואָלטן געפירט זייער טעטיקייט אין ערטער מיט אַן אויסשליסלעך ייִדישער באַפעלקערונג. אָבער אַזוינס איז דאָך ניטאָ. דער כאַווער טראָצקי ווייס, אַז דאָרטן, וווּ עס אַרבעטן די בונדישע קאָמיטעטן, וווינען ניט בלויז ייִדן, נאָר אויך פּאָליאַקן, ליטווינער, דייטשן און רוסן. דערפון דרינגט לאָגיש אַרויס, אַז די בונדישע קאָמיטעטן מוזן פאַרביטן ווערן מיט אַלגעמיינע קאָמיטעטן, וואָס פירן אַן אַרבעט צווישן די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון דעם געגעבענעם אָרט, דאָס הייסט, אַז דער „בונד" מוז פאַרניכטעט ווערן. דער כאַווער טראָצקי האָט דערפילט, אַז דאָ איז עפּעס ניט אַלץ אין אָרדענונג און האָט זיך געפּרווט אַרויסצודרייען פון דעם פּלאָנטער אַף אַזאַ אויפן: ס'טייטש, — האָט ער אויסגעשריען, — מע זאָגט אונדז, אַז מיר ווילן פאַרניכטן דעם „בונד". און דער קלאַסן־באַוווּסטזיין פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט? מיר ווילן דען אים פאַרניכטן? דערנאָך האָט ער גענומען נאָך צוויי אידעאַלע עלעמענטן, האָט אָנגעוויזן, אַז אַף זיי וויל קיינער קיין פאַרשווערונג ניט מאַכן, און איז געקומען צום אויספיר, אַז וועגן פאַרניכטן דעם „בונד" טראַכט גאָר קיינער ניט.

ניין, כאַווער טראָצקי, דאָס איז אַ סאָפיזם. דער „בונד" ווערט מאַטעריעל אויסגעדריקט דורך קאָמיטעטן, אָרגאַניזאַציעס, צוזאַמענפאָרן, און פאַרניכטנדיק די קאָמיטעטן און דאָס גלייכן, פאַרניכטעט מען דערמיט גופא אויך דעם „בונד". דער קאַטערינאָסלאַווער דעלעגאַט לייגט פאָר שאַפן אַ צאָפן־מייִרעוו־פאַרבאַנד, וואָס זאָל באַשטיין פון אַלגעמיינע קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן אַרבעטן צווישן די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. אין דעמדאָזיקן פאַרבאַנד דאַרף, לויט זיין מיינונג, אויך אַריין דער „בונד". ווי קאָן מען אַריינשטופּן דעם „בונד" אין אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט בעדייע אים צו פאַרניכטן? דאָס איז אַ סאָד. וואַרשיינלעך, אַז בא דעם קאַטערינאָסלאַווער דעלעגאַט האָט ניט געקלעקט קיין דרייסטקייט זיך אַרויסזאָגן אָפן פאַר דער אָפּשאַפונג פון „בונד".

מאַרטאָוו: אַ וואָרט פאַר אַ פּערזענלעכער דערקלערונג. דער כאַווער האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך האָב ניט געמאָלדן וועגן די ווונטשן פון דער „קאָמפּאַקטער מערהייט". איך דערקלער, אַז איך האָב אַרויסגעזאָגט מיין פּערזענלעכע מיינונג און ריידן וועגן די ווונטשן פון דער „קאָמפּאַקטער מערהייט" האָב איך ניט קיין באַפולמעכטיקונג.

לוואָוו: האָפמאַן האָט באַרירט אַן אינטערעסאַנטע פראַגע. וועלכע לאָגישע אויספירן דאַרף מען מאַכן פון די רעדעס פון די כאַווייריִם? יאָ, די אויספירן זיינען אַזעלכע, אַז קאָמיטעטן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן דאַרפן זיין אומעטום, נאָר צוליב דעם, וואָס איצט אָקאָרשט אָרגאַניזירן מיר זיך, זאַמלען מיר צונויף

אונדזערע קויכעס, קומט אויס צו רעכענען זיך מיט די שוין עקזיסטירנדיקע גרייסן. איך האב ניט גערעדט וועגן פאראכטונג צום „בונד", צו וועלכן איך באצי זיך מיט דער גרעסטער אכטונג. איצט בענעגייע מיינע באמערקונגען וועגן דער פ.פ.ס. איך ווייס, אז די פ.פ.ס. האט אף דער טעריטאריע פון דעם רוסישן פוילן געשטרעבט צו שאפן אן אלפוילישע ארגאניזאציע, וואס זאל זיין אנאלאגיש צו דער אלרוסישער. מיט דערהדאזיקער אנאלאגיע האב איך געוואלט זאגן, אז דער „בונד" האט, אפרייסנדיק זיך פון דער אלפוילישער ארגאניזאציע, אילוסטרירט די שעדלעכקייט פון די סעפאראטיסטישע טענדענצן, וועלכע האבן ארויסגערופן אן אנטאגאניזם צווישן דעם פוילישן און בונדישן פראלעטאריאט. אויב מיר וועלן דערלאזן די באזונדערע עקזיסטענץ פון „בונד", וועלן מיר האבן דיזעלביקע געשיכטע ווי אין פוילן.

קארסקי: עמעצער פון די בונדיסטן האט געזאגט, אז די מערהייט פון צוזאמענפאר איז ארויסגעטראטן ווי א צאד. ווען אפילע די מערהייט האט זיך יא ארויסגעזאגט דערפאר, אז די פראגע פון „בונד" זאל געשטעלט ווערן אפן ערשטן ארט פון טאג־ארדענונג, הייסט עס אבער ניט, אז דער צוזאמענפאר האט זיך צעטיילט אף צוויי אפמאך־צדאדים. דאס מיינט נאר, אז די מערהייט האט עס געפונען פאר באקוועמער.

דער צווייטער ארגומענט פון „בונד" פאר דעם, אז דער „בונד" איז דער איינציקער פארשטייער פון יידישן פראלעטאריאט, איז דער מאטיוו וועגן דער ארבעט פון „בונד" אויסשליסלעך צווישן יידישן פראלעטאריאט. אבער דידאזיקע ארבעט גיט נאך ניט דאס רעכט אף דעם, אז דעם „בונד" זאל באלאנגען די גאנצע יידישע באפעלקערונג. אין איין פונקט האט אקימאוו זיך פאראייניקט מיטן „בונד" — דאס איז בענעגייע דעם אונטערשייד פון נאציאנאלעם און נאציאנאליסטישעם. מיר ווייסן וועגן דער עקזיסטענץ פון דעמדאזיקן אונטערשייד, אבער אנוואקסנדיק גייט אריבער דאס נאציאנאלע אין נאציאנאליסטישע. די סעפאראטיסטישע טענדענצן פון „בונד" אנטפלעקן זיין נאציאנאליסטישן אונטערשלאק. מע האט דא אויך געזאגט, אז די יידישע מאסן האבן ארויסגערוקט אסאך טאלאנטפולע עלעמענטן. עס איז מערקווירדיק, אז אזעלכע רייד זאל מען הערן אף א סאציאליסטישן צוזאמענפאר. מיר אלע ווייסן, אז מארקס איז געווען א ייד, אבער דאס מיינט ניט, אז מארקס וואלט געווען אין די בונדישע רייען. די בונדיסטן זאגן, אז זייערע קעגנער ווילן אסימילירן דעם יידישן פראלעטאריאט, פארניכטן דעם „בונד". אבער פון שאפן אן אייןהייטלעכע פארטיי דרינגט פונדעסטוועגן ניט ארויס די אסימילאציע, פאר וועלכער די בונדיסטן האבן מוירע, — דאס הייסט, א רוסיפיקאטארישע אסימילאציע.

ברוקער: איך דענק, אז די דערוואונדערונגען פון כאווער קארסקי האבן קיין שייכעס ניט צו מיר. ער כאזערט איבער מיינע ווערטער, אז דער יידישער פראלעטאריאט האט בעסער באנומען זיינע רעכט, איידער דער רוסישער. פון דעם האב איך געמאכט בלויז דעם אויספיר, אז דער באוווסטזיין פון א מער אנטוויקלטן פראלעטאריאט מוז קומען צוהילף, קעדיי צו העכערן דעם אפגעשטאנענעם באוווסטזיין. רייידנדיק וועגן דעם אפגעשטאנענעם באוווסטזיין, האב איך ניט געוואלט דערני־

דעריקן דעם אָנפירער. איך האָב נאָר איינזינגען געהאַט דעם באַוווסטזיין פון די מאַסן. אַנערקענענדיק, אַז עס זיינען פאַראַן דידאָזיקע וויניק־באַוווסטזיניקע עלע־מענטן, איז טאַקע געוווּנטשן צו אַרבעטן צוזאַמען מיטן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. אין קעגנזאַץ צום כאַווער קאַרסקי, רעכן איך, אַז סטיכיש וואַקסט ניט נאָר דער פּראָ־טעסט פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך זיין באַוווסטזיין. איך כאַזער איבער: פון דעם אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, דרינגט אַרויס, אַז דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט, אַ״ס מער באַוווסטזיניקער, מוז קומען צוהילף דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט.

לעניין: איך וועל קורדעמקאָל באַרירן האָפמאַנס רעדע און זיין אויסדרוק: „אַ קאָמפּאַקטע מערהייט". כאַווער האָפמאַן באַנוצט דידאָזיקע ווערטער מיט אַ פּאָר־וווּרף. לויט מיין מיינונג, איז ניט שעמען זיך, נאָר שטאָלצירן דאַרפן מיר מיט דעם, וואָס אויפן צוזאַמענפאָר איז פאַראַן אַ קאָמפּאַקטע מערהייט. און נאָך מער וועלן מיר שטאָלצירן, אויב אונדזער פּאַרטיי וועט זיין איין קאָמפּאַקטע, קאָמ־פּאַקטסטע, 90־פּראָצענטיקע מערהייט (אַפּלאָדיסמענטן). די מערהייט האָט גע־טאָן ריכטיק, וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע וועגן דער לאַגע פונעם „בונד" אין דער פּאַרטיי אויפן ערשטן אָרט: די בונדיסטן האָבן טאַקע גלייך דערוויזן דידאָזיקע ריכטיקייט מיט דעם, וואָס זיי האָבן אַריינגעטראָגן זייער אַזוי גערופענעם סטאַטוט, און האָבן, אין טאָג געגומען, פּאָרגעלייגט אַ פעדעראַציע. ווייבאַלד אין דער פּאַרטיי זיינען פאַראַן מיטגלידער, וועלכע לייגן פאָר אַ פעדעראַציע, און מיט־גלידער, וועלכע וואַרפן זי אָפּ, האָט מען אַנדערש ניט געקאָנט טאָן, ווי אַוועקשטעלן די פראַגע וועגן „בונד" אויפן ערשטן אָרט. מיט געוואַלד קאָן מען ניט געפעלן ווערן, און מע טאָר ניט רייִדן וועגן די אינערלעכע איניאַנים פון דער פּאַרטיי, ניט באַ־שליסנדיק פעסט און קאַטעגאָריש, צי ווילן מיר גיין איינייִעם אָדער ניט.

דער מעהוס פון דער שטרייט־פראַגע איז אָפּטמאָל ניט גאָר ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן אין די דעבאַטן. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס לויט דער מיינונג פון פיל פּאַרטיי־מיטגלידער, איז די פעדעראַציע שעדלעך, פעדעראַציע שטייט אין אַ ווידערשפּרוך מיט די פּרינציפּן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אין זייער אָנווענדונג צו דער געגעבענער רוסישער ווירקלעכקייט. פעדעראַציע איז שעדלעך, ווייל זי פאַר־געזעצלעכט די אָפּגעזונדערטקייט און פאַרפרעמדטקייט, מאַכט פון זיי אַ פּרינציפּ, אַ געזעץ. צווישן אונדז איז ווירקלעך פאַראַן אַ פולקומע פאַרפרעמדטקייט, און ניט פאַרגעזעצלעכן דאַרפן מיר זי, ניט פאַרדעקן מיט אַ פייגן־בלעטל, נאָר קעמפן קעגן איר, מיר דאַרפן אַנטשיידנדיק אַנערקענען און פּראָקלאַמירן די נייטיקייט פעסט און אומאָפּוועגדלעך גיין צו דער ענגסטער איינהייט. אָט פאַרוואָס מיר וואַרפן אָפּ אין פּרינציפּ, פון שוועל (לויטן באַוווסטן לאַטיינישן אויסדרוק) די פעדעראַציע, וואַרפן אָפּ יעדע אָבליגאַטאָרישע מעכיצעס צווישן אונדז. אין דער פּאַרטיי וועלן שטענדיק אַזוי אויך זיין פאַרשיידענע גרופּירונגען, גרופּירונגען פון ניט אינגאַנצן גלייך דענקענדיקע כאַווירים איבער פראַגן סיי פון פּראָגראַם, סיי פון טאַקטיק, סיי פון אָרגאַניזאַציע, נאָר זאָל אין דער גאַנצער פּאַרטיי זיין איין טיילונג אויף גרופּן, דאָס הייסט, זאָלן אַלע, וואָס דענקען גלייך, זיך פאַראייניקן אין איין גרופּע, און ניט אַזוי, אַז טבילעס זאָלן זיך אויסבילדן גרופּעס אין איין טייל פון דער פּאַרטיי, באַזונדער פון אַ גרופּע אינעם צווייטן טייל פון דער פּאַרטיי, און דערנאָך זאָלן זיך

פּאַרייניקן צווישן זיך ניט גרופּן פון פאַרשיידענע אַנשוינגען און מיינונג־שאַטירונגען, נאָר טיילן פון דער פּאַרטיי, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך פאַרשיידענע גרופּן. איך באַזער איבער: קיינע שום אָבליגאַטאָרישע מעכיצעס אַנערקענען מיר ניט, און דעריבער וואַרפן מיר אָפּ אין פּרינציפּ די פעדעראַציע.

איך גיי איבער צו דער פראַגע וועגן אווטאָנאָמיע. כאַווער ליבער האָט געזאָגט, אַז פעדעראַציע איז צענטראַליזם און אווטאָנאָמיע איז דעצענטראַליזם. צי דען האַלט כאַווער ליבער די מיטגלידער פונעם צוזאַמענפאָר פאַר זעקסיאָריקע קינדער, וועלכע מע קאָן מעכאַבעד זיין מיט אַזעלכע סאָפיזמען? צי דען איז ניט קלאָר, אַז צענטראַליזם פאָדערט, עס זאָלן ניט זיין קיינע שום מעכיצעס צווישן דעם צענטער און די סאַמע דערווייטערטע, סאַמע פאַרוואָרפענע טיילן פון דער פּאַרטיי? אונדזער צענטער וועט באַקומען דאָס אומבאַדינגטע רעכט צו דערגיין דירעקט ביז יעדן איינצלנעם פּאַרטיי־מיטגליד. די בונדיסטן וואָלטן בלויז געלאַכט, אויב ווער עס איז וואָלט זיי פאָרגעלייגט אײַנווייניק אין „בונד" אַזאַ „צענטראַליזם", אַז דער צ"ק פון „בונד" זאָל ניט קאָנען פאַרקערן מיט אַלע קאָוונער גרופּן און כאַווירים אַנדערש, ווי דורך דער פאַרמיטלונג פונעם קאָוונער קאָמיטעט. אַגעוועלכע וועגן קאָמיטעטן. כאַווער ליבער האָט אויסגעשריען מיט פּאַטאָס: „צו וואָס דאַרף מען ריידן וועגן דער אווטאָנאָמיע פונעם „בונד", ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אונטערגעוואָרפן אונטער איין צענטער? איר וועט דאָך ניט געבן קיין אווטאָנאָמיע אַ וועלכן עס ניט איז טולער קאָמיטעט?" איר האָט אַ טאָעס, כאַווער ליבער: מיר וועלן אומבאַדינגט און ניט אַנדערש געבן אווטאָנאָמיע אויך „אַ וועלכן עס ניט איז" טולער קאָמיטעט, אַן אווטאָנאָמיע אינעם זינען פון פרייהייט פון קליינלעכער אריינמישונג פונעם צענטער, דערביי, פאַרשטייט זיך, פאַרבלייבט דער מוז צו זיין אונטערגעוואָרפן אונטערן צענטער. איך האָב גענומען די ווערטער „קליינלעכע אריינמישונג" פונעם בונדישן בלעטל: „אווטאָנאָמיע אָדער פעדעראַציע?". דער „בונד" האָט אַרויסגעשטעלט דידאָזיקע פרייהייט פון „קליינלעכער אריינמישונג", אַלס אַ טנאַי־פּונקט, אַלס אַ פאָדערונג צו דער פּאַרטיי. דאָס אַרויסשטעלן אַזעלכע לעכערלעכע פאָדערונגען באַווייזט אַליין פאַר זיך, אַף וויפל פאַרפּלאָנטערט די שטרייט־פראַגע שטעלט זיך פאַר דער „בונד". צי דען מיינט דער „בונד", אַז די פּאַרטיי וועט דערלאָזן די עקזיסטענץ פון אַ צענטער, וועלכער זאָל זיך „קליינלעך" אריינמישן אין די איניאָנים פון אַ וועלכער עס ניט איז אָרגאַניזאַציע אָדער גרופּע פון דער פּאַרטיי? צי דען לאָזט זיך דאָס ניט אויס גראָד צו אָט דעם „אָרגאַניזירטן אומצוטרוי", וועגן וועלכן עס איז שוין גערעדט געוואָרן אָפן צוזאַמענפאָר? אַזאַ אומצוטרוי שפּאַרט אַרויס פון אַלע פאַרשלאָגן און טיינעס פון די בונדיסטן. איינדערעמעסן, צי איז, לעמאָשל, דער קאַמף פאַר פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג און אַפילע פאַר דער אָנערקענונג פונעם רעכט פון די נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג ניט דער כוויוו פון אונדזער גאַנצער פּאַרטיי? הייסט עס, אַז אויב אַ וועלכער עס ניט איז טייל פון אונדזער פּאַרטיי וואָלט ניט דערפילט דעמדאָזיקן כוויוו, וואָלט ער אומבאַדינגט געדאַרפט פאַרורטיילט ווערן צוליב אונדזערע פּרינציפּן, וואָלט ער אומבאַדינגט געמוזט אַרויסרופן אַן אויסבעסערונג מיצאַד די צענטראַלע אַנשטאַלטן פון דער פּאַרטיי. און אויב דערדאָזיקער כוויוו וואָלט באַוווסטזיניק און בעקיוון ניט

דערפילט געוואָרן, ניט קוקנדיק אַף דער פולער מעגלעכקייט צו דערפילן אים, וואָלט דאָטראָזיקע ניט דערפילן געווען אַ פאַראַט.

ווייטער האָט אונדז כאַווער ליבער פאַטעטיש געפרעגט: וויאַזוי דערווייזט מען, אַז אַווטאָנאָמיע איז אימשטאַנד צו זיכערן דער באַוועגונג פון די יידישע מאַסן די אומבאַדינגט־נייטיקע פאַר איר זעלבשטענדיקייט? אַ מעשונעדיקע פראַגע! וויאַזוי דערווייזט מען, צי איז ריכטיק איינער פון די וועגן, וועלכע ווערן פאַרגעלייגט? דאָס איינציקע מיטל איז גיין מיטן דאָזיקן וועג און אויספרובירן אים אין דער פּראַקטיק. אַף כאַווער ליבערס פראַגע ענטפער איך: גייט מיט אונדז, און מיר נעמען זיך אָן צו דערווייזן אייך אין דער פראַקטיק, אַז אַלע געזעצלעכע פאָדערונגען פון זעלבשטענדיקייט ווערן פולקום באַפרידיקט.

ווען עס גייען שטרייטן וועגן דעם אָרט פונעם „בונד", דערמאָן איך זיך שטענדיק אָן די ענגלישע קוילנגרעבער. זיי זיינען אויסגעצייכנט אָרגאַניזירט, בעסער פון אַלע איבעריקע אַרבעטער. און דערפאַר ווילן זיי, עס זאָל דורכפאַלן די אַלגעמיינע פאָדערונג וועגן אַ 8־שאָעדיקן אַרבעט־טאָג, וועלכע ווערט אַרויסגעשטעלט דורך אַלע פּראָלעטאַריער. די קוילנגרעבער פאַרשטייען די איינהייט פונעם פּראָלעטאַריאַט פונקט אַזוי שמאָל, ווי אונדזערע בונדיסטן. זאָל דער טרויעריקער ביישפיל פון די קוילנגרעבער דינען אַלס וואָרענונג די כאַווירים פון „בונד".

ליבער: מיר איז זעלטן אויסגעקומען צו זיין אַף אַ פאַרזאַמלונג, אַף וועלכער מע זאָל אַזוי אָפט מיסברויכן מיט די ווערטער: „פרינציפּן פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", ווי דאָס ווערט געטאָן אַף אונדזער צוזאַמענפאָר. נאָר עס איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן, אַז ניט יעדער, וואָס האַלט אין שרייען: „אַדענאָ", „אַדענאָ"! וועט אַריין אין גאַניידן, און ניט יעדער איינציקער, וועלכער רעדט וועגן די פרינציפּן פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פאַרטיידיקט זיי בעעמעס.

מע וויל זיך ניט רעכענען מיט פאָלגנדיקער דערשיינונג: אין די אָרגאַניזמען פון געוויסע נאַציאָנאַליטעטן זיינען פאַראַן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, די דאָזיקע קלאַסן טרעטן אַריין צווישן זיך אין אַ קאַמף און גרופּירן זיך אין פאַרשיידענע פּאַרטייען, אין וועלכע עס אַנטפּלעקן זיך סיי זייער קלאַסן־כאַראַקטער און סיי זייער אָנגעהעריקייט צו אַ געוויסער נאַציע. מע קאָן אָנווייזן אַף אַזעלכע ספּעציפישע נאַציאָנאַלע בורזשואַזע באַוועגונגען, ווי דער רוסישער ליבעראַליזם און פּוילישע „נאַראָדאָוואַ דעמאָקראַטיאַ", אָדער דער יידישער ציאָניזם. דער כאַווער ליבער זאָגט אונדז, אַז דער פעדעראַטיווער פרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע ווידערשפרעכט די פרינציפּן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער ווו איז געווען דער כאַווער ליבער, ווען דאָסדאָזיקע שרעקלעכע אויווער זיין דעם פרינציפּ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז פאַרגעקומען אין עסטרייך? דער כאַווער ליבער זאָגט, אַז די פּראַקטיק האָט ניט דערוויזן די מיילעס פון פעדעראַציע. אָבער די פּראַקטיק פון אויספיר־קאָמיטעט פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס איז פאַרצייכנט אין זיין באַריכט, זאָגט פונקט פאַרקערט. לויט דער מיינונג פון אויספיר־קאָמיטעט, האָט זיך, אַדאַנק דערדאָזיקער פאָרם פון אָרגאַניזאַציע, איינגעגעבן צו דערגרייכן

גאַנצנדיקע רעזולטאַטן סיי אין וווּקס פון דער באַוועגונג און סיי אין איר אייניקייט.

דער כאַווער לענין זאָגט, אַז די צעשטערונג פון דער אייניקייט, וואָס מיר האָבן קלוימערשט אַריינגעטראָגן אין דער פּאַרטיי, איז ניט נייטיק צו פאַרדעקן מיט קיין „פייגן-בלעטער פון פעדעראַציע". וואָס איז שייך די „פייגן-בלעטער" דאַרף מען טאַקע דאַנקען דעם כאַווער לענין דערפאַר, וואָס ער האָט אַרונטערגעריסן די פייגן-בלעטער פון די כאַווייִרים מאַרטאָוו און טראָצקעס ווערטער. דער כאַווער לענין רעדט קלאָר וועגן דער נייטיקייט צו פאַרניכטן דעם „בונד". פאַרשטייט זיך, אַז ער וועט, מעגלעך, איבערלאָזן דעם צ"ק פון „בונד", ווי אַן אָרגאַניזאַציע פון קאָנטראַבאַנדע. אָבער ניט צוליב דעם איז אונדז נייטיק דער צ"ק פון „בונד"; ער איז אונדז נייטיק, ווי אַ פירער פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

מע רעדט קעסיידער וועגן די „אַלרוסישע אינטערעסן", אָבער אונדזערע אָפּאָנענטן פאַרשטייען „אייגנאַרטיק" דיזאָזיקע אינטערעסן. פריער פאַר אַלץ מעקן זיי אויס פון דיזאָזיקע „אַלרוסישע" אינטערעסן אַלץ, וואָס איז ספּעציעל נעגייע דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער אָדער יענער נאַציע און דענקען, אַז די רעשטלעך, וואָס זיי האָבן באַקומען, וועט הייסן אַלרוסישע אינטערעסן. דער כאַווער לענין זאָגט: מיר ווילן דעם „בונד" — נאָר אַן אַנדער „בונד". איך האַלט פאַר נייטיק צו דערמאָנען, אַז אין דער פּאָלעמיק פון „בונד" מיט דער פּ.פּ.ס., וועלכע איז אַמאָל געווען געדרוקט אין זשורנאַל „ראַבאָטניק", אונטער דער רעדאַקציע פון פּלעכאַנאָוו, איז קלאָר פאָרמולירט געוואָרן אונדזער איצטיקע profession de foi אַן די אויסריידענישן, אָן די אָנפאַלן, וועלכע זי באַגעגנט איצט.

מיר האָבן דאָ געזאָגט, אַז די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וועט ווערן דער פירער פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, ווען זי וועט ווערן דער אָנפירער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. לענין זאָגט איצט, אַז מע דאַרף ניט האָבן דעם „בונד", ווי אַן אָנפירער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, און פאַרגלייכט אונדז אַזוי ניט טאַקטיש מיט די דורקהיימער קיילנגרעבער. פון די אַלע רעדנער, וועלכע האָבן גערעדט וועגן די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, האָט קיינער ניט באַוויזן דעם ווידערשפּרוך פון אונדזער פאַרשלאָג מיט דיזאָזיקע פּרינציפּן. דאָס איז יעדנפאַלס אַ לייכטזיניקע באַשולדיקונג מיצאַד דעם כאַווער לענין.

באַ אונדזערע כאַווייִרים, וועלכע פּרעטענדירן אויף אַ מאָנאָפּאָל פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַל-דעמאָקראַטיזם, וואָלטן מיר געוואָלט פרעגן פאָלגנדעס: יעדער סאָציאַל-דעמאָקראַט מוז אָנערקענען, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן גרופּירט זיך אין פאַרשיידענע פּאַרטייען מיט פאַרשיידענע פיזיאָנאָמיעס. די יידישע בורזשואַזיע אָרגאַניזירט זיך. צי איז עס ניט נאַטירלעך, אַז קעגן דער בורזשואַזיע דאַרף זיך אָרגאַניזירן די קראַפט, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין דער טיפעניש פון יידנטום — דער יידישער פּראָלעטאַריאַט. דיזאָזיקע קראַפט ווערט אַרויסגערוקט דורך דער טעטיקייט פון „בונד". איר שטעלט אונדז קעגן די פּיקציע פון אַלרוסישע טענדענצן, אָבער דיזאָזיקע אינטערעסן זיינען די העכסטע סומע — פאַרשטייט זיך, ניט קיין אַריפמעטישע — פון די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. ווי אַן אילוסטראַציע פון אייערע אַלרוסישע טענדענצן,

האָבן מיר געזען די פּראַקטיק פון אַלרוסישן אָרגאַן „איסקראַ“, וועלכער האָט זייער ווייניק אַכט געשענקט די אינטערעסן פון די ראַנדגעגנטן (окраины). אַף דעם האָט אויך אָנגעוויזן דער אָדעסער קאָמיטעט. איך דערקלער, — ניט ווי אַ פּאַרוואָרף די כאַווײרים פון דער רעדאַקציע „איסקראַ“, — אַז אייערע פּאַרלאַנגען וועלן צעשלאָגן ווערן ביזוואַנען אייער פּאַרטײ וועט ניט באַפרידיקן די אינטערעסן פון באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן.

מע וויל פּאַר אונדז שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אָן אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג און מע פּאַרגעסט, אַז מיר — די פּאָרשטייער פונעם פּראָלעטאַריאַט פון דער יידישער נאַציע — האָבן פּאַרוואַנדלט, לויט קאַוטסקיס אויסדרוק, אַזעלכע פּאַריער צווישן אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, ווי די יידן, אין אַ מעכטיקער רעוואָליוציאָנערער קראַפט.

יעגאָראָוו: נאָך דער ליידנשאַפטלעכער רעדע פון כאַווער ליבער איז שווער פּאַר מיר אַרויסצוטרעטן מיט מיינע קאַלטבלוטיקע באַטראַכטונגען. אָבער דאָך רעכן איך, אַז מיינע אַרגומענטן וועלן פונדעסטוועגן גענומען ווערן אין אַכט. די ליידנשאַפט פון די רעדנער באַווייזט אַף דער ערנסטקייט פון דער פּראַגע, עס באַווייזט אונדז, אַז דאָ זיינען באַרירט געוואָרן די גרונט־יעסוידעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מע מוז געדענקען, אַז מע מוז ליגן אַכט ניט נאָר אַף דעם, וואָס מע זאָגט, נאָר אויך אַף דעם, וואָס עס איז באַהאַלטן אונטער דעם אַרויסגעזאָגטן. איך וועל ניט זאָגן, אַז די כאַווײרים פון „בונד“ זיינען נאַציאָנאַליסטן. אָבער איך דענק, אַז אויב די כאַווײרים וואָלטן געקאָנט פּאַרויסזען די אַלע פּאָלגן פון זייערע פּלענער און וואָלטן געקאָנט טרעפן, וואָס עס שטעקט אין זייער פּאָרשלאָג, וואָלטן זיי געזען, אַז אונטער אים איז באַהאַלטן אַ נאַציאָנאַליסטישער אונטערגרונט.

אַלע שוועריקייטן, וועלכע עס באַגעגנט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַף איר וועג, דערקלערן זיך מיט דעם, וואָס בײַ אונדז איז ניט געווען קיין אַלגעמיינע, פעסט־איינגעשטעלטע פּראָגראַם און מיט דעם, וואָס מיר זיינען געגאַנגען טאַפּנדיק אין דער פינצטער און ניט געקאָנט פּאַרויסזען, וווהין אונדזערע שריט וועלן אונדז ברענגען. אַף אָט דעם באָדן איז אַנטשטאַנען די מיטרייסונג צום עקאָנאָמיזם, טעראָריזם און אַז. וו. מענטשן האָבן זיך געשלעפּט אין עק פון לעבן און ניט געגאַנגען פאָרױס פון דעם. ניט וועלנדיק באַליידיקן די באַשעװע כאַווײרים, מוז איך דאָך זאָגן, אַז זייערע איצטיקע שטרעבונגען שמעקן מיט דעמזעלביקן אָפּאָרטוניזם. פון דעם פאַקט, וואָס די יידישע נאַציע עקזיסטירט, וואָס דאָס איז, פּאַרשטייט זיך, לעבערלעך אָפּצולייקענען, מאַכן זיי (די בונדיסטן) די פּרינציפּיעלע באַגרינדונג פון זייער פּראָגראַם. אָבער נאָר דער פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון עטוואָס איז ניט גענוג אַריינצוטראָגן אין דער טעטיקייט אינגאַנצן אַנדערע פּרינציפּן. אויב איר, כאַווײרים, וועט קאַלטבלוטיק באַטראַכטן די פּראַגע, אויב איר וועט גלייבן, אַז מיר ווילן אַלע אופּריכטיק איינקייט, אויב איר וועט זיך באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז דאָ האָבן זיך פּאַרזאַמלט גאַזלאָנים, וועלכע ווילן אום יעדן פּרייז אומברענגען דעם געפערלעכן „בונד“, אויב איר וועט, ווייטער, נעמען אין אַכט די גאַנצע וויכטיקייט פונעם מאָמענט, די אויסערגעוויינלעכע באַדייטונג פון אונדזער איצטיקן צוזאַמענפּאָר, וועלכער רעכנט זיך, עמעס לויט דער צאָל דער צווייטער, אָבער דער ערשטער לויט

זיין ראָליע אין אונדזער צוקונפטיקער געשיכטע, אויב, כאָזער איך איבער, איר וועט דאָס אַלץ נעמען אין אַכט, וועט איר געוויס ניט אַריינטראָגן אַזויפיל אופּרעגונג אין אונדזער געמיינזאַמער באַהאַנדלונג. לאָמיר דעריבער זיין קאַלטבלוטיק.

דער באַוווסטזיין פון די מאַסן איז ניט קיין אָגער, וואָס מע קאָן מיט איין צי מיט די לייצעס גלייך אַ קערעווע טאָן אין איין זייט און דערנאָך אין דער צווייטער זייט. אויב מיר וועלן איצט אַריינטראָגן כאָטש דעם מינדסטן סימען פון צעטיילונג אויף ייִדן און ניט־ייִדן, וועט עס אַרופּלייגן אַזאַ שטעמפּל אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן, וועלכן מיר וועלן שפּעטער ניט אַזוי לייכט קאָנען אַראָפּנעמען. עס איז גיט גענוג צו דערקלערן אין אונדזערע פּראָגראַמען, אַז מיר זיינען ניט קיין נאַציאָנאַליסטן, עס איז ניט גענוג צו ריידן צו די אַרבעטער וועגן סאָלידאַרישקייט פון די מאַסן, מיר מוזן עס באַווייזן מיט אונדזער גאַנצער טעטיקייט. האָט דען די פּ.פּ.ס. אַריינגעטראָגן אין איר פּראָגראַם דעם נאַציאָנאַליסטישן פּרינציפּ? אויך זי באַרעכטיקט די פאָדערונג פון אָפּטיילן פּוילן (פון רוסלאַנד) צוליב ריין פּראַקטישע מאָטיוון, אָבער דאָך איז דער נאַציאָנאַליסטישער פּרינציפּ דורכגעדרונגען אין טאָך פון איר גאַנצער טעטיקייט. פאַקטן זיינען שטאַרקער פון ווערטער. גיט אַ קוק אויף די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. זיי זאָגן אויך ניט „אָנשטאָט“, נאָר „איניינעם“. אויך זיי גיבן צו דעם טעראָר די סאַמע אומבאַדייטנדיקסטע ראָליע אין זייער פּראָגראַם. מיר ווייסן אָבער, אַז פאַקטן האָבן זייער לאָגיק. אויב אין דער פּראָגראַם עפנט זיך וו ניט איז אַ טיר פאַר טעראָר, וועט דאָס אומפאַרמיידלעך דערנאָך דאָמינירן אין דער גאַנצער פּראָגראַם. קענט אייער ווילן הייבט דאָס לעבן אייך אָן צו שטויסן אַהין, וווהין איר ווילט גאָרניט גיין.

עס איז גענוג אַ בליק צו טאָן אויף דער געשיכטע פון „בונד“, קעדיי צו זען, ווי אויך ער איז געקומען ניט אַהין, וווהין ער האָט געוואָלט גיין. אין אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן זיינען די איצטיקע פאָרשטייער פון „בונד“ געווען די פאָרזעצער פון די טראַדיציעס פון די 70־קער יאָרן, די פאָרשטייער פון די רוסישע רעוואָליוציאָנערן. די ערשטע קרייזלעך פון די ייִדישע אַרבעטער זיינען דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון דער רוסישער רעוואָליוציאָנערישקייט. די־דאָזיקע אַרבעטער זיינען געווען רוסלענדער רעוואָליוציאָנערן אין בעסטן זין פון וואָרט. איך אַליין האָב זיך דערצויגן אין „בונד“ און ביז היינטיקן טאָג איז בײַ מיר פאַרבליבן אַ טיפע אַכטונג צו מיינע לערער, וועלכע איך זע דאָ אין דער דעלעגאַציע. אָבער פון יענער צייט האָבן זיך זייערע אָנשויונגען שטאַרק געענדערט. פאַרברייטערנדיק זייער טעטיקייט, זיינען די גרינדער פון „בונד“ אין דער ווייטערדיקער אַרבעט אַריבער צו פירן אַגיטאַציע אין דער ייִדישער שפּראַך. איך וועל באַמערקן, אַז דער „בונד“ האָט זיך ניט גערעכנט מיטן „לעבן“. די מאַסע פאַרפּראָפּאַגאַנדירטע אַרבעטער האָבן פּראָטעסטירט קעגן פירן אַן אַגיטאַציע אין דער ייִדישער שפּראַך. איך כאָזער איבער, אַז דער „בונד“ האָט אָבער דעמאָלט ניט אַפּעלירט צום לעבן. די נייע פאָרמען פון טעטיקייט האָבן זיך באַרעכטיקט צוליב ריין פּראַקטישע מאָטיוון, אָבער בעשום־אופן ניט צוליב נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן. די פראַגע וועגן אויסטיילן דעם „בונד“ אין אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע איז ניט אַנטשטאַנען. אָבער עס איז ניט אַריבער קיין פולע צייט, און עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן הערן פראַגן וועגן באַזונדערע פליכטן

פֿון ייִדישן אינטעליגענט בענעגייִע צו דער ייִדישער מאַסע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן דורכרייסן נאַציאָנאַליסטישע טענער. איך וועל זיך ניט פֿאַרנעמען מיט אַנאַליזירן די ווייטערדיקע געשיכטע, איך וועל זיך נאָר אָפּשטעלן אַפֿן לעצטן קאַפּיטל פֿון דערהאָזיקער געשיכטע.

וואָס זעען מיר איצט? דיזעלביקע ייִדן רעוואָליוציאָנערן, אַרבעטער און אינטעליגענטן, וועלכע זײַנען ביז איצט געווען די פֿאָרזעצער פֿון דער רוסישער רעוואָליוציאָנערישקייט, האָבן זיך אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערן ווינקל און זיך באַהאַלטן אין זייער נאַציאָנאַלן שאָלעכץ. די אינטערעסן פֿון רוסישן פּראָלעטאַריאַט האָט מען אָנגעהויבן אָפּשאַצן נאָר אַף אַזויפֿיל, אַף וויפֿל זיי פֿאַרזיכערן די אינטערעסן פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. איר רעדט וועגן דער נייטיקייט פֿון פֿאַרייניקונג בלויז אויסשליסלעך דערפֿאַר, ווײַל אין דערהאָזיקער פֿאַרייניקונג וועט איר ניט געפֿינען קיין אויסוועג פֿון דעם טעמפּן ווינקל, אין וועלכן איר זײַט פֿאַרקראָכן. אײַער פֿאָרגעלייגטער פּראָיעקט וועגן פֿאַרייניקונג שמעקט, — ווי עס האָט ריכטיק באַמערקט מאַרטאָוו, — מיט אולטימאַטום.

אויב איר וואָלט קאָנסעקווענט אַנטוויקלט די פּרינציפּן, וועלכע זײַנען געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פֿון דעמדאָזיקן אָפּמאַך, וואָלט איר געקומען צום הוילן נאַציאָנאַליזם. עמעס, עס קאָן זײַן, אַז דאָס לעבן וואָלט אים ניט געלאָזט אַנטשטיין אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער פֿראַגע. אײַער קאָנסעקווענט־דורכגעפֿירטע פּראָגראַם וואָלט לאָגיש געמוזט ברענגען צו דעם געבורט פֿון נאַציאָנאַליזם. אויב איר וואָלט די עקזיסטענץ פֿון אַ באַזונדערער ייִדישער אָרגאַניזאַציע מאָטיווירט נאָר מיט דער ספּעציפֿישער לאַגע פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, וואָלט אַפֿן גרונט פֿון דערהאָזיקער פּראַקטישער פֿראַגע געווען גרינג זיך צוזאַמענריידן. מע וואָלט געקאָנט אויסטיילן אַ באַזונדערע גרופּע אַף אַרבעטן צווישן דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, קעדיי אויסצונוצן דיראָזיקע ספּעציפֿישקייט. אָבער דאָס וואָלט נאָר געווען אַ פּראַקטיש נייטיקע אָרגאַניזאַציע אין דער רעוואָליוציאָנערער אָרגאַניזאַציע און ניט קיין נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פֿון פּראָלעטאַריאַט.

מיר באַהויפּטן, אַז עס איז געפֿערלעך צו צעטיילן די מאַסן לויט וועלכע ס'איז באַזונדערע סימאָנים. באַזונדערס ווען דערהאָזיקער סימען איז נאַציאָנאַליטעט. איר אַליין ווײַזט אָן אַף דעם אומגליקלעכן בײַשפּיל פֿון עסטרייך און פֿאַרגעסט דערבײַ, אַז עס קאָן זײַן, אַז דאַפּקע די באַזונדערקייטן פֿון איר מעלוכע־אָרדענונג, די טרויעריקע לאַגע, וועלכע האָט אָפּגעשטעלט איר גאַנצן מעלוכישן מעכאַניזם און גיט אים ניט קיין מעגלעכקייט פֿאַר אַ ריכטיקער אַנטוויקלונג, האָט געבראַכט צו דעם דערפֿאָלג פֿון אַזאַ אָרגאַניזיר־פֿאָרם. אָבער דאָס איז גאַנץ ווייט פֿון אָנערקענען איר פּרינציפּיעלע ריכטיקייט. דאָס איז מערניט ווי אַ צאָרע. דאָס איז, קאָן זײַן, אַ קאָמפּראָמיס, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן צוליב געוויסע באַדינגונגען.

צי וועט איר באַהויפּטן, אַז די דערפֿאָלגן פֿון דער פּאַרטיי אַנטשפּרעכן דאָרט דער קראַפֿט און באַדײַטונג פֿון פּראָלעטאַריאַט? און ביכלאַל זײַנען אַזעלכע באַרופֿונגען אַף פֿאַקטן ווייניק איבערצײַגנדיק. איר האָט ביז איצט ניט אַרויסגעשטעלט דעם פּרינציפּ פֿון אײַער אָפּגעזונדערטקייט. ניט מיר, נאָר איר זײַט מעכויעוו צו באַווײַזן, אַז אײַערע טענדענצן שטייען ניט אין ווידערשפּרוך מיט אונ-

דזער פּראָגראַם. דער כּיוון צו דערהווייזן ליגט אַף אייך. מיר שטעלן אַרויס דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ: אַלע ראַמען — פּראָפעסיאָנעלע אָדער נאַציאָנאַלע, און אונטערשייד — העלפן מיט צעשטערן די אייניקייט פון באַוווסטזיין (אַ פּ לאָ ד י ס מ ע נ ט ן). ווייטער, דוכט זיך מיר, אַז דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ ווערט בא אייך דורכגעפירט ניט נאָר אַף אַ באַהאַלטענעם אויפן. אין אייערע דערהווייזונגען קלינגען ביילעט נאַציאָנאַליסטישע טענער, פון וועלכע עס קאָן אויסוואַקסן אַ גאַנצע נאַציאָנאַליסטישע מוזיק. אין פּריוואַטע געשפּרעכן האָט מען דערקלערט, אַז אין אונדזער טעטיקייט דאַרפן מיר ניט שטרעבן צו פאַרניכטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט. אויב אַזעלכע פראַזן זיינען ניט געפערלעך אין די מיילער פון די אַנפירער, קאָנען זיי אָבער אין דעם באַוווסטזיין פון די מאַסן האָבן אַ געפערלעכע באַדייטונג, און ניט נאָר פון די ווייניק־באַוווסטזיניקע מאַסן. אַלס בוילעטער ביישפּיל קאָן דינען דאָס, וואָס ענטפערנדיק אייך, דערקלערן אַפּט רוסישע כאַווירים, אַז זיי באַטראַכטן זיך פאַר ניט קאָמפּעטענט צו לייזן די פראַגע וועגן די אינטערעסן פון די יידישע מאַסן. און דערמיט גופא שטרייכן זיי אונטער די נאַציאָנאַליסטישקייט פון דיזאָזיגע אינטערעסן. ניין, כאַווירים, מיר מוזן קאַטעגאָריש דערקלערן, אַז דער נאַציאָנאַלער עלעמענט שטייט בא אונדז אויסער דער ספערע פון עטיק. אונדז אינטערעסירט ניט, וואָס וועט זיין מיט די יידן, פוילן, רוסן און אַז. וו. אַלס אַזעלכע. די פראַגע וועגן נאַציע אַנטשטייט נאָר בא אַן אונטערדריקטער נאַציע און נאָר דאַן נעמט זי אָן אַן עטישן כאַראַקטער. אָבער מיר רעכענען, אַז די אינטערעסן פון דערדאָזיקער נאַציאָנאַליטעט וועלן פאַרזיכערט פון זיך אַליין דאַן, ווען אונדזער אידעאַל וועט דערגרייכט ווערן. די באַזונדערקייטן פון דער נאַציע קאָנען זיך אַנטוויקלען אַפן באָדן פון דער אַלייראָפּעיִשער קולטור. עמעס, איר שטעלט דאָ ניט אַרויס פאַר קיין פּרינציפּ דאָס איינהייטן די נאַציאָנאַליטעט. אָבער דאָס, קאָן זיין, איז דערפאַר, ווייל איר האָט ביכלאַל אונדז ניט געגעבן קיינע פּרינציפּיעלע מאָטיוון. אייער פאַרופן זיך אַף דער ספּעציפישער גרופּירונג פון די געזעלשאַפטלעכע קוויכעס גיט קיין רעכט ניט פאַר דער באַזונדערער עקזיסטענץ פון „בונד“. צי איז דען ניטאָ קיין ספּעציפישע גרופּירונג פון די געזעלשאַפטלעכע קוויכעס אין קליינרוסלאַנד, וווּ, צום ביישפּיל, עס איז ניטאָ די פאָרם פון „אָבשטשינע“־ווירטשאַפט און וווּ עס זיינען געווען גאַנץ באַזונדערע היסטאָרישע באַדינגונגען פון אַנטוויקלונג. צו אָפט אַפּעלירט איר צו „פּראַטים“ און דאָס האָב איך אָנגערופן אַפּאָרטוניזם.

כאַווירים! באַטראַכט די פראַגע קאַלטבלוטיק. קוקט ניט אַף אונדז ווי אַף סאָנים. גלויבט אין אונדזער גרייטקייט צו אַרבעטן צוזאַמען, און איידער זאָגן „ניין“, גיט אַ טראַכט וועגן די רעזולטאַטן, צו וועלכע עס וועט ברענגען אייער באַשלוס.

(ד ו י ע ר נ ד י ק ע אַ פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט ן).

זיבעטע זיצונג

(ביי געווען 42 דעלעגאַטן מיט 51 מאַנדאַטן אַף באַשטימונג־רעכט און 8 פּערזאָן מיט באַראַטונג־רעכט).

עס ווערט געלייענט און באַשטעטיקט דער פּראָטאָקאָל פון דער דריטער זיצונג....

ליבער: איידער מע גייט אַריבער צו פאַרזעצן די דעבאַטן, בעט איך געבן מיר צ וואָרט פאַר אַ מעלדונג און אַף אַריינטראָגן אַ פאָרשלאָג. (נאָכדעם, ווי ליבער

באַקומט דאָס וואָרט, דערקלערט ער): מיר האָבן גענומען אין אַכט אַלע דעבאַטן, וואָס דאָ זיינען פאָרגעקומען, און ניט געקוקט אַף דעם, וואָס מיר זיינען פאַרבליבן באַ אונדזער פריערדיקער מיינונג וועגן אַלע פונקטן פון דעם סטאַטוט, וועלכן מיר האָבן פאָרגעלייגט, דאָך, אין די אינטערעסן פון פאַראייניקונג, וואָס מיר האָבן שוין ניט איינמאָל אָנגעוויזן, אַז דאָס איז אונדז אויסערגעוויינלעך טייער, האָבן מיר באַשלאָסן אַריינצוטראָגן אין אונדזער סטאַטוט באַדייטנדיקע ענדערונגען, אַף וועלכע איך בעט ליגן אַכט *).

אין דריטן פונקט זיינען, ווי איר זעט, אַרויסגעוואָרפן געוואָרן די ווערטער וועגן דעם אויפן פון די אַרויסטרעטונגען פון אונדזערע פאָרשטייער אין די צענטראַלע אָרגאַנען. די דאָזיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַסאַך סיכסוכים און, אַרויסוואַרפנדיק די ווערטער, שטרייכן מיר אַז איבעריקן מאָל אונטער דעם דאָזיקן געדאַנק אונדזערן, אַז זייענדיק פאָרשטייער פון „בונד", ווערן די דאָזיקע פאָרשטייער מיטגלידער פון די צענטראַלע אָרגאַנען און טרעטן דאָרט שוין אַרויס, ווי מיטגלידער פון דער גאַנצער פאַרטיי.

פון די איבעריקע פונקטן שטרייך איך אונטער די אויסבעסערונג אין ניינטן פאַראַגראַף. מע האָט אונדז געזאָגט, אַז אין אַזאַ רעדאַקציע האָט דער דאָזיקער פאַראַגראַף באַזונדערס כאַראַקטעריזירט דעם סטאַטוט, וואָס מיר האָבן פאָרגעלייגט, ווי אַן אַפּמאַך. איצט ענדערן מיר אים אַזוי, אַז אָפּגעשאַפט ווערן קאָן אונדזער סטאַטוט מיט צוויי דריטל שטימען פון צוזאַמענפאָר. די דאָזיקע מערהייט ליגן מיר פאָר, כדי צו פאַרזיכערן כאָטש וועלכע עס איז פעסטקייט פון דעם דאָזיקן סטאַטוט. איך שטרייך אונטער, אַז אויב דער דאָזיקער פונקט איז קעגן וועמען עס איז געריכטעט, איז ער געריכטעט קעגן אונדז אַליין, ווייל אונדז וועט דאָך געוויס זיין שווער צו קריגן פאַר אונדזערע פאָרשלאָגן די דאָזיקע צוויי דריטל שטימען. ווי איר זעט, כאַווירים, האָבן מיר געטאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך, פאַר פאַראייניקונג; אַף ווייטערדיקע הנחות קאָנען מיר ניט גיין. אָן די פאַרבליבענע פונקטן איז אוממעגלעך די עקזיסטענץ פון „בונד". (אַף דער פראַגע פון פאָרזיצער, צי דאַרף מען פאַרשטיין די דאָזיקע מעלדונג, ווי אַן אולטימאַטום, האָט ליבער געענטפערט) — איך באַטראַכט פאַר איבעריק די פראַגע פונעם פאָרזיצער. מיר ווייסן גאַנץ גוט דעם סטאַטוט פון צוזאַמענפאָר און זיינען דאָ געקומען, פונקט ווי אַלע איבעריקע כאַווירים, אָן וועלכע עס איז אימפּעראַטיווע מאַנדאַטן. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז לויט אונדזער מיינונג איז אוממעגלעך די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון „בונד", אויב מע זאָל ניט אָננעמען די דאָזיקע פונקטן. דאָס איז אונדזער אַלעמענס איבערצייגונג.

פאָרזיצער: איך באַשטרייט דאָס ניט. איך בעט נאָר, אַז מע זאָל די דערקלערונג פון כ' ליבער אַריינטראָגן אין פראָטאָקאָל.

אַקימאָוו: אין מיין נעכטיקער רעדע האָב איך אָנגעוויזן, אַז די פראַגע וועגן דער לאַגע פון „בונד" אין דער פאַרטיי האָט זיך געשטעלט צוליב דער פאַרשטענדלעכער שטרעבונג פון „בונד" צו פאַרזיכערן פאַר זיך די מעגלעכקייט צו אויספילן

*) דער אויסגעבעסערטער סטאַטוט ווערט געבראַכט צום סאָף פון די דעבאַטן.

צווײ אויפגאַבן: די נאַציאָנאַלע און די אָרגאַניזאַציאָנעלע. מיר האָט מען דאָ דערווידערט און געזאָגט, אַז עס איז נוצלאָז צו ריידן וועגן דעם, אַז יידן זיינען אַ נאַציע, ווייל דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. אָבער אין דער ליטעראַטור האָט מען אַרויסגעזאָגט אַ פונקט פאַרקערטע מיינונג. גראָד איצט האָט קאַוטסקי דערקלערט, אַז עס איז איבעריק צו ריידן וועגן די פאָרדערנסטן פון דערדאָזיקער נאַציע פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אָבער מיר דוכט, אַז דאָס איז נוצלעך, קעדיי קעגנצושטעלן מיין שטאַנדפּונקט דער מיינונג פון כ׳ יעגאָראָוו, וועלכער זאָגט קלוימערשט, אַז וועגן נאַציאָנאַלע רעכט פאַר יידן רעדט מען נאָר קימאַט צוליב דעם מיטלייד צו דערדאָזיקער נאַציע.

די יידן זיינען פּונקט אַזאַ נאַציע, ווי אַלע אַנדערע, און דערפאַר דאַרף צו זיי אָנגעווענדעט ווערן דער פּונקט פון אונדזער פּראָגראַם, וועלכער פאַרזיכערט דאָס רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג פאַר אַלע פעלקער. די ענדערונגען, וועלכע די כאַווײרים פון „בונד" האָבן געמאַכט אין זייער פּראָיעקט, האָבן נאָר באַשטעטיקט מיין מיינונג, אַז אין אים זיינען ניט געווען קיינע נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, נאָר די מאָטיוון, וועגן וועלכע איך האָב גערעדט. איך בין מאַסקים, אַז אין דער שטרעבונג צו פאַרזיכערן פאַר זיך די נייטיקע באַדינגונגען פאַר זיין טעטיקייט, האָט דער „בונד" אין געוויסע פּונקטן דערלאָזן ניט קיין אָנגעמבאַרע סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן. אָבער אין דער נייער פאָרם, רעכן איך, אַז זייער פּראָיעקט איז פולקום אָנגעמבאַר. און אַסאַך פון זיינע פּונקטן וועל איך פּאַרטיידיקן באַם באַהאַנדלען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם פון דער פּאַרטיי פאַר אַלע אירע טיילן. איך וואָלט נאָר פאָרגעלייגט צו פאַרבייטן דאָס וואָרט „פאָרשטייערשאַפט" פון „בונד" אויף „פאָרשטייער" פון „בונד". מיט דעם וועט געגעבן ווערן די נייטיקע און גענוגנדיקע גאַראַנטיע דעם „בונד", אַז זיינע אינטערעסן וועלן זיין גענוג פאָרגעשטעלט אין אַלע פּאַרטייִשע אָרגאַנען.

מאַרטאָוו: דער נייער פאָרשלאָג, וואָס די כאַווײרים פון „בונד" האָבן אַריינגעטראָגן, ענדערט דעם כאַראַקטער פון דער פראַגע, וועלכע האָט אונדז באַשעפטיקט אין דעם צווייטן פּונקט פון טאָג־אָרדענונג. דער פריערדיקער סטאַטוט האָט געגעבן אַ גאַנצן און קלאָרן פּרינציפּיעלן ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דעם אָרט פון „בונד" אין דער פּאַרטיי. דעריבער האָבן מיר אין אונדזער פּרינציפּיעלער רעזאָליוציע איינגעשלאָסן אַ פּרינציפּיעלע אָפּשאַצונג פון דעם ערשטן סטאַטוט. דער צווייטער פּראָיעקט גיט ניט אַזאַ פּינקטלעכן ענטפער. און אים איז דער פּרינציפּ פון אויטאָנאָמיע צונויפגעפלאָכטן מיט פעדעראַטיווע יעסוידעס. מיר קאָנען איצט ניט באַהאַנדלען און געניי שטימען אַ פּאַראַגראַף פון אַ פּראָיעקט פון איין טייל פון סטאַטוט פון דער פּאַרטיי, דערפאַר, ווייל די דעטאַלן דאַרפן באַשטימט ווערן לויט דעם כאַראַקטער פון דער אַלפּאַרטייִשער אָרגאַניזאַציע. ניט ווילנדיק איצט די פאָרמען פון דער אָרגאַניזאַציע, קאָנען מיר די דעטאַלן ניט באַשטימען. אויב די כאַווײרים פון „בונד" וועלן ניט צוריקציען פון באַהאַנדלען אין צווייטן פּונקט פון טאָג־אָרדענונג דעם נייעם פּראָיעקט, וועט אונדז אויסקומען אין אונדזער פּרינציפּיעלער רעזאָליוציע איינגאַנצן אָפּוואַרפן דעם נייעם סטאַטוט. אויב דער „בונד" וויל, אַז ער זאָל דעטאַל באַהאַנדלט ווערן, מוז ער אים צוריקציען. אויב ער וועט

פון „בונד“ ניט צוריקגעצויגן ווערן, וועלן מיר אויסשטרייכן פון פראיעקט פון דער רעזאָליוציע די ווערטער וועגן ערשטן סטאַטוט און וועלן זאָגן: „וואָס עס איז אפילו אויסגעדריקט אין דער געענדערטער פאָרם“.

ליבער: מארטאָווס פאָרשלאָג קאָן ניט אָנגענומען ווערן. ער דערקלערט, אַז אין אונדזער פּראָיעקט ווערן פאָרגעלייגט פעדעראַטיווע באַציונגען. איך זאָג, אַז ניט, האָגאָם איך בין אַן אָנהענגער פון פעדעראַציע. נעמענדיק אין אַכט, אַז די פּרינ־ציפּיעלע רעזאָליוציע באַשטימט פאָרויס די פראַגע וועגן דעם נייעם סטאַטוט, וואָס מיר לייגן פאָר, דעריבער באַשטיי איך אויף דעם, אַז ער זאָל דעטאַל באַהאַנדלט ווערן. ווי קאָן מען טאַקע אָננעמען אַן אַלגעמיינע רעזאָליוציע, ווען מיר ווייסן נאָך ניט, צי עס איז דאָ אַ פעדעראַטיווער פּרינציפּ אינעם נייעם סטאַטוט. און דערצו נאָך האָט ביכלאַל קיינער נאָך ניט גערעדט פּרינציפּיעל וועגן פעדעראַטיוון פּרינציפּ. מיר האָבן אויך די פראַגע נאָך ניט פאָרויסבאַשטימט און ווילן ניט אַריינשמוגלען דעם פעדע־ראַטיוון פּרינציפּ, ווי אַ קאָנטראַבאַנדע, דערפאַר שטעלט זיך מאַרטאָוו אומזיסט באָם שלאָגבוים און לייגט פאָר קעגן אונדז אַ בולאַ (אַ ביירעם).

פּלעכאַנאָוו: דער פּראַקטישער פאָרשלאָג פון ליבערן באַשטייט דעריז, אַז מע זאָל ניט אָננעמען קיין פּרינציפּיעלן באַשלוס. איך פּראָטעסטיר קעגן דעמדאָזיקן פאָר־שלאָג. איך דענק ניט אַרויסצוטרעטן קעגן אַ באַשטימטן פאָרשלאָג פון „בונד“. מיר ווילן קומען צו אַן אויסגלייך מיט דערדאָזיקער פּאַרטייִשער אָרגאַניזאַציע. צום באַדויערן אָבער איז אין אונדזער פּאַרטייִשער ליטעראַטור אַרויסגעשוווּמען די פראַגע: אויטאָנאָמיע אָדער פעדעראַציע. די דאָזיקע פראַגע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרן צוזאַמענפאָר פאַר אַזוי וויכטיק, אַז ער האָט באַשטימט זי שטעלן צו באַהאַנד־לען אין דער ערשטער ריי. און נאָך אַ צווייטאָגיקן וויקועך, נאָכדעם, ווי מיר האָבן אויסגעהערט ליבערס מיינונג וועגן די גליקן פון פעדעראַציע, וואָלט געווען מאָדנע, ווען מע זאָל ניט אויסטערפירן קיין סאַכאַקל פון דעם, צו וואָס מיר זיינען געקומען. אויב די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע, וואָלט געווען מעשוגעדיק, ניט צוועקמעסיק און ניט לאָגיש אָפּצוואַרפן אַזאַ רעזאָליוציע. אויב דער פּרינציפּ פון פעדעראַציע ווערט באַטראַכט אַלס שעדלעכער, וואָס ברענגט צעפאַלונג, טויט, מוז אַ רעזאָליוציע אָנגענומען ווערן און אין איר דאַרף געזאָגט ווערן: מיר וואַרפן אָפּ פעדעראַציע. גערעכט איז מאַרטאָוו, ווען ער זאָגט, אַז ניט באַהאַנדלענדיק גענוי דעם סטאַטוט, דאַרפן מיר אין אַ פּרינציפּיעלער רעזאָליוציע זאָגן: אַז אויף וויפל דער פעדעראַטיווער פּרינציפּ איז פאַראַן אין דעם פאָרשלאָג פון „בונד“, אויף אַזויפיל דאַרפן מיר אים אָפּלייקענען. האַגאָם אין דעם נייעם פאָר־שלאָג גייען זיי אויף האַנאָכעס, אָבער אין גרונט פון אים ליגט דער פעדעראַטיווער פּרינציפּ. אַזאַ איז, אַלנפאַלס, מיין פערזענלעכע מיינונג. אויב מיר זאָגן זיך אַרויס קעגן פעדעראַליזם, זאָגן מיר זיך דערמיט גופע אַרויס קעגן די אָנגעוויזענע פּונקטן, אַרייבערטראָגנדיק די גענויע באַהאַנדלונג פון דעם פאָרגעלייגטן סטאַטוט אויף דער צייט, ווען עס וועט שטיין די באַהאַנדלונג פון דעם זעקסטן פּונקט פון טאָג־אָר־דענונג.

מאַרטאָוו: דער ב׳ ליבער היט ניט אָפּ די אָנגענומענע טאָג־אָרדענונג. מיר האָבן פאַרשטאַנען דעם ערשטן סטאַטוט, ווי אַן ענטפער פון „בונד“ אויף דער פראַגע וועגן דער

לאַגע פון „בונד" אין דער פּאַרטיי. דער צווייטער סטאַטוט גיט ניט קיין ענטפער אַף דער געשטעלטער פּראַגע. דעריבער לייג איך פאָר אים איצט אַראָפּנעמען פון באַהאַנדלונג און אים ווידער פאַרלייגן דאַן, ווען עס וועט אויסגעאַרבעט ווערן דער אַלגעמיין־פּאַרטייִשער סטאַטוט. איצט קאָן ער אָדער איינגאַנצן אָנגענומען ווערן, אָדער איינגאַנצן אָפּגעוואָרפן ווערן. נאָר אַזוי ווי טאָן דאָס קאָנען מיר ניט דערפאַר, ווייל דער צווייטער פּראָיעקט גיט ניט קיין דירעקטן ענטפער אַף דער געשטעלטער פּראַגע, מוז דער „בונד" צוריקציען דעם פּראָיעקט. מיט אונדזער פּרינציפּיעלער רעזאָליוציע גיבן מיר אַן ענטפער ניט נאָר דעם „בונד", נאָר אויך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

האָפמאַן: איך מוז קאָנסטאַטירן, אַז די כאַווײרים פּלעכאַנאָוו און מאַרטאָוו האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך צו ענדערן די טאָג־אָרדענונג. מיר זיינען באַשטאַנען אַף דעם, אַז די פּראַגע וועגן „בונד" זאָל באַהאַנדלט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער פּאַרטיי. אָבער די מערהייט פון צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן צו שטעלן די פּראַגע אָפן ערשטן אָרט. מע האָט אונדז געזאָגט, אַז וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּראַגע עקזיסטירן אין דער פּאַרטיי גרונטלעכע כילוקידייעס, וועלכע מוזן פריער פון אַלץ באַזייטיקט ווערן און מיט דעם איז מאָטיווירט געוואָרן די נייטיקייט צו אויסטיילן די פּראַגע וועגן „בונד" באַזונדער פון דער אַלגעמיינער פּראַגע וועגן אָרגאַניזירן די פּאַרטיי. די פּראַגע איז אויסגעטיילט געוואָרן. איצט וויל מען דאָס ווידער אַריבערטראָגן צו דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן סטאַטוט. דער ערשטער פּונקט פון טאָג־אָרדענונג הייסט: „דאָס אָרט פון „בונד" אין דער פּאַרטיי". דאָס אָרט פון „בונד" קאָן באַשטימט ווערן אין קאָנקרעטן זינען. מיר האָבן אַריינגעטראָגן צו דעם פּונקט אַ גאַנץ קאָנקרעטן פאָרשלאָג, און אַזוי לאַנג, ווי דערדאָזיקער פאָרשלאָג איז ניט באַהאַנדלט געוואָרן, קאָנען מיר ניט אַריבערגיין צום צווייטן פּונקט פון טאָג־אָרדענונג. אין לויף פון דעבאַטן איז ניט פאַרוואָרט צו אָנעמען פּרינציפּיעלע רעזאָליוציעס, אָבער דער צוזאַמענפאָר האָט קיין רעכט ניט צו אַראָפּנעמען פון טאָג־אָרדענונג די פּראַגע וועגן „בונד" און פאַרבייטן זי מיט אַ פּרינציפּיעלער פּראַגע: „וועגן אויטאָנאָמיע אָדער פעדעראַציע". פאַרשטייט זיך, אַז די מערהייט פון צוזאַמענפאָר קאָן האַנדלען ווי זי וועט געפינען פאַר נייטיק און מיט געוואַלד ענדערן די טאָג־אָרדענונג — קעגן דעם וועסטו גאָרניט מאַכן; אָבער דאָס וועט זיין ניט געזעצלעך פון איר זייט.

איצטער עטלעכע ווערטער וועגן כ' מאַרטאָווס רעזאָליוציע. אונדז האָט מען אויסגעוואָרפן אין וועלן מאַכן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע רעוואָליוציע. איך וועל באַלד דערוויזן, אַז צו דעם שטרעבט איר דורך דעם דריטן פּונקט פון מאַרטאָווס רעזאָליוציע, וועלכער זאָגט, אַז „אַזאַ איינקייט שליסט גאָר ניט אויס די זעלבשטענדיקייט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם, וואָס איז נגייע די באַזונדערע אויפגאַבן פון אַגיטאַציע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס דאָס דרינגט אַרויס פון דער באַזונדערער שפּראַך און פון באַדינגונגען פון לעבנשטיינער". אין מאַניפעסט ווערט גערעדט וועגן אויטאָנאָמיע אין די פּראַגן, וועלכע זיינען ספּעציעל נגייע דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. איצט וויל מען פאַרשמעלערן די דאָזיקע אויטאָנאָמיע און דערפירן זי צו אַ טעכנישער אויטאָנאָמיע, מיט וועלכער עס באַנוצט

זיך יעדער קאָמיטעט. מע וויל דעם „בונד" צוגלייכן צו אַ פּאַשעטן קאָמיטעט, מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס די טעכנישע אויטאָנאָמיע ווערט פון „בונד" דורכגעפירט אויף אַ גרעסערן שטעטל. דאָס הייסט, מאַכן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע רעוואָליוציע. אויב מע וויל באַהאַנדלען מאַרטאָווס רעזאָליוציע, מוז אין איר קלאָר געזאָגט ווערן, אַז דאָס אָננעמען זי שליסט ניט אויס די מעגלעכקייט צו באַהאַנדלען דעם סטאַטוט, וואָס מיר האָבן אַריינגעטראָגן.

טראָצקי: איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס די כאַוויירים פון „בונד" שטעלן זיך קעגן אַ פּרינציפּיעלער רעזאָליוציע. אונדז איז פאָרגעלייגט געוואָרן אַ פּראָיעקט פון אַ סטאַטוט, וואָס אין גרונט פון אים — ווי עס דערקלערט דער פאָרטרעטער — איז געלייגט געוואָרן דער פּרינציפּ פון פעדעראַציע. אונדזערע דעבאַטן האָבן באַוויזן די באַשטימט-נעגאַטיווע באַציִונג פון צוזאַמענפאָר צו דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע, האָבן געצוווּנגען די כאַוויירים פון „בונד" צו נעמען צוריק זייער פּראָיעקט. אָט דעם עטאַפּ אין אונדזערע דעבאַטן ווילן מיר, ווי „דאָקטרינערן", פאַרפעסטיקן מיט אַ רעזאָליוציע. נאָך דעם איז די פראַגע פון פעדעראַציע שוין אַ פאַרבייגייענדיקע שטופע.

אָבער מע זאָגט אונדז, צו וואָס דאַרף די דאָזיקע פּרינציפּיעלע רעזאָליוציע אָנגענומען ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיטן „בונד"? ווען אָבער נעמען מיר אָן ביכלאַל פּרינציפּיעלע רעזאָליוציעס? דאַן, ווען דאָס פאָדערט דער פּאַרטיי-לעבן. מיר זיינען דאָך פּאָליטיקער און ניט קיין אַקאַדעמיקער. מיר מוזן דאָך פעסטשטעלן אונדזער באַציִונג צו דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע. פאַרוואָס בינדן מיר צוזאַמען די דאָזיקע פראַגע מיטן „בונד"? דערפאַר, ווייל דער „בונד" האָט זיך צוזאַמענגעבונדן מיט דער דאָזיקער פראַגע.

מיר זיינען „דאָקטרינערן". דעם ערשטן פּראָיעקט פון סטאַטוט האָבן מיר פּונקטנווייז באַטראַכט ניט צוליב דעם, אַז מיר זאָלן זיך טיילנווייז אויסדרינגען, נאָר קעדיי אויף דעם אַנאַליז פון די דאָזיקע פּונקטן קלאָר צו מאַכן דעם פּרינציפּיעלן גרונט פון פּראָיעקט — דעם פעדעראַליזם און אָפּוואַרפן דעם פּראָיעקט אינגאַנצן. די כאַוויירים פון „בונד" טראָגן אַריין אַ נייעם פּראָיעקט. זיי ווילן, אַז מיר זאָלן אים באַטראַכטן פּונקטנווייז. צוליב וואָס? קעדיי אים אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן טיילנווייז. ווי „דאָקטרינערן", וועלן מיר דאָס ניט טאָן. מיר זיינען גרייט אים צו באַטראַכטן, נאָר צוליב דעם, קעדיי אים דורכקאָנטראָלירן פון דער פּרינציפּיעלער זייט און אָפּהענגיק פון איר — אָדער אָפּוואַרפן אים אינגאַנצן אָדער אים אַריבערטראָגן אויף דעם מאָמענט, ווען עס וועלן באַהאַנדלט ווערן די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

דער כ' האָפמאַן האָט אין זיינע דערווידערונגען דעם כ' מאַרטאָוו מיט שרעק געפרעגט: הייסט עס, אַז די אויטאָנאָמיע פאַרן „בונד" שטעלט איר זיך פאָר, פּונקט ווי פאַר די אָרטיקע קאָמיטעטן, ד. ה., ריין טעכניש. יאָ, פון אונדזער שטאַנדפּונקט שיידט זיך די אויטאָנאָמיע פון „בונד" פּרינציפּיעל ניט אונטער פון דער אויטאָנאָמיע פון יעדן קאָמיטעט. אויב דאָס דורכפירן אין לעבן די אַלפּאַרטייִשע פּראָגראַם, אין די גרענעצן פון דער טאַקטיק, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר, זאָל מען אָנרופן טעכניק, וועט די אויטאָנאָמיע פון יעדן קאָמיטעט

און אויך פון „בונד" זיין — א ריין טעכנישע. אָבער די אווטאָנאָמיע פון „בונד" איז א ברייטערע, אַף וויפל דער ראַיאָן פון זיין טעטיקייט איז א ברייטערער, אַף וויפל דידאָזיקע אַרבעט קומט פאָר אין ספּעציעלע באַדינגונגען און אין א ספּעציפֿישער סוויווע.

איך מוז נאָך אָנווייזן אַף איין זאַך, וואָס ווערט אומפאַרמיידלעך איבערגעכאַזערט אין די רעדעס פון יעדן כאַווער פון „בונד". דאָס איז די אָנווייזונג אַף דער אומבאַקוועמלעכקייט פון דער אָנגענומענער טאָג־אָרדענונג. אַלס באַווייז שטיצט מען זיך אַף דעם ניט נאָרמאַלן גאַנג פון אונדזערע דעבאַטן. די כאַווערים פון „בונד" פאַרגעסן אָבער, אַז בא אונדז איז ניטאָ די מעגלעכקייט צו מאַכן א קאָנקרעטע פאַרגלייכונג, ווייל מיר קאָנען ניט דורכפירן דעם טייער־קאָסטנדיקן עקספּערימענט פון א דיסקוסיע אין אזא אָרדענונג, ווי עס האָט געוואָלט די בונדישע דעלעגאַציע. אַפן גרונט פון דיזעלבע אַלגעמיינע סוואָרעס, וואָס איך האָב שוין פריער ארויסגעזאָגט, רעכן איך און באַהויפּט דאָס, אַז אונדזער אָרדענונג פון באַהאַנדלען די פראַגן איז בעסער איידער יענע, בא וועלכער אַלע קאָמפּליצירטקייטן, וואָס זיינען ארויסגעשווומען אין דערהדאָזיקער דיסקוסיע, וואָלטן געדריקט אַף אונדזערע דעבאַטן אַף א פאַרמאַסקירטן אויפן.

פלעכאַנאָוו: איך וויל מאַכן צוויי באַמערקונגען דעם כ' האָפמאַן: די ערשטע וועגן דער פראַגע פון טעכנישער אווטאָנאָמיע. אַלץ, וואָס עס גייט אריבער די גרענעצן פון דערדאָזיקער אווטאָנאָמיע, האַלטן מיר פאַר פעדעראַליזם און וואַרפן עס אָפּ אַלס אַזעלכע. אָבער די גרענעצן פון טעכנישער אווטאָנאָמיע קאָנען זיין ברייטע אָדער שמאָלע. און מיר האָבן ניט בעדייע צו פאַרשמעלערן זיי. מע זאָגט אונדז, אַז מיר האָבן געביטן די טאָג־אָרדענונג. אינדערעמעסן אָבער איז קיין שום ענדערונג ניטאָ. מע זעט דאָס דערין, וואָס מיר ווילן זיך שטעלן אַף א פּרינציפּיעלן באָדן. דער צווייטער פונקט פון טאָג־אָרדענונג הייסט: „דאָס אָרט פון „בונד" אין דער פּאַרטיי"; מיר וועלן ענטפערן: דאָס אָרט פון „בונד" טאָר ניט באַשטימט ווערן דורך פעדעראַטיווע פּרינציפּן. וועט דאָס זיין אן אָפּנויג? ניין. דאָס וועט זיין א קלאָרער, קאַטעגאָרישער און אומצווייידייטיקער ענטפער אַף דער צווייטער פראַגע פון טאָג־אָרדענונג. אזא ענטפער וועט ניט געפעלן ווערן דעם „בונד", אָבער מיר זיינען ניט מעכויעוו אים צו געפעלן, און דער צוזאַמענפאָר וועט קאָנען מיט א רויק געוויסן אָננעמען דעם פאָרגעלייגטן באַשלוס.

ליבער: איך שטיץ די מעלדונג פון כ' האָפמאַן און כאַזער איבער: די כ"כ פלעכאַנאָוו און מאַרטאָוו ענדערן די טאָג־אָרדענונג. איך וועל עס קלאָר מאַכן. שטעלנדיק די פראַגע: „אווטאָנאָמיע אָדער פעדעראַציע", באַשטימט מען פאָרויס, אַז דער פּראָיעקט פון אונדזער סטאַטוט געהערט צו דער אָדער יענער קאַטעגאָריע, אין דער צייט ווען עס קאָן זיין א דריטע קאַטעגאָריע. עס איז ווייניק צו זאָגן: מיר זיינען קעגן פעדעראַציע; מיר מוזן געבן אויך א פּאָזיטיוון ענטפער און זאָגן פאַר וואָס זיינען מיר פאָרט. דעם ענטפער גיבן מיר אין אונדזער פּראָיעקט פון סטאַטוט, קיין אַנדערער האָט נאָך אים ניט געגעבן. מע זאָגט אונדז, אַז די פראַגע איז אַזוי אוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער בונדישער ליטעראַטור, אָבער דאָס איז ניט קיין ארגומענט: וועגן דעם וועלן מיר ריידן באַם באַהאַנדלען די פראַגע וועגן אונדזער ליטעראַטור.

אין „איסקרא" איז דאָך אויך אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע: „צי דאַרף דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי". און אַן ענטפער אָף דער פראַגע איז געגעבן געוואָרן אַ נעגאַטיווער. אָבער איצט רעכענען מיר זיך מיט דעם ניט.

מאַרטאָווס רעזאָליוציע מוז אָפּגעוואָרפן ווערן דערפאַר, ווייל אַפּלייקענענדיק פעדעראַציע, גיט זי גאָרניט קיין פּאָזיטיוועס. דער ענטפער, וואָס מיר גיבן, הערט ניט אויף צו זיין קיין פּרינציפּיעלער צוליב דעם, וואָס ער איז אויסגעדריקט ניט אין איין וואָרט, ווי דאָס וויל דער כ' פּלעכאַנאָוו, נאָר אין אַ גאַנצן סטאַטוט. מאַרטאָווס רעזאָליוציע נעמען מיר ניט אָן, ווייל דאָס „פּאָזיטיוועס", וואָס אין איר איז פאַראַן, איז פאַרנעפּלט און ניט קלאָר. די כ"כ פּלעכאַנאָוו און טראָצקי זיינען מער קאָנסעקווענט. מיר נעמען אָן די רעזאָליוציע, וועלכע וואַרפט אָפּ דעם צווייטן אין דריטן פּונקט, אָבער מיר ווילן ניט זיין אַזוי נאַיוו, אַז מיר זאָלן נאָכאַמאָל אַריינטראָגן דאָס, וואָס מע האָט שוין אָפּגעוואָרפן. איך לייג פאָר — אָדער אינגאַנצן ניט באַטראַכטן, אָדער באַטראַכטן פּונקטנווייז.

(די זיצונג ווערט געשלאָסן).

אכטע זיצונג

(בייגעווען 42 דעלעגאַטן מיט 51 מאַנדאַטן אָף באַשטימונג־רעכט און 8 פּערזאָן מיט באַראַטונג־רעכט).

די דעבאַטן וועגן צווייטן פּונקט פון טאָג־אָרדענונג ווערן פאָרגעזעצט.

רוסאָוו: די כאַווערים פון „בונד", באַזונדערס דער כ' ליבער, האָבן קעסיידער אָנגעוויזן, אַז עס איז נייטיק צו באַטראַכטן דעם סטאַטוט, וואָס זיי האָבן פאָרגעלייגט, פּונקטנווייז און ניט נאָר באַמיען זיך אין עטלעכע ווערטער צו געפינען אַ פּרינציפּיעלע באַגרינדונג און אַרויסטראָגן די אָדער יענע רעזאָליוציע. דער כ' ליבער זאָגט, אַז דאָס באַהאַנדלען דעם פּראָיעקט פון סטאַטוט פּונקטנווייז וועט אָן און פאַר זיך זיין אַ פּרינציפּיעלע ליזונג פון דער פראַגע. לויט מיין מיינונג איז דאָס אַן אומזיסטע מוירע פאַר פּרינציפּיעלקייט. עס איז אוממעגלעך צו שרייבן אַ סטאַטוט ניט אַרויסגייענדיק פון אַ וועלכן עס איז באַשטימטן פּרינציפּ, אויב נאָר דער סטאַטוט אַליין איז ניט קיין פּרינציפּלאָזער, און אַזאַ כאַראַקטעריסטיק, דענק איך, ווילן די כאַווערים פון „בונד" זייער פאָרשלאָג ניט געבן. דעריבער ווילן מיר זוכן די ניט אינגאַנצן אָפן אויסגעדריקטע פּרינציפּיעלע באַגרינדונג פון דעם פאָרגעלייגטן נייעם סטאַטוט.

אין צווייטן פּונקט פון פאָרגעלייגטן סטאַטוט באַגעגענען מיר זיך מיט אַ געדאַנק, וועלכער ווידערשפּרעכט די גרונט־געדאַנקען פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם וועגן דער סאָלידאַרישקייט פון די קלאַסן־אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט. דאָרט ווערט געפאָדערט אַ באַזונדערע פאָרשטייערשאַפט פאַר די אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אַזאַ פאָרשטייערשאַפט וואָלט געהאַט אַ זין, ווען די קלאַסן־אינטערעסן פון יידישן און רוסישן פּראָלעטאַריאַט וואָלטן אָף וועלכן עס איז אויפן ווידערגעשפּראָכן איינע די צווייטע. דאָס איז ניטאָ און קאָן ניט זיין. אַן אַנדער זאַך איז, ווען מע רעדט פון גרופּן־אינטערעסן. אַזוי, צום ביישפּיל, אַ צוזאַמענשטויס פון

די אינטערעסן פון די אמעריקאנישע ארבעטער מיט די געקומענע בינעזער, אדער פון די באטומער ארבעטער מיט די אנגעקומענע פון טערקיי. אבער אזעלכע ווידערשפרוכן האבן קיין שייכעס ניט מיט קלאסן־אינטערעסן. מאסקים זייענדיק מיט דעם פונקט, וואלטן מיר שוין דורך זיין אנערקענונג לאגיש געמוזט אנערקענען פעדעראציע און דאס וואלט געהייסן, ווי טראצקי האט זיך ריכטיק אויסגעדריקט, אונטערשרייבן זיך אן אומצוטרוי. אבער ניט נאר אין דעם אליין זעט זיך דער פרינציפ פון פעדעראציע אינעם פארגעלייגטן סטאטוט. לויט דעם דריטן פונקט קלייבט דער „בונד" אויס זיין פארשטייער אין די צענטראלע אנשטאלטן פון דער פארטיי. האגאם דער באווער ליבער דערקלערט דערביי, אז אריינגייענדיק אין צענטראל־קאמיטעט, ווערט דער פארשטייער פון „בונד" מיט דעם אליין שוין א מיטגליד פון דער פארטיי. אויב ער וועט נאר זיין א מיטגליד פון פארטיי, טא צו וואס, פרעגט זיך, איז נייטיק זיין אומבאדינגטע אפשטאמונג פון „בונד", צי איז דאס ניט קלאר, אז די כאוויירים פון „בונד" ווילן פארהיטן אויך אין די צענטראלע אנשטאלטן פון דער פארטיי זייער באזונדערע פארשטייערשאפט אף צו פארטיידיקן די אינטערעסן פון זייער ארגאניזאציע. וואס איז דאס, אויב ניט קיין פעדעראציע? איך האב נאך אין מיין ערשטער רעדע אנגעוויזן אף דעם ארגאניזאציאנעלן סעפאראטיזם פון „בונד". און איצט האט זיך עס קלאר ארויסגעוויזן אין דעם באליידיקטן טאן פון כ' האפמאן, בא דער אנ־ווייזונג אף דעם, אז דער „בונד" ווערט צוגעגליכן צו א ראיאנער ארגאניזאציע, אדער צו א קאמיטעט פון דער פארטיי. דערוף האבן שוין דערווידערט די כאוויירים טראצקי און פלעכאנאוו און צו זייער מיינונג פארייניק איך זיך אויך.

דער כ' ליבער האט קעסיידער אנגעוויזן, אז קיינער פון די רעדנער האט ניט דערקלערט, וויאזוי זיי שטעלן זיך פאר די באציונג פון „בונד" צו דער פארטיי. מיר דוכט, אז אלע האבן דייטלעך אונטערגעשטראכן און איך האב אפן דאס פריער געזאגט, אז א אידעאלע ארגאניזאציע פון דער פארטיי וואלט געווען די עקזיסטענץ פון אייגהייטלעכע קאמיטעטן פון דער פארטיי אין אלע שטעט, וועלכע זאלן פירן אן ארבעט אף אלע שפראכן, אף וועלכע עס וועט זיך פאדערן. דעם פרינציפ וואלט געווען געוואונטשן צו פארשפרייטן אויך אין מיירעוו־אייראפע. אבער אונדז קומט אויס צו רעכענען זיך מיט די היסטאריש געשאפענע באדינגונגען. אט פארוואס עס קומט אויס צו פארייניקן זיך צו דער רעזאליוציע פון כאווער מארטאוו.

טראצקי: די פראגע וועגן ארט פון „בונד" אין דער פארטיי איז פון סאמע אנהייב אן געשטעלט געווארן, ווי א פראגע וועגן פעדעראציע אדער אווטאנאמיע. געשטעלט האט דידאזיקע פראגע דער „בונד" און די מערהייט האט זיך ארויסגעזאגט קעגן פעדעראציע. דער „בונד" האט פארגעלייגט א נייעם סטאטוט, אין וועלכן דער פארטרעגער אליין האט ניט קאנסטאטירט זיין פרינציפ. אומזיסט דערקלערט דער פארטרעגער, אז אפוואחפנדיק פעדעראציע, זעען מיר ניט קיין פאזיטיוון פרינציפ פון פארטייִשער ארגאניזאציע. „ווייל — זאגט דער פארטרעגער — אויסער דעם פרינציפ פון פעדעראציע קאנען זיין א גאנצע ריי אנדערע". דאס איז א מיספארשטייעניש. איך כאזער איבער נאכאמאל, אז די פראגע איז געשטאנען אזוי: פעדעראציע אדער אווטאנאמיע. אבוואחפנדיק דאס ערשטע, שטעלן מיר איין א פאזיטיווע דעפיניציע: אן אייגהייטלעכע פארטיי מיט א גרעסערער אדער קלע־

נערער קאנקרעט־באשטימטער אויטאנאמיע פון די טיילן. אט פארוואס, אויב דער צווייטער סטאטוט, וואס מע האט אונדז פארגעלייגט, וואלט געווען געבויט אף דעם פרינציפ פון פעדעראציע, וואלטן מיר אים געמוזט אפווארפן אינגאנצן. אבער אויב דאס איז — לויט דער דערקלערונג פון די באוויירים פון „בונד" — ניטא, בלייבט אונדז פעסטצושטעלן אונדזער פרינציפיעלע פאזיציע, אפלייגנדיק די דעטאלע באהאנדלונג פון דעם פארגעלייגטן סטאטוט אף דער צייט פון די אלגעמיין־ארגאניזאציאנעלע דעבאטן, וועלכע ווערן פארויסגעזען אין דעם זעקסטן פונקט פון טאג־ארדענונג. דאן וועלן מיר גענוי פעסטשטעלן די מאס און די גרענעצן פון דער אויטאנאמיע פון „בונד". אט פארוואס איך באשטיי, אז מע זאל אננעמען די פאלגנדיקע רעזאליוציע, וועלכע פירט אונטער א פולן סאכאקל פון אונדזערע דעבאטן (לייענט דעם צווייטן טייל פון מארטאווס רעזאליוציע).

עס ווערט ארייננעטראגן א פארשלאג שליסן דעם צעטל פון די רעדנער.

אקימאוו: איך רעכן, אז שליסן דעם רעדנער־צעטל איז ניט נייטיק, אזוי ווי די פראגע איז שוין אין א גענוגנדיקער מאס קלאר און ס'איז א סאפעס, צי די דעבאטן קאנען זיך לאנג פארציען. אבער פונדעסטוועגן קאן זיין, אז נאך די ארויסטרעטונגען פון די שוין־פארשריבענע רעדנער וועט עפשער זיין נייטיק צו ענטפערן אף זיי.

עס ווערט באשלאסן צו שליסן דעם צעטל פון די רעדנער.

ליבער: צווישן וואס פאר א „פארשיידענע" ראסן לעבט דער יידישער פראלעטאריאט? אף וויפל עס איז באוווסט, לעבט ער ניט צווישן ראסן, נאר צווישן נאציעס. וואס באטייט אין דער רעזאליוציע „די זעלבשטענדיקייט פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג"? אויב די יידישע ארבעטער־באוועגונג איז א זעלבשטענדיקע, דארף זי האבן א זעלבשטענדיקע ארגאניזאציע.

טראצקי: עפשער וועט דער ב' ליבער ארייינטראגן אן אויסבעסערונג צו דער רעזאליוציע.

ליבער: איך קאן ניט ארייינטראגן קיין אויסבעסערונג קאלזמאן איך האב ניט באקומען קיין דערקלערונג: עס קאן זיין, אז די דערקלערונגען וואלטן גראד אפגעווארפן די פארגעלייגטע רעזאליוציע.

טראצקי: קיינע נייס קאן איך ניט זאגן. אויב דער ב' ליבער געפינט איין, אז מיין געדאנק איז ניט גענוג קלאר, איז זיין כוויוו ארייינצוטראגן אן אויסבעסערונג. די רעזאליוציעס פון צוזאמענפאר ווערן דאך געשריבן ניט בלויז פאר זיינע מיטגלידער אליין, נאר פאר אלעמען, וואס אינטערעסירן זיך מיטן צוזאמענפאר.

לויט דעם פארשלאג פון פארזיצער דערקלערט דער ב' טראצקי, אז מיט די ווערטער „זעלבשטענדיקע יידישע ארבעטער־באוועגונג" מיינט מען די ארגאניזירטע זעלבשטענדיקייט, ד. ה., די אויטאנאמיע פון „בונד".

פלעכאנאוו: עס וואלט געווען געווונטשן, אז דער ב' ליבער זאל קלאר מאכן זיינע עטנאגראפישע אנשויונגען דערפאר, ווייל זיין „קריטיק" האלט ניט אויס קיין קריטיק. אין דער מאדערנער וויסנשאפט איז אלנפאלס ניטא קיין פינקטלעכע דעפיניציע פון די באגריפן: ראסע און נאציע. און מע קאן אלציינס זאגן: די ליטווישע ראסע און די ליטווישע נאציע.

מאַרטאָוו: ווי עס ווייזט אויס, האַלט זיך דער כ׳ ליבער בײַ דער אַלטער צעטיילונג אויף 5 ראַסן, וועלכע איז אָנגענומען אין געוויסע ווערק...

טראָצקי: באַזונדערס אין די לערנביכלעך...

מאַרטאָוו: יאָ, אין די לערנביכלעך.

פּאָסאַדאָווסקי: שוין אין דער איצטיקער צייט קומט אויס דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צו לעבן צווישן אַזעלכע פּראָלעטאַריער ניט קיין יידן, וועגן וועלכע אַפילו פונעם שטאַנדפּונקט פון די פּרימיטיווע לערנביכער קאָן ניט זיין קיין ספק, אַז זיי באַלאַנגען צו אַן אַנדער ראַסע, ווי די יידן. צ. ב. אויף קאַווקאַז צווישן טאַטערן, וואָס, ווי באַוווּסט, געהערן זיי צו די מאָנגאָלן, אין קאַזאַן אויך צווישן טאַטערן, אין סיביר צווישן בוריאַטן, כינעזער א. ד. גל. דערפאַר באַשטיי איך אויף דעם, אַז אין כאַווער מאַרטאָוווס רעזאָליוציע זאָל פאַרבלייבן דאָס וואָרט ראַסע, וואָס פאַרברייטערט זיין באַדייטונג.

האָפמאַן: איך באַשטיי אין נאָמען פון די כאַווירים, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל גלייך באַהאַנדלען אונדזער פאָרשלאָג דערפאַר, ווייל ער איז אַ דירעקטער ענטפער אויפן צווייטן פונקט פון טאָג־אָרדענונג.

מאַרטאָוו: מיר דאַרפן בעעמעס געבן אַן ענטפער אויף דעם צווייטן פונקט פון טאָג־אָרדענונג דערפאַר, ווייל מיר באַהאַנדלען די פראַגע וועגן „אָרט פון „בונד״ אין דער פאַרטיי״ און אונדזער רעזאָליוציע וועט געבן אַ פולקום דירעקטן פּרינציפּיעלן ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע. אָבער דער ענטפער, וואָס דער „בונד״ האָט פאָרגעלייגט, גיט אונדז אַכט ווידערשפּרעכנדיקע פונקטן. דעריבער דאַרפן מיר פאַרבייגיין דעם פאָרגעלייגטן „פּראָיעקט״ און אָפּלייגן צו באַהאַנדלען אים ביז דעם 6־טן פונקט פון טאָג־אָרדענונג. אַ דעטאַלער אַנאַליז פון דעם פאָרגעלייגטן פּראָיעקט האָט פאַר אונדז אין דעם איצטיקן מאָמענט קיין באַדייטונג ניט. די זאַכלעכע באַהאַנדלונג פון דער פראַגע וועגן דעם אָרט פון „בונד״ אין דער פאַרטיי איז אומעגלעך ביז וואַנען מירן ניט באַשטימען פּרינציפּיעל דאָס אָרט פון „בונד״ אין דער אַלגעמיין־פאַרטייִשער אָרגאַניזאַציע.

לענין: איך פאַרשטיי ניט, וואָס פאַר אַ פּראַקטישע באַדייטונג האָט דער פאָרשלאָג פון כ׳ האָפמאַן. ער זאָגט, אַז מיט אונדזער רעזאָליוציע זיכערן מיר ניט קיין ענטפער אויף דער פראַגע, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן אין טאָג־אָרדענונג, אין דער צייט ווען אין טאָג־אָרדענונג שטייט דאָס וואָרט „אָרט״ און אין דער רעזאָליוציע איז געברויכט דאָס וואָרט „לאַגע״. אַזוי לאַנג ווי עס איז ניטאָ קיין דריטער פאָרשלאָג קאָנען מיר אַנדערש ניט האַנדלען, ווי באַשטימען אונדזער באַציונג פּרינציפּיעל, און איבערלאָזנדיק פאַר זיך דאָס רעכט, ווען דאָס וועט זיין נייטיק, באַהאַנדלען אים קאָנקרעט.

יודין בעט אין נאָמען פון די דעלעגאַטן פון „בונד״ צו מאַכן אַן איבעררייס, כדי זיי זאָלן קאָנען האָבן אַ באַראַטונג.

נאָך דעם איבעררייס באַקומט דאָס וואָרט ליבער, וועלכער פאָדערט אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע פון „בונד״, אַז מע זאָל באַלד באַהאַנדלען זייער פאָרשלאָג: אויב אָבער דערדאָזיקער פאָרשלאָג וועט אָפּגעוואָרפן ווערן, וועלן מיר אַרייַנטראָגן צום דריטן פונקט פון מאַרטאָוווס רעזאָליוציע, — מיט וועלכער מיר זיינען אינגאַנצן

ניט מאַסקים, — די פאָלגנדיקע אויסבעסערונג: „...אז אזא איינִיקייט שליסט פאַר קיין פאַל ניט אויס די זעלבשטענדיקייט אין אַלע פראַגן, וועלכע זיינען נעגייע ספּעציעל דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט געגעבן דעם „בונד". מיר מאָטיווירן דאָס דערמיט, וואָס אונדזער אויסבעסערונג כאַזערט נאָר איבער די רעזאָליוציע פון ערשטן צוזאַמענפאָר; דעריבער דאַרף מען איינהיטן אויך איר פאָר־מולירונג, וועלכע ס'האָט געגעבן דערדאָזיקער צוזאַמענפאָר.

מאַרטינאָוו טראָגט אַריין אַן אויסבעסערונג צום דריטן פּונקט פון מאַרטאָווס רעזאָליוציע, מאָטיווירנדיק דאָס דערמיט, וואָס אין דער געענדערטער פאָרם איז די רעזאָליוציע ווייניקער באַשטימט, איידער די, וואָס ער, מאַרטינאָוו, לייגט פאָר *).

לאַנגע טראָגט אַריין אַ דערגאַנצונג צום דריטן פּונקט פון רעזאָליוציע: נאָך די ווערטער „באַזונדערקייטן פון שפּראַך און לעבנסשטייגער" צוגעבן די פראַזע: „אין די ערטער, ווו דידאָזיקע באַזונדערקייטן זיינען פאַראַן".

דער פאַרטרעטער ליבער און דער קאָרעספּערענט מאַרטאָוו אַנטזאָגן זיך פון די שלום־ווערטער. דעהכביי מאָטיווירט ליבער זיין אָפּזאָגן זיך פון שלום־וואָרט מיט דעם, אז „באַ אונדז ווערט איצט פּרינציפּיעל באַהאַנדלט ניט די פראַגע, וועלכע מע האָט געבעטן באַהאַנדלט".

מאַרטאָוו: איך זאָג זיך אָפּ פון דעם וואָרט. איך וויל נאָר אָנווייזן, אז ליבערס אויסבעסערונג באַשטימט אַף אַזויפיל ניט קלאָר די לאַגע פון „בונד" אין דער פּאַרטיי, אַף וויפל די פראַגע איז ניט קלאָר פאָרמולירט געוואָרן אַפן ערשטן צוזאַ־מענפאָר.

נאָך קורצע דעבאַטן וועגן דעם סיידער פון שטימען, טרעט דער צוזאַמענפאָר צו צום אָפּשטימען די אַריינגעטראָגענע אויסבעסערונגען. פאַר לאַנגעס אויסבעסערונג האָט נאָר איינער געשטימט. פאַר ליבערס אויסבעסערונג האָבן געשטימט 13 און 26 קעגן. דערנאָך איז אַריינגעטראָגן געוואָרן און אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאָג, אונטערגעשריבן פון 10 דעלעגאַטן, אז מאַרטאָווס רעזאָליוציע זאָל געשטימט ווערן נעמענטלעך. די אָפּשטימונג האָט געגעבן די פאָלגנדיקע רעזולטאַטן. פאַר דער רעזאָליוציע 45 שטימען, קעגן — 5 שטימען**).

עס ווערט אָפּגעשטימט און אָפּגעוואָרפן מיט אַ מערהייט פון 41 שטימען קעגן

---

*) מאַרטינאָווס אויסבעסערונג צו מאַרטאָווס רעזאָליוציע: דער צווייטער אָרדנטלעכער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי האָט באַשטימט, אַז דער „בונד" זאָל אין דער איצטיקער צייט פאַרבלייבן אין דער פּאַרטיי ווי איין גאַנצעס אין דער פאָרם, ווי ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט ביז דעם 4־טן צוזאַמענ־פאָר פון „בונד" צי ביז דעם מאָמענט, ווען ער האָט פאַקטיש אָנגעהויבן דורכצופירן אין לעבן דעם פּרינציפּ פון פעדעראַטיווע באַציונגען. דערביי וואַרפט ער זיך אומבאַדינגט אונטער אַלע צענטראַלע אַנ־שטאַלטן פון דער פּאַרטיי.

**) פאַר מאַרטאָווס רעזאָליוציע האָבן געשטימט: רוסאָוו (2 שטימען), בעקאָוו (2 שטימען), קאַרסקי (2 שטימען), מאַכאָוו (2 שטימען), לוואָוו (2 שטימען), גוסיעוו, צאַריעוו, אָסיפּאָוו, קאָסטיטש, מעדוועדעוו, איוואַנאָוו, פּאַוולאָוויטש, סטעפּאַנאָוו, פּאַניך, סאָראָקין, בעלאָוו, ליאַדאָוו, גאָרין, פאָמין, מוראַוויאָוו, לאַנגע, דעדאָוו, טראָצקי, פּאָסאַדאָווסקי, לענסקי, אָרלאָוו, פּאָפּאָוו, יעגאָראָוו, גאָרסקי, ברוקער, אקימאָוו, מאַרטינאָוו, פלעכאַנאָוו, דייטש, לענין (2 שטימען), מאַרטאָוו (2 שטימען), גערץ און בראַון.

קעגן דער רעזאָליוציע האָבן געשטימט: האָפמאַן, גאָלדבלאַט, יודין, ליבער, אַבראַמסאָן.

פינף שטימען דער פארשלאג פון דער בונדישער דעלעגאציע, אז מע זאל באַלד באַטראכטן פונקטנווייז דעם פראיעקט פון דעם סטאטוט, וואס זיי האבן פארגעלייגט.

מארטינאוו׳ס רעזאָליוציע האט באקומען 1 שטימע.

דער צוזאמענפאר איז איבערגעגאנגען צום באהאנדלען דעם דריטן פונקט פון טאג־ארדענונג: — די פראגראם פון דער רוסלענדישער ס״ד. דעמאקראטישער אַרבעטער־פארטיי.

אן אויסצוג פון פראָטאָקאָל פון דער 27-טער זיצונג.

...דער צוזאמענפאר גייט איבער צו באהאנדלען די פראגע וועגן נאציאנאלע אָרגאניזאציעס — ד. ה. וועגן „בונד“.

דער פארטרעטער פון דער סטאטוט-קאָמיסיע דערקלערט: די סטאטוט־קאָמיסיע האט ניט באהאנדלט די פראגע וועגן נאציאנאלע אָרגאניזאציעס, דעריבער לייג איך פאר צו באהאנדלען די דאָזיקע פראגע אף דער אלגעמיינער פארזאמלונג. אלס גרונט צום באהאנדלען לייג איך פאר אָנצונעמען די ניין פאראגראפן פון דעם סטאטוט, וואס דער „בונד“ האט אריינגעטראָגן.

גליעבאָוו: דידאָזיקע ניין פונקטן זיינען פארשריבן לויט זייער עצעם. קעדיי צו פארגרינגערן די ארבעט פון צוזאמענפאר, וואלט איך געוואלט זיי פאנאנדערגרופירן, ווייל איך דענק, אז א טייל פון די פונקטן וועט ניט ארויסרופן קיין דערוויידערונג, אבער די פונקטן — צווייטער, דריטער און פינפטער האבן א קארדינאלע באדייטונג. דער מער קארדינאלער פונקט איז דער צווייטער. פון אָט דעם פונקט לייג איך פאר דעם צוזאמענפאר אָנצוהייבן באהאנדלען די פראגע וועגן „בונד“.

יעגאָראָוו (פאר א פארמעלער מעלדונג): דאס וואס דער כאווער גליעבאָוו האט געזאגט, איז ניט געווען די מיינונג פון דער קאָמיסיע, ווייל די קאָמיסיע האט די פראגע ניט באהאנדלט.

פּאָרזיצער: די ביורא געפינט, אז דער כאווער גליעבאָוו האט דאס רעכט נאָך דעם, ווי ער האט איבערגעלייענט דעם בונדס סטאטוט, ארויסצוזאגן זיין פערזענלעכע מיינונג וועגן דעם סיידער פון באהאנדלען די פאראגראפן.

פאפאָוו: דער כ׳ יעגאָראָוו מאכט ניט קיין פאָרוורף דעם כ׳ גליעבאָוו, נאָר ער דערקלערט, אז דאס איז זיין — כ׳ גליעבאָוו׳ס — מיינונג און ניט די מיינונג פון דער סטאטוט־קאָמיסיע.

פּאָרזיצער: איך שטעל צום אָפּשטימען: ווער איז קעגן דעם, אז מע זאל צוערשט שטעלן דעם צווייטן פאראגראף? קיינער ניט.

מארטאָוו: נעמענדיק אין אכט, אז דער צווייטער פאראגראף אנטהאלט אין זיך א בוילעט אויסגעשפראכענעם כאראקטער פון פעדעראליזם, צו וועלכן מיר האבן קלאָר געמאכט אונדזער פרינציפיעלע פּאָזיציע באַם באהאנדלען דעם ערשטן פונקט פון טאג־אָרדענונג, וועל איך דאָ נאָר באקאנען די כאווירים מיט דער דערפארונג פון פעדעראטיווע אָרגאניזאציעס פון אָרטיקן פראָלעטאריאט, וועלכע איז געמאכט געוואָרן אין ריגע. וועגן דערדאָזיקער דערפארונג ווערט באשריבן אין א בריוו, וואס די ריגער כאווירים האבן צוגעשיקט דעם צוזאמענפאָר.

מאַרטאָוו לייענט דעם בריוו. ער גיט איבער דעם אינהאַלט פון א צווייטן בריוו, וועלכער דערקלערט און דערגאַנצט דעם ערשטן, און ער קומט צום אויספיר, אז אויב מע זאָל אָננעמען די פאָרמולירונג פון „בונד", וועט מען פאַרגעזעצלעכן און פאַרייביקן דעם סעפּאַראַטיזם, אין דער צייט, ווען מיר ווייסן, אז הונדערטער און טויזנטער יידישע אַרבעטער זיינען פאַרייניקט נאָר אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. „איך לייג פאָר דעם צווייטן פּאַראַגראַף אינגאַנצן אַרויסוואַרפן און ניט פאַרבייטן אים מיט קיין אַנדערן. איך לייג אויך פאָר ניט באַשטימען דעם ראַיאָן פון דער טעטיקייט פון „בונד", ווייל עס איז אוממעגלעך דעמדאָזיקן ראַיאָן צו באַשטימען".

ליבער: קוידעמקאָל וועל איך שטעלן דעם כ' מאַרטאָוו א פראַגע פון א פאָרמעלן כאַראַקטער וועגן דעם בריוו, וואָס ער האָט איבערגעלייענט. אף וואָס פאַר אַן אויפן האָט די ריגער גרופּע פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע איז ניט אייגעלאַדן געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר, געקאָנט צושטעלן דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר דעם בריוו? ענטפערן אָבער אין טאָך, סיי אויפן „בריוו" סיי אף מאַרטאָווס רעדע, איז ניט נייטיק. וועגן וואָס רעדט דערדאָזיקער בריוו? וועגן א ריי דורכפאַלן אין די פאַרזוכן צו אָרגאַניזירן אין ריגע און צו שאַפן א ברייטע אַרבעטער־באַוועגונג צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע פעלקער, וואָס וווינען אין ריגע. אָבער מיט דעמזעלביקן דערפאָלג האָבן מיר געקאָנט באַשולדיקן די „איסקראַ" אין דעם, אז איר האָט זיך ניט איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן די רוסישע באַוועגונג אין א גאַנצער ריי שטעט, ווי, צום בייש׳פּיל, אין מאָסקווע. די מעכאַברים פון דעמדאָזיקן בריוו, און אויך דער כאָווער מאַרטאָוו, האָבן, ווי עס ווייזט אויס, אַזאַ פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונג וועגן דער רעוואָליוציאָנערער מאַכט פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אז דידאָזיקע „גיבוירים" — די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — האָבן זיך, לויט זייער מיינונג, געדאַרפט נאָר צורירן צום רוסישן פּראָלעטאַריאַט אין ריגע, און די צענדליקער טויזנטער פון דעמדאָזיקן פּראָלעטאַריאַט זאָלן, ווי דורך א קישעף, מיט איין מאָל ווערן רעוואָליוציאָנערן.

וואָס איז נוגייע אונדז, האַלטן מיר אפילע ניט פאַר נייטיק זיך ווייטער אָפּצושטעלן אויפן אַנאַליז פון דידאָזיקע נאַרישע פאַנטאַזיעס, וואָס זיינען דער טאָך פון די באַשולדיקונגען, וועלכע ווערן אַרויסגעשטעלט קעגן אונדז.

אָנשטאָט צו ענטפערן די מעכאַברים פון דעם בריוו אָדער דעם כאָווער מאַרטאָוו, וועל איך זיך דערלויבן צו געבן אייניקע קליינינקע „היסטאָרישע ספּראַווקעס". מיט דער לייכטער האַנט פון דער „איסקראַ" האָט דער גרעסטער טייל פון אונדזערע רוסישע כאַווײרים באַהויפּט, אז אַמאָל איז דער „בונד" געווען א „גוטער", אז ביכלאַל איז פריער געווען אַלץ גלענצנד. נאָר זינט דעם פאַרשאָלטענעם פּערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט זיך אַלץ געביטן: פון דער צייט אָן „האָט זיך אָנגעהויבן" אונדזער „נאַציאָנאַליזם" און „סעפּאַראַטיזם" א. א., א. א. אַזעלכע דערקלערונגען האָט מען געגלויבט אויפן וואָרט דערפאַר, ווייל א גרויסער טייל פון אונדזערע כאַווײרים, באַזונדערס די, וואָס אַרבעטן אין רוסלאַנד, זיינען זייער ווייניק באַקאַנט מיט דער פאַרגאַנגענער געשיכטע פון דער ר.ס.ד.א.פּ.

די היסטאָרישע דאָקומענטן, פון וועלכע איך וועל ברענגען אייניקע ציטאַטן, וועלן אויפן בעסטן אויפן באַווייזן, ווי אומבאַגרינדעט עס זיינען די באַשולדיקונגען,

וועלכע ווערן געמאכט קעגן אונדז. אין 1895 יאָר, ד. ה., מיט צוויי יאָר פאַר דער גרינדונג פון „בונד", ווערט אין איינער פון אונדזערע בראָשורן דערקלערט:

„אַט פאַרוואָס מיר מוזן אנטשיידן דערקלערן, אַז אונדזער ציל, דער ציל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע זייַנען טעטיק אין דער יידישער סוויווע, באַשטייט אין דעם, צו שאַפן אַ ספּעציעלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיין די פירערן און דערציערן פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דעם קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער, בירגערלעכער און פּאָליטישער באַפרייונג. („דער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג זייט 19) *).

אין 1898 יאָר, ד. ה., גלייך נאָך דער אנטשטייונג פון „בונד", איז דערשינען אונדזער בראָשור: „דער קאַמף פון דער פּ.פּ.ס. קעגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", וועלכע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „ראַבאָטניק" נום. 5—6. דידאָזיקע בראָשור שטעלט מיט זיך פאָר אן ענטפער אַף אַ ריי אָנפאַלן, מיט וועלכע די פּ.פּ.ס. האָט באַגעגנט דעם „בונד" גלייך ווי ער איז אַנטשטאַנען. די אָנפאַלן זייַנען אַנאַלאָגיש צו די באַשולדיקונגען, וואָס עס מאַכט איצט קעגן אונדז די „איסקראַ". אָט איז אַ רעזאָליוציע. וואָס די פּ.פּ.ס. האָט אָנגענומען אַף איר פערטן צוזאמענפאָר וועגן „בונד":

„אַזוי ווי דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קאָן האָבן אַזעלכע אויפגאַבן, וועלכע זייַנען געמיינזאַמע אויפגאַבן נאָר מיט דעם פּראָלעטאַריאַט און בלויז פון דעם פאָלק, צווישן וועלכן ער לעבט, און אַזוי ווי די טעטיקייט פון די יידישע גרופּן אונטער דעם נאָמען „דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־„בונד" אין רוסלאַנד און פוילן" האָט אַ שעדלעכן כאַראַקטער פאַר דער באַוועגונג דערפאַר, ווייל די פּראָגראַמישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע איזאָלירטקייט פון „בונד" שטעלט אים אָפּט אין דער לאַגע פון אַ סוינע בענעגייע צו אונדז, — האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסן, אַז דידאָזיקע פּאָליטיק איז ניט קיין ריכטיקע, אַז זי איז ניט סאָלידאַריש מיט דער פּאָליטיק פון פוילישן און ליטווישן פּראָלעטאַריאַט און זיין קאַמף פאַר באַפרייען זיך פונעם רוסישן יאָך" („ראַבאָטניק" נום. 5—6, זייט 72). אַלזאָ, ווי איר זעט, זייַנען ענלעכע באַשולדיקונגען און דערצו נאָך אַף אַזוי פיל ניט דערוויזענע, ווי דאָס טוען אונדזערע קעגנער אויך איצט, קעגן אונדז אַרויסגערוקט געוואָרן פונעם ערשטן טאָג זינט מיר האָבן זיך געגרינדעט. ווי עס איז באַוווּסט יעדן איינעם, וואָס איז כאָטש אַביסל באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן פאַר די לעצטע יאָרן האָבן דידאָזיקע אַלע אינסינואַציעס אַף אַ האָר ניט געשטערט אונדז (טראָץ די אָנשטרענגונגען פון פּ.פּ.ס.) צו שאַפן אין פוילן די סאמע פעסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע ווערט אָנגעפירט פון „בונד". ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, איז אין „ראַבאָטניק", וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון דער „גרופּע באַפרייונג פון אַרבעט", געווען אָפּגעדרוקט, אָן קיין שום באַמערקונג מיצאַד דער רעדאַקציע, אַ שאַרפער ענטפער, פול מיט סאַרקאַזם און ליידנשאַפטלעכקייט, אַף די באַשולדיקונגען, וואָס

*) ליבער האָט ציטירט מאַרטאָווס רעדע פון ערשטן מיי 1895, וועגן וועלכער מיר האָבן זיך גענוי אָפּגעשטעלט אין דעם אַריינפיר צו דעמדאָזיקן בוך.

זיינען דאָ קעגן אונדז אַרויסגערוקט געוואָרן מיוצאַד דער פּ.פּ.ס.; באַגלייך מיט אונדזער פּראָטעסט איז געדרוקט געוואָרן אַ פּראָטעסט פון דער „ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" קעגן פּ.פּ.ס., וועלכע האָט געלייקנט די רעכט אַף אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע אויך פאַרן ליטווישן פּראָלעטאַריאַט, און אויך דאָס אָן קיין שום באַמערקונג פון דער רעדאַקציע. אַפּאָנעם, אַז דאָס, וואָס אונדזערע קעגנער פון דער „איסקראַ" זעען איצט איין אַלס „נאַציאָנאַליזם", „סעפּאַראַטיזם" א. ד. גל. האָט די גרופּע „באַפרייונג פון אַרבעט", וואָס גייט אינגאַנצן אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע „איסקראַ" און נעמט אָן אָנטייל אין איר רעדאַקציע, געהאַלטן פאַר גאַנץ נאַטירלעך און געזעצלעך. נאָך מער, אינעם זעלבן בוך „ראַבאָטניק" איז אָפּגעדרוקט אַן איבערזעצונג פון אַן אַרטיקל אין נום. 11 „אַרבעטער־שטימע", אונדזער צענטראַל־אָרגאַן, אונטערן קעפּל „אונדזערע צילן". אינעם דאָזיקן אַרטיקל איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם בונדס גאַנצע profession de foi, עס איז דערוויזן געוואָרן די נייטיקייט פון אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט און איר אויטאָנאָמע לאַגע אין דער פּאַרטיי. אונדזערע אָפּאָנענטן האָב דאָ געזאָגט, אַז די נייטיקייט פונעם בונד איז אין די ערשטע יאָרן פונעם בונדס עקזיסטענץ מאָטיווירט געוואָרן בלויז מיט טעכנישע טיימים. די ציטאַטן פונעם אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1898 באַלד נאָכן ערשטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, אַן אַרטיקל, ווו עס ווערט, צווישן אַנדערן, געמאַכט אַ סאַכאַקל פון די רעזולטאַטן פון דעמאָזיקן צוזאַמענפאָר, וועלן בעסער ווי אַלץ דערווייזן צי זיינען אונדזערע אָפּאָנענטן גערעכט געווען. די ערשטע ציטאַטע: „וויאַזוי האָט זיך באַצויגן די פּאַרטיי צו אָרגאַניזאַציעס פון אַ גאַנצער נאַציע, קען מען קלאָר זען פון דעם אָרט אינעם „מאַניפעסט", ווו עס ווערט גערעדט וועגן די אַריינטריט־באַדינגונגען פונעם „יידישן אַרבעטער־בונד" אין דער פּאַרטיי: „דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער „בונד" אין רוסלאַנד און פּוילן" טרעט אַריין אין דער פּאַרטיי אַלס אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, וועלכע היט איין איר זעלבשטענדיקייט בלויז אין די פראַגן, וואָס קערן זיך אָן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט".

אָדער, אַנדערש אויסגעדריקט, מיר דאַרפן עס פאַרשטיין אַף אַזאַ אויפן: די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד, די פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג בענעגייע צו זיי און אַנדערע באַזונדערקייטן (ווי, לעמאָשל, די באַזונדערע שפּראַך), האָבן געשאַפן באַם יידישן פּראָלעטאַריאַט ספּעציעלע אינטערעסן, וואָס פאָדערן אַ ספּעציעלע פאַרטיידיקונג. די פאַרטיידיקונג פון די דאָזיקע ספּעציעלע אינטערעסן קען אַף זיך נעמען אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט די פולע רעכט צו פאַרטיידיקן זיי אַזוי, ווי זי געפינט עס פאַר נייטיק, דערביי מישט זיך די פּאַרטיי ניט אַריין אין דער טעטיקייט פון דעמאָזיקן בונד. אָבער אין די ענינים, וואָס האָבן אַ שייכעס צום גאַנצן רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע, איז דער „יידישער בונד" מעכויעוו, אַלס טייל פון דער פּאַרטיי, אונטערצוואַרפן זיך דעם „צ. ק." („ראַבאָטניק" נום. 56, זייטל 96). זאָל מען אונדז זאָגן צי אַנטהאַלט אין זיך אין טאָך דער סטאַטוט־פּראָיעקט, וואָס מיר לייגן פאָר, כאָטש אַ קליינעם טייל מער דערפון, וואָס איז לויט דער מיינונג פון די אָנטיילנעמער פונעם ערשטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר גופע געווען אויסגעדריקט אין זיין

מאַניפעסט? און אַזאַ מין פאַרשטיין דורך זיי דעם מאַניפעסט האָט ווידעראַמאָל
קיינמאָל ניט באַגעגנט קיין שום שטרייטן מיצאַד אונדזערע רוסישע כאַווײרים. איך
וועל ברענגען נאָך איינע און שוין די לעצטע ציטאַטע. אָט וויאַזוי עס פאַרענדיקט
זיך דער אַרטיקל, וואָס מיר האָבן ציטירט. „הייסט עס, אַז אַ באַזונדערע יידישע
אָרגאַניזאַציע איז געוווּנטשן און נייטיק סיי אין די אינטערעסן פונעם יידישן פּראָ־
לעטאַריאַט, סיי פונעם קריסטלעכן. אָבער בלויז אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס איז נאָ־
טירלעך אויסגעוואַקסן פונעם קאַמף פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט קענען עקספּלואַ־
טאַציע און איז פאַרבונדן מיט אים מיט טויזנטער פעדעם, קען אָפּהיטן און ענערגיש
באַרטיידיקן זיינע אינטערעסן און איינציייטיק פאַרלייכטערן די אַרבעט פאַר דער
גאַנצער רוסלענדישער פאַרטיי. די פאַרטיי האָט פאַרשטאַנען, אַז בא אַזעלכע באַ־
דינגונגען וועט איר אַרבעט קענען האָבן דערפאָלג, זי איז פּאָליטיש גענוג אַנטוויקלט,
קעדיי צו געבן אין געוויסע גרענעצן זעלבשטענדיקייט דער יידישער אָרגאַניזאַציע.
דער פאַקט, וואָס די רוסלענדישע פאַרטיי האָט ריכטיק פאַרשטאַנען אירע אויפגאַבן,
וואָס זי האָט ניט בלויז צוגעזאָגט, נאָר ווירקלעך אַנערקענט פאַר יעדן פאָלק דאָס
רעכט צו האָבן אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, --- דאָס אַליין דינט אַלס
בעסטע גאַראַנטיע דערפאַר, אַז זי וועט צוציען צו זיך אַלע לעבעדיקע קויכעס פונעם
רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט און וועט אין רעזולטאַט פון איר טעטיקייט ברענגען דאָס,
וואָס מע דערוואַרט פון איר".

אָט וויאַזוי מיר האָבן געקוקט אַף דער פראַגע וועגן דער לאַגע פון בונד אין דער
פאַרטיי מיט פינף יאָר צוריק, באַלד נאָכן ערשטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר. בא דיזעלבע
אַנשויונגען האַלטן מיר זיך אויך איצט; דיזעלבע פּרינציפּן זיינען געלייגט אין גרונט
פונעם פּראָיעקט, וואָס מיר לייגן פאָר. הייסט עס, אַז עס האָבן זיך געענדערט ניט
די אַנשויונגען פון „בונד", נאָר די אַנשויונגען אַפן „בונד". מיט וואָס דערקלערט זיך
עס? פאַרוואָס האָבן ביז דער לעצטער צייט אונדזערע רוסישע כאַווײרים ניט באַ־
מערקט דידאָזיקע „שעדלעכע" אַנשויונגען פונעם „בונד"? דאָס דערקלערט זיך מיטן
קאָלאָסאַלן וווּקס פון „בונד", פון איין זייט, און פון דער רוסלענדישער אַרבעטער־
באַוועגונג פון דער צווייטער. קאָלומאַן מיר זיינען, אויסדריקנדיק זיך מיט די
ווערטער פונעם כאַווער פון „באַרג־זאַוואָדישן פאַרבאַנד", „געזעסן בא זיך אין דער
היים", ד. ה. אין פוילן און אין ליטע, האָבן זיך אונדזערע כאַווײרים ניט באַגעגנט
מיטן „בונד"; איצט האָט זיך פאַר אונדז אַלעמען (סיי פאַר די רוסישע כאַווײרים,
סיי פאַרן „בונד") ווידער געשטעלט די אַקטועלסטע פראַגע פון פאַרייניקן אַלע סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטישע קויכעס אין רוסלאַנד אין אַן איינהייטלעכער פאַרטיי, און
אונדזערע כאַווײרים האָבן שאַרף געענדערט זייער פּאָזיציע בענעגייע צום „בונד",
אָפּלייקענענדיק זיין רעכט אַף עקזיסטענץ. זאָלן נאָר אונדזערע כאַווײרים ניט פאַר־
געסן, אַז אויב פאַר זיי איז די דאָזיקע פראַגע וועגן „בונד" דאָס ערשטע בלעטל אין
דער געשיכטע, איז פאַר אונדז, וועלכע האָבן איבערגעלעבט קימאַט אַף דעמזעלבן
באָדן דעם קאַמף קעגן פּ. פּ. ס., דער צוזאַמענשטויס מיט די רוסישע כאַווײרים
שוין דאָס צווייטע בלעטל אין אונדזער געשיכטע. פאַר דערדאָזיקער גאַנצער צייט
האָבן אונדזערע כאַווײרים, אַפּאָנעם, אַלץ פאַרגעסן און האָבן זיך גאָרניט אויסגע־
לערנט, און דעריבער האַלט איך פאַר איבעריק דאָ, אַפן צווייטן פאַרטיי־צוזאַמענ־

פאַר, נאָך פינף יאָר גלענצנדער טעטיקייט פון „בונד", צו דערווייזן זיין רעכט אַף עקזיסטענץ. עס איז גענוג דאָס, וואָס מע פאָדערט פון אונדז אַזעלכע מינע באַווייזן אַפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון אָט דער פּאַרטיי, אין וועמעס באַשטאַנד מיר זיינען אַריין און אין וועמעס רייען מיר האָבן געאַרבעט פאַר דער גאַנצער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. מיר בלייבט בלויז מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט איבערצוכאַזערן די פאָדערונג פונעם ערשטן פונקט פון אונדזער סטאַטוט: דער „בונד" איז און דאַרף זיין דער איינציקער פאָרשטייער פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין וואָס פאַר א טייל פון דער רוסלענדישער מעלוכע ער (דער יידישער פּראָלעטאַריאַט) זאָל ניט וווינען און אַף וואָס פאַר א שפּראַך ער זאָל ניט ריידן.

מאַרטאָוו: פאַר מיר איז ניט קלאָר די פראַגע, צי פאַרפליכטעט דער „בונד" אַלע אָרטיקע רוסלענדישע קאָמיטעטן ניט האָבן קיין שום אייסאָקים מיט קיין איין יידישן אַרבעטער?

ליבער: איך מיין, אַז דער איניען איז קלאָר. די זאַך איז ניט דערין, צי קען זעלכע ניט איז אָרגאַניזאַציע אַרבעטן צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. קיינער פאַרלייקנט ניט דיזאָזיקע רעכט. נאָר דער פאָרשטייער פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער פּאַרטיי איז אויסשליסלעך דער „בונד".

פאָרזיצער: פון די כאַווירים אַקימאָוו און מאַרטינאָוו איז אָנגעקומען אין ביוראָ פאָלגנדיקע מעלדונג:

„אַנערקענענדיק, אַז מיטן אָנעמען דעם פּאַראַגראַף 13 פונעם סטאַטוט מיט דער אויסבעסערונג האָט דער צוזאַמענפאָר אומדירעקט אויסגעדריקט דעם באַשלוס צו פאַרמאַכן דעם „בונד" ביזן אויסהערן זיין באַריכט און ביזן באַהאַנדלען דעם פונקט פון טאָג-אָרדענונג וועגן באַשטעטיקן די פאַראַנענע פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס, זאָגן מיר זיך פאָרויס אָפּ אָנטיילצונעמען אין דער אָפּשטימונג און מיר בלייבן אַפן צוזאַמענפאָר בלויז קעדיי אויסצוהערן די פּאָריקע פּראָטאָקאָלן און באַהאַנדלען די אָרדענונג פון פאַרעפנטלעכן זיי. מאַרטינאָוו, אַקימאָוו".

זאָרין לייגט פאָר פאַנאַנדערטיילן דעם צווייטן פּינקט פון בונדישן סטאַטוט אַף צוויי טיילן און שטימען זיי באַזונדער.

ליבער: אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע פון „בונד" מעלדע איך, אַז מיר וועלן זיך ניט באַטייליקן אין שטימען די פראַגן וועגן „בונד".

טראָצקי: ליבערס מעלדונג איז מיר ניט פאַרשטענדלעך. די כאַווירים פון „בונד" וואָלטן זיך געקאָנט אָנטזאָגן פון שטימען, אויב זיי וואָלטן געווען פּאַשעט א פאַרינטערעסירטער צאַד. אָבער מיר זיינען דאָך אַלע פאַרינטערעסירט אין דער ליזונג פון דער פראַגע, דעריבער קאָן זיך האָס אָפּזאָגן פון די בונדישער דעלעגאַציע צו שטימען בא דערדאָזיקער פראַגע אויסדריקן אין אָפּהאַלטן זיך פון שטימען.

אַבראַמסאָן: מיר האָבן ניט געוואָלט מאַכן פון דעם קיין אינצידענט און זיינען מאַסקים צו שטימען.

פאָרזיצער: עס זיינען פאַראַן דריי אויפאַנים פון שטימען: יע, ניין, איך האַלט זיך אָפּ.

עס ווערט אָפּגעשטימט דער ערשטער טייל פון צווייטן פּאַראַגראַף פון בונדישן סטאַטוט און ווערט אָפּגעוואָרפן מיט 39 שטימען קעגן 5 און 8 אָפּגעהאַלטענע. צווישן די אָפּגעהאַלטענע זיינען געווען צוויי דעלעגאַטן פון פאַרבאַנד (פון אויסלענדישן פאַרבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן). דער צווייטער טייל פון פּאַראַגראַף איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט דערזעלבער צאָל שטימען ווי דער ערשטער. דער גאַנצער צווייטער פּאַראַגראַף איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 41 שטימען קעגן 5 און 3 אָפּגעהאַלטענע*).

ליבער: איך בעט אַ וואָרט פאַר אַ מעלדונג. אין נאָמען פון דער גאַנצער בונדישער דעלעגאַציע דערקלער איך, אַז אַזויווי מיט דער לעצטער אָפּשטימונג האָט דער צוזאַמענפאָר אָפּגעוואָרפן דעם פּרינציפּיעלן פּונקט פון דעם סטאַטוט, וואָס מיר האָבן פאָרגעלייגט, און אַזויווי דעמדאָזיקן פּונקט האָט אונדזער פינפטער צוזאַמענפאָר אָנערקענט אַלס אַ נייטיקן באַדינג פאַר דער עקזיסטענץ פון „בונד" אין דער פּאַרטיי, דעריבער דערקלערן מיר, אַז אויפן גרונט פון באַשלוס פון פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" פאַרלאָזן מיר דעם צוזאַמענפאָר און מעלדן, אַז דער „בונד" טרעט אַרויס פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. אַ שריפטלעכע מעלדונג וועלן מיר צושטעלן דעם צוזאַמענפאָר באַזונדער**).

דאָק. נום. 10

דער אוסטאַוו-מאַקסימום, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן V צוזאַמענפאָר פון „בונד" ***)

1 §. דער „בונד" איז אַ פעדעראַטיווער טייל פון דער רוסל. ס.-ד. אַרבעטער-פּאַרטיי.

2 §. דער „בונד" איז אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז ניט באַשרענקט אין איר טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנגרענעצן און גייט אַריין אין פּאַרטיי, ווי זיין (דעם יידישן פּראָלעטאַריאַטס) איינציקער פאָרשטייער; דעריבער קען דאָס אַרויסטרעטן אים נאָמען פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע, אויף וועלכער אויסער אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אַריין אין פּאַרטיי, פירט זיין טעטיקייט אויך דער „בונד", דערלאָזן ווערן נאָר מיט דעם אָנטייל פון „בונד".

3 §. אין צ. ק., אויסל. ק. און אויף די צוזאַמ. פון דער פּאַרטיי, קלייבט אויס דער „בונד" זיין פאָרטרעטונג, וועלכע טרעט אַרויס אַלס אַזעלכע אין די פראַגן, אויף וועלכע עס פאַרשפּרייט זיך די קאָמפּעטענץ פון די צוזאַמענפאָרן פון „בונד", דער אָרט, וויאַזוי דער „בונד" דאַרף זיין פאָרטראַטן, דאַרף זיין געגרינדעט אויף פּרינציפּן, גלייכע פאַר די צדאָדים, וועלכע טרעטן אַריין אין אָפּמאַך.

*) פאַר דעם צווייטן פּונקט פון בונדישן פּאַראַגראַף האָבן געשטימט: האָפמאַן, גאָלדבלאַט, יודין, ליבער און אַבראַמסאָן. זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען האָבן: ברוקער, מאַרטינאָוו און אַקימאָוו.

**) די מעלדונג האָבן מיר געבראַכט אין טעקסט פון אונדזער אַרבעט.

***) די אַלע „אוסטאַוון" ווערן דאָ געבראַכט אין דער שפּראַך פון אָריגינאַל, געענדערט איז בלויז די אָרטאָגראַפיע. רעד.

§ 4. דאָס פּראָגראַם פון „בונד" איז דאָס אַלגעמיינע פּאַרטיי־פּראָגראַם, צו וועלכע ער קען אין די פראַגן, וועלכע ווערן באַדינגט דורך די באַזונדערע לאַגע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד און דורך די קאָנקרעטע באַציונגען, וואָס עס עקזיסטירן צווישן די געזעלשאַפטלעכע קרעפטן און דער יידישער נאַציאָן גופא, צוגעבן פאַר זיך באַזונדערע פּונקטן, וועלכע ווידערשפּרעכן ניט דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם.

§ 5. דער „בונד" האָט זיינע צוזאַמענפאָרן צו באַשליסן אַלע פראַגן, וועלכע רירן אָן ספּעציעל דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, זיין צ. ק. און אויסלענדישן ק.

§ 6. דער „בונד" האָט דאָס רעכט אָפּן באָדן פון דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם צו באַשליסן אַזעלכע אַלגעמיינע פראַגן, וועגן וועלכע די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן האָבן ניט אַרויסגעטראָגן קיינע רעזאָלוציאָנען, דיזע באַשליסע האָבן נאָר אַ „צייטיקע" קראַפט: ביז די באַשטימונגען פון די אַלגעמיינע צוזאַמענפאָרן איבער דיזע פראַגן."

§ 7. דעם „בונד" געהערט די פולע פרייהייט אין דער פירונג פון די איניאַנים פון זיין אָרגאַניזאַציאָן.

§ 8. דער „בונד" האָט רעכט אומגעשטערט אַרויסצוגעבן אויסער ליטעראַטור אַף יידיש אויך ליטעראַטור אַף אַנדערע שפּראַכן. זיך ווענדן צו אַ פּראָלעטאַריאַט פון אַן אַנדער נאַציאָן האָט דער „בונד" רעכט נאָר ווען אַף דעם זיינען איינשטימיק די אָרגאַניזאַציאָנען פון די אַנטשפּרעכנדע טיילן פון דער פּאַרטיי, צו דעם פּראָלעטאַריאַט פון דאָס גאַנצע לאַנד — נאָר מיט דער איינשטימונג פון דעם צ. ק. פון פּאַרטיי. — אָנמערקונג. אום זיך צו ווענדן צום יידישן פּראָלעטאַריאַט, מוזן די צדאָדים, וואָס גייען אַריין אין אַפּמאַך, האָבן די ערלויבניס פון צ. ק. פון „בונד".

§ 9. א) צוליב פּראַקטישע אונטערנעמונגען האָט דער „בונד" רעכט אַריינצוטרעטן אין צייטיקע איבעריינשטימונגען מיט רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע גייען ניט אַריין אין דער פּאַרטיי, און וועגן וועלכע עס איז ניטאָ קיין ספּעציעלער פאַרבאָט פון דעם פּאַרטיי־צוזאַם. אָדער פון צ. ק. פון פּאַרטיי וועגן יעדע אַזאַ איבעריינשטימונג מוז דער צ. ק. פון „בונד" געבן צו וויסן דעם צ. ק. פון פּאַרטיי. דאָס אַרויסטרעטן צוזאַמען אין ליטעראַטור מיט ניט קיין ס"ד אָרגאַניזאַציאָנען קען ניט ווערן דערלאָזן.

ב) מיט אַ באַזונדערע ערלויבניס פון צ. ק. פון פּאַרטיי האָט דער „בונד" רעכט אַריינצוטרעטן אויך אין שטענדיקע איבעריינשטימונגען מיט ס"ד אָרגאַניזאַציאָנען, וואָס גייען ניט אַריין אין פּאַרטיי, אום צוזאַמען צו ערפילן אייניקע זייטן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

§ 10. דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט רעכט אָפּצושאַפן אַלע באַשטימונגען פון די צוזאַמענפאָרן פון „בונד", אויסער די באַשליסע, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אָפּן פינקטלעכן גרונט פון דיזער קאָנסטיטוציאָן. אויב דער צ.ק. פון פּאַרטיי זעט איין אין וועלכע ניט איז טאַטן פון צ. ק. פון „בונד" אַ ווידערשפּרוך מיט די באַשליסע פון די אַלגעמיינע צוזאַמענפאָרן פון פּאַרטיי, האָט ער (דער צ. ק. פון פּאַרטיי) רעכט צו פאָדערן פון אים (פון צ. ק. פון „בונד") אַן ערקלערונג.

§ 11. ווען עס איז נייטיק האָט דער צ. ק. פון פּאַרטיי רעכט אַריינצוטרעטן אין באַציונגען מיט איינציקע טיילן פון „בונד" אָבער נאָר מיט דער איינשטימונג פון צ. ק. פון „בונד"; ווי עס דאַרפן ווערן געפירט די־זע באַציונגען באַשטימט אין יעדן איינציקן צופאַל דער צ. ק. פון „בונד".

§ 12. אַלע דאָ אויסגערעכנטע פּונקטן רעכענען זיך פאַר די גרונטפּונקטן און זיי קענען ווערן איבערגעביטן, דערפילט און אָפּגעשאַפט, נאָר ווען אַף דעם זייגען קענגזייטיק איינשטימיק די צדדים, וועלכע טרעטן אַריין אין אָפּמאַך.

דער אויבנגעבראַכטער פּראָיעקט פון אוסטאַוו האָרף נאָכן באַשלוס פון 5-טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" פאָרגעלייגט ווערן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון פּאַרטיי, ווי אַ באַזיס (יעסאָד) צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן דער לאַגע פון „בונד" אין דער פּאַרטיי.

דער אוסטאַוו-מאַקסימום, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן דעם II־טן צוזאמענ. פון דער רוסל. סאָציאַל.־דעמ. ארב.־פּארטיי.

§ 1. די לאַגע פון „בונד" אין דער פּאַרטיי ווערט באַשטימט דורך פאָלגנדע פּונקטן:

§ 2. דער „בונד" איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָן, פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז ניט באַשרענקט אין איר טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנע גרענעצן און גייט אַריין אין פּאַרטיי, ווי זיין (דעם יידישן פּראָלעטאַריאַטס) איינציקער פאָרשטייער.

די פּאַראַגראַפן 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 10, 11 און 12 — זיינען די־זעלבע, וואָס אין דעם פריער געבראַכטן פּראָיעקט פון אוסטאַוו פון 5-טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס אנשטאָט די ווערטער: „די צדדים, וועלכע טרעטן אַריין אין אָפּמאַך", זיינען אומעטום געבראַכט די אַנטשפּרעכנדע ווערטער פון אוסטאַוו־מיניטום פון 5־טן צוזאַמענפאָר: „די טיילן, וועלכע גייען אַריין אין דער פּאַרטיי".

ראָ:. נומ. 11

דער אוסטאַוו־מינימום, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אפן V־טן צוזאמענפאָר פון „בונד"

§ 1. די לאַגע פון „בונד" אין דער פּאַרטיי ווערט באַשטימט דורך פאָלגנדע פּונקטן*):

§ 2. דער „בונד" איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז ניט בעשרענקט אין איר טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנע גרענעצן און גייט אַריין אין פּאַרטיי, ווי זיין (דעם יידישן פּראָלעטאַריאַטס) איינציקער פאָרשטייער.

*) באַ דיזעם פונקט האָט דער 5־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" באַשלאָסן, אַז אַלע פאָרמולירונגען, וועלכע זיינען פאַרפאַסט אין דעם גייסט פון אַווטאָנאָמיע (צ. ב. „דער „בונד" איז אַ אַווטאָנאָמער טייל פון דער פּאַרטיי") מוזן אומבאַדינגט אָפּגעלענט ווערן, ד. ה., אַלס אולטימאַטום מוז אַרויסגעשטעלט ווערן די אָבלענונג פון אַווטאָנאָמיע (פאַרקערט: אָנצונעמען די פעדעראַציאָן—דאָס איז ניט קיין אולטימאַטום).

3 § אין צ. ק., אויסלענדישן ק. און אף די צוזאַמענפאָרן פון פּאַרטיי קלייבט אוים דער „בונד" זיין פאָרשטעלטונג (?—רעד.). די ארט, וויאַזוי דער „בונד" דאַרף זיין פאָרטראָטן, דאַרף זיין געגרינדעט אף פּרינציפּן, גלייכע פאַר אַלע טיילן, וועלכע גייען אריין אין דער פּאַרטיי.

אַנמערקונג. אָרטיקע און ראַיאָנע אָרגאַניזאַציאָנען ווערן אין דיזער הינזיכט ניט אָנערקענט פאַר טיילן פון דער פּאַרטיי.

4 §. דאָס פּראָגראַם פון „בונד" איז דאָס אַלגעמיינע פּאַרטיי־פּראָגראַם.

5 §. דער „בונד" האָט זיינע צוזאַמענפאָרן צו באַשליסן אַלע פראַגן, וועלכע רירן אָן ספּעציעל דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, זיין צ. ק. און זיין אויסלענדישן קאָמיטעט.

6 §. דעם „בונד" געהערט די פולע פרייהייט אין דער פירונג פון די אינערנים פון זיין אָרגאַניז.

7 §. דער „בונד" האָט רעכט אומגעשטערט ארויסצוגעבן אויסער ליטעראַטור אף יידיש אויך ליטעראַטור אף אַנדערע שפּראַכן*).

8 §. דער פּאַרטיי־צוז. האָט רעכט אָפּצושאַפן אַלע באַשטימונגען פון די צוז. פון „בונד".

9 §. ווען עס איז נייטיק האָט דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי רעכט אריינצוטרעטן אין באַציונגען מיט איינציקע טיילן פון „בונד", אָבער נאָר מיט דער איינשטימונג פון צ. ק. פון „בונד".

10 §. אַלע דאָ אויסגערעכנטע פונקטן רעכענען זיך פאַר גרונטפּונקטן און זיי קענען ווערן אומגעביטן, דערפילט און אָפּגעשאַפט, נאָר ווען אף דעם זיינען קעגנזייטיק איינשטימיק די טיילן, וועלכע גייען אריין אין דער פּאַרטיי.

אַנמערקונג. אָרטיקע און ראַיאָנע אָרגאַניזאַציאָנען רעכענען זיך ניט אין דיזער הינזיכט פאַר טיילן פון פּאַרטיי. (ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער „בונד" וואַרפט זיך אונטער אונטער אַלע האַכלאָטעס פון צ. ק. פון פּאַרטיי, אף וויפל זיי האָבן אַן אַלגעמיינעם פּאַרטיי־כאַראַקטער, און איבערהויפּט איז דער אָרגאַניזאַציאָנס־אוסטאַוו פון דער פּאַרטיי בווירמוטאַל אָפן „בונד" אויך, נאָר זעלבסטפאַרשטענדליך, אויסער די פּונקטן, וועלכע זיינען אויסגעשלאָסן דורך דעם אוסטאַוו, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן ספּעציעל פאַרן „בונד").

דער אוסטאַוו־מינימום, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן דעם II־טן צוזאַמענפאָר פון דער רוסל. ס. ד. ארב.־פּאַרטיי

1 §. די לאַגע פון „בונד" אין דער פּאַרטיי ווערט באַשטימט דורך די פאָלגנדע פּונקטן:

*) צו דיזעם פונקט האָט דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" באַשלאָסן: אויב צום 7 § ווערט געמאַכט ווערן די פאָלגנדע האַגאָע, וועלכע באַגרענצט די קאָמפּעטענט פון „בונד": „ווענדן זיך צו א פּראָלעטאַריאַט פון אַן אנדער נאַציאָן האָט דער „בונד" רעכט נאָר ווען אף דעם זיינען איינשטימיק די אָרגאַניזאַציאָנען פון די אנטשפּרעכנדע טיילן פון דער פּאַרטיי" — דאַן דאַרף די פאָלגנדע באַמערקונג ארויסגעשטעלט ווערן אַ׳ס אולטימאַטום: „ווענדן זיך צום יידיש׳ פּראָלעטאַריאַט קאָנען אנדערע טיילן פון דער פּאַרטיי נאָר מיט דער איינשטימונג פון צ.ק. פון „בו.ד" (אָרטיקע און ראַיאָנע אָרגאַניזאַציאָנען ווערן אין דער הינזיכט ניט אָנערקענט פאַר טיילן פון פּאַרטי)

2 §. דער „בונד“ איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז ניט באַשרענקט אין איר טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנע גרענעצן, און טרעט אַריין אין דער פּאַרטיי, ווי זיין איינציקער פֿאָרשטייער.

3 §. אין צ. ק. אויסלענדישן ק. און אויף די צוזאַמענפֿאָרן פֿון פּאַרטיי קלייבט דער „בונד“ אויס זיין פֿאָרטרעטונג.

4 §. דאָס פּראָגראַם פֿון „בונד“ איז דאָס אַלגעמיינע פּאַרטיי־פּראָגראַם.

5 §. דער „בונד“ האָט זיינע צוזאַמענפֿאָרן צו באַשליסן אַלע פֿראַגן, וועלכע רירן אָן ספּעציעל דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, זיין צ. ק. און אויסלענדישן ק.

6 §. דעם „בונד“ געהערט די פֿולע פֿרייהייט אין דער פֿירונג פֿון די אינינים פֿון זיין אָרגאַניזאַציע.

7 §. דער „בונד“ האָט רעכט אומגעשטערט אַרויסצוגעבן אויסער ליטעראַטור אויף יידיש, אויך ליטעראַטור אויף אַנדערע שפּראַכן.

8 §. דער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר האָט רעכט אָפּצושאַפֿן אַלע באַשטימונגען פֿון די צוזאַמענפֿאָרן פֿון „בונד“.

9 §. אַלע די אויסגערעכנטע פּונקטן רעכענען זיך פֿאַר די גרונטפּונקטן און קענען ווערן איבערגעביטן, דערפֿילט און אָפּגעשאַפֿט נאָר דורך די מערהייט פֿון צוויי דריטל שטימען פֿון די אָנטיילנעמער אין דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר.

דאָק. נום. 12

דער פּראָיעקט פֿון לענינס רעזאָליוציע וועגן דעם בונדס אָרט אין דער פּאַרטיי*)

נעמענדיק אין אַכט, אַז די פֿולסטע און ענגסטע איינהייט פֿון דעם קעמפֿנדיקן פּראָלעטאַריאַט איז אומבאַדינגט נויטיק סיי צוליב דער גיכסטער דערגרייכונג פֿון זיין ענדציל און סיי אין די אינטערעסן פֿון פֿעסטן פֿירן דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף אויפֿן באָדן פֿון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפֿט;

— אַז ביפֿראַט איז די פֿולע איינהייט פֿון דעם יידישן און ניט יידישן פּראָלעטאַריאַט באַזונדערס נויטיק, כוץ דעם, אויך פֿאַרן ערפֿאָלגרייכן קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, דעם דראָזיקער שענדלעכער צעבלאָזונג פֿונעם ראַסנהאַס און פֿון דער נאַציאָנאַלער סינע, וואָס די רעגירונג און די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן רופֿן אַרויס;

— אַז דאָס פֿולע צונויפֿגיסן זיך פֿון די ס.ד. אָרגאַניזאַציעס פֿון דעם יידישן און ניט יידישן פּראָלעטאַריאַט קאָן בשום אופֿן און אין קיין זאַך ניט שטערן דער זעלבשטענדיקייט פֿון אונדזערע יידישע גאָוויירים אינעם פֿירן פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אויף דער אָדער יענער שפּראַך, אין אַרויסגעבן ליטעראַטור, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די באַדערפֿענישן פֿון דער געגעבענער אָרטיקער און נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אין דער אויסשטעלונג פֿון אַזוינע לאָזונגען פֿון אַגיטאַציע און דירעקטן פּאָליטישן קאַמף, וואָס זאָלן זיין די אָנווענדונג און אַנטוויקלונג פֿון די אַלגעמיינע און גרונטלאַגן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם וועגן דער

*) לענין, ב. 6 — 2־טער צוזאַמענפֿאָר פֿון ר. ס. ד. א. פּ., ז. 6.

פולער גלייכבארעכטיקונג און פולער פרייהייט פון שפראך, פון נאציאנאלער קול-טור א. א. א.;

— ווארפט דער צוזאמענפאר אנטשיידן אפ דעם פעדעראטיוון פרינציפ פון איינארדענען די רוסלענדישע פארטיי און באשטעטיקט דעם ארגאניזאציאנס-פרינציפ, וואס איז געלייגט געווארן אין יעסאד פונעם סטאטוט פון 1898 יאר, ד. ה. די אווטאנאמיע פון די נאציאנאלע ס.-ד. ארגאניזאציעס אין די איניאנים, וואס זיינען נויטיק*)

צום ערשטן מאל אפגעדרוקט אין יאר 1927 אין דעם „לענינשן זאמלבוך" 6.
ווערט געדרוקט פונעם מאנוסקריפט.

דאק. נומ. 13

פראקלאמאציע פון „בונד" וועגן זיין ארויסטרעטן פון דער רסדא״פ

גלייך ווי דער „בונד" איז ארויס פון דער רסדא״פ האט דער צענטראל-קאמי-טעט פון „בונד" ארויסגעלאזן די פאלגנדיקע פראקלאמאציע אין יידיש וועגן דעם ארויסטרעטן פון „בונד" פון דער פארטיי**).

פראלעטאריער אלער לענדער, פאראייניקט אייך!

דער אלגעמיינער יידישער ארבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד

וועגן דער ארויסטרעטונג פון „בונד" פון דער רוסלענדער סאָצ.-דעמ. ארבעטער-פארטיי

דער „בונד" איז ארויסגעטראטן פון דער רוסלענדער סאציאל-דעמאקראטישער ארבעטער-פארטיי.

די ארגאניזאציאן, וועלכע האט זיך פינף יאר נאכאנאנד גערעכנט פאר איינער פון די בעסטע און טעטיקסטע קאמפס-ארמייען אין דער רוסלענדער פארטיי, וועלכע האט געהאט אזא גלענצנדן רעוואלוציאנערן ערפאלג צווישן דעם יידישן פראלע-טאריאט און האט געלייגט אזויפיל מי אף דעם, אז די רעוואלוציאנערע קרעפטן פון רוסלאנד זאלן זיך וואס גיכער פאראייניקן — אט דיזע ארגאניזאציאן איז איצט געבליבן אינדרויסן פון דער פארטיי.

וועלכע אורזאכן האבן געצוואונגען דעם „בונד", אז ער זאל זיך באשליסן צו מאכן אזא וויכטיקן היסטארישן טראט?

אן ענטפער דערויף קען מען געבן אין עטלעכע ווערטער.

די מערהייט פון דעם 2-טן צוזאמ. פון דער רוסל. פארטיי האט זיך אזוי גע-האלטן בנוגע צום „בונד", אז ער האט געמוזט טאן איינס פון די ביידע: אדער מאסקעם זיין אף דעם אייגענעם טויט, אדער ארויסטרעטן פון דער פארטיי (ארויס-פירלעך וועגן דעם זע די בראשור, וועלכע מיר האבן ארויסגעגעבן אף יידיש און

---

*) דא רייסט זיך דער מאנוסקריפט איבער. רעד.

**) די „פראקלאמאציע איז דא געבראכט אין דער שפראך פון א ארגינאל, געענדערט איז בלויז די אר-טאגראפיע. רעד.

רוסיש: „דער 2־טער צוזאַמ. פון דער רוסל. ס"ד אַרב.־פּאַרטיי — דער באַריכט פון דער דעל. פון ב.").

דער „בונד" איז אַ היסטאָרישע אַנאָמאַליע (דאָס הייסט, אַ זאַך, וועלכע שטאַמט פון ניט נאָרמאַלע באַדינגונגען און האָט ניט דעריבער אין זיך קיין געזונטע און פרישע קרעפטן, וואָס זאָלן מאַכן מעגלעך איר ווייטערע אַנטוויקלונג), דער „בונד" איז שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דער „בונד" איז נאַציאָנאַליסטיש און דורכגעדרונגען מיט בורזשואַזע אידייען, דעם בונד מוז מען פאַרניכטן!

אָט מיט וואָס פאַר אַ שיינע ווערטלעך מע האָט מעכאַבעד געווען דעם „בונד" אויף דעם 2־טן צוזאַמענפאָר, אָט מיט וואָס פאַר „באַרוכאַבאַ" האָבן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן באַגריסט אונדזער דעלעגאַציע.

אַזאַ „באַרוכאַבאַ" האָבן מיר גאָרניט דערוואַרט.

די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט דורך איר ברייטער, פילזייטיקער טעטיקייט אין דורך דעם גרויסן ערפאָלג, וואָס זי האָט געהאַט, באַוויזן דער גאַנצער וועלט, אַז זי איז די עמעסע אויסדריקער פון די אינטערעסן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און אַז זי איז דער לעבעדיקער פּרוכט פון דעם אַנטוויקלטן און אויסגעוואַקסענעם באַוווסטזיין פון די יידישע אַרבעטערמאַסן — אָט דיזע אָרגאַניזאַציע איז אַ היסטאָרישע אַנאָמאַליע!

דער „בונד" איז שעדלעך! אַזוי זאָגט מען וועגן יענער אָרגאַניזאַציע, וועמעס רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט האָט שוין ניט איינמאָל אַרויסגערופן די באַוווּנדערונג און אַנטוזיאַזם פון די רוסישע ס"ד זעלבסט.

דער „בונד" איז נאַציאָנאַליסטיש און דורכגעדרונגען מיט בורזשואַזע אידייען! אַזוי זאָגט מען וועגן דעמזעלביקן „בונד", וועלכער האָט נאָך פון דעם ערשטן טאָג זינט ער האָט אָנגעהויבן צו עקזיסטירן, ניט אויפגעהערט צו פירן אַ שטאַרקן און ענערגישן קאַמף קעגן אַלע נאַציאָנאַליסטישע און בורזשואַזע שטרעמונגען אין דעם יידישן פאָלק — קעגן דעם ציאָניזמוס, די אומאָפּהענגיקע א. אז. וו.

דאָס אַלץ וואָלט געווען ניט מער ווי כוויזעק, ווען דאָס וואָלט ניט געווען אַזוי טרויעריק און וואָלט אונדז ניט אַזוי אויפגערעגט.

טרויעריק איז דער פאַקט, וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אויפן צוזאַמענפאָר, דאָס די פאָרשטייער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן קיין שום פאָרשטעלונג ניט סיי וועגן דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פון דער טעטיקייט פון „בונד", סיי וועגן דער גרויסער היסטאָרישער ראָליע, וועלכע ער שפּילט צוליב די באַזונדערע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן דורך דעם גאַנג פון דער 2000־יאָריקער געשיכטע פון די יידישע רעדיפעס און פאַרפאָלגונגען. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, כויז דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן יאָך, וועלכער דריקט אים גלייך ווי אַלע פּראָלעטאַריער פון די אַנדערע פעלקער, טראָגט אויף זיך נאָך אַ שרעקלעכן ספּעציעלן יאָך — די היסטאָריש־אויסגעוואַקסענע פאַראַכטונג צום יידן, ווי צו אַ פּאַריאַ פון פּאַריאַס.

און אין דערזעלבער צייט, ווען אין דער טעאָריע אַנערקענט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאָס רעכט פון יעדער נאַציאָן אויף זעלבסטבאַשטימונג, אַנטזאָגט זי

גראָדע דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין דעם איינפאַכסטן, פּאַשעטסטן רעכט — אין דעם רעכט צו האָבן אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע!

צו דיזע ניט וויסן און ניט פאַרשטיין האָט פּונקט צוגעפּאַסט אויך יענע אומגעהויערע לייכטזיניקייט — אום ניט צו זאָגן נאַכמער — מיט וועלכער די מערהייט פון דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי האָט זיך געהאַלטן בענעגייע צו די פאָדערונגען, וואָס דער 5־טער צוזאַם. פון „בונד" האָט אויסגעאַרבעט.

נאָר נאָך מער מאַכט אויפגערעגט דאָס, וואָס בעיס דער „בונד", דורך זיין דעלעגאַציע, האָט געטאָן אַלץ, וואָס עס איז געווען מעגלעך, קעדיי עס זאָל ניט פּאַרקומען די צעשיידונג מיט דער פּאַרטיי, בעיס ער האָט אָפּגעגעבן וויפל ער האָט געקענט, פאַרקירצנדיק זיינע פאָדערונגען ביז דאָס מינדסטע, האָט די מערהייט פון צוזאַמענפאָר קיין שום זאַך ניט געטאָן אין דיזער ריכטונג, נאָר, פאַרקערט, איר גאַנצע אָנפירונג, אירע רעדעס און האַנדלונגען זיינען געווען ווי לעכאַטכילע מיט דעם מיין — וואָס גיכער צו דערנענטערן דעם מאָמענט פון אונדזער אַרויסטרעטונג.

וואָס־זשע וויל דער „בונד"? וועלכע פאָדערונגען האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם 2־טן פּאַרטיי־צוזאַם.?

דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט לעבט אין באַזונדערע נאַציאָנאַלע באַדינגונגען, ער האָט באַזונדערע היסטאָרישע טראַדיציאָנען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן און אַ באַזונדערע פּסיכאָלאָגיע, וועלכע שיידט זיך אונטער אין אַ געוויסן אויפן פון דער פּסיכאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריער, וואָס געהערן צו אַנדערע פעלקער. דערפון איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז נאָר אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַרויסגעוואַקסן פון דיזן פּראָלעטאַריאַט גופע, וועלכע לעבט מיט זיין לעבן און פילט אין זיך דאָס קלאַפּן פון זיין היסטאָרישן פּולס — אַז נאָר אַזאַ אָרגאַניזאַציע קאָן מיט אַ גרעסערן ערפאָלג פּראָפּאַגאַנדירן אין זיינע רייען די אידייען פון קלאַסן־קאַמף און סאָציאַליזמוס, און קען ברייטער און טיפער אַרבעטן אין דעם גאַנג, קעדיי וואָס גיכער אַריינצוברענגען דיזן פּראָלעטאַריאַט אין דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער פאַמיליע פון קלאַסן־באַוווסטע פּראָלעטאַריער.

האָבנדיק דאָס אין זינען, האָט דער 5־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" אויסגעאַרבעט באַזונדערע סטאַטוטן, וועלכע — בענעגייע צו די איניאָנים, וואָס זיינען שייעך ספּעציעל דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט — פאַרזיכערן פאַר אים אַ געוויסע נייטיקע זעלבשטענדיקייט, און בענעגייע צו אַלע אַנדערע פראַגן וואַרפן אים אונטער אונטער דער האַשגאָכע פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי, אירע צוזאַמענפאָרן און איר צענטראַלן קאָמיטעט.

נאָר די מערהייט פון דעם 2־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז צום באַדויערן נאָך ניט דערוואַקסן, קעדיי ריכטיק צו פאַרשטיין די אָרגאַניזאַציאָנע אויפגאַבן פון רוסלאַנד, קעדיי צו פאַרשטיין די נייטיקייט צונויפצוגיסן צוזאַמען די באַשטימטע זעלבשטענדיקייט פון די טיילן מיט דער איינהייט פון דער פּאַרטיי. אַ שטענדיק־גלייכער, אומבעראַכמאָנעסדיקער צענטראַליזם, וועלכער וואַרפט אונטער בלינדערהייט אונטער זיך אַלץ, וואָס ער באַגעגנט אַף זיין וועג, אַ צענטראַליזם, וועלכער פּאַסט סיידן פאַר אַ גרופּע מענטשן, וואָס שטרעבן איינע אַליין אָן דעם פאָלק צו מאַכן אַ רעוואָלוציע, אָבער בעשומויפן ניט פאַר אַ פּאַרטיי.

אַט דאָס איז דער אָרגאַניזאַציאָנער אידעאַל, פאַר וועלכן עס איז געפאַלן קורים די מערהייט פון די רוסישע דעלעגאַטן. אָבער הינטער דיזן אוטאָפּיסטישן צענטראַליזם באַהאַלט זיך אין דער ווירקלעכקייט די שטרעבונג מאַקרעוו צו זיין צוליב די אינטערעסן פון דער גאַנצער צוקונפט, און דאַפקע צוליב אינטערעסן, וועלכע מע האָט גראָד ניט ריכטיק פאַרשטאַנען, די אינטערעסן פון דער באַוועגונג בכלל, מיט דעם הויפּט־פונדאַמענט, אַף וועלכן עס בויט זיך די אַל. סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

און אָן דיזער אָרגאַניזאַציאָנער ניט־דערוואַקסנקייט, וועלכע שטאַמט אין אַ געוויסן גראַד פון דעם, וואָס די מערהייט פאַרשטייט ניט ריכטיק דעם איקער פון די אידייען פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזמוס — ווייל אינטערנאַציאָנאַל איז ניט קאָסמאָפּאָליטיזמוס — האָבן זיך געמוזט צעקלאַפּן אַלע אונדזערע טיינעס און רייעס.

דער ענטפער אַף אַלע אונדזערע נייטיקסטע פאָדערונגען איז געווען דאָס, וואָס דער 2־טער צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי האָט געפונען פאַר מעגלעך פאַרצולייגן דעם „בונד" אַ זיידענעם שנירל, מיט וועלכן ער זאָל זיך אַליין דערווערגן. דער צוזאַמענפאָר האָט מאַסקעם געווען צו שטעלן דעם „בונד" אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז ער זאָל פּלאַצן ניט גלייך אַפן אָרט, נאָר זיין טויט זאָל פאָרקומען לאַנגזאַם.

און דער „בונד" איז געווען געצוווּנגען זיך צו באַשליסן אַף דעם טראַט, וואָס ער האָט געמאַכט. ער האָט אַזוי געמוזט טאָן, ווייל אונטערגעבן זיך דעם פאַרלאַנג פון דער מערהייט וואָלט דאָס הייסן פּאַשעט — אָפּפערן מיט די אינטערעסן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער זעלבסטמאָרד פון „בונד" וואָלט אויך באַטייט דעם זעלבסטמאָרד פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע פאַמיליע וואָלט פאַרלאָרן איינעם פון די טעטיקסטע און מער ענערגישע מיטגלידער.

וואָס איז באַזונדערס טרויעריק און שרעקלעך אין דיזן פאַקט, וועלכער איז פון איצט אָן שוין געוואָרן אַ היסטאָרישער, דאָס איז די מילכאָמע צווישן ברידער, וועלכע וועט זיך איצט געוויס פאַנאַנדערברענען.

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַנשטאָט אוועקצוגעבן אַלע אירע קויכעס אַף דעם קאַמף מיט אונדזער ערגסטן סוינע, מיט דער זעלבסטהערשונג — וועט איצט מוזן אוועקגעבן אַ געוויסן טייל פון איר רעוואָלוציאָנערער ענערגיע אַף דעם קאַמף מיטן „בונד", ווייל זי האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אים צו (פאַרניכטן).

גרויס וועט זיין די סימכע פון דער זעלבסטהערשונג און בורזשואַזיע, ווי פון דער רוסישער אַזוי אויך פון דער יידישער.

נאָר די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דיזער סימכע וועט פאַלן ניט אַף אונדז. מיר וועלן אויך אין דער צוקונפט אָנווענדן אַלע אונדזערע קרעפטן, קעדיי עס זאָל וואָס גיכער קומען די עמעסע פאַראייניקונג פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע קרעפטן פון רוסלאַנד. מיר וועלן אויך אין דער צוקונפט פירן אונדזער סאָציאַליסטישע טעטיקייט אין דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אונטער דער אַלטער פאָן: „פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער, פאַראייניקט אייך!"

און מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז דער וווּקס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון איין זייט און די פאַרגרעסערונג פון אָרגאַניזאַציאָנע געניטקייט אין

דערפאַרונג באַ די רוסישע סאָצ.-דעמ. פון דער אַנדערער זייט וועט אַמגיכסטן ברענגען צו יענעם גרויסן ציל, וועלכער איז פון אַלעמען אַזוי באַגערט און פאַר אונדז אַזוי טייער. פאָרווערטס אַלזאָ צום קאַמף פאַר די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַפרייונג!

נידער מיט דער מילכאָמע צווישן ברידער! עס לעבע די פאַרייניקונג פון פּראָלעטאַריער פון אַלע נאַציאָנען!

נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע דער סאָציאַליזמוס!

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד”.

דעצעמבער 1903 יאָר

דאָק. נומ. 14

דער „בונד” און די אָנפירער פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע*)

פיל שׂונאים האָט קענן זיך דער „בונד”. שׂונאים, שׂונאים און שׂונאים.

די זעלבסטהערשנדיקע רעגירונג און די יידישע בורזשואַזיע, די יידישע האַבאָנים און די זובאַטאָווצעס, אַלע מינים ציאָניסטן און יידישע פאָלקס-פריינט — דאָס זיינען אַלץ בלוטיקע שׂונאים פון „בונד”, וועלכע וואָלטן אים וועלן דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער... נאָר הײַנט לאַנג האָבן זיך באַוויזן שׂונאים פון „בונד” גאָר פון אַן אַנדער סאָרט מענטשן, אויף וועלכע מע וואָלט זיך דאָס גאָר ניט גערעכנט.

אַ היפּשער טייל רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן זיינען אַרויסגעטראָטן מיט מאָדנע מעשונענע טיינעס.

דער „בונד”,—שרייען זיי,—איז גאָר אַן איבעריקע זאַך! דער „בונד” איז שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג! דער „בונד” איז נאַציאָנאַליסטיש און דורכגעדרונגען מיט בורזשואַזע אידייען! דעם „בונד” מוז מען פאַרניכטן!

...און די באַציונגען צווישן דעם „בונד” און די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן זיינען אַזוי פאַרשאַרפט געוואָרן, אַז אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט, איז דער „בונד” אַרויסגעטראָטן פון דער רוסל. פּאַרטיי.

...די סיבע דערפון איז געווען אַ פּשוטע. די גרעסטע צאָל פון אונדזערע רוסישע חבֿרים אויף דעם צוזאַמענפאָר, האָט געוואָלט גאָר אַ קלייניקייט; אַז דער „בונד” זאָל טאָן איינס פון די ביידע: זיך אַליין אַ מיסע אָנטאָן, ד. ה. אויפהערן צו עקזיסטירן, אָדער אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי. דער „בונד”, פאַרשטייט זיך, האָט געפונען פאַר בעסער צו טאָן זיי דעם צווייטן צוליב און איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי...

וואָס זשע איז דער כעס פון „בונד”? מיט וואָס האָט ער אַזוי פאַרזינדיקט אין די אויגן פון אַ היפּשן טייל רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן?

זיין גאַנצער כעס באַשטייט אין דעם, וואָס ער זאָגט: 1) אַז יידן זיינען אויך אַ נאַציע, ווי אַנדערע נאַציאָנען, 2) אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט, כוץ די אַלגעמיינע פאָדערונגען, וועלכע יעדער פּראָלעטאַריאַט האָט, ווי יעדער פּראָלעטאַריאַט נאָך געוויסע

*) דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין ערשטן נומער פון זשורנאַל „דער בונד”, דערשינען דעם ערשטן יאַנוואַר 1904. דעם אָנהייב פון דעם אַרטיקל האָבן מיר געקירצט.

ספּעציעלע פאָדערונגען און אויפגאַבעס אַלס יידישער פּראָלעטאַריאַט, 3) אַז דערי בער דאַרף עקזיסטירן אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זאָל פאַרטיידיקן דיזע ספּעציעלע פאָדערונגען און זאָל אַף זייער באָדן פירן אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע און 4) אַז דער בונד דאַרף זיין אָנערקענט, אַלס די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

אָט אין דיזע 4 פּונקטן שטייט די גאַנצע אַפּיקאָרסעס פון „בונד". אָט דיזע 4 פּונקטן האָבן אַזוי אויפגערעגט אַ געוויסן טייל רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דאָס זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען, אַז דער „בונד" ראַכמאָנע ליצלאָן, איז דער מאָקער פון אַלדאָסבייז, פון נאַציאָנאַליזם, פון אָפּגעזונדערטקייט א.אז.וו. אַז ער איז שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז מע מוז אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרניכטן...

לאָמיר אָקערשט באַטראַכטן יעדן פּונקט באַזונדער און זען אַף וויפל דער בונד איז אומרעכט.

צי זיינען יידן אַ נאַציע, ווי אַלע אַנדערע? פאַר אַ פּאָשעטן מענטשן איז דאָס קיין קאַשע ניט, וואָס הייסט? יידן זיינען יידן, ווי רוסן זיינען רוסן, פּאָליאַקן — פּאָליאַקן א. ז. וו. און טאַקע: אין דעם מעשעך פון פיל הונדערטער יאָרן האָבן יידן געלעבט, נאָר ווי אַ באַזונדער פאָלק. ערשטנס, האָבן זיי זיך געהאַלטן גאָר אַף אַן אַנדער באָדן פון עקאָנאָמישן לעבן, ד. ה. אין דער צייט ווען די אַרומיקע פעלקער און זייערע האַמאַלטיקע קלאַסן — די פּריצים און פּויערים — זיינען געווען דאָרפישע מענטשן און האָבן איבערהויפּט געלעבט פון ערדאַרבעט, זיינען יידן געווען שטאָטישע מענטשן און האָבן איבערהויפּט געלעבט פון האַנדל און מעלאָכעס; צווייטנס, איז דער אינעווייניקסטער לעבן פון די יידן געווען גאָר אַנדערש איינגעאָרדנט, איידער בא די אַרומיקע פעלקער: דער „קאָהאָל", דער „בעסדין", די יערלעכע גרויסע אַסיפעס פון אַלע פאָרשטייערס פון יידישן פאָלק אין דער פּוילישער מעלוכע (ועד ארבע הארצות) א. ז. וו. — דאָס זיינען אַלץ געווען ספּעציעלע יידישע געזעלשאַפטלעכע איינאָרדענונגען; דריטנס, האָבן זיי געהאַט אַ באַזונדערע שפּראַך; פערטנס — אַ באַזונדערע רעליגיאָן; פינפטנס — באַזונדערע מינהאָגים און באַזונדערע היסטאָרישע זיכרוינעס (טראַדיציאָנען). מיט איין וואָרט זייער גאַנץ לעבן איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אַנדער מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור — היינט קאָן מען דען זאָגן, אַז דורך אַזאַ אָפּגעזונדערטן לעבן, וועלכן יידן האָבן געפירט אין מעשעך פון טויזנטער יאָרן האָבן זיי ניט באַקומען קיין באַזונדערן נאַציאָנאַלן געשטאַלט, באַזונדערע נאַציאָנאַלע זיטן און מידעס? קאָן מען דען זאָגן, אַז אַזעלכע זיטן און מידעס, וועלכע האָבן זיך זייער טיף איינגעוואָרצלט אין דעם פאַרלויף פון צענדליקער און הונדערטער דוירעס, וועלן זיך פאַרשווינדן ווערן און פון זיי וועט קיין זיכער ניט בלייבן? מע זאָגט, אַז יידן זיינען ניט קיין נאַציאָן דערפאַר, ווייל זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַנדערע פעלקער און דיזער פאַקט איז גאָר ניט אַזוי, ווי מע שטעלט זיך פאָר. דריי פערטל פון אַלע יידן, וועלכע געפינען זיך אַף דער וועלט, זיינען צוזאַמענגעקליבן אין איין אָרט: אין די פּראָווינצן פון דער אַמאָליקער פּוילישער מעלוכע און איבערהויפּט אין מיירעוו־רוסלאַנד. דאָ אין די „יידישע

געגנטן" וווינען זיי אין געדיכטע מאסן און פירן א באזונדער פאלקס-לעבן פונקט ווי אלע אנדערע נאציאנען. אבער — מע זאגט — בעיים עס וועט פאלן די זעלבסט־הערשונג און די יידן וועלן באקומען גלייכע רעכט, וועלן זיי זיך צעשפרייטן איבער גאנץ רוסלאנד. זיי וועלן אופהערן צו וווינען אין געדיכטע מאסן און דערמיט וועט באטל ווערן זייער באזונדער פאלקס-לעבן. נאר אזוי קאן זאגן א מענטש, וועלכער האט קיין באגריף וועגן דעם לעבן פון א פאלק. עמעס, א געוויסער טייל יידן וועט זיך טאקע פאנאנדערפארן, אבער ווער וועט זיך פאנאנדערפארן? — דער טייל יידן, וועלכער איז מער באדריקט, וועלכער האט דא ניט פון וואס צו לעבן. ווען דיזער טייל וועט זיך פאנאנדערפארן, וועט די קאנקורענץ דא אין די „יידישע געגנטן" ווערן קלענער, דערפון וועט די עקאנאמישע לאגע דא געוויס פארבעסערט ווערן און דאן וואס וועט טרייבן דעם יידן זיך צו באזעצן צווישן „פרעמדע", ווען ער קאן פארבלייבן צווישן זיינע „אייגענע".

די געדיכטע מאסע יידן וועט אלעמאל פארבלייבן אף דעמזעלביקן ארט, ווו זי האט אפגעוווינט הונדערטער יארן און ווו די ערד איז אויסגעווייקט מיט איר מארך און בלוט. אין עסטרייך מעגן יידן וווינען ווו זיי ווילן און האך צעזייען זיי זיך ניט איבערן גאנצן לאנד, נאר זיי וווינען אין געדיכטע מאסן אין דיזעלביקע פראווינצן ווו זייערע זיידעס און עלטער-זיידעס האבן געוווינט. אין לאנדאן זוכט אלץ די ענגלישע רעגירונג מיטלען, ווי אויסצומישן די 6 האלב מיליאן באפעלקערונג פון שטאט, אז עס זאלן ניט זיין קיינע באזונדערע יידישע קווארטאלן, דייטשע קווארטאלן, פראנצויזישע א. א. וו. אזעלכע מיטלען זוכט אויך די אמעריקאנישע רעגירונג, נאר קיינע מיטלען גיבן זיך ניט איין, און דאס איז ניט דערפאר, ווייל די נאציאנען האבן פיינט איינע די אנדערע, און לעבן באזונדער נאר דערפאר, ווייל יעדן ציט צו זיינע אייגענע, ווו מע רעדט מיט זיין שפראך, ווו עס הערשן דיזעלביקע זיטן, וועלכע זיינען אים טייער א. אז. וו.

אבער — זאגט מען ווייטער — יידן זיינען „פרעמדע" אין דעם לאנד, ווו זיי וווינען, יידן האבן ניט קיין אייגענע „היים" און דערפאר זיינען זיי ניט קיין נאציאן. נאר דאס זיינען טיינעס פון אנטיסעמיטן און ציעניסטן, וועלכע זיינען פון קאפ ביז די פיס דורכגעדרונגען מיט די בורזשואזע אידייען פון „אייגנטום" אף דעם באדן פון געזיילע און געניווע. אויב אונדזערע עלטער-עלטער-זיידעס וואלטן קומען אין די היינע געגנטן, אזוי ווי די יידן זיינען אמאל געקומען אין פאלעסטינע מיט שווערדן און ביקסן אין די הענט, וואלטן כארעוו געמאכט דאס גאנצע לאנד, אויסגעקוילעט אלע איינוווינער און באזעצט זיך אף זייער ארט, דאן וואלט דאס היים, אז דיזעס לאנד איז זייער „אייגענע", זייער היים; און אויב אונדזערע אוועס־אוויסיינו זיינען געקומען אהער, ווי פרידלעכע בירגער און צוזאמען מיט דער ארומיקער באפעלקערונג האבן זיי זיך אין משעך פון 1000 יאר מיטגעהאלפן דער קולטורעלער אנטוויקלונג פונעם לאנד באגיסנדיק איר מיט שוויים, אויסגעווייקט איר מיט זייער בלוט, באדעקט מיט זייערע ביינער—דאן זיינען יידן דא אלץ „ניט איינדערהיים", אלץ „פרעמדע"... קאנען מיר, פראלעטאריער, שטיין אף אזא שטאנדפונקט? ניין, דאס לאנד, ווו מיר וווינען שוין פיל יארן, און צו וועלכן מיר זיינען

צוגעבונדן מיט טויזנטער פעדעם — אָט דאָס איז אונדזער היים, עס געהערט אונדז פונקט, ווי עס געהערט די פּאָליאַקן, ליטווינער און אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע באַזיצן אים. מע זאָגט, אַז ייִדן זיינען דעריבער ניט קיין נאַציע, ווייל זיי האָבן ניט קיין אייגענע שפּראַך. נאָר, ערשטנס, איז דאָס ניט קיין גרויסער אומגליק. זיינען דען די „יאַנקי" די אַמעריקאַנער, ניט קיין באַזונדערע נאַציע דערפאַר, ווייל זיי רעדן ענגליש? און זיינען די בעלגיער ניט קיין באַזונדער נאַציע, ווייל זיי רעדן פראַנצויזיש? צווייטנס, אויב די סטאַטיסטיק פון 1897 האָט באַוויזן, אַז פון 80 ביז 92 פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג ברויכט דעם „זשאַרגאָן" אַלס זייער מוטערשפּראַך, איז דען דאָס ניט די ייִדישע פאָלקס־שפּראַך? עמעס, די שפּראַך איז נאָך ניט זייער אַנטוויקלט. אָבער אַ גרויסן פאָרשריט האָט זי שוין געמאַכט. זי האָט שוין אַ היפּשע ליטעראַטור און אַזעלכע ייִדישע שרייבער, ווי פּערעץ, אַבראַמאָוויטש א. ד. גל. וואָלטן געווען אַ צירונג אויך פאַר די גרויסע אייראָפּעישע ליטעראַטורן. יעדע פאָלקס־שפּראַך הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען ערשט דאַן, ווען די פאָלקס־מאַסן הייבן זיך אָן צו אַנטוויקלען, ד. ה. ווען דאָס לעבן צווינגט זיי אַרויסטרעטן פון די ענגע פיר ווענטלעך פון זייער אָפּגעזונדערטן לעבן און אָנצוהויבן נעמען אַן אַנטייל אין דער אַלגעמיינער קולטור. דאַן וואַקסן אויס נייע באַגריפן, נייע פאָרשטעלונגען אין דער שפּראַך בילדן זיך אויס דורך נייע ווערטער מיט נייע אויסדריקן און דערמיט ווערט די שפּראַך אַלץ רייכער און רייכער. דיזעלביקע זאַך איז אויך מיטן ייִדישן „זשאַרגאָן". די באַוועגונג פונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט האָט פאַר דער קורצער צייט זינט זי עקזיסטירט שוין אַריינגעטראָגן אַזויפיל פרישקייט אין דעם לעבן פון דעם ייִדישן פאָלק, האָט באַשאַפן אַזויפיל נייע באַגריפן און פאָרשטעלונגען און האָט אַזוי רייך געמאַכט די ייִדישע שפּראַך מיט נייע ווערטער און אויסדריקן, אַז דער „זשאַרגאָן" האָט קימאַט אינגאַנצן איבערגעענדערט זיין פּאָן און איז געוואָרן אַ קולטורעלע שפּראַך פון אַ קולטורעלן פאָלק. אָט דאָס איז אַלץ געשען אין משך פון איין צענדליק יאָר. אָבער דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך זיין וואָרט ניט געזאָגט, פאַר אים שטייט נאָך פאַר אַ גאַנץ לאַנגער וועג פון אַנטוויקלונג און פאָרשריט — און צוזאַמען מיט אים וועט זיך אויך מוזן אַנטוויקלען זיין פאָלקס־שפּראַך, וואָס הייסט דער זשאַרגאָן.

מע זאָגט, אַז די ייִדן זיינען ניט קיין נאַציע דערפאַר, ווייל זיי האָבן ניט קיין אייגענע „נאַציאָנאַלע קולטור". אָבער וואָס איז אַזוינס די „נאַציאָנאַלע קולטור"? אין וואָס דריקט זי זיך אויס?

די „נאַציאָנאַלע קולטור" פון יעדן פאָלק דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס דער קלאַסנקאַמף, וועלכער קומט אין אים פאָר, די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וועלכע נעמען זיך פון דיזן קלאַסנקאַמף, און אַלע אידייען און פאָרשטעלונגען, וועלכע בויען זיך אויף דיזן קלאַסנקאַמף און דריקן זיך אויס אין דער ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט פון פאָלק — טראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער און ווייזן זיך אַרויס אין אַן אַנדער געשטאַלט, איידער דערזעלביקער קלאַסנקאַמף, דיזעלביקע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, און דיזעלביקע אידייען און פאָרשטעלונגען בײַ אַן אַנדער פאָלק. דער אינהאַלט פונעם קלאַסנקאַמף מיט אַלץ, וואָס פון אים קומט אַרויס איז בײַ אַלע פעלקער, וועלכע לעבן אין איינע און דיזעלביקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, איינער און דער־

זעלביקער. אבער די פארמע פון דיזן קלאסנקאמף, איז בא אלע פעלקער מער אדער ווייניקער פארשיידן,—און אט די פארשיידנהייטן פון דער פארמע פון קלאסנקאמף— אט דאס איז די „נאציאנאלע קולטור" פון יעדן פאלק. אין דעם רוסישן פאלק, למשל, טראגט דער קלאסנקאמף, און דערמיט אלע געזעלשאפטלעכע באוועגונגען, צוזאמען מיט דער ליטעראטור, קונסט און וויסנשאפט אן אנדער שטעמפל איידער דער זעלביקער קלאסנקאמף א. ז. וו. אין דעם דייטשישן פאלק, און אזוי קומט פאר מיט אלע נאציאנען.

לאמיר איצט זען — צי דריקט אויס דער קלאסנקאמף באם יידישן פאלק אן אנדער ספעציעל יידישע פארמע ד. ה. צי האבן די יידן א נאצ. קולטור, צי ניט?

אבער אף דער פראגע קאנען גאר קיין צוויי ענטפערן ניט זיין; דער קלאסנקאמף מיט די געזעלשאפטלעכע באוועגונגען, וועלכע זיינען פארגעקומען און קומען פאר זיינען אין יידישן כאראקטער, ד. ה. זיי ווייזן זיך ארויס אין אזא פארמע, וועלכע מיר באגעגענען ניט בא אן אנדער פאלק. דער שרעקלעכער קאמף צווישן „כאסידים" און „מיסנאגדים" מיט 100 יאר צוריק; די גרויסע האסקאלעבאוועגונג מיט 50 יאר צוריק. די דאמאלדיקע כסידישע באוועגונג מיט אירע ניסים־וועניפלאעסדיקע צאדיקים און דער דאמאלדיקער היציקער קאמף צווישן די פאנאטיקער און מאסקילים; דער יידישער ארבעטער־ציאניזם אין אלע זיינע פארמעס, די ראבאנים מיט זייערע נייסטע צוזאמענפארן און ביכלאל די יידישע אידייען און פארשטעלונגען, וועלכע דריקן זיך אויס אין דער יידישער ליטעראטור און קונסט — דאס זיינען אלע ספעציעלע פראדוקטן פון דעם יידישן קלאסנקאמף, ספעציעלע פארמעס פון יידישע געזעלשאפטלעכע באוועגונגען, וועלכע קאנען זיך אין דעמזעלביקן געשטאלט בא אן אנדער פאלק ניט ארויסווייזן. הייסט דאס ניט, אז יידן האבן א באזונדערע „נאציאנאלע קולטור"?

פרעגן מיר איצט: איז דער בונד ניט גערעכט, ווען ער זאגט, אז יידן זיינען אויך א נאציע, ווי אלע אנדערע נאציעס.

מיר וועלן איצט שטעלן די צווייטע פראגע: צי האט דער יידישער ארבעטער־קלאס כוץ די אלגעמיינע פאדערונגען און אויפגאבעס, וועלכער ער האט, ווי יעדער אנדערער פראלעטאריאט, נאך ספעציעלע פאדערונגען אלס יידישער פראלעטאריאט? אף דיזער פראגע קאנען אויך קיין צוויי ענטפערן ניט זיין. עמעס, דער יידישער פראלעטאריאט איז קוידעמקאל א פראדוקט פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג פון רוסלאנד ביכלאל, פונקט אזוי ווי די פראלעטאריער פון אלע אנדערע נאציאנען פון רוסלאנד. און דעריבער שטייען בא אים אפן 1־טן פלאן די אלגעמיינע פראלעטארישע פאדערונגען, וועלכע זיינען בא אים איינע און דיזעלביקע מיט אלע אנדערע פראלעטאריער פון רוסלאנד. אבער כוץ דעם איז דער יידישער פראלעטאריאט פעסט צוזאמענגעבונדן מיט אלע עקאנאמישע, רעכטלעכע און קולטורעלע באדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט דאס יידישע פאלק: די גאנצע רעכטלאזיקייט פון יידישן פאלק, זיין גאנצע געדריקטע און נידערגעשלאגענע לאגע שפיגלט זיך אפ קוידעמקאל און באזונדערס אף דעם רוקן פון יידישן פראלעטאריאט און דעריבער מוז דיזער פראלעטאריאט, כוץ זיינע אלגעמיינע פאדערונגען האבן נאך א ספעציעלע פאדערונג —

אָפּשאַפן די רעכטלאָזיקייט פון די ייִדן און באַשאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן פאַרזיכערן פאַר דעם ייִדישן פאָלק זײַן עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַנטוויקלונג.

נאָר כוץ די ספּעציעלע פאָדערונגען האָט אַף זיך דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט נאָך ספּעציעלע אויפגאַבעס. איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס איז, קויד'עמקאָל, דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם — דאָס איז אַ ספּעציעלע ייִדישע קראַנקייט, פון וועלכער עס לײַדט מער ניט, ווי דאָס ייִדישע פאָלק, און פאָטער ווערן פון דער קראַנקייט וועלן מיר קאָנען ניט דורך דער האָפענונג אַף דער גוטסקייט און פרומקייט פון די אַנדערע, נאָר דורך דעם אײַזערנעם שווערן און ביטערן קאַמף. ווער איז אָבער אין דעם ייִדישן פאָלק פעיִק צו אַזאַ קאַמף? אונדזער בורזשואַזיע — דער טיף־געזונקענער שקלאַף, וועלכער פאַלט קוירעם פאַר יעדן „צווירער־היהודים", וועלכע ענטפערט מיט אַ כאַניפע־שמייכל אַף יעדן שפּיי אין פּאָנעם, און וועלכע האָט אין בעסטן פאַל געפונען אַ מיטל קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם — צו לויפן צום פאָטער ישמאָעל? ניין, דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, ווי קעגן דעם ציאָניזם מיט נאָך אַזעלכע נאַציאָנאַליסטישע און בורזשואַזע ריכטונגען אין דעם ייִדישן פאָלק — דאָס ליגט מער ניט, ווי אַף דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אַליין און נאָר ער אַליין וועט קאָנען אָנפירן אַזאַ קאַמף.

עס איז דאָ וויכטיק צו דערמאָנען נאָך זייער אַ וויכטיקע אויפגאַבע, וועלכע ליגט אַף דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט איז אַ „פאַרי" צווישן פּראָלעטאַריער, ד. ה. בענעגייע צו אים עקזיסטירט נאָך אין אַ היפּשן גראַד, באַוווּסט אָדער אומבאַוווּסט, אַ באַזונדערע פאַראַכטונג און אומגלויבן. ייִדן זײַנען אײַנעם מעשעך פון הונדערטער יאָרן געשטאַנען אַזוי נידעריק, דאָס מיט זיי, אַלס מיט אַ געזעלשאַפטלעכער קראַפט, האָט מען זיך קיינמאָל ניט גערעכנט — און דאָס שפּיגלט זיך געוויינטלעך אויך אָפּ איבערהויפּט אַף דעם רוקן פון דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. אַט דעריבער ליגט נאָך אַף דעם ספּעציעלן פּראָלעטאַריאַט די ספּעציעלע אויפגאַבע, דאָס ער זאָל מיט זײַן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אויסוואָרצלען דעם אומגלויבן און פאַראַכטונג, וועלכע עקזיסטירט בענעגייע צו אים, דאָס ער זאָל מאַכן, אַז מע זאָל זיך אָנהויבן רעכענען מיט אים ווי מיט אַ געזעלשאַפטלעכער מאַכט, וואָס קאָן האָבן אַ גרויס באַדײַטונג.

איז דען ריכטיק, אַז דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט האָט זײַנע ספּעציעלע פאָדערונגען און אויפגאַבעס?

מיר שטעלן איצט די דריטע פראַגע: צי דאַרף האָבן דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אַף דעם באָדן פון זײַנע אַלגעמיינע און ספּעציעלע אויפגאַבעס פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון סאָציאַליזם און אָנפירן אים אין זײַן קלאַסנקאַמף?

אַזאַ אָרגאַניזאַציע מוז דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט האָבן. קיין פרעמדע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז ניט אַרויסגעוואַקסן פון אים גופע און לעבט ניט מיט זײַן אייגענעם לעבן, וועט ניט קאָנען אַנטוויקלען די מאַסן־באַוועגונג פון דעם ייִדישן אַרבעטער־קלאַס און וועט ניט קאָנען אָנפירן זײַן קאַמף מיט אַלע בורזשואַזע און רעאַקציאָנערע שטרעמונגען אין דעם ייִדישן פאָלק.

מיר וועלן נעמען א היסטארישן ביישפיל. מיט 40 יאר צוריק האט זיך געגרינדעט די באריםטע ארגאניזאציע פון דעם אלוועלטלעכן פראלעטאריאט — „דער אינטערנאציאנאל", אין יענער צייט האט מען געמיינט, אז עס איז א מעגלעכע זאך, דאס אלע ארבעטער פון דער גאנצער וועלט זאלן זיין אונטער איין ארגאניזאציע מיט איין צענטראל-קאמיטעט און אזא ארגאניזאציע וועט זיכער צעשלאגן די בורזשואזע וועלט און מאכן א טעל פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג. אבער אין דער ווירקלעכקייט האט זיך ארויסגעוויזן, אז אזא ארגאניזאציע האט אפילע קיין 10 יאר ניט געקאנט עקזיסטירן און איז באטל געווארן.

פארוואס איז די ארגאניזאציע באטל געווארן? עפשער דערפאר, ווייל די ארגאניזירטע ארבעטער האבן פארגעסן זייער רוף: „פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך"? נאר דאס איז ניט ריכטיק, די אכדעס און סאלידאריטעט פון די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט וואקסט פון יאר צו יאר און ווייזט זיך ארויס אין דער מאטעריעלער און מאראלישער הילף, מיט וועלכע די ארבעטער פון איין נאציע קומען צו די ארבעטער פון אן אנדער נאציע בעיים א נויט. עס ווייזט זיך ארויס אין די שטענדיקע אינטערנאציאנאלע, סאציאליסטישע און פראפעסיאנעלע קאנגרעסן, אין דעם פייערן דעם ערשטן מיי א. אז. וו. עפשער איז די ארגאניזאציע באטל געווארן, ווייל די ארבעטער-באוועגונג ביכלאל איז שוואכער געווארן?.. נאר דאס איז אויך ניט ריכטיק. הארט, ווו בעיים דער „אינטערנאציאנאל" האט עקזיסטירט איז געווען אן ארגאניזאציע פון טויזנט מיטגלידער, איז איצט געווארן פון הונדערטער טויזנטער מיטגלידער. פארוואס זשע איז פארט דער „אינטערנאציאנאל" באטל געווארן?

דער אינטערנאציאנאל איז באטל געווארן טאקע דערפאר, ווייל די ארבעטער-באוועגונג אין יעדן לאנד און בא יעדן פאלק איז געווארן פיל ברייטער און פיל טיפער: הארט, ווו עס איז געווארן אן עמעסע ברייטע באוועגונג האט זיך באלד קלאר ארויסגעוויזן, אז די אלגעמיינע ארגאניזאציע קאן ניט באפרידיקן אלע אינטערעסן פונעם הארטיקן פראלעטאריאט און עס מוז זיך אויסבילדן אן אייזערנע זעלבסטשטענדיקע ארגאניזאציע, וועלכע זאל קאנען זיך בעסער צופאסן צו די הארטיקע באדינגונגען. יעדער פראלעטאריאט פון יעדן פאלק לעבט אין באזונדערע היסטארישע באדינגונגען; דער ארט פראפאגאנדע, וועלכע פאסט די פראלעטאריער פון איין פאלק, טויג ניט פאר די פראלעטאריער פון אן אנדער פאלק — און פאר אלעמען איז קלאר געווארן, אז עס איז פיל גלייכער, דאס יעדער נאציע זאל האבן איר באזונדערע פראלעטארישע פארטיי, וועלכע לעבט מיט דעם לעבן פון איר אייגענעם ארבעטער-קלאס און קאן זיך דעריבער בעסער צופאסן צו זיינע באזונדערע לעבנס-באדינגונגען.

אט אזוי איז אנשטאט דעם איינציקן „אינטערנאציאנאל" אויסגעוואקסן די „דייטשישע פארטיי", די „פראנצויזישע פארטיי", די „ענגלישע פארטיי" א. אז. וו. אף דער ערשטער צייט האבן זיך דיזע פארטייען אויסגעבילדעט נאך די לענדער נאך. נאר אין דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער ארבעטער-באוועגונג, ווו עס ווינען געמישט אסאך נאציעס, האט זיך אנטוויקלט ברייטע מאסן-באוועגונגען פון פראלע-

טאריאט. איז אויסגעוואקסן די באדערפעניש, אז די אלגעמיינע פארטיי פון לאנד זאל זיך צעטיילן אף באזונדערע נאציאנאלע פארטייען, אזוי איז פארגעקומען אין עסטרייך, ווו אנשטאט די אלגעמיינע עסטרייכישע פארטיי, איז געווארן די „דייטשישע פארטיי", די „טשעכישע פארטיי", די „פוילישע פארטיי" א. אז. וו.

אט די אלע באזונדערע פארטייען בילדן איצט אין עסטרייך איין סאציאל-דעמאקראטישע פעדעראטיווע פארטיי, ווו יעדע נאציאנאלע ארגאניזאציע באזונדער איז אין אירע אייגענע איניאנים גאנץ זעלבסטשטענדיק.

וואס באווייזט דערביישפיל?

ער באווייזט, אז דער וווקס פון דער ארבעטער-באוועגונג רופט ארויס מיט א היסטארישער נויטיקייט די אויסבילדונג פון באזונדערע נאציאנאלע, סאציאליסטישע פארטייען און דורך דעם ווערט שוין די סאציאליסטישע פראפאגאנדע ברייטער און טיפער.

די זעלביקע זאך איז אויך מיט דעם יידישן פראלעטאריאט. יידן זיינען א נאציע, אזוי ווי אלע אנדערע מיט געווויסע נאציאנאלע זיטן און מידעס. דיזע נאציאנאלע זיטן און מידעס געפינען זיך אויך בא דעם יידישן ארבעטער-קלאס. כוץ דעם האט נאך דער יידישער פראלעטאריאט באזונדערע פאליטישע און רעכטלעכע פאדערונגען און געוויסע ספעציעלע אופגאבעס: דעם יידישן קומט אויס צו קעמפן מיט אלע ניט פראלעטארישע ריכטונגען און שטרעבונגען, אף וועלכער עס ליגט דער שטעמפל פון דער יידישער נאציאנאלער קולטור,—פרעגט זיך איצט: ווי קאן אן אנדער ניט-יידישע ארגאניזאציע — ווי, לעמאשל, די רוסישע — וועלכע האט א קנאפן באגריף וועגן די ספעציעלע זיטן און מידעס — ווי קאן זי זיך צופאסן צו דער פסיכאלאגיע פון דעם יידישן פראלעטאריאט און אנטוויקלען בא איר א ברייטע מאסן-באוועגונג? ווי קאן א פרעמדע ניט יידישע ארגאניזאציע, וועלכע איז מער אדער ווייניקער פרעמד פון דעם יידישן לעבן — ווי קאן זי אלעמאל אונטערשטרייכן די ספעציעלע יידישע פאדערונגען און אופגאבעס און פירן אף זייער באדן א ברייטע פראפאגאנדע און אגיטאציע? ווי קאן דער יידישער פראלעטאריאט קעמפן מיט אלע ציעניסטישע אומאפהענגיקע, און אלע אנדערע ארגאניזאציעס אין דעם יידישן פאלק, ניט האבנדיק און ניט ארויסשטעלנדיק קעגן זיי זיין אייגענע פראלעטארישע ארגאניזאציע?

קיין פיל טיינעס אין דער פראגע קאן גאר ניט זיין. דער יידישער פראלעטאריאט מוז האבן און וועט האבן זיין אייגענע ארגאניזאציע.

מיר גייען איצט איבער צו דער ווייטער פראגע: צי דארף זיין דער „בונד" אנערקענט, אלס נאציאנאלע ארגאניזאציע פון דעם יידישן פראלעטאריאט?

אבער די פראגע איז איבעריק צו שטעלן, ווייל דאס לעבן האט זי שוין לאנג פארענטפערט. דער בונד איז פאקטיש שוין לאנג געווארן די נאציאנאלע סאציאל-דעמאקראטישע ארגאניזאציע פון דעם יידישן פראלעטאריאט — און זיין גרויסע, ברייטע און פילזייטיקע טעטיקייט איז די בעסטע ראיה הערצו. די איינציקע און ספעציעלע אופגאבע פון „בונד", איז צו ארגאניזירן דעם יידישן פראלעטאריאט און אונטער זיין רעוואלוציאנערן פאן שטייען שוין טאקע גרויסע מאסן יידישע ארבעטער. דער „בונד" פארמולירט די יענע ספעציעלע אופגאבעס, וואס נעמען זיך פון דער באזונדערער רעכטלעכער און סאציאלער לאגע, אין וועלכער עס זיינען געשטעלט די יידן

אין רוסלאַנד, און פֿירט אַף דעם באָדן פֿון דיזע פֿאָדערונגען און אויפֿגאַבעס אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. דער בונד האָט געקעמפֿט מיט אַלע נאַציאָנאַליסטישע און בורזשואַזע ריכטונגען אין דעם יידישן פֿאָלק, ער סטאַרעט זיך צו רעוואָלוציאָנערן די אָפּאָזיציאָנעלע שיכן פֿון דיזן פֿאָלק, און אָרגאַניזירנדיק די ברייטע יידישע אַרבעטער-מאַסן אין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פֿירט ער אַרויס אין קאַמף מיט דעם אַנטיסעמיטיזם אַזאַ געפֿערלעכן געווער, וועלכן דאָס יידישע פֿאָלק האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט. מיט איין וואָרט, זייענדיק אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן אַרבעטער און דערמיט ווירקנדיק אין אַלע פֿראַגעס אַף אַלע שיכטן און פֿאַרהעלטענישן פֿון יידישן פֿאָלק, איז דער בונד פֿאַקטיש געוואָרן און קאָן אַנדערש ניט זיין, ווי די נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט — און דאָס הייסט, אַז די פּערטע פֿראַגע האָט דאָס לעבן אַליין שוין פֿאַרענטפֿערט.

אַט נאָך די אַלע דערקלערונגען פֿרעגט זיך איצט: צי האָבן עפּעס אַ זינען די אַלע טיינעס און באַשולדיקונגען פֿון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אַז דער „בונד" איז קלוימערשט שעדלעך פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז ער איז נאַציאָנאַליסטיש, אַז ער שטרעבט צו אָפּגעזונדערטקייט, און אַז מע מוז אים איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרניכטן?.. וואָס באַווייזן אַזעלכע טיינעס און באַשולדיקונגען? זיי באַווייזן, אַז די פֿאָרשטייער פֿון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָבן ניט, צום באַדויערן, קיין פֿאָרשטעלונג וועגן די ספּעציעלע צילן און אויפֿגאַבעס פֿון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, ניט וועגן דער היסטאָרישער ראָליע, וואָס דיזער פּראָלעטאַריאַט איז באַרופֿן צו שפּילן אין דעם יידישן פֿאָלק, ניט וועגן דער גרויס-באַדייטנדיקער און דערפֿאָלגרייכער טעטיקייט פֿון „בונד".

זיי ווילט זיך, אַז דער בונד זאָל אויפֿהערן צו עקזיסטירן. אָבער דאָס נעמען זיי ניט אין באַטראַכט, אַז מיט דער אָפּשטאַרבונג פֿון „בונד" שטאַרבט אָפּ די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג, גייען לעבער די יידישע פּראָלעטאַרישע קויכעס, דאָס יידישע פֿאָלק ווערט אָן זיין איינציקע פּראָגרעסיווע קראַפֿט און די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע פֿאַמיליע ווערט אָן איינעם פֿון אירע בעסטע און מער ענערגישע מיט-גלידער.

האָט דער „בונד" געקאָנט שאַפֿן אַזאַ זאַך צוליב זיינע רוסישע כאַווירים, און באַשליסן זיך אַף זעלבסטמאָרד? עס פֿאַרשטייט זיך, אַז בעשומויפֿן ניט און דער בונד האָט טאַקע געטאָן זיין פֿליכט פֿאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און איז אַרויס-געטראָטן פֿון דער פּאַרטיי... עס פֿאַרשטייט זיך, אַליין, אַז דער סיכסעך, וואָס איז איצט פֿאָרגעקומען צווישן דעם בונד און די אָנפֿירער פֿון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, דורך וועלכן דער „בונד" איז געווען געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן פֿון דער פּאַרטיי, וועט אַף קיין אויפֿן ניט אָפּשוואַכן די שטאַרקע מאַטעריעלע און מאָראַלישע פֿאַרבינדונג, וועלכע עקזיסטירט צווישן די יידישע און ניט-יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן. אַף אונדזער רעוואָלוציאָנערער פֿאָן וועט אַלעמאָל זיין אָנגעשריבן דער סאָציאַליסטישער אויסרוף: „פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַרייניקט אייך"!

אָבער זיך פֿאַרייניקן קאָנען נאָר גלייכע מיט גלייכע. דאָס יידישע פֿאָלק איז נאָך

אַלץ דער „פּאַריער״ צווישן פעלקער, די יידישע פּיינט שרייען, אַז יידן זיינען יאָ אַ נאַציע; די יידישע „פריינט״ טײַנען, אַז יידן זיינען ניט קיין נאַציע און דער פּועל־ציוניסטע דערפון איז, וואָס די ערשטע האַסן די יידישע נאַציע און די צווייטע זאָגן איר אָפּ אין אירע איינפאַכסטע, פּאַשעטסטע פאָדערונגען.

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע דערקענט אין איר פּראָגראַם דאָס רעכט פון יעדער נאַציע אויף זעלבסטבאַשטימונג, וויל ניט געבן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט דעם איינפאַכסטן רעכט צו האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע! דאָס איז ניט די רוסישע ס.ד. בכלל; דאָס איז נאָר אַ טייל פון דער רוסישער ס.ד., וועלכער איז איצט דער אָנפירער.

דער וווּקס פון דער יידישער אַרבעטערבאַוועגונג, פון איין זייט, און דער וווּקס פון דער רוסישער אַרבעטערבאַוועגונג צוזאַמען מיט דער פאַרגרעסערונג פון אָרגאַניזאַציאָנס־געניטקייט און דערפאַרונג בײַ די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פון דער אַנדערער זייט, וועט פירן צו דעם, וואָס אײַנגיכן וועט פאַרקומען די ווירקלעכע פאַראייניקונג פון אַלע נאַציעס פון רוסלאַנד, צו דעם גלענצנדיקן ניצחון פון אונדזער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנירן זיך.

דאָק. נומ. 15

ג. לענין

מאַקסימום אומפאַרשעמטקייט און מינימום לאָגיק

אין נומ. 46 האָבן מיר איבערגעדרוקט די רעזאָלוציע פונעם 5־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ וועגן דער לאַגע פון „בונד״ אין דער רסד״אַ״פּ און האָבן געגעבן אונדזער אָפּשאַצונג. דער אויסל. קאָמ. פון „בונד״ ענטפערט אונדז זייער אויספירלעך און געוואַלטיק בייז אין זיין בלעטל פון 9/22־טן סעפטעמבער. דער וועזנטלעכסטער טייל פונעם דאָזיקן בייזן ענטפער איז פאָלגנדיקע פענאָמענאַלע אַנטדעקונג: „אַחוץ דעם סטאַטוט־מאַקסימום (sic.) האָט דער 5־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד״ אויסגעאַרבעט נאָך אַ סטאַטוט־מינימום״, און דער דאָזיקער מינימום ווערט טאַקע אײַנגאַנצן געבראַכט, דערבײַ ווערט דערקלערט אין צוויי אָנמערקונגען, אַז „דאָס אָפּוואַרפן די אויטאָנאָמיע״ און די פאָדערונג פון אַ האַסקאָמע פון צ. ק. פון „בונד״ אויף ווענדן זיך צום יידישן פּראָלעטאַריאַט מיצד אַנדערע טיילן, וועלכע גייען אַרײַן אין דער פּאַרטיי, „דאַרף אַרויסגעשטעלט ווערן אַלס אַן אולטימאַטום״: אַזוי האָט באַשלאָסן דער 5־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד״.

ניט עמעס, ווי... שיין דאָס איז? דער צוזאַמענפאָר פון „בונד״ האָט אויסגעאַרבעט מיטאַמאָל צוויי סטאַטוטן, באַשטימענדיק מיטאַמאָל סײַ דעם מאַקסימום און סײַ דעם מינימום פון זיינע ווונטשן אָדער פאָדערונגען. דערבײַ ווערט דער מינימום קלוג (אַ, העכסט קלוג!) באַהאַלטן אין קעשענע. עס ווערט פאַרעפנטלעכט (אינעם בלעטל פון 7/20־טן אויגוסט) בלויז דער מאַקסימום און דערבײַ ווערט עפנטלעך, אָפן און קלאָר געמעלדעט, אַז דער דאָזיקער מאַקסימאַלער פּראָיעקט פון סטאַטוט „דאַרף פאָרגעלייגט ווערן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רסד״אַ״פּ, אַלס אַ באַזיס צו באַהאַנדלען (באַמערקט דאָס!) די פראַגע וועגן דער לאַגע פונעם „בונד״

אין דער פּאַרטיי". די אָפּאָנענטן פאַלן אָן, פאַרשטייט זיך, אַפן דאָזיקן מאַקסימום מיט אַ באַזונדער פאַרביסנקייט טאַקע דערפאַר, וואָס דאָס איז אַ מאַקסימום, וואָס דאָס איז דאָס „לעצטע וואָרט"*) פון דער ריכטונג, וועלכע זיי פאַרורטיילן. דעמאָלט, אין אַ כוידעש אַרום שלעפּן די מענטשן אַרויס פון קעשענע אָן שום פאַרלעגנהייט אַ „מינימום" און גיבן דראָענדיק צו: „אולטימאַטום!"

דאָס איז שוין ניט דאָס „לעצטע וואָרט", נאָר אַן עמעסער לעצטער פּרייז... צי אָבער דער לעצטער, מײַנע הערן? צי האָט איר ניט אין דער צווייטער קעשענע קיין מינימאַלן מינימום? צי וועט ער זיך ניט באַווייזן אַף דער ווייסער ווערט אַזוי בעערעך, אין אַ בוידעש אַרום?

מיר האָבן מוירע, אַז די בונדיסטן באַנעמען שלעכט די גאַנצע „שיינקייט" פון אָט די מאַקסימום און מינימום. אַרויסשטעלן אַ געוואַלטיק הויכן פּרייז, דערנאָך אַראָפּלאָזן 75 פּראָצענט און מעלדן „דער לעצטער פּרייז",—צי קאָן מען דען אַנדערש האַנדלען? צי איז דען פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן מיסכער און פּאָליטיק?

עס איז פאַראַן, מײַנע הערן, מיר האָבן דעם מוט צו פאַרזיכערן אײַך, אַז עס איז פאַראַן. ערשטנס, אין דער פּאָליטיק פירן אייניקע פּאַרטייען דורך סיסטעמאַטיש געוויסע פּרינציפּן, און צוליב פּרינציפּן איז ניט אָנשטענדיק צו דינגען זיך. צווייטנס, איז ווען מענטשן, וועלכע רעכענען זיך אין איין פּאַרטיי, באַטראַכטן אייניקע זייערע פאָדערונגען, אַלס אַן אולטימאַטום, דאָס הייסט אַלס אַ באַדינג פאַר דער אָנגעהער־ריקייט גופע צו דער פּאַרטיי, פאָדערט די פּאָליטישע ערלעכקייט, אַז דערדאָזיקער אומשטאַנד זאָל ניט באַהאַלטן ווערן, זאָל ניט אַוועקגעלייגט ווערן „אַף אַ צייט" אין קעשענע, נאָר ער זאָל, פאַרקערט, אָפן און באַשטימט אַרויסגערוקט ווערן גלייך פון אָנהייב אָן.

מיר פרייִדיקן שוין לאַנג די בונדיסטן דידאָזיקע ניט פאַרשפּיצטע עמעסן. נאָך אין פעווראַל (נומ. 33) האָבן מיר געשריבן, אַז עס איז ניט קלוג און ניט ווירדיק צו שפּילן זיך אין באַהעלטעניש, אַז דער „בונד" איז אַרויסגעטראָטן סעפּאַראַט (מיט אַ מעלדונג וועגן דעם אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט), ווייל ער האָט געוואָלט אַרויס־טרעטן, אַלס אַ צאַד, וועלכער שטעלט באַדינגונגען דער גאַנצער פּאַרטיי. פאַר אַזאַ אָפּשאַצן די זאַך האָט מען אונדז דעמאָלט אָפּגעגאָסן מיט אַ גאַנצן צעבער ספּעצי־פיש־בונדישע (מיט רעכט קאָן מען זאָגן: ספּעציפיש־מאַרקישע) זידלערייען, די געשעענישן האָבן אָבער איצט באַוויזן, אַז מיר זיינען געווען גערעכט. טאַקע אַלס אַ צאַד טרעט אַרויס דער „בונד" אין די באַשלוסן פונעם 5־טן צוזאַמענפאָר מיט דעם, וואָס ער שטעלט דער גאַנצער פּאַרטיי דירעקטע אולטימאַטומס! טאַקע אַזאַ שטעלונג פון דער פראַגע פלעגן מיר זיך שטענדיק דערשלאָגן פון די בונדיסטן,

*) אַגעוואָרכע. זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בונדישער פּאָלעמיק איז, וואָס פאַר דעמדאָזיקן אויס־דרוק זיינען די „לעצטע פאַסירונגען" באַזונדערס אַף אונדז אָנגעפאַלן. פאַרוואָס דאָס לעצטע וואָרט, ווען זי (די פאָדערונג פון אַ פעדעראַציע) איז שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן מער ווי צוויי יאָר צוריק? די „איסקראַ" רעכנט אויס, אַז דער לעזער האָט קיין זיקאָרן ניט!.. באַרויקט זיך, באַרויקט זיך, מיינע הערן: דער אַוטאָר פונעם אַרטיקל האָט אָנגערופן אייער סטאַטוט־מאַקסימום „דאָס לעצטע וואָרט" טאַקע דערפאַר, וואָס דאָסדאָזיקע וואָרט איז געזאָגט געוואָרן מיט צוויי טעג (בעערעך) פאַרן נומ. 46 פון „איסקראַ" און ניט מיט צוויי יאָר צוריק.

דערווייזנדיק, אַז זי דרינגט אומפאַרמיידלעך אַרויס פון דער פּאָזיציע, וועלכע זיי האָבן פאַרנומען: די בונדיסטן פלעגן מיט קאַעם פּראָטעסטירן, פלעגן זיך אַרויס־דרייען, אָפּפּאַטערן מיט פאַרשיידענע מערוצים, און סאָפּקאָלסאָף האָבן זיי פּאָרט גע־מוזט באַווייזן זייער „מינימום".

דאָס איז לעכערלעך, אָבער נאָך לעכערלעכער איז דאָס, וואָס דער „בונד" האַלט נאָך איצט אויך אין אַרויסדרייען זיך, ער רעדט נאָך אַלץ וועגן דער „פאַלשקייט" פון דער „אַלטער, אַלעמען באַוווסטער, איסקריסשער אויסטראַכטעניש וועגן דעם", אַז דער „בונד" וויל אַריינטרעטן אין אַ פעדעראַטיוון בונד מיט דער רוסלענדישער פּאַרטיי. פאַלש איז די דאָזיקע אויסטראַכטעניש דערפאַר, וואָס אינעם פּ. 1 פונעם סטאַטוט, וועלכן דער „בונד" לייגט פאָר, איז קלוימערשט אָפּן געזאָגט וועגן דעם ווונטש פונעם „בונד" צו זיין אַ טייל פון דער פּאַרטיי, און ניט צו געפינען זיך אין אַ בונד מיט איר.

זייער גוט, מיינע הערן! צי ווערט אָבער ניט געזאָגט אין דעמזעלבן פּאַראַגראַף, אַז דער „בונד" איז אַ **פעדעראַטיווער טייל פון דער פּאַרטיי?** צי רעדט זיך ניט אינעם גאַנצן סטאַטוט־מאַקסימום וועגן צדדים, וואָס שליסן אַן אָפּמאַך? צי רעדט ניט דער סטאַטוט־מאַקסימום וועגן אַן **אולטימאַטום** און וועגן ענדערן די „גרונט־פונקטן" נאָר מיט דער קעגנזייטיקער האַסקאָמע פון די טיילן, וועלכע גייען אַריין אין דער פּאַרטיי, דערביי איז ניט די אַרטיקע, ניט די ראַיאָנישע אָרגאַניזאַציעס ווערן אין דעם פּראַט ניט אָנערקענט פאַר טיילן פון דער פּאַרטיי? איר זאָגט אַליין, אַז דער צאַד, וואָס שליסט דעם אָפּמאַך, קאָן ניט זיין ניט קיין אַרטיקע, ניט קיין ראַיאָ־נישע אָרגאַניזאַציע, נאָר אויסשליסלעך אַ „באַהעפטער טייל פון פונקט אַזאַ כאַראַק־טער, ווי דער „בונד". איר אַליין ווייזט אָן, אַלס אַ ביישפּיל, אַז אַזאַ באַהעפטער טייל וואָלטן געקאָנט זיין די „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע די פּוילישע, ליטווישע, לעטישע", „אויב זיי וואָלטן זיך געפינען אין דער פּאַרטיי", ווי איר גיט מיט קלונשאַפט צו. נו, אויב זיי געפינען זיך ניט אין דער פּאַרטיי? נו, און אויב אַ פעדעראַציע פון נאַ־ציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע איז געוווּנטשן פאַר אייך, ווערט ניט אָנערקענט פאַר געוווּנטשן און ווערט אָנטשיידן אָפּגעוואָרפן דורך דער גאַנצער איבעריקער פּאַרטיי? איר ווייסט דאָך אויסגעצייכנט, אַז די זאַך איז טאַקע אַזוי; איר מעלדעט דאָך אַליין אָפן, אַז די פאָדערונג צו בויען די גאַנצע פּאַרטיי אויפן באַזיס פון אַ פעדעראַציע פון נאַציאָנאַליטעטן ווערט שוין פון אייך ניט אַרויסגערוקט. פרעגט זיך, איז צו וועמען ווענדט איר זיך מיטן אולטימאַטום? צי איז דען ניט קלאָר, אַז צו דער גאַנצער פּאַרטיי, אַכוץ דעם „בונד"? אַנשטאָט צו דערווייזן די פאַלשקייט פון דער איסקריסשער אויסטראַכטעניש, אַנטפּלעקט איר בלויז אַ מינימום לאָגיק אין אייערע שפּיצלעך.

דערלויבט אָבער,—דערווידערן אונדז די בונדיסטן,—מיר וואַרפן דאָך אָפּ אַרויס אויך די פעדעראַציע פון אונדזער סטאַטוט־מינימום! דאָסדאָזיקע באַזייטיקן דאָס „שרעקלעכע" וואָרט איז, ווירקלעך, דער אינטערעסאַנטסטער עפּיזאָד אינעם באַרימטן איבערגאַנג פונעם מאַקסימום צום מינימום. אין ערגעץ, עפּשער, ניט האָט זיך ניט אויסגעדריקט אַזוי נאַיוו די זאַרגלאָזיקייט פונעם „בונד" בענוגייע צו פּרינ־ציפּן. איר זייט דאָגמאַטיקער, האָפנונגסלאָזיקע דאָגמאַטיקער, איר ווילט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט אָנערקענען דעם פעדעראַטיוון „פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע".

מיר זיינען דאָך אָבער ניט קיין דאָגמאַטיקער, מיר „שטעלן די פראַגע אַף אַ ריין־פּראַקטישן באָדן". אייך געפעלט ניט עפעס דאָרטן אַ מין פּרינציפּ, טשיקאַווע מענטשן! ווען מיר זיך איינגאַנצן באַגיין אָן אַ פּרינציפּ, מיר „פאָרמולירן דעם 1 פּ. אַזוי, אַז ער זאָל ניט זיין קיין דעקלאַראַציע פון אַ באַשטימטן פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע". דער שווערפּונקט פון דער פראַגע איז ניט אין דער פּרינציפּיעלער פאָרמולירונג, וועלכע גייט פאַרן סטאַטוט, נאָר פון זיינע קאָנקרעטע פּונקטן, וועלכע זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון באַטראַכטן די באַדערפעניש פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון איין זייט, און פון דער באַוועגונג איינגאַנצן גענומען, פון דער אַנדערער זייט" (זייט 1 פונעם בלעטל פון 9/22־טן סענטיאַבער).

דידאָזיקע כקירע האָט אין זיך אַף אַזויפיל כיין צוליב איר נאַיווקייט, אַז עס ווילט זיך פּאַשעט אויסקושן איר אַווטאָר. דער בונדיסט איז ערנסט איינגעגלייבט, אַז דאָגמאַטיקער האָבן בלויז מוירע פאַר אייניקע שרעקלעכע ווערטער, און האָט באַשלאָסן, אַז, אויב מע זאָל דערווייטערן דידאָזיקע ווערטער, וועט דער דאָגמאַטיקער גאָרניט ניט פאַרשטיין אין קאָנקרעטע פּונקטן! און דער בונדיסט אַרבעט אין שוויים פון זיין שטערן, שטעלט צונויף אַ מאַקסימום, גרייט צו (אַפן שוואַרצן טאָג) אַ מינימום, גרייט דעם אולטימאַטום נומ. 1, דעם אולטימאַטום נומ. 2... Oleum et operam perdidisti, amice; פריינט, אומזיסט האָסטו געפּאַטערט צייט און מי, ניט קוקנדיק אַף דעם פאַרשפּיצטן (אַ, וואונדערבאַר פאַרשפּיצטן!) דערווייטערן דעם שילד, זעט איין דער דאָגמאַטיקער דעם פעדעראַטיוון פּרינציפּ אויך אין די „קאָנקרעטע פּונקטן" פונעם מינימום. דערדאָזיקער פּרינציפּ איז ניקער סיי אין דער פאָדערונג ניט צו באַגרענעצן אַ טייל פון דער פּאַרטיי מיט קיינע שום ראַיאָן־ראַמען, סיי אין דער פּרעטענזיע אַף דער „איינציקער"*) פאָרשטייערשאַפט פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, סיי אין דער פאָדערונג פון „פאָרשטייערשאַפט" אין צ"ק פון דער פּאַרטיי, סיי אינעם אָפּנעמען באַם צ"ק פון דער פּאַרטיי דאָס רעכט אַריינצוטרעטן אין באַציונגען מיט טיילן פונעם „בונד" אָן דער האַסקאָמע פונעם צ"ק פון „בונד", סיי אין דער פאָדערונג, אַז די גרונט־פּונקטן קאָנען געענדערט ווערן נאָר מיטן העסקעם פון טיילן פון דער פּאַרטיי.

ניין, מיינע הערן. דער שווערפּונקט פון דער פראַגע וועגן דער לאַגע פונעם „בונד" אין דער פּאַרטיי, וועלכע שטייט פאַר אונדז, ליגט גראָד אינעם דעקלאַרירן אַ באַשטימטן פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע, און לאַכלוטן ניט אין די קאָנקרעטע פּונקטן. דער שווערפּונקט איז אינעם אויסקלייבן דעם וועג, צי פאַרגעזעצלעכן די אָפּגעזונדערטקייט פונעם „בונד", וועלכע האָט זיך אויסגעבילדעט היסטאָריש, אָדער אָפּוואַרפן זי אין פּרינציפּ און שטעלן זיך אָפן, באַשטימט, אַנטשיידן און ערלעך אַפן וועג פון גרעסערן און גרעסערן, ענגערן און ענגערן דערנעענטערן זיך און צוזאַמענגיסן

*) „דאָסדאָזיקע וואָרט האָט ניט קיין באַדייטונג", פאַרזיכערט אונדז איצט דער „בונד". מאָדנע! איז צו וואָס־זשע עפּעס אַריינשטעלן אַ וואָרט, וואָס האָט ניט קיין באַדייטונג, סיי אין מינימום און סיי אין מאַקסימום? אין רוסיש האָט דאָסדאָזיקע וואָרט אַ גאַנץ באַשטימטע באַדייטונג. איך געגעבענעם פאַל שליסט עס טאַקע איין די „דעקלאַראַציע" סיי פונעם נאַציאָנאַליזם, סיי פונעם פעדעראַליזם. מיר רעקאָמענדירן אַ טראַכט טאָן וועגן דעם די בונדיסטן, וועלכע זעען ניט איין דעם צוזאַמענבונד צווישן נאַציאָנאַליזם און פעדעראַליזם.

זיך מיט דער גאַנצער פּאַרטיי. איינהאַלטן די אָפּגעזונדערטקייט אָדער אַ קער געבן צום צוזאַמענגיסן. אָט אַזוי שטייט די ברייָרע.

האָט לייזן דידאָזיקע ברייָרע הענגט אָפּ פונעם גוטן ווילן פונעם „בונד", ווייל „מיט גוואַלט קאָן מען ניט געפעלן ווערן", ווי מיר האָבן נאָך געשריבן אין נום. 33. אויב איר ווילט אַ קער געבן צום צוזאַמענגיסן, דעמאָלט וועט איר אָפּוואַרפן די פעדעראַציע און וועט אָננעמען די אויטאָנאָמיע. דעמאָלט וועט איר פאַרשטיין, אַז די אויטאָנאָמיע גאַראַנטירט אַזאַ בעלהאַראַגעדיקייט פונעם צוזאַמענגיסונג-פּראָצעס, בּאַ וועלכער די איבעראָרגאַניזירונג וואָלט פאָרגעקומען מיטן מינימאַלן ברעכן און דערביי אַזוי, אַז די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג וואָלט גאָרניט ניט פאַרלאָרן, נאָר וואָלט אַלץ געוואונען פון דערהאָזיקער איבעראָרגאַניזירונג און פונעם דאָזיקן צוזאַמענגיסן.

ווילט איר ניט אַ קער געבן צום צוזאַמענגיסן זיך,—דעמאָלט וועט איר זיין פאַר פעדעראַציע (אין איר מאַקסימאַלער אָדער מינימאַלער פאָרם, מיט אַ דעקלאַראַציע, אָדער אָן אַ דעקלאַראַציע), דעמאָלט וועט איר מוירע האָבן פאַר „מאַיאָריזירונג", דעמאָלט וועט איר פאַרוואַנדלען די טרויעריקע אָפּגעזונדערטקייט פונעם „בונד" אין אַ פּעטיש, און ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרניכטן די אָפּגעזונדערטקייט, וועט איר שרייען, אַז מע פאַרניכטעט דעם „בונד", דעמאָלט וועט איר זוכן אַ באַגרינדונג פאַר אייער אָפּגעזונדערטקייט, און אין דידאָזיקע זוכעניישן וועט איר אַמאָל זיך אָנכאַפּן פאַר דער ציאָניסטישער אידייע וועגן אַ יידישער „נאַציע" און אַמאָל אָנווענדן דעמאַגאָגיע און פּליאָטקעס.

טעאָרעטיש באַגרינדן דעם פעדעראַליזם קאָן מען נאָר מיט נאַציאָנאַליסטישע אידייען, און פאַר אונדז וואָלט געווען מעשוגעדיק צו דערווייזן די בונדיסטן, אַז ניט צופעליק פאַלט אויס די דעקלאַראַציע וועגן פעדעראַליזם אַף דעמזעלבן 4-טן צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט אָנגענומען די דעקלאַראַציע וועגן דער עקזיסטענץ פון דער יידישער נאַציע.

פּראַקטיש קאָן מען דיסקרעדיטירן די אידייע פון צוזאַמענגיסונג נאָר דורך העצן די אומבאַוווסטזיניקע און שרעקעדיקע עלעמענטן קעגן דעם „מוירעדיקן", „אַראַקטשעיעוושן"*) אָרגאַניזאַציאָנס-פּלאַן פון „איסקראַ", וועלכע וויל „שערן מיט איין שער" די קאָמיטעטן און ניט דערלייבן זיי „צו מאַכן אַ שריט אָן אַ באַפעל פון אויבן". וואָס פאַר אַ שרעק! מיר צווייפלען ניט, אַז איצט וועלן אַלע קאָמיטעטן זיך צווילן דערקלערן אַ מערידע קעגן דער אייזערנער הענטשקע, קעגן דער אַראַקטשעיעווישער פויסט

*) אַראַקטשעיעוו — אַ סראַרע פון אַלעקסאַנדער דעם I צייטן, באַרימט געוואָרן ווי אַ מייסטער פון דורכפירן אַ מעשוגעדיק ווילדע אונטערדריקונג און קאַזאַרמע-דיסציפּלין אין גאַנצן לאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד האָט ער פאַרוואַנדלט אין אַ קאַזאַרמע. באַזונדערס מעפורסעם איז ער געוואָרן דורך „זיינע מיליטערישע ישווים", ווו פויערים זיינען, בלייבנדיק באַ די פאַמיליעס, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סאָלדאַטן, ניט אויפהערנדיק צו באַאַרבעטן די ערד און זיינען אונטערגעוואָרפן געווען אונטער דער שטרענגסטער קאַזאַרמע-דיסציפּלין און ווו אַלץ האָט זיך געטאָן לויט אַ ספּעציעלער צייט-פאַרצייכעניש. אַפילו מוטערס פלעגן דאַרפן געבן קינדער די ברוסט לויט אַראַקטשעיעווס פאַרצייכעניש. זיין נאָמען איז געווען אַ באַצייכענונג פאַר יעדער סיסטעם פון גראָבער קאַזאַרמעראונטערדריקונג, פון קאָמאַנדעווען פון אויבן, פון שטיקן יעדע פרייע באַוועגונג. די סאָנים פונעם כ. לעגין האָבן אים שטענדיק באַשולדיקט אין אַראַקטשעיעוועריי.

איבערז.

אין צ. וו. פונו וואַנען אַבער, מיינע הערן, האָט איר געשעפּט יעדיעס וועגן דעמדאָזיקן ביזן אָרגאַניזאַציאָנס־פּלאַן? פון דער ליטעראַטור? איז פּאַרוואָס ציטירט איר די ניט? פון די דערציילונגען פון די לידיקגייערישע פּאַרטיי־יעגנטעס, וועלכע ווייסן אויפן זיבערסטן אויפן אַלע, מאַכן אַבסאָליוט אַלע פּראָטים מעקווייעך דערדאָזיקער אַראָקטשעיעוו שריי? די לעצטע האַשאַרע איז, מיסטאָמע, וואַרשיינלעכער, ווייל אַפילע באַם מינימום לאָגיק וואָלט ניט גריגג געוועז צונויפמישן אין איין הויפן אַזאַ נייטיקע פּאָדערונג, אַז דער צ"ק „זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו דערגיין ביזן לעצטן מענטשן פון דער פּאַרטיי", און אַזאַ אויסגעשפּראָכן רעכילעסדיקע סטראַשידלע, אַז דער צ"ק וועט „אַלץ טאָן" און „אַלץ רעגלאַמענטירן". אָדער נאָך: וואָס איז עס פאַר א נאַרישקייטן מעדייעך דעם, אַז „צווישן דער פּעריפעריע און דעם צענטער" וועלן זיין „loes organisationen" (ניט קיין געבונדענע, פרייע אָרגאַניזאַציעס), מיר שטויסן זיך אָן: אונדזערע גוטע בונדיסטן האָבן געהערט, אַז מע קלינגט, זיי האָבן אָבער ניט פאַרשטאַנען, פון וואַנעט דאָס שטאַמט. ווען ס'ניט איז באַ א גע־לעגנהייט וועט אויסקומען אויספירלעך צו דערקלערן זיי דאָס.

וועט אויסקומען ניט נאָר שרעקער פון אַלץ איז אָבער דאָס, וואָס מאַכן א בונט וועט אויסקומען ניט נאָר די אַרטיקע, נאָר אויך דעם צענטראַלקאָמיטעט. עמעס, ער איז נאָך ניט געבאָרן געוואָרן, אָבער די יענטעס ווייסן שוין ניט נאָר דעם טאָג פון זיין געבורט, נאָר דעם באַגען גוירל פונעם נייגעבאָרענעם. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס וועט זיין א צ"ק, „וועלכער וועט אָנגעפירט ווערן דורך א גרופּע ליטעראַטן". ניט עמעס, ס'איז א אויסגעטראַכטער און ביליקער קאָמפּראָמיטל דאָס איז? די בונדיסטן זיינען דאָ ניט די ערשטע, און, אַף געוויס, ניט די לעצטע. קעדיי אָפּצורעקן א וועלכן עס איז פעלער פון דעמדאָזיקן צ"ק אָדער אַ"ק, דאַרף מען געפינען באַווייזן. קעדיי אָפּצור דעקן מענטשן אין זיי, אַז זיי האַנדלען ניט לויט זייער איינענער איבערצייגונג, נאָר ווערן אָנגעפירט דורך א פרעמדער האַנט, דאַרף מען האָבן דעם מוט אַרויסצוטרעטן ווי אַן אָפענער באַשולדיקער און נעמען אַף זיך פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ באַשולדיקונג! דאָס איז אַלץ א צו טייערער ביסן, און אַלע הינטיבטן א טיישרע, און די באַבעמייסעס זיינען א ביליקע סכוירע... עפּשער, וועט אַ־זיין א נאַר. עס איז דאָך אַזוי אומאַנגענעם צו קריגן א שעם פון א מענטשן (אָדער אַנשטאַלט), מיט וועלכן „מע פירט אָן", וועלכן מע פירט פאַר דער האַנט, וועלכער איז א פּאַשעטע שאַכפיגור, א קרעאַטור, וועלכער איז געשטעלט דורך דער „איסקרא"... א ראָכמאָנעס, א ביטערער ראָכמאָנעס אַף אונדזער צוקונפטיקן צ"ק! באַ וועמען וועט ער זוכן שוץ קעגן דעם דרוק פון אַראַקטשעיעווריי? סיידן באַ די „זעלבסטשטענדיקע" בונדיסטן, וואָס זיי איז פרעמד יעטווידער „פאַרדעכטיקייט".

„איסקרא" נומ. 49 פון 1־טן אָקטיאַבער 1903־טן יאָר.

דאָק. נומ. 16

די לאַגע פונעם „בונד" אין דער פּאַרטיי

אינצטער אַזאַ קעפּל האָט זיך „בונד" אַרויסגעלאָזן א איבערזעצונג פונעם אַרטיקל פון נומ. 34 „אַרבעטער־שטימע". דערדאָזיקער אַרטיקל, וועלכער ווערט געגעבן צו־זאַמען מיט די באַשלוסן פונעם 5־טן צוזאַמענפאָר, איז א מין אָפיציעלער פּירוש צו

זיי. דאָ ווערט געמאַכט אַ פּרוּוו סיסטעמאַטיש אַרויסצוזאָגן אַלע אַרגומענטן, וועלכע צווינגען צו קומען צום אויספֿיר, אַז דער „בונד" דאַרף זיין אַ פֿעדעראַטיווער טייל פֿון דער פּאַרטיי". עס איז אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן די דאָזיקע אַרגומענטן.

דער אויטאָר הויבט אָן פֿון דעם, אַז די ברענענדיקסטע פֿראַגע, וועלכע שטייט פֿאַר דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, איז די פֿראַגע וועגן פֿאַרייניקונג. אויף וואָסערע יעסודעס קאָן זי פֿאָרקומען? דער מאַניפֿעסט פֿון 1898-טן יאָר האָט גענומען פֿאַר אַ יעסאָד דעם פּרינציפּ פֿון אויטאָנאָמיע. דער אויטאָר אַנאַליזירט דעם דאָזיקן פּרינציפּ און געפֿינט, אַז ער איז לאָגיש אומגעלומפּערט, אינערלעך פֿול מיט סטירעס. אויב מע זאָל פֿאַרשטיין אונטער די פֿראַגן, וועלכע זיינען ספּעציעל נוגייע דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, בלויז די פֿראַגן וועגן די אויפֿאַנים פֿון אַגיטאַציע (אין העסקעם מיט דער באַזונדערער שפּראַך, באַזונדערער פּסיכאָלאָגיע, באַזונדערער קולטור פֿון די יידן), וועט עס זיין אַ טעכנישע (?) אויטאָנאָמיע. אָבער אַזאַ אויטאָנאָמיע באַטייט די פֿאַרניכטונג פֿון יעדער זעלבשטענדיקייט, ווייל יעדער קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי פֿאַרמאָגט אַזאַ אויטאָנאָמיע, און צוגלייכן דעם „בונד" צו די קאָמיטעטן הייסט אָפּלייקענען די אויטאָנאָמיע. אויב מע זאָל אָבער פֿאַרשטיין אונטער אויטאָנאָמיע די אויטאָנאָמיע פֿון געוויסע פּראָגראַם-פֿראַגן, איז אַן אומזין אָפּצונעמען באַם „בונד" יעדע זעלבשטענדיקייט אין די איבעריקע פּראָגראַם-פֿראַגן; זעלבשטענדיקייט אין פּראָגראַם-פֿראַגן איז אומבאַדינגט מעשאַער די פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿונעם „בונד", אַלס אַזעלכן, אין די צענטראַלע אָרגאַנען פֿון דער פּאַרטיי, דאָס הייסט, ניט קיין אויטאָנאָמיע, נאָר אַ פֿעדעראַציע. אַ פֿעסטן באַזיס פֿאַר דער לאַגע פֿונעם „בונד" אין דער פּאַרטיי דאַרף מען זוכן אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. די דאָזיקע געשיכטע באַווייזט אונדז די צוזאַמענגיסונג פֿון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿירן די אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, אין איין בונד — דעם „בונד" — און די פֿאַרברייטערונג פֿון זיין טעטיקייט פֿון ליטע אויף פּוילן און דערנאָך אויף דאָרעם-רוסלאַנד. די געשיכטע האָט, הייסט עס, אַנידערגעוואָרפֿן אַלע ראַיאָנישע מעכיצעס און האָט אַרויסגערוקט דעם „בונד", אַלס דעם איינציקן פֿאַרשטייער פֿונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. אָט איז אַ פּרינציפּ, וואָס איז ניט קיין פּרוכט פֿון אַ פּוסטער בקירע (?), נאָר אַ רעזולטאַט פֿון דער גאַנצער געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג: דער „בונד" איז דער איינציקער פֿאַרשטייער פֿון די אינטערעסן פֿונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. און, פֿאַרשטייט זיך, אַז די אָרגאַניזאַציע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט פֿון אַ גאַנצער נאַציאָנאַליטעט קאָן אַריינגיין אין דער פּאַרטיי נאָר בלויז אויף פֿעדעראַטיווער איינאָרדענונג: דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז ניט נאָר אַ טייל פֿון דער אַלוועלטלעכער פֿאַמיליע פּראָלעטאַריער, נאָר אויך אַ טייל פֿונעם יידישן פֿאָלק, וואָס פֿאַרנעמט אַ באַזונדערע לאַגע צווישן אַנדערע פֿעלקער. ענדלעך, דריקט זיך אויס די פֿעסטע איינקייט צווישן די טיילן פֿון דער פּאַרטיי דאַפֿקע אין אַ פֿעדעראַציע, ווייל דער גרונט-צייכן פֿון דער לעצטער איז, יעטווידער באַשטאַנדטייל פֿון דער פּאַרטיי זאָל נעמען אַ אומיטלבאַרן אָנטייל אין אירע איניאָנים. אַלע טיילן פֿון דער פּאַרטיי פֿילן זיך דעמאָלט גלייכבאַרעכטיקט. און די אויטאָנאָמיע איז מעשאַער די רעכטלאָזיקייט פֿון די טיילן פֿון דער פּאַרטיי,

גלייכגילטיקייט צו די אַלגעמיינע איניאָנים, קעגנזייטיקן אומצוטרוי, רייבונגען און צוזאַמענשטויסן.

אָט דאָס איז די אָריענטירונג פונעם אַווטאָר, וועלכע מיר האָבן איבערגעגעבן קיצאַט אויסשליסלעך מיט זיינע אייגענע אויסדריקן. זי ווערט סומירט אין דריי פונקטן: אין מאָטיוון פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער מעקויעך דער אינווייניקסטער ווידערשפּרעכלעכקייט פון דער אַווטאָנאָמיע און מעקויעך איר אומטויגבאַרקייט פונעם שטאַנדפּונקט פון ענגער אייניקייט פון די טיילן פון דער פּאַרטיי; אין מוסער־האַסקלס פון דער געשיכטע, וועלכע האָט אַרויסגערוקט דעם „בונד", אַלס דעם איינציקן פאַרשטייער פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, און, ענדלעך, אינעם פאַרופן זיך אַף דעם, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז אַ פּראָלעטאַריאַט פון אַ גאַנצער נאַציאָנאַליטעט, וועלכע פאַרנעמט אַ באַזונדערע לאַגע. דער אַווטאָר וויל זיך, הייסט עס, שפּיצן סיי אַף אַלגעמיינע אָרגאַניזיר־פּרינציפּן, סיי אַף מוסער־האַסקלס פון דער געשיכטע און סיי אַף דער אידיי פון נאַציאָנאַליטעט. דער אַווטאָר פלייסט זיך — מע דאַרף זאָגן דעם עמעס — צו באַטראַכטן די פראַגע פון אַלע זייטן. און טאַקע דעריבער האָט ער אַזוי בולט געשילדערט די פּאָזיציע, וועלכע דער „בונד" האָט פאַרנומען אין דער פראַגע, וועלכע מאַכט אַף אונדז אַזאַ רוישעם.

בא דער פעדעראַציע, זאָגט מען אונדז, זיינען די טיילן פון דער פּאַרטיי גלייכבאַרעכטיקט און נעמען אומיטלבאַר אָן אָנטייל אין די אַלגעמיינע איניאָנים; בא דער אַווטאָנאָמיע זיינען זיי רעכטלאָזיק און, אַלס אַזעלכע, נעמען זיי ניט קיין אָנטייל אין דעם אַלגעמיין־פּאַרטייִשן לעבן. דידאָזיקע כקירע געהערט אינגאַנצן צום געביט פון באַשיימפּערלעכע אומגעלומפּערטקייטן און איז, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, ענלעך אַף יענע כקירעס, וועלכע די מאַטעמאַטיקער רופן אָן מאַטעמאַטישע סאָפיזמען און אין וועלכע עס ווערט דערוויזן, — אין פלוג דורך אַ שטרענג לאָגישן וועג, — אַז צוויי מאָל צוויי איז פינף, אַז אַ טייל איז גרעסער פאַרן גאַנצן און אַז. וו. עס זיינען פאַראַן זאַמלביכער פון אַזעלכע מאַטעמאַטישע סאָפיזמען, און זיי ברענגען נוצן פאַר לערנקינדער. אָבער מענטשן, וועלכע מיינען צו זיין די איינציקע פאַרשטייער פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, פּאַסט אַפילע גאָרניט צו דערקלערן אַזאַ עלעמענטאַרן סאָפיזם, ווי דאָס פאַרשיידענע באַנעמען דעם „טייל פון דער פּאַרטיי" אין צוויי העלפטן פון איינער און דערזעלבער כקירע. ווען מע רעדט וועגן פעדעראַציע, מיינט מען אונטער טייל פון דער פּאַרטיי דעם סכום אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשיידענע געגנטן; ווען מע רעדט וועגן אַווטאָנאָמיע, מיינט מען אונטער טייל פון דער פּאַרטיי יעדע באַזונדערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציע. שטעלט אַוועק איינעם נעבן דעם אַנדערן אין איין סילאָגיזם אָט די קלוימערשט אידענטישע באַגריפן, און איר וועט באַקומען דעם אומפאַרמיידלעכן אויספיר, אַז צוויי מאָל צוויי איז פינף. און אויב פאַר די בונדיסטן איז נאָך פונדעסטוועגן ניט קלאָר דער מעהוס פון זייער סאָפיזם, קאָנען זיי אַ קוק טאָן אין זייער אייגענעם סטאַטוט־מאַקסימום און דערזען דאָרט, אַז האַפקע בא פעדעראַציע פאַרקערן זיך די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס מיטן צענטער פון דער פּאַרטיי אומדירעקט, און בא אַווטאָנאָמיע דירעקט. ניין, בעסער זאָלן שוין אונדזערע פעדעראַליסטן ניט ריידן וועגן „ענגער אייניקייט"! מיטן אַפּלייקענען די

האַנאַכע, אַז פעדעראַציע באַטייט אָפּגעזונדערטקייט, און אויטאָנאָמיע צוזאַמענגיסונג פון די טיילן פון דער פּאַרטיי, קאָן מען בלויז אַרויסרופן באַ לייטן אַ געלעכטער.

ניט פיל געלונגען איז דער פּרוּוו צו דערווייזן די „לאָגישע אומגעלומפּערטקייט" פון דער אויטאָנאָמיע, וועלכער ווערט געמאַכט דורך צעטיילן די לעצטע אויף אַ פּראָגראַמאַטישער און טעכנישער. שוין די דאָזיקע צעטיילונג אַליין איז העכסט אומגעלומפּערט. פאַרוואָס קאָנען די פראַגן וועגן ספּעציעלע אויפגאַבן פון אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער אָנגערופן ווערן טעכנישע? וואָס האָט דאָ צו טאָן די טעכניק, ווייבאַלד עס האַנדלט זיך וועגן די באַזונדערקייטן פון דער שפּראַך, פון דער פּסיכאָלאָגיע, פון די שטייגער־באַדינגונגען? ווי קאָן מען ריידן וועגן זעלבשטענדיקייט אין פּראָגראַם־פראַגן בנוגע דער פאָדערונג, לעמאָשל, פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן? די פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטעלט אַרויס בלויז גרונט־פאָדערונגען, געמיינזאַמע פאַרן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, אומאָפּהענגיק פון פּראָפעסיאָנעלע, אָרטיקע, נאַציאָנאַלע ראַסן־פאַרשידנקייטן. דורך די דאָזיקע פאַרשידנקייטן ווערט באַדינגט דאָס, וואָס איינע און די זעלבע פאָדערונג פון פולקומענער גלייכקייט פון די בירגער פאַרן געזעץ רופט אַרויס אין איין אָרט אַן אַגיטאַציע קעגן איין מין אומגלייכבאַרעכטיקונג, אין אַ צווייטן אָרט אָדער בנוגע צו אַנדערע גרופּעס פונעם פּראָלעטאַריאַט — קעגן אַ צווייטן מין אומגלייכבאַרעכטיקונג און אַז. וו. איינער און דערזעלבער פּראָגראַם־פּונקט ווערט אָנגעווענדעט פאַרשידן אָפּהענגיק פון דער פאַרשידנקייט פון די שטייגער־באַדינגונגען, פון דער פאַרשידנקייט פון דער קולטור, פון דער פאַרשידנקייט פון דער מיטפאַרהעלטעניש פון די געזעלשאַפטלעכע קויכעס אין פאַרשידענע געביטן פונעם לאַנד און אַז. וו. די אַגיטאַציע פאַר איינער און דערזעלבער פּראָגראַם־פאָדערונג ווערט געפירט אויף פאַרשידענע אויפנים, אין פאַרשידענע שפּראַכן אין העסקעם מיט די דאָזיקע אַלע פאַרשידנקייטן. אויטאָנאָמיע אין די פראַגן, וועלכע זיינען נעגייע־ספּעציעל דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַ געוויסער ראַסע, פון אַ געוויסער נאַציע, פון אַ געוויסן ראַיאָן, באַטייט, הייסט עס, אַז דאָס באַשטימען די ספּעציעלע פאָדערונגען, וועלכע ווערן אַרויסגעשטעלט אויף אויסצופירן די אַלגעמיינע פּראָגראַם, דאָס באַשטימען די אויפנים פון אַגיטאַציע ווערט איבערגעגעבן דער זעלבשטענדיקער ליזונג פון דער אַנטשפּרעכנדיקער אָרגאַניזאַציע. די פּאַרטיי אינגאַנצן גענומען, אירע צענטראַלע אַנשטאַלטן, שטעלן איין די אַלגעמיינע גרונט־פּרינציפּן פון דער פּראָגראַם און פון דער טאַקטיק; און די פאַרשידענע אויפנים פון דורכפירן אין דער פּראַקטיק און אין דער אַגיטאַציע די דאָזיקע פּרינציפּן ווערן איינגעשטעלט דורך די פאַרשידענע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אונטערגעאָרדנט דעם צענטער, אין העסקעם מיט די אָרטיקע, ראַסיקע, נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און אַז. וו. פאַרשידנקייטן.

פרעגט זיך, צי דען איז אַזאַ באַגריף פון אויטאָנאָמיע ניט קלאָר? און צי איז דען ניט קיין אויסגעשפּראָכענע סכאָלאַסטיק דאָס צעטיילן די אויטאָנאָמיע אין פּראָגראַמאַטישע און אין טעכנישע פראַגן?

גיט אַ קוק, ווי „לאָגיש עס ווערט אַנאַליזירט" דער באַגריף פון אויטאָנאָמיע

אין דער בראָשור, וועלכע מיר באַטראַכטן. „פון דער גאַנצער מאַסע פראַגן, מיט וועלכע עס קומט אויס האָבן צו טאָן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, — זאָגט די דאָזיקע בראָשור וועגן דעם פּרינציפּ פון אויטאָנאָמיע, וועלכער איז געלייגט געוואָרן אין יעדער פונעם מאַניפעסט פון 1898־טן יאָר, — ווערן אויסגעטיילט (sic!) אייניקע פראַגן, וואָס וועגן זיי ווערט אָנערקענט, אַז זיי זיינען נעגייע ספּעציעל דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט... די אויטאָנאָמישקייט פונעם „בונד" ענדיקט זיך דאָרט, ווו עס הויבט זיך אָן דער געביט פון אַלגעמיינע פראַגן... פונדאַנען דרינגט ארויס די דאָפּלטע לאַגע פונעם „בונד" אין דער פּאַרטיי. אין די ספּעציעלע פראַגן טרעט ער ארויס, אַלס דער „בונד"... אין אַלגעמיינע פראַגן פאַרלירט ער זיין פּאָנעם און ווערט צוגעגליכן צו אַן איינפאַכן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי"... די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָגראַם פאָדערט די פולקומענע גלייכקייט פון אַלע בירגער פאַרן געזעץ. אַף אויסצופירן די דאָזיקע פּראָגראַם שטעלט ארויס דער יידישער אַרבעטער אין ווילנע איין ספּעציעלע פאָדערונג, און דער באַשקיר, דער אַרבעטער אין אופאַ, א גאַנץ אַנדערע ספּעציעלע פאָדערונג. צי באַטייט עס, אַז „פון דער מאַסע פראַגן" ווערן „אויסגעטיילט אייניקע"? אויב די אַלגעמיינע פאָדערונג פון גלייכבאַרעכטיקונג ווערט דורכגעפירט אין לעבן דורך ארויסשטעלן א ריי ספּעציעלע פאָדערונגען, וועגן פאַרניכטן ספּעציעלע מינים פון אומגלייכבאַרעכטיקטקייט איז צי דען ווערן דאָ די ספּעציעלע פראַגן אויסגעטיילט פון די אַלגעמיינע פראַגן? די ספּעציעלע פאָדערונגען ווערן ניט אויסגעטיילט פון די אַלגעמיינע, נאָר זיי ווערן געשטעלט אַף אויסצופירן די אַלגעמיינע פאָדערונגען פון דער פּראָגראַם. עס ווערט אויסגעטיילט דאָס, וואָס עס איז ספּעציעל נעגייע דעם יידן אין ווילנע, פון דעם, וואָס עס איז ספּעציעל נעגייע דעם באַשקיר אין אופאַ. די פאַראַלגעמיינערונג פון זייערע פאָדערונגען, די פאָרשטייערשאַפט פון זייערע אַלגעמיינע קלאַסן־אינטערעסן (און ניט פון די ספּעציעלע, פּראָפעסיאָנעלע, ראַסיקע, נאַציאָנאַלע און אַז. וו.) איז די זאַך פון דער גאַנצער פּאַרטיי, די זאַך פונעם פּאַרטיי־צענטער. דוכט זיך, דער איניען איז גאַנץ קלאָר! די בונדיסטן האָבן אים דערפאַר פאַרפּלאָנטערט, וואָס אָנשטאָט א לאָגישן אַנאַליז האָבן זיי אונדז נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל געגעבן מוסטערן פון לאָגישע אומגעלומפּערטקייטן. זיי האָבן אַבסאָליוט ניט פאַרשטאַנען די פאַרהעלטעניש פון די אַלגעמיינע פאָדערונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו די ספּעציעלע. זיי האָבן זיך איינגעבילדעט, אַז „פון דער גאַנצער מאַסע פראַגן, מיט וועלכע עס קומט אויס צו האָבן צו טאָן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווערן אויסגעטיילט אייניקע", אין דער צייט ווען אין דער ווירקלעכקייט איז יעדע פראַגע, וועלכע ווערט באַרירט דורך אונדזער פּראָגראַם, א פאַראַלגעמיינערונג פון א גאַנצער ריי ספּעציעלע פראַגן און פאָדערונגען; יעדער פּראָגראַם־פונקט איז געמיינזאַם פאַרן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, איינטיילנדיק זיך אין דערזעלבער צייט אַף ספּעציעלע פראַגן, אָפּהענגיק פון דער פאַרשיידנקייט פון די פּראָפעסיעס פון די פּראָלעטאַריער, פון זייערע באַדינגונגען, פונעם שטייגער, פון דער שפּראַך און אַז. וו., און אַז. וו. די בונדיסטן שטייען אין א פאַרלעגנהייט פאַר דער ווידערשפּרעכלעכקייט און צווייענדיקייט פון דער לאַגע פונעם „בונד", וועלכע באַשטייט, פאַרשטייט איר מיך, אין דעם, וואָס אין די ספּעציעלע פראַגן טרעט ער ארויס, אַלס דער „בונד", און אין אַלגעמיינע פאַרלירט ער

זיין פֿיזיאָגנאָמיע. אויב זיי וואָלטן עטוואָס אַ טראַכט טאָן, וואָלטן זיי דערזען, אַז אַזאַ מין „צווייענדיקייט" עקזיסטירט אין דער לאַגע אומבאַדינגט פֿון איטלעכן אַרבעטער סאָציאַל-דעמאָקראַט, וועלכער טרעט אַרויס אין ספּעציעלע פֿראַגן, אַלס אַ פֿאָרשטייער פֿון אַ געוויסער פּראָפֿעסיע, אַלס אַ מיטגליד פֿון אַ געוויסער נאַציע, אַלס אַ איינוווינער פֿון אַ געוויסער געגנט, און אין אַלגעמיינע פֿראַגן „פֿאַרלירט ער זיין פֿיזיאָגנאָמיע" און ווערט צוגעגליכן צו יעדן אַנדערן סאָציאַל-דעמאָקראַט. די אויטאָנאָמיע פֿונעם „בונד", לויטן סטאַטוט פֿון 1898-טן יאָר, איז אַן אַבסאָלוט איינאַרטיקע דערשיינונג מיט דער אויטאָנאָמיע פֿונעם טולער קאָמיטעט, נאָר די ראַמען פֿון דערדאָזיקער אויטאָנאָמיע זיינען עטוואָס אַנדערע און עטוואָס ברייטערע אין ערשטן פֿאַל, איידער אין צווייטן. און אַבסאָלוט גאָרניט אַכוץ שרייענדיקער לאָגישער אומגעלומפּערטקייט, באַהאַלט זיך ניט אין דער פֿאָלגנדיקער האַנאָכע, מיט וועלכער דער „בונד" באַשטרייט אַזאַ אויספֿיר: „אויב דעם „בונד" ווערט געגעבן זעלבשטענדיקייט אין איינציקע פּראָגראַם-פֿראַגן, איז אַף וואָס פֿאַר אַ גרונט ווערט בײַ אים אָפּגענומען יעדע זעלבשטענדיקייט אין די איבעריקע פּראָגראַם-פֿראַגן"? דאָסדאָזיקע אַנטקעגנשטעלן די ספּעציעלע פֿראַגן אַנטקעגן די אַלגעמיינע, ווי „איינציקע" אַנטקעגן „די איבעריקע" איז אַן אויסגעצייכנטער מוסטער פֿונעם בונדישן „לאָגישן אַנאַליז"! מענטשן קאָנען בעשומאופֿן ניט פֿאַרשטיין, אַז דאָס באַטייט אַנטקעגנשטעלן די פֿאַרשיידענע פֿאַרב, טאַם און ריח פֿון איינצלנע עפּל אַנטקעגן דער צאָל פֿון די „איבעריקע" עפּל. מיר האָבן די האָנע צו פֿאַרזיכערן אייך, מיינע הערן, אַז ניט נאָר איינציקע, נאָר יעדער עפּל האָט דעם אָדער יענעם ספּעציפֿישן טאַם, פֿאַרב און ריח. ניט נאָר אין „איינציקע", נאָר אין אַלע אָן אויסנאַם פּראָגראַם-פֿראַגן ווערט אייך געגעבן זעלבשטענדיקייט, מיינע הערן, נאָר גראָד אַף אַזוי פֿיל, אַף וויפֿל עס האַנדלט זיך וועגן אָנווענדן דידאָזיקע פֿראַגן צו די ספּעציעלע באַזונדערקייטן פֿונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט! Mein teuerer Freund, ich rath Euch drum zuerst Colegium logicum! (מיין ליבער פֿריינט, איך ראָט אייך דעריבער צוערשט דורכגיין די שול פֿון לאָגיק).

דער צווייטער אַרגומענט פֿון די בונדיסטן באַשטייט אין באַרופֿן זיך אַף דער געשיכטע, וועלכע האָט קלוימערשט אַרויסגערוקט דעם „בונד", אַלס דעם איינציקן פֿאָרשטייער פֿונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

דידאָזיקע האַנאָכע איז, ערשטנס, ניט ריכטיק. דער אויטאָר פֿון דער בראָשור זאָגט אַליין, אַז „די אַרבעט פֿון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס (אויסער דעם „בונד") אין דערדאָזיקער ריכטונג (ד. ה. די אַרבעט צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט) איז אָדער זי האָט גאָרניט ניט געגעבן, אָדער זי האָט געגעבן רעזולטאַטן, וועגן וועלכע עס איז ניט קעדיי צו ריידן". הייסט עס, אַז אַן אַרבעט האָט זיך געפֿירט, ווי ער אַליין אָנערקענט, און הייסט עס, אַז קיין איינציקער פֿאָרשטייער פֿונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט איז דער „בונד" ניט געווען; אינעם אָפּשאַצן די רעזולטאַטן פֿון דערדאָזיקער אַרבעט וועט זיך קיינער, פֿאַרשטייט זיך, ניט פֿאַרלאָזן אַף דער מיינונג פֿונעם „בונד" גופֿע; עס איז, ענדלעך, ניט אומבאַוווסט, אַז דער „בונד" פֿלעגט שטערן דער אַרבעט פֿון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט (עס איז גענוג אָנצורופֿן דעם באַוווסטן עפּיזאָד פֿונעם קאַמף פֿונעם „בונד" קעגן דעם קאַטערינאָסלאַ-

זוער קאמיטעט פון דער פארטיי, וועלכער האט געהאט די האזע ארויסצולאזן א פראקלאמאציע צו די יידישע ארבעטער), — הייסט עס, אז אויב די רעזולטאטן וואלטן אפילע ווירקלעך געווען אזעלכע, וועגן וועלכע עס איז ניט קעדיי צו ריידן, פאלט א טייל שולד פון דעם אפן „בונד" גופע.

ווייטער. יענער טייל עמעס, וועלכער איז פאראן אין דער היסטארישער אינפארמאציע פונעם „בונד", דערווייזט נאך אבסאליוט ניט די ריכטיקייט פון זיין ארגומענטירונג. די פאקטן, וועלכע זיינען ווירקלעך געווען און וועגן וועלכע דער „בונד" רעדט, ריידן ניט פאר, נאר קעגן אים. דידאזיקע פאקטן באשטייען אין דעם, וואס דער „בונד" האט עקזיסטירט און זיך אנטוויקלט — אין מעשעך פון די פינף יאר, וועלכע זיינען פאריבער זינט דעם ערשטן צוזאמענפאר, — גאנץ זעלבשטענדיק און אומאפהענגיק פון די איבעריקע ארגאניזאציעס פון דער פארטיי. ביכלאל איז צווישן אלע ארגאניזאציעס פון דער פארטיי פאר דער צייט דער פאקטישער צוזאמענבונד געווען זייער א שוואכער. אבער דער צוזאמענבונד פונעם „בונד" מיט די איבעריקע טיילן פון דער פארטיי איז געווען ניט נאר פיל שוואכער, איידער דער צוזאמענבונד צווישן די איבעריקע ארגאניזאציעס, נאר פלעגט ווערן אלץ שוואכער. אז דער „בונד" פלעגט אליין אפשוואכן דעמדאזיקן צוזאמענבונד, דאס ווערט דירעקט דערוויזן דורך דער געשיכטע פין די אויסלענדישע ארגאניזאציעס פון אונדזער פארטיי. אין 1898־טן יאר פלעגן די מיטגלידער פונעם „בונד" אריינגיין אין איין אלגעמיינער פארטיי־ארגאניזאציע אין אויסלאנד; אין 1903־טן יאר האבן זיי זיך אויסגעטיילט אין א גאנץ זעלבשטענדיקער און אומאפהענגיקער אויסלענדישער ארגאניזאציע. די זעלבשטענדיקייט און אומאפהענגיקייט פונעם „בונד" רופט ניט ארויס קיין שום ספק, ווי אויך זייער בעהאדראגעדיקע פארפעסטיקונג.

איז וואס דרינגט ארויס פון אט דעם בליספעקדיקן פאקט? פאר די בונדיסטן דרינגט ארויס פונדאנען די נייטיקייט צו בוקן זיך פארן דאזיקן פאקט, קנעכטיש אונטערצוווארפן זיך אונטער אים, פארוואנדלען אים אין א פרינציפ, אין דעם איינציקן פרינציפ, וועלכער גיט א פעסטן באזיס פאר דער לאגע פונעם „בונד", פארגעזעצלעכן דעמדאזיקן פרינציפ אינעם סטאטוט, וועלכער דארף אנערקענען דעם „בונד" פארן איינציקן פארשטייער פונעם יידישן פראלעטאריאט אין דער פארטיי. אבער לויט אונדזער מיינונג, איז אזא אויספיר אן אויסגעשפראכנסטער אפארטוניזם, „עקיזם" פונעם ערגסטן סארט. פון דער פינפיאריקער געשיכטע פון דער צעפארנקייט דארף מען מאכן דעם אויספיר ניט וועגן פארגעזעצלעכן די צעברעקלטקייט, נאר וועגן דער נייטיקייט איינמאל פאר אלע מאל צו מאכן א סאף מיט איר. און צי דען קאן נאך ווער עס ניט איז לייקענען, אז דאס איז ווירקלעך געווען א צעפארנקייט? זעלבשטענדיק און אומאפהענגיק האבן זיך פאר דער צייט אנטוויקלט אלע טיילן פון דער פארטיי, — צי דארף מען שוין עפשער פון דעם ניט ארויסברענגען דעם „פרינציפ" פון א פעדעראציע צווישן סיביר, קאווקאז, אוראל, דארעם און א. וו.? די בונדיסטן אליין זאגן, אז די פארטיי האט אין זינען פון ארגאניזאציאנעלן פאראייניקן די טיילן פאקטיש ניט עקזיסטירט, — איז ווי־אזוי־זשע קאן מען פון דעם, וואס עס האט זיך אויסגעבילדעט בא דעם ניט עקזיסטירן פון דער פארטיי, מאכן אן אויספיר איבער דער פראגע וועגן ווידערופשטעלן די ארגאניזאציאנעלע

אייניקייט? ניין, מיינע הערן, אייער פאַרופן זיך אַף דער געשיכטע פון דער צעפּאַרנקייט, וועלכע האָט געשאַפן די אָפּגעזונדערטקייט, דערווייזט אַבסאָליוט קיין זאַך ניט, אויסער דער אומנאָרמאַלקייט פונעם דאָזיקן אָפּגעזונדערטן צושטאַנד. אַרויסברענגען אַן אָרגאַניזאַציאָנס-„פּרינציפּ" פון עטלעכע יאָר פּאַרטייִשער דעזאָרגאַניזאַציע הייסט האַנדלען פונקט ווי יענע פאָרשטייער פון דער היסטאָרישער שול, וועלכע זיינען, לויט מאַרקס באַוווּסטער סאַרקאַסטישער באַמערקונג, גרייט געווען צו פאַרטיידיקן די בייטש אַף דעם סמאַך, וואָס דאָס איז אַ היסטאָרישע בייטש.

אַלזאָ, ניט דער „לאָגישער אַנאַליז" פון דער אַווטאָנאָמיע, ניט היסטאָרישע אינפאָרמאַציעס קאָנען ניט געבן אַפילע קיין שאָטן פון „פּרינציפּיעלער" באַגרינדונג פון דער בונדישער אָפּגעזונדערטקייט. בליסאָפּעק, אַ פּרינציפּיעלן כאַראַקטער טראָגט דערפאַר דער דריטער אַרגומענט פונעם „בונד", וועלכער באַשטייט אין אַפּעלירן צו דער אידייע פון דער יידישער נאַציע. צום באַדויערן, איז אָבער די דאָזיקע ציאָניסטישע אידייע, אַן אַבסאָליוט פאַלשע און רעאַקציאָנערע לויט איר עצם מהות. „די יידן האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלס אַ נאַציע, וועלכע איז אומדענקבאַר אָן אַ באַשטימטער טעריטאָריע", זאָגט איינער פון די אָנגעזעענסטע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער, קאַרל קאַוטסקי (ז. „איסקראַ" נום. 42 און דעם באַזונדערן אָפּדרוק „די קעשענעווער שכיטע און די יידן-פראַגע", זייט 3). און מיט אַ קורצער צייט צוריק, באַטראַכטנדיק די פראַגע וועגן די נאַציאָנאַליטעטן פון עסטרייך, האָט דער זעלביקער שרייבער, פּרוּווּנדיק זיך צו געבן אַ וויסנשאַפטלעכע דעפיניציע פונעם באַגריף פון נאַציאָנאַליטעט, פעסטגעשטעלט 2 גרונט-סימאָנים פונעם דאָזיקן באַגריף: שפּראַך און טעריטאָריע („Die Neue Zeit", № 2, 1903). וואָרט אין וואָרט דאָסזעלבע שרייבט אַ פראַנצויזישער ייד, דער ראַדיקאַל אַלפרעד נאַקע, פּאָלעמיזירנדיק מיט די אַנטיסעמיטן און ציאָניסטן. „אויב בערנאַר לאַזאַרן, שרייבט ער וועגן דעם באַוווּסטן ציאָניסט, געפעלט צו האַלטן זיך פאַר אַ בירגער פון אַ באַזונדערן פאָלק, איז עס זיין זאַך; אָבער איך מעלדע, אַז האָגאָם איך בין געבאָרן געוואָרן אַ ייד... אָנערקען איך ניט די יידישע נאַציאָנאַליטעט... איך האָב ניט קיין אַנדער נאַציאָנאַליטעט, אויסער דער פראַנצויזישער... צי שטעלן מיט זיך די יידן פאָר אַ באַזונדער פאָלק? האָגאָם אין דער גאָר ווייטער פאַרגאַנגענהייט זיינען זיי, בליסאָפּעק, געווען אַ פאָלק, פונדעסטוועגן ענטפער איך אַף דער דאָזיקער פראַגע מיט אַ קאַטעגאָרישן ניין. דער באַגריף פון אַ פאָלק איז מעשאַער געוויסע באַדינגונגען, וועלכע זיינען אין דעם געגעבענעם פאַל ניט פאַראַן. אַ פאָלק דאַרף האָבן אַ טעריטאָריע, אַף וועלכער עס זאָל זיך אַנטוויקלען, און דערנאָך, ווייניקסטנס אין אונדזער צייט, קאָלזמאַן די אַלוועלטלעכע קאָנפעדעראַציע האָט נאָך ניט פאַרברייטערט דעם דאָזיקן באַזיס, דאַרף אַ פאָלק האָבן אַ געמיינזאַמע שפּראַך. בא די יידן איז שוין ניט פאַראַן ניט קיין טעריטאָריע, ניט קיין געמיינזאַמע שפּראַך... בערנאַר לאַזאַר האָט, אַף געוויס, אַזוי ווי איך, ניט געקענט קיין איין וואָרט יידיש, און אים וואָלט ניט גרינג געווען, אויב דער ציאָניזם וואָלט דערגרייכט צו זיין ציל, צונויפריידן זיך מיט זיינע שטאַם-ברידער פון אַנדערע וועלט-טיילן" („La Petite Republique" 24-טן סענטיאַבער פון 1903 יאָר). „די דייטשישע און פראַנצויזישע יידן זיינען גאָרניט ענלעך צו די פּוילישע און רוסישע יידן. די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון יידן

האָבן גאָרניט ניט אזוינס, וואָס זאָל טראָגן אַף זיך א שטעמפּל (empreinte) פון נאַציאָנאַליטעט. אויב מע וואָלט געמעגט צוזאַמען מיט דריומאָנען אָנערקענען די יידן פאַר אַ נאַציע, וואָלט עס געווען אַ קינסטלעכע נאַציע. דער מאָדערנער ייד איז אַ פּראָדוקט פון א קעגן־נאַטירלעכן אָפּקליַיב, וועלכער איז דורכגעמאַכט געוואָרן איבער זיינע עלטער־זיידעס אין מעשעך פון קימאַט 18 יאָרהונדערט". פאַר די בונדיסטן פאַרבלייבט סיידן צו באַאַרבעטן די אידייע פון אַ באַזונדערער נאַציאָנאַליטעט פון די רוסישע יידן, וואָס איר שפּראַך איז דער זשאַרגאָן און איר טעריטאָריע דער טכום.

די אַבסאָליוט ניט אויסגעהאַלטענע אין וויסנשאַפטלעכן פּראַט*) אידייע וועגן אַ באַזונדערן יידישן פאָלק, איז רעאַקציאָנער לויט איר פּאָליטישער באַדייטונג. אַן אומבאַשטרייטבאַרער פּראַקטישער באַווייז פון דעם זיינען די אַלגעמיין־באַוווסטע פאַקטן פון דער ניטלאַנגאָניקער געשיכטע און פון דער איצטיקער פּאָליטישערווירקלעכקייט. אין גאַנץ איירָאָפּע איז דאָס פאַלן פונעם מיטלאַלטער און די אַנטוויקלונג פון פּאָליטישער פרייהייט געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פּאָליטישער עמאַנסיפּאַציע פון די יידן, מיט זייער איבערגאַנג פון זשאַרגאָן צו דער שפּראַך פון יענעם פאָלק, צווישן וועלכן זיי לעבן, און בכלל מיט אַ בליסאָפּעקדיקן פּראָגרעס פון זייער אסימילירן זיך מיט דער ארומיקער באַפעלקערונג. צי דען דאַרפן מיר זיך ווידער אומקערן צו „אָריגינעלע" טעאָריעס און דערקלערן, אַז דאַפקע רוסלאַנד וועט זיין אַן אויסנאַם, האַגאַם די באַפרייונג־באַוועגונג פון די יידן איז אַסאַך טיפער און אַסאַך ברייטער אין רוסלאַנד, אַדאַנק דער אופוואַכונג פונעם העלדישן זעלבסט־באַוווּסטזיין צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט? צי דען קאָן מען דערקלערן מיט אַ צופעליקייט דעם פאַקט, אַז גראָד די רעאַקציאָנערע קויכעס פון גאַנץ איירָאָפּע און באַזודערס פון רוסלאַנד מאָביליזירן זיך קעגן דער אסימילאַציע פונעם יידנטום און פליַיסן זיך צו פאַרפעסטיקן זיין אָפּגעזונדערטקייט?

די יידן־פראַגע שטייט טאַקע אַזוי: אסימילאַציע אָדער אָפּגעזונדערטקייט? — און די אידייע פון דער יידישער „נאַציאָנאַליטעט" טראָגט אַ בוילעט־רעאַקציאָנערן כאַראַקטער ניט נאָר בא אירע קאָנסעקווענטע אָנהענגער (די ציאָניסטן), נאָר אויך בא די, וועלכע פּרווון זיך צונויפפּאָרן זי מיט אידייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (די בונדיסטן). די אידייע פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט ווידערשפּרעכט די אינטערעסן פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, שאַפנדיק אין אים דירעקט און אומדירעקט

---

*) ניט נאָר די נאַציאָנאַלע, נאָר אפילע אויך די ראַסן־באַזונדערקייטן פונעם יידנטום ווערן אָפּגעוואָרפן דורך דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, וועלכע רוקט ארויס אפן ערשטן פּלאַן די באַזונדערקייטן פון דער ג ע ש י כ ט ע פונעם יידנטום. „צי דריגגט ארויס די באַזונדערקייט פונעם יידנטום פון זיין ראַסן־כאַראַקטער? — פרעגט ק. קאַוטסקי און ענטפערט, אַז מיר ווייסן אפילע ניט גענוי, וואָס איז עס אזוינס אייגנטלעך ראַסע. — עס איז קיין שום נויט ניט פאַראַן אָנצווענדן דעם באַגריף פון אַ ראַסע, וועלכער גיט ניט קייןווירקלעכן ענטפער, וועלכער הייבט בלויז אוף נייע פראַגן. עס איז גענוג נאָכצוקוקן די געשיכטע פון יידישן פאָלק, קעדיי קלאָר צו מאַכן די סיבעס פון זיין כאַראַקטער". און אזא קענער פון דערדאָזיקער געשיכטע, ווי רענאַן, זאָגט: „די באַזונדערע שטריכן פון די יידן און דער שטייגער פון זייער לעבן זייגען פיל מער אַ רעזולטאַט פון סאָציאַלע באַדינגונגען (necessîtès socîales), וועלכע האָבן געווירקט אַף זיי אין מעשעך פון דוירעס, איידער אַ ראַסן־אונטערשייד (phénoméne de rane).

א שטימונג, וועלכע איז פיינטלעך צו אסימיליאציע, א „געטא״־שטימונג. „ווען די נאציאנאלע פארזאמלונג פון 1791־טן יאר האט דעקרעטירט די יידן־עמאנסיפאציע, — האט געשריבן רענאן, — האט זי זיך זייער ווייניק פארנומען מיט דער פראגע וועגן ראסע... די זאך פונעם 19־טן יארהונדערט איז פארניכטן אלע „געטאס״, און איך וועל ניט באגריסן די, וואר עס שטרעבט ווידערופצושטעלן זיי. די יידישע ראסע האט געטאן דער וועלט די גרעסטע טויוועס. זייענדיק אסימילירט מיט פארשיידענע נאציעס, הארמאניש צוזאמענגעגאסן מיט פארשיידענע נאציאנאלע איינסן, וועט זי אויך אין דער צוקונפט טאן טויוועס, וועלכע זי האט אין דער פארגאנגענהייט״. און קארל קאוטסקי, וועלכער האט אינזינען ספעציעל די רוסישע יידן, דריקט זיך אויס נאך ענערגישער. די פיינטלעכקייט צו אנדערש־שטאמיקע שיכטן פון דער באפעלקערונג קאן באזייטיקט ווערן „נאר דורך דעם, וואס די אנדערש־שטאמיקע שיכטן פון דער באפעלקערונג וועלן אופהערן צו זיין פרעמדע, וועלן זיך צוזאמענגיסן מיט דער אלגעמיינער מאסע פון דער באפעלקערונג. דאס איז די איינציקמעגלעכע לייזונג פון דער יידן־פראגע, און מיר דארפן שטיצן אלץ דאס, וואס עס העלפט מיט צו באזייטיקן די יידישע אפגעזונדערטקייט״. און אט, קעגן אט דער איינציק מעגלעכער לייזונג טרעט ארויס דער „בונד״, ניט באזייטיקנדיק, נאר פארשטארקנדיק און פארגעזעצלעכנדיק די יידישע אפגעזונדערטקייט דורך פארשפרייטן די אידייע פון דער יידישער „נאציע״ און דעם פראיעקט פון א פעדעראציע פון די יידישע פראלעטאריער מיט די ניט יידישע. דאס איז דער גרונטפעלער פונעם „בונדיזם״, וועלכער דארף און וועט אויסגעבעסערט ווערן דורך די אויסגעהאלטענע פארשטייער פון דער יידישער סאציאל־דעמאקראטיע. דערדאזיקער פעלער דערפירט די בונדיסטן ביז אזא אומגעזעענער באַ דער אינטערנאציאנאלער סאציאל־דעמאקראטיע זאך, ווי אופוועקן דעם אומצוטרוי פון די יידישע פראלעטאריער צו די ניט יידישע, כוישעד זיין די לעצטע, פארשפרייטן ליגנס וועגן זיי. אט איז א באוויז, וועלכן מיר נעמען פון דערזעלבער בראשור: „אזא אומזין (אז די ארגאניזאציע פונעם פראלעטאריאט פון א גאנצער נאציאנאליטעט זאל ניט האבן קיין רעכט פון פארשטייערשאפט אין די צענטראלע ארגאנען פון דער פארטיי) קאן אפן געפריידיקט ווערן נאר (באמערקט דאס!) בנוגע צום יידישן פראלעטאריאט, וועלכן עס קומט נאך אויס, צוליב דעם באזונדערן היסטארישן גורל פונעם יידישן פאלק, צו קעמפן פאר א גלייכבארעכטיקטער שטעלונג (!!) אין דער פאמיליע פונעם אלוועלטלעכן פראלעטאריאט״. מיר האבן ניט לאנג באגעגנט פונקט אזא שטיק אין א ציאניסטישן בלעטל, וואס זיינע אוטארן שיטן פעך און שוועבל אף דער „איסקרא״, איינזעענדיק אין איר קאמף מיטן „בונד״ דאס ניט וועלן אנערקענען די „גלייכבארעכטיקונג״ פונעם יידן מיטן ניט יידן. און איצט כאזערן די בונדיסטן איבער די ציאניסטישע שטיק! עס ווערט פארשפרייט מאמעש א ליגן, ווייל מיר האבן ניט „נאר״ בנוגע צו יידן, נאר אויך בנוגע צו ארמענער, גרוזינער און אז. וו. „געפריידיקט״ „דאס אפנעמען די פארשטייערשאפט״, און אויך בנוגע צו פאליאקן האבן מיר גערופן צו דערנענטערונג, אייניקייט, צוזאמענגיסונג פונעם גאנצן פראלעטאריאט, וועלכער קעמפט מיט דער צארישער זעלבסטהערשונג. ניט אומזיסט טאקע איז אף אונדז אנגעפאלן די פ.פ.ס. (פוילישע סאציאליסטישע פארטיי)! אנ־

רופן זייער קאמף פאר דער ציאניסטישער אידייע פון דער יידישער נאציע, פאר דעם פעדעראטיוון פרינציפ פון דער ארגאניזאציע פון דער פארטיי „קאמף פאר דער גלייכבארעכטיקטער שטעלונג פון די יידן אין דער פאמיליע פונעם אלוועלטלעכן פראלעטאריאט" — הייסט ארויפפירן דעם קאמף פונעם געביט פון אידייען און פרינציפן אינעם געביט פון כוישעד זיין, פון העצן, פון פאנאנדערברעכן די היסטאריש אויסגעבילדעטע פארורטיילן. דאס באטייט באשיימפערלעך באוויזן, אז מע פארמאגט ניט אינעם קאמף קיין שום ווירקלעך אידייִיש און פרינציפיעל געווער.

מיר זיינען אף אזא אויפן געקומען צום אויספיר, אז ניט די לאגישע, ניט די היסטארישע, ניט די נאציאנאליסטישע רייעס פונעם „בונד" האלטן ניט אויס קיין שום קריטיק. דער פעריאד פון צעפארנקייט האט, פארשטארקנדיק די וואקלונגען צווישן די רוסישע סאציאל־דעמאקראטן און די אפגעזונדערטקייט פון איינצלנע ארגאניזאציעס, זיך ארויסגעוויזן אין דערזעלביקער ריכטונג און אפילע נאך שטארקער אף די בונדיסטן. אנשטאט אוועקצושטעלן, אלס זייער לאזונג, דעם קאמף מיט דערדאזיקער היסטאריש־אויסגעבילדעטער (און פארשטארקטער דורך דער צעפארנקייט) אפגעזונדערטקייט, האבן זיי זי געמאכט פאר א פרינציפ און האבן זיך צוליב דעם אנגעכאפט פאר סאפיזמען מעקויעך דער אינערלעכער ווידערשפרעכלעכקייט פון דער אווטאנאמיע, פאר דער ציאניסטישער אידייע פון א יידישער נאציע. נאר דאס אנטשיידנדיקע און אפענע אנערקענען דעמדאזיקן טאעס און דאס פראקלאמירן א קער צו צוזאמענגיסונג קאן אראפפירן דעם „בונד" פון יענעם טאעסדיקן וועג, אף וועלכן ער האט זיך געשטעלט. און מיר זיינען זיכער, אז די בעסטע פארשטייער פון סאציאל־דעמאקראטישע אידייען צווישן דעם יידישן פראלעטאריאט וועלן פריער אדער שפעטער צווינגען דעם „בונד" אפצוקערעווען זיך פונעם וועג פון אפגעזונדערטקייט אפן וועג צו צוזאמענגיסונג.

„איסקרא" נומ. 51 פון 22־טן אקטיאבער 1903־טן יאר.

נעמען-פאַרצייכעניש

א.

אבראמסאָן 80, 83, 157, 171, 182, 184, 185, 188, 189, 213, 219, 220
אבראמאָוו 27
אבראמאָוויטש 17, 58, 123
אוליאנאָוו (גערץ) 156
אלעקסאנדער I. 242
אלעקסאנדער III. 144
אלעקסאנדראָווא י. מ. 52, 53
אלעקסאנדראָוויטש סערגיי 92
אנדריי (סטעפאנאָוו) 156
אקימאָוו 77, 164, 165, 189, 190, 194, 203, 211, 213, 219, 220
אקסעלראָד פּ. 16, 21, 22, 23, 32, 41
אקסעלראָד ל. (אָרטאָדאָקס) 69
ארנאָלדאָוויטש (אדאָלף) 105
אראקטשעיעוו 242
איגנאטאָוו 16
איוואנאָוו 213
איידלמאן 30
אָסיפּאָוו 213
אָרלאָוו 74, 173, 213

ב.

באומאן 156
באראד דאוו. 17
באראנאָוו (מאקסים, סערגיי, אלעקסיי) 105
ביישלער 17
בעלענקי יע. (סערגיי) 91, 92, 102, 103, 116, 117
בעלאָוו 213
בעקאָוו 183, 213
בערנאר לאזאר 250
בראון 213
ברוקער (מאכנאָוועץ) 175, 183, 194, 213, 220
ביאָרסקי 21

ג.

גאניקאָוו מ. 17
גאַלפּערין יעפים 16
גאַרעליק 93
גאָרסקי 213
גאַרין וו. 156, 213
גאָרדאָן אב. 33
גאָפמאן 80, 83
גאָלדמאן באריס 109
גאָלדענבערג 11
גאָלדבלאט (מעדעם) 80, 83, 157, 213, 220
גאָלוכאָוויטש 109
גוזאָווסקי י. 17
גוסעוו 156, 213
גוסאראָוו 109
גורעוויטש א. 109
גורעוויטש באָר 27
גורעוויטש מאט. 27
גורעוויטש עמא 27
גינזבערג א. מ. (נאומאָוו) 51
גינסבורג 17
גינסבורג י. 17
גלאדסטאָן 145
גליעבאָוו 214
געלפאנד איזראיל 16
גערשאנאָוויטש 30
גערץ 213
גראזשאן פּ. א. 109
גראָסמאן 17
גרונטפעסט 16

ד.

דאווידאָוויטש 7, 22
דארקעוויטש 17
דאָרנגאָלץ 30
דושקאן מ. 51
דיקשטיין 15
דייטש ל. 14, 16, 22, 157, 213
דעדאָוו 213
דראבקין י. 107
דראגונסקי לעוו. 105
דרייפוס 143
דריומאָן 251

ה.

האָפמאן 191, 193, 195, 206, 207, 208, 210, 212, 213, 220
הירשקאן צווי 109
העלפמאן העסיע 14
הערצל ד״ר 28, 45

וו.

וואדים (פאסטאלאָווסקי) 101
וואָלינסקי ווע. 92
וויגדאָרטשיק 30
וויגיליעוו באָריס (סטעפאן) 109
ווילענסקי (איליא, לענסקי) 51, 156
ווילענסקי 27, 30
ווינטשעווסקי מאָריס 10, 13, 17, 18, 24
וויסאָצקי 142, 148
וויינטראָב 17
וולאדימיראָוו מ. ה. (ליאָווע) 104, 105, 106, 107, 108

ז.

זאלקין 156
זאסוליטש וערא 16, 20, 32, 41
זאקס 142, 148, 149
זאריעוו 213
זאָרין 219
זובדעלעוויטש 7, 8
זוראבאָוו א. (בעקאָוו) 156
זעמליאטשקע ר. (אָסיפּאָוו) 156
זשאן 39
זשעליאבאָוו 15
זשוקאָווסקי 20

ט.

טאפּודידזשע (קארסקי) 156
טוטשאפּסקי 30
טיכאָמיראָוו 20
טראָצקי באריס איליטש (סעמיאָ) 97, 109
טראָצקי ל. ד. 23, 69, 122, 157, 163, 164, 169, 179, 192, 193, 198, 207, 209, 210, 212, 213, 219
טשערקעזאָוו 13
טשערנאָמאזאָוו מיראָן 105

י.

יאכעלסאָן 7
יורענעוו 111
יודין (אייזנשטאט) 80, 83, 17, 212, 213, 220
יעגאָראָוו 199, 204, 213, 1

ל.

לאווראָוו 7, 12, 13, 22
לאנגע 165, 169, 213
לאקערמאן א. (דאָרעוו) 157

לוריע יעליז 17
לוואָוו 76, 157, 180, 185, 193, 213
ליאַדאָווע. 100, 156, 172, 213
ליאַנאַנץ 51
ליבער 39, 71, 72, 73, 79, 81, 83, 156, 157, 160, 161, 162, 163, 165, 170, 176, 177, 188, 189, 191, 196, 197, 199, 202, 203, 205, 208, 209, 210, 211, 212, 213, 215, 216, 219, 220,
ליבערמאַן 7, 8, 9, 10, 11, 12, 13, 14, 19
ליוקסעמבורג ראָזע 176, 181, 182, 184, 188
ליטוואקאָוו 5
לעווין יע. יא. 51, 157
לעווקאָוו 16
לענין 31, 32, 36, 37, 38, 41, 46, 47, 49, 50, 51, 52, 53, 54, 56, 58, 64, 69, 70, 71, 72, 74, 77, 83, 87, 89, 96, 100, 107, 109, 113, 121, 122, 123, 151, 156, 157, 185, 195, 197, 198, 212, 213, 224, 238, 242,
לענסקי 213
לעסין 23

מ.

מאגאדזאב (פאנין) 157
מאטווייעוו 17
מאטיס 17
מאָכאָוו 213
מאכנאָוועץ וו. (אקימאָוו) 157
מאכנאָוועץ ל. (ברוקער) 157
מאַלקין (אָרלאָוו) 156
מאַנדלבערג (פאָסאַדאָווסקע) 157
מאַרטאָוו 25, 26, 27, 28, 30, 32, 38, 41, 52, 58, 62, 69, 73, 77, 78, 79, 81, 82, 96, 122, 123, 156, 157, 160, 163, 168, 169, 170, 171, 175, 177, 178, 185, 188, 190, 191, 192, 193, 198, 201, 204, 205, 206, 207, 208, 209, 210, 211, 212, 213, 214, 215, 216, 219
מארטינאָוו 77, 157, 170, 177, 182, 186, 187, 213, 214, 219, 220
מארקס 16, 194, 250
מוראוויאָוו 156, 165, 179
מאָשיצקי מ. מ. 51
מיכאיל (קארענעווסקי) 97
מינץ וו. 22
מעדוועדיעוו 213

נ.

נאַטאַנזאָן 14
נאקע אלפרעד 250
נעגאיעוו 97, 117
נעכאמקין יאק. באָר. („וולאדימיר, „יעווגעני" „קאזימיר") 105
נאָטקין אל. 30
ניקאָלאיעוו (מעדוועדיעוו) 157
נעווסקי 9, 16, 27

ס.

סאפער הירש (געאָרג.) 10, 11, 12, 13
סאָלאָווייטשיק ראפאיל 16, 17
סאָלץ א. א. 30
סאָלץ ע. מ. (רעוועקא) 109
סאָנקין 30
סאָראָקין 156, 213
סולטאן 145, 146
סטאָלפנער 109
סטאָפאני (לאָנגע) 156
סטאָוו אייזיק 12
סטעפאנאָוו (בראון) 76, 156, 180, 213
סטראשינסקי (אנטאָן) 97
סטראשינסקי 109
סטרוווע 32, 60
סיראָטסקי ג. 109
סלעפצאָווא נאדיעזשדא 16
סעליטערני 17
סערמא נ. 105

ע.

עדעלשטאט דאָוויד 24
עלווין (איוואנאָוו) 157
עלסין 20
ענגעלס 16

פ

פאָמין 213
פיינבערג ל. 51
פינקלשטיין 7
פיינשטיין גר. 17
פראנקפורט שלוימע 17
פרומקין ב. 8, 13
פרומקין (מוני) 97

פּ.

פּאוולאָוויטש 213
פּאנין 213
פּאסאניק געאָרג 17
פּאָבעדאָנאָסצעוו 144
פּאָמערסאָוו 32, 41
פּאָליע 44
פּאָלישוק 30
פּאָסאדאָווסקי 212, 213
פּאָפּאָוו 17, 213, 214
פּאָרטנאָי ק. 157
פּלאן ב. 27
פּלעכאנאָוו 15, 16, 17, 20, 32, 41, 58, 59, 77, 79, 81, 109, 156, 163, 198, 205, 208, 209, 210, 211, 213
פּינסאָן ב. 94
פּעטוכאָוו 156
פּעראזיטש 30
פּרעס 17

צ.

צייטלין (בעלאָוו) 157
צייטלין ב. ס. (באטורינסקי) 51

ק.

קאהאן ייצכאָק 12
קאוטסקי 199, 204, 250, 251, 252
קאזאקעוויטש ווערע 17
קאנעווסקי 17
קאפיאנס 17
קארסקי 165, 182, 185, 194, 195, 213
קאָגאן א. (יערמאנסקי) 51
קאָלאָפּאטי ד. (מאכאָוו) 157
קאָן פעליקס 15
קאָסטיטש (באָראָווסקי) 45, 157, 168, 188, 213
קאסאָווסקי (האָפּמאן) 157
קוגעל 5
קוזנעצאָוו יעפים 92, 97
קונאנץ ב. (אוסאָוו) 156
קושניראָוו גר. 17

קיפּאָוויטש ל. (דעדאָוו) 156
קלײנבאָרט ש. 17
קלעוואנסקי מאטוויי 105
קראוועץ י. 17
קראסיקאָוו פּ. (פּאוולאָוויטש) 156
קראָכמאל (פּאָמין) 157
קרופּסקאיא 37, 38, 47, 53
קרעמער אל. 28, 30, 33, 103, 104
קרעסטינסקי נ. נ. 109
קרזשיזשאַנאָווסקי 151, 152
קריטשעווסקי באָר. 17

ר.

ראבקין א. 72
ראטש[illegible]ינקאָ ס. ק. 51
ראָז[illegible]באָוו וו. נ. 51
ראָזאָווסקי ס. ז. 109, 110
ראָם 109
ראָמאנענקאָ 19
ראָזנשטיין ווערע 17
ראָלניק 16
רובינשטיין איזראעל
ר[illegible]ידערמאן 30
[illegible]קאָווסקי („סאוואַ") 109
ר[illegible]וו 77, 166, 167, 172, 209, 213
ר[illegible]אָווסקי ג. ר. 17
[illegible]ייקין א. 94
ריאזאנאָוו (פּאָפּאָוו) 157
רענאן 251, 252
רעקליו עליזע 22, 24

ש.

שאָטמאן (גאָרסקי) 156
שולמאן וו. 28
שיינפּינקל (ליאָווא פּאליעסקי) 105
שטיין 164, 178
שטעקער 143
שקלאָווסקי (געאָרגי, רעדושקי באבושקין) 93, 94, 97, 101, 107, 112

אינהאלט

ערשטער טייל

זייט

וועגן דעם כאראקטער פון דער סאָציאליסטישער באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער—ביז דער אנטשטייונג פון דער ר. ס. ד. א. פּ. (אריינפיר) 5—31
לענין און די אלטע „איסקרא" אין קאמף קעגן „בונד" . . . . 32—89
דער עקאָנאָמיזם אין „בונד" 32
דער קאמף קעגן בונדישן נאציאָנאליזם 38
די נאציאָנאליסטישע באשטימונגען פונעם פינפטן צוזאמענפאָר פון „בונד" 65
די פראגע וועגן „בונד" אפן צווייטן צוזאמענפאָר פון ר.ס.ד.א.פּ. 71
עוואָליוציע פון „בונד" נאָכן צווייטן צוזאמענפאָר פון ר.ס.ד.א.פּ. 83
דער אָנהייב פון באָלשעוויזם צווישן די יידישע ארבעטער אין ליטע און ווייסרוסלאנד . . . . 90—117
דער צאָפן-מיירעוו-קאָמיטעט פון דער ר.ס.ד.א.פּ. 97
דער פּאָליעסער קאָמיטעט 104
די ווילנער גרופּע ר.ס.ד.א.פּ. 108
באָלשעוויסטישע פּארטיי-ארבעט אף יידיש 111

צווייטער טייל

א דערקלערונג צו די דאָקומענטן 121
מעקויעך דעם באריכט פונעם פערטן צוזאמענפאָר פון „בונד" 123
אן ענטפער דער „איסקרא" פונעם צ"ק פון בונד 126
אן ענטפער פון דער רעדאקציע פון „איסקרא" דעם צ"ק פון „בונד" 129
צו דער פראגע וועגן דער נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע 132
וועגן דער מעלדונג פון „בונד" 135
צו די יידישע ארבעטער פון דער שטאָט קאטערינאָסלאוו 141
וועגן איין פּראָקלאמאציע 148
לענינס ענימער דעם „בונד" 151
דעבאטן וועגן „בונד" אפן צווייטן צוזאמענפאָר פון דער ר.ס.ד.א.פּ. 156
דער אויסטאוו-מאקסימום, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן אפן 5-טן צוזאמענפאָר פון „בונד" 220
דער אויסטאוו-מינימום, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן אפן 5-טן צוזאמענפאָר פון „בונד" 222
דער פּראָיעקט פון לענינס רעזאָליוציע וועגן דעם בונדס אָרט אין דער פּארטיי . . . 224
פּראָקלאמאציע פון „בונד" וועגן זיין ארויסטרעטן פון דער ר.ס.ד.א."פּ 225
דער „בונד" און די אָנפירער פון דער רוסישער סאָציאל-דעמאָקראטיע 229
מאקסימום אומבארשעמטקייט און מינימום לאָגיק 238
די לאגע פונעם „בונד" אין דער פּארטיי 243